STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01148

SHRAYBER FUN MAYN DOR

Shlomo Bickel

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Marc & Janis Hoffman
in honor of
Mr. & Mrs. Sol A. Hoffman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש ל מ ה ב י ק ל

★

שרייבער פון מיין דור

שלמה ביקל

שרײַבער פון מײַן דור

דריטער באַנד

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
1970

SHLOMO BICKEL

SHRAIBER FUN MAIN DOR
WRITERS OF MY GENERATION

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby st. Tel-Aviv

שלמה ביקל / שרייבער פון מיין דור
פארלאג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

שער־בלאט געצייכנט פון מ. ע. ווייגנער

©
נדפס בישראל תשל״א
Printed in Israel 1970

דפוס רויאל בע״מ, רמת־השרון טל׳ 77 08 31

אינהאַלט

איידער כ'הייב אָן...

א תענית קעגן עקסטרעמיזם 9
דער חומשדיקער סיפור־המעשה 14
די ידישע מאַרסעליעזע 17
צוויי זמנים 18

1

יעקב גלאַטשטיין 25
העברעישע אַנטאָלאָגיעס פון ידישער דיכטונג 37
אריה שמריס אין „גן־אָדם" 54
יוסף רובינשטיין 60
נפתלי גראָס 66
ידיש־דיכטער גבריאל פרייל 72
מענדל נייגרעשל 76
דוד איינהאָרן 79
דער דיכטער חיים ראַבינזאָן 82
די אַפּאָטאָשו־פּרעמיעס אין פּאַריז 85
דער דיכטער נפתלי הערץ כהן 91
דער דיכטער פריד וויינינגער 98
פרעמדשפּראַכיקע ידישע דיכטער 101
יעקב פרידמאַן 119
רחל קאָרן 124
אברהם סוצקעווערס נייע לידער 130

2

די קולטור פון צוויי קולטורן 139
דער קריטיקער משה גראָס־צימערמאַן 146
שמואל מאַרגאָשעס 154
לייזער דאָמאָנקעוויטש 158
יצחק גאָלדקאָרן 164
פּסיכאָאַנאַליטישע קריטיק 170
ניגון פון בויבעריק 173
יצחק יאַנאָסאָוויטשעס ליטעראַרישע פּאָרטרעטן 176
אברהם קריבס געזאַנג צו ליטע 182
ב. י. מיכאלי 187
מ. צאַנינס היסטאָריאָסאָפישע עסייען 195
ישראל פורמאַנס ווערטלעך־זאַמלונג 199
ר' בנימין און זיינע זכרונות 204

ד״ר ישראל צינבערג 212
דער בייליס־פּראָצעס 215
נחום סאָקאָלאָוו 222
בריוו פון אליעזר שטיינבאַרג 232
אונדזערע ראשונים 254
ליטעראַרישע השפּעות 268
גערעדטע און געשריבענע שפּראַך 271

3

שמואל יוסף עגנון 283
עלי שעכטמאַן 287
ישעיהו שפּיגל 295
דער דערציילער מענדל מאַן 300
יעקב באַטאָשאַנסקי 306
יחזקאל קייטעלמאַן 316
יהושע פּערלעס „יידן פון אַ גאַנץ יאָר“ 322
אַפּאָריזמען 325
שיע טענענבוים 326
וועגן רומענישער און יידישער ליטעראַטור אין רומעניע 336
אברהם קאַרפּינאָוויטשעס ווילנער דערציילונגען 346
הערץ בערגנער 351
חיים גראַדעס „צמח אַטלאַס“ 356

4

די משפּחה בראַוער 375
די לעצטע טעג פון חיים גרינבערג 386
די אָנהייב־יאָרן מיט איציק מאַנגער 391

פּאַרצייכענונגען

דער יידיש־שרייבער מ. י. בערדיטשעווסקי 403
לידער פון אַ לעבן 405
טאַראַס שעווטשענקאָ 408
נחמן מייזיל 409
פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער 412
דער טאַטע און דער זון 414
בערל קאַצענעלסאָן און ראָזאַ לוקסעמבורג 417

איידער איך הייב אן...

אַ תענית קעגן עקסטרעמיזם

די תשובה־טעג ענדיקן זיך ביי פרומע יידן ערשט הושענה־רבה מיטן קוויטל, און אייגנטלעך קיין מאָל נישט, ווייל יעדער טאָג רופט צו חשבון־הנפש און צו אומקער.

אָבער די אָפיציעלע עשרת ימי תשובה — זיי הייבן זיך אָן דעם ערשטן טאָג ראש־השנה און ענדיקן זיך יום־כיפור צו נעילה, ווען „דער טאָג האָט זיך געזעצט״ (כי פנה יום) און די מתפללים שעפּן די לעצטע טרייסט פון פאַרגעבונג פון דעם ושם נאמר: „ויאמר ד׳ סלחתי כדברך״ (און דאָרט ווערט געזאָגט: און גאָט האָט געזאָגט, איך האָב פאַרגעבן ווי דו האָסט געבעטן).

לויט דער שפע פון די „על חטא שחטאנוס״, וואָס ווערן אויסגערעכנט אין מחזור, זענען צען צעג זיכער נישט קיין צו לאַנגע צייט אויף נאָכצוטראַכטן, אויף זיך אַריינצוטראַכטן און אויך אויסצוגעפינען אין זיך די אַלע זינד, וואָס זענען אָפּט היפּש פרעמדלעך און, פשוט, נישט צום גלייבן פאַרן געמיט פון אַ פרומען יידישן ייד.

אויב יעדער טאָג פון די צען טעג, און דערעיקרשט אין די זיבן טעג בין „כסה לעשור״ (צווישן ראש־השנה און יום־כיפור), האָט זיך זיין ספּעציעלע זינד צום נאָכטראַכטן און צום באַזינען זיך וועגן איר, דאַכט מיר, אַז פאַרן ערשטן טאָג פון דער תשובה־וואָך, פאַרן טאָג פון „צום גדליה״, איז פּאַסיק און פאַר אים איז אָנגעשריבן געוואָרן די באַזינונג וועגן חטא, וואָס „מיר האָבן געזינדיקט פאַר דיר מיט לייכטזיניקייט און מיט האַרטנעקיקייט״ (על חטא שחטאנו לפניך בקלות ראש ועל חטא שחטאנו לפניך בקשיות עורף).

דער תענית פון ערשטן טאָג נאָך ראש־השנה, וואָס הייסט „צום גדליה״ איז אַ מערקווערדיקייט אפילו פאַר דער אין מערקווערדיקייטן רייכער יידישער געשיכטע.

יידן טרויערן און פאַסטן דעם דריטן טאָג פון חודש תשרי יאָר־איין יאָר־אויס שוין אַן ערך דריט האַלבן טויזנט יאָר, ווייל, ווערט דערציילט אין איין און פערציקסטן קאַפּיטל פון ירמיה און אין פינף און צוואַנציקסטן קאַפּיטל פונעם ספר מלכים ב׳:

„און עס איז געווען אין זיבעטן חודש, איז געקומען ישמעאל, דער זון פון נתניה, דער זון פון אלישמע, פון קעניגלעכן אָפּשטאַם, און צען מענטשן מיט אים, און זיי האָבן געשלאָגן גדליהון, און ער איז געשטאָרבן, און האָבן דערהרגעט אויך די יידן און די כשדים, וואָס זענען געווען מיט אים אין מצפה״.

אין תוך איז עס אַ געשיכטע, ווי איינע פון אַ סך אַנטיקע, דערעיקרשט מזרחדיקע

געשיכטעס: גדליהו, דער זון פון אחיקם, האָט פאַרבעטן צו זיך אין זיין רעזידענץ אין מצפה, צו צפון פון ירושלים, געסט צו אַ סעודה און צווישן זיי דעם פרינץ ישמעאל, דעם זון פון נתניהן מיט זיינע באַגלייטער.

דער באַלעבאָס פון מצפה האָט איינגעלאַדן דעם פרינץ און זיין סוויטע, הגם מען האָט אים געוואָרנט, אַז דער גאַסט טראָגט בייזע מחשבות אין זיין האַרצן. און אַז די מסובים ביים טיש האָבן זיך צוואָרעמט מיט שפייז און משקה איז אויפגעשטאַנען דער גאַסט און האָט דערהרגעט דעם באַלעבאָס און זיינע לייט.

ווען אָט די פּאַסירונג פון פאַררעטערישן מאָרד זאָל געווען זיין דער איינציקער היסטאָרישער הינטערגרונט פון דעם „צום גדליהו”, וואָלט דער תענית, וואָס יידן פאַסטן דעם ערשטן טאָג נאָך ראש־השנה, ווי געזאָגט, שוין באַלד דריט האַלבן טויזנט יאָר, נישט איבערגעדויערט גדליהוס אייגענעם דור, און זיכער נישט אָנגעהאַלטן ביז אויפן היינטיקן טאָג.

און אויב ער וואָלט לויט דער רוטין פון טראַדיציע יאָ אָנגעהאַלטן, וואָלט מען אין אים קיין נאַציאָנאַלן זין נישט געפונען, און נאָך מער, מען וואָלט אין דעם תענית נישט געקאָנט אַריינגעבן קיין היסטאָריש־נאַציאָנאַלן אינהאַלט.

אָבער אָט די טראַגישע פּאַסירונג פון מצפה איז בלויז דער קלימאַקס פון אַ גאַנצער ריי מיט יידישע צרות כלל און צרות פרט. דער מאָרד פון גדליהו, דעם זון פון אחיקם, איז בלויז אַ לעצטער טראָפּן צו דעם מבול פון יסורים, וואָס ס׳האָבן אין יענער צייט פון קאַמף קעגן דער בבל־אימפּעריע פאַר יידיש־מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט איבערגעלעבט די פירער פון יהודה, דער מלך צדקיהו, דער נביא ירמיה און זייערס גלייכן און דאָס גאַנצע פאָלק אין ציון און אין ירושלים.

איך האָב געזאָגט, אַז דער מאָרד פון גדליהון אין מצפה איז געווען אַ לעצטער טראָפּן צו די יסורים און ליידן פון יענעם דור. דער לעצטער טראָפּן איז געווען די דריטע שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס נבוכדנאצר האָט געשיקט קיין יהודה.

און אָט איז דאָס בילד, וואָס ס׳מאָלט דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, ווען דעם ווי אַזוי ס׳האָט אויסגעזעןן יהודה און ירושלים נאָך נבוזראדנס שטראָף־עקספּעדיציע:

„מחמת דער אויסוואַנדערונג און דער פאַרטרייבונג זענען אַ סך שטעט פון יהודה געבליבן כמעט אָן איינוווינער. עס זענען געווען געגנטן, וואָס זענען געווען לגמרי וויסט; אין אַ באַזונדערער וויסטקייט איז געווען איינגעהילט ירושלים, וואָס האָט ערשט נעכטן און אייערנעכטן געבליט און איז געווען פול מיט לעבן. דאָס פאָלק און דאָס לאַנד זענען געלעגן ווי מיט אָן אָפּגעהאַקטן קאָפּ. די פירער פונעם פאָלק, די אַריסטאָקראַטן פון גייסט און פון ייחוס, זענען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל. די הויפּטשטאָט פון יהודה איז געווען אַ חורבה. איינער פון יהודהס גרויסע נביאים (ירמיה) איז געלעגן אויפן טויטנבעט אין מצרים, דער אַנדערער (יחזקאל) האָט געשמאַכט אין גלות בבל”.

גורם געווען אַט די שרעקלעכסטע פון פריערע פאַרוויסטונגען האָבן דער פּרינץ ישמעאל און זיינע מאָרד־געהילפן, וואָס האָבן דערהרגעט אין מצפה נבוכדנאצרס ייִדישן גובערנאַטאָר גדליהו, דעם זון פון אחיקם, און האָבן דעם רשע נבוכדנאצר דערפירט צו זיין לעצטער רשעות.

די לעצטע פאַרוויסטונג פון יהודה און ירושלים איז נישט געווען בלויז אַ רע־זולטאַט פון נבוכדנאצרס רשעות און פון נבוזראדנס אכזיריות, נאָר אויך אַ פּועל־יוצא פון דעם פּאַטריאָטישן עקסטרעמיזם, פון דעם לייכטזיניקן און האַרטנעקיקן „שפּיל אויף דער לעצטער קאָרט", וואָס זיינע וואָרטזאָגער זענען אין דער צייט פון גדליהון געווען דער פּרינץ ישמעאל און זיין מאָרדסוויטע.

נישט בלויז דער ייִדישער גובערנאַטאָר גדליהו איז געווען אַ „פאַררעטער", נאָר אויך דער נביא ירמיה און דער נביא יחזקאל. און דער לעצטער קעניג פון יהו־דה, צדקיהו, האָט אויסגעמיטן פּראָקלאַמירט צו ווערן פאַר אַ „פאַררעטער" נאָר דער־פאַר, ווייל ער איז געווען געגנוג שוואַכליגג זיך אונטערצוואָרפן דעם „פּאַטריאָטיזם" פון „אָדער־אָדער", וואָס האָט באַשלאָסן אויפצוהערן צו צאָלן צינדז דער בבל־אימפּעריע, הגם עס איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט צו זיגן אין דעם אויפ־שטאַנד קעגן דער מעכטיקער בבל.

און דער לאָזונג: בעסער פולשטענדיקע פאַרניכטונג איידער די מינדסטע מי־נערונג פון מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט, וואָס איז געווען דער לאָזונג פונעם פּרינץ ישמעאל בן־נתניה אין די צייטן פון ירמיה און יחזקאל, איז געבליבן דאָס שלאָג־וואָרט אויך פון די עקסטרעמיסטן פון די שפּעטערע דורות.

און נישט נאָר האָבן זיי, די עקסטרעמיסטן אַליין, געגליט מיט אַט דעם ריזיקאַ־לישן און פאַרן קיום־האומה אַזוי געפערלעכן לאָזונג, נאָר זיי האָבן נישט געדולדעט די מעגלעכקייט פון אַנדערש טראַכטן ווי זיי: זיי זענען פול מיט חשד צו יעדן אַנדערש טראַכטנדיקן און גרייט צו הרגענען אָן איינזעעניש אַלע, וואָס האָבן זיך דערוועגט צו בלייבן ביי זייער אייגענעם געדאַנק און האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דעם „אַבסאָלוטן אמת" פון דער עקסטרעמיסטישער מינדערהייט.

אויפן חורבן ירושלים, דורך נבוכדנאצרן און טיטוסן, טרויערט דאָס פאָלק דעם 9טן טאָג אין חודש אָב, אָבער אויף דעם אינעווייניקסטן טעראָר פון פּאַטריאָטן, וואָס ווילן אויפן חשבון און אָפּט קעגן ווילן פונעם פאָלק ריזיקירן אַלץ (דאָס לעבן פון טויזנטער און דורות־לאַנגע פאַרוויסטונג פון לאַנד און פאָלק), כדי צו דערגרייכן אַלץ — אויף דעם קלאָגט דער תענית פון דריטן טאָג אין חודש תשרי.

דער „צום גדליהו" איז געוואָרן אַ פאָלקס־אינסטיטוציע און האָט זיך איינ־געוואָרצלט אין געמיט פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער געשיכטע, ווייל, אויב נישט פון דור צו דור, איז פון תקופה צו תקופה, שטייט אויף דער היפּער־פּאַטריאָט, פּרינץ ישמעאל, דער זון פון נתניה, און פּראָקלאַמירט פאַר אַ פאַררעטער דעם נביא ירמיה פון ענתות און מאָרדעט גדליהון דעם זון פון אחיקם.

פרינץ ישמעאל, אונטער כלערליי אַנדערע נעמען, פון דור צו דור און ביז צו אונדזער אייגענעם דור, מאַנאַפּאַליזירט דעם הונדערט־פּראָצענטיקן פּאַטריאָטיזם, איז מחרים אַלע וואָס ער האַלט נישט פאַר הונדערט־פּראָצענטיק און — ער דער־פירט אָפּט צו יענעם בילד פון חורבן און פאַרוויסטונג נאָך נבוזראדנס שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס דובנאָוו האָט פאַר אונדז אָפּגעמאָלן אין ערשטן באַנד פון זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק״.

✶

ניין יאָר האָט צדקיהו, דער מלך פון יהודה, געהיט זיין וואַסאַלישע טריישאַפט צו דער בבל־אימפּעריע. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן פון דער קריגס־פּאַרטיי און האָט פּראָקלאַמירט אַ נייעם אויפשטאַנד קעגן בבל.

אַ טייל פון די פירער און פונעם פאָלק מיטן נביא ירמיה, דעם כהן פון ענתות אין דער שפּיץ, האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער אויפשטאַנד־פּאָליטיק, וואָס איז געווען געבויט אויף דער אילוזיע פון עגיפּטנס מיליטערישן כוח און פון עגיפּ־טנס הילף.

אָבער די פּאַטריאָטן האָבן דעם נביא אַריינגעוואָרפן אין תפיסה און זענען גרייט געווען אים אומצוברענגען. די פאַרבאַרגענע האַנט פונעם מלך, דורך זיין קנעכט עבד־מלך, האָט ירמיהון אָפּגעראַטעוועט פון טויט.

נבוכדנאצר האָט פון דאָס ניי אַריינגעשיקט אַ מעכטיקע אַרמיי קיין יהודה, האָט באַלאַגערט און סוף־כל־סוף דעראָבערט ירושלים. בעת דער באַלאַגערונג האָט ירמיה, דער נביא, געהאַט אויסצושטיין מוראדיקעליידן. די קריגספּאַרטיי האָט אים, דעם נביא, וואָס האָט געפלאַמט מיט ליבע צו זיין פאָלק, באַצייכנט ווי אַ „פיינט פון פאָלק״. מען האָט דעם נביא, דערפאַר וואָס ער האָט געזען אָנקומען די קאַטאַס־טראָפע און האָט געוואָלט דורך נאָכגיביקייט כאָטש עפּעס ראַטעווען, גערופן פאַר־רעטער.

צווישן זיבעטן און צענטן טאָג פון חודש אָב פון יאָר 587 פאַר דער קריסטלע־כער צייט־רעכענונג „האָט נבוזראדן פאַרברענט דאָס בית־המקדש, האָט צעשטערט די פעסטונגסווענט פון ירושלים און אַ סך איינוווינער אַוועקגעפירט אין געפאַנ־גענשאַפט. ירושלים איז געוואָרן ליידיק. בלויז אין דער אומגעגנט זענען איבער־געבליבן די אָרעמע וויינגערטנער״ (דובנאָוו, ערשטער באַנד).

און ווידער מוז איך ציטירן דובנאָוון: „נבוכדנאצר, וועלכער האָט נישט גע־וואָלט אין גאַנצן פאַרוויסטן דאָס דעראָבערטע לאַנד, האָט דערלויבט די איבערגע־בליבענע איינוווינער צו זיצן אויף זייער ערד, מיטן תנאי, זיי זאָלן זי באַארבעטן און נישט פאַרוואַרלאָזן דאָס לאַנד. אַלס מאַכט־פאַרטרעטער איבער דער דאָזיקער פרידלעכער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג איז באַשטימט געוואָרן גדליהו, דער זון פון אחיקם. ירמיהוס אַ פריינד און אָנהענגער, האָט גדליהו געהערט צו דער פּאַרטיי,

וואָס האָט אָנגענומען די באַבילאָנישע הערשאַפט ווי אַן אומפאַרמיידלעכן גורל (לויט ד״ר אַ. שטיינבערגס דייטשער איבערזעצונג פון דובנאָווס „געשיכטע״. י. ראַפּאָפּאָרט אין דער יידישער איבערזעצונג זאָגט: „האָט שלום געמאַכט מיט דער באַבילאָנישער הערשאַפט״, וואָס איז, לויט מיין געפיל, נישט דאָס ריכטיקע וואָרט) — און דעריבער האָט דער קעניג אים אויסגעוויילט פאַר זיין שטעלפאַרטרעטער אין יהודה״.

און איצט דאָס בילד פון בהדרגהדיקן ווידער־אויפבוי פונעם לאַנד, ווי עס דערציילט וועגן דעם שמעון דובנאָוו: „אונטער גדליהוס פאַרוואַלטונג האָט דאָס וויסטגעוואָרענע לאַנד גענומען קומען צו זיך פון די שווערע קלעפּ. די לאַנד־איינוווינער, וועלכע זענען געהאַט אַנטלאָפן פאַרן שונא, האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע דערפער און ווידער גענומען זיך באַאַרבעטן די ערד. פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג און נישט געוואָלט אונטערגעבן זיך דעם שונא, פלעגן קומען צו גדליהון, געבן אַ צוזאָג צו פירן אַ פרידלעכן לעבנס־שטייגער, און זיי האָבן באַקומען אַלס אייגנטום גיטער, וואָס פאַרטריבענע האָבן געלאָזן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ גרויסע אָפּטיילונג, אונטער דער אָנפירונג פון מוטיקן אָנטיילנעמער אין דער נאַציאָנאַלער מלחמה יוחנן בן־קרח. ס׳האָבן זיך אומגעקערט אַהיים אויך די יחידים, וועלכע זענען בעת דער מלחמה אַנטלאָפן קיין מואב, קיין עמון און אין אַנדערע שכנישע לענדער״.

אָבער אָט דעם פרידלעכן ווידער־אויפבוי אויף אייגענער ערד האָט צו נישט געמאַכט דער פּרינץ ישמעאל בן־נתניה „צי מחמת פערזענלעכער קנאה אָדער צוליבן פאַרלאַנג ווידער אַרויסצורופן אַ פאָלקס־אויפשטאַנד״.

אַזוי אַרום איז דער מאָרד איבער גדליהו בן־אחיקם מיט כמעט דריט האַלבן טויזנט יאָר צוריק געוואָרן אַ פאָלקסאומגליק און אַ סימבאָל פון אַ פּאָליטישער שיטה, וואָס איז גרייט אַלץ איינצושטעלן, כדי אַלץ צו דערגרייכן. עס איז די שיטה, אַ פּאָליטישע און אויך אַ רעליגיעזע, וואָס גייט דורך זינט דעמאָלט איבער אַלע צייטן פון אונדזער געשיכטע און טראָגט אין זיך די זינד פון „לייכטזיניקייט און האַרטנעקיקייט״ (קלות ראש און קשיות עורף).

אויף אָט דער נאַציאָנאַלער זינד אונדזערער טרויערט („צום גדליהו״) דער ערשטער פון די זיבן טעג צווישן ראש־השנה און יום־כיפור.

„צום גדליהו״ האָט ביז איצט גאָרנישט פאַרלוירן פון זיין פיינלעכער אַקטועלקייט. דער דאָזיקער תענית פון דריטן טאָג אין תשרי רופט אויף אונדזער דור צו חשבון־הנפש און צו נאַציאָנאַלער באַזינונג.

דער חומשדיקער סיפּור־המעשה

דער שמחת־תורה־ספּעקטאַקל, וואָס פאַרענדיקט די תורה מיט „חזק, חזק״... און הייבט זי טאַקע באַלד אויפן אָרט ווידער אָן מיט „בראשית״, איז אַ פאַרכאַפּנדיק מיט זיין טעאַטראַלישקייט און אַ מיט דעם וואָס ער לאָזט אונדז הערן.

דער ספּעקטאַקל לאָזט אונדז הערן, אַז דער סיפּור־המעשה, וואָס ציט זיך אַי־בער פינף ספרים פון דער שילדערונג פונעם תוהו־ובוהו פון ערב וועלטבאַשאַף און ביז צו דער באַשרייבונג פון משהס טויט, איז אַ נישט־פאַרענדיקטער; ער לאָזט אונדז הערן, אַז די חומש־געשיכטן און זייערע העלדן זענען נישט קיין „תם ונשלם״, ווי סתם עפּעס אַ מעשה־בוך אָדער אַ מוסר־ספר.

דער „חזק״ ביים סוף פון די חומש־ביכער איז, לויט מיין געפיל, נישט בלויז מאָראַלישער רוף, נאָר אויך אַ וואָרט פון קינסטלערישער כאַראַקטעריזירונג פונעם ספר הספרים.

דאַכט זיך, נישט פאַראַן קיין גרעסערער און פּרעכטיקערער ליטעראַרישער בנין ווי דאָס ספר בראשית אָדער ספר דברים. אָבער ווי באַלד דער לייענער האָט דאָס בוך פאַרמאַכט דערפילט ער, אַז דער גרויסער און וווּנדערלעכער בנין, ווו ער האָט אָקערשט געוויילט, איז אין תוך נישט מער ווי אַ סימבאָלישע רושטאָוואַניע פאַר אַן ערך גרעסערע, גרעאַמערע, מער כישופדיקע און אויך מער ממשותדיקע בנינים.

און דאָס איז טאַקע ערגעץ ווו, פון מענטשלעכן געמיט־שטאַנדפּונקט, דער סוד פון דער מדרש־שפע, וואָס איז אַנגעוואַקסן אויף דער חומש־מעשה. די חומש־מעשה בלייבט אין געמיט פונעם לייענער געדאַנקלעך און דערציילעריש אומפאַרענדיקט.

יעדער דעטאַל פון דער דערציילונג איז סימבאָליסטיש עקספּאַנסיוו און וויל, ווי מען זאָגט דאָס, געדרשנט ווערן. „דער פּסוק בעט זיך מען זאָל אים דרשנען״. דאָס געמיט מאָנט אַ צוגאָב פון געשטאַלט, פון געשעעניש, מאָנט מער כאַראַקטער־פּרטים וועגן די העלדן פון דער מעשה.

די דאָזיקע סימבאָליסטישע שטויסקראַפט אָדער, ווי איך וואָלט זי אָנגערופן, דינאַמישע נישט־פאַרענדיקטקייט פון דער ביבלישער מעשה, מאַכט עס, אַז יעדער דור, פונעם עלטסטן בעל־מדרש און ביז צום דיכטער פון אונדזער אייגענער צייט, זאָל פילן דאָס קינסטלערישע באַדערפעניש מוסיף צו זיין פון דער אייגענער וויזיע צו די געשטאַלטן און געשעענישן פון חומש.

האָט דער אַלטער פרומער דיכטער פון מדרש „בראשית רבה״ געלייענט, ווי עס ווערט דערציילט אין חומש וועגן סדום, אַז „דאָס געשריי וועגן סדום און עמורה איז פאַר וואָר גרויס, און זייער זינד איז פאַר וואָר זייער שווער״, און אַז אברהם אבינו בעט זיך ביים רבונו של עולם ער זאָל נישט פאַרניכטן סדום, אויב דאָרט

וועלן זיך געפינען בלויז צען צדיקים. דער דיכטער האָט געזען אַז עס איז פֿאַראַן אין דער ביבלישער מעשה אַן אָנווונק אויף סדומס זינד, אָבער די זינד אַליין? אין וואָס באַשטייט די זינד אַחוץ אין דעם, וואָס די לייט פון סדום האָבן געהאַט דעם ריכטיקן אינסטינקט און האָבן געוואָלט אומברענגען די צוויי מלאכים, וואָס זענען געקומען צו פֿאַרניכטן סדום און צו ראַטעווען בלויז לוטן? ווי אַזוי האָבן זיי געהייסן און ווי אַזוי האָבן זיי אויסגעזען די זינדיקע, וואָס זייער זינד איז געווען „פֿאַר וואָר זייער שווער"? דער בעל־מדרש האָט אונדז דאָס דערציילט.

איבער דורות און יאָרהונדערטער האָט די דיכטערישע פֿאַנטאַזיע אויסגעפּילט די רושטאָוואַניע אין דעם חומשדיקן סיפּור־המעשה. זי אויסגעפּילט לויט דער וויזיע און לויט דעם געמיט פון דער צייט, אין וועלכער דער דיכטער האָט געלעבט. און די צייטלעכקייט האָט זיך פֿאַרלוירן אין דעם גרויסן געביי פון חומשדיקער איבערצייטלעכקייט. עס איז נישט געווען קיין „מוקדם ומאוחר", קיין פריער און שפּעטער. דער חומש מיטן מדרש איז אַלע מאָל געווען און געבליבן אין ליטעראַרישע גאַנצקייט.

דער דיכטער פון „בראשית רבה" האָט אין גייסט פון זיין צייט דערגאַנצט דאָס בילד פון סדום. דער דיכטער, ווידער, פון „ויקרא רבה" האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע צוויי אַנאָנימען, אַזעלכע צוויי אומבאַקאַנטע פֿאַרשוינען ווי נדב און אביהוא, וואָס האָבן באַגלייט משהן און אהרנען אויפן באַרג ארויף צו גאָט. האָט אים פֿאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס צוויי אַזעלכע יונגע אַסיסטענטן טראַכטן בעת זיי גייען אויף אַזאַ גרויסער שליחות.

האָט די פֿאַנטאַזיע פונעם „ויקרא רבה"־דיכטער אונטערגעהערט אַ געשפּרעך, לויטן „מאָדערנעם" צייטגייסט און לויטן גייסט פון אַלע מענטשלעכע צייטן, און אונדז דאָס איבערדערציילט.

און פון די אַלטע בעלי־מדרש, איבער יאָרהונדערטער, ביז צו לאָרד בייראָנס ניי־דראַמאַטיזירונג פון דער קין־געשטאַלט און טאָמאַס מאַנס איבערדערציילונג פון דער געשיכטע יוסף און זיינע ברידער.

אויך דער אָלימפּיקער געטע קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון די חומש־מעשיות און ער דערציילט זיי איבער אין זיין בוך „דיכטונג אונד וואַרהייט". און ער פֿאַר־לויפט דערביי דעם וועג יענעם, וואָס וועט אים אפשר פרעגן צוליב וואָס, און ענט־פערט (בוך פיר פון „דיכטונג אונד וואַרהייט") —

„ווייל אויך קיין שום אַנדערן אופן וואָלט איך נישט געקאָנט איבערגעבן די שלוה, וואָס האָט מיך אַרומגענומען, בעת אין דרויסן האָט עס אַזוי ווילד און ווונ־דערלעך געבושעוועט, ווען איך האָב דערפילט די סכנה פֿאַרווירט צו ווערן דורך מיין דמיון, בין איך געוואָרן גערן אַ פליכטלינג אין די מזרחדיקע געגנטן, איך האָב זיך אַריינגעטאָן אין די ערשטע ביכער פון דער ביבל און בין דאָרט צווישן די צע־

שפרייטע שבטים פון פאָסטעכער געווען אי איינער אַליין אין גרויס איינזאַמקייט און אי אין דער גרעסטער געזעלשאַפט״.

און דעם 11טן מערץ 1832, געציילטע טעג פאַר זיין טויט, האָט געטע גערעדט מיט עקערמאַנען וועגן די גרויסע געשטאַלטן פונעם אַלטן טעסטאַמענט, וואָס אין זיי איז געווען ווירקעוודיק גאָטס כוח. ער האָט געפילט דאָס באַדערפעניש, דער פירשט פון די דיכטער, צו דערציילן די חומש־געשיכטן און צוצוגעבן צו זיי פון זיין אייגע־נעם פּאָעטישן דמיון.

און פון די נישט־יידישע בעלי־מדרש ביז צו די חומש־אינסצענירונגען פון אברהם גאָלדפאַדען, צו דעם משה־ראָמאַן פון שלום אַש, צו ה. לייוויקס אידעיש־קינסטלערישע צייטזוכענישן אין זיינע דראַמעס אַרום ביבלישע געשעענישן און צו איציק מאַנגערס גראָטעסק־לירישער פּאַרהיינטיקונג פון די חומש־געשטאַלטן — איין לאַנגער אָנזאָג, אַז דער ספר־הספרים ווייסט נישט פון קיין „תם ונשלם״, און אַז ער בלייבט אין געמיט פון די יידישע דיכטער און פון די יידישע לייענערס פון דור צו דור נישט בלויז דאָס פונדאַמענטאַלע בוך פון אמונה, נאָר אויך דער שטענ־דיקער אָנרעג צו קינסטלערישער שעפערישקייט אַרום דער נישט־פאַרענדיקטער מעשה, וואָס הייבט זיך אָן מיט „בראשית״ און דערגייט דערווייל ביז צו דער הספד־גלאָריפיקאַציע פון משהן „לעיני כל ישראל״.

נישט בלויז בלייבט דער געשפּין פון דער חומש־מעשה נישט שטיין אין דער קינסטלערישער ברייט און טיף, כ׳מיין אין דער אַרומוועבונג פון אַלץ נייע מעשיות, לויט דער צייט און לויט דעם דור, אַרום יעדער געשטאַלט און געשעעניש פון די פינף ביכער, נאָר זי ציט זיך מיט איר שעפערישקייט אויך אין היסטאָרישן פּאָ־רויס, אין היסטאָרישן ווייטער.

עס איז איין גרויסע מעשה פון אברהם בן־תרח איבער משה בן־עמרם, איבער דוד המלך און איבער יהודה המכבי, איבער עקיבא בן־יוסף און משה בן־מימון ביז צום ווילנער גאון, דעם בעש״ט, הערצל און ביז צו די גיבורי און קדושי ישראל פון אונדזער אייגענעם דור. און די מעשה איז נישט בלויז נישט פאַרענדיקט, נאָר זי הייבט זיך ערשט אָן פון דאָס ניי.

דאָ ליגט, אין תוך, דער טיפער איבערצייטלעכער מיין פון דעם שיינעם, טע־אַטראַליש זייער ווירקעוודיקן און געמיט־צינדנדיקן שמחת־תורה־ספּעקטאַקל פון דעם חתן־תורה, וואָס איז מסיים די תורה, און פונעם חתן־בראשית, וואָס הייבט זי אָן פון דאָס ניי אונטער דער סימבאָלישער חופה. און דאָ, אין דעם שמחת־תורה־דיקן „חזק ונתחזק״ ליגט אויך יענער טיפער היסטאָריש־יידישער גרונטקלאַנג, וואָס איז אַ חוב און אַ מצווה פאַר יעדן ייד אויך מחוץ פון שול אים צו דערהערן.

דיי יידישע מאַרסעליעזע

אונדזער יידישע „מאַרסעליעזע" איז מיט צוויי הונדערט יאָר עלטער, און אַן אַן ערך טיפער און קינסטלערישער, ווי דער פראַנצייזישער אָריגינאַל פון 1792.

ר' שלמה אלקביצעס שיר „לכה דודי", וואָס דער באַוווסטער פאָרשער פון דער מיטל־עלטערלעכער העברעישער פּאָעזיע ד"ר שמעון בערנשטיין באַצייכנט אים טרעפיק ווי די „יידישע מאַרסעליעזע", איז געשאַפן געוואָרן אין זעכצנטן י"ה.

לויט אַלע אַסאָציאַציעס פון אינהאַלטלעך־היסטאָרישער און פון קינסטלערי־שער פאָרעם־טענדענץ איז פאַראַן אַ קרובהשאַפט צווישן ר' שלמה אַלקביצעס שבת־און גאולה־געזאַנג און קאַפּיטאַן רוזשע דע לילס פראַנצייזישן רעוואָלוציאָנערן הימען. אי „לכה דודי" און אי די „מאַרסעליעזע" זענען געשריבן אין מאַרשיר־ריטעם און האָבן אין זינען צו וועקן דעם באַפרייונגס־געדאַנק און זיינע פאָנען־טרעגער.

אונטער די קלאַנגען פון רוזשע דע לילס „מאַרסעליעזע" האָבן מאַרשירט די פרייהייטס־קעמפער פון דער רעוואָלוציאָנערער שטאָט מאַרסעל; אונטער דער וואָרטמוזיק פון ר' שלמה אלקביצעס „לכה דודי" האָבן די זעער פון דער הייליקער שטאָט צפת אַרויסגעשיקט זייער גאולה־רוף צו אַלע יידישע הערצער איבער גאָר דער וועלט, און „לכה דודי" איז געוואָרן מער ווי קאַמפרוף; עס איז געוואָרן צי־טערדיקע תפילה און פריידגעזאַנג צו דער זעלבער צייט.

צוויי לגמרי פאַרשידענע הינטערגרונטן פון געמיט, פון צייט און סביבה (וואָס קאָן זיין פאַרשידענער, ווי די מקובלים־אַטמאָספער פון צפת אין זעכצנטן יאָרהונ־דערט, און די וועלטלעך־רעוואָלוציאָנערע סביבה און שטימונג פון שטראַסבורג און מאַרסעל ביים סוף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט?) און דאָך אַזאַ נאָענטקייט נישט בלויז אין ריטעם, נאָר כמעט אויך אין די ווערטער.ביידע הייבן זיי זיך אָן מיט „קומט, לאָמיר גיין". ביי די פראַנצויזן גייען די „קינדער פונעם פאָטערלאַנד", ווייל ס'איז „געקומען די שעה פון גלאָריע", און אין „לכה דודי", מיט צוויי הונדערט יאָר פריער (אין י. י. שוואַרצס איבערזעצונג):

„מקדש פון מלך, גאָטס שטאָט און גאָטס הויז,
קום פון צעשטערונג און חורבן אַרויס;
גענוג דיר שוין זיצן אין טאָל פון פּיין
און ער וועט אויף דיר זיך מרחם זיין."

עס איז, אַן ערך, איין און דער זעלבער געדאַנק פון פרייהייט און באַנייונג. אין „לכה דודי" ווערט ער אַרויסגעבראַכט אין דער שפּראַך פון רעליגיעזער דבקות, בעת אין דער „מאַרסעליעזע" ווערט ער אויסגעדריקט אין ווערטער פון אַ וועלט־לעך־פּאַטריאָטישן לשון.

ס׳איז אָנגענומען, אַז דער פראַנצייזישער קאַפּיטאַן רוזשע דע ליל האָט געשריבן די „מאַרסעליעזע״ אונטער דער השפּעה, — דירעקטער און נאָענטער השפּעה, — פון פערזן אין ראַסינס טראַגעדיעס „אסתר״ און „עתליה״. אָבער מיר דאַכט, אַז דער פראַנצייזישער קאַפּיטאַן האָט געמוזט האָבן געלייענט די „יידישע מאַרסעליעזע״ אין אַן איבערזעצונג אָדער גאָר אין אָריגינאַל.

נישט בלויז היינע, אין ניינצנטן יאָרהונדערט, איז אַזוי נתפּעל געוואָרן פון „לכה דודי״, נאָר אויך דער פּאָלנער דייטש יאָהאַן גאָטפריד הערדער אין אַכצנטן יאָרהונדערט. איז עס גריילעך מעגלעך, אַז אויך דער קאַפּיטאַן רוזשע דע ליל זאָל ר׳ שלמה אלקביצעס ליד האָבן געקענט, ווען ער האָט ביים סוף פון הערדערס יאָרהונדערט געשריבן די „מאַרסעליעזע״.

איך האָב די עטלעכע באַמערקונגען וועגן דער „יידישער מאַרסעליעזע״ געבראַכט דאָ אין שייכות דערמיט, וואָס דאָ אַנומלט (ניו־יאָרק, 1958) האָט שלמה סלוצקי געטאָן אַ גוטע זאַך: ער האָט איבערגעזעצט אויף יידיש פון ד״ר שמעון בערנשטיינס בוך „שומרי החומות״ (ירושלים, 1939) דאָס קאַפּיטל וועגן ר׳ שלמה אלקביצעס „דער שאַפער פון דער יידישער מאַרסעליעזע״.

סלוצקיס איבערזעצונג איז אַ גוטע. ד״ר שמעון בערנשטיינס אָפּהאַנדלונג וועגן ר׳ שלמה אלקביץ און זיין אידעישער אַנאַליז פון „לכה דודי״ איז זייער אַ גוטער. עס איז צוגעקומען אַ נוציקע ליטעראַטור־היסטאָרישע שטודיע אויף יידיש.

אין דער שטודיע זענען אָפּגעדרוקט צוויי איבערזעצונגען פון „לכה דודי״ פון י. י. שוואַרץ און פון צבי שטאָק, און אַ פרייע איבערזעצונג פון אברהם רייזען.

צוויי זמנים

צוויי זמנים אין יידישן לוח.

איינער הייבט זיך אָן סוכות, אין דעם זמן שמחתנו. דער זמן פאַרכלינעט זיך מיט אַ באַזונדערער שמחה אין טאָג פון שמחת־תורה און שפּאַנט דערנאָך מיט אַ סאָלידער, באַלעבאַטישער, אָבער אינטענסיווער פרייד צו די חנוכה־טעג, צו חמשה עשר בשבט און ווערט נאָך האָפּערדיקער און היפש פאַרשייט, ווען עס קומט אָן דער חודש אדר און דאָס געזאַנג פון ניצחון איבער המנען נעמט בליען אויף יידישע ליפּן. פאַרענדיקן, פאַרענדיקט זיך דער דאָזיקער זמן מיטן יום־טוב פסח, דעם יום־טוב פון פרילינג אין דרויסן און פרילינג אין האַרצן.

פון די ספירה־טעג אָבער בייט זיך די שטימונג ביים יידישן יחיד און כלל.

פון שבועות הייבט אָן ווייען מיט חשבון הנפש און מיט טרויער. אין דעם זעלבן חודש סיון פון מתּן־תּורה פאַלט אויס די יאָרצייט פון עשרה הרוגי מלכות, און פון יענעם טאָג איז אַ שפּאַן צו שבעה עשר בתּמוז, צו די „ניין טעג" און טאָקע צום ניינטן טאָג, צו תּשעה באב, און נאָך אַ קליינער הפסקה פון שבת נחמו בלאָזט שוין דער אלולדיקער שופר און זאָגט אָן, אַז עס דערנענטערן זיך די פאַרכטיקע טעג און עס קומט אָן דער יום־הדין.

איבער מיין וויגל האָט געווייעט די שטימונג פונעם זומערדיקן לוח, די שטי־מונג פון טרויעריקער נאַציאָנאַלער דערמאָנונג און פון חשבון־הנפשדיקער פאַר־טראַכטונג.

און צו דער שטימונג פון זומערדיקן יידישן טרויער איז נאָך צוגעקומען דער קלימאַט אין הויז פון מיין זיידן ר' מרדכי, ווו איך האָב זיך געכאָוועט פון דעם זעק־סטן ביז צום אַכצנטן יאָר פון מיין לעבן. עס איז געווען אין זיידנס שטוב אַן אָט־מאָספער פון „פּנה הודה פּנה זיוה". עס האָט זיך פון דער רחבותדיקער נגידישער שטוב אויף דער קאַלאָמייער הויפּטגאַס אָפּגעטאָן די פּראַכט און דער גלאַנץ פונעם עלטער־זיידן ר' שלמה חלפן, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך תּורה וגדולה במקום אחד. ער איז געווען דער עילוי־שער קאָפּ, דער גרויסער למדן, דער אינטעלעקטו־עלער און געזעלשאַפטלעכער תּקיף און רעבעל און דערצו דער ערשטער באַנקיר אין שטאָט און במילא איינער פון די שטאָטישע גבירים.

מיין זיידע ר' מרדכיס שטוב איז געווען אַ יורדישע. דער זיידע האָט נישט פאַרמאָגט נישט זיין פאָטערס לומדות, נישט זיין טראַכטערישע און שאַרף־זאָגערישע תּקיפות און האָט דערצו נאָך נישט געקאָנט אָנהאַלטן גאָרנישט פון זיין פאָטערס עשירות. דאָס איינציקע, מיט וואָס דער זיידע מרדכי איז פאַרבליבן און האָט זיך דערמיט זייער באַליבט געמאַכט ביי „אַ שטאָט מיט יידן", איז געווען זיין יראת־שמים, זיין אויסנעמלעכע פרומקייט און אהבת הבריות. יידן אין שטאָט האָבן דעם אָרעמען און הכנעהדיקן זון פון דעם שאַרפן למדן, אַריינטראַכטער און זאָגער, גע־צערטלט מיטן צונאָמען מרדכי מענטש.

דער הכנעהדיקער זיידע ר' מרדכי און אויך מיין אייגענער טאַטע ר' יצחק, וואָס האָט געוווינט אין דער בוקאָווינע און איז אַוועק אויפן וועג פון השכלה און חיבת־ציון, האָבן אויף מיר, וואָס האָב געטראָגן דעם עלטער־זיידנס נאָמען, געקוקט ווי אויף דעם, וואָס דאַרף צוריקשטעלן עטרה ליושנה.

און איך האָב אונטער זייער מאָנענדיקן בליק ערגעץ ווו שוין פאַר בר־מצווה גענומען אויף זיך דעם שווערן עול פון צו זיין ר' שלמה חלפנס יורש. דער וועג איבערצונעמען די ירושה איז געווען איינער, אַ פון דורות אויסגעפּרוווטער — לערנען.

דער בעל־תּנ"ך און בעל־דיקדוק ר' וואָוויק קוגעל, דער גאונישער גמרא־מלמד ר' יאָסעלע באָראָטשינער, און דער עקסצענטרישער ראַדיקאַל, וועגעטאַריער, יידי־

שיסט און אויסגעצייכנטער העברעיִש־קענער און העברעיִש־לערער חיים מייבארד, וואָס איז געווען אַ דעזערטיר פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה — זיי אַלע האָבן געפּרוווט שמידן פון שלמה חלפנס אוראייניקל אַ ייד אויפן שניט פון זיין עלטער־זיידן. צי איז זיי דאָס געלונגען? איך בין גיכער געניגט צו זאָגן ניין ווי יאָ, וואָרעם דער אימאַזש פון ר׳ שלמה חלפן, וואָס די משפחה־מסורה האָט אים אויסגעמאָלן, איז געווען שווער צו דערגרייכן. אַזוי האָבן געגלייבט די משפחה־מענטשן, אַזוי די יידן פון ר׳ איציקל־שולעכן און אַזוי די יידן פון „אַ שטאָט מיט יידן״, און איך אַליין טראַכט אויך אַזוי עד היום, ווען איך בין שוין אַ בן־שבעים און האָב אַריבערגעשפּאַנט מיט דריי יאָר די יאָרן פונעם עלטער־זיידנס לעבן.

אָבער מיט איין זאַך בין איך זיכער, אַז יענע געהויבענע לערער מיינע האָבן יאָ מצליח געווען. זיי האָבן איינגעפּלאַנצט אין מיר און איך בין פאַרבליבן מיט אַ גלוסט צו לערנען, וואָס דאָס מיינט, אַ גלוסט צו גיין אויפן וועג פון ר׳ שלמה חלפן.

דער העלד פון מיין יוגנט איז געווען דער תנא ר׳ עקיבא בן־יוסף און ער איז עד היום מיין באַליבטער העראָס פון דער יידישער געשיכטע. ר׳ עקיבא איז געווען אַ רענעסאַנס־פיגור מיט אַ סך הונדערטער יאָרן איידער עס האָט אָנגעהויבן רענעסאַנסעווען אין דער מאָדערנער וועלט, אַ געלערנטער און אַ רעוואָלוציאָנער, אַ מאַן פון פילאָסאָפיש פרייען געדאַנק און אַ מאַן פון שטרענגער הלכה, אַן אוניווערסאַליסט און אַ הייסער נאַציאָנאַלער פּאַטריאָט.

מיר געפעלט זייער, וואָס איינער אַ ביאָגראַף האָט געזאָגט וועגן ר׳ עקיבאן, דהיינו, אַז ער האָט פאַרמאָגט דעם אוניווערסאַלן בליק און דעם איידעלן הומאַניזם פון די מחברים פון מגילת רות און ספר יונה, די תורה און די התמדה צו תורה פון הלל הזקן, די אָריגינעלקייט פון געדאַנק פון סעדיה גאון, דעם געזעצגעבערישן פאַרנעם פון רבן גמליאל, וואָס איז געווען דער רעפאָרמאַטאָר פונעם געריכט־סיסטעם אין יהודה, און די געטריישאַפט, די עקשנות פון הלכה, דעם מוט און די מסירת־נפש פון די ערשטע חשמונאים.

ר׳ עקיבאס געדאנקען־גאַנג האָט נישט נאָר משפיע געווען דאָס יידישע דת און די יידישע מחשבה אין משך פון זעכציק דורות, פון זיין צייט ביז אונדזערע טעג, נאָר זיין איינפלוס איז אויך פאַראַן אין דער מערבדיקער פילאָסאָפיע. דער וואָס וויל טיפער אַריינקוקן אין אַן ענין, דעם וועט נישט שווער זיין צו דערקענען, אַז ר׳ עקיבאס געדאַנק, אַז תורה לערנען, דער ודע את ה׳ אלוקיך, איז אידענטיש מיט תפילה און איז פאָרמולירט געוואָרן ביי ספּינאָזאַן ווי דער אַמאָר דעי אינטעלעקטואַליס.

דער דאָזיקער עקיבאשער געדאַנק איז געוואָרן דער לייטמאָטיוו פון מיין לעבן. מיין תפילה איז געווען לערנען. איך האָב ליב געהאַט דאָס לערנען, און אין די כמעט דרייסיק יאָר אַמעריקע האָט זיך אין מיר דער באַגער צו לערנען מער געשטאַרקט. איך דאַנק דער השגחה, וואָס זי האָט מיך דאָ אין דער, ווי מען זאָגט,

מאַטעריאַליסטישער אַמעריקע אַוועקגעפירט נאָך מער פון יאָגעניש נאָכן מאַטע־ריעלן דאַברי מזל און האָט מיך צוגעשמידט מיט באַנייטער ליבשאַפט צום ספר.

איינער פון מיינע הויפּט־לימודים אין אַמעריקע איז געוואָרן דער לימוד פון יידישער ליטעראַטור — לייענען און שרייבן וועגן ביכער. אין פלוג קאָן זיך אויס־דאַכטן, אַז ליטעראַטור־קריטיק איז אַ סכנהדיקער ליטעראַרישער זשאַנער. סכנה־דיק דערפאַר, וואָס זי קאָן דעם שרייבער אַראָפּפירן פון דעם אינטימסטן און קינסט־לעריש זיכערסטן שאַפונגסוועג — דעם וועג פון אויטאָביאָגראַפיע. יעדעס ליד, יעדע דערציילונג און יעדע עסיי איז אין תוך דירעקט אָדער בעקיפין אויטאָביאָ־גראַפיע.

אַזוי קאָן זיך אויסדאַכטן. אין דער אמתן אָבער איז קריטיק אין דער בחינה פון דער מעשה, וואָס ווערט דערציילט וועגן דעם באַוווּסטן טערקישן „הערשעלע אָסטראָפּאָליער״, נאַזאַרעדין. נאַזאַרעדין איז געזעסן ביים שרייבטיש, און קינדער האָבן זיך געשפּילט און געליאַרעמט פאַרן פענצטער און אים געשטערט. האָט נאַ־זאַרעדין אַ געשריי געטאָן צו די קינדער: מען טיילט אומזיסט עפּעלעך אין מאַרק און איר שפּילט אייך גאָר? כהרף־עין האָבן די קינדער אויפגעהערט זיך צו שפּילן און זענען געלאָפן אין מאַרק אַריין כאַפּן עפּעלעך אומזיסט. אַז נאַזאַרעדין האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: וואָס זיץ איך דאָ, אַז מען טיילט עפּעלעך אומזיסט? האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אויך געלאָפן אין מאַרק אַריין.

דער קריטיקער באַשאַפט אַן אימאַזש פון אַ שרייבער און לויפט דערנאָך נאָך דעם אימאַזש אין איינעם מיט אַלע לייענער.

יעדער קריטיקער מוז זיין אויטאָביאָגראַפיש אָדער נאָך פּרעציזער — אויטאָ־פּסיכאָגראַפיש. ווארעם אַז נישט, איז זיין קריטיק נישט קיין קינסטלערישע איבער־לעבעניש, נאָר אַ זשורנאַליסטישער באַריכט וועגן ביכער און שרייבער.

מיט איין וואָרט, דער וואָרער קריטיקער און עסייִסט — חד הוא. און וואָס עס איז אַזוינס אַן עסייִסט האָב איך אין איינעם פון מיינע פריסטע ביכער גע־פּרוּווט פאַרטייטשן פאַר מיר און פאַר די לייענער און איך גיי אויך היינט נישט אָפּ פון מיין פירוש פון צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט.

דער עסייִסט — האָב איך געשריבן — האָט נישט קיין באַציִונג צו זאַכן. ער האָט נאָר אַ באַציִונג צו זיך, אויך אין שייכות מיט אידעען און זאַכן.

דער עסייִסט איז דער צום מיינסט אינדיווידואַליסטישער טשודאַק אין דער פּראָזע. ער מיידט אויס די ברייטע אַריינפאַר־טויערן פון דער מענטשלעכער גע־דאַנקען־וועלט מיט די דאָרט צעהאַנגענע עלעקטרישע לעמפּלעך. דער עסייִסט איז פאַרבליבן אַ פאַרצייטישער פוסגייער (ער גייט, אַזוי צו זאָגן, אויפן אייגענעם קאָפּ צו פוס) מיט אַ מאָדנער געוווינהייט אַריינצודרינגען אין געדאַנק, געפיל און זאַך פון הינטן אַרומעט — דורכן אַלקער פון דער אייגענער נשמה.

אין דעם פּרט איז דער עסייִסט נענטער צום פּאָעט ווי צום פּראָזע־שרייבער,

אָבער צום נאָענטסטן איז דער עסײִסט צום רײזע־באַשרײַבער. באַגלײַך מיט אים איז דער עסײַיסט אַן אומרויִקער אַרומוואַנדערער. צום אונטערשיד פֿונעם רײזע־באַשרײַבער, וואָס וואַנדערט איבער געאָגראַפֿישע שטחים, וואַגלט ער אַרום בלויז אויף די אײגענע זעלישע לאַנדשאַפֿטן.

אפֿשר איז דאָס אויך עסײִסטיש, וואָס איך האַלט זײער פֿון אַ געבוירנטאָג־יום־טוב. געבוירן ווערן — פֿלעג מיר זאָגן מײַן פֿעטער, דער זבאַראַזשער דײַן ר׳ חיים דרעשער — איז בבחינת מתן־תורה. אַ סימן האָסטו — האָט ער צו מיר געטע־נהט — אַז פּיקוח נפֿש איז דוחה אַזאַ גרויס שטיק תורה ווי דאָס אָפּהיטן שבת, וואָס איז אָנגעזאָגט אין די עשׂרת הדברות.

געבוירן ווערן איז מתן־תורה און דאָס לעבן איז קריאת התורה פֿון וואָך צו וואָך, פֿון חודש צו חודש און פֿון יאָר צו יאָר.

נו, האַלט איך איצט טיף אַרײַן אין ספֿר דברים, וואָס איז דאָס רײפֿסטע, ווײַל דאָס סך־הכּלדיקסטע בוך פֿון דער תורה. עס הייבט זיך אָן מיט „אלה הדברים״ (דאָס זענען די רייד) און עס ענדיקט זיך מיט „וזאת הברכה״ (און דאָס איז די ברכה). איך ווייס נישט, פֿאַרשטייט זיך, ביי וועלכער פֿון די לעצטע סדרות פֿון דעם ספֿר איך האַלט, צי ביי „כּי תצא״ (אַז דו וועסט אַרויסגיין), אָדער „כּי תבֿא״ (אַז דו וועסט אָנקומען), אָדער גאָר ביי „אתּם נצבֿים״ (איר שטייט היינט), אָדער „וילך״ (און ער איז געגאַנגען).

אַלע די דאָזיקע שפּעטע סדרות פֿון ספֿר דברים האָבן אַזעלכע סימבאָליש צו־געפּאַסטע נעמען פֿאַר דעם מענטשנס עלטער.

איך ווייס טאַקע נישט ביי וועלכער סדרה איך האַלט. אָבער מיר איז קלאָר, אַז ווי קריאת התורה, אַזוי איז אויך דאָס לעבן אַן אייביקער קרייז פֿון אָנהייבן און סופֿן, פֿון סופֿן און אָנהייבן. דאָס לעבן איז קײַלעכיק און עס טרעפֿן זיך אין איין פּונקט, מיט פֿאַרקערטע ווהינען, דער שפּיץ באַרג און דער אונטערן שפּיגל פֿונעם ים, דער ליכטיקער אָנהייב פֿון קינד און די ליכטיקע עלטער פֿונעם זקן. דאָס גליק איז, וואָס איבער אַלעמען שפּרייט זיך ליכט זינט גאָט האָט אַ זאָג געטאָן יהי אור און עס האָבן זיך אויסגעקלאָרט די תוהו־ובֿוהוס, די קאָסמישע, די ביאָלאָגישע און צו מאָל, מיט בן־אדמס הילף, אויך די גייסטיקע כאַאָסן.

און דאָס איז אַ גרויסע טרייסט.

1

יעקב גלאַטשטיין

א

חורבן־לידער

דער „וועלטפאַרבאַנד פון די בערגען־בעלזנער״ האָט געגרינדעט אַן אייגענעם פאַרלאַג פאַר יזכור־ליטעראַטור. ווי איינס פון זיינע ערשטע ביכער האָט דער פאַר־לאַג אַרויסגעגעבן יעקב גלאַטשטיינס חורבן־לידער, אויפגעזאַמלט פונעם דיכטערס זעקס לידערביכער.

יעקב גלאַטשטיינס חורבן־לידער זענען וויל באַקאַנט דעם לייענער פון יידישער פּאָעזיע. זיי ווערן אָפט ציטירט און רעציטירט, אַ טייל פון די ציטירטע שורות זענען ממש שלאַגווערטער פונעם היסטאָריש־יידישן געמיט. זיי שלאָגן אַרויס פון די דורותדיקע צער־קוואַלן פונעם כלל ישראל און שלאָגן זיך אַריין אין דעם גע־מיט פונעם יידישן יחיד אין אונדזער דור.

ווי פּסוקים פון הלל דאַוונט־מיט דער לייענער און דער צוהערער מיטן דיכטער —

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.

אָדער:

אַן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט.

נאָך די פּסוקים ציטערט נאָך אין לייענערס האַרץ אַ „הללויה״ אַ טרויעריקער, אַ צעוויטיקטער, אָבער אויך אַ טראָציקער, צו לעבן און צו איבערלעבן.

אָט דער פּסיכישער ריטעם פון טרויעריקער רעזיגנאַציע, פון פּיינפולער טענה, פון צער־פריידיקער דערמאָנונג און פון טראָציקן אַרויסרוף באַגלייט מוזיקאַליש אונדזער קלאָג־פּאָעזיע פון „איכה״, ביז צו די קינות און סליחות אין די צייטן פון

די קרייצוגן, פון די ת״ח ות״ט־יאָרן און ביז יעקב גלאַטשטיינס לידער וועגן דריטן חורבן. יעקב גלאַטשטיין, איינער פון די גרעסטע דיכטער־פּערזענלעכקייטן אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן, האָט ממשיך געווען און האָט אויף זיין וווּנדער־לעך־מאָדערנעם לשון יידיש באַנייט דעם אוראַלטן געזיפץ און די אוראַלטע דיאַ־לעקטן פון דעם דורותדיקן יידישן קלאָגליד.

אָנהייבן הייבט זיך אָן די זאַמלונג פון גלאַטשטיינס חורבן־לידער מיטן אַרויס־רופערישן ליד, „אַ גוטע נאַכט, ברייטע, גרויסע, שטינקענדיקע וועלט״, לאָזט וויסן, אַז „אויף מיין אייגענעם געבאָט גיי איך צוריק אין געטאָ״ און שליידערט דער וועלט אין פּנים אַריין „חרם אויף דיינע טריפהנע קולטורן״.

דאָס דאָזיקע ליד, וואָס דער דיכטער האָט אָפּגעדרוקט אין אַפּריל 1938, אָנ־דערהאַלבן יאָר פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס איז געווען אויך דער אָנהייב פון היטלערס פאַרניכטונגס־קריג קעגן מזרח־אייראָפּעישן יידנ־טום, האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ שאַרפן ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן וויכוח.

ווי חיים נחמן ביאַליקס „צער און צאַרן״־רייד וועגן יידן נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם, אַזוי האָבן מיט אַ דור שפּעטער, ערב היטלערס גענעראַל־פּאָגראָם אויפן אייראָפּעישן יידנטום, יעקב גלאַטשטיינס ווערטער זיך אָנגעשטויסן אויף ווידער־שפּרוך ביי אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ. ביאַליקס תוכחה־רייד צו די פּאָ־גראָמירטע יידן האָבן פאַר אַ טייל פון זיינע מיטצייטלער געהאַט דעם ריח פון אומ־רעכט און פאַרשפּעטיקט און גלאַטשטיינס חרם־ווערטער צו דער וועלט האָבן ביי נישט ווייניקער יחידים פון זיין דור געהאַט דעם קלאַנג פון פאַרפריט און עקס־טרעמיסטיש.

היינט, אין דער פּערספּעקטיוו פון איבער זעכציק יאָר נאָך „משא נעמיראָוו״ און פון דרייסיק נאָך „אַ גוטע נאַכט, וועלט״ זענען לויט דער שטימונג פון אונדזער נאָכמאַיידאַנעק־דור די שטראָפרייד פון ביאַליקס פּאָעמע, בלי ספק, געוואָרן נאָך אומגערעכטער, בעת גלאַטשטיינס חרם־ליד צו דער וועלטס טרפהנע קולטורן און זיין —

כ׳וואַלגער זיך אין דיין מיסט,
לויב, לויב, לויב
צעהויקערט יידיש לעבן.

זענען געוואָרן נאָך באַרעכטיקטער ווי דעמאָלט און נאָך נעענטער צום יידישן האַרץ.

אמת איז, אַז אויך דער צוריקגאַנג צום געטאָ, צו די אייגענע ד אמות פון טעריטאָריעלער און גייסטיקער אָפּזונדערונג האָט נישט געהאָלפן. דער צורר פון אונדזער דור האָט אויך די ד אמות נישט פאַרגונען. ער האָט אונדזערע ברידער און שוועסטער געטריבן קיין טרעבלינקע און אוישוויץ און זיי דאָרט פאַרגאַזט און אָוועקגעלאָזט מיטן רויך, אָבער לייענענדיק גלאַטשטיינס פּאָעמע בלייבן מיר שטיין

אין פּאַרכטיקייט פאַר דער אַנטפּלעקערישער און קלאָרער וויזיע פון דעם דיכטער וועגן דעם אומגליק וואָס רוקט זיך אָן אויף אונדז מצד דעם „חזירישן דאַטש", פיינטלעכן ליאַך, עמלק גנב און אויך מצד דער שלאַברער דעמאָקראַטיע מיט „דיינע קאַלטע סימפּאַטיע־קאָמפּרעסן". און נאָך מער דערהייבט אונדז זיין מוטיקער בטחון אַז —

ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פּאַרקוואַרטן.

דאָס איז אַ בטחונדיקער אָנזאָג, וואָס קלינגט אָפּ צו די רייד פון נביא ירמיה אין 33סטן קאַפּיטל פון זיין ספר, און גלאַטשטיין שטרייכט אונטער דעם בטחון מיט דער טיף עמאָציאָנעלער זיכערקייט, וואָס ליגט אין דער שורה מיט וועלכער ער פאַרענדיקט זיין ליד —

ס׳וויינט אין מיר די פרייד פון קומען.

עס פּאָרט זיך אין דעם פערז דאָס געוויין פון אומקום מיט דער פרייד פון אויפ־קום, ווי דאָס איז צען יאָר שפּעטער מקוים געוואָרן.

מען לייענט די חורבן־לידער, ווי דער דיכטער האָט זיי אויפגעזאַמלט און אויסגעשטעלט אין זיין בוך און עס איז גלייך, ס׳זאָל שטיין עפּעס אַ פאַרהוילענער זייגער און פאַרצייכענען אויפן ציפערבלאַט די שעהען, וואָס רוקן זיך מיט זייערע איבערלעבענישן אַלץ ווייטער פונעם פאַרנאַכטיקן „אַ גוטע נאַכט, וועלט", ביז טיף אַריין אין דעם נאַכטיקן חושך, אין וועלכן די וועלט האָט איינגעהילט דאָס יידישע לעבן.

דריי חדשים נאָכן אַרויסרופערישן חרם־ליד צו דער „וועלט און אירע טריפה־נע קולטורן" איז גובר די תפילהדיקע הכנעה צו גאָט, דעם באַשעפער פון אַלע וועלטן. דער דיכטער האָט אַ זעונג פון קראַנקע אַנטלויפנדיקע יידן ערגעץ אין דער „פינצטערער טויטקייט פון דאָרף" און אין יעדן ייד —

...שוידערט אויף מיט שרעק אַ געבעט —
אַז ס׳וועט קומען דער טויט
זאָל איך נאָר נישט בלייבן דער לעבעדיקער איינער.
פאַרזע מיך נישט מיט מיינע דינע ביינער.

עס איז די דורותדיקע תפילה פונעם יידישן יחיד נישט צו ווערן אויסגעשלאָסן נישט פון קהלס לעבן און נישט פון קהלס טויט. בציבור — איז דער היסטאָרישער טרייסט פאַר יידישע צרות.

און נאָך די חרם־רייד קעגן דער טריפהנער וועלט און נאָך דער תפילה פאַר בציבור, וואָס מאַכט לייכטער אַלע גזירות פון טויט, קומט די אויפטרייסלענדיקע

טענה צו גאָט (אויפטרייסלענדיק און שיך, ד.ה., טראַגיש ווי דער באַשאַף אַליין) אין דער פּאָעמע „לתרצ״ט".

ס'איז דאָס יאָר 1939 און דער חורבן איז אין פּולן גאַנג. שטעלט זיך דער דיכ־טער פֿאַרן עמוד פון דער כנסת ישראל און מאַכט דעם חשבון מיטן אלוה ישראל וועגן דעם „פּלוך (וואָס) האָט געטראָפן ווי אַ דונער יעקבס געצעלט". דעם דיכ־טערס טענה ווערט אויסגעלייגט אין ווערטער, וואָס זענען ראוי אויסגעקלאָגט און אַרויסגעדאַוונט צו ווערן פון אַ מחזור.

אָט ווי אַזוי דער דיכטער איז מזכיר פֿאַר גאָט, מיט קלוגן, איראָנישן צער, די משומדים, וואָס דער צורר האָט צוריקגעטריבן אין יידישן געטאָ:

זע ווי אַ סך מיר זענען, אונדזערע אָפּטריניקע זענען מיט אונדז,
דער פיינט האָט זיי אַנגעיאָגט אין מיטן אַנטלויפן.
פֿאַרנעם זייער שוויגן. ס'איז אויך אונדז שוין דאָס ווינען ווידער־
וויליק.

אַזאַ קינה־זאָץ ווי „ספֿאָרן נאַשפּיץ אונדזערע פֿאַרלענדער" איז אפשר געמאָלט אויך ביי אַן אַנדערן מקונן, אָבער, אַז „זיי האָבן אונדזער גאַנצן גלות אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן" איז אַן אָריגינעל גלאַטשטיין־בילד, באַגלייך מיט אַזעלכע אַנדערע בילדער ווי —

ס'איז די וועלט איצט רשע אָדער קרבן
און אינצווישן אַ האָז וואָס האָרכט צום מינדסטן שאָרכן
און באַוויינט דעם אמת וואָס איז געשטאָרבן.

אָדער:

אונדזער דלות האָט אַ גילדענע ראָס,
פֿאַרגינען זיי אונדז נישט דאָס לעבן,
אָבער אפילו אונדזער יידענע מיט באָב
איז זיי גרויס אין די אויגן.

עס איז פֿאַראַן אין די ציטירטע באַריכטפערזן צום רבש״ע נישט בלויז אָרי־גינעלקייט פון געדאַנקלעכער פֿאָרמולע און פון בילד, נאָר אויך אַ שטראָם פון פֿאַרשטיקטע טרערן און פון האַרצרייסנדיקן תפילה־ריטעם, אוןביידע עלעמענטן אין איינעם מאַכן אויס די פּאָעטישע גרויסקייט פון די שורות און פונעם גאַנצן ליד.

און דאָ מוז דערמאָנט ווערן אויך דאָס וויגליד צו אַ געטאָקינד, ווייל אין אים ווערט אַרויסגעבראַכט דעם דיכטערס טאָפּלטע צערטלעכקייט — צערטלעכקייט צום געטאָקינד און צערטלעכקייט צו מאַמע־לשון. דער דיכטער טוליעט צו זיך ביידע אין איינעם מיט ציטערדיקער געטריישאַפט:

לאַכעלע, מיין קינד,
זינגעניו, מיין טרויער,
שוויגעניו, מיין קינד,
שלאָפעלע, מיין קדישל

און פאַר ביידע, פאַר דעם יידישן געטאָקינד און פאַר זיין טייערער מאַמע יידיש שפּינט דער דיכטער אַ וווּנדער־מעשהלע —

ס׳גייען אויף זיבן זונען
אויף אַן אַלטן מויער.
אויף דיין ליידיקן טעלער
טאַנצט אַ גילדן פישל

זיין אַריינפיר־וואָרט צו דער זאַמלונג חורבן־לידער פאַרענדיקט דער דיכטער גלאַטשטיין מיט די ווערטער „כ׳טו דערמאַנען, אַז יידן טאָרן קיין מאָל נישט פאַר־געסן — אשר עשתה לך גרמניה״. און דער דאָזיקער: „געדענק!״, וואָס גערמאַניע האָט צו דיר געטאָן, איז אַ וויכטיקער פּסיכישער עלעמענט אין דעם פּאָעטס גע־זאַנגען וועגן אונדזער דריטן חורבן —

ווי טאָר מען און ווי קאָן מען גאָר ביז זיבן און זיבעציקסטן דור
פאַרגעבן
עמעצן וואָס לעשט אויס אַ לעבן?
ס׳שטאַרבט דער רוצח,
זאַט מיט יאָרן
און ווערט אָפּגעמעקט פון זכרון,
צוזאַמען מיט זיין קרבן,
וואָס איז מיט גוואַלט
אויסגעפליקט געוואָרן
און האָט אַפילו נישט דערלעבט
צו זיין געשטאָרבן.

נישטאָ אין גלאַטשטיינס חורבן־לידער קיין פאַרגעבונג פאַר די מאַסן־מערדער, אָבער, די וואָס האָבן „אַפילו נישט דערלעבט צו זיין געשטאָרבן״ פּרוווט דער פּאָעט אויפהאַלטן ביים לעבן מיט צעריקער און מיט צעריק־פריידיקער דערמאָ־נונג.

ער דערמאָנט דעם זיידע ענזעל, דעם „ערשטן נאָמען פון מיין שטאַם, הייליי־קער סוד פון די זעקס און דרייסיק זיילן״, דעם ברודער בנימין, וואָס „גאָט, שענק מיר נאָך נישט־אויסגעוויינטע ווערטער און איך וועל מיט זיי פאַרוויינען דיינע

פאַררויכטע וועלטן" און ער באַזינגט מיט זונישער דאַנקשאַפט זיין טאַטן יצחק, וואָס האָט אים, אונדזער דיכטער, פון קינדווייז „געכאַוועט אויף מענדעלען און פרוגן", האָט אים סטימולירט צו שרייבן און זיך געקוויקט מיט דער הנאה וואָס „ס'וואַקסט אַ שרייבער ביי יידן".

די געשטאַלט פון דיכטערס פאָטער ווערט אויך באַזונגען אין דער פאָעמע „כ'טו דערמאָנען", מיט וועלכער עס פאַרענדיקט זיך די זאַמלונג פון די חורבן־לידער. די דערמאָנונג וועגן משפחה באַצייכנט דער פאָעט ווי די דערמאָנונג וועגן די „באַזונדערע קלענערע חורבנות". זיינע שטילע משפחה־אומגליקן, וואָס זענען „אַרומגעוואָלקנט מיט אייגענע יאָרן", זענען ביים דיכטער גלאַטשטיין בבחינות מיצ־קעוויטשעס גוסטאַוווס, דער סימבאָל פון פערזענלעכעליידן. דער הויפּטהעלד אין גלאַטשטיינס חורבן־לידער און פאָעמעס איז קאָנראַדוס, מיצקעוויטשעס קאָנראַדוס, וואָס איז דער סימבאָל פון צרות הכלל, דער אויף יידיש איבערגעזעצטער סימבאָל פון די חרובע יידישע שטעט און פון „לובלין מיין הייליקע שטאָט".

מיט איין פּאַראַגראַף פון יעקב גלאַטשטיינס אָדע צו לובלין וויל איך פאַרענ־דיקן מיינע באַמערקונגען וועגן זיין זאַמלונג חורבן־לידער. קיין בעסערער סיום, ווי שורות פון זיין אייגן געזאַנג צו דער היימשטאָט, אַ געזאַנג פון דערהויבנדיקן, איידעלן פּאַטאָס און פון גליענדיקער אהבת ישראל איז גאָר נישט געמאָלט. —

„הייליקע שטאָט מיינע, דאָס האָסטו אויסגעבעטן די זכיה פאַר זיך, אַז ווען מען וועט ברענען און בראָטן אָנדערהאַלבן מיליאָן יידן, זאָל מען עס טאָן אין שאָטן פון דיינע קנאָפּע טויזנט יאָר יידישקייט. דעם־אַ הייליקן בית־עולם האָסטו געוואָלט פאַר זיך, כדי פון אַלע דריי־נע הייליקע גוטע ערטער זאָל ווערן איין הייליק גוט־אָרט פאַר איין גרויסן צדיק — דאָס יידישע פאָלק. כ'ציִ אַרונטער די שיך פון מיינע פיס, ווען כ'קום צו צום מאַידאַנעק־וועלדל. די ערד איז קודש־קדשים, ווייל ס'יידישע פאָלק רוט דאָרט אין שאָטן פון הונדערטער פרומע דורות".

ב

לידער אויף העברעיש

איבערזעצן פון יידיש אויף העברעיש איז גרינג און אין דער זעלבער צייט איז נישטאָ קיין שווערערס דערפון.

עס איז גרינג, ווייל יידיש און העברעיש זענען שעפערישע מאַניפעסטאַציעס

פון איין און דעם זעלבן פּאָלקסגעמיט. און די מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור, באַגלייך מיט דער יידישער, וואַקסן אַפילו אַרויס פון דעם זעלבן פאָלקסגעמיט אין איין און דער זעלבער צייט.

און עס איז נישטאָ קיין שווערערס דערפון, ווייל דער איבערזעצער מוז גובר זיין א מורא, די מאָדנע מורא פאַר אידענטיפיקאַציע צווישן די צוויי לשנות. עס איז אַ מאָדנע מורא, וואָס זאָגט אונטער דעם איבערזעצער, צו זוכן פאַרשידנקייט אַנשטאָט אידענטיפיקאַציע, וואָרעם אויב דעס זעלבע, וואָס איז דער אויפטו פונעם תרגום און פונעם בעל־התרגום ?

קוראַזש — קוראַזש פון אידענטיפיקאַציע פון אונדזערעביידע לשונות האָט פאַרמאָגט די רבנישע ליטעראַטור. די רבנים האָבן אין זייערע שריפטן נישט גע־ווּוסט פון אַ פאַרשידנקייט צווישן לשון־קודש און יידיש. זייער יידיש איז געווען אַ לשון־קודשדיקער, אָבער יעדעס יידישע וואָרט זייערס איז געווען פונקט אַזוי לשון־קודשדיק ווי העברעיש. אוודאי זענען געווען אַ היפּש ביסל רבנישע שרייבערס, וואָס זענען געווען קנאַפּע ווירטואָזן פון שפּראַך. אָבער די נישט־ווירטואָזישקייט זייערע האָט זיך אויסגעווירקט מער דעמאָלט, ווען זיי זענען געווען אָפּגעהיט מיטן שרייבן יעדעס פון אונדזערע לשונות באַזונדער, און אַ סך וויניקער, ווען זיי האָבן באַהעפט יידישע ווערטער מיט העברעיִש, ווייל די ווערטער האָבן אינהאַלטלעך צו־געגעבן צו לשון־קודש און האָבן זיך מוזיקאַליש אַהין אַריינגעפּאַסט.

אַט דעם גרויסן מוט פון אונדזערע רבנישע שרייבער האָט אַרויסגעוויזן דער יידיש־העברעיִשער דיכטער שלמה שנהוד ביים איבערזעצן יעקב גלאַטשטיינס לידער אויף העברעיִש.

פון יעקב גלאַטשטיינס זעלבסט־אַנטאָלאָגיע, וואָס איז דערשינען צום יום־טוב פון זיינע זעכציק יאָר אונטערן נאָמען „פון מיין גאַנצער מי״ און פון זיין נייע־סטער לידער־זאַמלונג „די פרייד פון יידישן וואָרט״ (י. לאַנדאַנס פאַרלאַג „דער קוואַל״, 1961) האָט שלמה שנהוד אָפּגעקליבן און איבערגעזעצט פינף און זיבעציק לידער, וואָס זענען איצט אַרויס אין דער זאַמלונג „מכל עמלי״ אין פאַרלאַג „מוסד ביאַליק״ (ירושלים, 1964).

שלמה שנהוד איז צוגעגאַנגען צום תרגום שירי גלאַטשטיין מיט זיין וווּנדערלע־כער מייסטערשאַפט פון אונדזערע ביידע לשונות; מיט זיין פולער ליבשאַפט צו גלאַטשטיינס לידער און מיט טיפן אַריינלעב אין זייער געמיט און — אָן מורא פאַר אידענטיפיקאַציע, דאָרט ווו זי איז לעקסיש נויטווענדיק און מוזיקאַליש אַ געבאָט.

זאָגט „דער בראַצלאַוער צו זיין סופר״ —

„געוואַלד, נתן, וואָס איז דאָ שייך צו טראַכטן,
לאָמיר גיין באַזאַמען אין רעגנס און אין שנייען,
אין זונען און אין קעלטן.

און לאָמיר זינגען —
בראשית האָט באַשאַפן די וועלט״.

אין שלמה שנהודס איבערזעצונג גייען די שורות אַזוי:

„גוואַלד נתן, מה שייך כאן חשיבה
נלכה נא יחדיו בגשמים ובשלגים,
בשמשות ובקרות.
ונשירה נא —
בראשית ברא עולמות״.

ס׳איז אין די פינף שורות פון שנהודס תרגום איבערגעגעבן געוואָרן מיט אַ מחיהדיקער פינקטלעכקייט דער ריטעם און די אַטמאָספער פון ר׳ נחמנס שמועס מיט זיין סופר ר׳ נתן — אַ שמועס וואָס איז אין גלאַטשטיינס יידישן אָריגינאַל אַ וווּנדערלעכער מיזוג פון פאַרצווייפלטן אויסגעשריי מיט סאַמעטענע „שטילערהייטן״ פון הכנעה און דבקות.

אָבער מיר געפעלט באַזונדער, ווי אַזוי שנהוד האָט איבערגעזעצט דאָס וואָרט „געוואַלד״. ער האָט עס נישט איבערגעזעצט, נאָר עס געלאָזט אַזוי ווי ס׳שטייט און גייט אין יידיש־אָריגינאַל, און מיט רעכט אַזוי. וואָרעם דער יידישער „געוואַלד״ איז פונקט אַזוי העברעיִש ווי יידיש. עס איז אַ וואָרט פון הונדערטער יאָר לאַנגן יידישן לעבנס־שטייגער, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק אַ פולע מאָס פון יידיש־כללישן און אויך יידיש־יחידישן גורל. עס איז אין דעם וואָרט פאַראַן פאַר־צווייפלונג און האָפענונג, קריטיק צו זיך אַליין און אָנקלאָג צום אַרום. עס איז פאַראַן אין אים גלויבן און קאָמפּראָמיטקייט. איז וואָס פאַר אַ צוגעטראַכט אָדער פון ערגעץ אַרויסגעזוכט העברעיִש וואָרט קאָן פאַרבייטן „געוואַלד״ מיט דער גאַמע פון געפילן און איבערטראַכטענישן, וואָס זענען אין אים אַריינגעוואַקסן אין משך פון אַזוי פיל דורות?

„געוואַלד״ איז אויך אויף העברעיִש „געוואַלד״ און „לב״ איז אויך אויף יידיש „לב״ און קאָן נישט תמיד פאַרביטן ווערן מיט האַרץ. טאַקע אין דעם זעלבן צי־טירטן שמועס לאָזט יעקב גלאַטשטיין זאָגן ר׳ נחמנען צו זיין סופר ר׳ נתן —

„דערימאַך, זאָג איך דיר, נתן,
טראַכטן איז ווי נאָטן צו געזאַנגען,
און די געזאַנגען ווינען אין לב״.

די דיכטערישע אינטויִציע האָט גלאַטשטיינען אונטערגעזאָגט, אַז די געזאַנגען קאָנען אין ר׳ נחמנס לשון נישט וווינען אין האַרץ, נאָר אפילו אויף יידיש איז לב, וואָרעם „לב״ איז אַרומגעוואַקסן מיט דורותדיקע אַסאָציאַציעס פון מחשבה און

שירה, און האַרץ איז אין דעם קאָנטעקסט אָן אָן ערך מינער, אָן אַן ערך אַ קלענערע כלי, ווי לב. שפּעטער מיט איין פערז נוצט ר' נחמן דאָס וואָרט האַרץ, ווען ער טענהט צו ר' נתנען —

„זע, אַז ס'האַרץ זאָל טראַכטן לויטער
וועט ממילא דער קאָפּ אויפהערן צו טשאַדן"

און דאָס „האַרץ" איז דאָ באַשיימפּערלעך אַ קלענערער, אַ פּרימיטיווערער אינסטרומענט ווי „לב", אין וועלכן עס וויינען די געזאַנגען פון דורות.

אַ דאַנק דער אַנמוראַדיקייט פון שלמה שנהודן פאַר דער אידענטיפיקאַציע פון אונדזערעביידע לשונות און אַ דאַנק זיין דינעם חוש השמיעה פאַר דער בשותפותער יידישער אייגנאַרטיקייט פון העברעיש און יידיש (די אַנמוראַדיקייט פאַר אידענטי־פיקאַציע איז גלייכצייטיק די מוטער און דאָס קינד פון דעם דינעם שפּראַכלעכן חוש השמיעה) האָט דער דיכטער־איבערזעצער געקאָנט נעמען ערנסט די איראָני־שע רייד פונעם זשוואַון פאַסטעכל אין גלאַטשטיינס ליד „זיצט אַן אַלטער פאַסטעך" —

„און דו, פאַלג מיך לעמאַנאַשעם,
מעגסט אויך שוין האָבן
זרגונית אין ויאמר".

שנהוד זעצט איבער די שורות מיט —

„ואתה שמע בקולי, למענשם,
כבר זמן לך הזרגונים לשמוע גם כן
כשמוע את הויאמר".

ער לייגט אויס דעם „למנשם" און פּריער מיט עטלעכע שורות אויך דעם „אמיר־צהשם" אויף „זרגונית" ווייל דער אויסלייג און דער אַרויסרייד על־פּי לשון־קודש־דיקן דקדוק וואָלט געווען אַ פּגם אין דער מוזיקאַלישער האַרמאָניע פון די פערזן אין אָריגינאַל און אין דער איבערזעצונג.

און ווען דער אַלטער פאַסטעך פרעגט ביים אָנהייב פונעם ליד —

„מיין ליבער, ווילער יודע,
וואָס האַקסטו אָזוי די סעודה?"

זעצט דאָס שנהוד איבער, און גוט, און אין קאָרב אַריין פון איין און דעם זעלבן פאָלקסגעמיט פון לשון־קודש און יידיש מיט —

„חביבי יקירי, אמור נא לי, יודה,
מה זה תרביץ פה כל את הסעודה?"

(אונטער דעם דלת פון „הסעודה״ נישט אַ קמץ על־פּי דקדוק, נאָר אַ סגול על־פּי „זרגונית״).

עס טרעפט, פאַרשטייט זיך, אַז אויך שנהוד דערשרעקט זיך פאַר אידענטי־פיקאַציע און אַז ס׳קומט צו איבערזעצן אין דעם זעלבן ליד די שורות —

„בין איך אויף געהאַקטע צרות,
ווייל כ׳בין אַ יידעלע קאַטאָרע״

(אַ זייער געראָטענער גראַם צו יצר הרע מיט אַ פערז פריער), איז שנהודס תרגום אַזאַ בלאַסער, ווי —

„שרוי אני בצרות צרורות,
כי יהודי אני להוט מאד״.

„אַ ייד קאַטאָרע״ איז טאַקע נישט אַזוי איינגעטונקען אין אַזאַ רייכער היסטאָריש־מוזיקאַלישער גאַמע פון געפילן ווי דאָס וואָרט „געוואַלד״, אָבער דער „קאַטאָרע־ייד״ פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל פנימער פון אַן עטלעכע דורות אַלטער תחום־המושב־געשטאַלט און קיין איינס פון די פנימער ווערט נישט קלאָר און בולט, ווען מען באַצייכנט דעם ייד מיט „יהודי להוט מאד״. ס׳וועט נישט העלפן: דער „ייד קאַטאָרע״, וואָס האָט אַריינשפּאַצירט אין דער יידיש־ליטעראַטור, לכל הפחות, פון שלום־עליכמען ביז גלאַטשטיינען, וועט אויך אין העברעיִשן תרגום מוזן בלייבן אַ „יהודי קאַטאָרע״, סיידן מען וויל אים בכיוון פאַרמאַסקירן מיט אַזאַ איבערזעצונג ווי „יהודי להוט מאד״, כדי מען זאָל נישט זען קיין איינס פון זיינע פנימער און מען זאָל נישט וויסן, ווער אַזוינס ער איז געווען און איז נאָך. איך זאָג איז נאָך, וואָרעם דער „ייד קאַטאָרע״ האָט אויך זיין שארית־הפליטה און האָט אויך עולה געווען קיין ישראל.

אין פולן שווונג פון שעפערישער דרייסטקייט איז שלמה שנהוד ביים איבערזעצן גלאַטשטיינס ליד „רעד צו מיר יידיש״.

די ערשטע סטראָפע —

„רעד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר רעדן עברית ממילא.
אברהם מיט שרהן קומען מיר אַנטקעגן
פון דער מערת המכפלה״.

ווערט פולשטענדיק איבערגעזעצט אין עברית, אָבער אַז ס׳קומט צו דער צווייטער סטראָפע —

„גאָט־העלף, זיידע־באָבעשי,
אברהם גייט שווייגנדיק די גאַס אַריבער,

נעם זיך נישט צום האַרצן, יאַנקעלע,
זאָגט שרה, ער איז מבין כל דיבור״.

גייט דער תרגום שנהוד אַזוי —

„גאָט־העלף, זיידע־באָבעשי.
אברהם חוצה הרחוב מהורהר בשתיקה לי,
נעם זיך נישט צום האַרצן, יאַנקעלע,
ער איז מבין כל דיבר, אומרת שרה לי״.

(ביי כל דיבר איז די בית מיט אַ סגול, און נישט מיט אַ וואָוו נאָך דער בית על־פּי דקדוק, כדי דאָס וואָרט זאָל אויך אין העברעיִשן זאַץ אַרויסגערעדט ווערן יידיש).

די דריטע און פערטע סטראָפע קומען אין יידישן אָריגינאַל און די פינפטע אין העברעיִשן תרגום —

„אברהם סבא מעבר לרחוב
רומז במטפחת אלי בנפנוף,
הוי, דברי אלי יידיש, ארצי היהודית,
וממילא אדבר פה אליך עברית״.

נאָך אָט דעם יידיש־העברעיִשן איבערשמועס צווישן יאַנקעלען, דעם יידיש־דיכטער, און אברהם און שרהן, וואָס קומען אייגנס אַרויס פון דער מערת המכפלה אים טרייסטן, קומט אויך דאָס יידישע לאַנד אַליין צום וואָרט דאַדורך וואָס שלמה שנהוד איבערזעצט צום סוף די דריטע און פערטע סטראָפע אויף העברעיִש און „מיין יידיש לאַנד״ ענטפערט יעקב גלאַטשטיינען, אַז —

„האמן לי, ינקלה, יבואו ימים,
ובארץ הט״ו בשבט של צמוקים ותאנים
יחדלו יידיש לשתוק
כל ילדי העברים״.

(דער יידישע אָריגינאַל: גלייב מיר, יאַנקעלע, ס׳וועט קומען אַ צייט אין חמשה־עשר־לאַנד פון ראָזשינקעס און פייגן, אַז אַלע עברית־קינדער וועלן אויפהערן יידיש־שוויגן).

מיט דעם איבערזעץ צום סוף פון די פריער, אין אָריגינאַל, געלאָזענע סטראָפעס, האָט שלמה שנהוד אַריינגעבראַכט אין דעם תרגום טעאַטראַלישן חן און האָט, וואָלט איך געזאָגט, ממלא געווען למעשה די בקשה פון יעקב גלאַטשטיינען: רעד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד, און איך וועל צו דיר רעדן עברית ממילא.

אין סך־הכל פון מיינע באַמערקונגען וועגן תרגום שנהוד פון יעקב גלאַט־שטיינס לידער קאָן איך זאָגן, אַז די שכינה האָט גערוט אויפן איבערזעצער און עס איז אַרויסגעקומען איינע פון די סאַמע געראָטנסטע איבערזעצונגען, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען פון יידיש־לידער אויף העברעיש.

✶

נאָכגייענדיק דעם העברעיִשן תרגום האָב איך נאָך אַ מאָל געבלעטערט און טאַקע מעיין געווען אין דעם יידישן אָריגינאַל פון גלאַטשטיינס איבערגעזעצטע לי־דער און עס האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט שורות, סטראָפן און לידער, וואָס איך האָב ביים פריערדיקן לייענען עפּעס ווי נישט באַמערקט.

עס איז מיר אויפגעגאַנגען די קרובהשאַפט צווישן אַזעלכע פאַרשידענע דיכ־טערס ווי מנחם באָריישאַ ז״ל און גלאַטשטיין, אים צו לאַנגע יאָר. ביידנס געמיט פון זייערע לידער איז אויף דער שטענדיקער זוכעניש נאָך „דיין כזית קדושה״ (דער נאָמען פון גלאַטשטיינס אַ ליד אין זיין ציקל „ערדענע רייד״). מנחם באָריישאַ האָט דעם דאָזיקן „כזית קדושה״ געזוכט אידעיִש און זיין דערגרייך איז צום בעסטן פאָרמולירט געוואָרן אין זיינע עסייען.

יעקב גלאַטשטיין האָט דעם „כזית קדושה״ געזוכט בלויז קינסטלעריש. און דער גרויסער דערגרייך איז, וואָס גלאַטשטיינס מאָדערן ליד מיט אַלע נייע סענסיטיוו־קייטן פון אונדזער צייט האָט זיך באַוויזן איינצוגלידערן אין דער מוזיק פון אייביקן יידישן לשון, וואָס דאָס לשון זאָל נישט זיין: יידיש, העברעיִש, אַראַביש אָדער אַן אַנדערע שפּראַך, וואָס איז געווען אינטים פאַרבונדן מיטן יידישן געמיט. ווען גלאַטשטיין באַזינגט די פרייד פון יידישן וואָרט איז דאָס אין תוך מער ווי די פרייד פון יידיש לשון. עס איז דער רוף וואָס שאַלט אַרויס פון אייביקן יידישן לשון —

„אין דיינע ווייטע באַהעלטענישן,
שטעלסטו אַן דעם וועק־זייגער
אויף שמע ישראל״.

דאָס איז אַ מוזיקאַלישער רוף, וואָס גייט אויף פונעם טראָפּ ביי קריאת התורה, פון דעם געזאַנג פון תפילות און פון דעם רעטשיטאַטיוו פון פיוט, פון דער רחבות פון זמירות און פון דער דבקות פון חסידישע זמרלעך. יענער דורותדיקער מוזיקאַלישער רוף איז געוואָרן דער גרונטמאָטיוו פון יעקב גלאַטשטיינס ליד און אויך זיין גרוי־סער קינסטלערישער דערגרייך.

✶

פּראָפ׳ דב סדן האָט אָנגעשריבן אַ גרינטלעכן און אַרומנעמענדיקן קריטישן אַריינפיר צו גלאַטשטיינס לידער. דער מעטאָד פון סדנס הקדמות צו די איבער־

זעצונגען פון יידישע דיכטער איז זייער אַ גוטער און עפעקטיווער. ער פּרעזענטירט דעם דיכטער פאַרן העברעיִשן לייענער־פּובליקום, אַזוי צו זאָגן, מיט זיין פולן קריטישן באַגאַזש. ער דערציילט דעם לייענער, וואָס די יידישע קריטיק האָט ביז איצט געזאָגט וועגן גלאַטשטיינען. ער גיט איבער די מיינונגען מיט הסכּמה צו אַ טייל פון זיי און מיט פּאָלעמיק צו אַנדערע. און ער אַליין, סדן, איז אָפּט דער סאָלי־דער און חריפותדיקער „פּסוק השלישי״, וואָס אַנטשיידט צווישן און איבער די מיינונגען.

מער וועגן פּראָפ׳ סדנס אַריינפיר צו שנהודס איבערזעצונג פון יעקב גלאַט־שטיינס לידער געהערט נישט אַהער, נאָר צו דער מסכתא: סדן דער קריטיקער וואָס דאַרף באַזונדער באַהאַנדלט ווערן.

איין באַמערקונג פון סדנען וועגן גלאַטשטיינען וויל איך דאָ דערמאָנען, ווייל אומאָפּהענגיק איינער פונעם אַנדערן האָבן סדן און איך אַרויסגעזאָגט דעם זעלביקן געדאַנק וועגן דעם פּרט פון ענלעכקייט צווישן גלאַטשטיינען און שלום־עליכמען. סדן זאָגט עס אין זיין אַריינפיר־וואָרט צו שנהודס תרגום־גלאַטשטיין און איך האָב עס אַרויסגעבראַכט אין מיינער אַ געלייענטער עסיי וועגן גלאַטשטיינס „מיט מיינע פאַרטאָג־ביכער״ (אָוונט פון קולטור־קאָנגרעס, 5טן אָקטאָבער 1963) אין כמעט איינע און די זעלביקע ווערטער: ווי שלום־עליכם אין דער פּראָזע, אַזוי איז גלאַט־שטיין אין זיין דיכטונג אַן איינמאָליקע דערשיינונג. מען קאָן אים בלויז באַוווּנדערן, אָבער נישט נאָכמאַכן.

העברעישע אַנטאָלאָגיעס פון יידישער דיכטונג

א

עַל נהרות

שמשון מעלצער האָט בלויז אין דער פריער יוגנט געשריבן לידער אויף יידיש, אָבער ער פאַרדינט אין אַ פולער מאָס די באַצייכענונג העברעיִש־יידישער דיכטער, ראשית, ווייל זיין העברעיש איז אַ ווונדערלעכער זיווג פון עברית און יידיש, און שנית, ווייל ער איז איינער פון די סאַמע שעפערישסטע איבערזעצער פון יידיש אויף העברעיִש.

נאָך ביאַליקס „שירי עם״, וואָס האָבן באַוויזן אַריינצוברענגען אין דער פייער־

לעכקייט פון העברעיש אַזאַ פאָלקסטימלעכן יידיש־טאָן, אַז מען האָט דעם איינדרוק, נישט אַנדערש נאָר, אַז אין זשיטאָמיר און אין באַרדיטשעוו איז העברעיש געווען דאָס גערעדטע פאָלקס־לשון — נאָך ביאַליקס „שירי עם״ איז שמשון מעלצער, דער דיכטער פון אונדזער דור, אַ נאָכגייער פון ביאַליקס „שירי עם״.

אַחוץ דעם וואָס זיין לשון איז אַ מזיגה פון העברעיש מיט דעם טאָן פון יידי־שער פאָלקסטימלעכקייט, איז שמשון מעלצער, ווי געזאָגט, איינער פון די פּרוכ־פערדיקסטע איבערזעצער פון יידיש אויף העברעיש. ווי די צוויי וויכטיקסטע תרגומים זיינע דערמאָן איך די צען בענד שריפטן פון י. ל. פרץ, וואָס זענען אַרויס אין פאַרלאַנג „דביר״ און האָבן דעם דיכטער געבראַכט דעם לוין פון דער טשער־ניכאָווסקי־פּרעמיע, און די אַנטאָלאָגיע פון יידישער דיכטונג „על נהרות״, וואָס איז אַרויס אין 1956 אין פאַרלאַג „מוסד ביאַליק״ אין ירושלים.

אין דער אַנטאָלאָגיע „על נהרות״ גייען אַריין די לידער פון 76 יידיש־דיכטער, אַלע אין שמשון מעלצערס איבערזעצונג. די אַנטאָלאָגיע האָט אַ קריטישן אַריינפיר פון פּראָפ׳ דב סדן און ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן די איבערזעצטע דיכטער פון משה שטאַרקמאַן.

כדי דער לייענער זאָל פילן דעם טעם פון דער צום גרויסן טייל אויסנאָמלעכער געראָטנקייט פון שמשון מעלצערס איבערזעצונגען, וועל איך דאָ ברענגען דריי ביישפילן.

ביישפיל נומער איינס איז די ערשטע סטראָפע פון משה לייב האַלפּערינס באַרימטן ליד „די זון וועט אַרונטערגיין״. דער אָריגינאַל לייענט זיך —

„די זון וועט אַרונטערגיין אונטערן באַרג,
וועט קומען אַ שטילע די ליבע צו גיין,
וועט קומען אַ שטילע די ליבע צו גיין,
צום אומעט וואָס זיצט אויף אַ גאָלדענעם שטיין
און וויינט פאַר זיך איינעם אַליין״.

מעלצער האָט אין זיין איבערזעץ אָפּגעהיט אַלץ פון משה לייבן: די ווערטער, דעם בוי און די פולע אייגענע מוזיקאַלישקייט פון דעם ליד. דער תרגום גייט אַזוי —

„השמש תשקע לה מעבר להר,
תגיע בשקט, תבא אהבה,
תגיע בשקט, תבא אהבה,
תוגה תושיבנה על כס זהבה,
תבכה עמה יחד בכל לבבה״.

צווייטער ביישפיל — י. י. שוואַרצס ליד „דאָס ווייס איך געווי״, וואָס מאַכט אין אַכט שורות אַ האַרבן נאַציאָנאַלן חשבון מיט די דייטשע מערדער —

„וואָס וואָלטן קאַנט אָדער געטע, אין זייער גרויס חכמה, געזאָגט
וועגן אַ מאָרד פון אַ פאָלק, וואָס זיצט פרידלעך ביי זיי אין לאַנד?
וועגן די הענט פון אַ פאָלק, זייער פאָלק, וועלכע רויטן פון בלוט?
קען זיין ס׳וואָלט עפּעס געזאָגט זיי דער טרוימער פון „ריינער
פאַרנונפט״.
קען זיין דער שאַפער פון „פאַוסט״ וואָלט אַראָפּ פון אָלימפּ,
עפּעס געזאָגט זיי אַזוינס — אָבער זיכער אין דעם בין איך ניט.
וואָס אָבער מיכה, דער מאַן פון מורשת, אויף דעם וואָלט געזאָגט,
צי עמוס פון תקוע, דער פאַסטעך — דאָס ווייס איך גענוי״.

אין מעלצערס העברעיש —

„מה היו קאנט און גם גיטה אומרים בחכמתם כי רבה
על רצח של עם היושב בבטחה ובשלום בארצכם?
ועל ידיהם של עמם, שהדם עוד מהביל עליהן?
אפשר שהיה מה אומר, זה הוגה „התבונה הטהורה״
אפשר יוצר „פאוסט״ מעל גב האולימפוס היה משתפל
וסח לעמו מין דבר — אך בטוח אינני בזה.
אך מה שמיכה ממורשת על כל זה היה מדבר,
או עמוס הרועה מעיר תקוע — את זה אדעה בדיוק״.

מיר דאַכט זיך, אַז אין דעם פאַל גיט די קורצקייט פון העברעיש נאָך עפּעס צו צו דער איראָניע און ביטערקייט פונעם חשבון.

ביישפּיל נומער דריי, יעקב גלאַטשטיינס „אַ יידישע קרוין״, ווו עס איז מעלצערן געלונגען איבערצוגעבן גלאַטשטיינס האַרציקע און קלוגע פּאַעטישע זאָגעניש וועגן זיין פאָטער. איך ציטיר די ערשטע ניין שורות:

„ווען מיין טאַטע איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר
האָט ער אָנגעטאָן די עלטער ווי אַ יידישע קרוין.
ער האָט פאַרנומען זיין אָרט אין דער הייליקער עדה
און מיט צערטלעכער טאַטעשקייט
געוואָרן מיין זיידע.
איבער נאַכט בין איך זיין איניקל געוואָרן.
מיר האָבן דערפון ביידע געוווּנען און גאָרנישט פאַרלאָרן.
מיר האָבן ביידע געזונגען אַ ירושהדיק ליד״.

אין מעלצערס העברעישער איבערזעצונג איז געבליבן דער פולער אַראָמאַט פון דער דערציילערישקייט און פון דעם ליריזם אין גלאַטשטיינס ליד —

שלמה ביקל

„כשמלאו לאבא ארבעים שנה,
הוא שם עלי ראשו את הזקנה
ככתר יהודי.
מיד תפס את מקומו בקהל־הקודש,
ובאהבהות טובה ומרוככת
הוא נעשה לי סבא.
בין לילה נעשיתי לו כנכד.
שנינו לא הפסדנו, שנינו רק הרוחנו.
שנינו יחד שרנו שיר שבירושה לקחנו״.

שמשון מעלצער האָט מיט זיין אַנטאָלאָגיע „על נהרות״ אויפגעטאָן אַ סך פאַר דער פאַרשפּרייטונג פונעם יידיש־דיכטערישן וואָרט אין ישראל. ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַן אויסנעמלעכע אַרבעט־קראַפט און באַגאַבונג. ער איז געווען דער ראשון. זיבן יאָר שפּעטער, אין 1963, איז דערשינען די צווייטע אויסגעצייכנטע העברעישע אַנטאָלאָגיע פון יידישער דיכטונג, „מבחר שירת אידיש״, פונעם דיכטער משה באַסאַק ז״ל, אין פאַרלאַג פון „הקיבוץ המאוחד״.

וואָס שייך זיינע אייגענע העברעישע לידער, האָט שמשון מעלצער מיט צען יאָר צוריק, צו זיין 50סטן געבוירן־טאָג, צונויפגענומען אַלע לידער פון זיינע פריי־ערדיקע לידער־זאַמלונגען און זיי אַרויסגעגעבן אין איין באַנד אונטערן נאָמען „אור זרוע״ (דאָס זענען די ערשטע צוויי ווערטער פונעם עלפטן פסוק אין 97סטן קאַפּיטל תהלים, „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה״, וואָס אין יהואשס איבער־זעצונג לייענען זיי זיך: אַ ליכט איז פאַרזייט פאַרן צדיק און פאַר די רעכטפאַרטיקע הערצער אַ פרייד).

דער נאָמען „אור זרוע״ זאָגט אָן דעם גרונטמאָטיוו פון שמשון מעלצערס ליד. מעלצערס ליד איז די גלאָריפיקאַציע פונעם צדיק און פון דעם רעכטפאַרטיקן. עס באַגייסטערט מעלצערן די וואָר און די לעגענדע פונעם חסידישן צדיק. ער האָט די חסידישע מעשות געשעפּט פון זיין פאָטערס שטוב אין מזרח־גאַליצישן שטעטל טלוסט (יידן האָבן עס גערופן טאָוסט) און פון זיין שווער, דעם תלמיד־חכם ר׳ הענעך שעכטער ז״ל, וואָס איז געווען אַ מקורב ביים טשאָרטקאָווער רבין. אין דעם שטעטל טלוסט איז, לויט דער מסורה, נתגלה געוואָרן דער בעל־שם־טוב און אויפן דאָרטיקן בית־עלמין געפינט זיך דער קבר פונעם בעל־שמס מוטער שרה.

טאַקע וועגן בעל־שמס מוטער שרה האָט מעלצער אָנגעשריבן אַ באַלאַדע מיטן נאָמען „כתר״. איך דערמאָן די דאָזיקע באַלאַדע צו ערשט, ווייל דער דיכטער האָט זי איצט אַליין אונטערן אויסגעברייטערטן נאָמען „דריי קרוינען״ איבערזעצט אויף יידיש און זי וועט זיין געדרוקט אין מאַי־יוני־נומער פון חודש־זשורנאַל „די צו־קונפט״. די באַלאַדע איז געבויט אויף דער פריינטשאַפט צווישן בעל־שמס מוטער

שרה און שמשון מעלצערס אַן עלטער־באַבע, וואָס האָט געהייסן רחל ווײַנשעל און איז געווען אַ גבירנטע. זי פלעגט דאָס מכבד זיין דעם בעל־שמס מוטער מיט אַ שמעק טאַבאַק פון איר גילדענעם פושקעלע און זי האָט דאָס געראָטן דעם בעל־שמס מוטער, אַז זי זאָל איר יתום ישראליק אַריינגעבן פאַר אַ בעלפער צו אַ מלמד אין שטאָט. די שענסטע באַלאַדישע מאָמענטן אין דער דאָזיקער פּאָעמע זענען דער אופן ווי אַזוי מען האָט געפונען די קברים פון ביידע צדקניות (דעם בעל־שמס מוטער האָט קיין מצבה נישט געהאַט און אויף רחל ווײַנשעלס מצבה האָט די צייט אָפּגעריבן די גילדענע אותיות), און ווי אַזוי ביידע שכנות האָבן זיך געטראָפן אין גן־עדן און שמעקן דאָרט אין איינעם טאַבאַק.

אַחוץ די חסידישע צדיקים איז איינער פון שמשון מעלצערס באַליבטע העלדן רש״י (אחד־העם האָט מיט רעכט געהאַלטן, אַז רש״י איז איינער פון די סאַמע נאַציאָנאַלסטע און פאָלקסטימלעכסטע יידיש־גייסטיקע העלדן).

אין זיין געזאַנג צו רש״י, וואָס שמשון מעלצער האָט אָנגעשריבן צום ניין הונדערסטן געבוירן־טאָג פונעם גרויסן פרשנדתא, אין 1940, האָט ער אַרויס־געבראַכט די פּערזענלעכע ליבע־באַציונג, וואָס חדר־יינגלעך האָבן געהאַט צו דעם לירישסטן פּאַרטייטשער פון חומש.

„אשירה לרש״י, אנכי אשירה בשנת ת״ו ת״ו קו״ף להולדתו
בשמי ובשם חברי שנולדו בתרס״ט ובתר״ע ובתרע״א.
אשירה לרש״י — לפי שזכרו מתעורר בלבי כילדותי.
(כתכלת שמים בפרוס חג הפסח) כירק בחג שבועות,
כזהב השבולת באב ואלול, כאודם שלכת בסתו.
אשירה בשמי ובשם חברי — תלמידי ר׳ אהרן המלמד.
תחילתם מסובים לשולחן האחד וסופם פזורים בעולם״.

אין פּראָזע אויף מאַמע־לשון איז דער טייטש פון די ערשטע זיבן שורות פון מעלצערס לענגערן מזמור־שיר צו רש״י: „איך וועל זינגען צו רש״ין צו זיין 900סטן געבוירן־טאָג. כ׳וועל זינגען אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון מיינע חב־רים, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין תרס״ט, תר״ע און תרע״א (1909, 1910 און 1911). כ׳וועל זינגען צו רש״ין, ווייל זיין אָנדענק דערוועקט זיך אין מיר ווי מיין קינדהייט, ווי די בלויקייט פון הימל אום פּסח, ווי די גרינקייט אום שבועות, ווי דאָס גאָלד פון די זאַנגען אין די חדשים אב און אלול און ווי די רויטקייט פון די געפאַלענע בלעטער אין האַרבסט. כ׳וועל זינגען אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון מיינע חברים — די תלמידים פון ר׳ אהרן מלמד, וואָס צום אָנהייב זענען מיר גע־זעסן ביי איין טיש און דערנאָך האָבן מיר זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט״.

דער גרעסטער שבח וועגן דעם ליד איז, דאַכט זיך מיר, וואָס אַלע געבוירענע מיט יאָרן פריער און אויך יאָרן שפּעטער מוזן פון גאַנצן האַרץ מיטזינגען דאָס

געזאָגנ צו רש״ין און אים נאָכזאָגן: ווי האָבן מיר דיך געליבט, אונדזער אַלטן רש״י. און ווי האָבן מיר דיך געצערטלט (וכמה אהבנוך, רש״י, הזקן, וכמה חבבנו אותך!).

איינע פון מעלצערס ערשטע און ביי אונדזער דור לייענער פּאָפּולערסטע באַלאַדן זיינע איז „בין טלוסט העיר וטלוסט הכפר״ (צווישן טלוסט דער שטאָט און טלוסט דעם דאָרף). אין דעם ליד זענען די שורות שמעלער און מער קליינגעווידיק ווי אין דעם שיר־מזמור צו רש״ין. שוין אין דעם קלאַנג פון די שמאָלע שורות גייט אויף דער ריח פון לעגענדע און פון פאַרליבטקייט אין לעגענדע —

„בין טלוסט העיר וטלוסט הכפר
הרחק ממתים (די ערשטע מ״ם מיט אַ חיריק און די צווייטע מיט אַ שוואָ)
לצד ההר
בבית דל נמוך וצר
הבעש״ט זצ״ל היה שם דר.
הבעש״ט זצ״ל היה — אבוי —
לובש ברוסלק, מלבוש של גוי
ישן נושן, נטול הגוי,
וטלאי על טלאי ובלוי על בלוי״.

אויף מאַמע־לשון הייסט עס: צווישן טלוסט דער שטאָט און טלוסט דעם דאָרף, ווייט פון די איינוווינער, צו דער זייט פונעם באַרג, אין אַ נידעריקן און ענגן שטיבל האָט דאָרט געוווינט דער בעש״ט זכרונו צדיק לברכה.

דער בעש״ט זצ״ל איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוסליק, אַ מלבוש פון אַ גוי. אַלט איז דאָס מלבוש געווען און לאַטע אויף לאַטע. אין לאַטע אויף לאַטע איינגעהילט דער גוף, אָבער די נשמה פול מיט ליבשאַפט צו יעדער קראַ, וואָס רוט זיך אָפּ אַ מידע אויפן עירוב דראָט פון איר פלי.

אין דעם זעלבן פרומען פאַרליבטן מעשהלע־טאָן איז געשריבן דאָס ליד וועגן טשאָרטקעווער חסידות „כידוע בטשאָרטקעוו״ (אין די באַמערקונגען ביים סוף פונעם בוך גיט מעלצער איבער, אַז די מעשה וועגן טשאָרטקעוו האָט אים דערציילט זיין שווער, דער הייסער טשאָרטקעווער חסיד ר׳ הענעך שעכטער).

הערשל דער גרויסער, וואָס איז ווי הערשל דער קליינער געווען איינער פון די גבאים אין טשאָרטקעוו, האָט איין מאָל דערהערט ווי דער רבי שפּאַצירט אַרום ביי זיך אין חדר און רעדט צו זיך אַליין —

„(ואולי? מי יודע למי הוא דבר?
מי יודע למי סיפורו הוא ספר?)
ומהיכן נוטלים
זו אהבת ישראל של ר׳ אורילע מסטרעליסק,

מהיכן נוטלים
זו אהבת ישראל של ר׳ אורילע מסטרעליסק.
ווּ נעמט מען דאָס, ווּ נעמט מען דאָס ?״

איך האָב ציטירט די דאַזיקע סטראָפע פון דעם גרעסערן ליד, כדי צו ווייזן, אַז שמשון מעלצער האָט נישט קיין מורא אַריינצופלעכטן דעם אָריגינעל יידישן שמועס אין זיין העברעישן ליד.

דער קינסטלער פילט, אַז „מהיכן נוטלים ?״ האָט נאָך נישט אויסגעשעפּט די גרויסע באַוווּנדערונג פונעם טשאָרטקעווער צו ר׳ אורי סטרעליסקערס אהבת ישראל. די באַוווּנדערונג ווערט ערשט פול און גאַנץ, ווען זי ווערט אַרויסגעבראַכט אין אָריגינאַל ; ווּ נעמט מען דאָס ?

ב

מבחר שירת יידיש — משה באַסאָק

משה באַסאָקס העברעישע אַנטאָלאָגיע פון יידישער דיכטונג, וואָס איז אַרויס אין פאַרלאַג פון „הקיבוץ המאוחד״, איז אין משך פון זיבן יאָר די צווייטע אין דער ריי. די ערשטע, וואָס איר רעדאַקטאָר און איבערזעצער איז געווען דער דיכטער שמשון מעלצער, איז דערשינען אין פאַרלאַג פון „מוסד ביאַליק״.

פּאָר אַלעמען, דאַרף מען פאַרצייכענען מיט אמתער צופרידנקייט, אַז אין ביי־דע אַנטאָלאָגיעס איז בולט די ליבשאַפט, מיט וועלכער זייערע מחברים האָבן געטאָן די אַרבעט פון תרגום און אָפּקלייב, און אַז ביידע דיכטער־אַנטאָלאָגיסטן זענען פול מיט התפעלות פאַר די גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען, וואָס די יידיש־פּאָ־עזיע האָט דערגרייכט אין משך פון איינע פערציק יאָר.

זאָגט שמשון מעלצער אין זיין הקדמה צו דער אַנטאָלאָגיע פון 1956 : „אויב עס וועט מיר געלינגען איבערצוגעבן דעם העברעישן לייענער, און דערעיקרשט דעם יונגן לייענער, עפּעס פון דעם טעם וואָס איך און מיין דור האָבן געפילט אין אָריגינאַל פון דער דאַזיקער דיכטונג, וועט דאָס זיין מיין לוין״.

און פונקט ווי דער גאַליציאַנער שמשון מעלצער, שפּילט אויך נישט דער ליטוואַק משה באַסאָק קיין איינגעהאַלטנקייט מיט זיין ליבע־דערקלערונג. ער זאָגט : „די ליבשאַפט פון מיין האַרץ צו דער יידיש־דיכטונג איז געוואָרן אַ חוב פון מיין האַרץ און — האָט מיר געבאָטן : טו. און אָט האָט זיך אויסגעלאָזט די מעשה פון דעם בוך, אָבער — זי איז נישט פאַרענדיקט״.

ביידע אַנטאָלאָגיסטן זאָגן צו, זיך אומצוקערן צו דער וווּנדער־מעשה פון דער יידישער דיכטונג און צו איבערזעצן פון איר נאָך און נאָך, און וואָס מער.

און וואָס שייך די התפּעלות פאַר דעם אויפשטייג, פאַר דעם וווּקס, פאַר דעם „וווּנדער איבער וווּנדער" פון דער ייִדיש־דיכטונג, זאָגט דב סדן אין זיין אַריינפיר צו שמשון מעלצערס אַנטאָלאָגיע פון 1956, אַז „עס איז כמעט נישט צום גלייבן, אַז אין דעם לפי ערך קורצן צייטאָפּשניט, וואָס ליגט צווישן אליקום צונזערס געזאַנגען און די לידער פון ה. לייוויק אָדער משה קולבאַק, צווישן די פּערזן פון ב. שאַפּיר און די לידער פון משה לייב האַלפּערן אָדער מאַני לייב, צווישן די קופּלעטן פון וועלוול זבאַרזשער און די לידער פון יעקב גלאַטשטיין אָדער איציק מאַנגער — זאָל געווען מעגלעך זיין אַזאַ פּאַרויסמאַרש, וואָס אין אַנדערע ליטעראַטורן וואָלט דערויף נייטיק געווען אַ לאַנגע קייט פון דורות".

און משה באַסאַק שטרייכט אונטער אין זיין הקדמה צו דער אַנטאָלאָגיע פון 1963 דעם זעלביקן געדאַנק, און מיט דער זעלביקער באַגייסטערונג. ער זאָגט אַז אויף „דעם ענגן שטח פון פּערציק יאָר האָבן זיך צונויפגעדרענגט דורות פון דיכטונג נאָענט צו אַנאַנד און אַריבעריאָגנדיק איינס דאָס אַנדערע, און אַלע זענען זיי די ברכה פון פאָלק און דער שפּרייט פון זיין עשירות".

אין די זיבן יאָר צווישן שמשון מעלצערס און משה באַסאַקס אַנטאָלאָגיע איז ממש פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין דער באַציונג צווישן אונדזערעביידע ליטעראַטורן. עס מערן זיך די איבערזעצונגען פון ייִדישע דיכטערס אויף העברעיִש (די סאַמע נייעסטע און אויסנעמלעך געראָטענע, וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען, זענען יעקב גלאַטשטיינס „פון מיין גאַנצער מי" און אברהם סוצקעווערס „געהיים־שטאָט". די ערשטע האָט געמאַכט דער דיכטער שלמה שנהוד און די צווייטע — דער פּאָעט י. גולה, וואָס איז, בעת ער האָט נאָך געווילט אין ראַטן־פּאַרבאַנד, אונטער אָט דעם פּסעוודאָנים געקרוינט געוואָרן מיט דער ישראל־פּרעמיע), און מיר האָבן אפילו ביי דער נישט־געהויבענער מערכה פון אונדזערע ייִדיש־פּאַרלאַגן צו פאַרצייכענען צוויי וויכטיקע תרגומים פון העברעיִש אויף ייִדיש (ש. י. עגנון און חיים הזז), און אַ מעלדונג אין דער פּרעסע האָט לעצטנס אָנגעזאָגט אַ באַנד לידער פון אברהם שלאָנסקי. אָבער דער אמתער סימן פון דעם שוועסטער־געפיל צווישן העברעיִש־און ייִדיש־שעפערישקייט, וואָס איז אויפגעקומען אין מדינת ישראל, זענען, בלי ספק, די אויסגאַבעס פון אחד מקרא ואחד תרגום, ד. ה. פון ייִדישן טעקסט מיט העברעיִשער איבערזעצונג. איך דערמאָן דאָ פיר אַזעלכע העברעיִשע תרגומים מיטן ייִדישן אָריגינאַל: אַ זאַמלונג בריוו פון ח. נ. ביאַליק צו זיין פּרוי מאַניאַ; אפרים אויערבאַכס פּאָעמע „די ווייסע שטאָט", איציק מאַנגערס „ליד און באַלאַדע" און מאַני לייבס „לידער און באַלאַדן". און דאָ אַנומלט האָב איך אין דעם פּרט איבערגעלעבט אַן אמת אָנגענעמע איבערראַשונג. עס איז מיר אָנגעקומען אַ העברעיִשער ליטעראַרישער זאַמלבוך, אַרויסגעגעבן פון דער שטאָט־פּאַרוואַלטונג פון דעם עיר ואם אין מדינת ישראל חולון, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם באַוווּסטן ביבליאָגראַף און היסטאָריקער ג. קרעסעל, און איך געפין דאָרט נישט בלויז אי־

בערזעצונגען פון יידישע לידער און אַן עסיי וועגן די יידיש־שרייבער, וואָס וווינען אין חולון, נאָר אויך אַ צוגאָב פון אַ זעכציק־זייטיקן אַפּטייל מיט לידער און דער־ציילונגען אויף יידיש, רעדאַקטירט פון דעם יידיש־דיכטער ל. אַליצקי. „די יידיש־אכסניה" (אַזוי הייסט די יידיש־אָפּטיילונג) האָט אַוועקגעשטעלט ווי אַ מאָטאָ ביאַ־ליקס אַ וואָרט, וואָס פּרץ הירשביין האָט עס איבערגעגעבן בשם אומרו. ווען פּרץ הירשביין האָט אַ מאָל אַ פֿרעג געטאָן ביאַליקן, צי ער קאָן זיך אויסמאָלן די שעה, ווען יידיש וועט אין גאַנצן אָפּשטאַרבן, איז ביאַליק בלייך געוואָרן און האָט גע־ענטפערט: „איך זע ווי אין יענער שעה לעשט זיך אויס דאָס ליכט פון יידישן לעבן".

ביאַליקס דאָזיקער טיף איבערגעלעבטער זאָג דאַרף דינען ווי אַ וואָרענונג פאַר אַלע די, וואָס פאַרבאַדן זיך אידעאָלאָגיש און פאַרזעען דעם אמת פון יידישן לעבן. אָבער דאָ, אין דער העברעיִש־יידישער זאַמלונג פון דער שטאָט חולון, דערציילט דער מאָטאָ אויכעט, אַז אַזוי פיל הערצער אין מדינת ישראל האָבן אויפגענומען די וואָרענונג פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער און אויך זיין זאָרג פון דער סכנה.

די ביז איצטיקע שורות זענען געווען דער „אקדמות מילין", דער „איידער איך הייב אָן צו רעדן" וועגן משה באַסאָקס אַנטאָלאָגיע גופא.

די באַמערקונגען וואָס איך גיי מאַכן זענען נוגע א) דעם אָפּקלייב, ב) די איכות פון דער איבערזעצונג און ג) די קריטישע פּרעזענטירונג פון די דיכטער.

1) שמשון מעלצער האָט אין זיין אַנטאָלאָגיע „על נהרות" געבראַכט לידער פון פיר און זיבעציק פּאָעטן. משה באַסאָק האָט זיך באַגנוגנט מיט זיבן און פופ־ציק. מעלצער האָט די אַנטאָלאָגיע צונויפגעשטעלט טעמאַטיש אָדער, ריכטיקער געזאָגט: מאָטיוויש. ביי באַסאָקן איז דער „אָפּקלייב פון יידיש־ליד" (מבחר שירת יידיש) געאָרדנט לויט די דיכטער און כראָנאָלאָגיש. ער הייבט אָן מיט פּרצן (אַ קליינער פראַגמענט פון די „גאָלדענע קייט") און ענדיקט מיט דעם יינגסטן פון די אַריינגענומענע 57 פּאָעטן: אברהם סוצקעווער.

מיר געפעלט משה באַסאָקס אַנטאָלאָגישער דרך. די כראָנאָלאָגישע פּרעזענטי־רונג פון די דיכטער, איעדער מיט זיין גרעסערן אָדער קלענערן בינטל לידער, איז בטבע מער איבערבליקעריש און גיט דעם לייענער אַ קלאָרן בילד פון דעם פּאָע־טישן גאָרטן, מיט וועלכן דער אַנטאָלאָגיסט זוכט אים צו באַקענען.

און אַזאַ פּאָרטרעטן־גאַלעריע פון פּאָעטן על־פּי כראָנאָלאָגישן סדר איז נאָך וויכטיקער, ווען עס גייט וועגן אַן אַנטאָלאָגיע פון איבערזעצונגען און נישט פון לידער אין אָריגינאַל. די סענסאַציע פאַרן לייענער איז די באַקענטשאַפט מיטן דיכ־טער, און — גיי נעם זוכן דעם פּאָעט אין דער טונקלקייט פון די צונויפגעשטעלטע מאָטיוון־וועלדלעך און גיי זוך אים, ווען דו האָסט נישט געהערט וועגן אים, אָדער יאָ עפּעס געהערט און כמעט גאָרנישט געלייענט פון אים אין אָריגינאַל.

די אַנטאָלאָגישע מעטאָדע, וואָס ס'האָט גענוצט משה באַסאָק אין זיין „מבחר

שירת יידיש" איז, בכן, אַ גוטע און פֿאַרן לייענער אין העברעיִשער איבערזעצונג זיכער די בעסטע. דער העברעיִש־לייענער איז פֿון אַלע לייענער מחוץ פֿון אָריגי־נאַל דער נאָענטסטער צו דער יידישער דיכטונג און ער איז מער ווי די אַנדערע להוט צו וויסן דעם „ווער איז ווער" פֿון די שעפֿער און זיי אָפּצושטעקן אַ שלום־עליכם פֿון אַלטער און פֿון באַנייטער און פֿון נייער באַקאַנטשאַפֿט.

אָבער אָט די ריכטיקע מעטאָדע פֿון פּרעזענטירן די דיכטער אין כראָנאָלאָגישן סדר לייגט אַרויף אַ גרעסערע אחריות אויפֿן אַנטאָלאָגיסט. אין די אַנטאָלאָגיעס וואָס ווערן צונויפֿגעשטעלט לויט די פּאָעטישע מאָטיוון קאָן זיך דער צונויפֿ־שטעלער גיכער פֿאַרגינען אויסצולאָזן דעם און יענעם, וואָרעם ער פּרעזענטירט דאָך מאָטיוון און די דיכטער ברענגט ער ווי ביישפּילן. און אויב ביישפּילן, איז גע־מאָלט, ער זאָל ברענגען אַ בעסערן אָדער ערגערן משל און צו מאָל וויניקער ווי מען דאַרף. באַעוולהן, באַעוולהט דער אַנטאָלאָגיסט דערמיט מער דעם מאָטיוו ווי דעם אויסגעלאָזטן דיכטער.

אָבער ווען מען נעמט זיך אונטער צו פּרעזענטירן די יידיש־פּאָעזיע, אויפֿרו־פֿנדיק די דיכטער לויט זייער עלטער, מוז די פּרעזענטאַציע זיין אַ גאַנצע. די דיכ־טער וואָס באַקומען אַן עליה מוזן זיין רעפּרעזענטאַטיוו, זיי מוזן ריכטיק פּרעזענ־טירט ווערן, און אַלע אין איינעם מוזן געבן אַ פֿול בילד וועגן דעם שטח דיכטונג, וואָס איז דער אָביעקט פֿון דער אַנטאָלאָגיע. אויסלאָזן וויכטיקע דיכטער, הייסט אין דעם פֿאַל נישט, ברענגען וויניקער אַ ביישפּיל פֿאַר דעם אָדער יענעם פּאָע־טישן מאָטיוו, נאָר עס מיינט מינערן פֿון דער יידישער דיכטונג, מינערן פֿון איר בילד־גאַנצקייט.

אַוודאי ווייס איך, אַז ס'איז לייכטער צו קריטיקירן דעם אַנטאָלאָגיסט, ווי צו איבערזעצן לידער און צונויפֿצושטעלן אַן אַנטאָלאָגיע. און משה באַסאַק רעדט אין די סוף־פּאַראַגראַפֿן פֿון זיין מיט ליבע און מיט גוטער קענטעניש געשריבענער הקדמה וועגן די שוועריקייטן וואָס ער האָט באַגעגנט ביי דער אַרבעט. מען מוז מודה זיין, אַז דער דיכטער באַסאַק איז זיך באַוווסט פֿון די עוולות, וואָס ער איז מעגלעך באַגאַנגען מיטן אויסלאָז פֿון דעם און יענעם דיכטער, אָדער מיטן אָפּקליייב פֿון לי־דער וואָס כאַראַקטעריזירן נישט צום בעסטן דעם אַריינגענומענעם פּאָעט. און נאָך מוז מען מודה זיין, אַז באַסאַקס התנצלות איז אַ וואַרעמע, אַן איידעלע און זי קלינגט הונדערט־פּראָצענטיק אויפֿריכטיק. אָבער פֿון דעסטוועגן קאָן מען אָביעקטיוו נישט אַריבערגיין איבער די אויסגעלאָזטע פּאָעטן, וואָס זייער אויסלאָז איז אַ מינערונג פֿון דער בילד־גאַנצקייט. עס פֿעלט אין דער אַנטאָלאָגיע אַ גאַנצע ריי גוטע און קינסטלעריש בולטע דיכטער, וואָס אָן זיי איז די פּאַנאָראַמע פֿון דער יידישער דיכ־טונג נישט קיין פֿולע. דערעיקרשט איז ממש נישט צום פֿאַרשטיין, וואָס באַסאַק האָט נישט געפֿונען קיין פּלאַץ פֿאַר זיין ישראל־לאַנדסמאַן יעקב פֿרידמאַן, וואָס געהערט אין איינעם מיט אברהם סוצקעווערן און מיט אריה שמרין צו דער גרוי־

סער יידיש־פּאָעטישער טראַיקע אין דער יידישער מדינה. סוצקעווער, דער אוני־ווערסאַליסט, דער פּאָעט פון מאַגישן וואָרט, שמרי, דער קיבוצניק, דער באַזינגער פון נאַטור און פון דעם מענטש, דעם ערד־באַאַרבעטער און בוימפלאַנצער און יעקב פרידמאַן — דער ווונדערלעכער געשטאַלטער פון יידן און פון יידישע רעיונות אויף דעם שטח פון אונדזער חסידישן נסתר. אַן יעקב פרידמאַנען קומט אַרויס די גרויסע יידיש־פּאָעטישע טראַיקע פון ישראל עפּעס ווי אַ צעריסענע, אַ צעוווּנדיקטע.

אַזעלכע אויסלאָזן זענען דערעיקרשט פּיינפול, ווען עס גייט וועגן פּרעזענטירן די יידיש־פּאָעזיע פאַרן העברעיש־לייענער. אַ לייענער אין אַ פרעמדשפּראַכיקער איבערזעצונג ווערט דאַדורך פאַרפּירט, פאַלש אינפאָרמירט. דער נאָענטער העברע־ישער לייענער ווערט צעמישט, וואָרעם ער הייבט, פשוט, נישט אָן צו פאַרשטיין אַזאַ אויסלאָז.

וואָס שייך די רעפּרעזענטאַטיווקייט פון די 57 דיכטער, וואָס פיגורירן אין דער אַנטאָלאָגיע, מוז איך זאָגן, אַז דער צונויפשטעלער האָט אין דעם פּרט, מיט עטלעכע אויסנאַמען, בפירוש געזינדיקט. צו באַסאַקס קרעדיט דאַרף אויך פאַר־רעכנט ווערן, וואָס ביי אים איז דאָס ליד פון די אויסגעהרגעטע יידיש־סאָוויעטישע דיכטער גוט פאַרטראָטן. אין שמשון מעלצערס אַנטאָלאָגיע פון 1956 פיגורירן בלויז צוויי פון דער יידיש־סאָוויעטישער דיכטונג: איציק פעפער און דוד האָפשטיין. משה באַסאַק ברענגט אַחוץ די דערמאָנטע צוויי אויך די לידער פון פרץ מאַרקיש, איזי כאַריק, שמואל האַלקין, עזרא פינינבערג, אהרן קושניראָוו, לייב קוויטקאָ און אשר שוואַרצמאַן און אויך אַ ליד פון דעם מיר ווייניק באַקאַנטן שלמה רויטמאַן.

2) וויפל מאָל איך זאָל נישט האָבן געבלעטערט און טאַקע געלייענט די איבערזעצטע לידער אין באַסאַקס אַנטאָלאָגיע איז מיר שווער צו זאָגן אַן אַלגע־מיינע מבינות. און איך האָב נישט ליב אַזאַ מבינות, ווייל ווי לייכט זי זאָל זיך נישט פאָרמולירן, איז זי אומזיכער און איז נענטער צו אַפאָריזם ווי צו אמתער אָפּשאַצונג.

וועל איך דאָ ליבערשט פּרוּוון, אויפן סמך פון עטלעכע לידער, ווייזן ווי שווער עס איז די מלאכה פון איבערזעצן, און אַז אין איין ליד וואָס דריי האָבן איבערגע־זעצט האָט יעדער פון די דריי עפּעס מתקן געווען.

אָט איז יוסף ראָלניקס ליד „גיב ווידער", וואָס באַסאַק איבערזעצט דאָס מיט „תנה אשוב" און מעלצער מיט „תן שוב", און מיר דאַכט, אַז מעלצערס העברע־ישער תרגום פונעם נאָמען איז בעסער, ווייל איינפאַכער, אָן שום אַרכאַישן באַציר, און דערפאַר נענטער צום דיכטער ראָלניקס געמיט.

די לעצטע צוויי שורות אין ראָלניקס ליד לייענען זיך אַזוי —

דאָס זיפצן פון זאַנגען וואָס ווערן געדראָשן, —
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון.

שמשון מעלצער האָט דאָס איבערגעזעצט מיט —

רשרוש שבלים שלדיש הוטלו —
עזור לי, אלי, שאזכור כל הללו.

און משה באַסאַק האָט דעם תרגום געמאַכט פּינקטלעכער און נענטער צום טעקסט. ער זאָגט —

אנחת שבלים במורג תנה לשמוע,
לשון הכפרים חדש בי, אלוה.

באַסאַק האָט צוריקגעגעבן די זאַנגען דעם ראַלניקשן זיפץ (ביי מעלצערן האָבן זיי בלויז גערוישט) און די תפילה וועגן דאָרפיש לשון, וואָס מעלצער האָט אין זיין איבערזעצונג אויסגעמיטן.

אָבער אַ דריטער העברעישער דיכטער, א. צ. הלוי פון ניו־יאָרק, האָט מיט זיין איבערזעצונג וואָס לייענט זיך —

אנחת שבלים חבוטות שם בכוח —
עזור ולשון כפר הזכירני, אלוה,

די ערשטע שורה פיל שוואַכער געמאַכט ווי ביי באַסאַקן, אָבער די לעצטע בפירוש אויסגעבעסערט, ווייל „לשון כפר הזכירני" איז אי פּינקטלעכער און אי פּאָעטישער ווי „לשון הכפרים חדש בי".

און איצט אַ צווייטער ביישפּיל, פון משה לייב האַלפּערנס באַרימטן ליד „די זון וועט אַרונטערגיין אונטערן באַרג". די ערשטע סטראָפע געפעלט מיר בעסער ביי מעלצערן, מחמת דעם וואָס די צווייטע און דריטע שורה ענדיקט זיך מיט „תבא אהבה" און די פערטע און פינפטע האָבן דערצו גוטע און האַרציקע גראַמען על־פּי קלאַנג און על־פּי דער אַסאָציאַציע פון די ווערטער „תושיבנה על כס זהבה" און תבכה עמה יחד בכל לבבה".

אָבער אין דער צווייטער און דריטער סטראָפע האָט באַסאַק געפּאַקט די אַט־מאָספערע פון משה לייבס ליד און דערעיקרשט דעם שווונג און די דערהויבנקייט פון זיין טרויער: „וישא את כלנו לשם, למרחב, שהכוסף מושכנו אליו". מיר געפעלט באַזונדערס די איבערזעצונג פון משה לייבס „אַהין" מיט „למרחב", וואָרעם עס ווערט דערמיט אָנגעוווּנקען אויף דער ווייטקייט און ברייטקייט און דער אינ־סופיקייט פון דעם אַהין, וואָס ווערט אין 23סטן קאַפּיטל תהלים באַצייכנט מיט „גראָזיקע פּיטערפלעצער" און „ביי רויקע וואַסערן" („בנאות דשא און על מי מנוחות").

און אין דער לעצטער שורה איז באַסאַקס „לו־לו־ינעים" אָן אַ ערך בעסער ווי „ישיר לו־לו". „ינעים" גראַמט זיך נישט נאָר על־פּי קלאַנג, נאָר אויך דורך אינעווייניקסטער קרובהשאַפט מיט „מנוחת עולמים".

פון די לידער, וואָס צווינגען מיך מיט זייער ריטעם און מיט דער אויפגעבלאָזענער אַטמאָספער פונעם אָריגינאַל, וואָס ווינט אין מיר, צו זאָגן: „גוט, זייער גוט", וואָלט איך געקאָנט אויסרעכענען אַ שפּאַר ביסל. איך וועל בלויז דערמאָנען מאָריס ווינטשעווסקיס „דריי שוועסטער", מאָריס ראָזענפעלדס „מיין יינגעלע", אברהם רייזענס „קירכן־גלאָקן", מאַני לייבס „אויפשריפט אויף אַ מצבה", וואָס באַסאָק איבערזעצט ריכטיק מיט „פּה נטמן".

אָבער אין מאַני לייבס עפּיטאַף האָט זיך באַסאָק די איבערזעצונג פון די לעצטע צוויי שורות אַ ביסל צו לייכט געמאַכט. ביי מאַני לייבן הייסט עס —

און היפּשע רעשטן ווינט, וואָס איז נאָך אים פאַרבליבן,
האָט ער אין זיין צוואה קינדער אָפּגעשריבן

און באַסאָק איבערזעצט דאָס מיט —

ושארית של רוח לא מעט, אחר שפה נטמן
בצואתו פקד לתינוקות של בית רבן — —

די רעשטלעך ווינט פאַרשרייבט דער דיכטער מאַני לייב נישט צו סתם קינדער (תינוקות של בית רבן), נאָר צו זיינע אייגענע זין און טעכטער. דאָס איז די איינציקע ירושה וואָס דער פאָטער האָט זיי געקאָנט לאָזן.

און וויטער: משה לייב האַלפּערנס „מעמענטאָ מאָרי" (ובספר משה לייב), זישע לאַנדויס „איז דער הייליקער בעל־שם־טוב" („ויצא הבעש"ט הקדוש"), א. לעיעלעס „ישעיה און האָמער", רחל קאָרנס „פאַרנאַכט אין פאַרשנייטן וואַלד", קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס „אַ בריוו צו אליהו הנביא", איציק מאַנגערס „עפּיטאַף" (ציון על קבר) און אברהם סוצקעווערס „שפּילצייג" („בובות".) איך דערמאָן די עטלעכע לידער, ווייל איך בין אויפן ערשטן בליק פאַרכאַפּט געוואָרן פון באַסאָקס איבערזעצונג, און קודם־כל פון איר געטריישאַפט צו אַטמאָספער און ריטם פונעם אָריגינאַל. שוין די דערמאָנטע עטלעכע לידער, וואָס זענען בלויזביישפּיל פאַר אַ סך אַנדערע, דערציילן וואָס פאַר אַ וויכטיקע און אויך גוטע אַרבעט עס האָט אָפּגעטאָן דער דיכטער און אַנטאָלאָגיסט משה באַסאָק.

ווי אַ מין עיקר שכחתי צו דעם קאַפּיטל וועגן דער איבערזעצונג וויל איך נאָך זאָגן, אַז אין באַסאָקס אַנטאָלאָגיע פיגורירט אויך יעקב גלאַטשטיינס באַקאַנט ליד „אָן יידן". דאָס זעלביקע ליד האָט אויך איבערגעזעצט און אַריינגענומען אין זיין אַנטאָלאָגיע „על נהרות" שמשון מעלצער.

איז ביי די ערשטע עטלעכע שורות פון גלאַטשטיינס ליד —

אָן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט,

האָט, דאַכט מיר, שמשון מעלצער מער אָנגעטראָפֿן מיט זיין תרגום. מיר געפֿעלט בעסער מעלצערס „הרינו יוצאים, חלילה, מן העולם" ווי באַסאָקס „אם אנו נסתלק, חלילה, מן העולם". אין „הרינו יוצאים" איז דאָ דער באַלעבאַטישער, דער אַל־געמיין־פֿאָלקישער טאָן, וואָס ליגט אין גלאַטשטיינס אָריגינאַל פֿון „גייען מיר, חלילה, אַוועק", בעת „אם אנו נסתלק" קלינגט ווי אַרויסגענומען פֿון אַ שמועס פֿון כלי־קודש אָדער פֿון יושבים ביים רבין.

אָבער דערפֿאַר איז באַסאָק שטאַרקער אין אויסדרוק און נענטער צו גלאַטש־טיינס פּערזן: „יעדער צעשמעטערטער יידישער קאָפּ, איז אַ פֿאַרשעמטער צע־בראָכענער, געטלעכער טאָפּ", ווען ער איבערזעצט דאָס מיט „כל גלגולת יהודית שנתרסקה — קדרה היא אלוהית מבוישת ושבורה". מעלצער נוצט „גלגולת מרו־צצת ומכותשת", וואָס דאָס איז צו אַבסטראַקט, כדי איבערצוגעבן די פֿולע קראַפֿט פֿון גלאַטשטיינס שורות.

3) ווי אַן אַריינפֿיר צו די לידער ווערט געבראַכט דאָס בילד פֿון יעדן דיכטער מיט ביאָביבליאָגראַפֿישע דאַטעס און מיט אַ קורצן קריטישן רעזומע פֿון עטלעכע געציילטע שורות, וואָס איז אָפֿט ממש אַ שעדעווער. אַ טייל פֿון די קריטישע סך־הכּלען לייענען זיך ווי יום־טובֿדיקע פֿאַרמעטשריפֿטן לכבוד דעם פּאָעט. אָבער אין דעם פֿאַרמעט איז נישטאָ דאָס מינדסטע פֿון יום־טובֿדיקער גוזמא. עס איז דאָרט דאָ יום־טובֿ, אָבער נישט קיין איבערטרייבונג.

איך קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן צו ברענגען עטלעכע ביישפּילן (בלויז געציילטע שורות פֿון די געציילטע שורות פֿון יעדן ביישפּיל). אָט איז פּרץ: „דער באַנ־ברעכער פֿונעם יידישן ראָמאַנטיזם; אַריינגעבראַכט עפּעס פֿון די דערגרייכונגען פֿון דער אייראָפּעישער פּאָעזיע און פֿון איר שוווּנג; זיין שפּראַך און זיין טעמפּע־ראַמענט — פֿלאַמען און בליצן; אַ בולטער פּענאָמען פֿון פּוילישן יידנטום, וואָס זוכט דעם „נאָך העכער"; פֿאַרמעסט צו פֿליען — און אַראָפּשטייג; באַגייסטע־רונג און אַנטוישונג; מיט זיין אומרו, מיט זיין שטענדיקער זוכעניש האָט ער משפּיע געווען די יידיש־ליטעראַטור, די אינטעליגענץ און דעם שפּעטערישן דור, דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק, וואָס האָט געזוכט זיין שבת, דעם אייביקן שבת". אַ גאַנ־צער קריטישער טראַקטאַט איז דאָ אַריינגעפּרעסט אין עטלעכע שורות.

מאָריס ראָזענפֿעלד: „פֿריש אין זיין געמעל, ריטמישער געזאַנג, פֿאַרשטייט אויפֿצובראַוזן מיט איינגעהאַלטענע רייד און צו בייטשן מיט סאַטירע. די מאָטיוון פֿון זיין ליד זענען סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און פֿאָלקישע, דאָס קול פֿונעם ליד — רעבעליש, זיין האַרץ געווענדט צום יידישן גורל, און זיינע אויגן — טרויער". מיר דאַכט, אַז קיין מער אַרומנעמענדיקע אָפּשאַצונג פֿון ראָזענפֿעלדס דיכטונג, ווי אין די עטלעכע טעלעגראַפֿישע שורות, איז גאָר נישט געמאָלט.

און דער דריטער ביישפּיל פֿון צווישן אַ סך אַנדערע, וואָס מען וואָלט געקאָנט ברענגען, איז די באַמערקונג וועגן דער דיכטערין אַנאַ מאַרגאָלין. „אַ שטאָלצע

איז זי דורכגעגאַנגען צווישן אירע לידער ווי צווישן טאָפּאָלן, און ס'איז פאַראַן עפּעס פּייערלעכס אין איר טראָט; דער ברוויזיקער טעמפּעראַמענט באַהערשט זיך; די שוויַיגענישן צווישן איין וואָרט און דעם אַנדערן האָבן טרערן אין די אויגן; פון דעם אַש פון אַ פאַרברענטן לעבן איז אויפגעגאַנגען איר ליד". און ווי אַ באַוויַיז פאַר דער ריכטיקייט פון אָט די קריטישע אַפּשאַץ־שורות ציטיר איך דאָ אַנאַ מאַרגאַלינס ליד „מוטער ערד", וואָס באַסאַק האָט איבערגעזעצט און אַריינגענומען אין זיין אַנטאָלאָגיע —

מוטער ערד, פיל געטראָטענע, זון־געוואַשענע
טונקעלע שקלאַפין און האַרין
בין איך געליבטער.
פון מיר דער נידריקער און דער באַטריבטער
וואַקסטו אַרויס — אַ מעכטיקער שטאַם.
און ווי די אייביקע שטערן, און ווי פון זון דער פלאַם,
קרייז איך אין בלינדן און לאַנגן שוויַיגן
אין דיינע וואָרצלען, אין דיינע צוויַיגן,
און האַלב אין וואַך, און האַלב אין דרימל
זוך איך דורך דיר דעם הויכן הימל.

די קורצע קריטישע באַמערקונגען וואָס באַסאַק ברענגט זענען כמעט תמיד גוט און צום מיינסטן אויסגעצייכנט, אָבער וואָס שייך ביאָגראַפישע דאַטעס איז ער נישט אַלע מאָל אָפּגעהיט. איך פאַרצייכן די ווייטערע פינף טעותים: א) פּרץ איז געשטאָרבן נישט אין 1916, נאָר אין 1915; ב) ליעסין איז נפטר געוואָרן נישט אין 1939, נאָר 1938; ג) רייזען איז געבוירן געוואָרן נישט אין 1875, נאָר 1876; ד) משה בראָדערזאָן איז געשטאָרבן נישט אין לאָדזש, נאָר אין וואַרשע; ה) ב. י. ביאַלאָסטאָצקי איז געבוירן געוואָרן נישט אין 1893, נאָר אין 1892.

יולי 1964

*

אַנגעהויבן זיך איבערצושרייבן האָבן מיר נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעדרוקט מיין עסיי וועגן באַסאַקס זייער געראָטענער העברעישער אַנטאָלאָגיע פון יידישער דיכטונג „מבחר שירת יידיש".

מיטן ערשטן בריוו זיינעם האָט מיר באַסאַק אַריינגעשיקט עטלעכע קאָרעקטורן פון לידער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דרוקן אין דער צייטשריפט „מבפנים", ער איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן.

די לידער זענען געגאַנגען אונטערן קעפּל „שירי טוב לבב" (לידער פון אַ גוט־האַרציקן) און שוין דאָס ערשטע ליד „כתבות אל הטוב" האָט פאַר מיר אַוועקגע־

שטעלט די געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס האָט דעם כוח אַ שמייכל צו טאָן צו זיינע אַנטוישונגען און זיי פּרווּון צו פאַרהיילן מיט מילדער איראָניע —

כתבות אל הטוב, אל ערים בנכר,
לי נתן כל ידיד שזכר,
הדרכים — זאבות:
טורפות הכתבות — אכזבות!
מען מצאתי, למעלה ממאום —
אך הוא משום־מה לא לפי הרשום!

(אין פּראָזע, אויף מאַמע־לשון, הייסט דאָס אַזוי — אַדרעסן צום גוטן, צו שטעט אין דער פרעמד, האָט מיר געגעבן יעדער פריינד וואָס האָט געדענקט. די וועגן זענען וועלף: זיי פאַרצוקן די אַדרעסן און עס בלייבן אַנטוישונגען! אַן ענט־פער האָב איך געפונען אין דער הייך איבער עפּעס, אָבער ערגעץ ווו, נישט לויט דער פאַרצייכענונג).

אַ האַלב יאָר שפּעטער האָבן מיר זיך באַגעגנט אין מיין האָטעל אין תל־אביב. זיין פּנים אַ דינס, אַ ביסל איינגעפאַלן, אונטער אַ הויכן שטערן. איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע איינגעהאַלטענע, שטילע, און פון דעסטוועגן עפּעס פייערלעכע רייד, און האָב אַ טראַכט געטאָן, דאַכט זיך, אים אַפילו געזאָגט אַז זיין אופן רעדן דערמאָנט מיר אין די קורצע קריטישע סך־הכלען, מיט וועלכע ער באַגלייט די איבערזעצונגען פון יעדן דיכטער. איך האָב אויך אין באַסאָקס שמועס מיט מיר באַגעגנט יענע שטילע אַסקעטישע יום־טובדיקייט וואָס איז מיר אַנטקעגנגעקומען אין זיינע „פאַרמעט־שריפטן" צו די איבערגעזעצטע דיכטער און אין דעם אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע.

איך האָב אַ מינוט לאַנג אַ קלער געטאָן, אַז די דאָזיקע „יום־טובדיקייט אַן פרייד" איז אפשר אַ רעזולטאַט פון אַ קראַנקייט, מיט וועלכער באַסאָק ראַנגלט זיך. איך האָב געטראַכט אַזוי, אָבער נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק צו מיר.

גלייך ער זאָל געוווּסט האָבן געאַנט מיינע טראַכטענישן, האָט באַסאָק מיר דעם 24סטן פעברואַר, אַ חודש נאָך מיין אָפּפאָר פון ישראל, געשריבן אַ יידישן בריוו (עס איז דער איינציקער יידישער בריוו. די אַנדערע, פאַר דעם און נאָך דעם, זענען געווען אין העברעיִש): „עס פאַרדריסט מיר באמת, וואָס אונדזער פּנים־אל־פּנים־באַגעגעניש, הגם אַ פּרימאָרגנדיקע, איז נישט געווען צו פיל זוניק. און נאָך מער פאַרדריסט מיר, וואָס מיר האָבן זיך שוין מער נישט באַגעגנט. עפּעס איז אייער לוח געווען זייער „פאַרוואָרפן" און עפּעס איז ביי מיר נישטאָ קיין קאָעקסיסטענץ צווישן גוף און גייסט. דער גוף „בונטעוועט" זיך, גיי מאַך מיט אים!"

איך האָב דעם בריוו אויפגענומען אי ווי אַ התנצלות פאַר זיין אַנפריידיקייט בעת אונדזער שמועס, און אי ווי אַ שטילע וואָרענונג, אַז איך זאָל אויך נישט זיין

איינער פון די פריינד, וואָס גיבן אַדרעסן און די וועלפּישע וועגן פּאַרצוקן זיי און עס בלייבן אַנטוישונגען.

איך האָב זיך געסטאַרעט נישט צו זיין קיין אַנטוישער. עס איז מיר גרינג אָנגעקומען. עס האָט אַרויסגעקוקט צו מיר פון ספרים־אַלמער באַסאַקס אַנטאָלאָגיע „מבחר שירת יידיש" און מיך געצויגן צו זיך און צו איר הויך־באַגאַבטן מחבר. איך האָב אַלע מאָל אויף ס'ניי מעיין געווען אין איר און זיך אָפּגעשטעלט ביי די שורות פון פאַרשטענדעניש און ליבע צו יידיש־שעפערישקייט אין דעם אַריינפיר.

משה באַסאָק האָט געהערט צו די היינט שוין זעלטענע עקזעמפּלאַרן פון אַ יידישן שעפער, וואָס יידיש און העברעיש זענען, לויטן זיידע מענדעלעס וואָרט, געווען ביי זיי ווי די צוויי נאָזלעכער צום אָטעמען.

אָט איז אַ פּאַראַגראַף פון דעם אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע, וואָס לייענט זיך ווי אַ „פּאַרמעט־שריפט" לכבוד יידיש־דיכטונג —

„איך שטיי פאַרן אַלמער ספרים פון יידיש. פּאָעזיע אין איר גרויסקייט, פּאָעזיע אין איר שטאָלץ: און מיר בעטן נישט און מיר בעטלען נישט".

„פון דער „צאינה וראינה", פון בדחנות, פון דעם פאָלקסליד, פון אַ לעבן פון אָרעמקייט און וואַנדער האָט זי זיך דערהויבן צו אירע הייכן, צו די הייכן פונעם יחיד און פון דעם כלל".

„אין מיט פון וואָכעדיקייט האָט זי נישט אויפגעהערט צו שפּאַנען, אַ שטרויִ־כלדיקע און אַ מידע צום שבת, צו איר שבת. אין דעם ליאַרעם פון ירידים האָט זי געהלומט אונדזער שבת. אין דער טאָג־טעגלעכקייט פון „ביזנעס" און פון „מאַכן אַ לעבן" איז זי געווען אַריינגעטאָן אין אונדזער יידישן גורל.

אין די טעג פון פאַרן חורבן און אין די טעג פון חורבן האָט זי געשפּונען חלומות וועגן גאולה, וועגן דערלייזער און וועגן משיח".

צו זיין לעצטן בריוו צו מיר, וואָס טראָגט די דאַטע: ח"י חשון תשכ"ו (13טער נאָוועמבער 1965) האָט באַסאָק בייגעלייגט לידער־איבערזעצונגען פון יעקב שטערנבערג און פון יעקב פרידמאַן און שרייבט מיר אַזוי (איך איבערזעץ פון העברעיש): „אפשר וועלן אייך די איבערזעצונגען אינטערעסירן. איך האָב אין דער אַנטאָלאָגיע אויסגעלאָזט יעקב פרידמאַנען און, איר האָט בשעתו געהאַט צו מיר אַ טענה וועגן דעם, און אַ גערעכטע: וואָס שייך, ווידער, יעקב שטערנבערגן — איז, קודם־כל, קומט אים, והשנית, איז ער דאָך אייער לאַנדסמאַן, נישט אַזוי? — דעם אמת געזאָגט, האָב איך מיינס אַ „מניך" דיכטער, וואָס זענען בשעתו נישט אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע און פּרוּוו פון צייט צו צייט איבערזעצן זייערע לידער און אפשר וועט דערפון ווערן אַ גאַנצקייט פאַר זיך".

די איבערזעצונגען וואָס באַסאָק האָט מיר אַריינגעשיקט זענען געווען געדרוקט אין „מאזניים" (יעקב שטערנבערג) און אין „מבפנים" (יעקב פרידמאַן).

געשריבן איז געווען דער בריוו דאָס מאָל נישט פון תל־אביב, ווו עס געפינט זיך דער פאַרלאַג „הקיבוץ המאוחד", נאָר פונעם קיבוץ אשדות־יעקב, ווו באַסאַק איז געווען אַ שטענדיקער תושב, און געשריבן איז דער בריוו געווען, דאַכט זיך, אין אַ פריידיקן טאָן, אויף צו פאַרשאַפן פרייד, אָבער ביים סוף האָט אַרויסגעשפּאַרט דער טרויער: „בקרוב וועט דערשײַנען מיינס אַ ניי בוך לידער. דערווייל רוף איך עס „אַ שיינער טאָג, צום טייל פאַרוואָלקנט" (יום נאה, חלקית מעונן") און דעם אמת געזאָגט, אַ ביסל מער ווי צום טייל פאַרוואָלקנט".

ווען דאָס בוך איז דערשינען האָט שוין דער וואָלקן געהאַט גובר געווען די ליכטיקייט פון טאָג. דער מחבר איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. ער איז נפטר געוואָרן דעם 18טן פעברואַר 1966, און זיין „צעבונטעוועטער גוף" איז געקומען צו רו אויפן בית־עלמין פון אשדות־יעקב.

1966

אריה שמריס אין „גן־אָדם"

הייב אָן ביי זיך אַליין,
ביי דעם דופק, ווו ביימער רוישן
מיט וואָרצלען אויף געשטיין,
צוויט אין ווינט, גלויבן אין אַנטוישן.

אָט די פיר פערזן פון אריה שמריס ליד, מיט וועלכע עס הייבט זיך אָן זיין נייעסטער לידער־זאַמלונג „טריט אין גן־אָדם", קאָן נישט בלויז דינען ווי אַ מאָטאָ צו גוטער פּאָעזיע בכלל און צו שמריס אייגענער דיכטונג, נאָר די פיר מעטריש געצוימטע שורות גיבן אויך איבער, ווי מיר דאַכט, דעם קיצור סיפּור־המעשה פון שמריס דיכטערישע איבערלעבענישן איבער דער לענג פון זיינע פיר לידערביכער.

אין זיינע ערשטע צוויי לידער־זאַמלונגען איז דער דיכטער אין דער מיט פון זיין קיבוץ. זיין האַרץ קלאַפּט ביי אַנאַנד מיט דעם דופק פון די ביימער. דער גע־רויש פון זייערע בלעטער אויף די צווייגן און פון זייערע „וואָרצלען אויף געשטיין" איז דעם דיכטערס נאַטירלעכע מוזיק.

סודיק רופט אַ ברודער־בוים
מיר זאָלן ביידע בוימען.

אַזוי האָט געזונגען אריה שמרי אין זיין בוך „אַ שטערן אין פעלד“, וואָס איז אַרויס מיט אַכט יאָר צוריק אין תל־אביב. דער גרונטטאָן פון זיין ליד איז געווען אַ הימנישער, דער טאָן פון „אז ישיר“ און פון „מזמור־שיר“. אפילו ווען ער איז אין אַ טייל פון די לידער אין יענער זאַמלונג רעבעליש קעגן גאָט און קעגן די פּענטעס פון אידעאָלאָגישער דיסציפּלין, טוט זיך פון זיי נישט אָפּ די הימען־מוזיק. אפילו ווען ער פאַרלאַנגט פון די אידעאָלאָגיקער —

לאָזט מיך אַליין,
דורך אייגענעם סוד צו פאַרשטיין
אַלץ אַרום,

איז ער אין תוך אויך אַ שבח־והודיה־זינגער צו דער סודותדיקייט פון וואַלד און פעלד, וואָס „הילט אַרום מיט הימל און ערד יעדעס הויז“, דעם כלל און יעדן יחיד.

אויך אין דער לידער־זאַמלונג „די פונקען פון תיקון“, ווו דער דיכטער, דער חלוץ פון קיבוץ עין־שמר האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין דער פאַרגאַנגענהייט צו זיין יוגנט אין טאַטנס שטוב, אין דער אַמאָליקער ק״ק קאַלושין — אויך דאָרט האָט ער אָנגעהאַלטן דעם הימענדיקן טאָן פון זיין ליד און געזונגען אַ מזמור־שיר צו פּשיסכער חסידות און באַזונגען דעם קאַלושינער רבין און די חסידישע געשטאַל־טן אַרום אים און די מיסטיש־ציטערדיקע אַטמאָספער, וואָס האָט איינגעהילט דעם טאַטנס שטוב, דאָס חסידישע שטיבל און די גאַנצע קהילה קדושה.

אין זיין נייעסטן לידערבוך „טריט אין גן־אָדם“ איז דער געמיט־צושטאַנד פו־נעם דיכטער שמרי ווי פון איינעם וואָס איז אָקערשט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון „גן־עדן“, אַרויסגעטריבן אי פון וואַלד און פעלד אין עין־שמר און אי פון חסידים־שטיבל אין קאַלושין און ער דערזעט אַז —

די ליכטער, וואָס איך האָב באַגערט —
זע, ווי זיי פאַלן פון שויבן.
ווּהין גייסטו טונקעלע ערד,
אָן זון, אָן שטערן, אָן גלויבן?

און ער דערפילט, דער פּאָעט שמרי, אַז —

די הימנען, וואָס איך האָב געוואָלט —
זע, ווי זיי ווערן באַלאַדן.

דער דיכטער איז נישט מער דער ברודער פון בוים און פון זאַנג אין קיבוץ, ער איז אויך נישט מער אין דעם אויסגעדמיונטן חסידים־שטיבל פון דער ק״ק קאַלושין. ער איז איצט אַ שכן מיט שכנים אין שטאָט, אין יהל״ל־געסל.

און צו די שטאָט־זעונגען, ווי זיי אַנטפּלעקן זיך פאַרן דיכטער — צו זיי קאָן מען

קיין הימען נישט זינגען. וועגן זיי קאָן מען בלויז באַלאַדיש דערציילן. די זעונגען זענען באַלאַדן על־פּי אומהיימלעכקייט פון די געשעענישן און על־פּי דעם טרויער פון די געשטאַלטן, וואָס זיי אַנטפּלעקן.

אריה שמריס שטאָט־זעונגען זענען: שכנים מיט קאַלטע מאַסקעס; שפּיטעלער, וואָס כאָרכלען „און ס'ווערט די גאַנצע ערד איין קאַטאַקאָמבן־קעלער", „אַ מאַן, אַ פאַרטרערטער חלומט פון ברויט, וואָס ער האָט ניט געשניטן"; אַן אינוואַליד —

איין אָרעם — אויף קוליע געשפּאַרט,
אויף צווייטן — גיטאַרע זיך וויגט.
עס פיבערט זיין פּנים, וואָס שטאַרט,
מיט אייביק פאַרלוירענעם קריג...

און איבער אַלעמען הויערט „די קראָ פון שרעק און געוויין", עס שפּרייט זיך אַ פּיינפולע איינזאַמקייט איבער מענטש, איבער שטוב און איבער אַלץ וואָס געשעט אין שטאָט —

ס'טרינקט יעדער זיין ווייַזק געטראַנק
מיט אַלע צוזאַמען אַליין.

די צוויי נאָר־וואָס ציטירטע פערזן אַסאָציירן זיך אין מיין זכרון צו די שורות פון ריכאַרד בער האָפמאַנס באַרימטן שלאָפליד „קיינער קאַן קיינעם געפערטע היר זיין" און דאָ, דרך אגב — אַ באַמערקונג וואָס בעט זיך ממש אין דער פעדער אַריין.

אַנומלט האָט מיך מיינס אַ פריינד אַ פרעג געטאָן: ווי אַזוי וואָלט איר איבערגעזעצט אויף יידיש דעם ענגלישן אידיאָם: „נאָ ניוס — גוד ניוס" (גאָר קיין נייעס — איז גוטע נייעס). איך האָב לאַנג נישט געדאַרפט נאָכטראַכטן. עס האָט אין מיר אַ בליץ געטאָן דער צוגעפּאַסטער, ממש אידענטישער אידיאָם אויף יידיש: „ווו אַ ויהי דאָרט איז אַ צרה". אַרויסגעזאָגט די ווערטער און עס איז מיר אויפגעפאַלן אַז דער אידיאָם איז טאַקע אידענטיש מיט דעם ענגלישן, אָבער פונקט קאַפּויער אויסגעדריקט. דער ענגלישער האַלט, אַז ווען ס'איז נישטאָ איז גוט, דער יידישער, אַז ווען ס'איז יאָ דאָ איז שלעכט.

די פונקט קאַפּויערע פאָרמולירונג פון איין און דעם זעלביקן געדאַנק איז זיכער נישט קיין צופאַל. עס שטייט הינטער דיביידע פאָרמולעס אַ פאַרשיידענע היסטאָרישע פאָלקס־און שפּראַך־דערפאַרונג.

איך זאָג דאָס אַקעגן דעם, וואָס צוויי יידישע פּאָעטן, איינער מיט אַ היסטאָריע פון דייטש־שפּראַכיקייט און דער אַנדערער מיט דורות מאַמע־לשון הינטער זיך ברענגען צום אויסדרוק די זעלביקע מענטשלעכע פּיין פון איינזאַם מיט קאַפּויערער בילדערישקייט. דער פּאָעט אין דייטש רעדט בלשון ניין (קיינער קאַן קיינעם), דער יידיש־דיכטער — אין דער שפּראַך פון יאָ (ס'טרינקט יעדער זיין ווייַזק

געטראַנק מיט אַלע צוזאַמען אַליין), ווייל די אמתע צרה דערפילט מאַמע־לשון און עס דערשפּירט דאָס יידיש־פּאָעטישע לשון אין יאָ.

און פאַר אריה שמרי, וואָס האָט אין איינעם פון זיינע שענסטע און בילדעריש אָריגינעלסטע לידער געזונגען וועגן דער עלטער און קולטור־שעפערישקייט פון ווערטער —

אַלט זענען מיר, זייער אַלט,
מיר זענען דער האַ
אין דער האַק פון קדמונישן וואַלד,

איז די פיינפולסטע זעונג און הערונג אין שטאָט, בלי ספק, געווען דאָס געשענדעטע וואָרט אויף „די שרייַקע שילדן אויף ליידיקע קראָמען" פון מסחר און פון אידעיש־קייט —

מיט פאַרשטעלטן מאָרד
שוימט דאָס וואָרט
פון דעמאַגאָגן —

שרייט אויס אין אַ פאַרסאַפּעטן ריטעם דער דיכטער און ער שליידערט אַקעגן דעם דעמאַגאָגישן וואָרט „די טרער פונעם אויסגעפייניקטן אמת".

די טעמע פון וואָרט און ליד חזרט זיך פיר מאָל איבער אין שמריס נייער לי־דער־זאַמלונג. נישט אומזיסט טראָגט אונטער שמרי זיין ליד וועגן „יידישע ווער־טער" אַ מתנה דעם דיכטער יעקב גלאַטשטיין, ווייל באַגלייך מיט זיין עלטערן חבר ווערט שמרי מיטגעריסן מיט דעם חלום „צו זינגען בדממה יידישע ווערטער" (ביי גלאַטשטיינען איז דאָס אַ חלום, און מקוים געוואָרענער חלום, וועגן „שטילערהיי־טן"). אין שמריס פּאָעטישער טערמינאָלאָגיע איז דאָס אַ טרוים וועגן „עלעף האַ־מערס", וואָס דאַרפן ווערן „וויאָלאָנטשעלן אין דעם טאַנץ פון בלאָע פונקען".

מען קאָן נישט זאָגן, אַז דער דיכטער אריה שמרי איז אין „טריט אין גן־אָדם" אַ וויאָלאָנטשעליסט פון יידיש־פּאָעטישן וואָרט. דער טאָן פון וויאָלאָנטשעלאָ, הגם אַ באַסאָווער, איז אַלע מאָל אַ צאַרטער, אַ זינגעוודיקער, אַ פידלדיקער. און אריה שמ־רי איז מער פידל־שפּילער. אין די הימנען פון זיין „שטערן אין פעלד" און אין „די פונקען פון תיקון", ווי איצט ווען ער איז זעליש אַן אַרויסגעטריבענער פון זיין געזאַנג־גן־עדן און שפּאַנט אַן עקסיסטענציאַליסטישער זאַגער איבער די וואַגל־וועגן פון דעם „גן־אָדם", אויף די וועגן פון דעם מענטשנס גאָרטן אָן „בעטלונג צו געטלעכע גנאָדן", אָן „וואָרטונג צו הימל־נדבות", נאָר מיטן כוח פון זיין בן־אָדמשער איינזאַמקייט.

דאָ אין זיין נייעסטער לידער־זאַמלונג איז אריה שמרי, בלי ספק, טאַקע פּאָע־טיש און טראַכטעריש אַ אימפּרעסיאָנירנדיקע שעפערישע געשטאַלט, און זיין דיכ־

טעריש וואָרט ספּראָוועט זיך אין אַלע סיטואַציעס: אין שטאָט, אויפן ים, ביי די ברעגעס פון דער סען, אין גאָרטן פון ריאָ, און אין בענקשאַפטלאַנד נאָכן „סוד פון לאַנד", מיט געשטאַלטערישער מייסטערשאַפט, מיט פּראַזאָדישער גענויקייט, מיט גראַם־אויפטו און מיט אַ זעלטענער סענסיטיווקייט צו די דינסטע מיינען, וואָס שלאָפן אין יידישן וואָרט. אָבער נענטער צו זיין חלום וועגן דעם „ליד פון וויאָלאָנ־טשעלן אין דעם טאַנץ פון בלאָע פונקען" איז דער דיכטער שמרי אין זיינע פריער־דיקע לידערביכער.

אין די לידער אויף פעלד און וואַלד אין קיבוץ און אין שלאראפן־לאַנד פון פשיסכער חסידות און חסידים איז אריה שמרי ברכי־נפשידיק אפילו ווען זיין ליד איז שאַרף און פאַרשפּיצט זאַגעריש. דאָ, אין די לידער פון „טריט אין גן־אָדם", איז זיין שטעל, קלאָרע און אָפט ניכטער פאָרמולירטע עקסיסטענציאַליסטישע פילאָסאָפיע, בדרך כלל ערגעץ ווו אַ שטער צו דעם הימנישן, ברכי־נפשידיקן טאָן פון זיינע לידער אין קיבוץ און אין קאַלושינער חסידים־שטיבל.

איך האָב זיך באַוואָרנט מיט „בדרך כלל" און „ערגעץ ווו", ווייל דער לירישער פידלטאָן ברעכט פונדעסטוועגן דורך נישט אין איינעם פון די לידער פון „טריט אין גן־אָדם".

אָט איז אַ סאָנעט „דער שוים פון ים" (אויב איך האָב, ווי איך האָף, פינקטלעך דורכקאָנטראָלירט די פאָרם פון די לידער אין בוך, איז דאָס דער איינ־ציקער סאָנעט אין דער זאַמלונג), און עס איז דאָרט פאַראַן די ניכטערע דבקות (אַ קאָנטראַדיקציאָ אין אַדיעקטאָ, אָבער ווי נישט אין ווידערשפּרוך דער פאַלנער אמת) פון יענע לידער ווו דער דיכטער זינגט וועגן זיין ברודערשאַפט מיט בוים און פון יענע לידער ווו דער פאָעט גיט איבער אַזוי דין און טרעפיק און מיט אַזוי פיל עמאָציאָנעלער פאַרטועניקייט וועגן דעם חילוק צווישן לובלינער און פשיסכער חסי־דות. די פאָרם פון סאָנעט האָט דאָ דער דיכטער, מן־הסתם, אויסגעקליבן אויף צו באַוואָרענען די עמאָציע קעגן דער געדאַנקלעכקייט אָדער פאַרקערט. אין בידע פאַלן האָט ער מיט דער פאָרם אָפּגעהאַלטן אַ קינסטלערישן נצחון.

און אַ קינסטלערישן זיג האָט שמרי אויך דערגרייכט אין זיין עקסיסטענציאַ־ליסטישער פּאָעמע „גן־אָדם" נישט אַזוי מיט זיין געזאַנג צו אָדמען, דעם ערשטן מענטש וואָס —

> ביסט מיט שטאָלץ אַוועק צו דיין וואַנדער
> פון דער שלווה פונעם גן־עדן

נאָר מער מיט דער אָדע צו חוהן, דעם סימבאָל פון געטעס „אייביק ווייבלעכן", וואָס אין שמריס פּאָעטישער פאָרמולע איז זי שיין דעפינירט ווי דער „אייביק פון מענטש־לעכן ווערן".

שמריס פראָזאָדישע געניטשאַפט קומט צום בעסטן צום אויסדרוק אין זיין ליד „דאָס שוואַרצע פלעמל", ווו דער סוף פערז פון די לעצטע פיר סטראָפעס האָט די ענדונג „ענט". עס איז „וועגט" און „ברענט" און „וועגט" מיט דעם אַסאָנאַנס „העמד". די דאָזיקע פיר שורות מיט זייערע ענדונגען זענען נישט בלויז טעכנישער אויפטו. זיי שאַפן מיט זייער שטומקייט די פחד־אַטמאָספער אַרום דעם שוואַרצן פלעמל פון דער פּאַריזער קאָמונאַרן־וואַנט.

אויף שמריס דינער סענסיטיוויטעט צום יידישן וואָרט זאָלן צווישן אַנדערע און בראש פון אַנדערע עדות זאָגן אַזעלכע צוויי שורות ווי —

> טויטער גליוועטער, ווי געפרוירן וואַלט דער תמוז,
> און די נאַכט האָט נישט געוואָלט ג ו ט ע ר ווערן.

גוטער אָנשטאָט בעסער איז נישט סתם אַ חידושי לשון. ס'איז מער, אַ סך מער. ס'איז אַריינבליק אין דער נשמה פון אַ וואָרט און דערזען אַז זיין קאָמפּאַראַטיוו מוז דאָ, ווען עס רעדט זיך וועגן דעם טויטן גליוועטער פון דער תמוז־נאַכט, געבוירן ווערן נישט על־פי גראַמאַטיק דורך פּאַרוואַנדלונג, נאָר פון וואָרטס אייגענעם לייב. דאָס לייב פון וואָרט אַליין מוז זיך אויסציען כדי צו דערגרייכן זיין קאָמפּאַראַטיוו. און דאָס איז דעם דיכטערס אַ שעפערישער געבורט־העלפערישער אויפטו.

און צום סוף זאָלן דערמאָנט ווערן עטלעכע וואָזשנע חידושי לשון און עטלעכע אָריגינעלע אינעוויניקסטע גראַמען און אַסאָנאַנסן. פון די חידושי לשון רעכן איך אויס דעם זאָג וועגן די דאָקטוירים, וואָס זענען אין שפּיטאָל „די וועכטער און די נעכטער", די שורה „מאַלע, מאַלע, אפשר נסים קאָנען נסן" אין דעם ליד „דער טראָפּן בלוט פון בריזש". אין דעם דאָזיקן ליד וועגן זיינע איבערלעבענישן ביי דער קאַטעדראַלע אין בריזש געפינט שמרי אויך אַזאַ אַדעקוואַט ניי וואָרט פאַר זיין גע־פיל ווי „אין מיר שיטערט", וואָס ווערט באַלד ווי ער זאָגט דאָס אַרויס אַרומגעוואַק־סן אין לייענערס געמיט מיט אַזוי פיל יידיש־היסטאָרישע אַסאָציאַציעס.

אין נישט ווייניקער אַסאָציאַציע, אָבער פריידיקע, הילן זיך די ניי־ווערטער „פעלדן און דאָרפן".

ווי מוסטערן פון געראָטענע גראַמען, וואָס זייער אינעוויניקסטע שייכות איז דער קאָנטראַסט פון געפילן, וועל איך ברענגען די „ביטערע געזידן אינעם סאַמע לויטער פון פרייד און פרידן" און „שליידיקע געווערן שפּיזלען פון אַלע שטערן", און די אַסאָנאַנסן ראַזשינקע מיט העזהקע און זומער סופּט מיט שלאָף.

עס איז אַ באַזונדערע מצווה צו דערציילן וועגן די פּאָעטישע שפּראַך־אויפטואן פון אַ דיכטער וואָס איז אין משך פון אַ דור געוואַקסן אין קיבוץ, נישט אין דער אַטמאָספער פון מאַמע־לשון, און דער אַטאַוויסטיש שעפערישער כוח פון יידיש איז אים בייגעשטאַנען.

יוסף רובינשטיין

איינער פון די בעסטע און ממילא ליבעפּולסטע פּאָרטרעטן, וואָס יוסף רובינשטיין האָט געמאָלן אין זיין נייער לידער־זאַמלונג „חורבן פּוילן״, איז, בלי ספק, דער פּאָרטרעט פונעם סאָוועטיש־יידישן דיכטער לייב קוויטקאָ.

לייב קוויטקאָ, אַ תמימותדיקער קאָמוניסטישער מאמין, אָבער אויך אַן איידעלער און צאַרטער יידיש־דיכטער, מיט גלויבן אין יידיש־שעפערישקייט און מיט ליבשאַפט צו יידיש־שעפער, האָט געגעבן אַ הכשר צו רובינשטיינס וואַרשעווער לידער־זאַמלונג „מאַדעלן״, וואָס איז לויט אַלע כללים פון סאָוועטיש־יידישער קריטיק געווען דורכויס טריפה. ווייל וואָס האָט געקאָנט זיין מער טריפה, ווי אַ בוך לידער, וואָס איז איינגעהילט אין „בורזשואַזנעם״ אומעט און עס איז אין אים נישט פאַראַן קיין ברעקל פון דער פירגעשריבענער סאָציאַליסטישער בוידנגספרייד ?

דער דיכטער לייב קוויטקאָ איז טאַקע געווען אַ גלייביקער פּאַרטייער, אָבער די סאַמע נאָענטסטע און געדויערדיקסטע נשמה־פאַרבינדונג האָט ער געהאַט מיט ליד, מיט יידיש ליד. און דאָס ערשטלינגבוך פון דעם „בורזשואַזנעם״ וואַרשעווער פּאָעט יוסף רובינשטיין האָט גערעדט צו קוויטקאָס האַרץ, ווי עס האָט גערעדט אויך צו אונדז אַלע, מחוץ פון סאָוועט־רוסלאַנד, מיט דער עכטער און טיפער איבערלעבעניש פון זיין טרויער.

האָט לייב קוויטקאָ איבערגעקליגלט די פּאַרטיי־ליניע. ער האָט ריזיקירט אַ מין מהרש״א־פּירוש צו רובינשטיינס טרויעריקע לידער און —

> ...דעם אומעט מיינעם, וואָס דאַרף טרייף דאָרט זיין, פאַרדעכטיק,
> געלויבט גאָר און, פּאַרקערט, מלמד זכות געווען, באַרעכטיקט:
> אָט דאָס איז דאָך דער אומעט פון דער בורזשואַזער וועלט.
> און (קוויטקאָ) האָט פאַרטייטשט: — איר זעט, דער קוימען וויל ביי אים אַנטלויפן...
> אַ פענצטער וויל אַרויסשפּרינגען אין מיטן נאַכט פון וואַנט...
> דאָס יאָמערן די זאַכן דאָרט געמאַכט פון מענטשנס האַנט...
> — זיי יאָמערן ! ווייל אַלץ איז דאָרט געמאַכט פון הענט
> פון שקלאַפן.

און רובינשטיין פילט אַ דאַנק צום דיכטער קוויטקאָ, און נישט נאָר ער, נאָר אויך מיר אַלע פילן די דאַנקשאַפט, וואָרעם עס „קען גריילעך זיין, אַז צוליב דעם בין איך דאָס גאַנץ געבליבן״. עס איז זייער געמאָלט אַז קוויטקאָ האָט מיט זיין קלוגן פּירוש אָפּגעראַטעוועט פיזיש רובינשטיינען און אַז ער האָט אַזוי אַרום אַן אומדירעקטן חלק אין די צוויי ווichטיקע פּאָעטישע ווערק „מגילת רוסלאַנד״ און „חור־

בן פוילן״, וואָס דער דיכטער רובינשטיין האָט נאָך זיין אומקער פון סאָוועט־רוסלאַנד געשענקט דער יידישער ליטעראַטור.

בין איך דאָ מזכיר לטובה דעם דיכטער־קודש לייב קוויטקאָ פאַר זיין רעטונגס־אַרבעט. אָבער נישט בלויז דערפאַר. איך דערמאָן דאָ אויך זיין פירוש, פשוט, ווייל ער איז אַ ריכטיקער. נעמט מען אַוועק דאָס קאַזיאַנע וואָרט בורזשואַזיע, וואָס קוויטקאָ נוצט עס מחמת פאַרשטענדלעכע טעמים פון זעלבשוץ, און מען פאַרבייט עס מיט דעם איבערצייטלעכן וואָרט מענטש, וואָס נאָך פון חומש ווייסן מיר, אַז „דאָס בייז פון מענטשן איז גרויס אויף דער ערד, און די גאַנצע טראַכטונג פון די מחשבות פון זיין האַרצן איז רק צום בייזן אַ גאַנצן טאָג״, זעט מען, אַז לייב קוויטקאָ האָט מיט זיין פירוש אָנגערירט דעם סאַמע עיקר פון יוסף רובינשטיינס פּאָעטישן געמיט — דעם אומעט.

ווען רובינשטיין צעחשבונט זיך פאַרטרעטיסטיש אין זיין פּאָעמע „טלאָמאַצקע דרייצן״, וואָס איז סיי מיט איר כמות און סיי מיט איר איכות איינע פון די גערעטנסטע און וויכטיקסטע אין בוך, מיט די חברים פון דעם היינט שוין לעגענדאַריש געוואָרענעם וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־קלוב, פאַרגעסט ער אויך נישט זיך אַליין זעלבסט אַנאַליטיש צו פאַרטשעפּען און ער קומט, אָן דער באַגלייטשאַפט פון קוויטקאָס קאַזיאַנע ווערטער, צו דעם זעלבן אויספיר. עס זאָגט וועגן זיך דער פּאָעט רובינשטיין אַזוי —

דער אומעט האָט צו מיר געקוקט פון יעדער זאַך, דער קלענסטער.
דער אומרו האָט צו מיר גערעדט פון יעדער שטומער זאַך.
און נישט אומזיסט געוואָלט אַוועק האָט אין מיין ליד דאָס פענצטער,
און נישט אומזיסט אַנטלויפן האָט געוואָלט ביי מיר דער דאַך.
נישט־וויסנדיק, קאָן זיין גאַר, האָט מיין ליד דאָס אָפּגעשפּיגלט.
די וועלט פאַר מיר געוואָרן איז פאַרשטעלט — אַ נאַטור־מאָרט
ווייל איבער מיר האָט גורלדיק, נישט־זעענדיק, געפליגלט
דער פחד פאַר דעם מענטשן, וועלכער גרייט זיך שוין צום מאָרד.

עס איז איין גרויסע עלעגיע, וואָס ציט זיך איבער רובינשטיינס לידער־זאַמלונג — אַן עלעגיע פון שרעק „פאַר דעם מענטשן, וועלכער גרייט זיך שוין צום מאָרד״ אין דעם פאַרמלחמהדיקן פוילן; אַ געקלאָג איבער בן־אדמן, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן אין תפיסה פון פּיין און שטומעניש אין דעם מלחמהדיקן סאָוועט־רוסלאַנד, און געיאָמערט איבער אייגן פאָלק און משפחה, וואָס זייער חורבן און אומקום האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט ביי זיין אומקער אין דעם נאָכמלחמה־דיקן פוילן.

איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט געיאָמער, וואָרעם די עלעגיע האָט זיך אין רובינשטיינס נייער לידער־זאַמלונג געשטאַרקט. זי איז פון סובלימירטן מורא־גע־

זאַנג אין די נאַטורמאַרט־געמעלן פון דער ערב־מלחמהדיקער וואַרשע דערגאַנגען איבער געקלאַג צו איכה־ ישבה־געיאָמער, ווו עס הערט זיך דער זיפץ און דער קרעכץ ממש פון יעדער שורה.

און עס איז נישט קיין חידוש. וואָרעם ווי טיף עס זאָל נישט זיין דער צער פון בייזע אָנונגען און ווי נאָך גרעסער די פּיין און שרעק פון געפּאַנגענשאַפט, איז זי נישט צו פאַרגלייכן מיט דעם וויטיקדיקן אויפברויז פון אבלות בשעת „מתך מוטל לפניך״, ד. ה. אין אָנבליק פון אויסגעהרגעטן פאָלק און פון חרוב געוואָ־רענער היים.

דאָס ליד פון געקלאָג איז בטבע אומצימצומדיק. דאָס קלאָגליד האָט זיך האַלט צו גריבלען אין דעטאַלן, אין דעטאַלן פון די ליידן און פון דעם פּיין וואָס די אומ־געקומענע האָבן געליטן. יעדע דערמאָנונג פון אַ מאָל איז גורם געוויין און דאָס געוויין ווערט אויסגעשפּרייטער דורך די פּרטים, וואָס דער דמיון איז מוסיף וועגן דעם, ווי אַזוי דער אַמאָל איז אונטערגעגאַנגען.

ווי אַ ביישפּיל פאַר דער „עלעגישער גריבלעריי״, ווי איך רוף זי, וועל איך ברענגען יענע סטראָפן פון דער פּאָעמע „אויף וואַרשעווער וואָקזאַל״ אין דעם בוך „חורבן פוילן״ ווו רובינשטיין באַווייגט דעם אומקום פון זיין מוטער —

די פּלעגט פון שטעטל קומען אָפּט קיין וואַרשע קויפן סחורה
און זען מיט דער משפּחה זיך, און זיין אַ ביסל דאָ.
און אויף צוריקוועגס איילן, קומען צום וואָקזאַל, אין מורה
די באַן נישט צו פאַרשפּעטיקן, אַפּריער מיט אַ שעה.

דאָס איז אַ דעטאַל פונעם זכרון וועגן דעם לעבן פונעם באַקלאָגטן, און באַלד דערויף קומט אַ פּרט פונעם דמיון וועגן דער פּיין, וואָס דער באַוויינטער האָט גע־קאָנט ליידן ביים אומקום —

ווער ווייסט די באַן, די לעצטע באַן, וואָס האָט דערנאָך זי, שפּעטער,
געפירט צום טויט, ווי לאַנג זי האָט אויף יענער באַן געוואַרט.
אין פראַכטוואַגאָן ווי זי איז דאָרט געלעגן אויף די ברעטער,
וואָס האָט זי דעמאָלט אַלץ געטראַכט אין מענטשן־קנויל פאַרשפּאַרט?!

און דער דריטער שטאַפּל אויף דער דראַמאַטישער לייטער פונעם קלאָגליד איז די מורא פונעם דיכטער, אַז ער זאָל ערגעץ ווו, בלא יודעים, נישט האָבן מחלל גע־ווען די הייליקייט פון דער מאַמעס פּיין —

און איך, קען זיין, ליג אויף דעם זעלבן אָרט איצט אויפן דיל,
ווו זי געלעגן דעמאָלט איז מיט קאַלטן שוויס באַגאָסן
און דאָ געוואָרט האָט אויף איר סוף, געצאַפּלט אין דער שטיל

— — — — — — — — — — — — — — — —
מיר דאַכט, די ברעטער אונטער מיר זיי הייבן אָן צו גליען.
איך פּיל, מיט אַלע שרעקן ווערט אַרום מיר פול די נאַכט.

די דריי דראַמאַטישע טרעפּ אין רובינשטיינס פּאָעמע פון געקלאָג זענען אין גוטן סטיל פון די עלעגיקער איבער דורות. איך וועל דאָ דערמאָנען צוויי: דעם קלאָגער פון „איכה״, ירמיהו, דער כהן פון ענתות, און דעם באַוויינער פון זיין פאַרשטאָרבענעם קינד „אורשולאַ״, כ׳מיין דעם „פוילישן פינדאַר״, דעם פּאָעט פון זעכצנטן יאָרהונדערט יאַן קאָכאַנאָווסקי. דער ערשטער קער זיך אָן מיטן פּאָעט רובינשטיין אַ לייבלעכער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער קרוב און דעם אַנדערנס קרובהשאַפט איז אַ געאָגראַפיש־קולטורעלע. יוסף רובינשטיין האָט ביי דיביידע גרויסע פאָרגייער דירעקט אָדער אומדירעקט געלערנט.

און עס איז נאָך פאַראַן אַ פערטע טרעפּ אין דער סקאַלע פון דער עלעגישער דראַמע. אויף אָט דער פערטער טרעפּ ווערט, רעדנדיק אין דער פּאָעטישער טער־מינאָלאָגיע פון רובינשטיינס אַ צווייטן גרויסן פוילישן לאַנדסמאַן, אַדאַם מיצקע־וויטש, גוסטאַוווס פאַרוואַנדלט אין קאָנראַדוס. דער „אני הגבר״, דער מאַן וואָס האָט אָנגעזען פּיין, ווערט פון אַ יחיד דערהויבן צו אַ כלל־געשטאַלט און די גרויסע כללי־שע פּיין רעדט דורכן מויל פונעם אויסדערוויילטן יחיד, דעם פּאָעט.

יוסף רובינשטיינס עלעגישער איך ווערט אין אַ טייל פון די פּאָעמעס אין בוך פאַרוואַנדלט אין אַ כלל־יידישן מיר. דער דיכטער טענהט אין לשון יחיד, אָבער מען פילט ווי הינטער דעם דיכטערס קול און טענה כוואַליעט און ברויזט דער צער און דער אָנקלאָג פון אַ רבים. צום שטאַרקסטן קומט דער דאָזיקער מיר הינטערן יחידיש־עלעגישן איך צום אויסדרוק ביים סוף פונעם בוך, אין די צוויי לידער „די לעצטע נאַכט״ און „די לעצטע ווייל״. דער ווידערקול פון אַ רבים הערט זיך אַרויס פון רובינשטיינס יחידיש־פּאָעטישער שטים סיי אין שייכות מיט דער יידישער בענקשאַפט נאָך טויזנט יאָר פוילן און סיי ווען ער זאָגט זיין ענדגילטיק אָפּשיידוואָרט צו דער פוילישער ערד און צו דעם היסטאָרישן פויליש־יידישן צוזאַמענלעב —

ס׳איז נאַכט, מיין לעצטע נאַכט דאָ אויף דיין ערד, מדינת פוילן.
אין מאָרגן וועל איך הערן שוין דעם רויש פון ים ביים ברעג.
נאָר איצטער אין דער נאַכט אַליין אין פינצטערניש פאַרהוילן,
איך הער נאָך אַלץ דעם ווייטן רויש פון אַלע מיינע טעג.

אַזוי ווייט — דער שליח־ציבור פון יידישער בענקשאַפט נאָך פוילן, און דערנאָך קומט דאָס האַרבע וואָרט פון דעפיניטיוון חשבון און צעשיידונג. דער דיכטער שטייט ביים ברעג פון באַלטישן ים פאַר זיין אָפּפאָר פון פוילן און זעט ווי כוואַליעס —

זיי לעקן אויך דעם חורבן־ברעג פון מיין פֿאַרברענטן לעבן,
זיי קרייזן אום אויך אין מיין בלוט מיט שטורעמדיקן ווינט.
איך שטיי אַליין אַ ים צעברויזט, לעם צווייטן ים דערנעבן —
אַ ייד נאָך טויזנט יאָר דאָ שטייט צום לעצטן מאָל אַצינד.

— —

איך שטיי און וויס — אויף אייביק איז אַ ייד פון איר אַוועק.

צוויי מכשולים שטייען אין וועג פון דער קינסטלערישער עלעגיע, וואָס זי מוז גובר זיין. דער ערשטער שטרויכלשטיין איז צימצומלאָזיקייט, וואָס איז, ווי שוין געזאָגט, אַ שטיק טבע פון קלאָגליד, און דער צווייטער איז — טרערן.

צוביידע מכות איז רובינשטיינס ברייטע, כלומרשט פּראָזאַיִש־דערציילערישע שורה אַ זעלטענע פון גאָט געשיקטע רפואה. דער פּאָעט רובינשטיין האָט דעם כוח אָוועקצושטעלן אַ דאַמבע קעגן צימצומלאָזיקייט און נאָך מער קעגן דעם סענטימענטאַליזם, דורך דער מוזיק פון זיינע קלאַסיש געמאָסטענע ברייטע פערזן. די מוזיק פון די ברייטע שורות איז אַ ניכטערע און אַ פּאַוואָליעדיקע. זי איז מיינסטנס פריי פון יענעם אַלעגראָ־טאָן, אין וועלכן סע נעסטעט זיך אַזוי גערן דער עלעגישער דעטאַל. אָט די, וואָלט איך געזאָגט, אין האַרצן טיף לירישע אָבער אויפן אויסזען מיושבדיקע שורה איז דאָס די פּראָזאַדישע טעכניק, מיט וועלכער דער דיכטער שטעלט אָפּ דעם פליייץ פון דעטאַלן און פון טרערן.

דער מחבר פון דער תנכישער איכה־עלעגיע האָט דעם דאָזיקן פליייץ אויפגע־האַלטן דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעשעטלט די שורות אַקראָסטיש, לויטן אַלף־בית. ער האָט אַזוי אַרום באַגרענעצט יעדעס קאַפּיטל צו צוויי און צוואַנציק דעטאַלן. דער דרויסנדיקער צימצום טראָגט ביי צו דער אינעווייניקסטער לירישער צוימונג.

דער פּאָעט יוסף רובינשטיין האָט קינסטלעריש געצוימט אי די פּרטים פון זיין עלעגיע און אי ער האָט די דאָזיקע דעטאַלן נישט געלאָזט צו פיל וויינען בפרהסיה.

אויב רובינשטיין האָט זיך אַ מאָל אין „חורבן פּוילן״ יאָ פאַרזינדיקט מיט אַ ביסל גוזמא פון סענטימענטאַליזם, איז דאָס נישט געווען אין זיין „איכה ישבה״־געזאַנג, נאָר דווקא אין אַן אַגבדיקן דערמאָנונגס־בילד פון די וואָגל־יאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווי למשל אין „ווידוי״, ווו דער מאָנאָלאָג פון דעם מוסר רייסט זיך אויף אַ צו הויכן סענטימענטאַלן טאָן און איז צו טעאַטראַליש. אין זיינע עלעגיע־בילדער וועגן חורבן פּוילן האָט דער פּאָעט קיין איין מאָל נישט דערלויבט קיין שום פון זיינע געשטאַלטן און אַוודאי נישט זיך אַליין אַזוי הויך און אַזוי בפרהסיה צו וויינען.

אָבער דערפאַר איז אין די עטלעכע דערמאָנונגען פון ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווי למשל אין דעם קאַפּיטל „לייב קוויטקאָ״ און אין „ען־קאַ־ווע־דע״ פֿאַראַן אַ היפּש

ביסל פון רובינשטיינס קלוגער פּאָרטרעטיסטיק, וואָס קאָן זיך פּאַרגלייכן מיט זיינע מענטש־צייכענונגען פון „טלאָמאַצקע דרייצן" און פון לאָדזש.

אין דעם קאַפּיטל „ען־קאַ־ווע־דע" האָט רובינשטיין באַוויזן קינסטלעריש צו פּאַרפּיקסירן די רייד פון די אויספאָרשער, וואָס קומען אַרויס ווי פּאָליציייש פּאַרסמטע פּאַרשוינען, וואָס זענען כיטרע, בייז און דערביי אַליין שרעקלעך עלנט און — דערעיקרשט אומגלייביק צו דעם מלוכהשן גאָט, וואָס אין אים זענען זיי געשטעלט געוואָרן צו גלייבן און אין זיין נאָמען האָט מען זיי געהייסן פּייניקן מענטשן.

זאָגט איינער פון די אויספאָרשער צו זיין אויספאָרש־קרבן, דעם דיכטער רובינשטיין, און די ווערטער וואָס דער „סליעדאָוואַטעל" ברענגט אַרויס האָבן די מראה פון אַ קין־צייכן, וואָס דער סטאַלין־רעזשים האָט זיך ציניש אַליין אַריינטאַטוּירט לדורות —

וואָס מיינט איר, וואָס, ס'איז רוסלאַנד פון דעם צאַר, פון ניקאָלאַיען ?!
זיך קעגנשטעלן ווילט זיך אייך, זיך מאַכן פאַר אַ העלד ;
איר מיינט מען וועט אייך משפּטן און אפשר נאָך באַפרייען,
און רעדן וועט איר אין געריכט אַז הערן זאָל די וועלט.
איך זע דאָך, איר פאַרשטייט נישט, אפשר מיינט איר, דאָס איז פּוילן,
די וועלט וועט זיך צעשטורעמען, אַ קלייניקייט — אַ מאָרד !
דאָ וועט קיין מענטש קיין פּיפּס נישט טאָן ! איר וועט אין תפיסה פוילן
און קיינער נישט דערהערן וועט פון אייער מויל דאָס וואָרט.

מיט אַנדערע ווערטער : ווען דער נוצרי זאָל זיך געווען יאָוועץ נישט אונטער הורדוס, דעם אדומי, נאָר אונטער סטאַלין, דעם גרוזינער, וואָלט ער געווען געבליבן אַ בן בלי שם און קיין געשיכטע נישט געמאַכט.

מיט באַזונדערער פּאָרטרעטיסטישער קלוגשאַפט צייכענען זיך אויס די פּאָרטרעטן פון „טלאָמאַצקע דרייצן" און פון לאָדזש. מיך האָבן נאָך מער פאַרכאַפּט די לאָדזשער געמעלן, הגם די מענטשן פון ליטעראַטן־קלוב זענען מיר אַזוי אייגן מיט זייערע נעמען און אַ טייל פון זיי האָב איך פּערזענלעך געקענט.

די לאָדזשער פּאָרטרעטן נאָך מער — דערפאַר וואָס אין זיי באַשאַפט דער דיכטער אַ מין „האָמאָ לאָדזשיוס", דעם טיפּ פון לאָדזשער ייד מיט זיינע ספּעציפישע באַזונדערקייטן.

דער לאָדזשער ייד אין רובינשטיינס פּערזן (עס זענען שורות צום פאַרגעדענקען און צום ציטירן) —

...פון זיינע שווּעלן
די ווייטסטע ווינקלען וועלט געבראַכט צו זיך, קיין לאָדזש, אַהער.
— — — — — — — — — — — — — — —
געהאַנדלט מיט שאַנכאַי און איז געפאָרן גאָר קיין גער.
— — — — — — — — — — — — — — —
פון אונטן האָט די פּיטעריקאָווער גאַס געשפּרייזט, געטומלט,
נאָר ער האָט ערגעץ העכער איבער שורות ווי געשפּאַנט.

צום סוף צוויי באַזונדערס גוטע גראַמען און אַסאָנאַנסן, פון צווישן אַ סך אַנדערע, וואָס איך האָב אַרויסגעכאַפּט ווי פּיקאַנטע געשמאַקע ראָזשינקעס פונעם פּאַטעטישן קוכן. גראַמען: א) „למראית עין" מיט „געבויגענע אין דרייען" ב) „דער צוג ער רעדערט" מיט „אָן אומרו עדערט". אַסאָנאַנסן: א) „אַ שונא" מיט „פּאַרשווינען", ב) „מיינע מאָרגנס" מיט „קומען אויף פּאַרבאָרגן".

נפתלי גראָס

א

„יידן"

די יידישע קאַלאַמיי און דער דיכטער נפתלי גראָס — חד הוא. ער איז איר באַזינגער און פּאַראייביקער. —

אַמאָל האָט אין קאָלאָמיי ביינאַכט
אויסגעבראָכן אַ שריפה, נישט דאָ געדאַכט —
אַ צייטן פון ווונדער!
די שטאָט איז שיר אַוועק מיטן רויך, —
און וועד ווייסט, וואָס ס'וואָלט חלילה געשען,
ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען —
אַ צייטן פון ווונדער!
ס'איז יאָסל געשטאַנען אין מיטן מאַרק,
האָט געשפּילט אויף זיין פידל אַזוי הייס,
אַזוי שטאַרק —

א צייטן פון ווונדער!
דאָס פייער איז גלייך פון די דעכער אַראָפּ —
ווער ווייסט, ס׳וואָלט חלילה געשען,
ווען יאָסל קלעזמער וואָלט דאָרט נישט געווען. —
אַ צייטן פון ווונדער!

און ווי זיין שענסטן העלד (און אפשר אַלטער עגאָ) יאָסל קלעזמער, האָט דער דיכטער נפתלי גראָס אין זיינע צוויי בענד „יידן" (ניו־יאָרק, 1929 און 1938) אָפּ־געראַטעוועט פון אונטערגאַנג די געשטאַלטן פון דעם ראָמאַנטישן אַמאָל אין זיין היימשטאָט, דעם רב און דעם מגיד, דעם פרומען ייד און דעם ייד — אַ סוחר, דעם שיינעם בעל־הבית און דעם אַלטן שניידער, דאָס כלה־מיידל און דעם „פּאַריזער שטוצער" און אַלע זיינע „נאָענטע פון קאַלאָמיי" און זיי אַלעמען פּאָרטרעטיש געשטאַלטיקט.

אין די מער ווי דרייסיק יאָר פון זיין דיכטערישער און ליטעראַרישער אַרבעט איז נפתלי גראָס געווען איינער פון דער פלעיאַדע יידיש־גאַליציש דיכטער, וואָס איז געבליבן אַ פולער און גאַנצער ראָמאַנטיקער, כ׳מיין, אַ דיכטער, וואָס זיין ראָ־מאַנטיזם איז געווען קלאַסיש און האָט נישט געהאַט אויפצוווייזן גאָרנישט פון די אַלע ריסן און שפּאַלטונגען פון טראַגישן חוזק און גראָטעסק, וואָס זענען אין אַ גרויסער מאָס כאַראַקטעריסטיש פאַר די יידיש־זינגערס פון גאַליציע.

גראָס׳ געשטאַלטן זענען, פאַרשטייט זיך, נישט פריי פון ליידן, נישט פריי פון צער און פון אינעווייניקסטן געראַנגל, אָבער דאָס אַלץ געהערט בלויז צו זייער פּרע־געשטאַלטערישן עבר. אין דעם מאָמענט, ווען דער דיכטער האָט מיט זיין אויג אויפגעכאַפּט זייער נשמהדיקן מהות, איז ביי זיי אַלעמען שוין געווען נאָך חשבון־הנפש, נאָך חשבון־הלעבן, און אויף דער לאַנדשאַפט פון זייער זעל האָט זיך שוין געצייטיקט די האַרבסטקייט און רעזיגנירטקייט פון געדאַנק און געפיל. זיי זענען שוין געווען ראוי, אַז דער דיכטער זאָל זיי טאָן זייער קינסטלערישן רעכט. וואָרעם קינסטלעריש פּאָרטרעטירן מיינט פאַרן דיכטער גראָס — אַרויסרייסן די געשטאַלטן פון דעם סביבהדיקן רעש, פאַרגלעטן זייער צערודערונג און זיי פאַר־וואַנדלען אין מאָנומענטן פון רו און שיינקייט. כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט זיכער יענער פּאָרטרעט, ווו דער דיכטער לאָזט דעם אַלטן שניידער פאַרשטאַרט ווערן מיט דער נאָדל אין האַנט אין איינעם מיט די איינגעזאַמלטע זעונגען וועגן די טעג פון זיין לעבן —

אַ בילד נאָך אַ בילד; מיט דער נאָדל און שער,
ער גייט דורך דעם לעבן אָט לייכט און אָט שווער.
דער אַלטער שניידער — אויף די קני דאָס געוואַנט,
ער זיצט פאַרשטאַרט מיט דער נאָדל אין האַנט.

און טאָמער ברויזט אויף אַ מאָל אין גראָס׳ פּאָעטישע געשטאַלטן די דינאַ־מישקייט פון גורל און עס ווערט קענטיק ביי זיי דער ווילן איבערצואַנדערשן דאָס באַשערטע, דאָן... קאָן עס נאָר געשען אויפן וועג פון ווונדער. וואָרעם ווונדער איז דער איינציקער לעבנס־כוח, וואָס איז נישט צעקריגט מיט שיינקייט און רו, און ווונדער קער זיך נישט אָן מיטן מענטשנס וועלן, האָוועט און שמייען. דער נס וואַקסט פון יענער זייט מענטשלעכן רצון אויף די סודותדיקע פעלדער פון קונסט און שיקזאַל.

יאָסל קלעזמער טוט ווונדער מיט זיין קונסט. די פריילעכע שניידעריונגען טוען פּישוף מיט די סודות פון זייערע קונצן, און מיט דעם משולח טוט אַ נס דער גורל אַליין פון אונטער זיין שלייער. און דאָ, ווען ווונדער געשעט און דאָס לעבן איז נישט פאַרגליוורט אין שיינקייט, נאָר עס וויברירט נאָך פון באַוועגונג און געשעעניש, דערגרייכט נפתלי גראָס צו די קוואַלן פון עכטער פאָלקסטימלעכקייט, און זיין ליד, וואָס איז אַלע מאָל גאַנץ, שלימותדיק און קלאָר, ווערט דאָ ביי די פאָלקסמאָטיוון אויך וואָרעם און שפּרודלדיק.

פּאָר אַ מוסטער פון גראָס׳, אַזוי צו זאָגן, באַוועגלעכער, דינאַמישער שיינקייט, קאָן דינען „דאָס ליד פון די דריי שניידער־געזעלן און דעם שענקער״. יע־דער פון די דריי געזעלן באַווייזט אַ קונץ מיט זיין פאַנטאַסטישן נאָדל־פאָדעם און עס איז יעדער פון זיי אַ ווונדער־פאַרשוין. אַלע דריי געזעלן און אויך דער פערטער, דער שענקער, וואָס באַלוינט די קונצן־מאַכערס מיט זיינס אַ קונץ —

און דעם פינגערהוט נעמט ער ביי יעדן פון האַנט,
און פילט זיי אָן מיט וויין ביזן ראַנד —
דריי פינגערהוט וויין.
עך, טרינקט, איר ליבע געזעלן מיין,
גיסט וויפל סע גייט אין אייך נאָר אַריין פון דעם דאָזיקן וויין —

אַלע פון די ווונדער־פאַרשוינען, און איבער זיי אַלע זייער באַשעפער, דער קינסטלער נפתלי גראָס, בלענדן אין דעם ליד מיט וואָרעמער פאָלקסטימלעכקייט, מיט ליבן הומאָר און מיט שיינקייט.

עס איז פאַראַן אין גראָס׳ לידער, און דערעיקרשט אין זיינע פּאָרטרעטלידער, אַן אָפּט מאָל בלענדנדיקע, ווייסע קלאָרקייט פון בילד און אויסדרוק. אויף דעם מקור פון אָט דער קלאָרקייט האָט דער פּאָעט אפשר אַליין אָנגעוווּנקען, ווען ער האָט זי אין בליק פון זיין „די דערוואַקסענע״ געלאָזט אויפגיין אין איינעם מיט דער שעמעוודיקייט אין איר, עפּעס אַ פרומע שעמעוודיקייט ווייט פון גראָס׳ פּערז און שפּראַך. די שעמעוודיקייט האַלט צוריק דעם געאייל פון אויסדרוק און גיט די נייטיקע צייט ביי זיך אין נשמה־ווינקל קלאָרער צו מאַכן דאָס בילד, צו שלייפן די שורה און צוצופּאַסן דאָס וואָרט.

און עס קען זיין אַז דאָ ליגט אויך ערגעץ ווו דער סוד פון נפתלי גראָס׳ טיפער דיכטערישער פאַרבונדנקייט מיט דער גרויסער שלייף־און צופּאַסונגס־אַרבעט, וואָס הייסט איבערזעצונג פונעם בוך פון אַלע ביכער.

ב

מעשהלעך און משלים

די זעלביקע שעפערישע שלייף־און צופּאַסונג־אַרבעט, ווי ביי דער איבערזע־צונג פון די „פינעף מגילות", האָט דער דיכטער מקיים געווען אין איין זאַמלונג „מעשהלעך און משלים".

און דאָ איז גראָס׳ פּאָעטישע האַרמאָניע (שעפערישקייט און עבודת־פרח זע־נען אַ געשפּאַן אין דעם זעלבן יאָך פון מענטשנס לעבן) געווען נאָך אַ שווערערע, ווייל דער דיכטער האָט געדאַרפט נישט בלויז איבערשאַפן, ווי ביים תרגום פון די פינף מגילות, נאָר טאַקע דאָס מעשהלע באַשאַפן.

אַ היפּש ביסל פון די מעשהלעך האָט נפתלי גראָס פאַרשריבן דירעקט פון פאָלקסמויל, בעת ער איז אין די צוואַנציקער יאָרן געווען אויף אַ באַזוך אין גאַלי־ציע און האָט דאָרט פאַרבראַכט כמעט אַ יאָר צייט. דעם גרעסטן טייל אָבער פון דעם פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל האָט גראָס אויפגעזאַמלט אין אַמעריקע. הונדער־טער לייענער און אויך חברים־שרייבער האָבן אים צוגעשיקט מעשהלעך, וואָס זיי האָבן געהערט דערציילן אין דער אַלטער היים מיט דרייסיק און מיט פערציק יאָר צוריק, אָדער דאָ אין דער נייער היים איבערדערציילן.

דער מאַטעריאַל, וואָס גראָס האָט באַאַרבעט פאַר זיין בוך, פאַרמאָגט, פאַרשטייט זיך, נישט תמיד דעם זעלבן ווערט פון פאָלקלאָריסטישער עכטקייט און פון פאָלקס־שעפערישער באַדייטונג.

צווישן אַזאַ מעשה ווי „ר׳ יהשע אליעזרס דריי דין־תורהס" ביים באַרדיטשע־ווער רב, אַ מעשה, וואָס לויכט מיט העכערער יידישער מענטשלעכקייט און איז אַ פּערל פון יידישער פאָלקסשאַפונג, און ביז, זאָגן מיר, דער מעשה „יאָסל דער שוס־טער ווערט פּרעזידענט", וואָס איז נישט מער ווי אַ לצניש פאַבריצירטער אַנעק־דאָט, איז בלי ספק אַ מהלך ר״ב, וואָס שייך דער עכטקייט פון יידישן פאָלקסגעמיט און פון אויטענטישער יידישער פאָלקסשעפערישקייט. קאָן זיין אַז אַזעלכע מעשיות, ווי וועגן דער פּרעזידענטשאַפט פון יאָסל שוסטער אין אַמעריקע און זייערס גלייכן, האָבן גאָר נישט געדאַרפט אַריין אין גראָס׳ בדרך־כלל גוט אָפּגעקליבענער, דור־כויס אין נוסח פון יידיש־גייסטיקייט געהאַלטענער און קינסטלעריש געלייטערטער זאַמלונג.

צווײ וויכטיקע זאַכן האָט נפתלי גראָס אויפגעטאָן אין זײן בוך, אחוץ דעם אויפטו פון צונויפזאַמלען און אָפּקלײַבן מאַטעריאַל.

ראשית: גראָס האָט דעם מאַטעריאַל קינסטלעריש געלייטערט.

אפילו די מעשהלעך וואָס מען הערט דירעקט פון „פאָלקסמויל" זענען צום מײנסטן באַוואַקסן מיט ווילדפלייש, כ'מיין מיט שטאָף און פאָרעם, וואָס קערן זיך אָרגאַניש נישט אָן מיט דער מעשה שהיה און מיט איר מוסר־השכל.

אַ פאָלקס־מעשה מוז מען קענען נאָכדערציילן און דער מאָן, אָדער די פרוי, וואָס רעפּרעזענטירט דאָס „פאָלקסמויל" פאַרן פאָלקלאָר־זאַמלער, איז דאָס זעלטן בכוח. דער סיפור־המעשה קומט געוויינלעך אַרויס פונעם „פאָלקסמויל" אַ פאַר־קריפּלטער, דער מוסר־השכל — אַ סתירהדיקער און דער שפּראַכלעכער נוסח אין טראַנטעס, אַ געלאַטעטער און אָן געמיט.

און אַ קל וחומר, אַז אַזוי און נאָך ערגער זעט אויס די פאָלקס־מעשה, וואָס עס דערציילט זי איבער דער ייד אין אַמעריקע, וואָס האָט זי איצט געהערט פון זײנס אַ פעטער, וואָס האָט זי מיט פערציק יאָר צוריק געהערט דערציילן אין דער אַלטער היים.

די מעשה קאָן דער פאָלקלאָר־זאַמלער, וואָס פּרעזענטירט זי אונדז אין אַ בוך, נישט סתם איבערדערציילן. ער מוז זי פאַקטיש דערציילן. ער מוז די סקעלעט־שערבלעך פון דער מעשה אַנטאָן מיט בלוט און פלייש. ער מוז די מעשה פון דאָס ניי באַשאַפן.

און דאָ ערשט קומט אויף אַ נייע שוועריקייט. די מעשה טאָר נישט פאַרלירן איר פאָלקס־מעשהדיקן כאַראַקטער. זי טאָר נישט ווערן דעם דיכטערס אַן אייגענע מעשה אויף אַ פאָלקסטימלעכן מאָטיוו.

דער דיכטער־פאָלקלאָר־זאַמלער דאַרף בלויז די פאָלקס־מעשה באַפרייען פונעם אָנגעוואַקסענעם ווילדפלייש און זי אומקערן צו איר מקורדיקן נוסח.

און דאָס האָט כמעט דורכויס באַוויזן צו טאָן דער דיכטער נפתלי גראָס אין זײן זאַמלונג „מעשהלעך און משלים".

וואָס פאַר אַ מעשה עס זאָל נישט זײן, צי די ביטער־טרויעריקע מעשה „איר שפּילט אייך מיט ראָטשילדס מזל!", צי דאָס קלוג הומאָריסטישע מעשהלע „פאַר וואָס מחותנים רופן זיך נישט איינער דעם אַנדערן ביים נאָמען", אָדער די מעשה מיט „שלמה המלך ווערט אַ מגיד און לערנט זיך דרשנען" — זענען זיי אַלע איבער־געגעבן נישט בלויז אין גראָס' סטיל, נאָר דערעיקרשט אין אַ געלייטערטן נוסח פון פאָלקס־דערציילער.

אָן ענלעכע איבערלעבונג ווי ביים לייענען גראָס' פאָלקס־מעשיות האָב איך געהאַט, ווען איך האָב מיט יאָרן צוריק געהערט זינגען „ושמרו בני ישראל את השבת" פון נחמיה ווינאַווערס אַ כאָר. ס'איז געווען דער „ושמרו בני ישראל" טאַקע ווי איך האָב אים געהערט אין מײן יוגנט זינגען פון די בני־ישראל אין מײן און

אין גראַס׳ „שטאָט מיט יידן״, און נאָך מער און נאָך תמציתדיקער דערפאַר, ווייל דער נוסח איז געווען פריי פון אַלע אָנגעוואָקסענע מוזיקאַלישע פּסולתן, פון אַלע אומאָרגאַנישע און דערפאַר איבעריקע קרעכצן און זיפצעניש. ס׳איז געווען דער נוסחדיקער „ושמרו״ אין זיין אמתן גערליטערט-פאָלקישן מקור.

אויך ביי גראַסן האָט מען דאָס זעלבע געפיל און די זעלבע איבערלעבונג פונעם אמתן פאָלקישן נוסח אָן די נאָכדערציילערישע פּחתן און איבעריקייטן.

ס׳רעדט ביי גראַסן דאָס פאָלקסמויל, אָבער אָן שפּראַכבולבעס און אָן שטאָמ-לעניש. ס׳איז דאָס פאָלקסמויל פון איינעם, וואָס ער אַליין האָט טאַקע געקאָנט זיין דער ערשטער פאָלקסקינסטלערישער באַשעפער פון דער מעשה און איר ערשטער מקורדיקער נאָכדערציילער.

שנית: גראַס האָט אָפּגעהיט די יידישע אַטמאָספער פון די מעשיות און וווּ מען האָט געדאַרפט האָט ער די אַטמאָספער פאַריידישט.

וואָס קאָן, דאַכט זיך, זיין נאַציאָנאַל אייגענער ווי די פאָלקסשאַפונג, דער פאָלקלאָר? אָבער פון דעסטוועגן, און דווקא אַזוי, איז נישט פאַראַן עפּעס, וואָס זאָל זיין מער אינטערנאַציאָנאַל, עפּעס וואָס זאָל שעפעריש שפּינען מער אויף מאָ-טיוון בשותפותע פאַר אַלע פעלקער, ווי דער פאָלקלאָר.

וועגן דער וואַנדערונג פון די זעלבע פאָלקלאָר-מאָטיוון פון פאָלק צו פאָלק איז אַ סך געשריבן געוואָרן. פון אונדזער גמרא האָבן פאָלקלאָר-מאָטיוון אַריבער-געוואַנדערט אין דעם פאַרשפּרייטן מעשה-בוך פון אייראָפּעיִשן מיטל-עלטער „געס-טא ראָמאַנאָרום״. נישט איין אָריענטאַלישער מאָטיוו, ווידער, האָט זיך אַריבער-געפלאַנצט צו אונדז אין דער גמרא און אין מדרש. וואָס שייך דעם נייערן יידישן פאָלקלאָר האָט ער איבערגענומען מאָטיוון און מעשיות נישט בלויז פון תלמוד און מדרש, נאָר אויך פון גויִשן אַרום.

דער פאָלקלאָר-מאָטיוו יאָגט זיך היסטאָריש אַהין-און-צוריק צווישן די פעלקער פון דער וועלט, אָבער ביי יעדן פאָלק בלייבט ער שטיין און וואַרט, אַז מען זאָל אים באַזונדער נאַציאָנאַל פאַרסטראַיען, כדי ער זאָל אויסזען נישט ווי אַ גר, נאָר ווי אַ תושב.

און די נאַציאָנאַלע שעפערישקייט באַווייזט צו מאָל צו מאַכן דעם פאָלקלאָ-ריסטישן מאָטיוו פאַר אַן אייגענעם שוין דערמיט, וואָס זי בייט, גיט צו אָדער מי-נערט אַזאָ אָדער אַן אַנדערן דעטאַל אין דער מעשה, און אַ מאָל אַפילו בלויז מיט דעם וואָס זי אַראַנזשירט אַנדערש דעם סדר פון די געשעענישן.

אָט איז אַזאַ אָריענטאַליש מעשהלע, וואָס ווערט געבראַכט ביי נפתלי גראַסן אונטערן נאָמען „ס׳איז געווענדט ווי אַזוי מען זאָגט אַ זאַך״.

די מעשה, וואָס אויף וויפל איך דערמאָן זיך, איז זי געווען אַ סטאַנדאַרט-מעשה פון אַלע פאָלקלאָר-כרעסטאָמאַטיעס אין די מיינסטע אייראָפּעיִשע לענדער, און איך אַליין געדענק זי נאָך פון דעם טעקסטבוך פאַר די ערשטע קלאַסן גימנאַזיע, דער-

ציילט וועגן אַ סולטאַן, וואָס האָט געהאַט אַ שווערן חלום און האָט זיך געלאָזט פּותר חלום זיין פון זיינע הויף־חכמים.

דער ערשטער חכם האָט דעם סולטאַן געזאָגט אַז דער מיין פונעם חלום איז, אַז ער וועט זען שטאַרבן אַלע זיינע פריינט. האָט דער סולטאַן דעם פּותר־חלומניק געהייסן אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

דער צווייטער חכם איז געווען קליגער און טאַקטישער פונעם ערשטן. לויט אים איז דער טייטש פונעם חלום געווען, אַז דער סולטאַן וועט האָבן אריכות ימים און וועט איבערלעבן אַלע זיינע פריינט.

דאָס קלינגט שוין גאַנץ אַנדערש. און דער סולטאַן האָט דעם קלוגן חלום־טייטשער באַלוינט און אים דערהויבן צו זיין צווישן זיינע נאָענטסטע באַראַטער.

איצט טרעף איך דאָס זעלבע מעשהלע אין נפתלי גראָס׳ זאַמלונג. אָבער מיט איין קליינעם בייט אין דער „דראַמאַטיס פּערסאָנע״ האָט די אָריענטאַלישע מעשה באַקומען יידישן חן. פונעם סולטאַן איז געוואָרן אַ מלך און אַ יידישער מעשה־מלך. דער עיקר וואָס גיט צו יידיש־פאָלקישע פאַרב דעם מלך, איז דער דעטאַל, וואָס שטעלט אַריין אין דעם חלום־אויסטייטש נישט פריינט, נאָר קינדער.

„אַלע דיינע קינדער וועלן שטאַרבן ביי דיין לעבן״ — דאָס איז אַ יידיש־משפּחהדיקער קנייטש פון דעם פּותר־חלומניקס פאַרברעכערישער נאַרישקייט.

אַז ס׳גייט וועגן קינדער, וואָס וועלן אַלע אויסשטאַרבן ביים פאָטערס לעבן — פאַר אַזאַ בייזער נבואה קאָן אפילו דאָס יידישע פאָלקסגעמיט באַרעכטיקן דעם מלכס האַרבע שטראָף פאַר דעם חלום־אויסטייטשער.

און יידיש זענען די מעשיות אין נפתלי גראָס׳ בוך אַלע דערמיט, וואָס זיי האָבן כמעט קיין מאָל נישט קיין מוסר־השכל (מעג דער מוסר־השכל זיין אַ בפירוש־ער, אָדער נישט אַן אַרויסגעזאָגטער, און בלויז צום אַרויסדרינגען פון דער מעשה) וואָס זאָל זיין להיפּוך צו דעם יידישן געמיט אונדזערן, וואָס האָט זיך אויס־געפורעמט אין די הונדערטער יאָרן פון אונדזער לעבן נישט אין דער אַטמאָספער פון שווערד, נאָר פון גייסט און וואָרט.

יידיש־דיכטער גבריאל פרייל

אַ מאָל, דווקא אין דער צייט פונעם שפּראַכנקאַמף, האָבן מיר פאַרמאָגט צוויי־שפּראַכיקע דיכטער. ביאַליק און שניאור האָבן געשריבן לידער אויף העברעיִש און אויף יידיש. דער ערשטער — כמעט מיט דער זעלבער קראַפט אויך אויף יידיש,

און דער צווייטער איז ווייט נישט געווען דער זעלבער בעל־כוח אויף מאַמע־לשון ווי אויף עברית.

די דריי דיכטער, וואָסביידע לשונות אונדזערע זענען זיי בייגעשטאַנען, ווען מער און ווען ווייניקער, אין כמעט דער זעלבער מאָס זענען, דאַכט זיך, דער קדוש יצחק קאַצענעלסאָן הי״ד און אורי צבי גרינבערג און אהרן צייטלין, זיי צו לאַנגע יאָר.

פון די דריי האָט דער רוח הקודש פון גלייכער מאָס אין ביידע שפּראַכן אפשר צום מיינסטן באַגינציקט אהרן צייטלינען.

און אָט איז, דווקא אין דער צייט פון דעם פולשטענדיקן געזעלשאַפטלעכן שלום־בית צווישן אונדזערע ביידע לשונות, וואָס האָט, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, מער ווי פריער אַריינגעבראַכט שעפערישע צעשיידונג אין אונדזער ליטעראַטור, דערעיקרשט אין דער דיכטונג, אויפגעקומען אין דער יידישער אַמעריקע אַ צוויי־שפּראַכיקער פּאָעט אין דער עלטער פון די „יונג־ווילנער״ חיים גראַדע און אברהם סוצקעווער. דער היינט פינף און פופציק־יעריקער גבריאל פּרייל, אַ בן־הרב פון די באַלטישע לענדער, איז אין עלטער פון עלף יאָר געקומען קיין אַמעריקע און האָט זיין ערשט העברעיִש ליד אָפּגעדרוקט אין 1936, אין ניו־יאָרקער „הדואר״. זינט דעמאָלט האָט פּרייל אַרויסגעגעבן פיר זאַמלונגען העברעיִשע שירים און עס איז אָנגעוואַקסן אַ היפּשע קריטישע ליטעראַטור וועגן אים אין עברית.

אין נייעסטן העפט פון דער ניו־יאָרקער העברעיִשער חודש־שריפט „בצרון״ (אב־אלול, תשכ״ו) איז באַצייכנט געוואָרן דער דרייסיק־יעריקער יובילעי פון פּריילס דיכטונג מיט אַן אַרטיקל פון א. מרתאַן, אין וועלכן עס ווערט געגעבן אַ דעסקריפּ־טיווע ביבליאָגראַפיע פון די קריטישע מאמרים, וואָס זענען געשריבן געוואָרן וועגן פּריילן זינט 1961 ועד הנה. וועגן די אַרטיקלען ביז 1961 האָט דער זעלביקער א. מרתאַן געדרוקט אַ דעסקריפּטיווע ביבליאָגראַפיע אין דעם „בצרון״ טאַקע אין יע־נעם יאָר.

פּרייל האָט אויך געשריבן יידישע לידער און זיי געדרוקט ביי אונדז אין „צו־קונפט״ און אויך אין אַנדערע אַמעריקאַניש־יידישע צייטשריפטן.

איצט, צום דרייסיק־יעריקן יובילעי פון פּריילס העברעיִשער דיכטונג, איז אַרויס זיין ערשטע זאַמלונג יידישע לידער און מיר ווערן פון דער קורצער הקדמה צום בוך געוווירר, אַז דער יידיש־דיכטער גבריאל פּרייל איז עלטער פון דעם העברעיִשן פּאָעט פּרייל, וואָרעם יידיש, ווערט דערציילט אין אַריינפיר־וואָרט, האָט פּרייל אָנגעהויבן צו שרייבן מיט אַ יאָר פריער פאַר העברעיִש. אויף יידיש האָט פּרייל דעביוטירט אין 1935 מיט לידער אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ און אין „אינזיך״. און נאָך ווערן מיר פון דער צען־שורהדיקער הקדמה געווויר, אַז „יעקב גלאַטשטיין איז געווען דער ערשטער לייענער פון מיין ערשט יידיש ליד״.

און יעקב גלאַטשטיין איז נישט בלויז געווען דער ערשטער לייענער פון פּריילס

ערשטן יידישן ליד, נאָר אויך אַ שטענדיקער בעל־השפּעה אויף זיינע יידישע לי־דער. ביידע, גלאַטשטיין און פרייל, האָבן זיך געהאַדעוועט אויף דער אַנגלאָ־סאַק־סישער דיכטונג. אָבער גלאַטשטיין האָט באַוויזן אַנצוהאַלטן דאָס ירושהדיקע יידי־שע געמיט פון לובלין בעת פרייל איז, אַזוי דאַכט זיך צו מאָל, פאַרבליבן פון דעם זיידנס רבנישער שטוב אין דאָרפאַט, נישט מער ווי לשון־קודש און לשון־יידיש, וואָס זענען אין זיין שעפערישן פּראָצעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עברית און אין ליטעראַרישן יידיש.

גבריאל פרייל איז סיי אין זיינע העברעיִשע און סיי אין זיינע יידישע לידער דער צום מיינסטן אַמעריקאַניזירטער דיכטער אין אונדזער ליטעראַטור. די אַמע־ריקאַנישע לאַנדשאַפט, די געאָגראַפישע און היסטאָריש־גייסטיקע איז פאַר פריילן נישט קיין טעמע. אויב טעמע — זענען דאָס פריילס בענקשאַפטלידער צו ליטע און צו ארץ־ישראל. איבער ניו־יאָרק, איבער מעין, איבער וואָלט וויטמאַנס מקו־מות, איבער ווערמאָנט און ניו־העמפשאַיר און איבער אַן „אַמעריקאַנער בית־עולם" און אפילו איבער „נענסי לינקאָלנס חלומות" שפּאַנט דער דיכטער ווי ביי זיך אין דער היים. ס'איז זיין היסטאָריע און זיין געאָגראַפיע. כ'וואָלט געזאָגט, אַז גבריאל פרייל איז אַן אַמעריקאַנער דיכטער אויף העברעיִש און יידיש און נישט קיין העב־רעיִשער אָדער יידישער דיכטער אין אַמעריקע.

ער, פרייל, איז על־פּי זיין געמיט דיכטעריש באַהעפט צום אַמעריקאַנישן האַרבסט וואָס איז —

...אַ גאָלד־אויגיקער יינגל
אין וועמעס קויש איז זינגען עפּל —

און נישט צו דעם ליטווישן האַרבסט פון זיין יוגנט וואָס —

איז שוין מער ניט קיין יינגל
וואָס טראָגט שמייכלדיקע עפּל
אין זיין קויש;
ער איז איצט אַן אַלט געוואָרענער דאַרפסמענטש
אויף וועמעס פלייצע עס הענגט אָפּהענטיק
אַ ליידיקער עמער.

איך האָב געזאָגט, אַז גבריאל פרייל איז אַן אַמעריקאַנישער דיכטער. ער איז אויך אַ מאָדערניסטישער דיכטער אין תוך און פאָרעם. זיינע פערזן, די העברעיִשע און די יידישע, זענען כמעט דורכויס, אָדער טאָקע דורכויס, ווייסע פערזן. דער גראַם איז פאַר פריילן, מן־הסתם, אַ שטיק ראָמאַנטיק און ראָמאַנטיק איז וויט פון זיין געמיט. פרייל איז אַ צערעבראַלער דיכטער. זיינע לידער זענען תמיד זייער ביל־דעריש, זיי פינקלען אָפט מאָל מיט געדאַנק, אָבער גליען זעלטן מיטן ברען פון

עמאָציע. אין זיין ליד „רמב״ם־פאָרצייכענונג״ דערציילט פרייל וועגן „נשר הגדול״ אַז —

דער רמב״ם האָט קיין מאָל קיין שניי נישט געזען
אָבער ער האָט פון פאַרשטאַנד געאָנט
ס׳פּאַרטיקע פייער.

פריילס ווערטער וועגן רמב״ם זענען אויך חל אויף די לידער פון אים אַליין, אונדזער העברעיִש־יידישן דיכטער גבריאל פרייל.

אַן אַלטער תושב איז גבריאל פרייל אין דער העברעיִשער דיכטונג, אָבער אויך אין דער יידישער פּאָעזיע האָט ער סיי מיט איינצלנע געדרוקטע שירים און אַוודאי מיט זיין איצטיקער זאַמלונג „לידער״ (ניו־יאָרק, 1966) זיך איינגעהאַנדלט בירגער־פּאַפּירן.

שפּראַכלעך שטאַרקער איז גבריאל פרייל, פאַרשטייט זיך, אין העברעיִש. איך האָב פאַרגליכן זיין פּאָעמע „בית־הקברות אמריקני״ פונעם בוך „נר מול כוכבים״ (מיט אַ ליכט קעגן די שטערן״, אַרויס אין ירושלים, 1954) מיט דער יידישער אי־בערדיכטונג „אַן אַמעריקאַנער בית־עולם״ אין דעם נאָר וואָס דערשינענעם לידער־בוך און איך געפין איינצלנע יידיש־שורות וואָס זענען שטאַרקער ווי אין העברעיִש, ווי, למשל, טאָקע די ערשטע שורה און די דריטע —

אונטערן אויסגערונדיקטן באָרגקאָפּ, טונקל מעש אין זון
דרימלט אַ בית־עולם, אין פאַרשטילטן בלאָנקן טאָל

אַנטקעגן די העברעיִשע פערזן —

ומתחת לראש הר מעגל, פליז דהה בשמה,
נם בית־קברות, בעמק צלול־שלוה.

אָבער בדרך כלל פאַרמאָגן די העברעיִשע שורות מער אָרגאַנישן ריטעם און פּאָעטישן טעמפּעראַמענט.

איך וויל צום סוף ציטירן כאָטש איין סטראָפע פון דעם ליד „קאָנטראַסט־מאָ־טיוון״, וואָס איז איינס פון די לירישסטע אין בוך און איז אויך דער ראַיעלסטער עדות פון גבריאל פריילס פּאָעטישן אימאַזשיניזם —

נאַכט איז צאַרט ווי דאָס לייב
פון אַ שאָף,
נאַכט איז זיס ווי דאָס פלייש
פון אַ הירש:
נאַכט ביסטו.

שלמה ביקל

נאַכט איז פאַרזיגלטער קוואַל
איז פאַרשלאָסענע טראַכט,
איז טויט.
די שעפּסן און הירשן
דורשטן בײַם קוואַל.

מענדל נייגרעשל

די צײַטשריפט „קריטיק" האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעשטעלט. מלך ראַוויטש האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט ווין און איז אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. אין דער קירהשער הויפּטשטאָט זענען צווישן ביידע וועלט־מלחמות געבליבן ווײַנען צוויי אײנזאַמע יידישע דיכטער: ד"ר מלך כמעלניצקי און ד"ר מענדל נייגרעשל. דער ערשטער אַ מעדיקער, דער צווייטער אַן אַדוואָקאַט. דאָס איז געווען זייער פּרנסה. זייער שליחות איז געווען יידיש־דיכטונג.

איך פלעג אין דעם לעצטן יאָרצענדליק ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה נישט ווייניקער ווי צוויי מאָל אַ יאָר קומען קיין ווין און דאָרט זיך געווײנטלעך געטראָפן מיט אנשי שלומנו אין ארקאַדן־קאַפעהויז. מלך כמעלניצקי האָט קיין מאָל נישט געפעלט ביי די פאַרנאַכט־איין פאַרנאַכט־אויס־מסיבות אין „אַרקאַדן", אָבער אויך מענדל נייגרעשל איז דאָרט געווען נישט קיין זעלטענער גאַסט. כמעלניצקי, אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, איז געווען אַ נוח לבריות און ביי אַלעמען באַליבט.

מענדל נייגרעשל, וויפל מאָל איך האָב אים געטראָפן ביי יענע מסיבות, איז געזעסן אַן אומרו:קער. זיין מיטלוווקסיקער, שמאָלער גוף איז געווען אין שטענדי־קער באַוועגונג. אויף זיין פּנים און אין זיין בליק איז געווען קינסטלערישע געש־פּאַנטקייט, אָבער אויך אומגעדולד און רוגז.

פון די מסיבות זענען ביידע פּאָעטן, מלך כמעלניצקי און דער אַכצן יאָר יינגערער מענדל נייגרעשל, תמיד אַוועקגעגאַנגען אין איינעם, און ווי חברים האָבן מיר דערציילט, אויף לאַנגע שפּאַצירן און שמועסן וועגן זייער בשותפותדיקן יום־טוב — די יידישע פּאָעזיע.

פון דער יידיש קולטורעל־פּוסטער שטאָט ווין, איז געווען שווער צו דערכאַפּן אַ ביסל אָנערקענונג אין די גרויסע יידישע צענטערן וואַרשע און ניו־יאָרק. מענדל נייגרעשל האָט דערנאָך אין זיין אינטערעסאַנטער, הגם מייסט קריטיש צו שאַרפער און אומגערעכטער עסיי „די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אין גאַליציע" (זאַמלבוך

„פון נאָענטן עבר", ניו־יאָרק, 1955) זיך אָנגענומען די קריוודע פון זיין חבר כמעל־ניצקי פאַר דער פאַרשווייגעניש פון זיין לידערבוך „אויף אַ שטילער סטעזשקע". ער האָט געשריבן, אַז —

„דאָס דערשיינען פון אַ בוך מיט אַזאַ שטילן לעבנס־ריטעם האָט אין אַ צייט, ווען דער עקספּרעסיאָניזם האָט באַרוישט דעם יידישן לייענער מיט מאַרקישעס כאַליאַסטרע־געשריי און מיט ראַוויטשעס נאַקעטער וואָלקן־קראַצער־ליריק, געמוזט זיין אין פּסיכאָלאָגישן זין זייער אומאַקטועל (הגם אין לאָגישן זין איז אַ גוט ליד — אייביק אַקטועל) און די שטילע סטעזשקע איז אין גאַנצן פאַרזען געוואָרן פונעם יידשן לייענער".

מענדל נייגרעשל טענהט דאָ פאַר אַ חבר. אויב ער האָט דערביי אין זינען געהאַט צו זיין אַ טוען אויך פאַר זיינע אייגענע לידער, איז ער דערצו אויף אַלע הונדערט פּראָצענט באַרעכטיקט. וואָרעם נישט נאָר מלך כמעלניצקי, נאָר אויך מענדל נייגרעשל איז געווען אַ דיכטער פון דממה־דקה־לידער, פונעם חדר פון די אַמעריקאַנישע „יונגע", וואָס זענען דעמאָלט, און צום טייל אויך שפּעטער, אַריבער־געשריגן געוואָרן פון מאַרקישעס כאַליאַסטרע־געשריי. ביידע, נישט נאָר מלך כמעלניצקי, ווי עס זאָגט דאָס מענדל נייגרעשל אין זיין דערמאָנטער עסיי וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין גאַליציע, נאָר אויך ער אַליין, נייגרעשל, איז סיי אין זיינע דריי לידערביכער, וואָס זענען ביי זיין לעבן דערשינען אין ווין און אין וואַרשע, און סיי אויך אין דעם באַנד „געזאַמלטע לידער", וואָס זיין אלמנה האָט אַרויסגעבראַכט אין ניו־יאָרק דריי יאָר נאָכן דיכטערס טויט (מענדל נייגרעשל איז געשטאָרבן דעם 8טן פעברואַר 1965, אַ טאָג פאַר זיין 62סטן געבוירן־טאָג) געווען אַ פּאָעט „מיט דער מידער האָפענונגסלאָזיקייט פון „פען דע סיעקל". די גרופּע דיכטערס פון סוף נייַנצנטן יאָרהונדערט, וואָס ווערט אַזוי באַצייכנט, זענען דיכטער פון קולטור־שקיעה און אין פּסיכאָלאָגישן זינען זענען זיי פּאָעטן וואָס ברענגען צום אויסדרוק דעם „הערא:זם פון שוואַכקייט".

די „יונגע" אין אַמעריקע זענען אין תוך געווען אַזעלכע „הערא:יען פון שוואַכ־קייט". זייער גבורה איז געווען די מעלאָדישקייט, די מוזיק וואָס זיי האָבן אַריינ־געבראַכט אין דעם יידיש־פּאָעטישן וואָרט. זיי זענען בדרך כלל געווען זינגערס און נישט קיין זאָגערס. און ווי זיי, אויך מלך כמעלניצקי און מענדל נייגרעשל.

דאָס שענסטע און אויך דורכנעמענדיקסטע ליד אין נוסח פון דער „יונגע"־זינגעוודיקייט איז אין נייגרעשלס נייעם בוך דאָס ליד „טרייסט" —

אָון גיי צווישן מיינע ברידער
ווי אַ מענטש פון פעלד צו פעלד.
סע וואַקסט דאָרט צו מאָל אַ בעריאָזקע
וואָס דאַווענט פרום צו דער וועלט.

דער חילוק צווישן מענדל נייגרעשלען און מלך כמעלניצקין איז ערגעץ ווו געווען דער זעלבער, ווי צווישן דעם „יונגן" זישע לאַנדוי און דעם „יונגן" מאַני לייב.

מאַני לייב און אויך מלך כמעלניצקי זענען געווען דורכויס געזאַנג. זישע לאַנדוי און מענדל נייגרעשל האָבן פאַרמאָגט אַ מער קעמפעריש געמיט און האָבן צו מאָל ווויל־יונגעריש, קאַפּריזנע און להכעיסדיק מפסיק געווען די נגינה און די תפילה און אַ זאָג געטאָן אַזוי, אַז ס׳זאָל אַלעמען פאַרדריסן, אַלעמען וואָס טוליען זיך צו יידישער טראַדיציע און צו יידישער געשיכטע —

מיך האָט נישט יעקב געפּירט ביי דער האַנט,
איך האָב מיט ירמיהון צו גאָט נישט געשריגן,
מיך האָט געלערנט מיעשקאָ דער פּיאַסט,
— — — — — — — —
ווען מ׳האָט אין מסדה געשאַרפט די שווערד,
האָב איך דעקלאַמירט מיט ציצעראָנען.

דער דאָזיקער קאַפּריז פון „וויל איך זיין גויִיש" איז פאַראַן אין די לידער, וואָס מענדל נייגרעשל האָט געשריבן אין ניי־סאַנטש, אין ווין און אין וואַרשע, ווען ס׳האָט אין איראָפּעישן תחום־המושב נאָך געלעבט אַ לעבעדיק יידיש פאָלק.

דאָ אין אַמעריקע, וווהין נייגרעשל איז אָנגעקומען ווי אַ פּליט אין צווייטן מלחמה־יאָר, האָט ער גענומען זוכן זיין פאָלק, זוכן מיט פאַרצווייפלונג, מיט נאָס־טאַלגיע, מיט שרעק און מיט ליבשאַפט.

ווי אַן עכטער מאַן פון „פּען דע סיעקל"־דיכטונג איז ביי נייגרעשלען זיין ליד פול מיט פחד און שרעק. פונעם שטעטל — זאָגט ער אין דעם ליד „אינטערוויו וועגן שטעטל" — געדענקט ער ווייניק —

ס׳איז אַלץ געווען מאָדנע קליין.
גרויס איז געווען בלויז דער פחד
פאַר מאַטעמאַטיק און לאַטיין.

און ווען ער פרעגט זיך אין אַ ליד ביים סוף פונעם בוך „וואָס וועט בלייבן נאָך מיר?" ענטפערט ער—

שיך און זאָקן,
און אַ העמד אַזאַ,
וווּ אַ האַרץ האָט געקלאַפּט
אויף טויט דערשראָקן.

און דער אויף „טויט דערשראָקענער" דיכטער האָט „אַצינד גערעדט פון זיי (פון מיעשעק דעם פּיאַסט און פון אַלע פּוילישע ציצעראָנען) „מיט שינאה, מיט גרינער גאַל, מיט פייכטער סלינע" און האָט מיט פון דאָס ביי דערוואַכטער ליבשאַפט צו זיין אייגן פאָלק געשריבן איינס פון די דורכנעמענדיקסטע קלאָגלידער אויף יידישן חורבן. ער בעט זיך ביי גאָט אין דעם סאָנעט „די האַק" —

נעם טויזנט העק, מיין גאָט, און האַק
ווי טויזנט דונערס אויף מיין נאַקן.
מיט ליבשאַפט נעם איך אָן דעם פּסק
און כ׳בייג הכנעהדיק מיין נאַקן.
דו האָסט אויסגעהאַקט דעם גאַנצן וואַלד
און איך בין איינער דאָ געבליבן.

דוד איינהאָרן

(אַ באַגריסונג צו זיינע שמונים)

ווען דוד איינהאָרן האָט אין ווילנע אַרויסגעגעבן זיין ערשטע זאַמלונג לידער „שטילע געזאַנגען" בין איך געווען אַ בר־מצווה־בחור און איך געדענק דעם אויפ־ברויז (יאָ, יאָ, ווען עס האָט עקסיסטירט דאָס יידישע לעבן אין מיזרח־אייראָפּע, האָט אַ בוך יידיש־לידער געקאָנט אויפברויזן דאָס יידישע געמיט). איך געדענק דעם אויפברויז סיי פון מיין יונגן טאַטן וואָס איז געווען אַ קורא ותיק פון דער העברעיִ־שער און אויך פון דער יידישער ליטעראַטור און סיי דעם אויפציטער אין דעם קרייז פון דער יידיש־לייענענדיקער אינטעליגענץ אין מיין גאַליצישער היימשטאָט. די אינטעליגענץ איז באַשטאַנען פון עמך, יונגע פּועלי־ציון, יידישע סאָציאַליסטן (זשעט־פּע־עס) און פון די וותיקים, די לייענערס פון אחד־העמס „השלוח", וואָס זענען געווען ראָמאַנטיש פאַרבענקט און האָבן ערגעץ ווו געפילט, אַז די דאָזיקע בענקשאַפט און דער ניי־דערוואַכטער פאָלקישער און יחידישער טרויער פון גליק קומען היימישער און נעענטער צום אויסדרוק אין מאַמע־לשון.

סיי די יונגע עמך־לייענערס און סיי די העברעיִשע וותיקים־לייענערס האָבן נאָך, איידער זיי האָבן עס שווארץ אויף ווייס געלייענט ביי בעל־מחשבותן און ביי ש. ניגערן, געפילט אַז די „שטילע געזאַנגען" באַדייטן אַ נייער ווענד אין דער

יידיש־דיכטונג. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך באַשטעטיקט דריי יאָר שפּעטער דורך דוד איינהאָרנס צווייטער זאַמלונג „מיינע לידער״.

דער גרויסער אויפטו פון דוד איינהאָרנס ליד איז געווען וואָס ער האָט דורך זיין אינטימער לירישקייט געבראַכט צום אויסדרוק נישט נאָר „מיין ליד״, ד. ה. דאָס ליד פונעם דיכטער, נאָר אויך דאָס פּאָטענציעל־יחידישע געזאַנג פון דער יידישער אינטעליגענץ פון יענעם דור פון יידישע רענעסאַנס־פּיאָנערן.

דוד איינהאָרנס „שטילע געזאַנגען״ און „מיינע לידער״ זענען געווען דער אָנהייב פון יענער פּאָעטישער שול אין מאַמע־לשון, וואָס האָט געשטעלט דעם טראָפּ נישט אויף אידעיִשער זאָגערישקייט, נאָר אויף מוזיק און וויזיע.

יידיש האָט זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן אויך אויף די פריערע פּאָעטן פון פאַר איינהאָרן און פון די אמעריקאַנישע „יונגע״, אָבער ערשט די לידער פון דוד איינהאָרן אין אייראָפּע און דערנאָך פון דעם קאַמאַשן־שטעפּער מאַני לייב אין אַמעריקע האָבן אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג דעם דינעם דממה־דקה־טאָן און דאָס פאַלקיש־ראָמאַנטישע געמיט וואָס האָט באַווירקט סיי „עמך״ און סיי דעם אינטעליגענט, דעם ישיבה־בחורשן און דעם אידעאָלאָגיש האַלב־אָפּגעפרעמדטן סטודענט און פאַרטיי־טוער אין משך פון די לעצטע צוויי דורות.

דער דיכטער האָט אין אַ ליד אין יאָר 1910 אַזוי זיך אַליין כאַראַקטעריזירט —

מיין ליד איז געפאַנגען אין ריטם פון טרויעריקע שטילע געזאַנגען.
עס סודן די ווערטער, וואָס וועלקן און פאַלן פון בוים ;

עס איז געווען אַ טרויער וואָס האָט מוזיקאַליש אויסגעזונגען די עלעגיע אויפן חורבן פון יידישן לעבן, אויפן לעצטן בעל־תפילה, וואָס איז געשטאָרבן און אויף דער שול וואָס שטייט איינזאַם פאַרשלאָסן, און צו דער זעלבער צייט איז דאָס געווען אַ טרויער וואָס האָט וויזיאָנעריש זיך געשראָקן פאַר דעם נאָך גרעסערן חורבן וואָס לויערט אויף אונדזער אומה און וואָס דער דיכטער האָט אַ דור שפּעטער שוין אין ניו־יאָרק אין 1944 פאַרסך־הכלט אין אָט די פּאָעטישע שורות :

די טרערן זיינען אַלע אויסגעוויינט געוואָרן
און אָפּגעשוואונקט די שרעקן פון זכרון
— — — — — — — — — — — — — — —
די שיף, זי ליגט אין אָפּגרונט לאַנג פאַרזונקען
און טיף מיט איר ניט איין געליבטער ברודער.
אָ, דאַן ווען אַלע שטערן האָבן איר געוווּנקען
איז שוין דער טויט געשטאַנען ביי איר רודער.

אין דער מאָדערנער יידיש־פּאָעזיע איז דווקא דער סאָציאַליסטיש־אָנגאַזשירטער דיכטער דוד איינהאָרן געווען דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם

רעליגיעזן טאָן אין יידישן ליד. דער יונגער דוד איינהאָרן האָט זיך זעלבסט אידענטיפיצירט מיט דער דאָזיקער רעליגיעזער בענקשאַפט און זי געלאָזט הערן צו אונדז נישט ווי טרייסט פון אַ דרויסנדיקן, נאָר ווי אַ מעגלעכע ממשותדיקע רפואה קעגן נאַציאָנאַלן אומקום —

מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול,
ווען די טריט פון דעם לעצטן אין ווייט וועט פאַרשווינדן
און ס'וועט דעם נר־תמיד פאַרלעשן דער ווינט.
דאַן וועלן מיר ווידער זיין ליכטל אָנצינדן.
מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול.

אַחוץ דעם יונגן דוד איינהאָרן האָט די דאָזיקע פּאָעטישע דרייסטקייט צו רעליגיעזער בענקשאַפט, ווי צו נאַציאָנאַלער רפואה, באַוויזן אין יענער צייט אויך דער טאַטע פון יידיש־וועלטלעכקייט יצחק לייבוש פּרץ, אָבער ער איז דעמאָלט שוין געווען אין דער עלטער צווישן עצה און זקנה.

אַ דור, אַ גאַנצער דור האָט געתפילהט אין איינעם מיט דוד איינהאָרנס בעריאָזקעלע, און אַ דור, אַ גאַנצער דור האָט אין איינעם מיט דעם פּאָעט געבענקט נאָך דעם „לעצטן בעל־תפילה" און געטרויערט איבער זיין אָפּגאַנג.

אין דער אמתן ציטערן נאָך עד־היום די טענער פון דוד איינהאָרנס שטילע געזאַנגען אויך אין האָרץ פון דעם דור נאָך טרעבלינקע. נאָך די אַלע געוויינען און געיאָמערן וואָס מיר טוען אויסגיסן אויף די חורבות פון דער פאַרניכטעטער יידישער מזרח־אייראָפּע און איבער די קברים פון אונדזערע אומגעקומענע זעקס מיליאָן קדושים, דאַכט זיך צו מאָל, אַז קיינער וואָלט נישט געקאָנט בעסער און טיפער אויסקלאָגן אונדזער יידישן צער ווי דאָס שטילע בעריאָזקעלע ביי די רעשיקע וועגן פון דעם ניי־אויפגעבויטן יידן־ריינעם פּוילן. נישט איין מאָל פליסטערט דאָס יידישע האַרץ אַריבער איבער ימים צו דער בעריאָזקעלע, ביי די פאַראיינזאַמטע וועגן אין פּוילן און אין ליטע — זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויף פאַר מיר!

איך דערמאָן דאָ דערעיקרשט דעם פּאָעטס יוגנט־געזאַנגען, הגם דוד איינהאָרן איז נישט בלויז געווען אַ ראשון אין אונדזער דיכטונג, נאָר אויך איינער פון אירע רייפע מייסטערס, ווייל יענע ערשטע לידער זענען נישט צום אויסלעשן אין דעם געמיט פון אונדזער דור. יענע איינהאָרנס לידער זענען געווען די ערשטע קאַמער־מוזיק־קאָנצערטן אויף יידיש קיין מאָל נישט צום פאַרגעסן.

דער דיכטער חיים ראַבינזאָן

איך האָב מיך מיט חיים ראַבינזאָנס העברעישער לידער־זאַמלונג „ימי האדמה" (די טעג פון דער ערד), וואָס איז אַרויס אין תל־אביבער פאַרלאַג „מסדה", באמת דערפרייט. איז דאָך חיים ראַבינזאָן געווען דער מיזיניק צווישן דער יונגער חברה יידיש־דיכטער און יידיש־שרייבער אין רומעניע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן די גרופע געצערטלט מיטן נאָמען „נאָכוווקס" און מער ווי מיט אַלע האָבן מיר זיך איבערגענומען מיטן יאַסער מורה הוראהס זון, חיים ראַבינזאָן, וואָרעם ער איז אין דעם „נאָכוווקס" געווען דער איינציקער שעפער אין ביידע שפּראַכן אונדזערע. אויך אַ טייל אַנדערע פון יענער גרופע זענען געווען העברעיש־קענער, זיי זענען געווען גראַדויִרטע פון תרבות־שולן, אָבער זייער באַהעפטקייט צו העברעיש איז נישט דערגאַנגען ווייטער ווי צו לייענען. ביי חיים ראַבינזאָן האָט זיך זיין פערז געשנירלט מיט דער זעלבער גרינגקייט אויף יידיש און העברעיש. אַחוץ דעם איז חיים ראַבינזאָן געווען אַ ישיבה־בחור און איז מער, אָן אַן ערך מער געווען פאַרוואָרצלט אין אַלטער פרום־יידישקייט, ווי יעדער אַנדערער פון דער יונגער רומעניש־יידישער שרייבער־גרופּע.

אין 1935, אין עלטער פון 21 יאָר, האָט זיך דער דיכטער חיים ראַבינזאָן באַזעצט אין בוקאַרעסט און האָט זיך זינט דעמאָלט באַטייליקט אין דעם וואָכנבלאַט „די וואָך" און דערנאָך אין חודש־זשורנאַל „שויבן", וואָס זענען אין די יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה דערשינען אין בוקאַרעסט אונטער דער רעדאַקציע פון דעם דיכטער יעקב שטערנבערג און פון שרייבער פון די שורות.

מיר איז נישט קלאָר, פאַר וואָס אין חיים ראַבינזאָס קורצער ביאָגראַפיע אין ג. קרעסעלס „לכסיקון הספרות העברית בדורות האחרונים" (תל־אביב, 1967), ווערט נישט דערמאָנט, אַז דער דיכטער ראַבינזאָן האָט דעביוטירט מיט לידער אויף יידיש. טאָמער האָט זיי ראַבינזאָן אַליין פאַרשוויגן, האָט ער געטאָן אַן עוולה זיך און דער יידיש־פּאָעזיע, וואָרעם מיט יענע יידישע לידער האָט ער זיך בפירוש נישט וואָס צו שעמען.

אַזאַ ליד, וואָס דער 23־יעריקער האָט אין 1937 אָפּגעדרוקט אין „שויבן" וועגן די —

...פאַרשעמטע טעג,
וואָס האָבן זיך געשלעפּט אונטערטעניקע ווי שאָף
אין צימער ביי מיין טאַטעניו, דעם רב.
טעג אויסגעטריקנטע ווי זיין יעדער אבר
און אָרעמע, ווי אָרעם ער איז איצט אין קבר.

איינס נאָר יאָ.
ר׳האָט געהאַט אַזוינס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ אָ־אָ,
ווי אַ לאַנגער קרעכץ.
לאָ־אָ־נג, ווי זיין בענקשאַפט נאָך אַ וואַרעם ביסעלע געקעכטס
אין טעג מיט שניי פאַרשאָטענע,
מיט פאַדעשוועס אויסגעטראָטענע,
ער צעטאַנצט זיך, אַנגענומען מיט זיין ליידיקן אָרום.

דאָס איז אַ שיין אינטים איבערגעלעבט און אין אויסדרוק רייף ליד, וואָס דאַרף נישט פעלן אין אַן אַנטאָלאָגיע פון גוטע יידישע לידער. דאָס דאָזיקע ליד וועגן די „פאַרשעמטע טעג״ אין מחברס אייגענער העברעישער איבערזעצונג וואָלט זיך זייער גוט פאַרטראָגן מיט די פרעכטיקע לידער אין דעם בוך וועגן „די טעג פון דער ערד״, וואָס איז דעם דיכטערס ערשטלינג איןביידע אונדזערע שפּראַכן. אויף יידיש האָט ראַבינזאָן קיין לידער־זאַמלונג נישט אַרויסגעבראַכט. ער האָט אין 1944 עולה געווען פון בוקאַרעסט קיין ישראל. ער האָט אין די פיר און צוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט שטודירט אין ירושלימער אוניווערסיטעט, געלערנט אין אַ מיטלשול און געדרוקט לידער, ליטעראַרישע עסייען און פאַרש־אַרטיקלען אין אַ גאַנצער ריי העברעישע צייטשריפטן און האָט אַ סך איבערגעזעצט פון יידיש אויף העברעיש. ראַבינזאָנס שעפערישקייט אין ביידע אונדזערע לשונות מאַכט אים פאַר איינעם פון די געזוכטע גוטע איבערזעצער פון יידיש אויף העברעיש.

די „טעג פון דער ערד״ זענען, ווי געזאָגט, ראַבינזאָנס ערשטע לידער־זאַמלונג בכלל און אין לייען די לידער, אָנגעהויבן פון דעם ערשטן ליד „פתיחה״ (עפענונג) און ביז צום סאַמע לעצטן פון דער ערשטער אָפּטיילונג, וואָס פאַרנעמט כמעט צוויי דריטל פון בוך (די אַנדערע דריי קלענערע אָפּטיילונגען זענען לידער אויף ביבלישע מאָטיוון, וועגן שבת און בענקשאַפטן, וועגן ירדן) און איך זע, אַז דער דיכטער איז געבליבן געטריי צו זיין זעונג „אין צימער ביי מיין טאַטעניו, דעם רב״.

ער האָט פון זיין אויג „פאַרטריבן מ׳טרויעריקן גלאַנץ, אָבער פאַרבליבן איז מיר נאָך דער טאַנץ״.

דעם טאַנץ פון דעם יאָסער רבס ענגן אָרעמען חדר האָט זיין זון, דער דיכטער, אַריבערגעטראָגן אויף די זאַמדן, אויף די הימלען, געוויסערן און געוויקסן פון ארץ־ישראל. אין אַלץ זעט איצט דאָס געמיט פון דיכטער אין גרויסן יום־טוב־טאַנץ און פון דעם טאַנץ האָרכט דער פּאָעט אַרויס די דורותדיקע בענקשאַפטן פון די לעבע־דיקע און פון די טויטע נאָך די „טעג פון דער ערד״.

„הגשם, הרי הוא רועה
שבכל ואת הכל הוא רואה.
בדפקו באשנב או בקן צפרים

עונים לו געגועים הקוראים
לצאת בעקבי הזורעים".

(אין מיין פראַזאַישער איבערזעצונג: דער רעגן איז דער היטער פון אַלץ און אַלץ ער זעט. ווען ער קלאַפּט אין קליינעם פענצטער און אין פויגלנעסט, ענטפערן אים בענקשאַפטן, וואָס רופן אַרויסצוגיין אין די טריט פון די פאַרזייערס).

און נישט נאָר די לעבעדיקע ענטפערן אָפּ מיט זייער בענקשאַפט, נאָר אויך די טויטע —

נפשקות אז שפתי המתים בתלמים
כלשאול לגשמים,
אם עוד קימים
הלילות, הימים...
כי זוכרים המתים חייהם בזמנים
ומפעמים בעלים — לבבות.

(אויף יידיש: עס עפענען זיך דעמאָלט ברייט די ליפּן פון די מתים אין די קבר־רייען, ווי צו פרעגן ביי די רעגנס, צי עס זענען נאָך פאַראַן די נעכט, די טעג... ווייל מתים געדענקען זייער לעבן אין צייט און עס קלאַפּן הערצער אין די בלעטער).

אַ באַזונדערן חן פאַרמאָגן אין ראַבינזאָנס בוך די קליינע לידער פון זעקס, אַכט, העכסטנס צוועלף שמאָלע שורות. זיי זענען וואַריאַציעס אויף דעם גרונטמאָטיוו פון דעם „יום־טוב־טאַנץ" איבער אַלץ, און עס קלינגט אַרויס בענקשאַפט פון אַלץ, וואָס לעבט און בליט און אויך פון אַלץ, וואָס געשטאָרבן און פאַרוויאַנעט אין באַשאַף. עס איז נישטאָ קיין געוויין, עס איז נאָר דאָ אַ שטענדיקער ז י י ן איבער צייטן.

וועגן אַפּטער רב, וואָס איז געווען דער לעצטער חכם־באשי (רב הכולל) פון חיים ראַבינזאָנס היימשטאָט יאַס ווערט דערציילט, אַז ער האָט אַ מאָל ביי דער יום־כפּורדי־קער „עבודה" אַ זאָג געטאָן אַנשטאָט „וכך היה אומר" (אַזוי פלעגט דער כהן זאָגן) „וכך הייתי אומר" (אַזוי פלעג איך זאָגן).

אין געמיט פון דעם אַפּטער, דעם „פּאָעט פון די גוזמאות", זאָגט דער יאַסער דיכטער חיים ראַבינזאָן —

חפשתי הדרך לכפר מודיעין
ואת עצמי מצאתי —
כה רבים הלחשים, הצלילים
ואת כולם ידעתי.
הייתי כאן שמש־אביב ברקיעים
וטרם שקעתי.

(אויף יידיש: איך האָב געזוכט דעם וועג צום דאָרף מודיעין און האָב זיך אַליין געפֿונען. אַזוי פֿיל קלאַנגען און איך קען זיי אַלע. כ׳בין דאָ געווען די פּרילינגזון אויפֿן הימל און בין נאָך נישט אונטערגעגאַנגען).

עס איז פֿאַראַן אין דעם ליד אי שפּילעוודיקייט און אי דרייסטער היסטאָרישער פּאַטאָס, און דער דאָזיקער מיזוג פֿון בילדערישן שפּילקאַפּריז מיט פּאַטאָס איז אויך דאָ אין אַ סך פֿון ראַבינזאָנס אַנדערע קליינע לידער.

איך וועל דאָ ציטירן דאָס פֿיר־שורהדיקע ליד „יהי רצון״ און דערמיט פֿאַר־ענדיקן מיינע באַמערקונגען וועגן ראַבינזאָנס אויסגעצייכנטן און זייער גראַטע־נעם ערשטלינג —

יהי רצון לפני דורי,
שיהא דורי לי עריסת אורי —
את דורי בו לנענע
עד יגדל דורי ויתגעגע...

(יהי רצון ביי מיין דור, אַז מיין דור זאָל זיין דאָס וויגל פֿון מיין ליכט, כדי מיין דור דערין צו וויגן ביז מיין דור וועט אויפֿוואַקסן און נעמען בענקען...).

1968

די אָפּאַטאָשו־פּרעמיעס אין פּאַריז

אַ יידישער מעצענאַט אין פּאַריז מיטן סימבאָלישן נאָמען ליבהאָבער האָט געשאַפֿן אַ יערלעכע פּרעמיע פֿאַר יידישע ביכער אויפֿן נאָמען פֿון יוסף אָפּאַטאָשו ז״ל. די געווינערס פֿון דער ערשטער פּרעמיע זענען די פּאַריזער יידישע פּראָזע־שרייבערין מנוחה ראַם, פֿאַר איר בוך „ווינטן״ און דער ישראלדיקער יידיש־פּאָעט משה יונגמאַן, פֿאַר זיין זאַמלונג „ווייסע טויערן״.

די זשורי איז געווען אַן אינטערטעריטאָריעלע. אירע דריי מיטגלידער: דער יידישער דיכטער און מעמואַריסט אברהם זאַק פֿון בוענאָס־איירעס, דער באַוווסטער יידיש־פֿראַנצויזישער שריפֿטשטעלער מאַנעס שפּערבער. און פֿון ניו־יאָרק: דער שרייבער פֿון די שורות.

מנוחה ראַם

די טעמע פֿון מנוחה ראַמס דערציילונג „ווינטן״ איז דאָס לעבן אין אַ קאַזאַכ־סטאַנער דאָרף אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַחוץ די איינגעבוירענע

געפינען זיך אין דעם דאָרף אַ ריי דעפּאָרטירטע משפחות פון אַרעסטירטע פּאָליאַקן און צווישן די דעפּאָרטירטע — אויך צוויי יידישע פרויען, חנה, די פרוי פון אַ דאָרפסקרעמער אין פּוילן, מיט אירע דריי קינדער, און אסתר, די פרוי פון דעם אַרבעטער־טוער מנחם, פון אַ ווייסרוסיש שטעטל, מיט איר טעכטערל איטעלע.

אין דעם קאַזאַכסטאַנער דאָרף (אין דעם דרייצנטן קאַפּיטל ווערן מיר אפילו געוויר דעם גענויעם אַדרעס: סעוואַראַ, קאַזאַכסטאַנער אָבלאַסט, פּרעסקאָוער ראַ־יאָן, קובישער סיעלסאָוועט) זענען כמעט פאַראַן דורכויס פרויען, זקנים און קינדער. די יונגע מאַנצבילן זענען אַלע אויפן פראָנט. די פאַרבליבענע פרויען אין דאָרף אַר־בעטן שווער אויף די פעלדער און אין הויז, און הונגערן דורכן יאָר און פרירן אום ווינטער, ווייל ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו הייצן אויף די שוואַך באַוואָלדיקטע קאַזאַכ־סטאַנער סטעפּעס. אחוצן הונגער, וואָס איז גאַנציאָריק, איז אויך גאַנציאָריק די בענקשאַפט נאָך די זין און מענער אויפן פראָנט און די שרעק פאַר זייער גורל. די צוויי יידישע פרויען חנה און אסתר קוקן זיך אויס די אויגן אויף אַ ידיעה פון זייערע פאַרשיקטע מאַנסלייט, וואָס מען האָט זיי פאַרנומען באַלד נאָכן אַריינקום פון די סאָוועטישע חיילות.

בלויז מיט אסתרס מאַן מנחם באַקענט אונדז די מחברין, וועגן חנהס פאַרשיקטן מאַן שמואל ווערן מיר געוויר פון זיין עגונה, וואָס דערציילט וועגן אים. מיט מנחמס אַרעסט הייבט זיך אָן די דערציילונג. צוויי אַ זייגער ביי נאַכט, וואָס איז געוואָרן די סטאַנדאַרד־שעה פון אַרעסטן, קלאַפּן אָן אין טיר און ס'קומען אַריין „גלאַנציקע דאַשיקעס, שטייפע מונדירן, אַ ברענענדיקער טאַשנלעמפּל פאַר די אויגן". מען זוכט, מען געפינט גאָרנישט און מען נעמט מיט מנחמען — און מען ווייסט נישט ווו ער איז אַהינגעקומען. עס פירט אים אונטער אַ ביקס דער מיליציאַנער חיים, וואָס הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס זיינע חברים טוען און פאַר וואָס עס קומט דאָס מנחמען — „ווען עס פלעגט קומען צו אַ קריגעריי מיטן בעל־הבית, פלעגן אַלע לויפן צום חבר מנחם. בעתן סטרייק אויפן טאַרטאַק בין איך דער ערשטער געלאָפן צו אים. ער האָט טאַקע וועלטן איינגעלייגט און מיר האָבן אויסגעפירט".

חיים דעם מיליציאַנערס עטלעכע ווערטער פון רעזאַנירונג שאַפן דעם פאַרט־רעט פון דעם אַרבעטער־טוער מנחם, וואָס איז מיט טויזנטער אַנדערע, זיינס גלייכן, אַרעסטירט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע און — „ולא ידע איש את קבורתם", קיי־נער ווייס נישט ווו זייער געביין געפינט זיך.

איך האָב דאָ דערמאָנט דעם קורצן פאַרטרעט פונעם אַרעסטירטן אַרבעטער־טוער מנחם, ווייל איך וויל אונטערשטרייכן, אַז אין תוך האָט מנוחה ראָמס בוך נישט קיין נאַראַטיווע קאָמפּאָזיציעס. עס איז נישטאָ אין דעם בוך קיין פאַבולע, קיין דערציילערישער פאָדעם, וואָס זאָל די געשטאַלטן פירן פון אַ ביאָגראַפישן אָנהייב ביז צום סוף, אָדער ערגעץ אַ פונקט אין דער ביאָגראַפיע. ס'איז אויך נישטאָ אין דעם בוך קיין צענטראַלע געשטאַלט, אַרום וועלכער עס זאָלן זיך גרופּירן די איבע־

ריקע פיגורן און עס זאָל זיך וויקלען אַ האַנדלונג. ס'זענען דאָרט יאָ פאַראַן אַ גאַנ־צע ריי גוט, בולט און מיט וואָרעמקייט פאַרטרעטירטע פאַרשווינען און עס זענען דאָ אַ היפּש ביסל סצענעס, וואָס זענען פריי פון קוליסן־רייסעריי, אפילו פון הויכע קולות, און זענען דאָך דראַמאַטיש, טיף דראַמאַטיש.

די פּאַנאָראַמע פון גוט געצייכנטע געשטאַלטן און פון זייער גרעאַטענע דראַ־מאַטישע סצענעס מאַכט מנוחה ראַמס בוך פאַר אַ בוך, וואָס האָט אַחוץ היסטאָריש־דאָקומענטאַרישן, אויך אַ פיינעם קינסטלערישן ווערט.

אָט איז אַזאַ סצענע, ווי די שמחה ביי דער אַלטער קיריאַקאָוואַ. דאָס איז געווען אַ „הוליאַנקע" לכבוד איר טאָכטער וואָס האָט געדאַרפט קומען פון ראַיאָן. אַלע האָבן זיך משמח געווען, געזונגען און געטאַנצט און די קיריאַקאָוואַ — „קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט ווען זי איז אַרויס, איר אומעטיק, צעווינטיקט פנים האָט אויסגעזאָגט, אַז שוין גאַנץ לאַנג איז זי געשטאַנען אויפן וועג", האָט אַרויסגעקוקט אויף דער טאָכטער.

די „הוליאַנקע" האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן זונטיק און די קיריאַקאָוואַ האָט אַלע מאָל פון דאָס ניי געשטעלט כיבוד און דער אַלטער גאָרילע, וואָס איז שוין געווען בגילופינדיק, איז איר געפאַלן אויפן האַלדז און האָט שטיל געשעפּטשעט ווי אַ פאַרליבטער.

— זיי נישט טרויעריק, שכנה מיינע, שוועסטערל ראַדנאַיאַ. זי וועט קומען דיין קאַטיע. אין דער וועלט ווערט מען נישט פאַרפאַלן, ליבינקע. אומעטום איז אַלץ איינס... טשאַרט וואָזמי, דער זעלבער צער... אַלץ איינס... זי וועט קומען...

און אַז ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו טונקלען אין דרויסן און די צעוואָרעמטע געסט זענען אין דער קילער האַרבסטנאַכט געגאַנגען אַהיים, האָט די קיריאַקאָוואַ זיך „אויפגעהויבן פון שוועל און אַרויס אין דרויסן. די קעלט האָט זי אויסגעע־טשוכעט און אויפגעוועקט דעם ווייטיק אין איר. זי האָט שנעל איבערגעבונדן דאָס טיכל ביים האַלדז און זיך געלאָזט גיין מיטן וועג"...

די געשטאַלט פון דער צעוויטיקטער מאַמע אויפן פאָן פון אַ שמחה צוליב דער טאָכטער, וואָס האָט געזאָלט קומען, און אויפן הינטערגרונט פון פּליאַטקעס אויפן חשבון פון נישט־געקומענעם גאַסט, און דאָס אַלץ דערציילט כמעט שטיל, אָן הויכע טענער — פון אַלץ און אַלעם באַקומט זיך אַ קינסטלעריש־דראַמאַטישע סצענע וואָס צערודערט, פאַרגעדענקט זיך און גייט נאָך.

נישט ווייניקער אינעוויניקסטע דראַמאַטיק פאַרמאָגן די סצענעס ווען אסתר לאָזט זיך אַוועק אין אַ שניי־זאַווערוכע מיט חנהס בחורל חיים האָקן בגניבה האָלץ אין וואַלד. אויך דאָ מיידט אויס די מחבר׳ין הויכע טענער, די הויכע טענער האָט צו־געשטעלט די צעיושעטע נאַטור און דאָס סיקען פון דער זעג. פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָבן זיי זיך געלאָזט צוריק אין דאָרף אַריין. דער אָקס האָט געשלעפּט דעם שליטן און אסתר און חיימל „זענען שטיל נאָכגעלאָפן נאָכן שליטן. אַ שוויס

האָט זיי דורכגענומען אין דער פּראָסטיקער נאַכט". פּלוצעם האָבן זיי דערזען די פליגלען פון דער ווינטמיל און האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען נאָענט פון דאָרף. „זיי זענען געשטאַנען שטומע, אומבאַוועגלעכע, ווי צוגעפרוירענע".

דאָס איז דער קלימאַקס פון דער דראַמע און אַ פּסיכאָלאָגיש ריכטיקער און קינסטלעריש געראָטענער קלימאַקס. וואָס קען זיין נאָך העכער, נאָך דראַמאַטישער ווי שטילקייט, ווי שטומע אומבאַוועגלעכקייט ?

אַן אַנדערע שטילע דראַמע אויף מנוחה ראַמס שטייגער, איז דאָס בילד, ווען מאַרוסיע, די בריגאַדירשע, זעט פון אַקעגן איבער, ווי מיליציאַנערן אַרעסטירן איר פאָטער. „אַ רויטע, אַן אויפגערייצטע איז זי געשטאַנען ביים זייט פון פענסטער, אַז קיינער זאָל זי נישט באַמערקן און געצישעט ווי אַ שלאַנג: „פּאַראַזיטן, סוואָ־לאָטשעס, סאַבאָטאַזשניקעס", און די מוטער, ביי דער באַגעגעניש צו מאַרגנס מיט דער טאָכטער, האָט נישט וואָס צו רעדן וועגן דער ביינאַכטיקער געשעעניש.

— איז וואָס שווייגסטו, מאַרוסיע ? גיי געפין דאָס יינגל און גיב אים עסן.

מאַרוסיע האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב, פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר שטיל, ווי זי וואָלט אַרויס פון אַ קראַנקן.

ס'איז אויך דאָ אַן אָנהייב פון אַ פאַבולע — די ליבע צווישן פּעטיאַן און אסתרן. עס קומט נישט צו קיין ליבע, אָבער די אָנהייבן ברענגט מנוחה ראָם אַרויס: גלוסט פון פּעטיאַן צו אסתרן (סטעראָטשקאַ), וואָס רופט קודם אַרויס אומרו ביי אסתרן און דערנאָך ממשותדיקע בענקשאַפט. אָבער אַלץ ווערט איבערגעריסן, ווייל פּעטיאַ ווערט רעקרוטירט פאַרן פראָנט. פּעטיאַ און אסתר זענען דווקא ראוי צו זיין די צענטראַל־געשטאַלטן פונעם ראָמאַן, אָבער מנוחה ראָם האָט קיין ראָמאַן נישט גע־שריבן. זי האָט בלויז אָנגעוואָרפן, אָפט מיט אַ געניטער קינסטלערישער האַנט, פאָרטרעטן און געשעענישן, וואָס קאָנען ווערן אַ טייל פון אַ ראָמאַן.

משה יונגמאַן

דער היינט פיר און פערציק־יעריקער משה יונגמאַן, וואָס שטאַמט פון מיזרח־גאַליציע, האָט אין די קריגסיאָרן פאַרזוכט דעם טעם פון סטאַלינס צוואַנגסאַר־בעט־לאַגערן און איז איצט אַ תושב אין ישראל, אין דער שטאָט טבעון, בשכנות מיט חיפה. זענען זיינע לידער, סיי „אין שאָטן פון מולד" און סיי אין דער איצ־טיקער זאַמלונג „ווייסע טויערן" אַ מיזוג פון פאָלקסטימלעכקייט און מאָדערניזם. אָט איז דאָכט זיך די פאָלקסטימלעכקייט אַליין —

פירן וועגן קיין סניאַטין
און חלומות — קיין פּאַדאַיעץ.

פרנסות דאַרטן — דין־דין־דין
צו דערהאַלטן קוים דאָס חיות.

און באַלד דערויף, אין אַ צווייט ליד, פאַלקסטימלעכע ווערטער מיט זייער פּשטותדיקער מוזיק, אָבער מיט אַ מאָדערניסטישן אימאַזש —

נעכטיקע טעג, געבוירענע אין ימען גראָז.
נעכטיקע טעג, וואָס מאַכן מיין כוס.
נעכטיקע טעג, וואָס צעפּאַלן זיך ביי יעדן בלאָז...

און עטלעכע בלעטער וויטער זינגט דער דיכטער וועגן דעם צוואַנגסאַרבעט־לאַגער „וואָרקוטע" אין ווייסע פערזן, מאָדערניסטיש סיי אין ריטעם און סיי אין דעם אימאַזש —

וואָרקוטע — אויג אין דער טייגע,
אויפגעריסענע וויע טרויער
קום שטאַרבן מיט מיר,
נאַכט איז געפאַלן אויף מיינע לידער,
איך בין געלאָפן אַנטלאָפן פון אייגענעם בלוט
און געוואָרן אַ פאַרפראָרענער זייל מיט שרעק.

אין דעם ליד „דער קונצנמאַכער", וואָס דער דיכטער טראָגט עס צו אַ מתנה איציק מאַנגערן, איז די אַטמאָספער אַ מאַנגערישע און צום טייל אויך דער אימאַזש אַזוי —

שטאַרוויגיק שטייען די זקנים ביי די פּלויטן־
און דזשאַמדזשען זונפאַרגאַנג מיט פּנימער פאַרבלויטע.

און מאַנגער איז נישט די איינציקע קרובהשאַפט, וואָס זעט זיך אָן אין משה יונגמאַנס לידער. עס זענען אויך דאָ איינפלוסן פון דעם ראַפינירטן פּאָעטישן זאָגער יעקב גלאַטשטיין און פון דעם וואָרטמאַגיקער אברהם סוצקעווער, אָבער איבער אָט־די אַלע אָנקערעכצער שוועבט איבער יונגמאַנס לידער די נאָענטשאַפט מיט דער פּיאָנערישער שטימונג פון די יידיש־סאָוועטישע דיכטער אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן.

דער גרויסער קינסטלערישער אויפטו פון משה יונגמאַן איז, וואָס פון אונטער אַלע השפּעות און קרובהשאַפטן שטייט אויף ער אַליין מיט זיין אייגענעם ריטעם פון זינגען און זאָגן, מיט זיין אייגענער, אַ מאָל אַבסטראַקטער און אַ מאָל קאָנקרעטער פּאָעטישער בילדלעכקייט און מיט זיין אייגענעם חיתוך הדיבור און צוגויפשטעל פון ווערטער.

דורכגייענדיק די פינף הויפּטציקלען פון משה יונגמאַנס „וויסע טויערן", בלעטערט מען אַן אויטאָבּיאָגראַפישע פונעם פּאָעטס געפילן און שטימונגען, נאָס־טאַלגיעס צו דער פאַרגאַנגענהייט, ליבע און באַוווּנדערונג צו די טוּונגען אין דער קעגנוואַרט און טרוים־פאַרמעסטן נוגע דער צוקונפט.

משה יונגמאַן איז דער ווונדער פון אַ יידיש־דיכטער, וואָס עס זענען אין אים פאַראַן אָפּקלאַנגען פון דעם שעפערישן אויפשטייַן פון יידישן ליד פאַרן לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, און ער אַליין איז אַן אויפגעשטיגענער פולער אייגענער קלאַנג.

דער פולסטער קלאַנג אין יונגמאַנס ליד איז די האָפערדיקייט, די זיכערקייט מיט אַ יידישער צוקונפט, וואָס איז זעלטן אין אַזאַ מאָס צו געפינען ביי אַנדערע יידישע דיכטער. די האָפערדיקייט איז געווען אַן עיקר־שטריך פון דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג, אָבער נישט ביי אַלע דיכטער פון סאָוועטנלאַנד איז זי געווען אַזאַ פרייוויליקע, אַזאַ אָרגאַנישע ווי ביי משה יונגמאַנען.

ער באַזינגט דעם בוי אין גליל און אין נגב אין דעם ריטעם פון אַ האָראַ־טאַנץ —

דער אוצר וואַקסט. מיר זענען איצט גבירים
צו קענען זיך פאַרגינען אויף אַ קול,
אויפצייילן שויבן, אויסרעכענען טירן
און זיך פאַרפלאַנטערן, ניט וויסן זייער צאָל.
דער אוצר וואַקסט.

עס וואַקסט דער מאַטעריעלער אוצר. און דער גייסטיקער המשך ? דער דיכטער משה יונגמאַן איז פון די געציילטע, און אפשר דער איינציקער, וואָס האָט נישט מורא פאַר דער אַנדערשדיקער יידישער געשטאַלט פון די זין. ער איז מודה, אַז —

די קוואַלן מיינע —
אַלע געבליבן הינטער די הרי חושך,
ניט פון מיינע קוואַלן טוט טרינקען מיין זון,

אָבער דעם נייעם געזאַנג, וואָס גייט אויף אין דעם זון, נעמט אויף דער טאַטע מיט פרייד —

וואָס כ׳האָב ניט דערהאַרכט אין מיר —
זינגט איצט אַרויס פון מיין זון,
וואָס כ׳האָב ניט דעריאָגט אין מיר —
זינגט איצט אַרויס פון מיין זון.
איך און די זיידעס
לויפן שוין נאָך אַן אָטעם,

ווען ער — הויך אויפן פערד — איז מעביר
מיט ווייסע קלינגענדיקע שעפסן
די גרינע פאַשע פון דער וואָך — ביז צו סאַמע זון.

פון דעסטוועגן, נאָכלויפנדיק אַן אָטעם דעם זון, ווען ער רייט „הויך אויפן פערד", צו די אַנדערשקייטן פון אַ ניי יידיש לעבן, פאַרגעסט אָבער נישט דער דיכ־טער אין אַ ליד „צו אַ פריינד" (און ווער איז אַ נעענטערער פריינט ווי דער זון, אַפילו דער יידיש אַנדערשדיקער זון ?) אָנצוזאָגן, אַז —

צו אַלע שטערן וואָס וועסט דערגיין
שטעל צו דעם בלויען שטערן פון דיין שייבל.
וועסטו דערפילן ערשט ווי גרויס זיין וואָג.

1967

דער דיכטער נפתלי הערץ כהן

א

דעם דיכטער נפתלי הערץ כהן האָב איך אין רומעניע קוים געקענט. איידער ער איז שרייבעריש רעכט נתגלה געוואָרן איז ער סוף פון די צוואַנציקער יאָרן אַרי־בער די גרענעץ קיין פוילן און אין 1932 איז ער שוין געווען אין זיין אויסגעחלומטן לאַנד פון גליק : סאָוועט־רוסלאַנד —

צו דיר עולה רגל געווען, רוסלאַנד,
אַליין געקלאַפּט אין דיינע טויערן.

כהן האָט פאַרוויילט זיבן און צוואַנציק יאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד און —

אויף זיין בלוט־דורכטריפטער ערד —
מיינע טרוימען אין פיין און בלוט צעטראַטן.

אין 1959 איז כהנען געלונגען אַרויסצופאַרן פון סאָוועט־רוסלאַנד קיין סאָוועט־פוילן, אָבער אויך דאָרט האָט אויף אים געוואַרט פראָצעס און תפיסה. ערשט אין 1965 האָט זיך דער דיכטער, אַ פאַרמאַטערטער פון 14 יאָר תפיסה און אַרבעט־לאַגער און פון אַן ערך פונקט אַזוי פיל יאָרן פון אומפרייהייט אויף דער פריי, דער־

שלאָגן קיין ישראל. און דאָ האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער אונטערן נאָמען „פאַרשריבן אין זכרון״.

דאָס איז פאַקטיש נפתלי הערץ כהנס ערשטער בוך לידער. אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט ער אין 1934 אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכל לידער, וואָס איז געווען אַן איבער־דרוק פון אַ לידער־זאַמלונג וואָס איז דערשינען מיט צוויי יאָר פריער אין וואַרשע. אין יאָר 1937 האָבן געזאָלט אַרויס אין מאָסקווע צוויי ביכער פון נ. ה. כהן. די כתב־ידן זענען בשלום אַדורך די צענזור (כהן באַמערקט, אַז דעם „בשלום״ האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דער טעמפּקייט פונעם צענזאָר) און עס זענען שוין געווען גרייט די שער־בלעטער, געמאַכט פונעם פּאַרלאַג־גראַפיקער מ. ראַדיניעוו. אָבער פּלוצעם איז אין איינער אַ נאַכט געקומען דער אומהיימלעכער קלונג אין טיר און אי דער מחבר און אי דער שער־בלאַט־צייכענער זענען אַריבער ווינען אין תפיסה. די צוויי ביכער זענען קיין מאָל מער נישט דערשינען. אין 1948, ווען מען האָט כהנען, באַגלייך מיט אַלע יידיש־שעפער ווידער אַרעסטירט און פאַרשיקט, האָט מען ביי אים קאָנפיסקירט אַלע כתב־ידן און דערנאָך בלויז אַ טייל פון זיי צוריק־געגעבן.

די אַלע פּרטים ווער איך געוויר פון דעם דיכטערס נאָכוואָרט צו זיין איצטי־קער לידער־זאַמלונג. איך האָב געזוכט דאָטעס וועגן נ. ה. כהן אין פערטן באַנד „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״ און האָב דאָרט זיין ביאָגראַפיע נישט געפונען. איך בין זיך משער, אַז ער איז אַ מאַן אין די שפּעטע פופציק, וואָרעם ער געהערט צו דעם בינטל יידיש־דיכטער אין רומעניע, וואָס איז געבוירן אַרום 1910. מיר האָבן די גרופּע געצערטלט מיטן נאָמען „דער נאָכוווקס״.

וועגן איינעם פון יענער גרופּע, דעם דיכטער הערץ (גייסינער) ריוווקין, האָט מיר נפתלי הערץ כהן געשריבן פון פוילן אונטערן פאַרשטעלטן נאָמען בן־יצחק און דערציילט ווי אַזוי דער מחבר פון דער לידער־זאַמלונג „פון שכנותדיקן דאָרף״ (בוקאַרעסט, 1938) „האָט זיך געהאַלטן מוטיק ביי דער אויספאַרשונג און ביי דער שווערער אוממענטשלעכער צוואַנגס־אַרבעט און איז שטענדיק געווען אַ מענטש אין הויכן זין פון וואָרט.״

איך האָב בן־יצחקס בריוו ציטירט אין דער עסיי וועגן הערץ ריווקינען (זע מיין בוך „רומעניע״, בוענאָס־איירעס, 1961). פון נפתלי הערץ כהנס לידער, ווו ס׳ווערט צוויי מאָל דערמאָנט דער אומפאַרגעסלעכער באַגאַבטער און איידעלער הערץ ריווקין, דערוויס איך זיך די צוגאַב־דעטאַלן, אַז מען האָט אים געמסרט, אַז ער איז אַרעסטירט געוואָרן אויפן וואָקזאַל אין קעשענעוו און אַז ער איז אויסגע־גאַנגען ביי דער צוואַנגס־אַרבעט אין דעם צפון־קאַזאַכסטאַנער לאַגער עקיבאַזטוס אין יאָר 1951 און אַז אַ געשפּאַן פון הינט האָט אים „דורך טיפן שניי, זאַווערוכעס און ווינט״ געשלעפּט צו קבורה.

ב

די לעצטערע פּרטים ווערן געבראַכט אין דרייסיק סטראָפעס אונטערן נאָמען „שמואל האַלקינס יובילײ.״ די דאָזיקע סטראָפעס פּרעטענדירן נישט אויף פּאָעזיע. כהן אַליין רופט זיי טעקסטן, אָבער די טעקסטן צעטרייסלען מיט דער עכטקייט פון זייער צער און מיט דעם ווייטיק פון זייער אויסגעשריי. אין דער הקדמה צו די דרייסיק סטראָפעס דערציילט כהן וועגן דעם יובילײ וואָס דער סאָוועטישער שרייבער־פאַראיין האָט איינגעאָרדנט דעם פון דער פאַרשיקונג צוריקגעקומענעם קראַנקן און צעבראָכענעם דיכטער שמואל האַלקין. דער יובילײ איז געווען אויסגערעכנט אויף עקספּאָרט, מען זאָל אין אויסלאַנד זען ווי מען גיט אָפּ כבוד אַ יידישן פּאָעט.

נ. ה. כהן קאָן נישט מוחל זיין האַלקינען וואָס ער האָט אָנגענומען דעם יובילײ און ער ציילט אויף אין זיינע סטראָפעס די אַלע „אושפּיזין״, די פאַרפּייניקטע יידישע שרייבער, וואָס זענען געקומען באַשיינען האַלקינס יובילײ.

דאָס איז אַ דורכנעמענדיקע, גרויליקע פּראָצעסיע פון צעבלוטיקטע, געהרגעטע און געשענדעטע יידישע שרייבער, און יעדע סטראָפע ענדיקט זיך מיטן סאַרקאַסטישן אויסרוף —

„און האַלקינען פייערט מען זיין יובילײ.״

וויס איך נישט, צי עמעצער פון אונדז האָט אַ רעכט צו משפטן דעם צעבראָכענעם יידיש־דיכטער שמואל האַלקין, וואָס ער האָט נאָך אַלע פּיינען און מאַטערנישן גענומען אויף זיך אויך די לעצטע פּיין פון אַ יובילײ מיט אַן אָרדען, אויפן קבר פון זיינע אויסגעהרגעטע ברידער. אָבער מיר איז קלאָר, אַז קיינער איז נישט מער באַרעכטיקט צו זיין אויסגעשריי, ווי נפתלי הערץ כהן, דער דיכטער, וואָס איז געפּייניקט געוואָרן קודם אין די פאַשיסטישע תפיסות פון רומעניע און פוילן און איז דערנאָך געווען אַ תושב אין די תפיסות פון קאָמוניסטישן רוסלאַנד און פוילן, און וואָס איז דער „אני הגבר״ נישט נאָר פון זיינע אייגענע ליידן, נאָר אויך פון די ליידן פון זיינע חברים, ער האָט זיכער דאָס רעכט אַרויסצולאָזן דעם סאַרקאַסטישן געשריי „און האַלקינען פייערט מען זיין יובילײ״, וואָס זאָל דורכלעכערן טעמפּע הערצער און וועקן געוויסן, אויב ס׳איז נאָך פאַראַן.

ג

אין די 328 זייטן לידער און טעקסטן האָט דער דיכטער נפתלי הערץ כהן געפּרוווט געבן אַ סך־הכל פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט אין מער ווי דרייסיק יאָר דורכגעלעבט אין די תפיסות און אויף דער פריי. אָבער דער שטאָף איז צו גרויס און ס׳איז נישט לייכט זיך אַן עצה צו געבן מיט אים, אַפילו ווען מען איז צום

טייל מוותר אויף דער קינסטלערישקייט פון ליד און מען באַגנוגנט זיך מיט „טעקס־טן״, ווי כהן אַליין באַצייכנט זיינע געגראַמטע כראָניקעס פון אייגענע ליידן און פון די ליידן פון זיינע חברים שרייבער. עס איז דאָ אַזוי פיל צו דערציילן, אַזוי פיל גע־שעענישן צו פאַרצייכענען און אַזוי פיל מענטשן צו דערמאָנען. און עס איז דאָ אַ מורא, אַז דער שטאָף זאָל נישט צו פיל פּאָעטיש סובלימירט ווערן און די פאַקטן פון פּיין זאָלן בלייבן אומפאַרשטענדלעך פאַרן לייענער. האָט זיך דער דיכטער גע־פּלייסט און האָט צו די 328 זייטן לידער אויך אָנגעשריבן אַ נאָכוואָרט פון פערציק זייטן, אַחוץ אַ דרייזייטיקן אַריינפיר צו די דרייסיק סטראָפעס וועגן שמואל האַלקינס יובילייִ. דער דיכטער האָט זיך נישט געוואָלט, און מן־הסתם זעליש נישט געקאָנט קאָנצענטרירן נאָר אויף אַ טייל פון די איבערלעבענישן. ער האָט נישט געוואָלט אויסלאָזן קיין שום פּרט און קיין שום מענטש פון יענע יאָרן אין קלעם פון תפיסה און באַדרענגעניש, און ער האָט אויך געוואָלט אויסדריקן כאָטש עפּעס פון דער פרייד ביי דער באַגעגעניש מיט משפחה־לייט און מיט יוגנט־פריינט אין ישראל. דערפאַר זענען אין דעם בוך דאָ אַזוי פיל ווידמונגען צו סאָוועטישע שרייבער (איי־נעם פון זיי, דער נסתר, פאַרגרייזט ער זיין נאָמען און רופט אים ראַבינאָוויטש אַנ־שטאָט ווי ער האָט ריכטיק געהייסן, קאַהאַנאָוויטש) און צו שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס ער האָט מורא אָנצורופן זייערע נעמען, ווייל זיי לעבן נאָך (עד מאה ועשרים) און אַזאַ דערמאָנונג קאָן זיי אָנטאָן שאָדן. און אַחוץ די ווידמונגען פילט דער דיכטער, אַז ער מוז מסביר זיין דעם אויפן ערשטן בליק אומפאַרשטענדלעכן נאָמען פון זיין לידער־זאַמלונג „פאַרשריבן אין זכרון״.

פון דער האַלב „טעקסט״ און האַלב פּאָעמע אונטערן נאָמען „פאַרשריבן אין זכרון״ ווייסן מיר, אַז אין דער תפיסה האָט מען קיין פּאַפּיר נישט באַקומען —

ווי יעדער ביסן טייער,
וואָלט איך אָוועקגעגעבן
צוויי דריטל פון מיין ברויט
פאַר אַ בויגן פּאַפּיר און אַ פּיצל בלייער.

די לידער זענען צום גרעסטן טייל געשריבן צווישן תפיסה־ווענט און אַזוי ווי דאָרט —

נישטאָ קיין בלייער, קיין פּאַפּירן,
מיינע לידער „פאַרשריבן״
אין מיין געהירן,
אין זיינע טיפן זיי געשליפן.

אָבער דער פּאָעט וויל אַז מיר זאָלן וויסן גענויע פּרטים און פּינקטלעכע סך־הכלען סיי וועגן די דערמאָנטע מענטשן און סיי וועגן די געשעענישן, און דעם צו־

גאָב פון פּינקטלעכקייט גיט ער אונדז אין זיין נאָכוואָרט. און די פּרטים און די סך־הכּלען זענען בפירוש גרויליק אינטערעסאַנט.

אַ פּרט: אין לאַגער האָט ער שוין יאָ געהאַט אַ העפטל, אָבער זיינע נאָטיצן און רעפלעקסיעס האָט ער אויס מורא פאַר אַ בייז אויג פון די וועכטערס פאַרשריבן מיט אַ פאַרשיפרירטן אלף־בית, ווי למשל, 1/10 — אַן אלף; 1/2 — אַ פּעי; 11/2 — אַ שין; 6/6 — אַ למד. און אַרום אַזאַ מין פאַרשיפרירטן העפטל, וואָס דער אויבערוועכטער האָט קאָנפיסקירט, ווערט איבערגעגעבן אַ גראָטעסקע סצענע מיט דעם לערער פון די לאַגערשולן, וואָס דער עם־האַרצישער אויבערוועכטער האָט אים גענומען פאַר אַן עקספּערט. און דער עקספּערט האָט, נאָך איבערטראַכטענישן, מסכּים געווען מיט כּהנס טענה, אַז ער איז עוסק אין פּראָבלעמען פון העכערער מאַטעמאַטיק.

סך־הכּל: וועגן אַפּוועזנדע (נישט מער דאַיקע) דערציילט מען גוטס, אָדער גאָרנישט... און דערצו נאָך וועגן קדושים. איז —

„לויט דער אַבסאָלוטער מאַקסימע וואָלט מיר אויסגעקומען דערציילן (פון די פּני) בלויז וועגן פּרץ מאַרקיש, דער נסתּר, אריה (אהרן) קושניראָוו און לייב קוויט־קאָ."

איך האָב געבראַכט בלויז איין ביישפּיל פון די דעטאַלן און איין דוגמא פון די סך־הכּלען, וואָס לאָזן נישט צו רו דעם דיכטער און ער האָט אַ באַדערפעניש אונדז צו דערציילן און גאָרנישט אויסצולאָזן.

ד

דער דיכטער נפתּלי הערץ כּהן גיט זיך אָפּ חשבון, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע שפּע פון „פּובליציסטיש־פּאָלעמישע און סאַטירישע עלעמענטן" און אויך אַזוי גערופענע „פּראָזאַיזמען" אין זיין לידער־זאַמלונג און ער ציטירט ווי אַ התנצלות דעם אָלימפּ געטע, וואָס האָט אין אַ שמועס מיט עקערמאַנען געזאָגט, אַז — „אַלע מיינע לידער זענען געלעגנהייט־לידער."

און דער דיכטער כּהן איז מיט רעכט מוסיף, אַז —

„אָדער דער ,שטאָף' ווערט פאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע, אָדער ער בלייבט, אין בעסטן פאַל, וואָגיקער, אָבער בלויז — ,שטאָף'."

און דאָס איז אַקוראַט דער פאַל אין נפתּלי הערץ כּהנס „פאַרשריבן אין זכּרון". דאָס בוך איז פול מיט געלעגנהייט־לידער, אָבער אַ טייל פון זיי זענען געוואָרן פּאָעזיע און אַ טייל איז געבליבן וואָגיקער שטאָף.

די פּאָעזיע איז נישט שווער אָפּצוזוכן אין כּהנס בוך. אָנהייבנדיק פון דער סעריע „חטאות נערים" (יוגנטזינד), וואָס זענען פריע לידער, געשריבן אין רו־מעניע און אין פוילן פאַרן אַרויספאָר אין דעם „לאַנד פון גליק", און ביז די סאַמע שפּעטערע, וואָס זענען געשריבן שוין נאָך די פערצן יאָר תּפיסה, זענען פאַראַן

פיינע ליריש־מעדיטאַטיווע לידער און סיי איבער די און סיי איבער יענע זענען צעוואָרפן שיינע און אָריגינעלע אימאַזשן. אין כמעט אַלע, אין די לידער און אין די טעקסטן, פילט זיך די פעסטע און געניטע האַנט פון אַ לידער־שרייבער.

אָט איז אַ ליד פון יאָר 1932 אין וואַרשעווער פּאַוויאַק־תפיסה. דאָס ליד דערציילט וועגן אַ דעמאָנסטראַציע אין געפּענגעניש און איז געשריבן אין נוסח פון פראָלעטפען־פלאַקאַטן —

טירן, טירן, טירן, טירן,
יאָרן, יאָרן, יאָרן, יאָרן,
אייזערנע היטלען,
גרויע מונדירן,
טונקעלע
לאַנגע
קאָרידאָרן

עס איז אַ ליד, ווי געזאָגט, על־פי נוסח, און דאָך, וויפל לעבעדיקייט פון בילד און וויפל עכטע אינטענסיווע שטימונג עס איז דעם דיכטער געלונגען אַריינצוּוועבן אין די שורות פון טעלעגראַפישן ריטעם.

דער דיכטער כהן האַלט פון „גראַפיש אויסטיילן און אַרויסהייבן גאַנצע שורות אָדער טיילן און אויך איינצלנע באַזונדער אָנגעלאָדענע ווערטער" על־פי נוסח פון די פוטוריסטן און בעיקר פונעם סאָוועטישן דיכטער מאַיאַקאָווסקי.

אָט איז דאָס ליד „בלייב איך אַזוי שטיין", פון דער סעריע: מיט זיך אַליין —

בלייב איך אַזוי שטיין
אין מיטן גאַס —
ביי קיינעם, ביי אַלעמען
פרעגן
וווּהין לויפט איר אַזוי
און איילט,
ליגן דאָך נעצן אומעטום
אויף די וועגן
און איר פּלאָנטערט זיך אין זיי
און פאַלט
פיל מער, פיל מער ווי די חיות
אין וואַלד.

עס קען זיין, אַז ביי די פוטוריסטן און אפילו ביי מאַיאַקאָווסקין ווירקט דער דאָזיקער גראַפישער אויסטייל ווי עפּעס אַ מעכאַנישע דעקאָראַציע. ביים דיכטער

ב. ה. כהן באַקומט זיך פון די אויסגעטיילטע ווערטער אַ גאַנצע עפּאָפּעע פון טראַגישן מענטשלעכן שטרויכל. די גראַפישע אויסטיילונג פון די ווערטער האָט דאָ אויפ־געטאָן עפּעס, וואָס איז פּאָעטיש־אָרגאַניש. דער ריטעם פון באַזונדערע אַקצענטיר־טע רייד איז דאָ נישט עפּעס אַ דעקאָראַטיווע צוגעבעניש, נאָר איז אָרגאַניש אַרויס־געוואַקסן פונעם דיכטערס געדאַנק און שטימונג.

צו די לירישסטע לידער ביי נפתלי הערץ כהן געהערן בלי ספק די לידער אין שייכות מיט טויט —

איך און דער טויט —
מיר רוען אָפּביידע
אויף אַ פייכטן, צעפוילטן סלופּ, —
דער טויט — אין זיינע — ווי די וועלט אַלטע קליידער

אָדער אין אַן אַנדערן אָריגינעלן אימאַזש איז דער טויט —

אַן אימפּרעסאַריאָ! וויל מאַכן מיט מיר אַן אַנגאַזשמענט:
אַ טורנע איבער דער וויטער פּראָווינץ.
כ׳וועל זיך אומקערן (זאָגט ער)
מיט גאָלדענע רינגען אויף הענט —
שטאָלץ און רייך —
אַ יונגער פּרינץ.

עס איז אַ ליגן צום טרייסטן זיך? „אַ ליגן אַזאַ יעדער מעג זאָגן, ווער נישט הערן וויל ווי מע וועט אים באַקלאָגן.״

ה

נפתלי הערץ כהנס בוך פון לידער און פון טעקסטן איז אַ בוך פון קלאָג, אָנ־קלאָג און פון טיפן מאָראַלישן טרויער.

וועט דערפאַר אפשר פּאַסיק זיין צו פאַרענדיקן מיין איבערבליק מיט איינעם פון די קליינע זעלטענע לידער פון גלויבן און האָפענונג אין נ. ה. כהנס בוך —

אפשר דערפאַר, ווייל כ׳האָב אַזוי פיל געגלייבט,
געוועזן — און — ניט געוועזן פאַרטויבט?!
אפשר דערפאַר, ווייל כ׳האָב אַזוי פיל געליבט,
בין איך איצט אַזוי באַטריבט?!
נאָר גלייבן און ליבן מען קאָן קיין מאָל צו פיל,
אַ, פאַרלאָז מיך נישט קיין מאָל, הייליק געפיל.

דער דיכטער פריד ווייַנינגער

ס'וואָלט געווען אַ גוזמא צו זאָגן, אַז מײַן יונגער חבר פריד ווייַנינגער איז פון איין שטאָט מיט מיר. איך באַטראַכט טאַקע די אַמאָליקע עיר ואם בישראל טשערנאָוויץ פאַר מיינער אַ שטאָט, אָבער געוווינט האָב איך דאָרט בלויז קנאַפּע דרײַ יאָר פון מײַן לעבן. ניו־יאָרק איז זיכער מער מײַן שטאָט ווי טשערנאָוויץ — אָבער דאָס מענטשלעכע געמיט האָט זיך אַ באַזונדערע קריטעריע פון אייגנס און פרעמדס. און אַן עיקר פון דעם דאָזיקן געזעץ איז, אַז אַלץ וואָס מען האָט איבער־געלעבט אין דער יוגנט איז אייגנס. די פּראָווינץ פון יוגנט איז דאָס סאַמע אויטענ־טישסטע פאָטערלאַנד.

און דערפאַר איז טשערנאָוויץ מײַן אייגנס. דאָרט, אין די דרײַ יאָר, האָב איך גייסטיק געבראָוויזט מער ווי אין פולע דרײַסיק יאָר און דאָרט האָב איך געהאַט די זכיה מיטצובראָוויזן מיט אַ רײַ דיכטער און קינסטלער וואָס זענען היינט באַרימטע נעמען אין דער יידישער וועלט.

דאָרט האָב איך זיך באַגעגנט און זיך געחברט מיטן עלטסטן פון דער חבריה, מיט אונדזער גרויסן פאַבלדיכטער אליעזר שטיינבאַרג ז"ל, מיט דעם דיכטער יעקב שטערנבערג, דעם ראָמאַניסט משה אַלטמאַן, מיט דעם באַלאַדן־ריטער איציק מאַנגער און מיט די פּלאַסטישע קינסטלער שלמה לערנער און בערנאַרד רעדער זכרונם לברכה, און אַרטור קאָלניק, היינט אין פּאַריז, און ראובן רובין, היינט אין ישראל.

און מיט אונדז אַלע האָט מיטגעבראָוויזט דער ייִנגסטער פון דער חבריה, דעמאָלט נאָך אַ קינד, דער דיכטער און מאָלער פריד ווייַנינגער.

איך האָב נאָכגעפאָלגט ווייַנינגערן, ווען ער איז געווען אַ לערניינגל אין אַ טשערנאָוויצער דראָגוערייע (דראַג־סטאָר אויף פּליין־אַמעריקאַניש יידיש) און האָט געשריבן זײַנע ערשטע לידער אין די „טשערנאָוויצער בלעטער", וואָס ער האָט דערנאָך אויפגעזאַמלט אין זײַן ערשטלינגבוך „נאַרציסן". דערנאָך האָב איך אים געזען אין זײַנע זעלנערישע יאָרן אין בוקאַרעסט, ווען ער האָט געדרוקט די לידער, וואָס ער האָט באַהעפט צו אַ בוך אונטערן נאָמען „אָוונט ביים פּרוט", און עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך אים מקבל פּנים געווען אין ניו־יאָרק, ווו ער האָט אויסגעזונגען די לידער וואָס זענען אַרײַן אין זײַן דריטן בוך „דער פאַסטעך אין ניו־יאָרק".

איצט איז אַרויס פריד ווייַנינגערס פערטע בוך און, לכל הפּחות, וואָס שייך דעם נאָמען איז עס געבליבן אַ פּאַסטאָראַל בוך. ס'איז אין דעם בוך פאַרבליבן דער ריח פון „נאַרציסן" און פון דעם נאָסטאַלגישן „פּאַסטעך" אין מיטן דער וועלט־מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק, און עס איז דאָ פאַראַן דער אַראָמאַט פון די חלומות,

וואָס שוועבן איבער די טייכן פון פריד וויינינגערס יונגט־און וואַנדער־יאָרן. „פרוט, לא פלאַטאַ און ירדן", אַזוי הייסט דאָס בוך זיינס וואָס איז דערשינען אין דעם תל־אביבער פרץ־פאַרלאַג.

אָבער „אין גרויסן דרויסן" (דאָס איז דער נאָמען פון איינעם פון וויינינגערס שיינע און באַטעמטע לידער אין דעם ציקל „קאָסמישער טוריסט אין לבנה־קאַץ־לאַנד") האָט די לאַנדשאַפט זיך געביטן. די רוימען, וואָס איבער זיי האָט די לבנה אַרומגעוואַנדערט ווי אַ קאַץ, אָט די קאָסמישע לאַנדשאַפט, וואָס האָט אַזוי געכישופט דעם דיכטער וויינינגערס דמיון און ער האָט געמאַכט אין זיינע לידער פאַנטאַס־טישע נסיעות צו איר — זי איז געוואָרן אויס פאָעטישע פאַנטאַסטיק און איז איצט ממשותדיקע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונג.

דער דיכטער וויינינגער האָט זיך דיכטעריש אַרויסגעצויגן, געמוזט אַרויסציען פון יענעם „קאַץ־לבנה־לאַנד", וואָרעם די רוים־טעריטאָריע האָבן פאַרנומען נישט פליערס אויף דעם דינעם גייסטגעוועב פון ליד, נאָר ממשותדיקע אַסטראָנאַווטן, וואָס פליען אַהין מיטן כוח פון פייערדיקע ראַקעטן און פאָרן דאָרט אַרום ווי סטאַטעטשנע תושבים אין בויך פון קינסטלעכע קאָמעטן, פאַרשרויפטע און באַפּאַנצערטע מיט טויזנטער שרייפלעך און שרויפן.

ווייסט איצט דער דיכטער אַז —

מיט אַסטראָנאַווט
הייבט אָן דער נייער אַלף־בית
אין ספר צייט
און ניט ווי אַ מאָל
מיט אלוהים.

דער „גרויסער אינדרויסן" האָט זיך געביטן אין שייכות מיט דער באַציונג פון מענטשלעכן בענקשאַפט און מענטשלעכן טרוים וועגן אים.

און דערפאַר בעט דער דיכטער —

זיי מוחל מיר וואָס כ׳קאָן די מאַכט ניט צוימען
פון יענע פרעמדע — קינסטלעכע קאָמעטן,
וואָס בויערן די הימלישע העט־העטן.
ווי איינזאָם בלייבט מען אינעם לאַנד פון טרוימען.

דאָס זענען שורות פון דעם סאָנעט „ווער ווייס ווי לאַנג", וואָס איז אויך איינס פון די שיינע, גוטע לידער פונעם ציקל „קאָסמישער טוריסט אין לבנה־קאַץ־לאַנד" און פאַרמאָגט אַלע פראַזאָדישע גערעכטיקייטן פון אויפבוי און גראַם. (אַזאַ קאָנטראַסטגראַם, ווי ראַקעטן און פאָעטן און אַזאַ אי קלאַנגיק און אי זעליש קרובהשן גראַם, ווי קאָמעטן און העט־העטן).

די אַסטראָנאַווטן האָבן דעם דיכטער אַרויסגעשטויסן פון זיין פאַנטאַסטישן „לבנה־קאַץ־לאַנד" און ער האָט זיך דערפילט איינזאַם אין זיין „לאַנד פון טרוימען".

אָבער דאָס איז אַ שעפערישע איינזאַמקייט. די איינזאַמקייט האָט זיך קודם־כל דיכטעריש אָפּגערעכנט מיט די אַרויסשטויסער פון דיכטער, מיט גאָט אין איינעם פון די פאַנטאַסטישע רוימען, און מיט גאָט ביי דער האַנט —

גיב מיר דיין האַנט,
מיר זיינען ביידע נע ונד
אין גאָרטן
פון גרונטלאָזע גרונטן,

האָט זיך דער נע ונדער דיכטער אומגעקערט צו די „גרונטלאָזע גרונטן", וואָס פאַרן מענטשלעכן געמיט איז דאָס נישט עפּעס אַנדערש ווי דער קאָנקרעטער מענטש, דער בשר־ודם און די רעטעניש פון זיין עקסיסטענץ און די מיסטעריע פון זיינע באַציונגען צום מיטמענטש, צו משפחה, צו פאָלק און צום געזעמל פון די פעלקער אויף דער וועלט.

פאַרלוירן די גאַלאַקסיעס, ווו ער האָט אַרומגעשוועבט מיט זיין ליד, האָט דער דיכטער צוריקגעוווּנען, נייך, טאַקע צום ערשטן מאָל געוווּנען, זיין אויטאָביאָגראַפיע, זיין מענטש און משפחה־אַרום. דער אָנווער פון דער „לבנה־קאַץ"־טעריטאָריע האָט אים אַוועקגעשטעלט מיט ביידע פיס אויף גאָטס ערד און ער איז דיכטעריש רייפער געוואָרן. למען האמת זאָל געזאָגט ווערן, אַז פריד וויינינגער איז פון ערשטן פערז אין זיינע „נאַרציסן" געווען אַן אויטענטישער דיכטער, אָבער ערשט ווען פאַר אים האָט זיך, ווי אין דעם איצטיקן בוך, באַוויזן —

אַ חלום־בילד, אַ וויגל
און אַ געשטאַלט —
אַ מאַמע,
ווי אין דער הויך
אַ רעגנבויגן,

האָבן מיר באַקומען די ריכטיקע קריטעריע פאַר זיין אָפּשאַץ און דערזען אים אין זיין רייפקייט. מיר האָבן דערזען וויינינגערן דעם פריינד מיטן „טשערנאָוויצער באַרג, וואָס דראַפּעט זיך אַרויף פון פּרוט צום העכסטן קלויסטערשפּיץ און דערמאַנט אין אַן אָרעמאַן וואָס חלומט פון אַ קרוין"; דעם שכן מיט די אַמעריקאַנער סטעפּעס „ווו אַ פערד שלעפּט שטיל זיין יאָך, זיין שטומען צער און לייגט דעם טרויער אויס אויף אַלע וועגן"; דעם גוטן ברודער מיט דעם בוים אויף די אַרגענטינישע פעלדער וואָס איז אַ נס, ווייל „דאָ אין שאָטנלאָזער פּאַמפּאַ, ווו עס רעגנט קוים"; דעם גר ותושב אין ישראל צונויפגעחברט מיטן אַלטן איילבערטבוים

„מיט הענט, וואָס ווערן נישט מיד די קרוין צו טראָגן אַנטקעגן ליכט"; אויף קבר־אבות ביי דעם יידיש־טשילענישן פּאָעט משה דוד גיסער און אחרון אחרון אַ בעל בעמיו אין די לידער פאַר לוסיאַן, וואָס אין איר זכות,

— — — האָב איך זיך אָפּגעשפּאָלטן
פון איינזאַמקייט און אַלע נאַכטגעוואָלטן
וואָס האָבן מיר פאַרשפּאַרט די וווּנדערטיר.

און מיר האָבן אויך דערזען דעם דיכטער ביי דער אָפענער וווּנדערטיר, אין דעם שיינעם, רירנדיקן ליד צו זיין בר־מצווה־בחור יהודין, וואָס אַ נאָמען האָט פאַר אים אויסגעקליבן דער פּאָעט לייוויק ז"ל (איך בין דערביי געווען) און פריד זאָגט אַן זיין זון יהודי אַז —

נאָר זיי מיין יורש, דער, אין גאַנג פון לעבן
וואָס וועט, אַ, תמיד צווישן פרעמדע נעמען,
מיט דעם וואָס לייוויק האָט דיר אויסגעקליבן,
אַ שטאָלצער זיין — זיך קיין מאָל דאַרפן שעמען,

און וואָרנט אים, אַז דער „לייכטער וועג קען אונדז אַ מאָל צעשיידן, צי וועסטו וועלן אויפן שווערן שפּאַנען ?".

איך בין זיכער אַז יאָ, וואָרעם דער פאָטער, דער פּאָעט, האָט פאַר זיך אַליין שעפעריש אין דעם איצטיקן בוך אויסגעקליבן דעם שווערערן דיכטערישן וועג. ס'איז נישטאָ קיין שווערער שעפערישער וועג ווי דער וועג צום מענטש. אויף דער ערד, און עס איז נישטאָ קיין לייכטערער ווי צו די ווייטע העט־העטן אין רוים. אַ סימן האָבן מיר, אַז אַהין זענען אויך די אַסטראָנאַווטן דערפלויגן.

פרעמדשפּראַכיקע יידישע דיכטער

אין 1959 האָט זיגמונד קאַצענעלסאָן אַרויסגעבראַכט אין בערלינער „אידישער פערלאַג" אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישע דיכטער אין דער דייטשער שפּראַך. עס זענען דאָרט געווען פאַרטראַטן לידער פון עטלעכע צענדלינג דיכטער, זינט דער צייט ווען יידן האָבן גענומען זינגען אויף דייטש און ביז צו דער היטלער־קאַטאַסטראָפע. קאַצענעלסאָן האָט דער זאַמלונג אַ נאָמען געגעבן „יידישעס שיקזאַל אין דויטשען געדיכטען" און האָט די אַנטאָלאָגיע באַצייכנט ווי אַן אָפּשליסנדיקע.

און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז מיט זיין באַצייכענונג גערעכט, וואָרעם — האָב איך דעמאָלט געשריבן אין שייכות מיט קאַצענעלסאָנס אַנטאָלאָגיע *) מען מעג זיך משער זיין אַז אונדזער דור און אפשר נאָך אַ האַלבער דור — און וואָס פאַר אַ ייד וועט זיך דאָס נעמען זינגען אויף דייטש ?

פריער ווי מען האָט זיך געקאָנט ריכטן האָט זיך דער האַלבער דור געמעלדעט. יידן פון דעם האַלבן דור נאָך אונדז און נאָך מיט אַ שמיץ אַריבער האָבן נישט בלויז אָנגעהויבן צו זינגען פון דאָס ניי אויף דייטש, נאָר זיי פאַרנעמען, ווי דער שטייגער פון יידישן טאַלאַנט, הויפּטפּאָזיציעס אין דער דייטשער דיכטונג.

א

די מערסבורגער פּרעמיע

אין שטעטל מערסבורג, אויף דער דייטש־שווייצאַרישער גרענעץ, האָט די לעצטע אַכט יאָר פון איר לעבן געוווינט די דייטשע דיכטערין אַנעטע דראָסטע פאָן הילסהאָף. זי איז דאָרט געשטאָרבן אין 1848 אין עלטער פון 51 יאָר און איך דאָרט געקומען צו קבורה. נאָך איר טויט האָט מען אין יענעם אַלפּן־שטעטל אויפגעשטעלט אַ מוזעום אין דעם שלאָס ווו די דיכטערין האָט געוווינט און מען האָט געשאַפן אַ ליטעראַרישן פּרייז אויף איר נאָמען, וואָס ווערט יעדעס יאָר פאַר־טיילט אין הילסהאָף־מוזעום. אָן אויסנאָם זענען געווען די היטלער־יאָרן, ווען דאָס וואָרט האָבן געפירט די עס. עס. און די מוזעס האָבן געשוויגן.

די זשורי באַשטייט אויסשליסלעך פון פרויען און די פּרעמירטע קאָן אויך זיין נאָר אַ דיכטערין און נישט קיין דיכטער.

היי־יאָר האָט דעם פּרייז באַקומען מיין טשערנאָוויצער בת־עיר, די דיכטערין ראָזע שערצער־אויסלענדער, פאַר איר נייעסטן בוך לידער „36 גערעכטע", פאַר־לאַג „האָפמאַן אונד קאַמפּע", האַמבורג (דער אַמאָליקער פאַרלאַג פון היינריך היינע).

„36 גערעכטע" איז ראָזע אויסלענדערס דריטע לידער־זאַמלונג. די ערשטע, אונטערן נאָמען „דער רעגענבאָגען", איז אַרויס אין טשערנאָוויץ ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. די צווייטע, „דער בלינדער זומער", 1965, אין ווינער פאַרלאַג „בערג־לאַנד", מיט דער הילף פונעם עסטרייכישן בילדונג־מיניסטעריום.

מיט חדשים צוריק האָב איך זיך מיט ראָזע אויסלענדער באַגעגנט דאָ אין ניו־יאָרק. זי האָט דורכגעמאַכט געטאָ טשערנאָוויץ און די אַנטאָנעסקו־יאָרן אין בוקאַ־רעסט און איז פון דאָרט אַ יאָר צוויי נאָך דער מלחמה געקומען קיין אַמעריקע.

*) זע : שרייבער פון מיין דור, באַנד 2, ז' 192

זי האָט מיר געבראַכט גרוסן פון מיין ברודער אליעזר ז״ל און פון דער ספּינאָזאַ־ברונער כּנופיא אין בוקאַרעסט, וואָס מיין ברודער ע״ה איז געווען איר פילאָסאָ־פישער מדריך און לערנער. ראָזע אויסלענדער האָט דעם גרעסטן טייל פון די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות געוווינט אין בוקאַרעסט און איך פלעג זיך דאָרט טרעפן מיט איר און מיט איר מאַן העליאָס העכט ע״ה, וואָס וועגן אים, דעם פילזייטיק באַגאַבטן טשודאַק וועט כדאי זיין אַ מאָל באַזונדער צו דערציילן. דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז אַחוץ דיכטער, פילאָסאָף, שרייבער און וווּנדער־לעכער שמועסער איז דער ייד פון דער דרום־בוקאָווינער שטאָט שאָץ (סוט־שאַוואַ) מיט דעם מאָדנעם אַלט־גריכישן נאָמען העליאָס אויך געווען אַ גראַפאָלאָג און האָט אויפן סמך פון שריפטצייכנס נישט איין מאָל געגעבן אַ פּאָרטיפּט כאַראַק־טער־בילד פון אַ מענטש און אויפן סמך פון דעם כאַראַקטער־בילד געעצהט צו גיין אויף אַ מער אייגענעם וועג, צו דערגרייכן אַ צוקונפט.

און לאָמיך זיך מודה זיין, אַז איך האָב נישט איין מאָל דאָ אין ניו־יאָרק אַ טראַכט געטאָן אַז אין דעם וואָס איך האָב געהאַט דעם מוט צו פאַרלאָזן רומעניע, דאָס לאַנד פון שפּעדיקער חיונה, און צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער שרייבער, האָט אויך אַ חלק העליאָס העכט מיט זיין גראַפאָלאָגישער מיינונג וועגן מיין שריפט.

ראָזע אויסלענדער האָט נישט פאַרפעלט קיין מאָל דעם 8טן מאַי־אָוונט אין דער שטוב פון מיין ברודער אליעזר ז״ל, ווען די ברונער־גרופּע האָט געיום־טובט זיין געבוירן־טאָג. די פריינד האָבן דעם געבוירן־טאָג פון זייער מורה־דרך געפּראַוועט מיט אַ סעודה, מיט רעדעס, מיט געזאַנג און מיט אַ ספּעציעל פאַרן אָוונט אָנגעשריבן סאַטירישן ליד אויף די געסט און אויף די גאַסטגעבער. די דיכטערין פון די אָפּט זייער געראָטענע סטראָפעס, וואָס זענען צום טייל געווען שאַרף סאַטיריש און האָבן צו מיינסטן געפינקלט מיט מילדער איראָניע און מיט לירישער צערטלעכקייט, איז געווען ראָזע שערצער־אויסלענדער. זי האָט אַלע מאָל געהאַט דעם גרעסטן דער־פאָלג, די בעסטע מחשבהדיקע רעדע קאָן זיך, ווייזט אויס, נישט פאַרמעסטן מיט אַ לירישן ליד. דער געדאַנק רעדט צום מוח, אָבער דאָס ליד, אויב עס האָט נאָר די אמתע לירישע קראַפט, נעמט איין דאָס גאַנצע לייב און לעבן פונעם צוהערער.

צו יענער צייט האָט מען בלויז געוווּסט אַז ראָזע אויסלענדער שרייבט לידער און אַז זי חברט זיך אַחוץ מיט די פילאָסאָפן אויך מיט די דיכטער, מיט די דייטש־שרייבנדיקע פּאָעטן און מיט די יידיש־דיכטער. זי איז געווען באַפריינדעט מיט פריד וויינינגער און האָט ממש פאַרגעטערט איציק מאַנגערן און אליעזר שטיינבאַרגן. ראָזע אויסלענדערס ערשטע לידער־זאַמלונג „רעגענבאָגען״ איז דערשינען קנאַפּ פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקע. אין יענעם ערשטן בוך האָט די דיכטערין געווידמעט לידער צו אירע צוויי דיכטער־העלדן: שטיינבאַרג און מאַנגער. אגב, מען האָט ביי דעם 8טן מאַי־יום־טוב קיין מאָל נישט פאַרפעלט צו רעציטירן שטיינבאַרגס אַ משל און מאַנגערס אַ באַלאַדע און דער

רעציטאַטאָר איז צו מיינסטן געווען מיין ברודער אַליין און צו מאָל אויך די דיכטערין ראָזע אויסלענדער.

פּאַר וואָס ראָזע אויסלענדער, די טאָכטער פון אַ טשערנאָוויצער פּרומער יידי־שער שטוב, שרייבט דווקא דייטשע לידער האָב איך נישט פאַרשטאַנען. אויך נישט פאַרשטאַנען פּאַר וואָס דייטש איז געווען די לידשפּראַך פון דעם אַזוי פּריציייטיק פאַרשניטענעם דוד גאָלדפעלד, וואָס די שטוב פון זיין פאָטער שעיה גאָלדפעלד, דעם אָרטאָדאָקסישן פירער אין טשערנאָוויץ, איז געווען איינע פון די סאַמע פרומס־טע שטובן אין דער בוקאָווינע.

אָבער טאָקע ווייל איך פאַרשטיי נישט איז מיר דער ענין קלאָר. אי ראָזע אויס־לענדער, אי דוד גאָלדפעלד און אי דער זייער באַגאַבטער מאָזעס ראָזענקראַנץ און זיין שוועסטער דושאַ טשאַראַ ראָזענקראַנץ און אוודאי דער עלטסטער צווישן זיי, דער האַלב אַסימילירטער אַלפרעד מאַרגול־שפּערבער, האָבן אַנדערש נישט געקענט. דייטש איז געווען די שפּראַך פון זייער נשמה. קיינער האָט אין דער בוקאָווינע נישט אַזוי ערנסט געמיינט אַז דאָס קולטור־פּרעמדע איז זיין אייגנס, ווי דער ייד. דאָס לענדל בוקאָווינע, וווּ עס האָבן געוווינט דריי הונדערט טויזנט רומענער און פּונקט אַזוי פיל אוקראַאינער און הונדערט צוואַנציק טויזנט יידן, האָט פראַנץ יאָזעף באַ־פעלקערט מיט אַ שיכט מיינסטנס פון סודעטן־לאַנד אַראָפּגעבראַכטע דייטשע טשי־נאָווניקעס, וואָס זייער צאָל איז אין משך פון יאָרן דערגאַנגען ביז זיבעציק טויזנט נפשות, און האָט פּראָקלאַמירט דאָס לאַנד פאַר אַ „דויטשן פאַרפּאָסטן אים אָסטען״.

און קיינער האָט די דאָזיקע „פּראָקלאַמאַציע״, ווי געזאָגט, נישט אַזוי ערנסט גענומען, ווי די יידישע אינטעליגענץ אין לאַנד. מיר זענען נישט באַקאַנט קיין רו־מענישע און אוקראַאינישע דיכטער אויף דייטש, און אפילו קיין וויכטיקע פּובליציס־טן אויף דייטש האָבן די צוויי דערמאָנטע בוקאָווינער פעלקער נישט אַרויסגעבראַכט. די דריי גרויסע דייטשע פּובליציסטן וואָס די בוקאָווינע האָט אַרויסגעגעבן זענען גע־ווען ד״ר מאיר עבנער, אַדאָלף וואַלענשטיין און ד״ר פיליפּ מענטשעל. ד״ר מאיר עב־נער איז געווען דער אָנערקענטער ציוניסטישער פירער אין דער בוקאָווינע אין משך פון צוויי דורות און דייטש איז געווען און איז געבליבן די איינציקע שפּראַך פון זיין שעפערישקייט בכתב־און בעל־פה. ער האָט יידיש בלויז פאַרשטאַנען און העברעיש זיך קיין מאָל נישט אויסגעלערנט און איז דערפאַר טאָקע געווען אַ היפּש געפּענטעטער, און לויט זיין אמתן ווערט נישט פול דערשאַצטער, אין משך פון די לעצטע אָנדערטהאַלבן צענדלינג יאָר פון זיין לעבן, וואָס ער האָט געוווינט אין ארץ־ישראל און אין מדינת ישראל.

אמת, די זין פון גאַליצישע אימיגראַנטן איציק מאַנגער, יעקב פרידמאַן און פריד וויינינגער זענען געוואָרן יידיש־דיכטער, און דעם יונג פאַרשטאָרבענעם (אין עלטער פון 24 יאָר) קימפּאָלונגער בחור קובי וואָל האָט יצחק פאַנער שוין כמעט אַריבערגעפירט צו יידיש, אָבער די, לכל הפּחות, צוויי צענדלינג אַנדערע זענען גע־

בליבן ביי דייטש, נישט בלויז צווישןביידע וועלט־מלחמות, נאָר אויך איצט, נאָך מאַידאַנעק און טרעבלינקע.

וועגן צוויי פון די דאָזיקע טשערנאָוויצער דייטש־זינגער רעדט די דייטשע ליטעראַטור־קריטיק איצט הויכע שבחים־רייד.

וועגן ראָזע שערצער־אויסלענדער, וואָס איז איצט פרעמירט געוואָרן מיט דעם מערסבורגער פּרייז, זאָגן דייטשע קריטיקער, אַז זי איז נאָך דער יידיש־דייטשער פּאָעטעסע נעלי זאַקס די צווייט־גרעסטע דייטשע ליריקערין. און דאָס איז גאָר אַ גרויסער שבח, וואָרעם די היינט 75־יעריקע נעלי זאַקס, וואָס וווינט זינט 1940 אין שוועדן, איז אויך אַ פּרעמירטע מיט דעם מערסבורגער פּרייז, האָט באַקומען דערצו די נאָבעל־פּרעמיע, און ווערט פון אַ סך קריטיקער געשטעלט לעבן נישט קיין קלענערער, ווי עלזע לאַסקער־שילער.

אויף וויפל איך געדענק האָט ראָזע שערצער־אויסלענדער געפּרוווט אין אַמעריקע שרייבן ענגליש. אָבער סוף־כל־סוף האָט זי זיך אומגעקערט קיין איראָפּע און האָט דאָרט אַרויסגעגעבן אירע צוויי לידער־זאַמלונגען „בלינדער זומער" און „36 גערעכטע".

אין ביידע לידערביכער, וואָס זענען כמעט דורכויס געשריבן אין פרייען פערז און צום טייל אפילו אין פּאָעטישער פּראָזע, באַזינגט די דיכטערין די צייטן און די פּלעצער פון ניו־יאָרק. זי זינגט וועגן „זונטיק אויפן ריווערסאַיד־דראַיוו", וועגן „טשאַרנאַ־טאָון", וועגן „יאַנואַר אין ניו־יאָרק" און וועגן „האַרלעם". די לידער זענען געשריבן מיט אַ געניטער האַנט פון אַ קינסטלערין, אָבער איך האָב ביים לייענען נישט געפילט אַז עס זאָל זיך פאַרקניפּן אַ דיאַלאָג פון האַרץ צו האַרץ מיט די לידער.

פאַראַן אויך לידער, וואָס איך האָב יאָ דערהערט זייער האַרצשטים, ווי, למשל, אין דעם ליד „אַם שטראַנד" אין דעם בוך „בלינדער זומער" אָדער אין דעם ליד „פּרעמדע" אין דער זאַמלונג „36 גערעכטע".

אין „אַם שטראַנד" זינגט די דיכטערין צו איר קליינער פריינדין —

קום, קליינע פריינדין,
דער זאַמד איז רייף,
מיר ווילן בויען
אַ הויז, אַ שטאָט, אַ לאַנד,
פּיל אַן דיין ימער מיט זון,
לאַך אַרום אונדז
אַ וועלט־ווייטן עכאָ.

אין די שורות האָב איך דערהערט דעם צער פון דער דיכטערין, וואָס מוז (אָדער

וויל) פון דאָס נײַ בויען אויפֿן זאַמד און זיך נאַרן מיט דער אילוזיע פֿון זוניקייט און מיט דער איינרעדעניש פֿון אַ צעשמייכלטן וועלט־ווייטן עכאָ.

אין דעם ליד „פרעמדע" קלאָגט די דיכטערין —

אונדזער שיף
אָן אַ פֿאָן
געהערט נישט צו קיין שום לאַנד
קומט נישט אָן

און פֿאַרענדיקט מיט פֿיר איינוואָרט־שורות —

דערוואַכן
אַליין
מיטן
ווינט.

דער צימצומדיקער אויסגעשריי פֿון פֿאַרלוירנקייט ווערט דורך דעם אויסשטעל פֿון די סטראָפֿעס (דריי איינס נאָך ס'אַנדערע און צוויי אָן אַ זייט) נאָך מער פֿאַר־שטאַרקט. עס באַקומט זיך אַ ריטעם פֿון בהלה, פֿון אָן אַ ציל.

אין דער זאַמלונג „בלינדער זומער" איז פֿאַראַן אַן אָפּטיילונג וואָס די דיכ־טערין האָט אַ נאָמען געגעבן „דאָס דאָרף דומיניקאַ". דומיניקאַ הייסט אויף רומעניש זונטיק, און דער דאָזיקער רומענישער זונטיק איז פֿאַר דער דיכטערין דער סימבאָל פֿון בענקשאַפֿט נאָך די יאָרן און נאָך די ערטער פֿון איר בוקאָווינער יוגנט —

הינטער דער מאַנטיק־מויער
ליגט דאָס דאָרף דומיניקאַ,
וואָס אין מײַן פֿרייער צייט
איך באַזוך געדן.

אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג, וואָס ווערט סימבאָליזירט דורכן רומענישן זונ־טיק, זענען פֿאַראַן לידער, ווו די דיכטערין באַזינגט אַחוץ די בערג און די טייכן פֿון דער בוקאָווינע אויך דעם ירדן —

דער יאַרדאַן מינדעטע דאַמאָלס אין דען פּרוט —
מאַגישע מעלאָדיען אים וואַסער

(אויף יידיש הייסן די צוויי שיינע און, בכן, אמתע שורות: „דער ירדן האָט זיך דעמאָלט אַרײַנגעגאָסן אין פּרוט — מאַגישע ניגונים אין וואַסער"), און אויך איר פֿאָטער וואָס (אויף יידיש) „זײַנע פּיאות האָבן געקלונגען מיט לעגענדעס און אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ העברעיִשן וואַלד". און עס איז אויך דאָ דאָרט אַ ליד

וואָס הייסט „שאַגאַל־דאָרף" און שורות וועגן רבי אלימלך, וואָס „דער צימבל אין מײַן טאַש ברענגט אים צו טראָגן מיט כּישוף" און אפילו האָפּערדיקע פּערזן וועגן ישׂראל (פּערזן נישט אויף דער הייך פון ראָזע אויסלענדערס דיכטערישער באַגאַ־בונג), ווו „די בערגלעך טאַנצן מיט גרינעם פּוך אויף די באַקן".

אָבער די לידער וואָס שרייען מיט זייער שטילקייט אַריבער אַלע בענקשאַפטן און אַלע דערמאָנונגען און ווערן נישט בלויז דער דיכטערישער גרונטמאָטיוו פון דעם בוך, נאָר גיבן צו דער דיכטערין די וואָג פון טיפן יידישן צער און באַרעכ־טיקן אין אַ געווויסער מאָס דאָס פּלאַץ, ווו די קריטיק האָט זי אַוועקגעשטעלט, זענען אַזעלכע ווי „דאָס הילכיקע שוויגן", „כּדי קיין ליכט זאָל אונדז נישט ליב האָבן" און „פּאָזן" און אויך „ווען גייען מיר אַריין", „פּערמעכטעניס" (צוואה) און, צום טייל, אויך דאָס ליד „36 גערעכטע", וואָס אויף זיין נאָמען הייסט די דריטע, די פּרעמיר־טע לידער־זאַמלונג.

כּדי צו סוגעסטירן דעם לייענער דאָס פּאַרוווּנדעטע יידישע האַרץ און די גע־ראַניעטע יידישע בענקשאַפט, וואָס שרייט אַרויס בדממה דקה פון אָט די לידער, מוז איך כאָטש עטלעכע סטראָפעס ציטירן אין מיין יידיש־איבערזעצונג —

זיי זיינען געקומען
מיט שאַרפע פּאַנגען און פּיסטוילן,
זיי האָבן אַוועקגעשאָסן אַלע שטערן און די לבנה
כּדי ס'זאָל אונדז נישט בלייבן קיין ליכט,
כּדי קיין ליכט זאָל אונדז נישט ליב האָבן,
האָבן מיר באַגראָבן די זון.
עס איז געווען אַן אומענדלעכע זונפינצטערניש.

דאָס צווייטע ליד, אַ ליבעליד, פאַרמאָגט אַן אויסנעמלעך סימבאָלישן כּוח פון יאוש און טרויער איבער אַלץ וואָס ס'איז געשען אין אונדזער דור —

ווען זי האָט אים דערוואַרט
איז געווען רויזן־אויפגאַנג,
זי האָט געהאַלטן דעם זומער
אין דער האַנט.

ווען ער איז נישט געקומען
האָט זי געציילט ביז הונדערט,
ביז טויזנט,
ביז אומענדלעך.

וועו ער איז געקומען
איז זי געווען אַ סטאַטוע
מיט טויבע אויגן,
מיט אַן אָפּגעהאַקטן מויל.

אין דעם דריטן געזאַנג קומט צום אויסדרוק די פאַרוווּנדעטע בענקשאַפט נאָך אַ צוקונפט פאַר זיך און פאַרן מין מענטש —

מיין צוקונפט
לאָז איך בצוואה
די ציגיינער
די גאָלדאויגיקע,
פאַראַכטע וואָגלערס
וואָס לעבן פון דער צוקונפט
פון דער האַנט אין מויל,
פונעם מויל
אין דער צוקונפט.

ב

פּאָל סעלאַן

די פריער דערמאָנטע יידיש־דייטשע דיכטערס פון טשערנאָוויץ, צו וועלכע איך בין מחויב צוצושטעלן אויך אַלפרעד קיטנערס לידער־זאַמלונג „דער וואָלקן־ריי־טער", געהערן צום דור פון צווישןביידע וועלט־מלחמות, צום דור פון דער מערס־בורגער פּרעמיאַנטין ראָזע שערצער־אויסלענדער.

אָבער דאָס אמתע „ווונדער" איז, וואָס אויך אַ האַלבן און אפשר אַ גאַנצן דור שפּעטער איז פון טשערנאָוויץ, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אויפגעגאַנגען אַ נייער שטערן פון יידיש־דייטשער דיכטונג אונטערן נאָמען פּאָל סעלאַן.

סעלאַן איז דער אַנאַגראַם פון אַנסעל און אַנסעל איז מן־הסתם דער גוט באַ־וווסטער יידישער נאָמען אַנשעל.

סעלאַן איז היינט צו טאָג איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע און אויך סאַמע פּאָפּולערסטע דייטשע ליריקער. ער האָט ביז היינט אַרויסגעבראַכט צוויי לידער־זאַמלונגען, ביידע אין גרויסן דייטשן פאַרלאַג „דויטשע פאַרלאַגסאַנשטאַלט, שטוט־גאַרט". ביידע זאַמלונגען האָבן געוואַלדיק אויסגענומען סיי ביי דער קריטיק און סיי ביי די לייענער.

וואָס שייך די קריטיק, שטעלט זי סעלאַנען „אין דער שפּיץ פון אַלע יונגע דייט־

שע ליריקער״ און דער ביכער־רעצענזענט פון דער גרויסער טאָגצייטונג „פראַנק־פורטער אַלגעמיינע״ זאָגט: „מיר זענען פשוט נישט געווען גרייט צו אַזאַ באַגעגעניש אין דער דייטשער ליריק פון אונדזער צייט און האָבן אויך נישט געקאַנט זיין. פון סעלאַנס פערזן גייט אויף אַ כישוף...״ און די קריטיקער האָבן סעלאַנען ביז איצט צוגעטיילט צוויי וויכטיקע ליטעראַרישע פרייזן: די פרעמיע פון דער שטאָט ברעמען און דעם פרייז אויפן נאָמען פון באַרימטן דראַמאַטיקער געאָרג ביכנער.

דער לייענער־עולם, ווידער, לייענט סעלאַנס פּאָעזיע. פונעם ערשטן בוך לידער „מאָהן אונד געדעכטניס״, וואָס איז אַרויס אין 1952, זענען אין משך פון צען יאָר דערשינען זעקס אויפלאַגעס. און פונעם צווייטן בוך „פאָן שוועללע צו שוועללע״, וואָס איז אַרויס אין 1955, ליגט פאַר מיר די פערטע אויפלאַגע.

איך מוז זאָגן אַז פון די צוויי לידער־זאַמלונגען שמעקט מיט גרויסער ליריק. עס איז דורכויס פרייפערזיקע דיכטונג מיט מאָדערניסטישע, אָפט צו אַבסטראַקטע אימאַזשן, אָבער מיט אַן אייגענער מוזיק, וואָס לאָזט זיך הערן און צווינגט אין איר זיך איינצוהערן.

אַ ביישפּיל פון אַזאַ מאָדערניסטישן אימאַזש איז דאָס ליד „אויג פון דער צייט״, איך גיב עס איבער אין מיין יידישער איבערזעצונג. דער אימאַזש וועט זיך אפשר אַרויסראַטעווען פון מיין תרגום, אָבער די מוזיק — זי קאָן מען נאָר הערן אין אָריגינאַל —

דאָס איז דאָס אויג פון דער צייט;
עס קוקט קעסאָקע
אונטער אַ זיבנפאַרביקער ברעם.
די ווִיע ווערט געוואַשן פון פייערן.
זיין טרער איז די פאַרע.

פון דעם ליד „עספּען־בוים, דיינע בלעטער קוקן וויס אין דער טונקלקייט״, ווערט מען געוואויר אַז דעם דיכטערס יונגע מוטער איז אומגעקומען אין דער „גרי־נער אוקראַינע״ („טראַנסניסטריע״), „מיין בלאָנדע מוטער איז נישט אַהיימגעקומען״.

זוך איך נאָך לידער, וואָס זאָלן דערמאָנען אַז עס זענען געווען דייטשע מער־דער און יידישע קרבנות, ווי זיין יונגע מאַמע, און איך געפין דאָס ליד וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורות (מיין יידישע איבערזעצונג אָן דער אייגענער מוזיק פונעם דיכטער) —

די שוואַרצע מילך פון אינדערפרי מיר טרינקען זי אין אָוונט
מיר טרינקען זי צו מיטאָג און צו מאָרגנס מיר טרינקען זי ביינאַכט
מיר טרינקען און טרינקען
מיר גראָבן אַ גרוב אין דער לופט דאָ ליגט מען נישט ענג

שלמה ביקל

...דער טויט איז אַ מייסטער פון דייטשלאַנד
מיר טרינקען דיך אין אָוונט און אינדערפרי
מיר טרינקען און טרינקען
דער טויט איז אַ מייסטער פון דייטשלאַנד זיין אויג איז בלאָ
ער טרעפט דיך מיט דער קויל ער טרעפט דיך פּינקטלעך
ער שענקט אונדז אַ גרוב אין דער לופט

קיין אינטערפּונקציע איז אין די ברייטע שורות פון דעם ליד, ווי אין אַ טייל אַנדערע לידער, נישטאָ. דער אויסלאָז פון אינטערפּונקציע וויל מן־הסתם מרמז זיין אויף דער אָנאָטעמדיקייט מיט וועלכע די ווערטער ווערן געזאָגט און געשריבן. בדרך כלל שפּירט מען טאַקע די אָנאָטעמדיקייט פון די ווערטער. איך ווייס בלויז נישט, צי איז אין דעם שולדיק דווקא דער דרויסנדיקער טריק פון אויסגעלאָזטער אינטער־פּונקציע.

און אויף נאָך איין ליד וויל איך זיך אָפּשטעלן. עס איז אַ וויכטיק ליד, ווייל אין אים, דאַכט מיר, פּרוּווט דער דיכטער זיך פאַרענטפערן, פאַר וואָס זיין ליד איז דייטש און נישט אין אַ יידיש לשון.

אין די ברייטע שורות פון דעם ליד „אין עגיפּטן" איז שוין יאָ דאָ אינטער־פּונקציע און מיר פילן פון דעסטוועגן די פּיינפולע פאַרסאָפּעטקייט פון די ווערטער. עס זאָגט דער פּאָעט —

דו זאָלסט צום אויג פון דער פרעמדער זאָגן:
זיי דאָס וואַסער.
דו זאָלסט די, וואָס דו ווייסט אַז זי איז וואַסער, זוכן אין אויג פון דער פרעמדער.
דו זאָלסט זי רופן פונעם וואַסער: רות, נעמי, מרים!
דו זאָלסט זי באַצירן, ווען דו ליגסט ביי דער פרעמדער.
דו זאָלסט זי באַצירן מיט די וואָלקנהאָר פון דער פרעמדער.
דו זאָלסט צו רות און מרים און נעמי זאָגן:
זעט, איך שלאָף מיט איר!
דו זאָלסט די פרעמדע לעבן דיר צום שענסטן באַצירן.
דו זאָלסט זי צירן מיט דער פּיין וועגן רות, וועגן מרים און נעמי.
דו זאָלסט צו דער פרעמדער זאָגן:
זע, איך בין מיט זיי געשלאָפן.

דער מאַנגל פון דעם תירוץ־ליד באַשטייט אין דעם וואָס די באַהעפטונג מיט דער פרעמדער זעט מען טאַקע, בעת די סימנים פון נאָענטקייט מיט רות, מרים און נעמי זענען קוים צו באַמערקן.

ג

ב. פאַנדאַן

אַזוי האָט ער געהייסן און אונטער דעם נאָמען האָט ער געשריבן אין פראַנק־רייך, ווו ער האָט געוווינט די לעצטע איין און צוואַנציק פון זיינע 46 יאָר לעבן. אָבער אײדער ער האָט זיך, אַ באַרוישטער פון דער פראַנצייזישער קולטור, באַזעצט אין יאָר 1923 אין פּאַריז איז ער געווען אַ רומענישער קריטיקער און דיכטער און זיין נאָמען איז געווען ב. פונדאַיאַנו, און אײדער ער איז געוואָרן אַ רומענישער שרייבער האָט ער פּראָסט און פּשוט געהייסן בנימין פינקעלשטיין.

בנימין פינקעלשטיין איז, אמת, נישט אַזוי פּראָסט און פּשוט, וואָרעם דאָס מיינט אַן אייניקל פון יאַסער גביר מעכל פינקעלשטיין און (וואָס איז נאָך מער און טאָקע אמתער ייחוס) אַ פּלימעניק פון די דריי ברידער שוואַרצפעלד, וואָס זענען אַלע געווען וויכטיקע יידיש־רומענישע שרייבער און כלל־טוער. און איינער פון זיי, משה שוואַרצפעלד (געשט. אין 1943 אין עלטער פון 83 יאָר) ווערט פּאַררעכנט ווי דער באַגרינדער פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע און ווי דער גרויסער ראשון פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אויף רומעניש. און אַ שטיק ייחוס איז אויך וואָס בנימין פונדאַיאַנו און דער פאַנדאַן איז אַ נאָמען נאָך דעם פאָטער פון די ברידער שוואַרצ־פעלד, בנמין שוואַרצפעלד (1822—1896), וואָס איז געווען איינער פון די ערשטע השכלה־קעמפער אין רומעניע.

ווען איך האָב פון דעסטוועגן פריער געזאָגט: „פּראָסט און פּשוט בנימין פינ־קעלשטיין", האָב איך אין זינען געהאַט, אַז דער רומענישער דיכטער ב. פונדאַיאַנו האָט ליב געהאַט די יידישע פּראָסט־און־פּשוטקייט, ער האָט ליב געהאַט יידיש לשון און זיך געטוליעט צו דער שעפערישער אויטענטישקייט פון יידישער פּאָעזיע און פון יידישע פּאָעטן. איך געדענק אים פון בוקאַרעסט, ערב זיין אויסוואַנדערונג קיין פּאַריז, אין דער חברותא פונעם דיכטער יעקב שטערנבערג. מען האָט גערעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן פראַנצייזישער און וועגן יידישער. פונדאַיאַנו איז איןביידע גע־ווען פאַרליבט. ער, דער פיר און צוואַנציק יעריקער, האָט שוין דעמאָלט געהאַט הינטער זיך אַ בוך קריטיק וועגן פראַנצייזישע שרייבער און אַ היפּש ביסל איבער־זעצונגען פון פראַנצייזיש און יידיש. דער יידישער דיכטער איז פאַר אַלעמען גע־ווען ביאַליק. אויף וויפל איך געדענק האָט ער די איבערזעצונגען געמאַכט פון ביאַ־ליקס יידישע לידער.

אין איינעם אַ רומענישן ליד: „עס שמעקט נאָך רעגן אינעם שטעטל" פון דער זאַמלונג „לאַנדשאַפטן" (פּריוועלישט), וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין בוקאַרעסט אין 1930, ווען ער האָט שוין געוווינט אַ יאָר זיבן אין פּאַריז, זענען אין דעם אומע־

טיקן האַרבסטגעמעל פאַראַן דריי פערזן, ווו עס ווערט דערמאָנט יידיש. זיי לייענען זיך אויף רומעניש אַזוי —

קערוצע פוגעריטע דע פלאַיע אָו טרעקוט
שי לינישטעאַ אין לוקרור דע מולט, מוטשעגאַיעשטע,
אין קאַסאַ אַאַמען סימפלי וואַרבעסק פע אָורעישטע.

אויף מאַמע־לשון אין פּראָזע הייסט דאָס: די וועגענער זענען אַנטלאָפן, געיאָגט פון רעגן; די שטילקייט אין די אַלטע זאַכן שימלט; אין די שטיבער רעדן פּשוטע מענטשן יידיש.

דעמאָלט ווען איך האָב אים געזען און געהערט דערציילן וועגן אים פון יעקב שטערנבערגן און פון רומעניש־יידישע שרייבער, וואָס האָבן אים נענטער געקענט, האָט פונדאַיאַנו געפילט אַ טיפע זעלישע קרובהשאַפט צו די „איינפאַכע מענטשן וואָס רעדן יידיש אין די שטיבער". די יידיש־רעדנדיקע מענטשן זענען פאַר אים געווען אַ טייל פון דער טרויעריקער, אָבער אין האַרצן איינגעבאַקענער האַרבסט־שטימונג, ווען „דער הימל פאַלט אראָפּ אַ ווייסער ווי ס'פּאַלט אַ בלאַט" און „הימל און ערד זענען גרייט אויך הייגט זיך צו קושן, ווען דער האַרבסט האָט דעם קאָליר פון טויטע פערד און פון פרוכטן".

ווען איך לייען די דאָזיקע האַרבסטלידער, וואָס געשריבן האָט זיי דער מאַן פאַר די דרייסיק, איז אפשר לייכט צו פאַרשטיין פאָנדאַנס וועג אין פּאַריז צו די מחשבה־טיפענישן פון דעם יידיש־רוסישן פילאָסאָף לעוו שעסטאָוו (שוואַרצמאַן), וואָס איר עיקר איז לויט הלל ציײטלין „דער מקדש פונעם צעבראָכענעם מענטש" און איר מוזיק איז „די מוזיק פון אבסאָלוטן יאוש", וואָס ערגעץ ווו קוקט פון איר אַרויס „אַ ווייטע און משונהדיקע האָפענונג" (זע: די האַרץ און מוח סטימולירנדיקע עסיי וועגן דעם פילאָסאָף שעסטאָוו אין הלל צייטלינס בוך „על גבול שני עולמות", הוצאת „יבנה", תל־אביב, 1965, זז' 69 ביז 102).

אין פּאַריז איז פאָנדאַן דערעיקרשט געווען אַ תלמיד פון לעוו שעסטאָוו, האָט געשריבן אַ וויכטיק בוך וועגן זיין רבין און איז געווען פאַררעכנט פאַרן בעסטן באַהעלער און ווייטער־בויער פון די טונקל־מיסטישע געדאַנקען־שטיבער, וואָס שעסטאָוו האָט געבויט אַרום די ווערק פון דאָסטאָיעווסקי און ניטשע.

וואָס שייך טויט האָט דער יידישער גורל אַרויסגעוויזן מער גנאָד צום רבין ווי צום תלמיד. דער רבי שעסטאָוו האָט געהאַט דאָס גליק צו שטאַרבן ערב דעם אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט דערגרייכט צו דער עלטער פון 72 יאָר און ער איז געבליבן פאַרשווינט פון די אַלע ענויים וואָס דער ימח שמו האָט געהאַט גרייט פאַר יידישע מענטשן. פאָנדאַנען האָבן די דייטשן געהאַלטן קודם אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דראַנסי און אים פון דאָרט אָוועקגעפירט אין די גאַז־קאַמערן פון בירקענאַו.

און ס׳איז פאַראַן אַן עפּילאָג צו דער פאָנדאַן־דראַמע, וואָס האָט מיך טיף אויפגעטרייסלט. דער עפּילאָג האָט צו טאָן מיט משה שוואַרצפעלדס איינציקער טאָכטער אַנדזשעליקאַ שטויערמאַן (די אלמנה פון דעם יידיש־רומענישן דיכטער אַוראַם שטויערמאַן).

איך האָב זיך מיט אַנדזשעליקאַ שטויערמאַן באַגעגנט בעת מיין ערשטן באַזוך אין ישראל אין 1950. אַנדזשעליקאַ האָט אין דער מלחמה פאַרלוירן איר איינציקן באַגאַבטן זון. זי האָט שווער איבערגעלעבט דעם צער און די איינזאַמקייט און זי האָט באַשלאָסן צו זוכן קרובים. קיינער פון זיי האָט מער נישט געלעבט. זי האָט אויך געוווּסט, אַז איר געשוועסטערקינד ב. פאָנדאַן איז אומגעקומען, אָבער אַזוי ווי זיין פרוי איז געבליבן לעבן, איז זי געפאָרן קיין פאַריז אויסזוכן די פרוי, זיך מיט איר באַקענען און אפשר וווינען מיט איר. אין פאַריז האָט זי נאָך שווערע זוכענישן אויסגעפונען אַז פאָנדאַנס פרוי איז אַ קאַטאָליטשקע און אַז זי איז פאַר צער אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר. ווי אַן אָפּגעבריטע איז אַנדזשעליקאַ שטויערמאַן געקומען צוריק קיין ישראל פאַרוועזן איינזאַמקייט צווישן יידן.

זי איז אין גיכן געשטאָרבן אין תל־אביב און דערמיט איז פאַרחתמעט געוואָרן דער גורל פון דער שעפערישער משפחה שוואַרצפעלד, פון זייער אײדעם, דעם דיכטער אַוראַם שטויערמאַן און פון זייער פלימעניק, דעם הויך באַגאַבטן פּאָעט און דענקער בנימין פינקעלשטיין־פונדאַיאַנו־פאָנדאַן. קיין לעבעדיקער זכר איז נאָך זיי נישט פאַרבליבן.

ד

אַלפרעד מאַגול־שפּערבער

מאָדנע איז דאָס, וואָס אויך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען בוקאָווינע איז געוואָרן רומעניש, האָט דער שעפערישער גלוסט צו דייטש דאָרט אָנגעהאַלטן. נישט בלויז איז דאָס פריערע געזעמל יידיש־בוקאָווינער דיכטער געבליבן ביי דייטש, נאָר אויך דער ערשט אין 1920 אין טשערנאָוויץ געבוירענער פאָל סעלאַן שרייבט אויסשליסלעך דייטש.

טשעקאָווע איז, ווי אַזוי דער אַנטאָלאָגיסט טילאָ רעטגער פאַרטייטשט דעם פאַקט וואָס אַ יונגער יידישער פאָסט־היטלער־פּאָעט שרייבט דייטשע לידער. פאַר רעטגערן איז דאָס זייער איינפאַך. פאָל סעלאַן — איז אונדז מסביר דער אַנטאָלאָגיסט — איז אַ רומענער ייד, לעבט אין פאַריז און שרייבט דייטשע לידער, ווייל די מוטערשפּראַך פון כמעט אַלע מזרח־יידן איז דייטש אָדער יידיש. אוודאי איז עס נישט אַזוי פשוט ווי טילאָ רעטגער איז זיך דאָס משער. אָבער ווי אַזוי זאָל איך מיט אים אַרגומענטירן, אַז איך אַליין הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ יידיש

יינגל, געבוירן און אויפגעצויגן אין דער רומענישער און אין דער יידישער טשערנאָוויץ, ווערט אַ דייטשער דיכטער.

פון דעם געזעמל יידיש־דייטשע דיכטער זענען צוויי פאַרבליבן אין רומעניע: אַלפרעד קוטנער און אַלפרעד מאַרגול־שפּערבער.

אַלפרעד מאַרגול־שפּערבער, וואָס איז פון די יידיש־דייטשע דיכטער אין דער בוקאָווינע געווען דער פּאָפּולערסטער פון זיי איבער די גרענעצן פון רומעניע, איז דעם 3טן יאַנואַר 1967 געשטאָרבן אין בוקאַרעסט אין עלטער פון אַכט און אַכציק יאָר. זיין אַלמנה האָט מיר צוגעשיקט אַ טאָפּל־נומער פון דער צייטשריפט „נויע ליטעראַטור", וואָס איז דער אָרגאַן פונעם „שרייבער־פאַרבאַנד אין דער סאָציאַליסטישער רומענישער רעפּובליק".

קיין דייטש־רעדנדיקע יידן זענען שוין אין דער בוקאָווינע נישט פאַראַן. אויך די בוקאָווינער דייטשן גופא זענען על־פּי אַ ספּעציעלן היטלער־סטאַלין־אָפּמאַך, שוין אַ פערטל יאָרהונדערט פּליטים אין מערב־דייטשלאַנד. עס זענען נאָך פאַרבליבן די סאַקסן אין טראַנסילוואַניע און זייערע דיכטער זענען דאָס די יידן אַלפרעד מאַרגול־שפּערבער ע"ה און אַלפרעד קיטנער.

דאָס טאָפּלהעפט איז צו אַ דריטן טייל אַ מאַרגול־שפּערבער־נומער, מיט אַרטיקלען וועגן אים און מיט אַן אויסוואַל פון זיינע לידער. עס שרייבט וועגן אים זיין בוקאָווינער חבר־דיכטער אַלפרעד קיטנער, וואָס הייבט אַרויס שפּערבערן דעם סטימולירער צו שעפערישקייט פון די בוקאָווינער פּאָעטן, זיין גרויס אָנזען אין דער רומענישער ליטעראַטור און זיינע גרויסע פאַרדינסטן ווי אַן איבערזעצער פון רומענישע לידער אויף דייטש.

די יונגע יידיש־רומענישע דיכטערין וועראַניקאַ פּאָרומבאַקו (אַ טאָכטער פון דעם באַקאַנטן יידישן אַדוואָקאַט און כלל־טוער אַרנאָלד שוועפּעלבערג), מאָלט דאָס פיזישע בילד פונעם פאַרשטאָרבענעם. זי שרייבט: „אַ מאַן מיטביידע פיס אויף דער ערד, מיטן קאָפּ אין אָדער איבער די וואָלקנס און דאַצווישן אַ ריזן־געשטאַלט". אַזוי האָב אויך איך געקענט דעם איבער זעקס־פוסיקן ריז פון שטעטל סטאָראָזשינעץ, מיטן וואַרעמען, מילדן בליק אין די אויגן.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מאַרגול־שפּערבער אַרויסגעגעבן צוויי לידער־זאַמלונגען „גלייכניסע דער לאַנדשאַפט" (1934) און „געהיימניס אונד פערציכט" (1939). אין די ביידע לידערביכער איז מאַרגול־שפּערבער דערעיקרשט אַ מאָלער פון דער בוקאָווינער לאַנדשאַפט, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט און אַ זינגער און זאָגער אויף הומאַניסטישע מאָטיוון.

אין 1963 איז דערשינען מאַרגול־שפּערבערס אַ דריטע לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען „שטערנשטונדען דער ליבע". דאָס בוך איז צו מיר נישט דערגאַנגען, אָבער איינצלנע לידער פון דער זאַמלונג זענען איבערגעדרוקט אין דעם אָפּקלייב וואָס ס'האָט געמאַכט די צייטשריפט „נויע ליטעראַטור" פון שפּערבערס דיכטונג.

האָב איך אין די אָפּגעקליבענע לידער געזוכט מיט ליכט אַ חורבן־מאָטיוו. איז עס געמאָלט, אַז דער ייד פון סטאַראָזשיניעץ איז דיכטעריש פאַרבייגעגאַנגען דעם יידישן חורבן? אָדער האָבן די אָפּקלייבער לשם אידעאָלאָגיע אויסבראַקירט שפּער־בערס חורבן־לידער?

דאָס איינציקע נאָענטסטע צום יידישן געמיט איז אפשר דאָס ליד „די בערג־פּרעדיגט", וואָס ווענדט זיך צום נוצרי און זאָגט —

גענאָסע יעזוס מיט דעם ראָטן באָרט,
שלעפּענלאָקן־יודע מיט דען זאָמערשפּראָססען,
הערצברודער אונדזער ווילדן וואַנדערפאַהרט,
וויפיל דער יאַהרע זינד זייט דעם פערפלאָססען —
ביים אָסטערמאהל טרינקסט דו דען ראָטן וויין
— וויפיל דעם בלוטעס ווארד זייט דעם פערגאָססען!

אין פּראָזע אויף מאַמע־לשון —

חבר יעזוס מיט דער רויטער באָרד,
ייד מיט פּאות, מיט די זומער־שפּרענקלעך,
וויפל יאָרן זענען זינט דעמאָלט פאַרביי,
ווען ביים סדר טרינקסטו דעם רויטן וויין
— וויפל בלוט איז זינט דעמאָלט פאַרגאָסן געוואָרן!

ה

די דיכטערין נעלי זאַקס

זי איז די שותפטע צו ש. י. עגנונס נאָבעל־פּרעמיע פאַרן יאָר 1966. נעלי זאַקס איז די טאָכטער פון אַ רייכן בערלינער יידישן פאַבריקאַנט און איז פון יידישקייט געווען פרעמד. זי האָט פון יידישקייט ווייניק אָדער גאָרנישט געוווסט. זי האָט די יידישקייט בלויז דערפילט, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און די נאַציס האָבן געברענט ביכער און געשיקט יידן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

ווען נעלי זאַקס איז ממש אין דער לעצטער מינוט, אין 1940 (זי האָט שוין געהאַט אַן „איינלאַדונג" פון די נאַציס זיך צו באַזעצן אין אַן אַרבעטס־צוואַנגס־לאַגער), אין איינעם מיט איר אַלטער מוטער אַנטרונען קיין שוועדן, איז זי אַלט געווען ניין און פערציק יאָר און איז געווען היפּש אומבאַקאַנט נישט בלויז אין דער וועלט, נאָר אפילו אין דייטשלאַנד.

נעלי זאַקס האָט יונג אָנגעהויבן שרייבן לידער און דערציילונגען, אָבער אירע

לידער און דערציילונגען אויפֿן שטייגער פֿון די באַרימטע דייטשע פּאָעטן־מיסטיקער העלדערלין און נאָוואַליס האָבן קיין באַזונדערן רושם נישט געמאַכט.

מיט איינעם אַ בוך פֿון אירע יוגנט־יאָרן האָט נעלי זאַקס יאָ דערגרייכט אַ גאָר גרויסע זאַך. זי האָט דערגרייכט איר ראַטונעק פֿון נאַצישן גיהנום מיט אַכט און־צוואַנציק יאָר שפּעטער. אין יאָר 1912 האָט נעלי זאַקס אַרויסגעגעבן אַ בוך „לעגענדען און דערציילונגען" און האָט עס צוגעשיקט דער באַוווסטער שוועדישער בעלעטריסטין סעלמאַ לאַגערלעף, און די נאָבעלפּרייז־געווינערין פֿאַר ליטעראַטור (1909) איז נתפּעל געוואָרן פֿון דער יונגער שרייבערין און האָט איר געדאַנקט מיט ווערטער, וואָס זענען היינט, ווען נעלי זאַקס איז שוין באַרימט, מיט איר אין איינעם באַרימט געוואָרן. די דעמאָלט פֿיר און פֿופֿציק יאָריקע שוועדישע געווינערין פֿון דער נאָבעל־פּרעמיע האָט געשריבן צו דער איין און צוואַנציק יאָריקער יידיש־דייטשער אָנפֿאַנגערין — „אַ האַרציקן דאַנק פֿאַרן שיינעם בוך. איך אַליין וואָלט עס נישט געקענט בעסער מאַכן".

מיט די ווערטער האָט זיך צווישן נעלי זאַקס און סעלמאַ לאַגערלעף פֿאַרבונדן אַ פֿריינטשאַפֿט און ביים אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די השתדלות פֿון דער שוועדישער שרייבערין דורכן קעניגלעכן הויף אין שטאָקהאָלם געהאָלפֿן איבערצייגן די היטלער־רעגירונג, אַז זי זאָל, טראָץ די שוין פֿאַרמאַכטע גרענעצן און טראָץ דער שוין צוגעשטעלטער הזמנה צו צוואַנגאַרבעט, אַרויסלאָזן די דיכטערין נעלי זאַקס אין איינעם מיט איר מוטער קיין שוועדן.

אין שוועדן האָט נעלי זאַקס שוין נישט אָנגעטראָפֿן מער איר גוטע פֿריינדין. סעלמאַ לאַגערלעף איז מיט עטלעכע חדשים פֿאַר נעלי זאַקס אָנקום קיין שוועדן געשטאָרבן אין עלטער פֿון 82 יאָר. אָבער שוועדן האָט נישט בלויז געראַטעוועט פֿיזיש די יידישע פּרוי פֿון דייטשלאַנד, נאָר אין שוועדן — גענוג וויט אַליין נישט טראַנספּאָרטירט צו ווערן קיין אוישוויץ, אָבער גענוג נאָענט צו דער גרענעץ אויף צו דערפֿילן דעם רויך פֿון אוישוויץ און דעם ריח פֿון די פֿאַרברענטע יידישע לייבער, איז נעלי זאַקס שעפּעריש אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן די דיכטערין אויף דייטש פֿון דער יידישער טראַגעדיע.

איר ערשטע לידער־זאַמלונג פֿון חורבן־לידער „אין די וווינונגען פֿון טויט" איז דערשינען 1947 אין אַ מזרח־בערלינער פֿאַרלאַג און די צווייטע — „פֿאַרטונקעלונג פֿון די שטערן", 1949, אין דעם דעמאָלט נאָך עמיגראַנטישן דייטשן פֿאַרלאַג „פֿישער" אין שטאָקהאָלם און אין אַמסטערדאַם. און ביידע ביכער — זאָגט עדות טיטאָ רעטגער, דער דייטשער אַנטאָלאָגיסט פֿון דייטש־יידישער ליריק נאָך 1933 (קעזעלפֿאַרלאַג, מינכען, 1966) — זענען כמעט קיין מערב־דייטשלאַנד נישט דערגאַנגען און במילא געבליבן אויך אומבאַקאַנט אין דער גאַרער ליטעראַרישער וועלט. דער דרך עולם איז, אַז פֿונעם געדרוקטן אָריגינאַל דערגייט מען צו איבערזעצונגען און מען שפּאַנט אַריבער די גרענעץ. בלויז די מערכה פֿון אונדזער יידיש־ליטעראַ־

טור האָט עס מעגלעך געמאַכט, אַז אונדזערע גרויסע שרייבער זאָלן האָבן דעם מוט אַרויסצוגעבן איבערזעצונגען פאַרן אָריגינאַל. דעם שלעכטן אָנהייב אין דעם פּרט האָט געמאַכט שלום אַש.

נעלי זאַקס איז מיט אירע ערשטע צוויי לידער־זאַמלונגען געבליבן אומבאַקאַנט, אַזוי אַז אַ דייטשער „לעקסיקאָן דער וועלט־ליטעראַטור", וואָס צוויי ווינער אוניווער־סיטעט־פּראָפעסאָרן ד"ר היינץ קינדערמאַן און ד"ר מאַרגאַרעטע דיטריך האָבן אַרויסגעבראַכט אין 1950, פאַרצייכנט נישט דעם נאָמען נעלי זאַקס.

און נעלי זאַקס אַליין באַשטעטיקט, אַז איר אייגנטלעכע ליטעראַרישע קאַריערע הייבט זיך ערשט אָן מיט די זאַמלונגען פון אירע חורבן־לידער. אין דעם „ווער איז ווער אין וועלט־יידנטום" („ווהו איז ווהו אין וואָרלד־דזשוערי" פון 1965) גיט זי אָן די רשימה פון ביכער און לאָזט אויס אַלץ וואָס זי האָט געשריבן פאַרן חורבן. זי הייבט אָן מיט איר בוך „אין די וווינונגען פון טויט" פון 1947.

נעלי זאַקס איז אין די חורבן־יאָרן פון איר יידיש פאָלק דיכטעריש ניי אָדער ערשט געבוירן געוואָרן. זי דייט דערויף אַליין אָן אין דעם נאָמען פון איר פערטן בוך פון חורבן־לידער, 1959, און הייסט „אַנטרינונג און פאַרוואַנדלונג".

אין דער אַנטרינונג, אין שוועדן, איז נעלי זאַקס איבערגעאַנדערשט געוואָרן. זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ דייטשע דיכטערין און דערציילערין און איז געוואָרן אַ יידישע קלאָגערין און באַוויינערין פון דעם יידישן חורבן אויף דייטש.

און דווקא איר „איכה"־ליד האָט זי באַרימט געמאַכט קודם אין דייטשלאַנד און דערנאָך אין דער גאַרער וועלט און איר געבראַכט, ווי אַ צייכן פון אינטערנאַציאָנאַ־לער אָנערקענונג, דעם נאָבעלפּרייז.

אָנערקענונג איז געקומען צו נעלי זאַקס אין די פופציקער יאָרן. צו ערשט האָט זי באַקומען אַ ליטעראַרישן פּרייז אין איר ווינלאַנד שוועדן. זי האָט אַ שפּאַר ביסל שוועדישע לידער איבערגעזעצט אויף דייטש.

אין 1960 איז די דיכטערין זאַקס באַקרוינט געוואָרן מיט דעם העכסטן דייטשן פּרייז פאַר פּרויען־דיכטונג, מיט דער אַזוי גערופענער מערסבורגער פּרעמיע.

אין 1965 האָט נעלי זאַקס באַקומען דעם יערלעכן פּרייז פון די דייטשע בוכ־הענדלער, און צו איר זיבעציקסטן געבוירן־טאָג, אין יאָר 1961, האָט די גרויסע אינדוסטריע־שטאָט דאָרטמונד אין דער פּראָווינץ וועסטפאַלן געשאַפן אַ ליטעראַ־רישן פּרייז אויפן נאָמען פון דער דיכטערין נעלי זאַקס.

צו דער געלעגנהייט פון די דערשינענע לידער־זאַמלונגען און פון די צוגעטיילטע אויסצייכענונגען האָט די דייטשע קריטיק זיך אָפּגערופן מיט גרויס לויב וועגן נעלי זאַקס דיכטונג. מען האָט זי אַוועקגעשטעלט ביי דער זייט פון דער גרעסטער יידיש־דייטשער דיכטערין, דער מחברין פון „דאָס העברעער־לאַנד" און פון דאָס „בלאָוע פּיאַנאָ" און געזאָגט אויף איר, אַז זי איז „איינע פון די שפּראַך־מעכטיקסטע דייטשע ליריקער פון אונדזער צייט".

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, שטאַרק איבערגעטריבן. דאָס איז אַ טעות. אָבער די דייטשע קריטיקער מאַכן נאָך אַ גרעסערן טעות. זיי זייגן די דייטשע ליד־מבינים און קלאַפּן דער דיכטערין זאַקס גוט־ברודעריש אויף דער פּלייצע דערפאַר וואָס זי מאַראַליזירט נישט און משפּט נישט. דאָס געפעלט די דייטשע קריטיקער און אַזוי לוינט זיי צו זאָגן. אָבער דאָ איז, ווי געזאָגט, זייער טעות נאָך גרעסער. אויב משפּט הייסט דער אָפּשלוס פון דער פּראָקוראָרישער רעדע מיט אַ פאָרשלאָג פאַר כך וכך יאָרן תפיסה אָדער גאָר פאַר טויטשטראָף, דאַן זענען אפשר די דייטשע קריטיקער גערעכט און מעגן זיך טרייסטן דערמיט וואָס די אַלטע יידישע פּאָעטעסע איז נישט „אכזריותדיק און איז גרייט מוחל צו זיין”.

אויב אָבער משפּט הייסט שאַרפער אָנקלאָג און די בייסיקע כאַראַקטעריזירונג פון די מערדער און פון זייערע משרתים און יוצר־משרתים, דאַן אָטעמען נעלי זאַקס לידער מיט הונדערטער יאָרן תפיסה און מיט טויט אויף דור־דורות פאַר די דייטשע מערדער און — מיט אומבאַגרענעצטער ליבע צו די קרבנות, צו די מיליאָנען אומ־געבראַכטע פון איר פאָלק.

צום דייטשן קין־פאָלק ווענדט זיך די דיכטערין אין איר ליד „שמעטערלינג” און שרייט אויס „קין — ברודער — אָן אַ ברודער, וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרצע קונץ צו מאַכן קדושים? ווו האָט גערעדט די שטים וואָס האָט דיר דאָס געהייסן?” און זי מאָלט, נעלי זאַקס, דעם אַלטוואַרג־הענדלער, און די מאַרקזיצעריך, און די זקנים, וואָס די „גזלנים האָבן ביי זיי צוגערויבט די עכטע טויט־שעהען, דעם לעצטן אָטעמצי און די גוטע־נאַכט פון די אויגנדעקלעך”.

אַ פאַרצווייפלטע, פרעגט די דיכטערין זיך און איר יידיש פאָלק און די גאַנצע וועלט — „פאַר וואָס אַזאַ שוואַרצער ענטפער פון האַס אויף דיין קיום, ישראל”? און איר איינציק ביסל טרייסט איז, וואָס „אברהם אבינו האָט געפּאַקט די וואָרצלען פון די ווינטן; וואָרעם אומקערן וועט זיך ישראל פון זיין גלותדיקער צעשפּרייט־קייט”.

און פאַר אונדז אַלע, יידן פון דער וועלט, איז עס אויך אַ שטיקל טרייסט, וואָס די שוועדישע אַקאַדעמיע, היינט צו טאָג דער סימבאָל פון אינטערנאַציאָנאַלער ליטעראַרישער אָנערקענונג, האָט דערהערט דאָס וויגעשריי פון אַ יידישער דיכ־טערין איבערן גורל פון איר פאָלק.

1966

יעקב פרידמאַן

קיין שום אַנאַליטישע קריטיק קאָן נישט אַריינטרעפן אַזוי אין קאַרב אַריין פון אַ פאָעטיש ווערק, ווי דער דיכטער אַליין מיט אַ רוח־הקודשדיקער שורה פון זעלבסט־כאַראַקטעריזירונג.

אין דעם איבער אַ פערטל יאָרהונדערט, וואָס איך פאָלג נאָך דעם פאָעט יעקב פרידמאַן, פון טשערנאָוויץ איבער בוקאַרעסט און ביז בית־דגון און רמת־אביב, זענען די אָנזעעוודיקסטע מאָטיוון פון זיין דיכטונג געווען בענקשאַפט נאָך באַהעפּ־טונג מיטן באַשאַף, פילאָסאָפישע חקירה וועגן גאָט און דער הויה און לויבגעזאַנג צום ליד.

די דאָזיקע מאָטיוון חזרן זיך איבער מיט פולער אינטענסיווקייט אויך אין דיכ־טערס נייסטן, זיבעטן בוך, וואָס איז אָקערשט אַרויס אונטערן נאָמען „ליבשאָפט". אָבער דאָ אין דעם בוך, נישט בלויז וואָס די אָדע צו ליד פאַרנעמט דעם סאַמע אויבנאָן צווישן די אַנדערע אין מזרח, נאָר דער פאָעט אַליין פרעזענטירט פאַר אונדז דאָס ליד ווי דעם עיקר־מאָטיוו און מאָלט אין איין זעלבסטקריטיש אינספּירירטער שורה דעם פאָרטרעט פון זיין ליד —

> וואָרהאַפטיק, אַ בשמים־הדסל איז מיין ליד געוואָרן, עס באַהאַלט
> אַלע טערפקע ריחות פון אַמאָלן.

און טאָמער איז דאָס דאָזיקע בילד צו פאָעטיש פאַרשלייערט, מאַכט עס יעקב פרידמאַן קלאָרער אין דעם זעקסטן זמר פון דער שיינער און זייער סוגעסטיווער פאָעמע „ווינטער־לידער" —

> ליד איז געגליכן אַ מאָל צו אַ זויג־קינד אין דרימלענדיקן גלוסטן;
> ס'איז נישט קיין חילוק אים, צי זייגט עס פון דער מאַמעס כשרער מילך
> צי פון דער גוייִשער אַמס טריפהנע ברוסטן...

דאָס ליד איבער אַלץ! דאָס ליד איז אויך די זיכערסטע באַוואָרעניש קעגן די שפּיל־פאַרדאַרבער, וואָס „אין יעדן דור שטייען זיי אויף, די גרויסע שפּיל־פאַר־דאַרבער", און באַפאַלן ווי רויבפייגל די וואָר און די פאַנטאַסטיק פון די געטער און פון די ליאַלקעס, וואָס זענען אַ טרייסט פאַר דערוואַקסענע און קינדער זינט דעם זיידע תרח און ביז צו זיין אוראוראייניקל, דעם דיכטערס טעכטערל חנהלע.

אברהם אבינו איז קיין פאָעט נישט געווען. האָט ער נישט געקענט זען די וואָר פון זיין פאָטערס הילצערנע און ביינערנע געטער, נישט געזען ווי „יעדער גאָט, פול גנאָד, טוט באַשירעמען, באַשיצן".

יעדער פּאָעט איז אַ שטיק פּאַגאַן, וואָרעם ער איז אַ געשטאַלטיקער און אַ באַ־זינגער פון זיך אַליין און פון זיין אייגענעם באַשאַף. דער פּאָעט איז ביין פון זיידע תּרחס ביין. ער שטעלט אַוועק געטער אין זיין טעמפּל, „טייערע, ליבע געטער", און טוליעט זיך צו זיי, פּיעשטשעט זיי און פּיעשטשעט זיך פאַר זיי, עלעהיי ווי עס טוט דאָס קינד מיט זיינע ליאַלקעס אין שפּילצימער.

עס איז דעם פּאָעט אַ רחמנות אויף דעם זיידן תּרח און אויף זיינע געטער, וואָס

טוליען די קעפּלעך צו דער מאַמע־נאַכט, טוליען זיך און וויינען.
אָהאָ, זייער געוויין, דורך אַלע דורות, פאַרנעם איך, הער איך;
עס טראָגט זיך פון מיין טעכטערל אין בית דגון
ביזקל חרן, צום עלטער־זיידן אירן תּרח...

אָבער דער דיכטער, וואָס הערט דאָס קול פון תּרחס געטער און איז פול מיט רחמנות צו זיי, איז אויך בטבע אַן איקאָנאָקלאַסט, אַ רעבעל, אַ געטער־ברעכער. ס'איז נאָר אַ פראַגע, וועלכער זעלישער איינשטעל עס נעמט די אויבערהאַנט. גייט ער אין שפּאַן מיט דעם גרויסן שפּיל פון תּרחס געטער־באַשאַף, איז ער אַ ראָמאַנטיקער, אלא האָגלט ער מיט געלעכטער און שפּאָט אויפן זיידע תּרחס גרויסן שפּיל פון געמאַכטע געטער, איז ער אַ שפּיל־פאַרדאַרבער, אַן אַנטי־ראָמאַנטיקער.

יעקב פרידמאַן, דער זון פון מילניצער רבי, איז באַגלייך מיט זיינע עלטערע חברים פּאָעטן משה לייב, דעם זון פונעם זלאָטשעווער שניט־סוחר, און איציק מאַנגער, דעם זון פון זיין עקסעלענץ, דעם טשערנאָוויצער שניידער־מייסטער, אי ראָמאַנטיקער און אי אַנטי־ראָמאַנטיקער.

דאָס ליד פון די גאַליציאַנער פּאָעטן משה לייב, איציק און זייער ייִנגערן חבר יעקב פון מילניצע איז אַ בשמים־הדסל, אין וועלכן עס באַהאַלטן זיך „אַלע טערפּקע ריחות פון אַמאָלן". דאָס ליד זייערס איז אַ ראָמאַנטיש ליד, אַזוי שיין און אַזוי וואָרעם ראָמאַנטיש ווי ס'איז היינעס, אָבער, ווי היינעס, איראָניש צעשטאָכן און עס רינען פון אים אַרויס אַלע טערפּקע ריחות פון די אַמאָלן.

צי עס זענען דאָס משה לייבס זכרונות פון דער „אַלטער היים", איציק מאַנ־גערס מדרשים צו חומש און צו דער מגילה, אָדער יעקב פרידמאַנס פּאָעמעס „ווינ־טער־לידער", „אַ גאָטס רחמנות אויף תּרחן", „אַ פראָסטער מיטוואָך אין כעלעם", „אין שליטן" אָדער „רבי אברהם מלאכס חתונה" — אין אַלע גייען אויף די אַמאָלן מיט זייערע טערפּקע ריחות. די דריי דיכטער רופן אַרויס די טערפּקייט מיט זייער איראָניע, אָבער אַיעדנס איראָניע האָט איר אייגענעם טאָן.

משה לייב איז שטורמיש, איציק מאַנגער זיס־פאַרחלומט (מאַנגערס וואָרט איז דאָס נאַטירלעך זיסטע אין אונדזער דיכטונג) און יעקב פרידמאַן עלעגאַנט און חקרניש־פאַרחלומט. אָבער ביי אַלע דריי קומט די ראָמאַנטישקייט זייערע און אויך זייער ליריק נישט אַרויס מיט גאַנצע ביינער. ווי היינע, זייער קרוב פון די־

סעלדאָרף, אויף דייטש, אַזוי האָבן די גרויסע יידיש־דיכטער משה לייב און איציק מאַנגער און זייער ייִנגערער ברודער יעקב פרידמאַן אויף יידיש אונטערגעשטראָכן זייער ראָמאַנטיק מיט איראָניע. די ראָמאַנטיק איז דאַדורך נישט געוואָרן ווייניקער שיין און וואַרעם. די בלאָע פאַרב פון זייער ראָמאַנטיק איז בלויז געוואָרן העלער און באַגלייבטער, ווייל ערדישער.

דער קלאַסישער מוסטער פון אַ איראָניש צעשטאָכענער ראָמאַנטיק איז בלי ספק דאָס ליד „מילא", ווו דער דיכטער נעמט אויף זיך, אַזוי צו זאָגן, די ראָל פון אַ ראָמאַנטיקער. אָט זענען שורות פון דער ערשטער און פון דער פערטער סטראָפע פון דעם ליד —

„הוי, רעזשיסער, דערלאַנג די רעקוויזיטן:
דעם פּאַראַיאַריקן שניי און דעם זיידנס שליטן,
זיין זילבער־באָרד און פליושענע ראַזעווּלקע,
דעם שטעקן מיטן לייבן־קאָפּ
און די בורשטינענע ליולקע.

נאָר וואָדען?

נאָר בעטן בעט איך: זע לעבן וואַלד,
פּאַזע טייך, אין לבנהדיקן בלוי,
שטייען דעם גערטנערס טעכטער
מיט די קאָרענע לאָקן,
איך בעט דיך, נעם זיי פון וועג אַוועק,
זיי זאָלן נישט זען דעם „זקן"

דאָ אין דעם ליד זענעןביידע עלעמענטן פון יעקב פרידמאַנס ליד, דאָס ראָמאַנטישע און אַנטי־ראָמאַנטישע, דירעקט אַוועקגעשטעלט. אויך אין דער פּאָעמע „ווינטער־לידער", ווו דער פּאָעט זינגט פאַר „די סאַברעלעך, די יונגינקע" וועגן דעם „ריח פון ערשטן שניי אין זיידנס סעדער" און וועגן די מעשיות פון חומש, געמאָלן אויף פאַרפרוירענע שויבן „אין פּאָדאָליע, מיין היים", שפּרינגען אַריין אין ליד „עס שמעקט מיט אַגרעסן און מיט ליטקעס באָרוועסע פון פּאַכטערס מויד".

איך וויל נישט אַוועקגיין פון דער געראָטענער פּאָעמע „ווינטער־לידער" און נישט דערמאָנען, אַז זי פאַרמאָגט בילדער וואָס זענען ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין אַ וועלט־אַנטאָלאָגיע פון ראָמאַנטישע דיכטער. אָט איז איינס פון זיי —

האָלצהעקערס מיט האַרטע קופּערנע בערד,
אויף ווייסע הירזשענדיקע פערד,
צו וועלדער רייטן ווי קאָצאַפּעס,

זילבערנע העק פול מיט זונפייגל
שטראַלן אין זייערע רויטע לאַפּעס.

אָבער אַפילו אין „רבי אברהם מלאכס חתונה" וואָס איז, דאַכט זיך, דורכויס ראָמאַנטיש פאַרכליניעט און גיט איבער דעם שמועס צווישן מעזריטשער מגיד און זיין זון, דעם פרוש אברהמל מלאך, וואָס קלאָגט פאַר זיין פאָטער, אַז —

גאָט איז מיין עדות... איך קען נישט... קען נישט גענענען
צו דער אשה

אפילו די פּאָעמע איז נישט פריי פון איראָניע.

די איראָניע ליגט אין דעם פוילישֿ־יידישן וואָרט „טאַטעשי", מיט וועלכן דעם מעזריטשערס בן־יחיד ווענדט זיך צו זיין פאָטער, וואָס ביידע רעדן זיי וואָליניש־יידיש. און איך האָב דאָס געפיל, אַז דער דיכטער וויל ביודעים אָדער בלא יודעים אַ שטאָך טאָן אין ר׳ אברהמל מלאכס רייד, ווייל מיט אָט דעם פרעמדן און צעפּיעש־טשעטן וואָרט אין זיין מויל מינערן די ראָמאַנטישע טעמפּעראַטור פון זיינע ווער־טער.

עס קאָן זיין, אַז אויך דערפאַר האָט יעקב פרידמאַן פאַרענדיקט די פּאָעמע מיט אַ קינסטלעריש אפשר איבעריקן עפּילאָג, וואָס גיט איבער וועגן אַ נייעם שמועס צווישן פאָטער און זון צו מאָרגנס נאָך דער חופה־נאַכט. דער פאָטער פרעגט: „קינד מיינס, ווו וווינט גאָט?" און דער זון שטאַמלט: „געמיינט... געמיינט אַז נאָר אין הימל" און האָט זיך פאַר שמחה צעוויינט.

איך זאָג, אַז דער דאָזיקער עפּילאָג איז קינסטלעריש נישט נייטיק, וואָרעם מיר ווייסן שוין פון פאַר דער עפּילאָג־סטראָפע, אַז דער פרוש ר׳ אברהם האָט טועם געווען פון דעם „גאָרטן מיט הייליקע פירות", צו וועלכן ער האָט פריער נישט געוואָלט גענענען און האָט „געמאַכט אַ ברכה מיט לויבונג צום באַשעפער פון פּראַכט".

דאָס וואָלט געווען אַן אומקינסטלערישע „קלאָרמאַכונג", נישט צו פאַרשטיין ביי אַ דיכטער פון יעקב פרידמאַנס שיעור קומה, ווען נישט די כוונה פונעם פּאָעט צו מינערן מיט איראָניע פון דער ראָמאַנטישער אַטמאָספער, וואָס די חסידישע מעשה האָט באַשאַפן אַרום דער געשטאַלט פונעם מעזריטשער מגידס זון, און ער, דער דיכטער פרידמאַן, וויל זי אויפן שטייגער פון זיינע פאָרגייער, די פּאָעטן משה לייב און איציק מאַנגער, אי ראָמאַנטיש דערהייבן און אי איראָניש אַ ביסל צעשויבערן.

וואָס שייך ראָמאַנטיש געמיט איז יעקב פרידמאַן אַ נאָענטער קרוב מיט ביידע גרויסע לאַנדסלייט זיינע: משה לייב דער תכשיט און איציק דער שניידער־געזעל. אָבער ווען ס׳קומט צום היינישן קאָמפּלעקס און צו דער פּראָזאַדישער פאָרעם איז ער נענטער צו משה לייבן. ווי משה לייב, האָט פרידמאַן האַלט דעם קאָלאָקוויאַלן

און דעם זעלבסט־איראָניזירנדיקן שטייגער און, ווי מאָדנע דאָס זאָל זיך נישט אויסדאַכטן, ער איז אויך מיט זיין וויל־יונגערישן טאָן צום מיינסטן נענטער צו משה לייב האַלפּערן ווי צו איציק מאַנגער.

איציק מאַנגער האָט, ווי קיין אַנדערער אין דער יידיש־פּאָעזיע, דעם ראָמאַנ־טיש לענגסטן אָטעם פון ליד. אפילו אין זיינע לעסטערלידער איז ער כמעט קיין מאָל נישט זעלבסטלעסטעריש, נישט זעלבסט־חוזקריש.

דעם דאָזיקן טאָן פון זעלבסטלעסטערונג האָט בשותפות יעקב פרידמאַן מיט זיין גרויסן פאָרגייער משה לייב דעם פּאָעט. איציק, „דער שניידער־יונג", האָט אין קאָנטעקסט פון מאַנגערס לידער מער נאַרציסטישן ריח ווי משה לייב דער תכשיט. משה לייב דער תכשיט איז מער הויטרייסעריש צו זיך, מער אויף אַן אמת אָפּלאַכעריש פון זיך, ווי איציק דער שניידער־געזעל.

יעקב פרידמאַן באַזינגט אין ברייטע שורות, וואָס אויך משה לייב האָט אַזוי ליב געהאַט צו ניצן, זיין „זיידע, דעם חכם זאַנזאַני", וואָס געווען איז ער דער „קליגסטער, פלינקסטער הויפנאַר פון הודו ביז כוש" און ער האָט אין מירמלנע פּאַלאַצן פאַר פירשטן געדרשנט, אָבער ווען ס'איז אים נמאס געוואָרן אַחשורושס גילדענער טיש האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויף אַלע פירשטן און גראַפן און איז אַוועק צו זיין בת־מלכה „ביים זילבערגעם קוואַל". פרידמאַן באַזינגט דעם זיידן זאַנזאַני און באַיאָמערט זיך אַליין, וואָס —

... איך זיץ לעבן מיין ציג אין דער הילצערנער שטאַל
און צערוואוע מיין אַלט צעפליקטע וואָרעטע.
און טראַכטן טראַכט איך: אויף וועמען זאָל איך שפּייען
אין דער גרויסער נודאַטע,
וואָס האָט אונדז איינגעשפּאַנט אין איר נאַריש געשפּאַן.
קיין מלכים און פירשטן קומען נישט צו מיין ליימענער כאַטע
און אויך גאָט האָט פאַרגעסן, אַז איך בין אין זיין מלכות פאַראַן...

סיי דאָס געזאַנג צום זיידן זאַנזאַני און סיי די עלעגיע איבער זיך אַליין, דעם אייניקל, דערמאָנען מיט זייער געמיט משה לייבן דעם פּאָעט. זיי דערמאָנען און דערציילן אונדז, אַז די וועגן פון די צוויי גאַליציש פּאָעטן, ביידע אייניקלעך פונעם חכם זאַנזאַני, באַגעגענען זיך אין גרויסן יידיש־אומעט פון אונדזער דור —

מיין ציג פאַרשטייט נישט דעם זיסן שכל פון גראָז,
און חוץ מיין ציג און איר שאָטן
איז קיינער אַרום מיר, קיינער נישט פאַראַן . . ..
אוי ווי ס'איז אומעטיק צו דיין אייניקל, קלוגער זיידע זאַנזאַני.

וואָס איז דער טרייסט? טאָקע דאָס יידיש־פּאָעטישע וואָרט, וואָס מאַכט אונדז

גלייבן, אַז דעם זיידע זאַנזאַניס „דימענטענער צימבל״ איז נאָך מיט אונדז און מיר וועלן זיך פאַר דורות צוהערן צו זיין מוזיק.

רחל קאָרן

א

די גנאָד פון וואָרט

אין דער סקאַלע פון דערגרייכונגען, צו וועלכע דאָס פּאָעטישע וואָרט קאָן דערגיין, פאַרנעמט די גנאָד אַ פּלאַץ אין סאַמע אויבנאָן. עס איז בפירוש אַ זכיה פאַרן פּאָעטישן וואָרט, אָנצוקומען צו דער מדרגה פון חסד נאָך דעם ווי די דיכטערין איז מיט איר לעבן דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום פון אייגענעם און פון יידיש־פּאָלקישן גורל.

די דיכטערין רחל קאָרן האָט זוכה געווען, אַז צו אירע זיבעציק, ווען איר „האַרבסט איז באַקרוינט מיט יאַרצייטליכט, וואָס פלאַמען ווי אַן אַרעאָל אַרום זיין מידן קאָפּ״ זאָל איר ליד אָטעמען נישט מיט ביטערניש און אַפילו נישט מיט געקלאָג, נאָר מיט דער געלייטערטקייט פון חסד און גנאָד.

און די גנאָד, וואָס הויערט איבער איר פּאָעטישן וואָרט, מאַכט עס אַז —

מיין טרויער האָט אויגן פון נעכטן
און שטילע פאַרטראַכטקייט פון היינט

טרויער און פאַרטראַכטקייט וואָס זענען ווי תמיד די לירישע הויפּט־עלעמענטן פון רחל קאָרנס ליד האָבן אין איר נייעסטן בוך דערגרייכט צו דער סובטילקייט, וואָס וויקלט איין די דיכטערין און אירע שורות אין חלום —

איך בין שוין געזאַלבט מיט טרויער
ווי די מלכה פון אייביקער נאַכט,
וואָס ווייסט נישט צי זי איז אַ חלום,
צי ס׳האָט זי ווער אויסגעטראַכט.

עס האָבן זיך אָפּגעטאָן אַלע קאָשמאַרן פון דעם חלום און אַלץ ווערט אַזוי פּשוט קלאָר „ווי אויפגעבראָכן וואָלט דעם זיגל אַ לעצטע טרער״.

די דאָזיקע קלאָרקייט און פשטות האָט גורם געווען, אַז די דיכטערין זאָל אויף אַזאַ וווּנדערלעך אָרגאַנישן אופן באַהעפטן ראַפינירטע זאַגעניש מיט תחינהדיקער האַרציקייט.

דער דיכטערינס מוטער וואָס ליגט מיט אַ דייטשער קויל אין האַרצן ערגעץ אין „צעוואַקסענעם און אַלטן גריידינגער וואַלד" האָט דערהערט די בקשה פון איר טאָכטער און אויסגעבעטן, אַז איר פּאָעטיש געמיט —

...זאָל נישט אונטערגיין
אין יענעם שוואַרצן מלכות,
ווו מען בייט אויס די טרערן
אויף אַ שמייכל, אַ ווילדן —
ווו דער שריי
הענגט זיך אויף
אויף אַ צווייג פון אַ בוים,
אַז ער זאָל
אַליין זיך נישט הערן.

ס'איז נישט געמאָלט, האָב איך מיט עטלעכע יאָר צוריק געשריבן טאָקע אין שייכות מיט רחל קאָרן, קיין שטילערער זיפץ פון אײדעלן און שעמעוודיקן צער, ווי דעמאָלט ווען פּאָעטיש און פּרויזיש געמיט רעדן איין און דאָס זעלבע ממעמקים־לשון. רחל קאָרנס געזאַנג און געזאָגט זיפצט שטיל, אײדל און טרויעריק איבער די נעכטנס, וואָס „די גרענעץ צו זיי איז פאַרמעקט מיט אַש און איבער דעם מאָרגן וואָס דער וועג צו אים איז געווירעט דורך טרערן".

דער נעכטן איז פאַרשיט מיט אַש און דער וועג צום מאָרגן איז געווירעט דורך טרערן, אָבער רחל קאָרנס דיכטעריש ליד, סיי דאָס נאַראַטיווע און סיי אויך דאָס לירישע, איז פריי פון סענטימענטאַליזם, ווי עס איז אויסגעהיט פון געשריי. רחל קאָרנס ליריק איז דאָס געזאַנג פון אַ געזונט קול, וואָס איז פריש און לויטער ווי אַ דאָרפישער פרימאָרגן און פאַרמאָגט דערביי אַלע דינקייטן פון פאַרנאַכטיקן גע־מיט און אַלע קלוגע קנייטשן פון קוהלתדיקער האַרבסטשטימונג. רחל קאָרנס פּאָע־טיש קול איז אַלע מאָל וואַרעם, היימיש און קלאָר, אָבער עס וואַרגט זיך קיין מאָל נישט מיט טרערן, זיכער נישט אין דער עפנטלעכקייט פון איר ליד. מען פילט נישט איין מאָל, אַז די דיכטערין האָט זיך אויסגעוויינט ביי דער שוועל פון איר ליד, אָבער אין ליד גופא האָט זי די טרערן נישט אַריינגעלאָזט —

די זאַכן שווייגן פאַרעקשנט,
נאָר די לופט איז פול מיט געוויין.

ב

דער ריח פון פעלד

דעם כוח צו דער דאַזיקער געזונטער, געשמאַקער פּאָעטישער קלאָרקייט האָט רחל קאָרן געשעפּט פון איר באַהעפטקייט צו דער נאַטור. פון דאָרף ווו זי האָט פאַרבראַכט אירע קינדער־יאָרן האָט זי מיטגענומען מיט זיך אויפן וואָגל איבער שטעט און לענדער דעם ריח פון פעלד און פון אַ לאָנקע צווישן בערג און דעם ריח פון וויינשלביימער אין די סעדער פון איר קינדהייט. זי האָט מיטגענומען מיט זיך די וויזיע פון די דאָרפישע לאַנדשאַפטן, וואָס זענען דערנאָך אין איר ליד זיך צעוואַקסן צו אויסטערליש שיינע נאַטור־געמעלן, וואָס טראָגן אין זיך אַחוץ קינסט־לערישע שיינקייט אויך באַרויקונג און טרייסט „אין מיטן פון דער אַנטבלעטערטער צייט". רחל קאָרנס נאַטור־פּייזאַזשן געהערן צו די סאַמע שענסטע און יידישסטע אין דער יידיש־דיכטונג.

איך זאָג יידישסטע, ווייל אונדזער דיכטערין האָט אין אירע לאַנדשאַפט־געמעלן אַריבערגענומען עפּעס פונעם זיידע מענדעלעס מעטאַפאָרן און פאַרגלייכן פונעם יידישן לעבנס־שטייגער, אָבער זיי זענען אַ סך מאָל קינסטלעריש אָריגינעלער און פאַרמאָגן כמעט תמיד מער ראַפינירטקייט און הומאָר ווי מענדעלעס נאַטור־באַשרייבונגען.

איך קען מיך פשוט נישט אָפּרייסן און נישט לייענען נאָך אַ מאָל און אָבער אַ מאָל וועגן די „פאַרזעסענע, פאַראיינזאַמטע טעג, וואָס האָבן זיך קוים דערוואָרט צו דעם גראָלעכן דעמער, ער זאָל זיי צודעקן דעם קאָפּ מיט חופּה־שלייער".

גענבדחנט האָט די סאָווע פונעם נאָענטן וואַלד
„או־הו, או־הו, או־הו"
גרילן האָבן אויסגעפּידלט זייער זאָרג
פאַר בענקשאַפטן אַלע,
וואָס לעבן אויף באַרג
ביי אַן אַנטליענער שעה,

און דערנאָך, צווישן די אָריגינעלע און שיינע, דער אָריגינעלסטער און שענס־טער אימאַזש אין דעם ליד —

צו די שבע ברכות איז געקומען די נאַכט,
געכליפּעט מיט קילע דורכזיכטיקע טרערן,
עס האָט איר לבנה די אויגן געווישט
מיט אַ טיכל געהאַפטן מיט שטערן.

דאָס איז בלויז איינס פון רחל קאָרנס פּרעכטיקע נאַטור־געמעלן וואָס שיינען אַרויס פון איר נייסטן לידערבוך. עס גלוסט זיך, און מען קאָן שווער גובר זיין דעם פאַרלאַנג, צו ציטירן כאָטש אַזעלכע שורות ווי וועגן די פייגל אויף דער לאַנקע וואָס מען „ווייסט נישט ווער ביי וועמען ס׳האָט די פאַרב אַנטליען" —

צי ס׳האָבן זיך די פייגל פאַרוואַנדלט דאָ אין בלומען
צי ס׳האָבן זיך די בלומען אַ הייב געטאָן ווי פייגל,

אָדער וועגן דעם טייך וואָס איז געוואָרן אַזוי שטיל פאַרטראַכט ווי אַ „מויל פאַרזיגלט מיט אַ קוש אַ לעצטן, בעת ער היט דעם זילבערדיקן שימער פון די שטערן וואָס די נאַכט האָט פאַרלוירן".

רחל קאָרנס לאַנדשאַפט־געמעלן זענען נישט אין נוסח פון אָדעס צו דער נאַטור און זיי זענען דורכויס פריי פון זאַוועררוכעדיקע בילדער. זייערע פאַרבן זענען שטילע און צאַרטע און עס הויערט איבער זיי די רו פון יום־טובדיקע און שבתדיקע נאָכמיטאָגן.

ג

משפחה

ווי אין די פריערדיקע ביכער, פעלט אויך נישט אין רחל קאָרנס איצטיקער לידער־זאַמלונג דער צייכן פון איר משפּחהדיקער איינגעוואָרצלטקייט. די דיכטערין שטייט קיין מאָל נישט אַליין. איר זכרון איז וואַך צו די פאַרגאַנגענע דורות, ביי וועלכע זי זוכט באַשיצונג. און איר האַרץ איז פול מיט תּפילה פאַר זיך און פאַר די צוויי לעבעדיקע דורות נאָך איר, פאַר דער „קליינער טאָכטער (וואָס) איז אַ מאַמע פון צוויי גרויסע זין".

געהייסן וואָלסטו נאָך מיין טאַטן וואָלף, צי זאב,
און מסתּמא וואָלסטו שוין היינט אַליין געווען אַ טאַטע,
און אפשר גאָר
(מען קען ביי דעם געדאַנק אַליין אַראָפּ פון זינען),
פאַרגאַזט, פאַרברענט אין בעלזשעץ מיט דער געלער לאַטע,
ווי מיין ברודער הערש צוזאַמען מיט זיין זון,
וואָס איז אויך געווען אַ נאָמען נאָך מיין טאַטן.

אַט דאָס דורכנעמענדיקע געדענקליד צו דעם נישט געבוירענעם זון, אויף וועלכן ס׳האָט געלויערט דער גורל פאַרגאַזט צו ווערן אין בעלזשעץ, און נאָך מער דאָס ליד צו דער מאַמען, וואָס די נאַצישע רוצחים האָבן זי אומגעבראַכט, און צו

דער באָבע חיה, וואָס איז געשטאָרבן מיט איר אייגענעם טויט, זענען נישט געשריבן אין נוסח פון תחינות, נאָר זענען טאַקע וואָרע תחינות אין דעם האַרציקן יידיש פון דער מאָדערנער שרה בת־טובים, וואָס הייסט רחל קאָרן און איז אַ מייסטערין סיי פון קאָנקרעטן און סיי פון אַבסטראַקטן פּאָעטישן בילד.

איך וועל ציטירן בלויז געציילטע שורות פון דעם ליד, כדי צו ווייזן ווי עס וויקלען זיך האַרמאָניש מיט אַנאַנד די פאָלקסטימלעכע און די בילדלעך מער אַבסט־ראַקטע שורות אין רחל קאָרנס תחינה —

באַשיץ מיך און באַהיט מיך באָבע חיה,
— — — — — — — — — — — — — —
שפּרייט אויס דיין פאַרטעך און באַהאַלט מיך אויס ווי אַ מאָל.
— — — — — — — — — — — — — —
דער שפּעט־האַרבסט ווינטיקט אַריין
אין מיין נישט באַוואָרנטן טאָג
— — — — — — — — — — — — — —
פאַרקנעפּל די ליידיקע, די אָפענע שעה
ווי דעם מאַנטל אַ מאָל, כדי כ׳זאָל נישט פרירן
— — — — — — — — — — — — — —
און לייג מיר אַרויף די הענט אויף די אויגן,
אַז כ׳זאָל בעסער זען
ווי צו גיין
אַהיים.

דאָס ליד איז אי אַ תחינה וואָס האָט איר אָרט אין אַלע פרום־ווייבערישע תחינות און אי אַ תפילה פון אַ מאָדערנער דיכטערין מיט ראַפינירטע זעונגען און בילדער.

און עס פלאַטערט אויך אין אירע לידער דער אָנדענק פון אַנדערע פאַר־שטאָרבענע און אומגעקומענע נאָענטע משפחה־מענטשן, אַפילו אַ דערמאָנונג „צו מיין נישט געבוירענעם זון״.

ד

חשבון־הנפש

אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכט דאָס ליד „גיב מיר צוריק מיין האַר״. דאָס איז אַ ליד וואָס אין אים קומט צום אויסדרוק דער חשבון־הנפש מיט דער וועלט פון

פֿריערע אידעען, וואָס די רײַפֿע דיכטערישע דערפֿאַרונג האָט אײַנגעזען זייער פֿאַלשקייט.

די ברויזנדיקע יוגנט און די ערשטע רײַפֿקייט־יאָרן, וואָס קלאַמערן זיך אין דעם יוגנטברויז אָפֿט מיט מער עקשנות ווי די יוגנט גופֿא, זענען פֿאַרגלייבט אין
דעם יוגנטברויז אָפֿט מיט מער עקשנות ווי די יוגנט גופֿא, זענען פֿאַרגלייבט אין
גרעבטע, וואָס קומען און שטערן די שמחה פֿון ווערטער באַרוישטע, צעגליטע".

איצט, אין איר פֿולער חכמה פֿון קענען מאַכן דעם סך־הכּל פֿון די לעבנס־דערפֿאַרונגען, ווייס שוין די דיכטערין, אַז די אַלע „קלייניקייטן", וואָס זי סימבאָליזירט טרעפֿיק מיט „זאָל געראָטן ס'געבעקס", „די וואָזאַנע זאָל גרינען", „ס'זאָלן די קינדער נישט קומען צו שפּעט", „דער דאַך זאָל נישט רינען און ס'זאָל ווערן דער טרויער באַקליידט מיטן ניגון פֿון צאינה וראינה" — אַז די אַלע „קלייניקייטן" פֿון איר מאַמעס און באָבע חיהס לעבן —

> ווען זיי שאַרן זיך שטיל און פֿאַרטראַכט בײַ די ווענט,
> נעמען זיי די מאָס פֿונעם לעבן
> און לערנען מיט אונדז די חכמה פֿון זײַן,
> דאָס גליק פֿון פֿאַרשטיין און פֿאַרגעבן.

דאָס איז די גנאָד פֿונעם וואָרט וואָס האָט די דיכטערין רחל קאָרן דורכגעפֿירט דעם ווײַטן מהלך פֿון אידעיִשער אילוזיע צו דערווירקלעכקייט און „קלייניקייט" פֿון לעבן, וואָס „לערנט מיט אונדז די חכמה פֿון זײַן". און עס איז נישטאָ, דאַכט מיר, קיין אמתערע קונסט, ווי צו דערהייבן דורך שעפֿערישער געשטאַלטיקונג די קלייניקייטן פֿון לעבן וואָס שטעלן צונויף די חכמה פֿון זײַן.

און אָט די דערגרייכטע חכמה פֿון זײַן האָט דער דיכטערין געגעבן דאָס רעכט צו זאָגן און מיט אירע לידער צו באַגלייבן פֿאַר אונדז, אַז זי איז גרייט —

> אַרײַנצונעמען אין אַ רגע אײַנציקער,
> ווי אין אַ ראָס,
> דעם זיפֿץ פֿון מענטש,
> דעם אָטעם פֿונעם ים.
> דעם אָנהייב פֿון אַ ליד.

קינסטלעריש איז דאָס אַ זייער וויכטיקע דערגרייכונג און מענטשלעך אַ גרויסע זכיה.

1969

אברהם סוצקעווערס נייע לידער

א

מיין האַרץ איז דורכויס מיט סוצקעווערן ווען ער בעט זיך אין אַ ליד פון זיין בוך „פירקאַנטיקע אותיות און מופתים״: „דערצייל מיר ניט פון גוטע דייטשן, ס׳קערט פון דעם די גאַל״. פון דעסטוועגן איז זיכער מותר צו ציטירן דעם גרויסן דיכטער געטע, וואָס איז נישט געווען קיין מיטצייטלער פון די דייטשע אויש־וויץ־אויפטוערס און געהערט אין איינעם מיט זיין בן־דור קאַנט און מיט שאָפּענ־הויער און ניטשע פון אַ דור נאָך אים צו דער וועלטס גייסטיקע גדולים. און וואָס שייך געטע און שאָפּענהויער און צום טייל אויך ניטשע, האָבן זיי געהאַט אַ בפירושן ווידערווילן צו דייטשער פֿאָלקישקייט און צו דייטשן נאַציאָנאַליזם.

פון געטען שטאַמט דאָס געפליגלטע וואָרט, אַז קונסט איז דעם מענטשנס נאַטור; די נאַטור איז גאָטס קונסט. דער צד השוה צווישן גאָטס נאַטור און דעם מענטשנס קונסט איז, דאַכט מיר, דער ביינאַנד פון אַכזריות און שיינקייט. די נאַטור איז אַמאָראַליש און דאָס גרויזאַמע אין איר אַמאָראַלישקייט איז וואָס זי פאַרכאַפּט מיט איר שיינקייט.

און פאַר וועמען איז באַשאַפן געוואָרן די שיינקייט וואָס איז ווי אַ פרוכת פאַר דער אוממאָראַלישקייט פון דער נאַטור? קיינער נעמט נישט אויף, ווי דער דיכטער, די דאָזיקע שיינקייט, קיינער איז נישט באַרעכטיקט מער צו דעם זעלבסט־קאָנצענטרירטן זאָג: פאַר מיר איז באַשאַפן געוואָרן די שיינקייט.

אָט איז די דערפאַרונג „ווען דער טייך איז אַרויס פון די ברעגן״: דער פּאָעט סוצקעווער דערציילט אין זיין ליד אונטער דעם דערמאָנטן נאָמען וועגן אַזאַ איבערלעבעניש אי קינדוויז און אי דערוואַקסענערהייט. אַוודאי איז פאַרבליבן אין דיכטערס געמיט דער פּחד פון אַ דעמב וואָס איז געשווומען איבער די וואַסערן „אין געשטאַלט פון אַ לייב נאָך אַן איבערגעציטערטער הינד״, אָבער מער נאָך האָט דער פּאָעט פאַרצייכנט אין זיך קינדוויז דאָס אויסטערלישע שפּילצייגבילד אין דעם געוויסער —

צוליב מיר איז געשווומען אַ שטרויענער דאַך,
מיט אַ האָן אויבן־אָן אויפן שטרויענעם טראָן,
און זיין קוקעריקו און זיין גאַנצער פּאַסאָן —
עלעהיי אַ ציגיינער.

און דערוואַקסענערהייט האָט זיך אָפּגעמערקט אין דיכטערס זכרון און געמיט אַ בילד פון, וואָלט איך געזאָגט, קאַטאַסטראָפישער שיינקייט:

ס׳איז געשווומען, ווי אונטערגעשאָסן, אַ פּיאַנע,
און אויף איר האָט געכליפּעט שאָפּען, ווי אַ רעגן.
ווען דער טייך איז אַרויס פון די ברעגן!

די ציטירטע שורות זענען לעבן צענדליקער און אפשר הונדערטער אַנדערע שורות אין דעם בוך אַ מוסטער פון סוצקעווערס פּאָעטישע אימאַזשן און בילדער. עס הויערט איבער סוצקעווערס „פּירקאַנטיקע אותיות״ די שיינקייט פון מופת. עס זיצט דער דיכטער ביי זיין שרייבוואַרשטאַט און לעבט איבער וווּנדער־איבער־ווונדער מיט זיינע יידישע אותיות. נאָר מיט זיינע ווערטער פילט ער זיך זיכער און זיינע ווערטער מוזן באַווייזן מופתים מיט זייער קלאַנג און פאַרב.

אַ קינסטלער ביסטו?
שפּיל אויף שטיינער, ניט אויף קיין קלאַווישן —

לאָזט דער פּאָעט רעדן צו זיך דעם מאַעסטראָ, און דער ווונדער איז געשען: „גע־שפּילט האָב איך אין יענער נאַכט אויף שטיינער״.

נישט אומזיסט ווערן אין סוצקעווערס לידער אַזוי אָפט דערמאָנט גאונים פון מוזיק און פון מאָלעריי: שאָפּען, רעמבראַנדט, וואַן־גאָג און שאַגאַל, און נישט אומ־זיסט ווערט באַזונגען אַ זעקס־יעריקער פידלער, וואָס איז אַ האָר מיט זיין אינס־טרומענט און „דערוועג זיך ניט זיין וועג צו צוימען, פּענטן״; און נישט אומזיסט חלומט דער פּאָעט אין „ערב טאָג״, אַז:

ס׳וועט באַלד אַ סטראַדיוואַריוס אין זיין אורמאָדעל, און אַלט
כמעט ווי דער וואָס האָט אים אויסגעטרוימט אין זיין געשטאַלט,
אַ שפּיל טאָן מיט אַזאַ מתיקות, אַז די זון די שווערע
פאַרלירן וועט איר וואָג
און ווערן טאָג.
און זי אַליין וועט קומען, זי — די זון — צו דער פּרעמיערע.

סוצקעווערס פּאָעטישע שורות לייענען זיך אָפט ווי צייכנס צו אַ מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע און זיי זענען, אפשר נאָך עפּטער, ווירטואָזער געמיש פון פאַרבן צו אַ דעפיניטיוון אויטאָפּאָרטרעט, דעם אויטאָפּאָרטרעט פונעם קינסטלער, וואָס זוכט מיט זיין פּענדזל „אויסצוהאַלטן ביי דער דער אייביקייט עקזאַמען. / און האָט ער טאַקע אויסגעהאַלטן — איז ניט קלאָר דאָס בילד״...

קיין בעסערע אויטאָכאַראַקטעריסטיק פון דעם פּאָעט אברהם סוצקעווער איז גאָר נישט געמאָלט. נישט תמיד איז דאָס בילד קלאָר, אָבער אַלע מאָל איז דאָס

ליד אַן אויסגעהאַלטענער עקזאַמען ביי דער אייביקייט. מען הערט זיך איין אין די קלאַנגען פון סוצקעווערס ליד, מען קוקט זיך איין אין די פאַרבן פון זיינע ווערטער, און נישט די קלאַרקייט צי אומקלאַרקייט פון בילד איז דאָ וויכטיק. וויכטיק איז די איבערלעבעניש, אַז מען שטייט אין אַנגעזיכט פון אַ דיכטער וואָס האָט אויסגעהאַלטן מיט זיינע ווערטער אַן אייביקייט־עקזאַמען און זיי, די ווערטער, ווי סוצקעווער זאָגט עס אַזוי אימהדיק־שיין אין זיין ליד „איך לייג אַליין זיך ווערטער", וועלן זיין זיינע דורותדיקע אזכרה־מאַכער און „זייער זיין זאָל אַלעמען געהערן".

דער אמתער פּאָעט איז קיין מאָל נישט קיין עקסצענטריקער. ער ברענגט נישט אַרויס געפילן, צו וועלכע דער לייענער קאָן נישט זיין קיין שותף. אָבער ער, דער אמתער און עכטער דיכטער, מאַכט קלאָר זיינע געפילן אַפילו דעמאָלט ווען זיין וואָרט און זיין זעונג איז אומקלאָר. איז דען דער באַשאַף קלאָר און פאַרשטענדלעך? איז דען דאָס קלאָרע און פאַרשטענדלעכע בילד, די מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע און דאָס ליד אין תוך פאַרשטענדלעך? דאָס סאַמע קלאָרסטע און פאַרשטענדלעכסטע

ב

אין די ציקלען לידער באַנאַמענט „ביים פּייער־שפּיגל" און צו מייסט אויך אין די אָפּטיילונגען „סיגנאַלן" און „וועלט צוקאַפּנס" זעען מיר דעם דיכטער אין זיין אַרבעטשטוב מיט זיין שאַפונגס־געצייג אין האַנט און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ קינסטלערישער ספּעקטאַקל פון צונויפבאַהעפטן וואָרטקאַלירן און פון צו־נויפשפּילן וואָרטמוזיק צו אַ סימפּאָניע פון קלאַנג און פאַרב, וואָס האָט נישט קיין אַנדערע צילן ווי נאָר די דאָזיקע הויכע קונסט־דערגרייכונג אַליין.

דער קינסטלער טוט תפילה:

שענק מיר ווערטער וואָס געשאָנקען האָסטו זיי ניט קיינעם,
ווערטער ניט פון דאַנען, דין־געאָדערטע קול־דממהס.
קענען זאָל איך שמועסן מיט מיינע טויטע שכנים,
ס׳זאָלן זיך צונויפשוויגן ווי ליפּ צו ליפּ — נשמות.

און מען מוז מודה זיין, אַז דער וואָס לעבט אייביק און האָט דעם כוח צו באַ־וויליקן אַזאַ קינסטלערישע גאָב האָט אַרויסגעוויזן זיין גנאָד צום דיכטער. אברהם סוצקעווער רעדט פּאָעטיש מיט אַ קול, וואָס קיינעם איז עס נישט געשאָנקען אַחוץ אים, נאָר אים. ער איז אין דעם פּרט איינער פון די געציילטע יידיש־דיכטערס.

אין דער אָפּטיילונג „זכר לגעטאָ" איז דער קינסטלער דער דיכטער פון דריטן חורבן.

דער באַזינגער פון „געהיימשטאָט", דער לירישער דערמאָנער פון דער „לע־

רערין מירע״ און דער געשטאַלטיקער פונעם דיאַלאָג צווישן טאַטן מיט זיין אייגן טעכטערל מכוח אירע ליאַלקעס אין דעם בילד „שפּילצייג״, האָט אין „זכר לגעטאָ״ נאָך אַ חורבן־ליד וואָס וועט, ווי די פריער דערמאָנטע, גיין איבער דורות און דורכנעמען יונג און אַלט מיט דעם ווינד־און־וויי פון יענע טעג, ווען זייערע זיידעס זענען געזעסן ביי די שוועלן פון היטלערס גאַזאויוונס, געשקלאַפט, געוויינט און — אומגעקומען.

דעם „איכה ישבה״ פון יענער צייט פאָרמולירט דער דיכטער סוצקעווער אין דריי פערזן וואָס זענען אי בילדעריש אויפטרייסלענדיק, אי צימצומדיק אין ווער־טער און אי זיי שעפּן אויס דעם וויטיק און די איינזאַמקייט פון די געפּייניקטע:

אַ פאַלק, צונויפגעשפּיליעט אין ווייסהאָריקער בהלה
מיט זיכער־נאָדלען געטלעכע פון שרעק! און דער באַשאָף
באַהאַלט זיך אין די שמוצקאַנאַלן פינצטערע ווי סמאַלע.

איך לייען און איך באַוווּנדער די פּרעציזע קנאַפּקייט פון דעם געמעל. גאָר־נישט איז נישט אויסגעלאָזן און אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אין דעם בילד. די בהלה איז ווייסהאָריק, ווייל זי האָט אויפגעשראָקן פון זייער ביסל מנוחה די זקנים, און זי איז ווייסהאָריק, ווייל די שוואַרצע האָר פון די יונגע זענען איבער־נאַכט ווייס געוואָרן פאַר פחד. דאָס פאַלק אין דער בהלה איז צונויפגעשפּיליעט מיט די זיכער־נאָדלען פון גלויבן. דאָס זענען זיכער־נאָדלען פון שרעק. גלויבן איז צו וויניק באַוואָרעניש אין אַזאַ בהלה און נאָך וויניקער באַוואָרעניש זענען די זיכער־נאָדלען געטלעכע, ווען די שרעק שפּיליעט זיי אַריין אין געמיט.

און דער באַשאַף, וואָס באַהאַלט זיך אין די שמוצקאַנאַלן פינצטערע ווי סמאַלע, זע־נען ניט נאָר די געיאָגטע וואָס אַנטרינען און באַהאַלטן זיך דאָרט אויס פאַרן יאָגער, נאָר נאָך פינצטערער זענען די שמוצקאַנאַלן פון אַכזריות און גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער דאָס פאַלק אין דרויסן, די צוקוקערס מיט צופרידנקייט און מיט מורא, באַהאַלטן זיך אויס אין דעם שמוץ פון זייער געוויסנלאָזיקייט.

איך האָב ציטירט די דריי סך־הכלדיקע שורות פון סוצקעווערס „איכה ישבה״ ווייל זיי זענען דער פּרעליוד צו דער אויסנעמלעך־אויפשווידערנדיקער און — אויסנעמלעך שיינער עלעגיע „היינט איז יאָרצייט״ (אויך דער אָריגינעלער „איכה ישבה״ פון דעם נביא ירמיה איז געמאַכט מיט דער גאַנצער פּראָסאָדישער זאָרגעוו־דיקייט פאַר דעם ריטעם, פאַר דער בילדערישקייט פון די דעטאַלן און פאַר דער קאָנסטרוקציע פון דער פּאָעמע).

די דעטאַלן, וואָס דער דיכטער רעכנט אויס און פאַרצייכנט היינט דעם יאָר־צייט נאָך זיי, זענען אַ קאָמפּאָזיציע פון וויכטיקע און, עס קאָן זיך דאַכטן, אומוויכ־טיקע פּרטים, אָבער אַלע שטעלן זיי צונויף די אַטמאָספער פון דער צייט, דאָס לע־בעדיקע לעבן פון די יידן אין יענער צייט און אַלץ וואָס דער צורר האָט דעמאָלט

אומגעבראַכט און צעשטערט. אַלע דעטאַלן וואָס דער דיכטער דערמאָנט זענען אָנ־געלאָדן מיט סימבאָליק:

היינט איז יאָרצייט נאָכן שמייכל איבער וואַלד און פליין,
יעדער האָט היינט יאָרצייט נאָך זיין שוועל, נאָך זיך אַליין.

היינט איז יאָרצייט נאָכן רעגן ניינצן פערציק דריי,
נאָכן לעצטן קאַרשנבוים און שוועלבעלע דערביי.

היינט איז יאָרצייט נאָך מיין צייט, פאַרפרוירן אין פאַנאַר,
היינט איז יאָרצייט נאָך מיין מאַמעס געלן סאַמאָוואַר.

נאָכן שניי, פון מיינע ווייסלען אויסגעשנייט, בשעת
איך האָב צוגעדעקט מיט אים דעם קבר פון מיין גאַס.

היינט איז יאָרצייט נאָך די צוויי מלאכים ביי מיין בעט,
היינט איז יאָרצייט נאָכן צפון־שטערן ערגעץ העט.

יאָרצייט נאָכן שפיגל מיטן בלויען טייך אין ראַם
ווו עס באָדן זיך די ליכט און שאָטנס פון מיין שטאַם.

היינט איז יאָרצייט נאָך אַ שבת, ריין ווי אַ בריליאַנט,
היינט איז יאָרצייט נאָך דער פידל אין מיין חברס האַנט.

היינט איז יאָרצייט נאָך אַ לייַב אין פריידיקן אַנטבלויז,
היינט איז יאָרצייט נאָך דער לעצטער יאָרצייטליכט אין קלויז.

אַלע סימבאָליזירן זיי די לאַנדשאַפט, דעם שטייגער לעבן, דעם דיכטערס ביאָגראַפיע און דעם דיכטערס חברשאַפטן.

און אַלע דעטאַלן ווערן אָפּגעשלאָסן און אַרומגערינגלט מיט אַ טיפן זיפץ אין דער ערשטער און אין דער לעצטער סטראָפע פון דער עלעגיע. ווי ביי יציאת מצרים, ווייסן מיר אויך ביים חורבן פון דער יידישער אייראָפּע בלויז דעם „כחצות" פון דעם אומקום פון אונדזערע קדושים. דער דיכטער האָט דעם כוח און די וויזיע פון דעם פינקטלעכן „בחצות".

אל־נקמות, היינט איז יאָרצייט, יאָרצייט. היינט. אַצינד —
ווען געווען איז צו דיר אַ קינד.

יעדער ערשטער געשריי פון אַ ניי־געבוירן יידיש קינד, וואָס איז דער אָנזאָג פון פאַלקישן אויפקום, איז אויך דער טאָג, די שעה, די רגע פון דעם יאָרצייט נאָך אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים.

אין דעם לעצטן פּעריז פון דער עלעגיע הערט מען ממש דעם קרעכץ און מען זעט די ציטערדיקע האַנט וואָס צינדט אָן די יאָרצייטליכט:

אוי, נאָך אַלע וויגלידער פון אונדזער עיר־וואָס!

אָט די איינע לעצטע שורה פון דעם געקלאָג קאָנצענטרירט אין איר יאָרצייט־פלאַם אי דעם ביאָלאָגישן און אי דעם גייסטיקן חורבן פון ווילנע: די קינדער אומגעקומען, די וויגלידער פאַרשטומט און אונטערגעגאַנגען די עיר־ואם, וואָס איז געווען דער צענטער פון יידישער לערנונג און פון יידיש־געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן.

איך בין ווייט נישט זיכער צי מיין אַנאַליטישער פּירוש העלפט סוגעסטירן די שווידערלעכע שיינקייט פון דער „היינט איז יאָרצייט״־עלעגיע. איך זאָג שווידערלעכע שיינקייט און דערביי נעמט דער שווידער פון די דערמאָנטע געשעענישן אפילו נישט איין מאָל קיין הויכן טאָן. אַלץ ווערט געזאָגט בלחש, דממה־דקהדיק מיט אַ שאָפּענישן כּליפּ איבער דער פּיאַנע, „ווען דער טייך איז אַרויס פון די ברעגן״.

ג

אין טאָג פון יאָרצייט, אין יעדן היינט וואָס איז אַ יאָרצייט, קומען אויף דער־מאָנונגען („מאַרשירן דורך דער גיהנום־גאַס פון מיין זכרון״ — זאָגט סוצקעווער אין זיין ליד: „אין בלויע העמדער״), אימהדיקע בילדער זעגען דאָס:

צעווישן בלאָנדע ביקסן און זיך צלמדיקע גויים —
אַזוי מאַרשירן יאָרן, יאָרן, יאָרן,
פון דולהויז צו דער געטאָ קראַנקע יידן, משוגעים.

און אָט איז אַ מענטשל אין שפּיטאָל „ווי טויזנט פאַרשאָלטענע יאָר וואָלט ביז איצטער געלעגן אין תפיסה״, און אָט אַ לאָדזשער בדחן אין שענק „יורדי הים״ אין אַלט־יפו, וואָס פאַר ווען זאָל ער שפּילן זיין בדחנות, אַז „טויטע רעדן יידיש און די לעבעדיקע — ניין״, און דער פאַקט „אויף מאָרגן נאָך אַ נאַכט אין יפו״ וואָס דערציילט דאָס אומגלייבלעכע אָבער וואָרע, אַז דער און דער איז פּלוצעם נישטאָ.

סאָראַ שפּיל און שגעון
צו באַשאַפן אַזוי פיל ניטאָען.

(אויב צוויי ווערטער האָבן זיך אַ מאָל אין די ממעמקים אָנגעקערט על־פי גראָם איז דאָס זיכער שגעון מיט ניטאָען).

איך האָב פונעם דיכטערס גיהנום־דערמאָנונגען אין די לידער־ציקלען „זכר לגעטאָ״ און „אַלט־יפו אין רעגן״ געבראַכט בלויז די עטלעכע דערמאָנונגען סוצ־

קעווערס, ווייל אין זיי קומט צום אויסדרוק צונויפגעטוליעטקייט מיט ייִדן און מען פילט די טיפע איבערלעבעניש פון זיין „ייִדן־פרייד אין צער". אין תנך — ספר זכריה (ט, ט) — ווערט איבערגעגעבן די וויזיע פון משיחן: „אַן אָרעמאַן און רייט אויף אַן אייזל" (הוא עני ורוכב על חמור). אין סוצקעווערס זעונג פון די קראַנקע ייִדן משוגעים, וואָס גייען אין בלויע העמדער פון דולהויז צו דער געטאָ, מאַרשירט „אויך משיח אונדזער האַר, / אין זעלבן העמד וואָס אַלע, בלוי ווי די ווייליע".

איך מוז זאָגן, אַז איצט, נאָך דעם ווי:

דער שמייכל פון מאַידאַנעק פאַלט
אויף חתונות און בריתן.
— — — — — — — — — — — —
אין קנייטשן פון דיין ברויט־און־זאַלץ,
געזאַלצענעם געווייסן —

אַפּעלירט צום ייִדישן געמיט מער די משיח־זעונג פון דעם דיכטער אברהם סוצקעווער ווי די וויזיע פון זכריה, דעם זון פון ברכיה, דעם זון פון עדו, דעם נביא.

2

די קולטור פון צוויי קולטורן

עס איז שוין אַ קימאַ לן פון איבער הונדערט יאָר זינט פילאָסאָפן און געזעל־שאַפט־קריטיקער האָבן אָוועקגעלייגט די מערב־קולטור אויף אַ שפּיטאָלבעט און איר געגומען שטעלן קראַנקייט־דיאַגנאָזן און פאַרשרייבן רפואות.

פאַר קאַרל מאַרקסן איז די קראַנקייט פון דער אינדוסטריאַליזירטער מערב־קולטור געווען איר קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט־סדר. די רפואה, וואָס ער האָט פאַרשריבן, האָט געהייסן קלאַסנקאַמף און דער גענעזונגס־פּראָגנאָז — אַ קלאַסנ־לאָזע געזעלשאַפט.

פרידריך ניטשע האָט די מחלה פון דער מערב־קולטור געזען אין דער שקלאַפן־מאָראַל, וואָס זי האָט געירשנט פונעם יודעאָ־קריסטנטום. דער אויפשטאַנד פון דער שקלאַפן־מאָראַל קעגן דעם „איבערמענטש", וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם אַריסטאָקראַטישן הערשערשיכט פון רוים און פון גערמאַניע און אויך אין די האָמערישע העלדן און אין די סקאַנדינאַווישע ים־פּאַרער, האָט, לויט ניטשען, גורם געווען אַ דעוואַלואַציע פון די העכסטע קולטורווערטן. הכנעה, געהאָרכיקייט, הומאַניזם און רחמנות זענען געוואָרן גוטע מידות און דאָס נאַטירלעכע, דאָס שטאַל־צע און שטאַרקע, דער לייב־און־לעבן מיט זיין חושימדיקייט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זינד.

איז על־פּי ניטשע די רפואה: אָפּשאַפן די מאָראַל פון די שוואַכע, פון די שקלאַפן און זיך אומקערן צום „איבערמענטש", צו זיין לעבנס־באַיאָונג און צו זיין העראָישן ווילן צו מאַכט.

אויב פאַר מאַרקסן און ניטשען איז אונדזער מערב־קולטור געווען אַ חולה, וואָס קאָן נאָך האָפן אויף גענעזונג, ווי באַלד מען וועט איר פאַרשרייבן און איינ־געבן די ריכטיקע רפואות, איז פאַר אָסוואַלד שפּענגלערן די קראַנקע קולטור גע־ווען אויף דער קריטישער ליסטע, אַ קראַנקע אָן האָפענונג צו גענעזן. לויט שפּענג־לערן ליידט די אייראָפּעישע מערב־קולטור, אָדער, ווי ער רופט זי, די פאַוסטישע קולטור, פון אָרגאַנישע עלטער־דערשיינונגען, וואָס זענען נישט מער צום אויס־היילן. דער פאַוסטישער קולטור זענען פשוט אויסגעגאַנגען די יאָרן און זי האַלט ביים שטאַרבן, ווי עס זענען געשטאָרבן פאַר איר אירע פאַרגייערינס אויף דעם אייראָפּעישן קאָנטינענט, די גריכישע (ביי שפּענגלערן הייסט זי אַפּאָלאָנישע) און די אַראַבישע (איר נאָמען ביי שפּענגלערן איז מאַגישע) קולטורן.

איך האָב דערמאָנט דריי פון די סאַמע פּאָפּולערסטע דאָקטוירים און קראַנ־

קייט־דיאַגנאָסטיקער פון אונדזער מערב־קולטור, ווייל איך וויל אונטערשטרייכן, אַז לגבי זיי איז דער פערטער דאָקטער, וואָס האָט זיך געיאָוועט אין די לעצטע עטלעכע יאָר און האָט מיט זיין קולטור־קריטיק אין אַ היפּשער מאָס פאַרכאַפּט דאָס געמיט פון דער אינטעליגענץ אויף ביידע זייטן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, נישט מער ווי אַ היימישער און אָפּטימיסטישער הויזדאָקטער, וואָס וואַרפט נישט אָן קיין פּחד מיט זיינע דיאַגנאָזן און האָט איינזעעניש מיטן חולה, וואָס שייך די פאַרשריבענע רעצעפּטן.

דער ענגלישער נאָוועליסט און וויסנשאַפט־מאַן סער טשאַרלס סנאָו, וואָס שרייבט אונטערן נאָמען סי. פּי. סנאָו, האָט צוריק מיט דריי יאָר געהאַלטן אין קעמ־ברידזשער אוניווערסיטעט פיר לעקציעס וועגן קריזיס פון אונדזער מערב־קולטור, וואָס האָבן, לפי ערך, גורם געווען נישט ווייניקער רעש און באַקומען נישט ווייניקער וועלט־פּירסום, ווי מיט פערציק יאָר צוריק דאָס בוך „דער אונטערגאַנג דעס אַבענד־לאַנדעס״ פונעם מינכענער פילאָסאָף אָסוואַלד שפּענגלער.

סנאָוס פיר קעמברידזשער לעקציעס זענען דערשינען אין בוכפאָרעם אין אַ סך אויפלאַגעס (פאַר מיר ליגט די פינפטע אַמעריקאַנישע אויסגאַבע און איך בין ווייט מסופק צי דאָס איז די סאַמע לעצטע). דאָס בוך איז געוואָרן אַ „בעסטסעלער״ אויפן אַלטן און אויפן נייעם קאָנטינענט און אַ טעמע פאַר וויכוחים אין אינטעלעקטו־עלע קרייזן אויף ביידע זייטן ים.

אַ באַזונדערן פּירסום האָט סנאָוס בוך וועגן קולטור־קריזיס באַקומען אין די לעצטע וואָכן, פון איין זייט, דורך אַ שאַרפער קריטישער אַטאַקע פון אַ קעמבריד־זשער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר און, פון דער אַנדערער זייט, דורך אַ ספּעציעלן כבוד וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן. די אויסנעמלעך שאַרפע אַטאַקע אויף סנאָון, דעם בעלעטריסט און קולטור־קריטיקער, האָט געמאַכט דער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר פון קעמברידזשער אוניווערסיטעט פ. ר. ליוויס. דעם כבוד האָבן סנאָון צוגעטיילט די סטודענטן פונעם פינף הונדערט יאָר אַלטן סט. ענדריוס־אוניווערסיטעט אין סקאָטלאַנד, וואָס האָבן דעם מחבר פון די פיר לעקציעס אויסגעקליבן צו זיין דער דרייסיקסטער ערן־רעקטאָר פון זייער הויכן לערן־אַנשטאַלט.

מער באַדייטונג האָט פאַרשטייט זיך די רעקלאַמע פונעם קעמברידזשער קרי־טיקער איידער די „פּובליסיטי״ פון די סט. ענדריוסער שבחים־זינגער. און מער באַדייטונג האָט די קעמברידזשער קריטיק דערפאַר, וואָס זי האָט אַנגערירט דעם תמצית פון סנאָוס זאָרג וועגן דעם גורל פון דער מערב־קולטור, בעת ביי די כבוד־צערעמאָניעס אין סט. ענדריוס האָבן זיך די לויבזינגער און דערעיקרשט דער געליבטער אָפּגעשטעלט אויף דעם טפל פון סנאָוס באַרימט געוואָרענע פיר לעק־ציעס.

צוויי הויפּטפראַגעס ווערן באַהאַנדלט אין סנאָוס פיר לעקציעס. אין די ערש־טע דריי וואַרפט אָן דער מחבר אויף דעם תהום, וואָס האָט זיך געשאַפן אין אונדזער

קולטור צווישן דער ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער וועלט און שפּיצט צו דעם ענין צו דער וויכטיקסטער פּראָבלעם פון דערציִונג פאַר דער יוגנט אין די מיטלשולן און אין אוניווערסיטעטן.

די טעמע פון סנאָוס פּערטער לעקציע איז אַ סאָציאַל־פּאָליטישע. אין דער דאָזיקער לעקציע ווערט אַרויסגעבראַכט די צעטיילונג פון דער וועלט אויף אָרעמע און רייכע לענדער און אויך די וואָרעניש, אַז די אָרעמקייט פון צוויי דריטל וועלט שטעלט נישט בלויז אין סכנה דאָס איינע דריטל רייכע פעלקער, נאָר קאָן אויך לייכט פירן צום אונטערגאַנג פון דער מערבֿ־קולטור, וואָס איז די וועלט־געבירנטע.

די לעקציע וועגן דער געפאַר פון אונטערגאַנג, וואָס לויערט אויף דער נגידי־שער קולטור פון אייראָפּע און צפון־אַמעריקע מצד דער אָרעמשאַפט פון די אַזיאַ־טישע, אַפריקאַנישע און דרום־אַמעריקאַנישע לענדער איז אַ טפל נישט בלויז דער־פאַר וואָס זי איז אין תוך גאָרנישט מחדש, נאָר ווייל די פאָרענטפערונג פון דער פּראָבלעם איז בלויז אַ פראַגע פון עפּענען די קעשענע און צושטעלן טעכניקער, וואָס ביידע אין איינעם (געלט און טעכניקער) זאָלן העלפן די אָרעמע לענדער זיך אינ־דוסטריאַליזירן און דערגרייכן אַ העכערן סטאַנדאַרט פון לעבן.

אַוודאי זענען פאַראַן אין סנאָוס עקספּאָזע וועגן דעם איצטיקן תהום צווישן אָרעמע און רייכע לענדער גוטע און אויסגעצייכנטע פאָרמולירונגען, וואָס די שריי־בער פון אַמעריקאַנישער „אַליאַנץ פאַר פּראָגרעס"־פּראָגראַמען און אויך די שריי־בער פון די רעדעס אַרום די דאָזיקע פּלענער און אַרום דעם פּראָגראַם פון דעם אַמעריקאַנישן „פּרידנס־קאָרפּוס" וואָלטן געמעגט איבערשרייבן, ווייל סנאָוס פאָר־מולעס זענען סוגעסטיוו, ווירקעוודיק און האָבן אי געדאַנקלעכע און אי פּראָפּאַגאַנ־דיסטישע שטויסקראַפט.

ווען סי. פּי. סנאָו זאָגט, אַז די אָרעמע האָבן דערזען דעם אונטערשייד צווישן רייך און אָרעם און ווייל זיי האָבן עס דערזען קאָן דער אונטערשייד נישט לאַנג אָנ־האַלטן, און וואָס עס זאָל נישט דערלעבן צום יאָר צוויי טויזנט, וועט דער אונטער־שייד צווישן אָרעם און רייך נישט קאָנען דערלעבן ביז דעמאָלט, וואָרעם ווי באַלד מען ווייסט שוין דאָס פּאָרטל פון רייך ווערן, קאָן די וועלט נישט געדויערן האַלב רייך און האַלב אָרעם, איז דאָס בפירוש אַ שאַרפע און אַ שטאַרקע פאָרמולע. זי הערט זיך ערגעץ ווו ווי אַן עכאָ פון יענעם באַרימטן מאַרקס־ענגעלס־מאַניפעסט פון 1848, וואָס קיינער האָט אים ביז איצט נישט אַריבערגעיאָגט אין פּרט פון סטיליסטישער שאַרפקייט און קלאָרקייט אין די פאָרמולירונגען און אין פּראָגנאָזן וועגן דעם תהום צווישן אָרעם און רייך.

און עס קלינגט שאַרף און סוגעסטיוו סנאָוס וואָרענונג אַז „איבער דער גאַנ־צער לענג פון דער מענטשלעכער געשיכטע ביז צום איצטיקן יאָרהונדערט איז דער גאַנג פון דער סאָציאַלער איבעראַנדערשונג געווען אַ פּאַוואָליעדיקער. ער איז

געווען אַזוי פּאַוואָליע, אַז דער איבערבײַט איז אין דער צײַט פון איין מענטשלעך לעבן געבליבן כמעט אומבאַמערקט. דער גאַנג איז איצט אַזוי פאַרגיכערט געוואָרן, אַז די פאַנטאַזיע קאָן דער געשעענער איבעראַנדערשונג נישט נאָכיאָגן. און אין דעם נאָענטסטן יאָרצענדלינג וועט די סאָציאַלע איבעראַנדערשונג אָנרירן נאָך ווײַטערע קרײַזן און וועט זײַן גרעסער ווי אין וואָס פאַר אַ יאָרצענדלינג ביז איצט. עס וועט זײַן נאָך מער איבעראַנדערשונג אין די זיבעציקער יאָרן. מענטשן זענען נישט גרייט מער צו וואַרטן פאַר אַ צײַט, וואָס זאָל געדויערן לענגער ווי איין מענטשנס לעבן".

מאַרקס' מאַניפעסט פון 1948 האָט דורכגעפירט אַ כירורגישן אַנאַליז און זײַן פּראָגנאָז איז געווען אַ שווערע סאָציאַלע אָפּעראַציע, באַרעכנט אויף דורות, וואָס האָט געדאַרפט נישט נאָר אויסהיילן די געזעלשאַפט, נאָר אויך איבערשאַפן מאָראַליש דעם מענטש. נו, הײַנט ווייסן מיר שוין, אַז די סאָציאַלע אָפּעראַציע וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף די שטחים פון דער גרויסער אימפּעריע, פון באַלטישן ים ביז צום קאַספּישן און פונעם קרימער האַלבאינדזל אין דרום ביז צום קאַמטשאַטקע האַלבאינדזל אין ווײַטן צפונדיקן מזרח, האָט נישט מקיים געווען נישט די סאָציאַלע רפואה און אַוודאי נישט די מאָראַלישע איבערשאַפונג פונעם יחיד. פאַרקערט. דער יחיד איז פון דער דאָזיקער אָפּעראַציע געבליבן אַ היפּש מאָראַלישער קריפּל.

די סאָציאַליסטישע נײַ־געשטאַלטונג פון געזעלשאַפט און יחיד האָט פון דעם סאָוועט־רוסישן עקספּערימענט געוווּנען בלויז איין דערפאַרונג — די דערפאַרונג, ווי אַזוי די אָפּעראַציע נישט צו מאַכן און אַז די היילונג־מעטאָדע דאַרף אפשר בכלל זײַן נישט קיין כירורגישע, נאָר, אַזוי צו זאָגן, מיט קלינישע מיטלען.

סי. פּי. סנאָו, וואָס גיט אָפּ זײַן פערטע לעקציע צו דער מחלה פון „אָרעם און רײַך" אין דער וועלט איז, ווי געזאָגט, אַן אָנהענגער פון קלינישע מעטאָדן. ער פאַרשרײַבט דעם רעצעפּט פון סאָציאַלער רעפאָרעם, אַ מין „ניו־דיל" אין צווישן־מלוכהשן מאַסשטאַב. ער איז, ווי געזאָגט, מיט זײַן פּראָגראַם ווייניק וואָס מחדש און אפשר טאַקע דערפאַר האָט זײַן פערטע לעקציע זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קיין שום ווידערשפּרוך. וואָרעם, אויב עמעצער איז נאָר נישט גײַסטיק בלינד, מוז ער דאָך זען און אײַנזען, אַז די פאַרענטפערונג, אָדער, לכל הפחות, די מילדערונג פון דער פראַגע „אָרעמע און רײַכע פעלקער" איז אי מאָראַליש און אי פּאָליטיש אַ הויפּטפּראָבלעם פון קיום פאַר דער מערב־דעמאָקראַטיע.

ווידערשפּרוך האָבן אַרויסגערופן סי. פּי. סנאָוס ערשטע דרײַ לעקציעס, וווּ ער שטעלט אַוועק איינס קעגן ס'אַנדערע די צוויי הויפּטטיפּן פון אינטעלעקטואַליזם: דעם ליטעראַרישן שעפער און דעם וויסנשאַפט־מאַן, פרווּוט געבן אַ פּסיכאָגראַפיש בילד פון ביידע טיפּן, מאָלט אין גרעלע פאַרבן דעם ווידעראַנאַנד צווישן זיי און קומט צום אויספיר, אַז דער גײַסטיקער ריס צווישן ליטעראַרישן שעפער און דעם מאַן פון וויסנשאַפט שפּאַלט אונדזער מערב־קולטור, מאַכט פון איר אַ

קולטור פון צוויי צעברוגזטע קולטורן און שטעלט זי אין סכנה פון אונטערגאַנג.

אין דעם דאָזיקן עקספּאָזע, ווו ס׳גייען ביינאַנד, און אָפּט מיט היפּשער געלונ־גענשאַפט, פיינער סאָציאַלער און היסטאָרישער אַנאַליז, דינער פּסיכאָגראַפישער געמעל און האַרבער מוסר, שניידט, אָן אַן ערך, בעסער אַפּ דער מאַן פון וויסנשאַפט. די כאַראַקטער־שטריכן פונעם ליטעראַטור־שעפער, ווי סנאָו זעט אים, קומען אַרויס אַ סך נעגאַטיווער און פאַר אים רעזערווירט דער מחבר פון די לעקציעס די גרעסטע פּאַרציע מוסר.

איז נישט קיין חידוש וואָס דער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר ליוויס האָט געמאַכט אַזאַ שאַרפע און בייזע אַטאַקע אויף סנאָון, האָט גערעדט מיט ביטול וועגן סנאָון דעם בעלעטריסט („ווי אַ דערציילער הייבט סנאָו אַפילו נישט אָן צו עקסיסטירן״) און וואָס שייך די באַרימטע געוואָרענע לעקציעס וועגן די „צוויי קולטורן פון אונד־זער קולטור״ האָט פּראָפ׳ ליוויס זיי באַצייכנט ווי געשריבן מיט „אַן אַבסאָלוטן מאַנגל פון אינטעלעקטועלער באַזונדערקייט און מיט אַ שאָקירנדיקער וווּלגאַריטעט פון סטיל״.

איך ציטיר די דאָזיקע בפירוש גוזמאדיקע קריטישע ווערטער פון אַ בכבודיקן ענגלישן ליטעראַטור־היסטאָריקער וועגן אַן אַנגעזעענעם שרייבער און וויסנשאַפט־מאַן און איצט פּאָפּולער געוואָרענעם קולטור־קריטיקער, כדי צו לאָזן וויסן די וואָס ווייסן נישט, אַז די סאַמע שאַרפסטע ווערטער, וואָס עס נוצן אונדזערע יידיש־קריטיקער און פּובליציסטן, זענען ווי זיסקייטן אַקעגן די זילזולים וואָס עס פאַר־גינען זיך חשובע און זייער חשובע שרייבער ביי די אומות העולם.

מען קאָן זיך משער זיין, אַז דער גרימצאָרן פונעם קעמברידזשער ליטעראַטור־קריטיקער האָט אויפגעברויזט דערעיקרשט דערפאַר, וואָס סנאָו האָט אונטערגע־שטראָכן דעם סנאָביזם און די וועלט־אָפּגעשיידנקייט טאָקע פון די קעמברידזשער פּראָפעסאָרן און סטודענטן, וואָס זענען פאַרטאָן אין הומאַניסטיק און נאָר איינער פון צען צווישן זיי וואָלט, לויט סנאָון, געוווּסט עפּעס צו זאָגן וועגן די אָרגאַני־זאַציע־פאָרמען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און וואָס פאַר אַ פאָרעם עס וואָלט געווען די פּאָסיקסטע.

אָבער אונדז אינטערעסירט אין תוך נישט די פּאָלעמיק צווישן פּראָפעסאָר ליוויס און סנאָון, נאָר אונדז גייט אין דעם, צו זען אויף וויפל דער מחבר פון די „פיר לעקציעס״ איז גערעכט מיט זיין טעזיס וועגן דער צוויי־קולטורישקייט פון אונדזער קולטור, אויף וויפל עס האָט אַ ווערדע זיין זעונג פון די צוויי אינטע־לעקטועלע הויפּטטיפּן (דער מאַן פון ליטעראַטור און דער מאַן פון וויסנשאַפט) און צי איז דער דערציונגס־פּראָגראַם, וועלכן סנאָו לייגט פאָר אומדירעקט און אויך דירעקט טאָקע בכוח צו היילן די קולטור־מחלה וואָס ער האָט אָנגעצייכנט איר דיאַגנאָז.

מיר קענען נישט אַריינגיין אין פּרטים, אָבער אין די הויפּטשטריכן איז, לויט

סנאָו, דער מאַן פון וויסנשאַפט אין דער ליטעראַטור אַ סאָציאַל באַשעפעניש, בעת דער מאַן פון ליטעראַטור, אָדער, ווי ער באַצייכנט אים, דער מאַן פון דער טראַדי־ציאָנעלער קולטור, אַן עגאָצענטריקער, אַ פּאַרטועגער אין זיך און אַ פּאָליטיש אומ־וויסיקער.

„אין זייער אַרבעט און אויך אין זייער עמאָציאָנעלן לעבן — האַלט סנאָו — איז די באַציונג פון איין וויסנשאַפט־מאַן צום אַנדערן נענטער ווי צו נישט וויסנ־שאַפט־לייט, אַפילו ווען ער קער זיך מיט דעם נישט וויסנשאַפט־מאַן אַן מערער על־פּי רעליגיע, על־פּי קלאַס אָדער על־פּי פּאָליטיק".

זיי ווייסן דערפון נישט, די לייט פון וויסנשאַפט, אָבער זיי זענען פאַרבונדן צווישן זיך דערמיט וואָס זיי האָבן, מיט סנאָוס ווערטער: די צוקונפט אין די ביינער. דער קאָנסערוואַטיווער טאָמסאָן און דער ראַדיקאַל איינשטיין; דער געטרייער קריסט א. ה. קאָמפּטאָן און דער מאַטעריאַליסט בערנאַל; דער אַריסטאָקראַט ראַסעל און דער פּראָלעטאַריער פאַראַדעי; דער רייך געבוירענער טאָמאַס מערטאָן, און רו־טעפאָרד, דער זון פון אַ נישט־קוואַליפיצירטן אַרבעטער — אַלע, נישט טראַכטנ־דיק אַפילו, רעאַגירן זיי גלייך. און דאָס — איז מוסיף סנאָו — מיינט קולטור.

איך מוז זאָגן, אַז די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק קומט מיר אויס מאָדנע און איך קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ מענטש ווי סנאָו קאָן דאָס ערנסט מיינען. וואָרעם עס וואָלט, דאַכט זיך, נישט שווער געמוזט אָנקומען אויסצורעכענען אויך אַ צעטל פון באַרימטע ליטעראַטן פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע הינטערגרונ־טן און מען וואָלט וועגן זיי געקאָנט זאָגן דאָס זעלביקע, אַז זיי פילן זיך נאָענט צווי־שן זיך און אַז זייער פּסיכישע רעאַגירונג איז זייער אַן ענלעכע.

סנאָו גיט צו, אַז די וויסנשאַפטלער זענען געוויינלעך זייער איינזייטיק אין זייער בילדונג, אַז זיי ווייסן זייער ווייניק וועגן קונסט און ליטעראַטור און אַז די איינציקע אויסנאַמע איז דאָ און דאָרט די באַציונג פון וויסנשאַפטלער צו מוזיק. אָבער פון דעסטוועגן —

„זענען זיי, בלי ספק, מער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן ווי אַ סך פון אונדז (געמיינט ליטעראַרישע שעפער — ש. ב.). אין דער מאָראַל זענען זיי מער אָדער ווייניקער די סאָלידסטע גרופּע אינטעלעקטואַלן וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָרעם די מאָראַל איז שוין דאָ אין דעם זאָמען פון וויסנשאַפט, און כמעט אַלע לייט פון וויסנ־שאַפט האָבן זייער אייגענעם אורטייל וועגן אַ מאָראַלישן לעבן".

אויב די וויסנשאַפטלער ווייסן נישט וועגן ליטעראַטור איז סנאָוס מוסר־וואָרט פאַר זיי, אַז זיי זענען אומגערעכט און אַז זיי מאַכן זיך אַליין אָרעמער דערמיט, אָבער די ליטעראַטן וואָס ווייסן גאָרנישט וועגן „צווייטן געזעץ פון טערמאָדינאַמיק" — זיי זענען על־פּי סנאָו פינצטערע עם־הארצים צום אויסלאַכן און צו פאַרדאַמען.

פאַר וואָס? ווייל זיי לעבן נישט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און גייען נישט מיט מיט דער וויסנשאַפטלעכער רעוואָלוציע פון אונדזער צייט. אויך זייערע

ליטעראַרישע זיידעס זענען נישט מיטגעגאַנגען מיט דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע פון ניינצטן יאָרהונדערט, אָבער דאָך זענען זיי נישט געווען אַזוי ווייט פון איר ווי זייערע אייניקלעך פון דעם גייסט פון זייער צייט.

איינער פון די סימנים איז, וואָס „די וויסנשאַפטלער״ (אַן אויסנאַם זענען די אינזשיניערן) שטייען אין דער פּאָליטיק על־פּי סטאַטיסטיק לינקס פון צענטער אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי מענטשן פון אַלע אַנדערע פּראָפעסיעס״. איך ווייס נישט ווו סנאָו האָט גענומען די סטאַטיסטיק און צי האָט זי אַ ממשות. אָבער, דאַכט זיך, יעדער פון אונדז ווייס, — אמת, אָן סטאַטיסטיק, אָבער פון דעסטוועגן מיט דער זעלבער זיכערקייט ווי סנאָו — אַז פּראָפּאָרציאָנעל זענען אין די לינקע לאַגערן פון די אייראָפּעישע לענדער און אויך פון אַמעריקע געווען פּאַרטראַטן ליטעראַטן און קינסטלער מער ווי אַנדערע פּראָפעסיעס. ערשט די אויסניכטערונג פון די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זייער צאָל אין יענעם לאַגער פאַרקלענערט. און וואָס שייך די סאָציאַלע און ליבעראַלע שטימונגען ביי שרייבער און זשורנאַליסטן אין אַמעריקע הערט מען אָפט זאָגן (און מן־הסתם זענען זיך די זאָגערס סומך אויף נישט ווייניקער סטאַטיסטיק ווי סנאָו), אַז די ציטונגס־אַרויסגעבער זענען צום גרויסן טייל רעפּובליקאַנער, אָבער די רעפּאָרטערס און קאָלומניסטן זענען צו אַ נאָך גרעסערן טייל שרייבער מיט ליבעראַלע איבערצייגונגען, סיי וואָס שייך הילף פאַר די נישט־אנטוויקלטע לענדער און סיי וואָס אַנבאַטרעפט די עקאָנאָמישע פּאָליטיק אין אַמעריקע גופא.

און אויב מיר זאָלן צוריקגיין אין דער נאָענטער און עפּעס ווייטערער געשיכטע האָבן די אין זיך פאַרטועגע, עגאָצענטרישע ליטעראַטן וואָלטער און זאָלאַ, בערנע און אַנאַטאָל פראַנס, קאָראָלענקאָ און פאָן אָסיעצקי און אַ שפּאָר ביסל אַנדערע געהאַט אַ סך פּאָליטישן מוט און, לכל הפּחות, נישט ווייניקער ווי זייערס גלייכן, לייט פון וויסנשאַפט.

איך וויל דערמיט זאָגן, אַז וויפל גוטע פאָרמולירונגען און פאַרשפּיצטע זאָגעכצער עס זאָל נישט האָבן סי. פּי סנאָו און זיינע באַרימט געוואָרענע לעקציעס, איז זיין צעטיילונג פון אונדזער קולטור אויף צוויי קולטורן (אַ וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע) אַ קינסטלעכע און אַ צוגעטראַכטע.

אַוודאי לעבן מיר איצט אין אַ צייט פון גרויסע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען און פון אַ געוואַלטיקן טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס און במילא וואַרפט זיך די יוגנט אין די מיטעלע און אין די העכערע לערנאַנשטאַלטן אויף די וויסנשאַפטלעכע לימודים, וואָרעם זיי גיבן היינט צו טאָג מער זיכערקייט פאַר מאַטעריעלער קאַריערע און פאַר געזעלשאַפטלעכן אויפשטייג. און דווקא אָט דער גיכער, צו גיכער פּראָגרעס פון דער טעכנאָלאָגיע איז די סכנה, און נישט די ליטעראַרישע שעפערישקייט וואָס טיילט זיך אָפּ פון דער מאַשין־געזעלשאַפט און וויל בלייבן מיט זיך, מיטן אייגענעם האַרץ און מיט דער אייגענער מחשבה.

די סכנה פאַר אונדזער מערב־קולטור קאָן זיין נישט די צו ווייניק וויסנשאַפט־לעכקייט פון דער יוגנט־דערציונג, נאָר דער קאַריעריסטישער אַנטלויף פון הו־מאַניזם, דער אַנטלויף פון קינסטלערישער שעפערישקייט צום עקספּערימענט מיט דער מאַשין און צו טעכנישער דעגרייכונג.

ווי וועט זיין צו אונדזער קולטור, אַז זי וועט ווערן אויף אַלע הונדערט פּראָ־צענט אויס הומאַניסטיש־„בטלניש" און עס וועט נישט בלייבן קיין פּלאַץ פאַר איינגעעקשנטע „עם־הארצים", וואָס טראַכטן אין די ווערטער פון דעם יידיש־דיכטער יעקב שטערנבערג —

און אַז לינדבערג
שוין אַריבערגעפלויגן דעם ים,
ווען מיר — אויך לינדבערג —
באַוווּנדערער מן־הסתם —
קענען גרינגער דען אַריבערפליען
די נאַכט —
די נאַכט פון אַ שוואַכן בשר־ודם ?

דער קריטיקער משה גראָס־צימערמאַן

משה גראָס־צימערמאַנס ערשט און איינציק בוך קריטישע עסייען הייסט „אינטימער ווידעראַנאַנד". איז „אינטימער ווידעראַנאַנד" מן־הסתם אַ געראָטענער צונויפשטעל פון צוויי ווערטער, אָבער מיט דער באַצייכענונג כאַראַקטעריזירט דער מחבר מער זיין געמיט־צושטאַנד ווי זיין קריטישע שיטה. און נאָך דעם מחברס אייגענעם נאָמען זענען מיינע שטאַרקסטע קאַנדידאַטן פאַר אַ „קאַפּ" געווען „אימתא דדיבורא" און „קעגן דעם צייטגייסט".

„אימתא דדיבורא" (פאַרכט פאַרן וואָרט), גראָס־צימערמאַנס אַ וואָריִרונג פון אימתא דציבורא", וואָס מיינט פאַרכט פאַר קהל, פאַר די צוהערער, הייסט די אַריינפיר־עסיי צום בוך. דער נאָמען ווינקט שוין יאָ אָן אויפן מחברס קריטישער שיטה, אָבער, איך טראַכט, אַז דער קינסטלערישער רעצעפּט פון „פאַרכט פאַרן וואָרט" איז נאָך אַלץ נאָר אַ רעצעפּט פאַר די הכנות צום דאַווענען, אָבער נישט די תפילה גופא.

און די „אימתא דדיבורא" אין דער עסיי אונטער דעם זעלבן נאָמען איז אין

תוך נישט אַזוי אַ רפואה צו שעפערישן געזונט, וואָס דער קריטיקער האָט פאַר־שריבן, נאָר מער עפּעס אַ נאָסטאַלגישע דערמאָנונג זיינע וועגן דער „אַורעאַ עטאַס״, וועגן יענעם אַמאָל, ווען עס „האָט זיך דער ניגון פון אויסגעזונגענעם שוויגן טיף אַריינגעפּרעסט אין דער דיכטערישער שפּראַך און האָט זי באַזיגלט מיט דעם חותם פון גאָלד־עכטקייט״. אין יענער „גאָלדענער צייט״ וואָס האָט אין זיך נאָך פאַרמאָגט אַ שטיק גאָלד פון די מעמד־הר־סיני־טעג, ווען דער „דיאַלאָג האָט פאַרנומען ווינ־ציק אָרט, ווינציק וואָרט: כמעט אין גאַנצן אָן „שילדערונג״, אָן רעפלעקסיעס און מעטאַפאָרישן אויפפוץ״.

און אַפילו שפּעטער, אַ סך שפּעטער — פאַרגייט זיך גראָס־צימערמאַן אין בענקשאַפט נאָכן „אַמאָל״ — „אַז אַ דיכטער, אַ שטייגער, האָט אָנגעשריבן מיט דב־קות דאָס איינע וואָרט: „אָוונט״ — איז באַלד געוואָרן שטיל אין דער שטימונג פון באַשאַף״ און אַ מאָל איז אויך געווען, אַז „דאָס ליד האָט געהאַט איינגעבוירענע שווייגפונקטן צווישן וואָרט און וואָרט — איז די הפסקה אויך געווען דיכטונג... געווען אַ מאָל אין יעדער ליטעראַטור אַ באַליבטער פלאַץ „צווישן די שורות״, אַ שטילער שטח — האָט זיך דאָרט געהאַלטן דאָס נישט־דערזאָגטע: דאָס גאָלד פון דער דיכטונג. היינט איז דער פּלאַץ פאַרבויט מיט שורות און צווישן זיי שטופּן זיך אַנדערע״.

איז דאָס, פאַרשטייט זיך, שיין געשריבענע ראָמאַנטישע פּראָזע, וואָס איז פול מיט בענקשאַפט און מיט אידעאַליזירונג און זשאַלעוועט נישט קיין פּרטים פון שיל־דערונג און פון רעפלעקסיעס. עס ליגט אין דער טבע פון עלעגיע נישט צו שפּאָרן מיט דעסקריפּטיווע דעטאַלן.

און גראָס־צימערמאַנס נאָסטאַלגישע באַשרייבונג פונעם אַמאָל האָט אויך איר אויסגעבענקטן אחרית הימים צו דער „בלויער רגע פון נאָכן שטורעם, ווען די אַי־בערגעשראָקענע וועלט קערט זיך אום נאָכן געוואָגל צו זיך אַליין, טוליעט זיך צו איר שאָטן, האָרכט זיך איין אין איר אייגענעם קול״. דעמאָלט וועט זיך אומקערן די דיכטונג מיט יענע גוטע אַטריבוטן, וואָס אונדזער קריטיקער האָט זי אַזוי שאַרפ־זיניק און אויך מיט פעליעטאָניסטישן חן דעפינירט.

אָבער מיר דאַכט, אַז נאָך דער באַשריבענער „אַורעאַ עטאַס״, וואָס איז מער נישטאָ, און דער זעונג פון אַ צוקונפט וואָס דאַרף ערשט קומען, איז אין תוך נישטאָ וואָס צו רעדן וועגן דעם ליטעראַרישן איצט. אַלע באַיאָונגען פון כמה וכמה שעפער אין גראָס־צימערמאַנס בוך זענען אין ווידעראַנאַנד צו דעם שאַרפן ניין, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער עסיי „אימתא דדיבורא״.

אַזוי וואָלט מען געקאָנט טראַכטן, ווען גראָס־צימערמאַן זאָל אונדז נישט פאַר־זיסן דעם גזר דערמיט, וואָס ער אַליין באַצייכנט די ווידעראַנאַנדן ווי אינטימע. זיי זענען אַרויסגעוואַקסן פון דעם געמיט־צושטאַנד פון אַ קולטורמענטש, וואָס איז נישט צופרידן מיט דער וועלטס גייסטיקן און שעפערישן היינט און — רעדט זיך

אַראָפּ פון האַרצן מיט ראַפינירטע זאַגענישן פון וועלכע מיר, און דערעיקרשט ער אַליין, האָבן הנאה.

צום נאָענטסטן און צום קלאָרסטן וואָלט מען אפשר געקאָנט פאָרמולירן גראָס־צימערמאַנס קריטיש־ן צוגאַנג מיט אַ „קאָפּ" וואָס זאָל זיך אָנהייבן מיטן נאָמען פון יעדן קריטיקירטן שרייבער מיט אַ צוגאָב „און דער צייטגייסט". די עסיי „י. ל. פּרץ און דער צייטגייסט", מיט וועלכער מ. גראָס־צימערמאַן, דעמאָלט נאָך משה גראָס, האָט מיט פולע פערציק יאָר צוריק רעבעליש אַ ברויז געטאָן אין דער יידי־שער ליטעראַטור־קריטיק, איז נאָך עד־היום נישט בלויז דעם מחברס קלאָרסטער און קרעפטיקסטער קרעדאָ־עקספּאָזע, נאָר אויך איינע פון די זייער געראָטענע קריטי־שע עסייען אין אונדזער ליטעראַטור.

דאָס זאָג איך, כאָטש מיר איז אויסגעקומען צו פּאָלעמיזירן מיט יענער עסיי וועגן „י. ל. פּרץ און דער צייטגייסט" און איך בין היינט, פיר צענדליק יאָר שפּע־טער, נאָך אַלץ גרייט זיך צו אַמפּערן מיט די טענות, וואָס גראָס־צימערמאַן האָט דאָרט אַרויסגעשטעלט, אָבער איך מוז איצט, נאָכן איבערלייענען די עסיי פון דאָס ניי, באַוווּנדערן די געדאַנקלעכע פּרעציזקייט און דעם אַרכיטעקטאָנישן אויפבוי פון דער אָנקלאָגשריפט קעגן דעם באַשאַפער פון דער ר' שלמה־געשטאַלט.

די עסיי קעגן פּרצן, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1924 (די איינציקע מיט אַ דאַטע אין דער זאַמלונג), גייט נאָך די מיינסטע פון די אַנדערע עסייען אין בוך און איז מער אָדער ווייניקער אין יעדערער פון זיי דאָ־זיך. איך זאָג: מער אָדער ווייניקער, ווייל ס'איז נישט פאַראַן כמעט אַן עסיי ביי גראָס־צימערמאַנען, וווּ ער זאָל נישט אַרויסקומען כאָטש מיט איינע פון יענע טענות, און אויב נישט מיט קיין דירעקטער טענה, איז מיט אַ חשד, וואָס קאָן פירן צו אַ טענה מכוח אידעע אָנ־שטאָט געשטאַלט, מכוח גייסט אָנשטאָט נאַטור, מכוח מרה־שחורה פון גאָטזוכעניש אָנשטאָט דער פרייד פון האַרמאָנישקייט און בכלל, מכוח דער זינד פון זיין „אויסגע־ליפערט צו דער צייט, צו אירע פּראָבלעמען, שטרעמונגען, וויטיקן און אויך מאָדע־שטימונגען".

וואָלט מען אפשר, זאָג איך, אויפן סמך פון דער פּרץ־עסיי געקאָנט פּרוּוון נאָכגיין גראָס־צימערמאַנס איינשטעל צו דער יידישער ליטעראַטור און צו אירע שעפער און אַזוי אַרום אַרויסשיילן זיין קריטישע שיטה. האָב איך אָבער נאָכן איבערלייענען דאָס גאַנצע בוך געפילט אַז דאָס וואָלט געווען אַן עוולה קעגן מחבר, וואָרעם אין די איין און דרייסיק עסייען, אַחוץ דער פּרץ־עסיי, האָט גראָס־צימערמאַן אויפגעשפּילט אַ גאַנצן אָרקעסטער פון נייע קריטישע טענער, פון נייע געשטאַלטערישע פאַרבן און פון כלערליי געמיט־צושטאַנדן מיט אַ צוגאָב פון אַ היפּש ביסל געדאַנקלעכע חריפות. איך האָב, בכן, איינגעזען, אַז אויך דער נאָמען פון דער פּרץ־עסיי איז נישט געגוג כוללדיק אויף אַרומצונעמען די גאַנצע שפע פון בילד און געדאַנק, פון אַלע צו־דער־זאַכס און דרך־אַגבס און פון אַלע ריכטיקע און פּאַראַדאָקסאַלע זאָגענישן,

וואָס זענען פֿאַראַן אין גראָס־צימערמאַנס עסייען־בוך, און בין געקומען צום אויס־פֿיר, אַז צום בעסטן קען מען טרעפֿן אין פֿינטל אַריין פֿון דעם בוך און אַרומנעמען די צוויי און דרייסיק עסייען מיט דעם נאָמען: משה גראָס־צימערמאַן.

איך וויקל דורך אין קאָפּ די נעמען פֿון אונדזערע קריטיקער עסייִסטן החיים עמנו היום און עס איז נישט שווער אויסצוגעפֿינען, אַז משה גראָס־צימערמאַן איז אין דער זעלבער צייט אַ ותיק צווישן די ותיקים און אַ הצעיר באלופֿי הקריטיק.

„אינטימער ווידעראַנאַנד" איז גראָס־צימערמאַנס צווייטע בוך אין דער ריי (דאָס ערשטע איז געווען אַ זאַמלונג עסייען „יידן צווישן יידן" וואָס איז אַרויס אין בוע־נאָס־איירעס מיט ניין יאָר צוריק) און זיין ערשט בוך קריטיק נאָך מער ווי פֿערט האַלבן צענדליק יאָר זינט ער האָט דעביוטירט אין דער „ווינער מאָרגנצייטונג" און אין דעם ווינער חודש־זשורנאַל „קריטיק".

„אינטימער ווידעראַנאַנד" איז דאָס יינגסטע בוך פֿון אונדזער היינט עלטסטן יידישן קריטיקער. עס זענען דאָרט צונויפֿגעקליבן עסייען איבערן שטח פֿון אַנ־דערטהאַלבן דורות, און ס'איז בפֿירוש אָנגענעם צו קענען זאָגן, אַז פֿון די עסייען, איבער אַלע פֿערציק יאָר, ווייעט דורכויס מיט דעם גוטן ריח פֿון יידיש־לומדישן שטייגער און פֿון אייראָפּעיִשער קולטור.

„יעדער שרייבער איז אַ לעבעדיק שטיק אויסטערלישקייט — און אַלע אין איי־נעם האָבן בשותּפֿות בלויז איין זאַך — זיי קערן זיך קנאַפּ אָן איינער מיטן אַנדערן".

דאָס איז אַן אַפֿאָריזם, אַרויסגענומען פֿון גראָס־צימערמאַנס שוין פֿריער דער־מאָנטער עסיי „אימתא דדיבורא". ווי אַלע אַפֿאָריזמען, האָט ער לכל הפּחות אַן עודף פֿון צוואַנציק פּראָצענט איבערן אמת און עס פֿעלן אים נישט ווייניקער, אויב נישט מער, פּראָצענט צו דער פּשוטער שכל־הישרדיקער וואָרהייט.

ווי אין דער ביאָלאָגיע, אַזוי איז אויך אין מלכות פֿון גייסט. יעדער מענטש מוז זיין יחידיש אַנדערש און יעדער מוז האָבן דעם ייחוס פֿון קרובהשאַפֿט און פֿון ענלעכקייט צו אַנדערע אויב ער זאָל געהערן צו דער ראַסע און צו דער משפּחה.

אויף וויפֿל איך קאָן זען, כאַפּט נישט משה גראָס־צימערמאַן שרייבעריש דעם אָנבליק פֿון אַן אַנדערן יידישן קריטיקער און עסייִסט. אָבער ער איז לויט זיין נאַטור און אויך לויט זיינע קריטישע און געשטאַלטערישע געוווינהייטן שטאַרק ענלעך צום מאַן פֿון „די פֿאַקל" קאַרל קראַוז. נישט אומזיסט זינגט ער (ס'איז נישט בלויז געשריבן, ס'איז ממש געזונגען) אַן אָדע צו קראַוזן אין דער עסיי „קראַנקער ייד און גרויסער קינסטלער", ווו ער נעמט אַן בדרך כלל קראַוזס נעגאַטיוון איינ־שטעל צו היינריך היינען: „... דער אָריגינעלסטער סאַטיריקער פֿון דער דייטשער ליטעראַטור אין אַלע צייטן, וואָס זיינע גייסטיקע וואָרט־וווּנדערס קוואַלן אַרויס פֿון דעם איינמאָליקן צונויפֿגאָס פֿון נאַטור און שפּראַך אין זיין פּערזענלעכקייט".

עס איז געננג צו ציטירן דעם איינעם זאַץ, כדי צו האָבן אַ בילד פֿון גראָס־צימערמאַנס געוואַלטיקער התפּעלות פֿאַר דעם שרייבערישן פּענאָמען קאַרל קראַוז.

אין דעם זאַץ האָב איך אונטערגעשטראָכן די ווערטער סאַטיריקער און נאַטור. די צוויי ווערטער געהערן צו גראָס־צימערמאַנס פּאָזיטיווע קריטעריעס, פּונקט ווי צייטגייסט, מרה־שחורה און אידעע זענען די הויפּט־מכשירים אין דעם אַרסענאַל פון נעגאַטיווער קריטיק.

פון קאַרל קראַוז — דער סאַטיריקער — גייט אַ דירעקטע ליניע צו דער התפּעלותדיקער אָפּשאַצונג פון מענדעלען, דעם סאַטיריקער, און צו נעגאַטיווער באַציונג צו פּרצן, דעם פּאַטעטיקער, דעם דערציילער פון „חסידיש" און „פּאָלקסטימלעכע געשיכטן". און פון „צונויפגאָס פון שפּראַך און נאַטור" פירט אַ ליניע, אויך אַ דירעקטע, צו דער זייער פּאָזיטיווער באַציונג צו דער דיכטונג פונעם תכשיט משה לייב. די התפּעלות צו מענדעלען קאָן איך נישט מיטמאַכן. עס איז מיר נישט צום האַרצן דער סאַטירישער שטאָף און מיר דאַכט אַז גראָס־צימערמאַן כאַפּט דאָ איבער די מאָס (שלא כדרכו) ווען ער זאָגט, אַז הגם דער לעצטער עפעקט אין דער סאַטירע איז אַ דידאַקטישער, האָט מענדעלע „אין זיין פאָרעם דערגרייכט אַזאַ אומגעווײנלעכע פּלאַסטיק, אַזאַ אינעווייניקסטע זיכערקייט, אַז זי האָט אים מיט רעכט געבראַכט דעם נאָמען קלאַסיקער". לפי עניות דעתי, איז מענדעלע דער קלאַסישער מוסטער פון אַ שרייבער וואָס די סאַטירע איז געבליבן שטעקן אין דער שטאָפלעכקייט פון זיינע קרומע פּישקעס און האָרבאַטע ביילעס און איז דעם שטאָף קיין מאָל נישט אַריבערגעוואַקסן. נאָך עד־היום פאַרשטעלט מענדעלעס מאַטעריע דעם צוגאַנג צו דער הנאה פון זיין שפּראַך־ווירטואָזיטעט — דאָס איינציק אמת וויכטיקע און בלייבעודיקע, וואָס באַרעכטיקט פאַר אים דעם טיטל „זיידע" פון דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער דערפאַר קאָן איך אָן שום רעזערוואַציעס מיטגיין מיט גראָס־צימערמאַנס שבחים פאַר דעם דיכטער משה לייב האַלפּערן. באַגלייך מיט גראָסן ווער איך פאַרכאַפּט פון משה לייבס נאַטוראַליסטישן שילדערונגס־כוח אין די שורות פון זיין ליד „די באַלאַדע פון מעסערטאַנץ", ווו עס ווערט דערציילט וועגן „דאָס שטיק פייער, די מויד", וואָס איז אַרויס ווי אַ פערד אין צירק, ביז די לענדן אין רויט, און אַ זעץ געטאָן איבערן דיל מיט אַ פוס און —

ווען מען וואָלט פון אַ שטעטל אַ גאַנצן די וועש
געפּראַלט מיט פּראַלניקעס, קופּער און מעש,
וואָלט זיך זיכער דער רעש אַזוי נישט צעשפּרייט,
ווי די לוסט, די צעררייצטע, צו איר און די פרייד.

אָבער, נוצנדיק גראָס־צימערמאַנס באַליבט וואָרט פון באַוואָרעניש „איך בין נישט זיכער", בין איך נישט זיכער, צי ס'ווערט דאָ ערגעץ ווו נישט פאַרביטן די הנאה פון דעם נאַטוראַליסטישן וואָרט־כוח מיט דער אידעאַלער קראַפט פון „צונויפגאָס פון נאַטור און שפּראַך". די אומזיכערקייט מיינע נעמט זיך דערפון, וואָס

מיט אַ זייט שפּעטער ציטירט גראַס־צימערמאַן פיר שורות פון דעם זעלבן משה לייבס אַ ליד „גלאַט אַזוי״, און פאַר די דאָזיקע פערזן —

אַז אַלצדינג איז גלייך און אַלצדינג איז קרום
און ס׳דרייט זיך די וועלט אַרום אַלצדינג אַרום —
אַז גאָרנישט איז גלייך און גאָרנישט איז קרום
און ס׳דרייט זיך די וועלט אַרום גאָרנישט אַרום,

האָט אונדזער קריטיקער ווערטער פון טאַדל. זיי זענען פאַר אים „טאַנדייטנער קוהלת פּזמון״, און משה לייב איז אין די שורות „אַן אַנטליענער משה לייב, נישט זיין אייגענער״.

און מיר דאַכט, אַז מען מוז נישט דווקא האָבן נאַטוראַליסטישע שורות, כדי מיט־געריסן צו ווערן מיט משה לייבס נאַטור־כוח. אויך אין די פערזן פון „טאַנדייטנעם קוהלת פּזמון״ איז פאַראַן ביי משה לייבן דער „צונויפגאָס פון נאַטור און שפּראַך״. מען דאַרף די שורות לייענען אין דעם אַטמאָספערישן קאָנטעקסט פון דעם ליד, ווו —

האָט משה לייב זיך אַנידערגעשטעלט
אין מיטן דער נאַכט צו דערטראַכטן די וועלט,

און דעמאָלט איז דאָס דער זעלבער משה לייב פון „אונדזער גאָרטן״, דער משה לייב פון „זרחי צו זיך אַליין״, דער פאַרלוירענער משה לייב וואָס איז אידענטיש מיט „לייזער עליען פון דער אַלטער היים״ און ברענגט אַרויס זיינע טראַכטענישן נישט קלענער, אויב נישט נאָך גרעסער, ווי דעמאָלט ווען ער רעדט צו אונדז „וועל־פיש״.

איך קאָן נישט פאַרגעסן מיין בן־עיר יאָסל, דעם ציטערדיקן, וואָס האָט אריינ־געקוקט אין אַ צעטל־קאַלענדאַר און האָט מיט צער פון פאַרלוירנקייט, פון פּלוצעם האָבן דערפילט דעם גאַנצן הבל־הבלים, אַ זאָג געטאָן: „אַז איך מיש איבער די בלעטער פונעם קאַלענדאַר קערט זיך מיר איבער דער קאָפּ״.

עס איז געווען אַ זאָג מיט „טאַנדייטנע קוהלת־ווערטער״, וואָס האָט, ווי איך געדענק, פאַר אַ וויילע איבערגעקערט דעם קאָפּ נישט בלויז ביי יאָסלען, נאָר אויך ביי די צוהערער אין שטוב. עס איז אין יאָסלס „ליד״ געווען עפּעס פון יענעם „צונויפגאָס פון נאַטור און שפּראַך״, וואָס איז, לויט מיין געפיל, פאַראַן אין משה לייבס „גלאַט אַזוי״. כדי אַרויסצוברענגען דעם צונויפגאָס מוז מען, ווי געזאָגט, נישט נוצן דווקא שטאַרקע ווערטער פון נאַטוראַליסטישער בילדערישקייט, נאָר מען קאָן דאָס אויך מאַכן מיט ווערטער פון „טאַנדייטנעם קוהלת פּזמון״, אויב נאָר די איבערלעבונג הינטער די ווערטער איז אַן עכטע און האָט דעם כוח צו איבערצייגן די לייענער.

אפשר זיך אַ ביסל צו לאַנג פאַרהאַלטן ביי דעם ענין סאַטיריקער" און „נאַטור", אָבער מיין כוונה איז געווען אונטערצושטרייכן די קראַוזישע מכשירים אין גראַס־צימערמאַנס קריטישן אַרסענאַל. קיינער האָט ביי אונדז נישט אַזוי אַריינגעדרונגען אין קראַוזס שעפערישער וועלט, ווי משה גראַס־צימערמאַן. ער איז בטבע געווען צוגעגרייט דערצו מיט זיין אייגענעם כוח פון שאַרפער סאַטירישער אָבסערוואַציע, מיט דער שפע פון זיין נאַטירלעכן הומאָר און מיט דעם חוש אַרויסצוברענגען אין זיין שפּראַך חן און שפּילעוודיקייט, אַפילו ווען זי איז, צו מאָל, אומקלאָר און אַפילו טונקל.

אָבער מיט גראַס־צימערמאַנען איז ערגעץ ווו, צום טייל, געשען דאָס, וואָס מיט די יידישע מאַרקסיסטן. די יידישע מאַרקס־קענער זענען געווען טיף און שאַרףזעעוודיק, נאָר וואָס דען? ביי אונדז יידן איז קיין ריכטיקער פּראָלעטאַריאַט נישט געווען און מען האָט אַפילו ביים גרעסטן אָנשטרענג נישט געקאָנט אָנווענדן צום יידישן לעבן אַלע חומרות פון דער מאַרקסיסטישער תורה.

אונדזער ליטעראַטור האָט אַנדערע האַרבשאַפטן, ווי די דייטשע און ווי בכלל די אייראָפּעיִשע, צו וועלכער עס האָט גערעדט דער קולטור־קריטיקער און סאַטיריקער קאַרל קראַוז. מיר זענען די יורשים פון מוסר, פון חסידות און פון תנו רבנן. די קראַוזישע פּאָלעמיק, וואָס גראַס־צימערמאַן פאַרפירט מיט „ליטעראַטורבאַלעבעסלעך", מיט „איך קען פּאָעטן", מיט די וואָס „האָבן מורא צו לאָזן די פרייד אַליין", מיט די „אַנשי אייביקייט, וואָס האַלטן זיך אַלע אין איינעם" און מיט אַן אַ שיעור אַנדערע אומגעזעענע און ביים נאָמען נישט אָנגערופענע, טרעפט, צו מאָל, אין אונדזער ליטעראַטור, אין חלל אַריין. נישטאָ פּשוט דער צד וואָס זאָל זיך פילן געטראָפן, וואָס זאָל דערפילן אַז אים מיינט מען.

גראַס־צימערמאַן האָט אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק „מיטן ווינט" אַריינגעלייגט אַ סך געדאַנקלעכע חריפות, פּיקאַנטע בילדערישקייט, בליציקע מעטאַפאָריק און אויסנעמלעך שיינע שטייגער־געמעלן. אַוודאי איז אין אָט דער פּאָלעמיק אי לשם שמים און אי אין הימל אַריין, דאָ און דאָרט, אויך פאַראַן בלויז שמועס און דאָרט איז גראַס־צימערמאַן לויט זיין טערמינאָלאָגיע „אַן אַנטליענער, נישט קיין אייגענער".

איך האָב פריער דערמאָנט די אויסנעמלעך שיינע שטייגערבילדער, וואָס זענען צעוואָרפן איבער אַלע עסייען. עס זענען דאָ אָפט בעלעטריסטישע שעדעווערן, וואָס ווען נישט אַלץ אַנדערע וואָלטן זיי אַליין שוין געווען „דיינו".

רעדנדיק וועגן שמואל יעקב אימבער מאָלט גראַס־צימערמאַן אַ בילד פון פאָטער, וואָס האָלט די יינגלעך ביי די ימים־נוראימדיקע תפילות נאָענט צו זיין אייגענעם שטענדער „דעם זיכערן באָרטן פון זיינע טרערן"; אין דער מאַנגער־עסיי איז פאַראַן אַ געמעל פון אַ געזעלן אַ יונג, אַ מזיק, מיט גאָלדענע הענט"; אין דער עסיי וועגן יעקב פרידמאַנען איז דאָ אַ בילד פון אַ קונדס, וואָס „שלינגט

בלויז וועלטן חלום און פחדים דורך די אויפגעריסענע שפּאַרעס״ פון אַ נישט־פּאַרענדיקטן בית־המדרש־דאַך; ביי משה לייבן זענען דאָ צוויי זקנים, וואָס „דומען לאַנגע פּאַרנאַכטן אויף ליימענע פּריזבעס, וואָס שמעקן מיט בלאָלעכער זויערמילך אין שוואַרצע מאַקערטעס״. דאָס זענען נאָר עטלעכע פון צווישן אַ סך אַזעלכע מייס־טערישע קורצע בילדגעמעלן, וואָס וואָלטן געקאָנט אָנפילן אַ ברייטע לייוונט פון דעם האָלענדישן מאָלער פּיטער ברויגעל, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען אין ווינער קונסט־מוזעום. ווי ביי ברויגלען, איז אויך אין גראָס־צימערמאַנס קורצע געמעלן נישט אַזוי ביי דער מאָטיוו — ווי דער צונויפשטעל פון די דעטאַלן אין בילד.

און דערפאַר, דאַכט מיר, אַז פון די גוטע עסייען אין בוך זענען אפשר די סאַמע בעסטע וועגן א. מ. פוקס און יחיאל האָפער. די עסייען זענען דערפאַר צווישן די בעסטע, ווייל זיי זענען צום גרעסטן טייל חריפותדיקע פּאַראַפראַזעס פון זייערע דערציילונגען. ער, גראָס־צימערמאַן אַליין, מאָלט און אין זיינע געמעלן ווערן אַריינ־געפלאָכטן די געמעלן און די מאָטיוון פון די דערמאָנטע צוויי און עס שטייען אויף אי זייערע ווערק און אי זייערע געשטאַלטן. אין דער עסיי וועגן א. מ. פוקס ווערט דער תמצית פון א. מ. פוקס׳ געשטאַלטערישקייט איבערגעגעבן אין דעם בילד וועגן דעם גוי, וואָס קומט איינקויפן אויף חגאות אין שטעטל; אין דער האָפער־עסיי ווערט דער כאַראַקטער פון זיין מענטשן־גאַלעריע אָנגעוויזט שוין ביים אָנ־הייב דורך גראָס׳ בילד וועגן „טונקעלן שפּיגל איבערן דנאָ (פון ברונעם), פון וועלכן עס האָבן אַרויפגעגייסטערט אָן אַ שיעור אויסטערלישע פּנימער, צעשוווּמענע און בולטע, פאַרצויגענע, אומעטיקע, לצימדיקע — אונדזערע אייגענע, אָבער אַנדערש״ (דאָס בילד זאָגט אַלץ ואידך פּירושא אַחוץ וואָס שייך האָפערס אויפטו מיט דער „געזעלשאַפט־פעיקייט״ פון די גבירים, וואָרעם ווו איז שלום אַש מיט זיין „שלמה נגיד״ און די גבירים פון די „דריי שטעט״?).

גראָס־צימערמאַנס בעלעטריסטישע פּאַראַפראַזע און כאַראַקטעריזירונג ברענגט אַריין אַ ביסל זומערדיק און עסייִסטיש געמיט אין פוקס׳ ווינטערדיק פּאַרקאָווע־טער לאַנדשאַפט און אַ ביסל פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג אין האָפערס, אין דער ברייט פלאַטערנדיקע געשטאַלטן.

און די דאָזיקע בעלעטריסטישע געמעלן זענען, לפי דעתי, זייער וואָגיקע קריי־טעריעס אין גראָס־צימערמאַנס אָפּשאַצונגען. זיי זענען דערפאַר זייער וואָגיק, ווייל זיי זענען אי פיין אינסינוירטע ספקות און אי סאָלידע ראיות. ספקות — פלעגט זאָגן מיינער אַן אַלטער חבר פון די אַדוואָקאַטישע יאָרן אין רומעניע — זענען בלויז דעמאָלט גוט, ווען זיי ברענגען אַרויס מיט מיידלשן חן געזונטע מאַנצבילשע ראיות.

שמואל מאַרגאָשעס

אָקטאָבער 1967 איז ד״ר שמואל מאַרגאָשעס אַלט געוואָרן 80 יאָר. ער איז שוין דעמאָלט געווען צעבראָכן און קראַנק, אָבער מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך געוועהרט קעגן דעם, אַז חברים זאָלן פאַרצייכענען זיין יובילײ. סוף־כל־סוף איז מען מיט אים געקומען צו אַ פשרה, אַז מען מעג שרייבן, נישט וועגן זיינע אַכציק יאָר לעבן, נאָר וועגן זיינע זעכציק יאָר ליטעראַרישע אַרבעט.

אין תוך זענען עס געווען נישט זעכציק, נאָר דריי און זעכציק, וואָרעם ד״ר מאַרגאָשעס האָט דעביוטירט אין 1904 מיט אַ העברעאישער דערציילונג אין דוד פרישמאַנס „הדור״.

אָבער מאַרגאָשעסעס יידיש־ליטעראַרישע אַרבעט (און ער איז זינט 1907 געווען כמעט דורכויס אַ יידיש־שרייבער און אַ זשורנאַליסט אויף ענגליש) הייבט זיך אָן פון דער דערציילונג „דער זאַמדיקער וועג״, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין יעקב פעפּערס ניו־יאָרקער „אידישעס וואָכענבלאַט״ און זינט דעמאָלט האָט ד״ר מאַר־גאָשעס געשפּאַנט אויף דעם זאַמדיקן שליאַך פון דער יידיש־אַמעריקאַנישער גע־זעלשאַפטלעכקייט און קולטור־אַרבעט מיט טוערישער געטריישאַפט און מיט הויך פּובליציסטישער באַגאַבונג אין משך פון צוויי פולע דורות.

פאַר די אַן ערך דרייסיק יאָר אין אַמעריקע, וואָס איך האָב נאָכגעפאָלגט ד״ר שמואל מאַרגאָשעסעס פּראָקטיקע אַרבעט ווי אַ ציוניסטישער מנהיג און ווי אַ יידי־שער און ענגלישער פובליציסט, האָב איך געזען צוויי גרויסע ליידנשאַפטן און אײן ליבע אַרויסלויכטן פון זיינע מאמרים און עסייען.

אין די ביאָגראַפישע באַטיצן אין די לעקסיקאָנען און אין משה שטאַרקמאַנס „שטריכן צו אַ כאַראַקטעריסטיק״ פון ד״ר שמואל מאַרגאָשעס אין „פאָלק און וועלט״ (סעפּט. 1967) האָב איך געפונען באַשטעטיקט די דאָזיקע ליידנשאַפטן און ליבע אויך פאַר דער צייט פון יענעם דור, וואָס איך בין נאָך נישט געווען אין אַמעריקע. מען מוז אין פּרט פון שמואל מאַרגאָשעסן, דעם שרייבער און געזעל־שאַפטלעכן מנהיג, אָנקומען צו דער דערפאַרונג פון פּערזענלעכער אָבסערוואַציע, ווייל ער האָט, ווי בשעתו אברהם ליעסין און חיים גרינבערג זכרונם לברכה, נישט אויפגעזאַמלט זיינע פובליציסטישע און עסייִסטישע אַרבעטן (חיים גרינבערג ז״ל האָט ערשט געציילטע טעג פאַר זיין פטירה נאָך באַוויזן צו זען אָפּגעדרוקט איינעם פון זיינע צוויי בענד עסייען, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין דער פּרעס).

דאָס אויפזאַמלען פון ד״ר מאַרגאָשעסעס עסייען דאַרף אָן אָפּלייג געמאַכט ווערן אי צוליב זייער שרייבערישן ווערט און אי דערפאַר, ווייל אַזאַ זאַמלונג וואָלט געווען אַ מין געשיכטע פון די געזעלשאַפטלעכע און שרייבערישע באַמיונגען אַרום די צענטראַלע קיום־אידעען פון יידיש־אַמעריקאַנישן יישוב.

די אידעע נומער איינס, וואָס מאַרגאָשעס איז איר געטריי געבליבן, אָנהייבנ־דיק מיט זיין דאָקטאָר־אַרבעט אין קאָלאָמביאַ־אוניווערסיטעט און מיט דער אָנפי־רונג פון דער טעקסטביכער־אָפּטיילונג אין דער ניו־יאָרקער יידישער קהילה אונ־טער דער פּרעזידענטשאַפט פון ד״ר יהודה לייב מאַגנעס און אין דער פּובליציסטיק פאַר אַלע יאָרן ביז צו זיין טויט, איז געווען די אידעע פון יידישן חינוך.

אין הונדערטער און הונדערטער אַרטיקלען און עסייען איז ד״ר מאַרגאָשעס נישט מיד געוואָרן איבערצוחזרן דעם געדאַנק, אַז אָן אַ יידישער טאָגשול, וואָס זאָל דערציען צו יידישקייט, איז דער יידישער קיום אין אַמעריקע אַ תולה על בלימה: דער קיום שוועבט אין דער לופט און האָט נישט קיין געזיכערטן יסוד. אַמעריקאַ־נער יידן, וואָס גיבן אַוועק מיליאָנען אויף צדקה און זשאַלעווען טויזנטער פאַר יידישער דערציונג, גראָבן אונטער, אויב זיי זענען ציוניסטן, בלא יודעים, דעם אידעאַל פון שיבת־ציון ביי דער יידישער יוגנט; די אַמעריקאַנער יידן, ווידער, וואָס זענען אַ־ציוניסטן און אַפילו אַנטי־ציוניסטן, אָבער גלייבן אין דעם רעכט און אין דעם חוב פון יידיש־פאָלקישער עקסיסטענץ, גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אַז אָן יידישער דערציונג מאַכן זיי צו נישט סיי דאָס רעכט און סיי דעם חוב צו יידישער עקסיסטענץ. אַלע קיום־טעאָריעס, סיי ציוניסטישע דאָרטיקייט און סיי אַנטי־ ציוניסטישע דאָיקייט ווערן בטל אָן יידישער דערציונג. אָן יידישער דערצי־ונג איז דער נצחון געזיכערט בלויז פאַר דער אַסימילאַציע, בלויז פאַרן פאָלקישן אויפהער.

אַזוי טיף און ערנסט איז געווען די איבערלעבעניש פון דער גרויסער אַסימי־לאַציע־סכנה פאַר ד״ר מאַרגאָשעסן, אַז ער, וואָס איז לויט זיין וועלטבאַנעם געווען אַ סעקולאַריסט און אַן אָנהענגער פון צעשיידונג פון שטאַט און קירך, איז פון דעסטוועגן נישט איין מאָל אַרויסגעטראָטן פאַר מלוכה־שטיצע צו פּריוואַטע יידישע שולן, אפילו צו פּריוואַטע רעליגיעזע שולן — ווייל דאָס איז אַ הילף פאַר יידישער דערציונג און דערמיט אויך פאַר יידיש־פאָלקישן קיום.

מיט אידעען איז אַזוי ווי מיט פריינטשאַפטן. אַ מענטש קאָן האָבן אַ סך פריינט, אָבער ער פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ ידיד נפש, וואָס פון זיין טובה וועגן וועט ער מוו־תר זיין אויף די סך אַנדערע באַציונגען און התחייבותן. אויב דער מענטש איז דאָס נישט בכוח, האָט מען אַ פולן גרונט צו צווייפלען אין דעם ווערט פון זיינע אַנדערע פריינטשאַפטן.

ד״ר מאַרגאָשעס האָט געהאַט דעם כוח דערצו. ער איז געווען פיל־אידעיִש, אָבער זיין אינטימע אידעע פון יידישן פאָלקס־קיום דורך יידישן חינוך גייט נישט אַריין אין גדר פון אידעאָלאָגיע. זי איז פּראָסט און פּשוטע ביאָלאָגיע. זי איז דאָס, וואָס די אַלטע רוימער האָבן באַצייכנט מיט „פּרימוס וויווערע״, קודם קומט דאָס לעבן פאַר דעם „דעניִנדע פילאָסאָפאַרי״, ד. ה. פאַר אַלע אידעען און טעאָריעס.

אַ צווייטע ליידנשאַפט, וואָס גייט אַדורך דורך ד״ר מאָרגאָשעסעס שריפט־שטעלערישער אַרבעט אין משך פון צוויי דורות, איז זיין מאָגונג צו אָרגאַניזאַטאָרי־שער אחדות און אידעיִשער קאָאָפּעראַציע אין אַמעריקאַנער ייִדישן יישוב. דער ציוניסטישער מנהיג שמואל מאָרגאָשעס, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אַזוי פיל ציוניסטישע קאָנגרעסן און איז געווען אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, איז כל ימיו געשטאַנען מיטן פּנים נישט בלויז צום „דאָרטן״, נאָר אויך צום „דאָ״. דער ציוניסט ד״ר מאָרגאָשעס האָט נישט געוואָרט, אַז דער 26סטער ציוניסטישער קאָנגרעס זאָל אים אידעיִש און פּראַגראַמאַטיש צווענדן מיטן פּנים צום גלות. ער איז אַלע יאָרן פון זיין ציוניסטישער אַרבעט, אין משך פון צוויי דור־רות, געווען אַ סינטעטישער ציוניסט. חיים וויצמאַן איז דער טאַטע פון סינטעטישן ציוניזם, ווייל ער האָט געשאַפן אַ סינטעז פון פּראַקטישער פּיאָנער־אַרבעט אין ארץ־ישראל מיט פּאָליטישער אַרבעט לטובת אַ נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע. ד״ר מאָרגאָשעסעס ציוניזם איז געווען אַ סינטעטישער, ווייל ער איז געווען אַ סינטעז פון פּאָליטישער אַרבעט לטובת ארץ־ישראל מיט פּאָליטישער און קולטור־אַרבעט אין גלות.

אַלץ וואָס דינט דעם ייִדישן פאָלקס־קיום איז נאָענט צו ד״ר מאָרגאָשעסעס האַרצן: ייִדיש און העברעיִש, ציוניזם און אויך דאָ־יִזם אין וואָס פאַר אַ פאָרעם ער זאָל קומען צום אויסדרוק, אויב נאָר ער ווערט נישט דיקטירט פון דרויסנדיקע אינטערעסן, וואָס האָבן אין זינען נישט דעם ייִדישן פאָלקס־קיום, נאָר די פּאָליטיק פון אַ פרעמדער מלוכה.

יעדע אידעאָלאָגיע, וואָס איר ציל איז ייִדישע פאָלקס־עקסיסטענץ, האָט אַ רעכט צו ווערבירן פאַר זיך די עפנטלעכע מיינונג און האָט אַ חוב צו קאָאָפּערירן מיט די אַנדערע ייִדישע אידעאָלאָגיעס, ווען עס גייט וועגן דעם העכערן בשותפותן ייִדישן פאָלקס־אינטערעס.

ביי אַלע פּרווון צו שאַפן אַן איינהייטלעכע דאַך־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קאָנען רעדן אין נאָמען פון גאַנצן ייִדישן פאָלק אין אַמעריקע, אָנהייבנדיק פון דעם פּרווו פון אַ ייִדישער קהילה אין ניו־יאָרק, איבער דעם אַמעריקאַניש־ייִדישן קאָנגרעס, וואָס האָט געצאָלט זיין די ערשטע דעמאָקראַטיש געוויילטע רעפּרעזענטאַנץ פון אַמעריקאַנישן ייִדנטום, און איבער דער „אַסעמבלי״ אין די פערציקער יאָרן, וואָס איז געווען די צווייטע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט, אָבער מיט אַ פּשרה אויפן חשבון פון פּערמאַנענטקייט און דעמאָקראַטיע, און ביז צו די איצטיקע כלערליי פּרעזידענטן־קאָמיטעטן — ביי אַלע די פּרווון, צו שאַפן פון אַלע אָרגאַניזאַציע־קולות איין לעגיטים קול פאַרן גאַנצן יישוב אין אַמעריקע, איז ד״ר שמואל מאָר־גאָשעס געווען אַן אידעיִשער סטימולירער, אַ פּובליציסטישער וואָרטזאָגער און אַ וויכטיקער טוער.

אין איינעם פון זיינע זונטיקדיקע יידישע אַרטיקלען אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", נישט לאַנג פאַר זיין קראַנקהייט, איז ד״ר מאַרגאָשעס אַרויסגעקומען פאַר אַ שי־דוך צווישן דעם סאַמע „דאַרטיקסטן" ציוניזם און סאַמע „דאָיקסטן" בונדיזם. מענ־טשן וואָס זענען געוווינט צו וועגן אידעען אויף אַ פּאַרטייִשער וואָג האָבן זיך מן־הסתם היפּש דערשראָקן. אָבער ווען מען קוקט אויף דער באַגעגעניש פון אידעען פון שטאַנדפּונקט פון פאָלקסגאַנצקייט, איז נישט שווער צו דערזען, אַז דאָס בעסטע און געדויערדיקסטע אין דעם אידעאַל פון „דאָרטן" איז ברודעריש נאָענט צום גוטן און געדויערדיקן אין דעם פּראָגראַם פון „דאָ". דאָס עקסטרעמע ביי די ברע־געס פאַלט אָפּ און אין צענטער בלייבט שטיין אַ פאָלקספּראָגראַם פון „דאָ" און „דאָרטן" און פון איבעראַל לטובת איין און דעם זעלביקן יידישן פאָלק, וואָס האָט אַ לאַנגע מאַרטירער־געשיכטע און איז להוט זיך צו באַנייען אויף דער אייגענער ערד פון די אבות און אָפּצוהיטן יידישע קולטור־אייגנס אין אַלע זיינע וווינערטער.

*

אין אַלע די זעכציק יאָר האָט ד״ר מאַרגאָשעס אַרויסגעוויזן אַ ליבשאַפט, אַ באַשיצעריש ליבשאַפט צו יידישע שעפער און שעפערישקייט, וואָס ס׳איז כמעט נישט דאָ קיין גלייכן צו איר. צו דער באַשיצערישער אַרבעט האָט ד״ר מאַרגאָשעס געהאַט אַ געטרייען שותף אין זיין פרוי ראָוז זכרונה לברכה (נפטר געוואָרן דעם 1טן מאַי 1967).

ביידע גרויסע ליבהאָבער פון יידישער פּאָעזיע און ביידע באַגייסטערט פון אירע נאַציאָנאַל־גייסטיקע וואַלאָרן, האָבן זיי מיט זייער געטרייער זאָרג און הילף געפּרוווט לייכטער מאַכן דעם שעפערישן וועג פאַר אַ היפּש ביסל יידישע דיכטער, אָנהייבנדיק פון משה נאַדיר און משה לייב האַלפּערן זכרונם לברכה און ביז (איך דערמאָן בלויז צוויי דיכטער פונעם יינגערן און יינגסטן דור) איציק מאַנגער און חיים גראַדע, זיי צו לאַנגע יאָר.

שמואל מאַרגאָשעס האָט אַ סך געשריבן וועגן יידישע פּאָעטן און איז בעל־פּה געווען דער סנדק פון זייערע יום־טובים. ביידע, ראָוז און ער, האָבן אַרומגע־רינגלט יידישע פּאָעטן מיט ליבשאַפט און זיי בייגעשטאַנען ווי עלטערע ברודער־און־שוועסטער אין פרייד און אין לייד.

*

ווען איך זאָל וועלן כאַראַקטעריזירן שמואל מאַרגאָשעסעס אופן שרייבן על רגל אחת, וואָלט איך געזאָגט אַז זיין נוסח איז: וואַרעמע לאָגיק. מאַרגאָשעס דער פּובליציסט מיידט אויס עמאָציאָנאַליזם און גייט אויפן דרך פון שכלדיקייט. פון בלויז שכלדיקייט. אָבער זיין שכלדיקייט האָט טעמפּעראַטור. זי איז ניכטער, אָבער קיין מאָל נישט קאַלט. דאָס זעלבע איז אויך מיט מאַרגאָשעסעס סטיל. ער היט זיך

אויס פון בילדערישקייט, אָבער עס לאָזן זיך אין אים נישט פּאַרווישן די שפּורן פון בעלעטריסטיק, מיט וועלכער מאַרגאָשעס האָט דעביוטירט.

רעדנדיק וועגן מאַרגאָשעסעס סטיל פיל איך, אַז איך בלייב היינטערשטעליק מיט באַווייזן. אָבער דאָס איז בפירוש נישט מיין שולד. איך מוז זיך סומך זיין אויף דעם אַראָמאַט פון זיין שרייבן, וואָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון. מיר האָבן דערווייל נישט קיין זאַמלונג פון זיינע עסייען. ווערן די באַווייזן אָפּגעלייגט ביז צום דערשיינען פון ד״ר מאַרגאָשעסעס ערשטן בוך.

✶

צום סוף אַ פּערזענלעכע נאָטע. ד״ר מאַרגאָשעס איז געווען דער ערשטער שרייבער (נאָך פאַר יוסף אָפּאַטאָשון) וואָס האָט אונדז קיין רומעניע געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. איך געדענק גוט יענעם זומערדיקן אָוונט, ווען מיר, דער דיכטער יעקב שטערנבערג און איך, זענען געזעסן מיט ד״ר מאַרגאָשעס ז״ל אויף דער טעראַסע פון אַ קאַפעהויז אויפן בוקאַרעסטער הויפּטבולוואַר און האָבן זיך געלאָזט דערציילן וועגן משה לייב דעם פּאָעט, וועגן לייוויקן, וועגן די אינזיכיסטן און וועגן די מיטאַרבעטער פון די יידישע צייטונגען. און דאָס וואָס ד״ר מאַרגאָשעס האָט אונדז דערציילט, האָט אונדז אויף דער פּעריפעריע נאָך מער דערנענטערט צום יידישן ליד און צום יידישן וואָרט און אָנגעפילט אונדזער האַרץ מיט בענקשאַפט צו די יידיש־שעפער פון יענער זייט ים.

לייזער דאָמאַנקעוויטש

לייזער דאָמאַנקעוויטש איז דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער פּאַריזער טאָג־צייטונג „אונדזער וואָרט״ און ער האָט די מיינסטע פון זיינע ליטעראַרישע עסייען געדרוקט אין אָט דער צייטונג.

איך דערמאָן דעם פאַקט, כדי אונטערצושטרייכן דעם סאַמע וויכטיקסטן עלעמענט אין דאָמאַנקעוויטשעס עסייען, וואָס ער אַליין כאַראַקטעריזירט אים מיט געלינגשאַפט אין דעם נאָמען פאַר צווי פון זיינע דריי בענד, וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן.

דער ערשטער באַנד, וואָס איז אַרויס מיט איבער צען יאָר צוריק הייסט „פון אייביקן און אַקטועלן״ און לאָזט זאָגן אי אַז אַקטועלע און אייביקע טעמעס זענען גלייכבאַרעכטיקט ביי דאָמאַנקעוויטשן דעם שרייבער און אי אַז זיין שרייברישע

מעטאָדע איז צו זען דאָס אַקטועלע אונטערן אַספּעקט פון דאָס אייביקע, און אי צו באַהאַנדלען דאָס אייביקע מיטן ציל מתקן זיין דאָס אַקטועלע.

און מערקווערדיק איז, וואָס דער עלעמענט פון „אַקטועלן און אייביקן״ כאַראַקטעריזירט נישט בלויז זיין אופן שרייבן, נאָר אויך זיין פיזישן אויסזען.

מיט אַן ערך נײַן חדשים צוריק האָב איך וועגן מיין באַגעגעניש מיט דאַמאַנקעוויטשן אין פּאַריז געשריבן אַזוי: „דאַמאַנקעוויטש זעט אויס, גלייך נישט נאָר ווי זיין בוך, נאָר טאַקע ער אַליין זאָל הייסן „פון אַקטועלן און אייביקן״. ער האָט אַ קיילעכיק לבנה־פּנים, וואָס לייכט מיט זשורנאַליסטישער בייגעריקייט, און אין דער זעלבער צייט ווייעט פון זיין געשטאַלט, פון זיין פּנים און פון זיינע באַוועגונגען מיט סטאָטישער פילאָסאָפישער מנוחה, וואָס דערציילט שוין אויפן ערשטן בליק, אַז דער מאַן איז פאַרטאָן מיט זיין געדאַנק און מיט זיין געמיט אין די פּראָבלעמען פון אייביקן״.

נישט ווייניקער ווי מיט דעם נאָמען פון זיין ערשטן בוך עסייען, האָט לייזער דאַמאַנקעוויטש זיך אויטאָכאַראַקטעריזירט מיט דעם טיטל „ווערטער און ווערטן״ פון זיין דריטן, אָקערשט אין תל־אביבער פּרץ־פאַרלאַג דערשינענעם בוך (דער צווייטער באַנד עסייען איז דערשינען מיט פיר יאָר צוריק אין דער מיניאַטור־ביבליאָטעק פונעם יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך און הייסט „צעשאָטענע קערנער״, וואָס דערמיט איז דער מחבר, מן־הסתם, מרמז אויף דעם בכיוון נישט אָרגאַניזירטן אָפּקליב פון די עסייען).

„ווערטער און ווערטן״ איז אין תוך אַ וואַריאַנט פון „פון אַקטועלן און אייביקן״. די ווערטער פאַרפליען (ווערבאַ וואָלאַנט) און די וואַלאָרן, די ווערטן, פאַרשריבן אויף די בלעטער — בלייבן (סקריפּטאַ מאַנענט).

און צי זענען דאָס אַקטועלע ווערטער אָדער פאַראַגראַפן און זייטלעך וועגן בלייבנדיקע ווערטן, קומט אַלע מאָל צום אויסדרוק אין דאַמאַנקעוויטשעס עסייען זיין גרויסע ליטעראַרישע ערודיציע און זיין היימישקייט איז אין דער יידישער און אין דער נישט־יידישער וועלט פון מחשבה. און ווייל ער איז אַ היימישער מענטש אין אונדזער אייגענער און אין דער אייראָפּעיִשער קולטור, רעדט ער כמעט דורכויס אין איר לשון, אָן באַזונדערן אָנשטרענג. ער רעדט מיט וואַרעמקייט, מיט ישוב־הדעת און פאַלט נישט אַריין נישט אין היפּערקלוגשאַפט און אויך נישט אין צו פיל התפעלות.

די קולטור־היימישקייט איז דערעיקרשט קענטיק אין דאַמאַנקעוויטשעס כל־אחרדיקע פאָרמולירונגען, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן דעם גוטן טעם פון אינטויִטיווער חכמה, געפּאָרט מיט ניכטערנעם שכל־הישר.

רעדט דאַמאַנקעוויטש וועגן דער אַנגעווייטיקטער פראַגע: צוקונפט פון יידיש, באַווייזט ער זיך אויסצוהיטן אי פון פלאַכן אָפּטימיזם און אי פון לייכטרעדנדיקן און דערפאַר רשעותדיקן פּעסימיזם.

„צי יידיש קאָן לייזן (פאַרענטפערן — ש.ב.) די פראַגע פון יידישקייט אין די תפוצות — פאַראַפראַזירט דאַמאַנקעוויטש ה. ד. נאָמבערגן, איינעם פון די קליגסטע אין אונדזער עסייִסטיק פון די לעצטע צוויי דורות, וואָס האָט דעם געדאַנק פאָרמו־לירט אין שייכות גלות און ארץ־ישראל — זענען מיר מסופק, אָבער מיר מוזן מיט דער גאַנצער פעסטקייט פאָדערן, אַז אין די ברייטע ראַמען פון יידישקייט זאָל גע־זאָרגט ווערן פאַר דער קאָנסערווירונג פון די פונדאַמענטאַלע ווערטן, געשאַפענע אין יידיש לשון, אין וועלכע עס איז געקומען צום אויסדרוק אַזוי פיל דורותדיקע געפיל און נשמה".

עס קאָן זיין, אַז די פאָדערונג נוגע יידיש, וואָס דאַמאַנקעוויטש שטעלט אַרויס אין דעם נאָר וואָס ציטירטן פאַראַגראַף וועט פאַר אַ סך פון אונדז קלינגען צו באַ־שיידן. אָבער אַז די פאָדערונג טרעפט, אַזוי צו זאָגן, אין היסטאָרישן פינטל אַריין, ווייל זי רירט אָן דעם סאַמע עיקר פון דער צוקונפט־פּראָבלעם פון יידיש, וואָס איר נאָמען איז „פון קוואַנטיטעט צו קוואַליטעט" (אַזוי הייסט אויך דאַמאַנקע־וויטשעס עסיי), דאָס קאָן קיינער נישט לייקענען, און אויך נישט דער עקסטרעמער יידיש־מאַקסימאַליסט.

אין דער שפּראַך גופא איז דאַמאַנקעוויטש דווקא ווייט פון מייסטערשאַפט. אָבער אין געדאַנקלעכע און אין ליטעראַטור־קריטישע פאָרמולירונגען איז ער אָפט מלא טעם און מיט חריפותדיקער צודערזאָכיקייט.

ס'קאָן אויסקומען מאָדנע און אויסזען ווי אַ ווידערשפּרוך, אָבער פאַקטן לעבן אָפּט פון און מיט זייערע ווידערשפּרוכן. צו דער שפּראַך האָט דאַמאַנקעוויטש נישט די געדולד וואָס צו זיינע געדאַנקלעכע און קריטישע פאָרמולעס. ווי באַלד עס גייט נישט וועגן אַ פאָרמולע, וואָס רופט אַרויס זיין געדאַנקלעכע אַמביציע, פאַרגינט זיך דאַמאַנקעוויטש צו זיין אַ ביסל נאָכגעלאָזט און צו נוצן ווערטער פונעם צייַ־טונגס־לשון, ווי „אינהאַלטרייך" און „גייסטרייך" און אַזעלכע דייטשמעריזמען, ווי „עמפּפינדונג", „הערלעך", „לייסטונגען" און אַנדערע אַזעלכע בלייכע ווערטער, אָן פאַרב, און דאַמאַנקעוויטש איז צו מאָל אויך נאָכגעלאָזט אין דעם סינטאַקס, דאַדורך וואָס ער מיידט אויס דעם רעלאַטיוו־זאַץ, וואָס איז ממש אַ באַדערפעניש פאַרן יידיש־סטיל — אַ באַדערפעניש, ווייל דער רעלאַטיוו־זאַץ ברענגט אַריין ווייכקייט אין יידישן לשון און דערווייטערט עס פון דער דייטשער שטייפקייט. „געשעעניש פאַר־געקומענע" און „שמחת פון זיין באַקומען דעם פרייז" זענען גערמאַניש־שטייף. יידיש־ווייך ווערן זיי ערשט דורך „וואָס" און „ווען": די געשעענישן וואָס זענען פאַרגע־קומען און די שמחה ווען ער האָט באַקומען דעם פרייז.

אָבער ס'איז בפירוש אָן עוולה זיך צו פאַרהאַלטן אַזוי לאַנג ביי די שפּראַך־חסרונות. וואָרעם דער עיקר, דאָס ווערטפולע פון דאַמאַנקעוויטשעס עסייען זענען זייערע געראָטענע פאָרמולעס פון מחשבה. און אין דעם פּרט איז אפשר די געראָ־טנסטע עסיי וועגן שלום־עליכמען.

איך וועל ציטירן בלויז צוויי אַזעלכע גערעטענע קריטישע פאָרמולירונגען פון דער עסיי, ווייל איך וויל לאָזן פלאַץ אויך פאַר געלונגענע און זייער געלונגענע דעפיניציעס אין די אַנדערע עסייען.

אָט, למשל, וואָס דאָמאַנקעוויטש האָט צו זאָגן, און אין קאַרב אַריין צו זאָגן, וועגן דעם הומאָר ביי שלום־עליכמען —

„נאָר דער הומאָר מאַכט שלום־עליכמס סיטואַציעס און פערסאָנאַזשן ציבורדיק; הומאָר איז בכלל ציבורדיק. עס וויינט זיך גוט ביחידות, אָבער עס לאַכט זיך צום בעסטן בציבור". „שלום־עליכם, זאָגט מיט רעכט דאָמאַנקעוויטש, האָט דורך דעם הומאָר, אין וועלכן ער הילט די רייד פון זיינע מענטשן, און דורך דעם קאָמישן דעקאָר פון די סיטואַציעס טראַנספאָרמירט די טראַגישע יחידים מיט טראַגישע איבערלעבונגען אין רעפּרעזענטאַנטן פון אַ קאָלעקטיוו".

„דער הומאָר פאַרוואַנדלט טביהס יחידישע רייד און איבערלעבענישן אין אי־בערלעבענישן און רייד פון פאָלק".

און פון דער זייער גערעטענער עסיי וועגן שלום־עליכמס הומאָר איז אויך כדאי צו ציטירן דאָמאַנקעוויטשעס קורצן און חריפותדיקן היסטאָרישן איבערבליק פון הומאָר אין דער יידישער שפּעררישקייט ביז שלום־עליכמען —

„די נביאים האָבן זייערע שטרענגע רייד געמישט מיט איראָניע, אָבער נישט מיט הומאָר; די בעלי־אגדה האָבן פאַרזיסט די שטרענגקייט פון דער הלכה מיט פאַנ־טאַזיע, אָבער נישט מיט געלעכטער; נישט די רבנישע ליטעראַטור און נישט אונד־זערע דיכטער פון מיטל־עלטער (אַחוץ עמנואל הרומי), נישט די מקובלים און נישט די חסידים האָבן ערגעץ ווו אַרויסגעבראַכט דעם שמייכל פון פאָלק. די משכילים האָבן געקענט אויסלאַכן, אָבער נישט מיטלאַכן".

דאָס איז, ווי געזאָגט, אַ היסטאָרישער איבערבליק, וואָס מען וואָלט געדאַרפט פּרטימדיקער באַכפאַרשן, כדי אים צו באַשטעטיקן אָדער, צום טייל, אָפּצוואַרפן, אָבער אַזוי ווי ער איז אוועקגעשטעלט בלענדט ער מיט חריפות און — מיט אמת.

יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך מיט זעקס פּאָרטרעטן פון יידיש־סאָוועטישע שרייבער. דאָמאַנקעוויטש שרייבט וועגן דעם בוך מיט לויב און פלו־צעם „באַפאַלט" אים אַ קאַפּריז, אַרויסצוציען פון יאַנאַסאָוויטשעס פּאָרטרעטן זיינע אייגענע בליץ־כאַראַקטעריסטיקעס. און די כאַראַקטעריסטיקעס זענען שאַרף מיט זייער צימצום און טרעפיק מיט זייערע דעפיניציעס. אָט זענען זיי, די זעקס, על־פי דאָמאַנקעוויטשעס בליץ־כאַראַקטעריזירונגען —

„לייב קוויטקאָ — אַ תם; דער נסתר — אַ צדיק; איציק פעפער — אַ שפּי־רעוודיקע נאַז; האָפּשטיין — לובש צורה ופושט צורה; בערגעלסאָן — אַ פאַר־נאַרטער פון פחד; פּרץ מאַרקיש — אַ געפאַלענער פּרינץ".

רעדנדיק וועגן אברהם סוצקעווערס פּאָעמע „סיביר" ברענגט דאָמאַנקעוויטש אַרויס די קריטישע טעזע, אַז „דאָס אויג צו זען די בילדער פון חורבן און די זעונג

פון נגב איז שוין פריער געשאַרפט געוואָרן אין די לויטערקייטן פון סיביר״. איך האַלט, אַז די טעזע איז אַ ריכטיקע און איך אַליין בין אין מיינע עסייען וועגן סוצקעווערן אויך געגאַנגען דעם זעלבן קריטישן וועג. אין מיין עסיי וועגן סוצקעווערס פּאָעמע „גייסטיקע ערד״ האָב איך געשריבן, אַז סוצקעוועס מעטאַפאָרן און בילדער וואַקסן אַרויס „פון דער מיטאַלאָגישער זעונג, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין דעם דיכטער־קינד ביי די ברעגעס פונעם אירטיש און האָט מיט אים מיטגעשפּאַנט ביז צו די קאַשמאַר־בילדער פון חורבן״.

איך בין באמת צופרידן, וואָס אויך לייזער דאַמאַנקעוויטש זעט אין סוצקעווערס פּאָעמע „סיביר״ דעם קוואַל פון דיכטערס שאַפן און דעם שליסל צו דער קריטישער באַלויכטונג פון זיינע וויזיעס און פון דער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג פון די דאָזיקע וויזיעס.

מיר איז נישט אויסגעקומען ביז איצט צו שרייבן וועגן דעם „יונג־ווילנער״ דיכטער אלחנן וואָגלער, וואָס לעבט אין היפשער התבודדות אין פּאַריז. כ׳פיל מיך באמת שולדיק לגבי אים, וואָרעם דער דיכטער וואָגלער פאַרדינט צו זיין מער באַקאַנט, ווי ער איז אין אונדזער ליטעראַטור. איצט, לייענענדיק דאַמאַנקעוויטשעס עסיי וועגן אים האָב איך געזען פאַר מיר וואָגלערן אויף דער טריבונע. כ׳האָב אים געזען (איצט ווייס איך ווי אַזוי), גלייך ער זאָל זאָגן שורות פון זיין אייגענעם ליד, וואָס ווערט ציטירט אין דאַמאַנקעוויטשעס עסיי:

איך בין געבוירן אין מדינת ליטע,
אירע טראַקטן אויסגעוועבט מיט בלויע טריט,
און אירע ווײַנשל־גערטענער צעבליטע
זענען די טויערן פון מיין געמיט.

דאַמאַנקעוויטש איז בפירוש גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז „פאַר וואָגלערן איז די היימישע לאַנדשאַפט נישט בלויז אַטמאָספער און דעקאָר, (נישט בלויז) ראַם פאַרן געוועב פון זיין ליד. ניין. ס׳איז דער תוך גופא פון זיין שאַפן. נאָך מער (עס איז), זיין אייגענער באַשאַף. אָן אַ צאָל זענען די ערטער אין וואָגלערס לידער, ווו ער מאַכט פון דער יצירה דאָס ווערק פון מענטשנס געמיט״.

דאָס געוויינלעכע קריטישע פלעטעקל פאַרוואָגלערן איז, אַז ער פאַרמענטשלעכט, אַנטראָפּאָמאָרפיזירט די נאַטור, אָבער דער אמת איז, אַז נישט בלויז פאַרמענטשלעכט ער זי אין זיינע מעטאַפאָרן, נאָר ער מאַכט דאָס מענטשלעכע געמיט פאַר אַ מיטשעפער פון דער נאַטור. אַזוי צום טייל אין זיין ווילנער בוך „צוויי בערגיאָזעס אויפן טראַקט״, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט דעם טיטל „פאַרמענטשלעכער פון דער נאַטור״, און אַזוי נאָך מער אין זיין פאַריזער לידער־זאַמלונג „פרילינג אויפן טראַקט״, וואָס וועגן איר שרייבט דאַמאַנקעוויטש אין זיין עסיי.

איבער אַלע עסייען וועגן דיכטערס, וואָס דאַמאַנקעוויטש האָט אַריינגענומען אין

זיין בוך — לייוויק, מאַנגער, יצחק קאַצענעלסאָן, יעקב גלאַטשטיין, מלך ראַוויטש (אַ באַזונדער געלונגענע עסיי), סוצקעווער, שמרי, וואָגלער, אייכענראַנד, יאַנאַסאָוויטש, שולשטיין, אברהם לעוו, בינעם העלער און פּאַפּיערניקאָוו, זענען צעוואָרפן שאַרפע (אין קאַרב אַריין) פאָרמולעס, וואָס זענען אי ריכטיק און אי שיין. אָבער נישט אַלע קאָן מען דאָך ציטירן, וואָרעם אין לדבר סוף, וועל איך בלויז דערמאָנען די קורצע, פּשוטע און זייער טרעפיקע באַמערקונג וועגן י. פּאַפּיערניקאָווס נייעסטן בוך „די זון הינטער מיר". „אויב פּאַפּיערניקאָוו — זאָגט דאָמאַנקעוויטש — איז אין זיינע פריערע לידער־זאַמלונגען געווען דער באַזינגער פון זיין טרויער און דער באַקלאָגער פון זיין בענקשאַפט, איז ער איצט אין זיין נייעם בוך „דער בענקער נאָך זיין בענקשאַפט, דער טרויערער נאָך זיין טרויער".

אין די ערשטע דריי טיילן זענען פאַראַן עסייען וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וועגן דיכטער, וועגן דערציילער, וועגן עסייִסטן און מעמואַריסטן. אין דער פערטער אָפּטיילונג קומען אַריין אַרטיקלען וועגן פראַנצייזיש־יידישע שרייבער און ביכער. אין דער אָפּטיילונג געהערט אויך אַריין די עסיי וועגן „עדמאָנד פלעג — דער יידן־באַזינגער אין דער פראַנצייזישער שפּראַך", וואָס דאָמאַנקעוויטש האָט זי (הטעם כמוס עמדו) אַוועקגעשטעלט ביים סוף פון דעם דריטן טייל.

פון די פראַנצייזיש־יידישע עסייען האָבן מיך דערעיקרשט פאַראינטערעסירט „אַלבער מעמיס: פּאָרטרעט פון אַ ייד" און „די טונקעלע יאָרן און די העלע פּערספּעקטיוון" פון ראָבער אַראָן.

צום נוצריס ביאָגראַפיע האָט זיך אויך צוגעכאַפּט אַ פראַנצייזיש־יידישער שרייבער מיטן נאָמען ראָבער אַראָן. די „טונקעלע יאָרן" אין דעם נוצריס ביאָגראַפיע זענען פאַר ראָבער אַראָנען די ערשטע דרייסיק יאָר פון ישוס לעבן, וואָס דער „בייער טעסטאַמענט" פאַרשווייגט. פאַרן נייעם טעסטאַמענט גילטן נאָר דעם נוצריס לעצטע דריי יאָר, ווען ער איז געוואָרן „גאָטס זון" פון דער עוואַנגעליע.

דאָמאַנקעוויטש וווּנדערט זיך, למאי אַש, דער מחבר פון „קידוש השם", פון „תהילים־ייד" האָט אויף יידיש אָנגעשריבן אַן עוואַנגעליש בוך וועגן „גאָטס זון", בעת דער פראַנצייזישער ייד אַראָן האָט געשריבן וועגן ישו הנוצרי „אַ שיין יידיש בוך מיט יידיש־היסטאָרישער און יידיש־מאָראַלישער אַטמאָספער".

מיר דאַכט, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט אַש געשריבן אַן עוואַנגעליש בוך, ווייל ער איז צו אים דערגאַנגען באַרג־אַראָפּ דווקא פונעם תהילים־ייד. אַש איז געווען צו פיל פאַרטאָן אין אגדה־געשטאַלטן און דאָס האָט אים געפירט צו עוואַנגעליע. ווען ער זאָל געווען אָנשרייבן אַ בוך וועגן ווילנער גאון אָנשטאָט וועגן תהילים־ייד, וואָלט דאָס פאַר אים אפשר געווען אַ שעפערישע דאַמבע קעגן עוואַנגעליע. וואָרעם דער שאַפער פון אַ ליטעראַרישער געשטאַלט ווערט פון דער געשטאַלט אויך מושפּע.

אין דער עסיי וועגן אַלבער מעמיס „פּאָרטרעט פון אַ ייד" גיט דאָמאַנקעוויטש

איבער דעם אויפטרייסלענדיקן אויסגעשריי פון צער פון אַ טוניעסער ייד, וואָס דער נייער רעזשים אין זיין היימלאַנד האָט אים געמאַכט פּאַר אַ פּליט אין פראַנקרייך. אַלבער מעמי, דער אַפריקאַנער ייד, מאָלט דאָס בילד פון אַ ייד, זיין אייגענעם אויטאָפּאָרטרעט, וואָס זיין אומגליק איז צו זיין „אַ ייד אין אוניווערס פון אַנטיסעמיטיזם און אַן אַפריקאַנער אין אַ וועלט פון אייראָפּעיִשן טריומף".

אַלבער מעמיס „פּאָרטרעט פון אַ ייד" איז אַ דאָקומענט פון שווערן אַנקלאָג פון אונדזער צייט.

1965

יצחק גאָלדקאָרן

א

טרעפיקע עסייסטישע זאָגענישן

אַ בוך עסייען וועגן נישט־יידישע שרייבער איז היינט צו טאָג אַ זעלטנקייט אויף יידיש. האָב איך זיך דערפאַר מיט אַ באַזונדערער נייגעריקייט צוגעכאַפּט צו יצחק גאָלדקאָרנס „קליינע עסייען וועגן גרויסע שרייבער", וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אין אַ בוך אונטערן נאָמען „פון וועלט־קוואַל" און אַרויסגעבראַכט אין תל־אביבער פאַרלאַג „המנורה".

איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין הנאה ביים לייענען גאָלדקאָרנס עסייען, וואָרעם אַט נעמט דאָך אַ יידישער שרייבער און פירט מיך צו צו אַ טיש מיט כל הגוטס. עס זענען דאָרט אויסגעלייגט דעם מחברס זאָגעכצער וועגן אַ גאַנצער ריי וועלט־באַרימטע פילאָסאָפן, דיכטער, עסייִסטן און דערציילער. צו דעם מחברס אייגענע זאָגענישן זענען צוגעגעבן מיינונגען פון אַנדערע וועגן די באַרימטקייטן און מע קאָן דאָרט געפינען אויך אַ היפּש ביסל ציטאַטן, אַרויסגענומענע פון די ווערק פון די באַרימטע דענקער און שריפטשטעלער, וואָס מיט זיי איז אונדז גאָלדקאָרן אויסן צו באַקענען. איז, בכן, דאָ פון וואָס הנאה צו האָבן.

און איך וויל פון לכתחילה מודה זיין, אַז אַ טייל פון גאָלדקאָרנס זאָגענישן זענען גוט און טרעפיק און בלייבן שטעקן אין זכרון און אפילו אין געמיט. עס טרעפט אין קאָרב אַריין און עס קאָרבט זיך איין אין זכרון, ווען גאָלדקאָרן, שרייבנדיק וועגן דעם גריכישן פילאָסאָף עפּיקטעט פון ערשטן יאָרהונדערט פון דער אַלגע־

מיינער צײַט־רעצענזונג, פאַרצייכנט ער, כלאחר יד, אַז „אין אַלטערטום האָט מען נאָך צו ווייניק געוווּסט וועגן פיזיק, כדי צו וויסן וועגן מעטאַפיזיק... זי איז מער מיטאַפיזיק ווי מעטאַפיזיק... (מיין קורסיוו).

דער זאָג געפעלט מיר באַזונדערס דערפאַר, ווייל, מיר דאַכט, אַז ער איז גילטיק נישט בלויז פאַרן אַלטערטום נאָך אַרכימעדעסן און נאָך פיטאַגאָראַסן, נאָר אויך פאַר דער נייצייט. אויך אין דער נייצייט, נאָך ניוטאָנען און נאָך איינשטיינען איז די מעטאַפיזיק געבליבן נישט מער ווי אַ מיטאָ־פיזיק, ד. ה. אַן ענין פון דמיון און גלויבן און נישט פון לאָגיק און וויסן.

עס איז זיכער גוט און טרעפיק, ווען גאָלדקאָרן באַצייכנט דעם פראַנצייזישן דיכטער שאַרל באָדלער ווי „אַ זינדיק הייליקער, וואָס ברענגט אַרויס שמוץ, כדי צו ווערן געלייטערט...” עס איז דאָס אויך אין אַ היפּשער מאָס חל אויף איינעם פון אונדזערע אייגענע סאַמע גרעסטע יידיש־דיכטער, משה לייב האַלפּערן. אויך פאַר משה לייבן זענען די אַזוי גערופענע „גראָבע רייד” געווען אַ פּאָעטיש מיטל פון פיינפולער לייטערונג.

און מיר געפעלט די דעפיניציע וועגן „וואָלטעריאַניזם” (וואָס) איז אַן עסענץ, וואָס לייזט אויף דעם זשאַווער פון פאָראורטיילן, די פאַרקאַלכונג פון דאָגמע; אָבער קאָנסטרויִרן מיט דעם קאָן מען נישט...

איך ווייס נישט, צי דערמיט איז טאַקע אַרומגענומען די גאַנצע ריזיקע פּאָלי־היסטאָרישע געשטאַלט פון וואָלטערן. אָבער גאָלדקאָרנס פאָרמולע טרעפט מן־הסתם אין דעם תמצית פון וואָלטערישקייט. דער פּאַטריאַרך פון פערנעי האָט משפּיע געווען דעם אַכצנטן יאָרהונדערט און איז געווען דער צוגרייטער פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע נישט מיט דעם אויפבוי פון נייע אידעען, נאָר מיט דער צעשטערונג פון אַ סך אַלטע פאָראורטיילן.

און אַז גאָלדקאָרן זאָגט וועגן דעם פראַנצייזישן בעלעטריסט באַלזאַק, אַז „ער האָט אַרויסגעבראַכט נישט נאָר די ליידנשאַפט פון גאָלד, נאָר אויך דאָס גאָלד פון דער ליידנשאַפט — איר גוואַלדיקע טיראַנישע קראַפט פון אַ נאַטור־כוח” האָט ער, לדידי, בפירוש ריכטיק פאָרמולירט די ליטעראַרישע גאונות פון באַלזאַקן וואָס האָט אַליין געהאַט אַן אומגעהאַמעוועטע ליידנשאַפט צו געלט און האָט מיט איר שפעדיק באַטיילט זיינע העלדן; און פון באַלזאַקן, וואָס איז געווען אַ נישט צום פאַרגלייכן מייסטערישער געשטאַלטיקער פון אַ סך אַנדערע „טיראַנישע נאַטור־כוחות”, וואָס באַהערשן בן־אָדמען.

ב

מאַנעריזמען און דייטשמעריזמען

די פאַרמולע איז אַ ריכטיקע, אָבער היפּש אומפאַרשטענדלעך איז, וואָס ער מיינט מיט „גאָלד פון דער ליידנשאַפט?" ווייל ער דערמיט זאָגן, אַז די תאווה צו גאָלד איז שטאַרקער פון אַלע אַנדערע מענטשלעכע תאוות, שטאַרקער פון דער ליידנשאַפט צו ליבע און צו מאַכט? און אַז דערפאַר האַלט ער, אַז די ליידנשאַפט צו גאָלד איז דאָס גאָלד פון דער ליידנשאַפט?

דאָס איז זייער נישט קלאָר און איך האָב מורא, אַז דאָס „גאָלד פון ליידנ־שאַפט" איז נאָר אַ סטיליסטישע קונץ; און פון די סטיליסטיש לייכטסטע קונצן, וואָס ווערן געמאַכט מיט דעם דרויסנדיקן קלאַנג פון צד השוה און פון קאָנטראַסט פון ווערטער און זאַצן. די קונץ אין דעם איז, אַז אויב „ליידנשאַפט פון גאָלד", קאָן מען צוגעבן „גאָלד פון ליידנשאַפט" און דער זאַץ בלישטשעט.

אַז גאָלדקאָרן איז אַ ליבהאָבער פון דער דאָזיקער סטיליסטישער קונץ קאָן מען זען פון די ווייטערדיקע ביישפּילן.

רעדנדיק וועגן ניטשען זאָגט גאָלדקאָרן, אַז די „פילאָסאָפיע איז, אין עצם, די ליידנשאַפט פון שכל"; און די דיכטונג? פאַרשטייט זיך, אַז אין דער „דיכטונג הערשט דער שכל פון ליידנשאַפט", און היינעס „טויף־שיין" איז ביי גאָלדקאָרנען, איך ווייס נישט פאַר וואָס, סיידן נאָר צוליב סטיליסטישן קאָנטראַסט, געוואָרן בלויז אַ „שיין־טויף".

גאָלדקאָרן איז (צום אונטערשייד פון מיר!) זייער באַגייסטערט פון זשאַן זשאַק רוסאָס באַרימטן בוך „ווידוי". ער איז זיכער, אַז דאָרט קומט „צו אַ פּערפעקטן אויסדרוק די קונסט פון אמת". אָבער לשם סטיליסטישן קאָנטראַסט אויך „דער אמת פון דער קונסט".

אַז גאָלדקאָרן קריטיקירט טאָלסטאָיס מאָראַלישע תורה, זאָגט ער וועגן איר אַז זי איז „אַן איבערצייגנדיק בילד פון דער גייסטלאָזיקייט פון מאַכט, אָבער אויך פון דער מאַכטלאָזיקייט פון גייסט". נו, אַז טאָלסטאָיס תורה האָט אין זינען געהאַט אונדז צו איבערצייגן, און האָט אונדז טאַקע איבערצייגט, אַז מאַכט איז גייסטלאָז, איז מיר קלאָר, אָבער מיט וואָס זיין מאָראַל־טעאָריע האָט אונדז געגעבן די לאָגישע זיכערקייט, אַז דער גייסט איז מאַכטלאָז, הייב איך באמת נישט אָן צו פאַרשטיין, סיידן, ווי געזאָגט, אַז איך נעם אין אַכט גאָלדקאָרנס גלוסט צו וואָרטשפּילן.

און גאָלדקאָרנס געדאַנקלעך ניט געדעקטער וואָרטשפּיל אַרום טאָלסטאָיען שטעלט זיך דאָ נישט אָפּ. ער גייט ווייטער. דער גאון פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט זיך על־פּי גאָלדקאָרן „באַמיט צו באַווייזן דעם אַבסורד פון דער מענטשלעכער חכמה

— און אין אַ גרויסער מאָס, מיט רעכט — אָבער אַלס סוראָגאַט האָט ער אונדז דערלאַנגט די חכמה פון זיינע אינפאַנטילע אַבסורדן...״

דעם אַבסורד פון חכמה, האָט זיך טאָלסטאָי, הייסט עס, בלויז באַמיט צו באַווייזן און גאָלדקאָרן אָנערקענט, אַז דער מחבר פון „קריג און פרידן״ און פון „טויט פון איוואַן איליטש״ האָט אין אַ גרויסער מאָס געהאַט אַ רעכט צו דער דאָזי־קער באַמיונג. אָבער אַז ס׳קומט צו דער חכמה פון זיינע אייגענע אינפאַנטילע אַבסורדן — דאָ איז טאָלסטאָי געווען דער אמתער מייסטער. ער האָט זיי אונדז אָן באַמיונג דערלאַנגט ווי אויף אַ טעלער.

האָט טאַקע דאָס גאָלדקאָרן געוואָלט זאָגן? האָט ער מיט אַזאַ זאָג געוואָלט צו נישט מאַכן דעם קינסטלער און דענקער טאָלסטאָי? חס־וחלילה, ער איז טאַקע קריטיש איינגעשטעלט צו טאָלסטאָיען, אָבער ער האָט זיכער נישט געוואָלט אַריינ־פאַלן אין אַן אַבסורד מיט זיינע זאָגעכצער.

דער אַבסורד איז בלויז אַרויסגעקומען, ווייל, זאָל זיין אַבסורד אַבי אַ סטיליס־טישער קונץ.

אָננעמען זיך פאַר טאָלסטאָיען דעם קינסטלער וואָלט געווען קאָמיש, אָבער מען טאָר פון דעסטוועגן בפירוש נישט דורכלאָזן אומפאַרצייכנט גאָלדקאָרנס באמת זייער דרייסטע באַמערקונג, אַז טאָלסטאָיס קרויגנווערק „קריג און פרידן״, „אַננאַ קאַרע־נינאַ״, „דער טויט פון איוואַן איליטש״ א״א האָבן גאַנץ גרויסע מאַמריסטישע סאַהאַראַ־שטחים, ווו בלויז פון צייט צו צייט טויכן אויף גרין־געבענטשטע אָאַזיסן; טיפע זעלטענע שילדערונגען פון „זעלטענע מאָמענטן״. טאָלסטאָיס קרוינווערק האָב איך נאָך געלייענט מיט צענדליקער יאָרן צוריק, אָבער איין קרוינווערק, „דער טויט פון איוואַן איליטש״ האָב איך דאָ נישט לאַנג נישט געלייענט נאָר געשלונ־גען און איך געדענק נישט, אַז איך זאָל האָבן איינגעשלונגען אַפילו דעם מינדסטן „סאַהאַראַ־שטח״. אין מיין געמיט לעבן דורכויס „גרינע געבענטשטע אָאַזיסן״, כ׳מיין בלעטער פון פראַכטפולן געמעל און פון טיפער פסיכאָלאָגישער מענטש־געשטאַלטונג.

די מעשה מיט די „סאַהאַראַ־שטחים״ ביי טאָלסטאָיען איז נישט קיין באַקאַנטע מעשה. זי איז באמת אַן אָריגינעלע באַמערקונג און גאָלדקאָרן איז דערפאַר מחויב געווען צו דאָקומענטירן זיין אָריגינעלע און נייע זאָגעניש וועגן טאָלסטאָען, כאָטש מיט איינע, צוויי ראיות.

איך וואָלט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם מחברס סטיליסטישע קונצן, וואָס דערפירן אים צו מאָדנע אומבאַגרינדעטע זאָגענישן, ווען זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, ווי דעם מחברס אַ שרייבערישער מאַנער, און מאַנעריזם איז אַ געוווינהייט, וואָס אַן ערנסטער שרייבער דאַרף זיך פון איר אויסהיטן, אַפילו ווען ער זאָל מוזן זיין אויף דער סאַמע שטרענגסטער סטיליסטישער דיעטע. מאַנע־ריזם מוז מען גובר זיין שוין פשוט דערפאַר, ווייל מען ריזיקירט, אַז דער לייענער

זאָל דערויף רעאַגירן נישט דווקא מיט אויפרעגונג, נאָר מיט עפּעס, וואָס איז אַ סך ערגער דערפון — מיט אַ געפיל פון נודנעקייט. און וואָלטער איז מן־הסתם געדערכט געוועזן, ווען ער האָט געזאָגט, אַז אַלע זשאַנערן אין דער ליטעראַטור זענען גוט, אַחוץ איינעם — דעם נודנעם.

ס׳פאַלט מיר נישט איין צו מיינען, אַז גאָלדקאָרנס עסייען זענען, חלילה, נודנע. כ׳האָב בלויז געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז מאַנעריזמען קאָנען קאַליע מאַכן דעם בעסטן שרייבערישן סטיל, וואָרעם זיי רופן אַרויס דאָס געשפּענסט פון נודאַטע.

גאָלדקאָרן איז אַריינגעטאָן אין זיינע סטיליסטישע קונצן און עס בלייבט ביי אים נישט אָפּגעהיט דאָס לשון, נישט פון דייטשמעריזמען און אויך נישט פון סתם רעדעריי, וואָס איז מליצה אויף אַלע לשונות.

אַ שרייבער ווי גאָלדקאָרן, אַ קענער פון לשונות פון דער וועלט־ליטעראַטור, דאַרף זיין אָפּגעהיט אויך מיט זיין אייגענעם מאַמע־לשון, און נישט נוצן „פאָרטראַגן" אַנשטאָט לעקציעס, „כאַראַקטעררייכער", וואָס איז קיין וואָרט נישט, „אויסגעאיבט", „אומפאַרניכטבאַר", „נאַכזיכטיקייט", „שיינבאַר" „כאַראַקטעריאַלאָגישע רופטורן" און ענלעכע דייטשמעריזמען און באַרבאַריזמען. ער טאָר נישט אויפשטעלן אַזעלכע שלעכטע יידישע זאַץ־בניגים, ווי „מע לויפט צו אים, ווי צו אַ וואַסער, וועלכע וואָס שעפן עס, מאַכן עס שמוציק".

און ער דאַרף זיך אויסהיטן פון מליצה. אַ „דעזערטיר פון די ברייטע שרייבערישע טראַקטן און טראַקטאַטן, פון דעם באַרעדעוודיקן דרך המלך", ווי יצחק גאָלדקאָרן באַצייכנט זיך אַליין אין זיין הקדמה צום בוך, דאַרף זיך היטן פאַר מליצה ווי פאַר פייער, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס די מיט געפיל און מיט געדאַנק נישט סאָליד איינגעדעקטע ווערטער זענען די פּאָליציאַנטן, וואָס ברענגען צוריק דעם „דעזערטיר" צו די ברייטע, אוי ווי ברייטע „שרייבערישע טראַקטן און טראַקטאַטן".

אָט איז, למשל, אַזאַ מליצה ווי אין דער היינע־עסיי „די מוזעס האָבן ליידנשאַפטלעך געקושט אויף די באַקן זייער פאַוואָריט און די חן־סימנים פון זייערע קושן זענען פאַרבליבן אין זיינע לידער... פאַראַן אין זיי: בלאָער נעפּל־טוי פון שוואַרצע וויינטרויבן און פרויען־אויגן, סאַמעט פון שמעטערלינג־פליגל, צוויטראַזיקייט, בלומען־פרישקייט...״

דער סאַמעט פון שמעטערלינג־פליגל אין היינעס לידער איז אפשר דאָס סאַמע נאָענטסטע צו אַן עכטן געפיל ביים לייענען היינען, אָבער עס איז לאַוו דווקא דאָס געפיל פון אַ „דעזערטיר", נאָר אַ פאַלנע רשות־הרבימדיקער סענטימענט.

ג

זשורנאַליזם און עסייסטיק

ביז איצט האָב איך געפּרוּווט קריטיש צו באַלויכטן פּרטים פון יצחק גאָלד־קאָרנס רעפּאָרטאַזשן וועגן אַ ריי באַרימטע געשטאַלטן פון דער וועלט־ליטעראַטור. אָבער די קריטישע פּרטים נייטיקן זיך אין אַ סך־הכלדיק וואָרט. שטעלט עס אונדז צו דער מחבר אַליין אין זיין הייגע־עסיי, וואָס איז מיט אַלע מליצהדיקע שטעלן, לעבן דער קורצער עסיי וועגן אַנאַטאָל פראַנס, איינע פון די סאַמע גערעכטנסטע. ער זאָגט דאָרט אין שייכות מיט קינסטלערישע און אומקינסטלערישע ליטעראַטור־זשאַנערן, אַז — „פּונקט ווי מאַנכע שרייבן מיט אייביקייט־שוווּנג וועגן טאָג־טעגלעכע זשורנאַליסטישע ענינים, אַזוי שרייבן אַנדערע זשורנאַליסטיש וועגן אייביקייט־ווערטן".

אויב איך זאָל פאַרבייטן גאָלדקאָרנס „אייביקייט־שוווּנג" מיט „עסייִסטיש" קאָן איך אָננעמען גאָלדקאָרנס קלאַסיפיקאַציע וועגן די צוויי מינים שרייבער. איך האָב נאָך אַ קימא לן מיט איין און צוואַנציק יאָר צוריק (זע מיין בוך: „דעטאַלן און סך־הכלען", ניו־יאָרק, 1943), געפּרוּווט צו כאַראַקטעריזירן דעם קינסטלערישן מחשבה־שרייבער, דעם עסייִסט, צום אונטערשייד פון דעם בעלעטריסט און צום אונטערשייד פונעם פּובליציסט.

דער עסייִסט, האָב איך צווישן אַנדערן געשריבן, איז דער אינדיווידואַליס־טישער טשודאַק אין דער פּראָזע. ער איז פאַרבליבן אַ פּאַרצייטישער פּוסגייער (ער גייט, אַזוי צו זאָגן, אויפן אייגענעם קאָפּ צו פוס). לויטן ליטעראַרישן זשאַנער איז דער עסייִסט צום נאָענטסטן צום רייזע־באַשרייבער. באַגלייך מיט אים איז דער עסייִסט אַן אומרויִקער אַרומוואַנדערער. צום אונטערשייד פון אים וואָגלט ער אַרום אויף די אייגענע זעלישע לאַנדשאַפטן. די עסייִסטישע פּראָזע איז, אַזוי אַרום, אויטאָביאָגראַפיש און אַלע מאָל אויטאָפּאָרטרעטיש, זעלבסט־געשטאַלטעריש. דער עסייִסט איז זאַכלעך און אינטערעסאַנט, ווען ער רעדט וועגן זיך אַליין.

אָבער דער עסייִסט הייבט זיך נישט אָן פון דער ערשטער פּערזאָן, פּונקט ווי דער אָנהייב פונעם ווילנער גאון איז נישט זיין לאַנגע ווייסע באָרד. דאָס תמציתדיקע ביי דער ערשטער פּערזאָן איז נישט אַזוי די פּערזאָן, ווי די פּערזענלעכקייט.

וואָס די פּאַסירונגען זאָלן נישט זיין, „אַקטועלע", אָדער „אייביקע", איז דער עסייִסט אַ שטענדיקער דעליקווענט ביי זיי. נישט ער יאָגט זיך נאָך די געשעענישן, כדי זיי אויסצופרעגן, נאָר ער לאָזט זיך פון זיי אויספרעגן. ער ראַנגלט זיך מיט זיינע ענטפערס נאָך פאָרעם און איבערלעבעניש.

נאָך אַט־די באַמערקונגען וועגן עסיי און עסייִסט, קאָן איך, דאַכט מיר, זאָגן, און נישט טאָן דערמיט קיין עוולה דעם שרייבער גאָלדקאָרן, אַז זיינע „קליינע

עסייען וועגן גרויסע שרייבער" זענען, צום טייל מער און צום טייל ווייניקער, געראָטענע, אימפּערסיאָניסטישע רעפּאָרטאַזשן וועגן גרויסע שרייבער מיט „אייביקע טעמעס", אָבער נישט קיין עסייען. אַ גוטער רעפּאָרטער וועגן „אייביקע טעמעס" איז ביי אונדז געווען א. אַלמי. גאָלדקאָרנען צו לאַנגע יאָר. אַלמי איז געווען ווייניקער אימפּרעסיאָניסטיש און מער רעאַליסטיש אין זיין רעפּאָרטאַזש, און דערפאַר האָט מען זיך אויף אים פון רעפּאָרטערישן שטאַנדפּונקט מער געקאָנט סומך זיין.

צו מאָל פאַרשווינדט גאָלדקאָרן דער רעפּאָרטער און עס אַנטפּלעקט זיך טאַקע דער עסייִסט. וואָס רעדט כלומרשט וועגן אַן אַנדערן און אין תוך וועגן זיך אַליין; וועגן זיין אייגענע נשמה־לאַנדשאַפט. אַזאַ עסיי איז, לויט מיין געשמאַק, די קורצע עסיי וועגן אַנאַטאָל פראַנס. איך הער גאָלדקאָרנען רעדן וועגן פראַנס' „אַנטיקע בוכהאַנדלונגען פאַזע דעם „קעי" פון דער סען; וועגן זיינע אַלט־פּאַר־שטויבטע פּאַליאַנטן, אין וועלכע ס'בליען די אומשטערבלעכע פלאַנצן פון מענטשלעכן גייסט"; און וועגן פראַנס „אַראָמאַט פון קולטור" און איך דערזע פאַר מיר אַ לעבעדיקן דעם ייִד פון לאָדזש, יצחק גאָלדקאָרן, וועלכן איך קאָן נישט פאַרזענען, און דערקאָן זיין אייגן געמיט און זיינע אייגענע בענקשאַפטן, וואָס אַנאַטאָל פראַנס האָט זיי, אַזוי צו זאָגן, „אויסגעכאַפּט" און זיי געגעבן אויסדרוק אין זיינע ווערק.

1964

פּסיכאָאַנאַליטישע קריטיק

אין אַ געוויסער מאָס איז אויך די קלאַסישע קריטיק אונדזערע (בעל־מחשבות און ש. ניגער) פּסיכאָאַנאַליטיש. בעל־מחשבות, וואָס גייט בדרך כלל אויף דער ליניע פון דער היפּאָליט טען־שול פּרווּווט אויפצוגראָבן די נאַציאָנאַלע און די שטייגערישע סביבה־מאָמענטן, וואָס זענען אַריין אין דעם שרייבערס בלאָ יודעים און קערעווען פון זייער פאַרהוילנקייט אַרויס דאָס שעפערישע געמיט און די פּען פון דעם דיכטער און פון דעם דערציילער.

ש. ניגער, ווידער, דער אָנהענגער פון סען־בעווס קריטישער שיטה, האָט באַגלייך מיט אים געזוכט און געפּאָרשט נאָך דעם „ריינעם געניוס" פון דעם שעפערישן יחיד. און דער „ריינער געניוס" איז אַ רעזולטאַט פון פּסיכישע עלעמענטן וואָס קומען בירושה און פון אַזעלכע, וואָס זענען אויפגעקומען אין דעם צונויפשטויס צווישן די איינגעבוירענע איבערלעבענישן און די באַגעגענישן מיטן אַרומזיך

און דער נשמה פונעם קינד, פונעם יונגלינג און פונעם דערוואַקסענעם מאַן. יעדער אַזאַ צונויפשטויס לאָזט איבער ווונדן, וואָס ווערן דערנאָך אויף אַ סובלימירטן אופן אַרויסגעבראַכט אין די ווערק פונעם שעפער.

אָבער סיי בעלי־מחשבות און סיי ניגער זענען אין זייער קריטיק בלויז ווייטע קרובים פון זיגמונט פרוידן. אין דער אמתן איז גאָר היינט צו טאָג נישט געמאָלט אַ קריטיק, וואָס זאָל זיך נישט אָנקערן ערגעץ ווו מיטן גאון פון פסיכאָאַנאַליז.

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו איז אין זיין בוך קריטישע עסייען „פון די טיפענישן" וואָס איז אַרויס אין בוענאָס־איירעס מיט אַכט יאָר צוריק נישט סתם אַ קרוב פון פרוידן, נאָר טאַקע אַ געזעל אין דער ליטעראַטור־קריטישער אָפּטיילונג פון דעם פסיכאָאַנאַליטישן וואַרשטאַט, וואָס זינט פרויד האָט אים געדאַנקלעך אויפגע־שטעלט האָט ער באַוויזן צו באַהערשן אַזוי פיל אַנדערע געביטן פון גייסטיקער פאַרשאַרבעט מחוץ דער מעדיצין.

אָנגעהויבן האָט גרשון סאַפּאָזשניקאָוו צו דרוקן זיינע פסיכאָאַנאַליטישע עסיי־ען אין דעם זשורנאַל „דער האַלץ־אינדוסטריאַל" וואָס איז געווען דער אָרגאַן פון די יידישע מעבל־פאַבריקאַנטן אין אַרגענטינע.

ביידע זאַכן זענען געווען ניי און בפירושע זעלטנקייטן אויף יידיש, אי דער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון מעבל־פאַבריקאַנטן, און אי די פסיכאָאַנאַליטישע אַר־בעטן פונעם רעדאַקטאָר גרשון סאַפּאָזשניקאָוו.

פון צייט צו צייט פרוווו איך מאַכן נאָטיצן פאַר אַן אַרבעט וועגן דער נאָכ־קלאַסישער קריטיק אונדזערער. האָב איך ביי דער געלעגנהייט מעיין געווען אין סאַפּאָזשניקאָווס עסייען־זאַמלונג און האָב בפירוש הנאה וואָס איך קען זאָגן בפה מלא, אַז די אַרבעטן וועגן יונה ראָזענפעלדן און וועגן שלום אַשן זענען נישט נאָר גוטע, נאָר טאַקע יסודותדיקע קריטישע אַרבעטן וועגן די דאָזיקע צוויי שרייבער אונדזערע.

גרשון סאַפּאָזשניקאָווס סטיל איז אַ סך מאָל צו דידאַקטיש און ער פאַרמאָגט נישט קיין גלאַנץ, אָבער זיין אַנאַליז איז סאָליד, קלאָר און איבערצייגנדיק. ווי אַ מוסטער פון יונה ראָזענפעלדס („דער גאון פון אינטויציע" רופט אים סאַפּאָזשני־קאָוו) דערציילונגען ברענגט סאַפּאָזשניקאָוו די מעשה מיט ר' דודן, דעם פּראָ־פעסיאָנעלן קדיש־זאָגער און זיין בת־יחידה, אַ פאַרזעסן מיידל.

איין מאָל נאָך דער אַרבעט, ווען רבקה איז געזעסן פאַרטאָן אין „אירע פאַר־נאַכטיקע שטימונגען פון האָפענונגסלאָזער בענקשאַפט" האָט זיך באַוויזן דער פאָטער ר' דוד און איר אַריינגעשטופּט אַ באַרנע אין האַנט אַריין.

און די באַרנע (מיר אין גאַליציע פלעגן זאָגן באַר) האָט דעם סודותדיקן כוח אויפצווויקלען דעם קנויל פון זכרונות ביי דעם פאַרזעסענעם מיידל און דורך די דערמאָנונגען אויפצודעקן ווונדן אין דער נשמה און זיי צו מאַכן פון דאָס ניי בלוטיקן און — צו טרייבן רבקהן צו זעלבסטמאָרד.

רבקה האָט באַשלאָסן נישט צו עסן די באַר און ס'איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק אויסצוגראָבן אַ גריבעלע און דאָרטן מקבר זיין די באַר. „זי האָט אַ געפיל, ווי זי וואָלט דאָרטן, אין דעם גריבעלע, אַ לעבעדיקע זאַך באַגראָבן, און ס'האָט זיך איר געגלוסט צו וויינען".

און די דערמאָנונג שפּינט ווייטער צוריק אויף צוואַנציק יאָר און ס'קומט אויף אַ ייִנגעלע, בערעלע, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן און ער איז, מן־הסתם, געווען דער זיווג אירער. און אין דער מיט פון אָט דער גריבלעניש אין זכרונות דערהערט רבקה אַ קרייזלדיקן „אל־מלא־רחמים", וואָס איר פאָטער האָט פאַר ווילקייט אַ זינג געטאָן און ס'דאַכט זיך איר, אַז דער שטילער אָן־ווערטערדיקער „אל־מלא"רחמים" איז פאַר דער באַגראָבענער באַרנע און פאַר דעם לאַנג דערטרונקענעם בערעלע"... און עס האָט זי אַ צי געטאָן צום טייך.

דעם פאָטערס מתנה — איז אונדז מסביר סאַפּאָזשניקאָוו — האָט געמאַכט נאָך טיפער און פיינלעכער די שווערע פסיכישע דעפּרעסיע און האָט דעם אינערלעכן קאָנפליקט געגעבן אַ טראַגישע ווענדונג.

סאַפּאָזשניקאָווס פּירוש, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט בקיצור, האָט זייער קלאָר און איבערציייגנדיק פאַרטייטשט, ווי אַזוי ביי יונה ראָזענפעלדן ווערן געשילדערט „די אינסטינקטיווע אימפּולסן וואָס קומען צום אויסדרוק אין די מעשים פון מענטשן און ווי אַזוי די אומבאַוווסטזיניקע עמאָציעס דרינגען אַריין און באַהערשן דאָס באַוווסטזיניקע לעבן".

עס איז אַ געראָטענע קריטישע עסיי. דאָס ליכט פון דער עסיי פאַלט אי אויף דעם טיפן שרייבער און אי אויף זיין קריטיקער און באַהעלט זייביידן.

אפשר נאָך אַן אינטערעסאַנטערע אַרבעט איז די עסיי „דעפענסיווע מיטלען" ווו סאַפּאָזשניקאָוו פּסיכאָאַנאַליזירט די אומבאַוווסטזיניקע ליבע פון דעם טאָקער־לערביינגל אין ראָזענפעלדס אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „איינער אַליין".

איך קאָן זיך אָבער אויף דער עסיי נישט אָפּשטעלן ווייל איך וויל, כאָטש בקיצור, דערמאָנען סאַפּאָזשניקאָווס אַרבעט וועגן שלום אַשן, וואָס דער באַרימטער ראָמאַניסט האָט זיך אויף איר אָפּגערופן אין אַ בריוו צום קריטיקער מיט גרויס אָנערקענונג און אים פאַרזיכערט, אַז „קיינער האָט זיך נישט פאַרטיפט אַזוי אין מיין אייגנאַרטיקייט, און קיינער האָט נישט באַהאַנדלט מיין שאַפן פון אַ מאָדערנעם שטאַנדפּונקט, אינטים און אינדיווידועל, ווי איר".

הגם איך האַלט אַז עס איז היפּש פּראָווינציעל וואָס משה שענדעריי זוכט אין זיין הקדמה צו סאַפּאָזשניקאָווס בוך סמיכה ביי אַנדערע קריטיקער און אַפילו ביים פּסיכאָאַנאַליזירטן שלום אַש אַליין, מוז איך דאָך מודה זיין, אַז אַש האָט וויניק וואָס מגזם געווען אין זיין התפּעלותדיקן לויב.

סאַפּאָזשניקאָוו רעדט אַרום באַריכות שלום אַשס מוטער־קאָמפּלעקס, אַנאַליזירט גרינטלעך די פּסיכישע דערפאַרונגען פון אַשס אַלטער עגאָ, זאַכאַרי מירקין, אין זיין

ראָמאַן „דריי שטעט" און קומט צום ריכטיקן אויספיר, מיט וועלכן איך וועל דערווייל פאַרענדיקן מיין פאַרצייכענונג וועגן סאַפּאַזשניקאָוון דעם קריטיקער, אַז —

„אַן ענלעכע קינדער־דערפאַרונג ביי שלום אַשן האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם אַפּעקטיוון טאָן און סטיל אין דער יידישער ליטעראַטור. נאָך דער אַגרעסיוועך מע־נערישקייט פון זיידע מענדעלע און דער פאַרזאָרגט פּאַטערלעכער תכליתדיקייט פון פּרצן איז דער שעפערישער טאַלאַנט פון אַשן אַ מער פעמינינער, אַ פּאַסיוו ראָמאַנ־טישער, אַן אידילישער, אַ צאַרטטרוימערישער און וויזיאָנערישער".

1966

ניגון פון בויבעריק

נישט נאָר יעדער שעפערישער מענטש, נאָר אויך יעדע מאָראַלישע און אי־דעישע ווילעניש האָט זיך איר אייגענעם ניגון.

איך בין אַן אַלטער פאַרער אין קעמפּ בויבעריק און האָב דאָרט פאַרבראַכט אַ סך פון מיינע אַמעריקאַנישע זומערן. איך האָב אין די אַלע יאָרן באַוווּנדערט דעם גרויסן אידעיִשן און מאָראַלישן אָנשטרענג פון לייבוש לעהרער ז"ל, צו גרינדן און אויסצובויען דעם זומערקעמפּ בויבעריק.

אויף אונדזער יידיש־סעקטאָר איז דער קעמפּ בויבעריק, אונטער לייבוש לעהרערס פירערשאַפט פון פינף און פערציק יאָר, געווען אַ מין „רעקאָנסטראַק־שאָניסט"־אינסטיטוט, וואָס האָט געפּרוווט איינשטעלן אַ קאָדעקס פון מינהגים, פון יידיש־טראַדיציאָנעלע פאָרמען, אויף צו העלפן אויפקשטעלן, ווו מעגלעך, אַ דאַמבע קעגן שטראָם פון קולטור־אַפּגעפרעמדקייט, וואָס פאַרפלייצט די קינדער פון די האַלבוועגס נאָך יידישע און, נאָך מער, פון די פולשטענדיק אַמעריקאַניזירטע שטובן.

איך האָב געזאָגט: אַ מין „רעקאָנסטראַקשאָניסט"־אינסטיטוט, ווייל ערגעץ ווו איז זיך לייבוש לעהרער ז"ל אין זיין געדאַנקענגאַנג וועגן יידישן לעבן און יידישער קיום־באַוואָרעניש צונויפגעקומען מיט דער יידיש־רעליגיעזער רעפאָרם־באַוועגונג אין אַמעריקע אין איר לעצטער נאַציאָנאַל אָריענטירטער פאַזע, און דערעיקרשט מיט דעם פילאָסאָף פון אידישקייט־ציוויליזאַציע מרדכי קאַפּלאַן, דעם פירער פון דער „רעקאָנסטראַקשאָניסט"־גרופּע.

פאַר די פינף און פערציק יאָר איז לייבוש לעהרער געווען אַ מין רב אין דער קהילה בויבעריק, וואָס האָט געהאַט די אידעישע דרייסטקייט און די נייטיקע מאָראַלישע תקיפות מתקן צו זיין תקנות. (נישט איין מאָל טראַכט איך, אַז אין דער

אידעישער עקשנות פון אונדזערע אָרטאָדאָקסישע רבנים איז צום טייל שולדיק דאָס וואָס ז ייפּאַרמאָגן בלויז מאָראַלישע תקיפות, אָבער עס פעלט זיי דאָס נייטיקע פּאָרל דערצו: אידעישע דרייסטקייט).

לייבוש לעהרערס „מורה־הוראהדיקע" תקיפות און אמונה אין זיינע תקנות האָט געוואָרעמט און יידיש אָנגעוואָרעמט די עטלעכע טויזנט יינגלעך און מיידלעך, וואָס זענען דורכגעגאַנגען „בויבעריק". אַ גרויסער טייל פון די היינט שוין דער־וואַקסענע מאַנסבילן און פרויען קומען צוריק זומער קיין בויבעריק און שיקן אַהין זייערע קינדער. עס ברענגט זיי אַהין צוריק דער פאַרלאַנג פון דאָס ניי איבער־צולעבן דאָס קהילה־געפיל, וואָס לייבוש לעהרער האָט אין זיי איינגעפלאַנצט.

דער גרויסער אויפטו פון בויבעריק פאַר די „בויבעריקאַנער", די זיידעס, די זין, וואָס זענען שוין היינט טאַטעס, און די אייניקלעך, וואָס זענען שוין היינט צו טאָג די מדריכים פון די אוראייניקלעך, איז נישט אַזוי די יידישיזירונג, ווי די קהילהזירונג. לייבוש לעהרער האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ מין מיניאַטור־מוסטער פון אַ וועלט־לעך־יידישער קהילה. איך שטרייך אונטער קהילה, וואָרעם יאָ אָדער נישט מסכים מיט דער אָדער יענער תקנה, איז בויבעריק אַ וועלטלעכע קהילה, וואָס טראָגט אויף זיך דעם עול פון תקנות. אפילו דער פאַרבאָט צו שפּילן קאָרטן גיט עפּעס צו צו דער קהילהדיקייט.

דער געדאַנק פון בויבעריקס קהילהדיקייט איז פאַר מיר שוין לאַנג קלאָר. איצט איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען דער ניגון פון דעם דאָזיקן געדאַנק. איך האָב איצט פאַרשטאַנען דעם געמיט־צושטאַנד אי פון דעם מורה־הוראה מיט זיינע תקנות און אי פון די תקנה־טרעגערס — דעם געמיט־צושטאַנד וואָס האָט געבוירן דעם פאַרלאַנג און דעם גלוסט נאָך קהילהדיקייט.

פאַר אַ יאָרן זומער האָט נאָך לייבוש לעהרער, אַ טויטקראַנקער, ווי ער איז געווען, רעגירט אין בויבעריק און געהיט מיט די לעצטע כוחות יעדן „קוצו של יוד" פונעם בויבעריק־סטיל. ער האָט נאָכן אומקער קיין ניו־יאָרק געלעבט בלויז געציילטע טעג. צו מאָרגנס נאָך יום־כיפור (דעם 17טן סעפּטעמבער 1964) האָט ער זיך פון אונדז אָפּגעטאָן.

היי־יאָר זומער האָבן די ממשלה אין בויבעריק איבערגענומען דעם מורה־הו־ראהס תלמידים, די בויבעריקאַנער גופא. לייבוש לעהרערס אָרט פון דירעקטאָר האָט פאַרנומען דער פּראָפעסאָר פון קווינס־קאָלעדזש יוסף לאַנדיס, וואָס איז אַליין אויפגעוואַקסן אין בויבעריק.

אין איינעם אַ שבת אין דער פרי האָט דער נייער דירעקטאָר גערופן אונדז (די קעמפּערס און די געסט) אין דער אודיטאָריע אויף דער קינדערזייט צו אַ שטיקל יום־טוב. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קליינע, שטילע און סטיליסטיש געשליפענע צערעמאָניע. דער נייער דירעקטאָר האָט פּראָקלאַמירט, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט די אודיטאָריע הייסן: „לייבוש לעהרער־אודיטאָריע".

דאָס איז איינס. און שנית, אַז דאָס ליד „איז אַ קבצן אַ מאָל געווען", פונעם בויבעריק־לידערבוך, וועט מהיום והלאה טראָגן דעם נאָמען: „לעהרערס ניגון".

און מען האָט געזונגען „לייבוש לעהרערס ניגון". די ווערטער צו דעם ליד האָט געשריבן טאַקע לייבוש לעהרער און די מוזיק האָט געמאַכט לאַזאַר ווייגער. מען האָט געזונגען דאָס ליד אין יידישן אָריגינאַל און אויך דעקלאַמירט עס אין ענגלישער איבערזעצונג, און מיר איז פון די ווערטער און פון דער מוזיק קלאָר געוואָרן, אַז דער געמיט־צושטאַנד, פון וועלכן עס איז אַרויסגעוואַקסן קהילה בויבעריק איז געווען דער וועלטלעך פאַראָרעמטער ייד וואָס האָט געגאַרט נאָכן ווונדער פון עפּעס אַ חברותאדיקייט, נאָך עפּעס אַ פּריווילּיק געזעלצלעכער חברותאדיקייט, וואָס זאָל זיין במקום רעליגיע און במקום קהל.

„לעהרערס ניגון", וואָס מען האָט אים ביי יענעם יום־טוב, שבת אין דער פרי, אין דער קינדער־אוידיטאָריע געזונגען, און וואָס די געסט אין איינעם מיט דער קינסטלער־טרופּע זינגען אים מיט התלהבות יעדן פרייטאָג צו נאַכטס צום עונג שבת אין דעם טעאַטער־זאַל — אָט דער ניגון איז מסביר אי די צערודערונג פון אַ דור, אי זיין זוכעניש פון ווונדער און ביט צו לעצט דאָס באַגנוגענען זיך מיט די געפונענע „ווונדער", וואָס זענען נישט מער ווי אָפּגעקילטע פונקען פון דעם הייסן יידישן ריטואַל־און קהילה־פלאַם.

האָט געשריבן לייבוש לעהרער ז"ל, אונטערן פסעוודאָנים מאַגיסטער, אין זיין ליד, וואָס איז איצט פראָקלאַמירט געוואָרן אָפיציעל ווי דער ניגון פון בויבעריק —

„איז אַ קבצן אַ מאָל געווען,
פלעגט ער נאָר מיט גאָט זיך קריגן.
ווונדער איבער ווונדער האָט מיט אים געטראָפן,
ווען ער האָט געזונגען מיט אַזאַ מין ניגון:
טשירי־בים, באָם, באָם".

קורץ און קלאָר: מיר דערקענען אים, דעם פון יידישן שטייגער אָפּגעריסענעם „קבצן" אין דער אימיגראַנטישער אַמעריקע, וואָס „פלעגט נאָר מיט גאָט זיך קריגן" און האָט אין דעם דאָזיקן קריג אָנגעווירן נישט בלויז די וואַרעמדיקייט פון דער שבתדיקער שול, נאָר אויך דאָס חברותא־געפיל פון אַ וואָכעדיקן „שבת אחים גם יחד".

דער וועלטלעכער ייד אין אַמעריקע האָט נישט געהאַט קיין וועלטלעך „שטיבל". ער האָט זיך איינגעקויפט אַ סך רעשיקע פאַרזאַמלונגען, אָבער איז געבליבן אָן דער אינטימקייט פון אַ מאָן. אפילו די בר־מצווהס און, נישט דאָ געדאַכט, די לוויות אין דער יידישער אַמעריקע, האָבן פאַרלוירן זייער אינטימקייט (אָן אינטימקייט איז דער גייסט אין גלות!) און זענען געוואָרן רעשיקע פאַרזאַמלונגען מיט אָפּעַרעטישע צערעמאָניעס און באַנקעט־רעדעס.

לייבוש לעהרער האָט מיט זיין מיניאַטור־קהילה בויבעריק געפּרוּווט זיך אָפּרייסן פון דעם פאַרזאַמלונג־רעש און פון דעם געקריג מיט גאָט און שאַפן אַ ביסל אינטימקייט אויפן וועג צוריק צו גייסט און צו געזעצלעך איינגעשטעלטן קהל.

עס איז אַ פּרוּוו, אַ מיניאַטור־פּרוּוו, אָבער קהל קאָן געהאָלפן ווערן בלויז פון וואָס מער אַזעלכע מנינים, אין וועלכע עס ווערט אויפגעהיט אויב נישט טאָקע די יידישקייט פון אונדזער אַמאָל, איז דאָס „כנסת־ישראל״־געפיל פון יענע יאָרן.

איך חזר איבער: דאָס „כנסת ישראל״־געפיל, דאָס קהילה־געפיל איז אַרויס־געוואַקסן פון דער חברותאדיקער אינטימקייט צווישן די יידן אין שטעטל. ווען מיר זאָגן „שטעטל־קולטור״ מיינען מיר יענע קהלדיקע אינטימקייט, וואָס איז אַ הויפּט־עלעמענט פון אַ גייסטיקער געזעלשאַפט.

ווי מיט די סקווערער און באָבאָווער חסידים, וואָס האָבן אונטער דער פירער־שאַפט פון זייערע רביים געפּרוּווט בויען באַזונדערע קוואַרטאַלן אין דער ווילד־גרוי־סער ניו־יאָרק, כדי איינצוהאַלטן די אינטימקייט פון זייער חסידישער סביבה, אַזוי האָבן די בויבעריקאַנער אונטער דער אָנפירונג פון לייבוש לעהרער געמאַכט אַ פאַרזוך פון שאַפן אַ קליינע וועלטלעכע חברותא אין די צען זומערוואָכן פונעם יאָר, כדי זיך אָנצוכאַפּן ביי דער יידישער קהילה־אינטימקייט, וואָס זי איז געווען דער יסוד פון יידישן לעבן.

און לייבוש לעהרער האָט געפילט, אַז פּטור בלא כלום איז זיין פּרוּוו נישט געבליבן —

„וואונדער איבער וואונדער האָט מיט אים געטראָפן,
„ווען ער האָט געזונגען, אָט אַזוי געזונגען:
„טשירי־בים, באָם, באָם״.

אַ פּונק, און נישט נאָר איין פּונק פון קהילהדיקייט און ממילא אויך פון יידיש־קייט איז געבליבן לעבן אין דעם זומערקעמפּ אויף דער היגלדיקער לאַנדשאַפט אַרום דעם שטעטל ריינבעק אין דער מדינה ניו־יאָרק.

יצחק יאַנאַסאָוויטשעס ליטעראַרישע פּאָרטרעטן

דער גרויסער אויפטו פון יצחק יאַנאַסאָוויטשעס בוך „מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד״ באַשטייט, לפי דעתי, דעריך, וואָס ער האָט אונדז געגעבן נישט בלויז זעקס געראָטענע, און מער געראָטענע, איינצל־פּאָרטרעטן, נאָר ער האָט דורך די

זעקס שרייבער־געמעלן אויך באַוויזן אַרויסצוברענגען דאָס כוללדיקע סאָציאַלע און פּסיכישע בילד פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור.

עס איז דאָס בילד פון אַ זומפּפעלד, ווו יעדער שפּאַן איז אַ סכנה און אויף יעדן טראָט לויערט דער טויט דורך פאַרזינקעניש.

„אין די סאָוועטישע באַדינגונגען — זאָגט יאַנאַסאָוויטש אין זיין דוד האָפּ־שטיין־פּאָרטרעט — איז זייער גוט געווען צו האָבן דאָס פּנים פון אַ תם, אַ פּנים וואָס זאָגט אויף אַלץ אָמן, אַ פּנים וואָס איז מבשר דער וועלט: מיין באַלעבאָס טראַכט נישט דאָס וואָס מען טאָר נישט. אַ סימן האָט איר — ער טראַכט בכלל נישט".

אָבער דאָס איז ווייט נישט תמיד געווען אַ סגולה. „רוסלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט (די סאַטעליטן־לענדער, פאַרשטייט זיך, אַריינגערעכנט) ווו מען אַרעסטירט און מע פאַרשיקט מענטשן קיין סיביר צוליב אַ חשד, אַז זיי האָבן שלעכטע כוונות". מע פאַרשיקט אַ מענטש קיין סיביר, ווייל „אויב ער האָט אַפילו נאָך איצט נישט קיין שלעכטע געדאַנקען וועגן דער מאַכט, איז ער אָבער מסוגל זיי צו האָבן און דערפאַר איז בעסער, אַז ער זאָל זיך געפינען אין די טונדרעס פון סיביר".

עס האָט סוף־כל־סוף גאָרנישט געהאָלפן. צי מע האָט געהאַט די גאָב צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ תם און אין געוויסע, באַזונדער געפערלעכע סיטואַציעס טאַקע צו זיין אַ פאַלנע תם, אָדער מע איז געווען באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט דער פעיקייט צו „ריידן, אַז ס'זאָל זיין דאָס זעלביקע וואָס געשוויגן און צו שווייגן, אַז מע זאָל עס קענען אָננעמען ווי גערעדט" — ס'איז געווען אַלץ איינס. קיינער האָט נישט געקאָנט אויסמיידן אַריינצופאַלן און אומצוקומען אין דעם סאָוועטיש־פּאָלי־טיישן זומפּ. דער תמעוואַטע רעדער און אויף גאָטס באַראָט גייער דוד האָפּשטיין; דער ניכטערער שוויגער און ראַפינירט טאַקטישער אַרומשפּרינגער איציק פעפער; דער היפּש טעמפּער גלייבער לייב קוויטקאָ און דער שטענדיקער היפּערפּאַטריאָט דוד בערגעלסאָן; דער פון דער ליטעראַטור כמעט אָפּגעשיידטער, דער נסתר, און דער מיט פּאַעטישן חן ברויזנדיקער פּרץ מאַרקיש — אַלעמען האָט דערגרייכט די האַנט פונעם סטאַליניסטישן תליין.

ווען איך זאָל דאַרפן בקיצור, אין עטלעכע ווערטער, איבערגעבן דעם סיפּור־המעשה פון יאַנאַסאָוויטשעס פּאָרטרעטן, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער האָט אויף די דריי הונדערט און צוואַנציק זייטן פון זיין בוך געשריבן אַן עפּאָפּייע וועגן זעקס יידישע מענטשן, וואָס האָבן געפּרוווט ראַטעווען קודם־כל זייער שרייבעריש לעבן, דערנאָך דאָס נאַקעטע מענטשלעכע לעבן און — האָבן נישט מצליח געווען, האָבן נישט געקאָנט מצליח זיין, ווייל עס איז איבער אַ מענטשנס כוח צו קעמפן מיט דער אידעאָלאָגיש־פּאָליטיישער און אידעאָלאָגיש־רוצחישער קרעמל־פּאָליטיק. און אָפּ־געמאָלן האָט יאַנאַסאָוויטש די דאָזיקע אידעאָלאָגישע, פּאָליטיישע און רוצחישע

פּאָליטיק מיט אַלע אירע האַידוקישע ברוטאַלקייטן און אויך מיט אַלע אירע פּסיכי־שע אכזריותן — סוגעסטיוו און דין.

די טראַגישסטע פון די זעקס זענען בלי ספק געווען דוד בערגעלסאָן און איציק פעפער. זייער טראַגעדיע איז געווען די געדיכטסטע, ווייל זי איז געווען פול מיט קאָמיזם. זייער טראַגעדיע איז געווען די צום ווייניקסטן דערהויבענע. זי איז געווען בלויז אַ דערשרעקנדיקע, ווייל עס האָט די קעמפער געפעלט דער כאַראַקטער־מעטאַל, וואָס לאָזט זיך הערן טראַגיש, ווען ער ווערט צעבראָכן פון גורל. זייערע קאָמפּסמיטלען זענען געווען צו נישטיק פאַרן טראַגישן פאַרמעסט. בערגעלסאָן און פעפער זענען געווען לגמרי אַנדערש ווי, למשל, דער נסתר און לייב קוויטקאָ. פון דעם נסתר איז אָפּגערעדט. ער האָט אין דער יידיש־ליטעראַרישער סביבה געלעבט אין אַ היפּשער מאָס ווי לוזי מאַשבער, דער העלד פון זיין „די משפּחה מאַשבער״.

דעם נסתרס טראַגעדיע איז געווען די סאַמע דערהויבנסטע, וואָרעם ער האָט געקעמפט קעגן אַ העכערער מאַכט ווי די דרויסנדיק סאָוועטישע מלכות מיט אירע גזירות. דער נסתר האָט זיך געראַנגלט מיט אַ סך אַ געפערלעכערן שונא. זיין געראַנגל איז געווען מיטן „שר של שכחה״, וואָס האָט געלויערט אויפן נאַציאָנאַלן געדעכעניש און געמיט פון די יידיש־שעפער אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער שר של שכחה, וואָס אויף מאָדערנעם לשון איז ער אידענטיש מיטן אָנווער פונם חוש פאַר פאָלקס־געשיכטע, האָט זיי געוואָלט מאַכן פאַרגעסן „וואָס מיר זענען געווען און וואָס מע האָט פון אונדז געמאַכט״. ער האָט פאַרשטאַנען, דער נסתר, דער וווּנדער־לעכער שרייבער און ייד, אַז אויב מע וועט „חלילה דאָס אויך פאַרגעסן — אויף וואָס וועלן מיר האָפן, מיט וועלכן בטחון וועלן מיר לעבן?״

און יאַנאַסאָוויטש האָט נישט בלויז באַהאַלטן אין זכרון דעם זין פון דעם נסתרס טראַגישן איבערערעד מיטן גורל, נאָר ער האָט דעם דיאַלאָג אויך קינסטלע־ריש סטיליזירט.

ווען יאַנאַסאָוויטש גיט אונדז איבער דעם נסתרס רייד וואָס „אָן אַנדערש מאָל פלעגט ער זאָגן״ אַז —

„אַ יורד, וואָס געדענקט נאָך זיין אַמאָליקע גדולה האָט נאָך אַ האָפענונג, אַז זיין מזל וועט זיך אומקערן צום בעסערן. אַז מיר וועלן אָבער זיצן ווי דער וואָרעם אין כריין און מיינען, אָדער לאָזן זיך איינרעדן, אַז ס׳איז ביי אונדז אַלע מאָל אַזוי געווען, אָדער אַז ס׳איז אונדז נאָך אַפילו בעסער ווי אַ מאָל, וואָס פאַר אַ גוטס קענען מיר שוין דערלעבן?״ — ווייזן מיר, אַז ער קאָן נישט האָבן פאַרגעדענקט דעם נסתרס רייד וואָרט ביי וואָרט און אַז דער זאַץ איז, אַזוי צו זאָגן, נישט קיין פאָטאָ־גראַפירטער, נאָר אַ פאַרטרעטירטער, אַ געשטאַלטיקטער. אָבער דאָס מאַכט יאַנאַ־סאָוויטשעס דערגרייכונג אין זיינע געראָטענע פאָרטרעטן (און דער פאָרטרעט פון דעם נסתר איז איינער פון די סאַמע געראָטנסטע, אויב נישט דער געראָטנסטער) נאָך גרעסער. קונסט איז משמע נישט אַזוי אַ באַשרייבונג און אַ שילדערונג פון

איינעם וואָס איז דאָרט געווען, נאָר מער פון אַזאַ איינעם, וואָס גלייך ער וואָלט דאָרט געווען. יאַסאַנאָוויטש איז נישט בלויז דאָרט געווען און געזען דיווירקלעכע מאָדעלן, נאָר ער האָט זיך אין זיינע פּאָרטרעטן אַ סך מאָל דערהויבן צו דער מדרגה פון גלייך ער וואָלט דאָרט געווען, זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג. אַזאַ פּאָרטרעט ווי פון דעם נסתר איז נישט בלויז ראַיעל געשריבע־נע מעמואַריסטיק, נישט נאָר סאָלידע היסטאָריאָגראַפיע, נאָר אויך קינסטלעריש געשטאַלטיקטע און דערפאַר געדויערדיק וואָרע דראַמע צווישן אַ גייסטיק עכטן ייד און דער גראָבער אומעכטיקייט פון צייט און סביבה.

דערפאַר איז פאַרשטענדלעך, וואָס דער נסתר האָט געקאָנט גובר זיין אין זיך דעם יצר־הרע פון עולם־הזה און פון שרייבערישן דערפאָלג. ער האָט ביי זיך געפּו־עלט צו לעבן אין אָרעמקייט און אַפילו נישט צו זיין ראוי פאַר אַן אויסצייכענונג מיטן לעגין־אָרדען. אין דעם נסתר האָט יאַנאַסאָוויטש געזען „דאָס געשטאַלט פון אַ ייד, וואָס לעבט פאַר יידישקייט און ליידט פאַר יידן” און ער האָט זיין זעונג באַענט געבראַכט צום לייענער פון זיין בוך.

אָבער אויך אַזאַ איינער ווי לייב קוויטקאָ, וואָס האָט אין זיך נישט געהאַט גאָרנישט פון דעם נסתרס יידישער דערהויבנקייט, האָט פאַרמאָגט זיין אייגנס פסיכישע עלעמענטן, וואָס האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין אַ טראַגישער פּאָזיציע צו סאָוועטישער צייט און סביבה. קודם איז ער אין מיטן פון אידעאָלאָגישער און געזעלשאַפטלעכער רישעות און ביטול צו מענטש געווען „דער גוט־מוטיקער, גלייביקער, הילף־גרייטער און גלייכגעוויכטיקער מענטש, וואָס זיין אומפּאַרעג־דערלעכקייט און סטאַבילקייט האָבן עדות געזאָגט אויף זיין גראָדליניקן און פעסטן כאַראַקטער”.

אייגנטלעך איז שוין גראָדליניקייט און פעסטער כאַראַקטער אַליין גענוג אויף צו קומען בלא יודעים אין אַ קאָנפליקט מיטן אָרום, זיך נישט ווילנדיק טראַגיש צו פאַרמעסטן און באַזיגט צו ווערן. אָבער לייב קוויטקאָ, ווי יאַנאַסאָוויטש מאָלט אים, איז געווען נישט בלויז אַ גראָדליניקער מענטש און אַ מין נחום איש גמזו־געשטאַלט, וואָס איז צופרידן מיט דעם ווי ס׳איז, ווייל ס׳איז אַלץ בעסער ווי ס׳האָט געקאָנט זיין, נאָר ער איז אויך געווען (און דאָס איז דער עיקר) אַ גאַנצער און פולער מאמין אין דער להלכהדיקער און למעשהדיקער בעסערקייט פונעם סאָוועטישן רעזשים. גאָט האָט קוויטקאָן „באַשענקט מיט אַן אינערלעכער זעלישער גאַנצקייט, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ פונק פון פיליסטערישער טעמפּקייט און אויך אַ ניצוץ פון הימלישער תמימות”.

און אמונה, ליידנשאַפטלעכער גלויבן, איז אין זיין עצם מהות קעמפעריש און פול מיט דראַמע אַפילו ווען דער גלויבן איז על־פּי דרויסנדיקער התנהגות נישט פריי פון אַ ביסל פיליסטערישער טעמפּקייט. „קוויטקאָ — זאָגט יאַנאַסאָוויטש נאָך אַ דבר בשם אומרו — איז געווען איינער ביי גאָט. ער וואָלט אַפילו אין גיהנום

אויך געקאָנט הנאה האָבן פון די פלאַמען". און איך בין מוסיף אַז „הנאה האָבן פון פלאַמען" מיינט אין תוך זיך ראַנגלען מיט זיי, מיינט טראַגיש מיט זיי קעמפן און זיגעריש באַזיגט צו ווערן.

*

אויב עס רייסט נאָר נישט איבער דעם אַרכיטעקטאָנישן גאַנג פון מיינע שורות בין איך אַלע מאָל גרייט צו ציטירן יאַנאַסאָוויטשעס גוטע און צוגעשפּיצטע דעפּי־ניציעס און אויך זיינע גוטע זאָגענישן, ווייל איך האַלט, אַז אַזעלכע ציטאַטן זענען, ווען מען שרייבט וועגן אַן עסייִסט, פּונקט אַזוי נייטיק ווי ברענגען שורות פון אַ ליד, אָדער טאַקע גאַנצע לידער, ווען מען שרייבט וועגן אַ דיכטער. די ציטאַטן, אויב זיי זענען ריכטיק צוגעקליבן, ריידן נישט בלויז מיט דער שפּראַך פון עדות, נאָר מיטן לשון פונעם „באַשולדיקטן" גופא. און אויב נאָר נישט די רייד פונעם באַשולדיקטן אויף דער הייסער מינוט, זענען זיינע אָפּגעקילטע, פריער צוגעגרייטע און דורכגעטראַכטע רייד די בעסטע טענה אין אָנגעזיכט פון אַלע בית־דינס.

און ווען איך ציטיר יאַנאַסאָוויטשעס דעפיניציעס און זאָגענישן וויל איך דער־מיט אונטערשטרייכן די טראַכטערישע און שרייבערישע געניטשאַפט פון זאַץ און פאָרמולירונג אין זיינע פּאָרטרעטן. עס איז כמעט דורכויס נישט פאַראַן קיין מיט דער לינקער האַנט געשריבנקייט אין יאַנאַסאָוויטשעס בוך. ער באַהערשט דעם געדאַנק און די פאָרמולע סיי ביי דער פּסיכאָלאָגישער פּאָרטרעטירונג פונעם שריי־בער און סיי ביי דער קריטישער כאַראַקטעריזירונג פון זיין ווערק.

אין דער הקדמה צו זיין בוך בעט זיך ביי אונדז יאַנאַסאָוויטש מיר זאָלן דאָרט נישט זוכן קיין ליטעראַריש קריטישע אָפּהאַנדלונגען אָדער אָפּשאַצונגען וועגן ווערק. אוודאי איז ער גערעכט מיט זיין בקשה. מיר זוכן טאַקע נישט עפּעס, וואָס ער האָט לכתחילה נישט געקלערט צו שרייבן. אָבער פון דעסטוועגן איז אַ מצווה אָנצוווייזן, אַז איבער דער ברייט פון די זעקס פּאָרטרעטן זענען צעוואָרפן גוט דורכגעטראַכטע און גוט פאָרמולירטע ליטעראַטור־קריטישע מיינונגען, וואָס לאָזן אונדז הערן, אַז מיר מעגן פון יאַנאַסאָוויטשן דעם פּאָעט און פון יאַנאַסאָוויטשן דעם עסייִסט דערוואַרטן אויך אַ בוך ליטעראַטור־קריטיק, וואָס אויב מע זאָל משפטן לויט אַ טייל פון זיינע קריטישע מאמרים אין דער בוענאָס־אײַרעסער „די פּרעסע" און אויך לויט די קריטישע פּאַראַגראַפן, וואָס זענען פאַראַן אין די איצטיקע פּאָרטרעטן, וואָלט כדאי געווען אַז אַזאַ בוך זאָל וואָס גיכער דערשיינען.

אַזוינע לענגערע און קירצערע טרעפיקע קריטישע באַמערקונגען, אי אייגענע און אי בשם אומרים (נישט כותבים, וואָס דאָס מיינט לכל הפחות האַלב אייגנס) זענען פאַראַן אין דעם כאַראַקטער־פּאָרטרעט פון קוויטקאָ, אין דעם געמעל פון איציק פעפערן און אויך אין די איבעריקע עסייען.

און אַז איך האַלט שוין ביי יאַנאַסאָוויטשעס גוטע זאָגענישן און אַפאָריסטיש

און אָפּט אויך עפּיגראַמאַטיש טרעפיקע באַמערקונגען מוז איך זאָגן, אַז מיר איז אַ חידוש אויף יאַנאַסאָוויטשן, וואָס אין אַ טייל פון זיינע עסייען, דערעיקרשט אין די ערשטע פון בוך, כאַפּט זיך צו אים אַריין אַן אופן שרייבן, וואָס דערמאָנט אין ד״ר מוקדונין ע״ה.

איך בין שולדיק דאָס קלאָרער צו מאַכן. דער פאַרשטאָרבענער יידישער טעאַ־טער־און ליטעראַטור־קריטיקער ד״ר מוקדוני האָט זיך געהאַט אַ מאַניער שרייבן, וואָס איז באַשטאַנען אין צעשפּאַלטן אַ געדאַנק אין האַלבע און אין פערטל ניואַנסן און דעם צעשפּאָלטענעם געדאַנק אויסצושטעלן אין שורות איינס נאָך ס׳אַנדערע ווי אין אַ ליד.

ד״ר מוקדוני ע״ה פלעג אַ סך מאָל אַריינפאַלן אין אַ טעות. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערסיפיצירט ניואַנסן, בעת אין דער אמתן האָט ער זיי בלויז מיט אַנדערע ווערטער און אין אַן אַנדערן צוניפשטעל פון ווערטער איבערגעחזרט.

קאָן זיין אַז אין אַט דער „ווערסיפיצירונג״ איז געלעגן מוקדוניס שרייבערישער חן, וואָס אַ טייל פון די לייענער האָבן געסמאַקעוועט. אָבער פון שטאַנדפּונקט פון שעפערישקייט איז דער שרייבער גאָר עובר דערביי אויף אַ „בל תשחית״. ווער־טער האָבן אַ רעכט געניצט צו ווערן בלויז ווען עס איז נויטווענדיק זיי צו ניצן. פאַרשווענדונג פון ווערטער איז פונקט ווי קאַרגער געשטאַמל אַן אַנטי־קינסטלע־רישער, אַן אַנטי־שרייבערישער פּרינציפּ.

איך זאָג אַז יאַנאַסאָוויטשעס מאַניער דערמאָנט אין מוקדוניס, ווייל איך וויל דערמיט אָפּהיטן די כראָנאָלאָגיע, דעם מוקדם ומאוחר. אָבער למען האמת מוז גע־זאָגט ווערן, אַז ביי יאַנאַסאָוויטשן פּאַסירט כמעט דורכויס נישט קיין איבערחזרונג פון געדאַנק־ניואַנסן. הינטער דער ווערסיפיצירונג פון זיינע שורות שטייען תמיד האַלבע און פערטל ניואַנסן פון אַנדערשקייט. אָבער אפילו ווען די דאָזיקע קליינע צוגאָבן און הוספות וואָלטן טאַקע געווען וויכטיק גענוג, אַז מען זאָל זיי באַווייזן באַזונדערע ווערטער און שורות, האָבן זיי אַלץ נישט קיין באַרעכטיקונג זיך אויס־צושטעלן אַזוי, אַז מע זאָל זיי למען השם דערזען. דאָס געדאַנקלעך־קרעפּטיקע און ראַפינירט־צוגעשפּיצטע אין יאַנאַסאָוויטשעס פאָרמולעס און דעפיניציעס דערזעט מען באַלד און מיטן פרייען אויג. זיין שרייבערישע בעלי־בתישקייט איז אַ סאָלידע, אַ בוכהאַלטעריש גוט קאָנטראָלירטע און די מינדסטע וואָרט־פאַרשווענדונג דאַרף ביי אים פאַררעכנט ווערן ווי אַ „רבב על בגדו״, ווי אַן עבירה קעגן עיקר־פּרינציפּ פון שעפערישן וואָרט, קעגן צימצום.

די פּאָרטרעטן פון איציק פעפערן און דוד בערגעלסאָנען זענען די סאַמע טרוי־עריקסטע אין בוך. איציק פעפער איז אונטער יאַנאַסאָוויטשעס פעדער אויסגעוואַק־סן צו אַ פּושע־פיגור, ווי מיר קענען זי פון דער געשיכטע און פון סטעפּאַן צווייגס פּושע־ביאָגראַפיע. דאָס פּסיכאָלאָגיש דינסטע אין דעם פעפער־פּאָרטרעט איז בלי ספק זיין דראַמאַטישע באַגעגעניש מיט יידישע צרות, וואָס ער וויל זיי אויסמיידן

און זיך פון זיי נישט־וויסנדיק מאַכן און זיי יאָגן אים דווקא נאָך און ווילן אים מאַכן פאַר זייער שליח־ציבור.

אוודאי האָט צו מאָל געהאָנגען אַ טראַגיש ליכט איבער איציק פעפערן, אָבער בלויז אויף אַזוי פיל איז דאָס ליכט געווען טראַגיש, מוז מען מסכים זיין מיט יאַנאַסאָוויטשן נאָכן איבערלייענען דעם פאָרטרעט, אויף וויפל „דאָס ליכט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין אים פון דער גורלדיקער טראַגיק פון רוסישן יידנטום".

און דוד בערגעלסאָן, דער גרויסער יידישער פּראָזע־מייסטער, איז מיט זיין שטענדיקן געיעג זיך סאָוועטיש צו כשרן, וואָס האָט אים שלים־שלימזלדיק געמאַכט נאָך מער טריפה, געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד „אין אַ לאַגע פון קאָמישקייט, אין אַ מעמד פון לעכערלעכקייט, אין אַ סיטואַציע פון נעבעכדיקייט".

ס'האָט בערגעלסאָנען געפעלט, ווי שוין געזאָגט, טראַגישער כאַראַקטער. יאַנאַסאָוויטש שרייבט וועגן דעם מיט טרויער און מיט ליבשאַפט.

אויב ס'איז נייטיק ביים סוף צו זאָגן אַ סך־הכלדיק וואָרט וועגן גאַנצן בוך, זאָג איך עס גערן: ס'איז אַ בוך פון ראַפינירטער מענטשן־אָבסערוואַציע, ס'איז אַ קלוג און טרויעריק בוך.

אברהם קריבס געזאַנג צו ליטע

א

וועגן דער עסיי „ליטא מכורתי" (מיין היימלאַנד ליטע), וואָס דער באַוווּסטער העברעישער דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער אברהם קריב האָט אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם, אין דעם תל־אביבער פאַרלאַג „מנורה", ווילט זיך, ווי אַ מאָל אין דעם ליבן חדר־נוסח ביים לערנען שיר השירים, „אַרויסזאָגן" אַז דאָס געזאַנג איז שענער און בעסער פון אַלע געזאַנגען.

נאָך דער אויסנעמלעכער און מיט רעכט באַרימט געוואָרענער אַרבעט וועגן דעם מיזרח־אייראָפּעישן יידנטום פון פּראָפעסאָר אברהם יהושע העשל איז מיר נישט אויסגעקומען צו לייענען אַ מער לירישע און צו דער זעלביקער צייט אַ מער אַנאַליטישע, אַ מער דעטאַלירטע און גלייכצייטיק אַ מער צימצומדיק גענעראַליזירטע עסיי, ווי אברהם קריבס געזאַנג צו ליטע, צו „דעם קעניגרייך פון שולחן ערוך".

ווי אברהם יהושע העשלס עסיי וועגן דער חסידיש־מיסטישער לעבנס־אַט־

מאַספּער, וועלכע איז געווען דער באַשאַף פון דעם שבט פּוילן, אַזוי איז אברהם קריבס שיר השירים וועגן דער תורה־ניכטערקייט, אין וועלכער עס האָט געלעבט דער שבט ליטע, אי באַרוישנדיקע פּאָעזיע און אי אַ באַלערעוודיקער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער טראַקטאַט.

איך האַלט עס פאַר איינעם פון די סאַמע ברכהדיקסטע אויפטוען אין דער פאַרלעגערישער אַרבעט פון די לעצטע עטלעכע יאָר אין מדינת ישראל, וואָס מען האָט אָנגעהויבן נאָכצוטאָן דעם ספר הספרים און אַרויסצוגעבן ביכער פון מקרא און תרגום אין איינעם.

אַ פּיאָנער אין דעם פּרט איז געווען דער צוויי־בענדיקער תנ״ך מיט דעם יידישן תרגום, וואָס די יהואש־יורשים האָבן אַרויסגעבראַכט אין ניו־יאָרק מיט 22 יאָר צוריק, אין 1941. פון די וויטערדיקע וועל איך דערמאָנען בלויז עטלעכע, וועלכע שטייען מיר פאַר די אויגן אין מיין ספרים־אַלמער, בעת איך שרייב די שורות. דאָס זענען די בריוו פון חיים נחמן ביאַליק ז״ל, צו זיין פרוי מאַניאַ, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער „מוסד ביאַליק״. קודם קומען אין דעם בוך ביאַליקס געציילטע קורצע העברעישע בריוו צו זיין פרוי. דערנאָך קומט די העברעישע איבערזעצונג פון דעם היפשן פּעקל יידישע בריוו, און צום סוף די יידישע מכתבים גופא, אין אָריגינאַל. די אויסגאַבע פון דעם „מוסד־ביאַליק״ איז געווען אַ מין פראָנטדורכברוך. עס האָבן זיך נאָך דעם באַוויזן אפרים אויערבאַכס פּאָעמע „ווייסע שטאָט״ אין יידיש, מיט דער העברעישער איבערזעצונג פון אליהו מייטוס; די אַנטאָלאָגיע פון ישראלדיקע לידער אין אָריגינאַל און אין תרגום, פון מרדכי יפה, ז״ל; און אַ באַנד פון איציק מאַנגערס לידער און באַלאַדן אויף יידיש און העברעיש.

אויך אברהם קריבס עסיי וועגן ליטע איז געדרוקט אין ביידע שפּראַכן פון אונדזער ליטעראַטור: אין העברעישן אָריגינאַל און לעבן אים אין דער יידישער איבערזעצונג פון אליעזר רובינשטיין.

אליעזר רובינשטיין, וואָס איז מיר באַקאַנט ווי דער יידיש־איבערזעצער פון ש. י. עגנונס ראָמאַן „סיפור פשוט״, האָט אויך, וואָס שייך קריבס עסיי, געטאָן אַ גוטע איבערזעצונגס־אַרבעט. עס איז רובינשטיינען אָפּט געלונגען איבערצוגעבן אַ העברעישע שפּראַכווענדונג מיט אַ יידישן אידיאָם אַזוי פּינקטלעך און אַזוי נאַטירלעך, אַז מען פאַרגעסט ממש, וואָס עס איז דער אָריגינאַל און וואָס עס איז דער תרגום.

שרייבט קריב אין זיין העברעישן אָריגינאַל: „גם פרנסה בצימצום לא היתה הפקר לכל״; גיט דאָס רובינשטיין איבער אויף יידיש מיט: „פּרנסה בצימצום האָט זיך אויך נישט געוואַלגערט אין די גאַסן״.

ב

אָנהייבן הייבט קריב אָן זיין געזאָנג צו ליטע מיט דער באַמערקונג, אַז דער

קלימאַט פון דעם לאַנד איז געגאַנגען לויט דעם יידישן לוח. „ווען מען בענטשט ראש־חודש תמוז, שטאַרקט זיך די היץ".

אָבער אין דעם פּרט איז ליטע נישט געווען אַנדערש ווי מיין היימלאַנד גאַ־ליציע. אויך אין גאַליציע האָט זיך דער דרויסן אָריענטירט אויף דעם יידישן לוח און האָט זיך, ווי קריב זאָגט אַזוי שיין און ריכטיק וועגן ליטע: „צונויפגעגאָסן מיט דער אינערלעכער שטימונג, ווי זיי וואָלטן ביידע אַרויסגעקומען פון איין און דעם זעלביקן מקור".

עס האָבן געשטאַמט פון דעם זעלביקן קוואַל די קאַלטע אלול־ווינטן און דער פאַרכטיקער ערנסט פון דער יידישער נשמה. דער בשותפותדיקער מקור איז געווען די נאָענטקייט פון די ימים נוראים. די שטיפערישע פרילינג־ווינטלעך, ווידער, אין איינעם מיט דעם אויפגעראַמטן און האָפערדיקן יידישן געמיט האָבן אויך געהאַט איינע און די זעלביקע טאַטע־מאַמע — די ערבדיקע טעג פון פסח, זמן חרותנו.

אָבער אונטערשיידט האָט זיך ליטע פון די אַנדערע יידישע ווינקלענדער אין מיזרח־אייראָפּע דערמיט, וואָס —

„די וועלט פון יידישקייט אין ליטע איז נישט געווען איינגעהילט אין מיסטיק. דער זוהר האָט אַהין נישט געשיקט זיינע סודות־שטראַלן", און אויך דערמיט, וואָס „אַ גאַנץ יאָר האָט מען אין ליטע נישט געזונגען בעם ועדה, סיידן אויף אַ שמחה של מצווה, ווי אַ חתונה, אַ ברית".

אַ דרומדיקן יידן, ווי מיר, איז שווער צו באַנעמען ווי אַזוי עס האָט אויס־געזען אַ לעבן אָן די שבתדיקע זמירות, אָן די דבקותדיקע שלש־סעודותן און אָן די אַלע מינים אימפּראָוויזירטע שמחהלעך אין אַ מיטן וואָך אין די חסידישע קלויזן. וואָס וואָלט אין אַזאַ מין מתנגדישער אַטמאָספער געווען געטאָן מענדעלע פּערעלע דער רביצינס, וואָס האָט זיך כאַטש דריי מאָל אַ וואָך אַריינגעכאַפּט אין אַטיניער קלויז און ער האָט זיך דאָרט אַליין אַריינגעטריבן אין אַ גאָט־באַהעפטונג מיט אַ זמר פון אַן אַלץ שטייגנדיקער טעמפּעראַטור און מיט אַ ריקוד פון אַן אַלץ מער און מער ברענענדיקער התלהבות.

אָבער דער אויפטו פון אברהם קריבס עסיי וועגן ליטע איז, וואָס ער מאַכט מיך פאַרגעסן אין אַלע שיינקייטן פון מיין גאַליציע, וואָס זענען נישט בנמצא אין דער ניכטערער ליטע. ווען איך לייען ביי קריבן, אַז ווען „די אַרומיקע יידישע וועלט האָט זיך וווּנדערלעך באַנייט (מיט חסידות — ש. ב.), הימל און ערד האָבן זיך קעגנזייטיק דערנענטערט, (האָט) זי, ליטע, נאָך מער באַהאַלטן איר קאָפּ — און מיט נאָך מער טיפקייט און מיט נאָך מער מתיקות — אין די אַלטע בלעטער פון דעם תלמוד בבלי" — טראַכט איך ביי מיר (איך קוק זיך אַרום, אַז קיין שום לאַנדסמאַן און איך אַליין זאָל עס נישט דערהערן), אַז „אויב נישט נאָך העכער". איך פאַל ממש אַריין אין התפעלות פון די שורות, אַחוץ פון די ווערטער „תלמוד

בבלי", וואָרעם פאַר דעם „תלמודה של בבל" פון דעם העברעישן אָריגינאַל וואָלטן זיך אין יידיש געפּאַסט אַזעלכע היימישע ווערטער ווי „אביי ורבא", אָדער „גמרא", אָבער נישט דער שטייפער און ווייטער „תלמוד בבלי".

אָבער צוריק צו מיין טראַכטעניש: איך טראַכט, וויפל זעלישע גבורה האָט דאָס געהאַט די קליינע מינדערהייט פון דעם שבט ליטע, זיך אַנטקעגן צו שטעלן דער גרויסער מערהייט פון דער יידישער אומה אין מיזרח־אייראָפּע און צו זיין מתנגדים צו חסידות און צו בלייבן חסידים פון אַ שכלדיקן בלאָט גמרא, אָן פּילפּול, נאָר פּשוט, מיט דעם געזונטן און געצוימטן שכל הישר, וואָס גייט נישט אַרויס פון די כלים, כדי זיך פון דרויסן צו דערוויסן וואָס עס איז אין זיי פאַראַן, נאָר בלייבט אינעווייניק, כדי צו לערנען און צו פאַרשטיין דעם תוכן.

און אפשר בין איך אַזוי נתפּעל געוואָרן פון דער שיינקייט און פון דער מאָראַ־לישער גבורה, וואָס וועגן איר זינגט אברהם קריב זיין „אז ישיר", ווייל איך אַליין אין חסידישער גאַליציע שטאַם פון דעם טאַטנס צד פון אַ מתנגדישער משפּחה, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם ברויזנדיקן אַרום פון חסידות, און איז פאַר־בליבן עקשנותדיק דווקא ביי תנ"ך און דווקא ביי אַ בלאָט גמרא און דווקא ביי אַ חקירה־ספר, און נישט ביי קבלה און אוודאי נישט אין רבינס הויף.

אָן אַ שיעור ווונדערלעך שיינע און טרעפיקע פאָרמולעס זענען פאַראַן אין קריבס עסיי וועגן חסידות, וועגן מתנגדות און וועגן מוסר און וועגן דעם, וואָס אונטערשיידט די דאָזיקע אידעישע ריכטונגען. מיר געפעלט זייער דער זאָג, אַז חסידות האָט די יידישע נשמה נישט געלאָזט זיך אויסניכטערן, און מתנגדות האָט די יידישע נשמה נישט געלאָזט זיך פאַרשיכורן.

אָבער אַפאָריזמען, ווי געראָטן זיי זאָלן נישט זיין, האָבן אַ טבע, אַז זיי זענען אָדער בלויז פופציק פראָצענט, אָדער אַזש הונדערט און פופציק פראָצענט אמת, אָבער קיין מאָל נישט ווי עס דאַרף צו זיין: פולע הונדערט פראָצענט, נישט מער און נישט ווייניקער.

ג

איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז אברהם קריבס דעפיניציע וועגן חסידות, וואָס האָט „אָנערקענט בלויז איין יחיד, דעם רבין, און אַרום אים איין יחדיו, בעת פאַר די מתנגדים איז דער אמתער יחדיו געווען אַ באַהעפטונג פון אַ סך יחידים" — איז אפשר אַ שאַרפע פאָרמולע, וואָס בלייבט שטעקן אין זכרון, אָבער — זי איז נישט אַלע הונדערט פראָצענט די ווירקלעכקייט.

עס איז, דאַכט זיך מיר, צו סימפּליסטיש צו טראַכטן, אַז חסידות איז קאָלעק־טיוויזם און שאָף הינטער אַ פּאַסטעך, און אַז מתנגדות איז אינדיווידואַליזם, וואָס שפּאַרט זיך נישט אָן אויף אַ רבין, נאָר אויף דעם, וואָס די אייגענע אויגן און דער אייגענער מוח נעמט אַרויס פון דעם ספר.

אין דער אמתן איז גאָר חסידות אין איר אורשפּרינגלעכער פאָרעם געווען אַ תורה פון אינדיווידואַליזם, די תורה פון גאָט־דערגרייכונג בלויז מיט די אייגענע אויגן און דער אייגענער כוונה.

די חסידישע תורה אין איר אמתער בעל־שמישער צורה איז דער דרך פון בראַצלאַוו און פון קאָצק, און נישט פון דעם רוזשינער אָדער פון דעם לובלינער חוזה.

לכתחילה האָט זיך מתנגדות אַנגעשפּאַרט אויף דעם איינגעשטעלטן געזעל־שאַפטלעכן סדר (שולחן־ערוך), אויף דער אויטאָריטעט פון ספר און פון לערנער, און חסידות אויף דעם כוח פון יעדן יידישן יחיד, וואָס איז געוואָרן אַן עמעצער אויך אָן תורה, אויב אים איז געלונגען צו קאָנצענטרירן זיינע כוונות ביי תפילה און עבודה.

דערנאָך — דערנאָך האָט חסידות פאָרמעל געוווּנען, אָבער אין תוך פאַרלוירן, ווארעם די אידעע פון אַ צדיק, וואָס זיין תפילה איז פּריווילעגירטער און אָנגע־נומענער, איז געווען די ערשטע פונדאַמענטאַלע סתירה צו דעם געדאַנק פון חסידות, וואָס איז געקומען אַנטדעקן דעם יחיד און שרייבן אַ נייע תורה פון „אלה תולדות אדם".

די פּרע־רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספער פון שולחן־ערוכדיקער יידישקייט, אין וועלכער עס איז געבליבן זיצן דער מתנגד, וואָס דער ווילנער גאון און זיינע יור־שים האָבן אים אויסגעהיט פון חסידות — איז מיט דער צייט נישט געוואָרן אינ־דיווידואַליסטיש. אי חסידות און אי מתנגדות זענען געבליבן שולחן־ערוכדיקע קאָלעקטיוון, מיט אויטאָריטעטן (ביי חסידים דער רבי, און ביי די מתנגדים דער רב, דער לערנער).

בלויז אויף די סאַמע העכסטע שטאַפּלען איז חסידות געבליבן ביים לכתחילה־דיקן אינדיווידואַליזם. און זאָל מיר, ביי מיין גאַנצער באַגייסטערונג פאַר אברהם קריבס געזאַנג צו דער מוסר־באַוועגונג (צו דער מתנגדישער חסידות), דערלויבט זיין צו זאָגן, אַז אויך די מוסרניקעס זענען בלויז אויף די סאַמע העכסטע ניוואָען זייערע געבליבן תלמידים פון ר' ישראל סאַלאַנטער. אויף די מיטעלערע און אוודאי אויף די אונטער־מיטעלערע שיכטן פון דער באַוועגונג האָט דער מוסר געמאַכט פון די מוסרניקעס מוסר־זאָגערס, און ער האָט זיי דערפירט, אין בעסטן פאַל, צו הומאָרלאָזיקייט. דעם היפּש פלאַך געוואָרענעם „יחיד" פון חסידות האָט אַ סך מאָל געראַטעוועט דער הומאָר, די באַהעמיענישע זאָרגלאָזיקייט פונעם חסיד, וואָס האָט אים געהאָלפן אַ שמייכל טאָן איבער דעם כלל און אים פאַרהיט פון עגאָצענטריזם.

און דער מוסרניק — פון וואַנען וועט קומען זיין הילף ?

צום סוף וויל איך זאָגן, אַז ווער עס וועט זיך באַקענען מיט אברהם קריבס עסיי וועגן ליטע, וועט בעסער און גרינטלעכער פאַרשטיין זיינע וווּנדערלעכע ליטע־

ראַטור־קריטישע און פּאָלעמישע עסייען, וואָס ער באַצייכנט זיי ווי „מאמרים וועגן ליטעראַטור, וועגן פאָלק און וועגן מדינה״, און ער טרעט דאָרט אַרויס קעגן אַלערליי פאַרקרימונגען פון אונדזער פאָלקס־צורה, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אין אונדזער צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַטור פאַר די לעצטע צוויי דורות.

1963

ב. י. מיכאלי

א

אַ פּערזענלעכע באַמערקונג

בנימין יצחק מיכאלי איז מיט אַ פולער בר־מצוה ייִנגער פון מיר. ווען איך האָב מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק פאַרלאָזן רומעניע, האָט מיכאלי נאָך געהייסן דוכאָווני און איז נאָך געווען גאָר יונג, ערשט ערב די דרייסיק. פון דעסט־וועגן האָבן מיר זיך שרייבעריש באַוויזן צו פאַרטשעפּען און האָבן פאַרפירט צווישן זיך אַ הייסע און בייזע פּאָלעמיק. פערזענלעך האָבן מיר זיך נישט געקענט און די ליטעראַרישע קריגערײַ האָט פאַרענדיקט אונדזער באַקאַנטע אומבאַקאַנטשאַפט אין רומעניע.

און דאָ קומט אַן איבערראַשונג, איינע פון יענע איבערראַשונגען, וואָס מאַכן אייך גוט אויפן האַרצן, מאַכן קליגער אייער האַרץ און — פאַרשעמען אייך. איר בלייבט שטיין אַ פאַרשעמטער, ווייל די איבערראַשונג בייט דעם פאַרטרעט, וואָס איר האָט אייך אויסגעמאָלן און האָט געהאַלטן, אַז „דאָס איז עס״, און איר דערזעט, אַז איר זענט געווען אַ מאַראַלישער פאַרטאַטש און אַ שונדישער מאָלער.

אַזוי בין איך געבליבן שטיין, ווען איך האָב דערזען פאַר מיר מיכאלין עלף יאָר שפּעטער אין איינעם אַ שפּעט־האַרבסטיקן אָוונט אין פּאַריז. ער האָט אָנגעקלונגען צו מיר אין האָטעל און מיר האָבן זיך באַגעגנט. עס איז געווען נאַטירלעך און פּשוט (דאָס נאַטירלעכע און פשוטע איז, כידוע, פון די זעלטנסטע זאַכן). דער ייִנגע־רער איז געקומען צום עלטערן זאָגן (ווערטער זענען דערצו נישט נייטיק), אַז — האָב נישט קיין מורא: דאָס בין איך. און איך האָב זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, זיך דערפרייט און — פאַרשעמט.

און ערשט רעכט דערפרייט האָב איך זיך, ווען איך האָב דערזען דעם יונגן

שלמה ביקל

דוכאָווני־מיכאלי אַ שעפעריש־אויסגעוואָקסענעם שטיין אויף דער טריבונע פון „בית צ׳רניחובסקי״ אין תל־אביב און רעדן וועגן ליטעראַטור, וועגן דער העברעישער און יידישער, און וועגן זייער שייכות צווישן זיך; און ווען איך האָב אין דעם זעלבן יאָר 1959 געלערנט זיין באַנד עסייען „ליד האבנים״.

ב

ביים וואַרשטאַט

עס זענען אין דעם באַנד „ביים וואַרשטאַט״ (ליד האבנים) פאַראַן גוטע און סאָלידע עסייען וועגן דיכטער, דערציילער און עסייִסטן און אויך עטלעכע טעאָרעטישע עסייען וועגן פראַגן פון ליטעראַטור־קריטיק.

וועלכע עסייען זענען די בעסטע? עס איז אַ כלל נישט צום אָפּפרעגן, אַז די בעסטע עסיי איז יענע, ווו עס קומט צום אויסדרוק, אַחוץ בקיאות, חריפות און שרייבערישע בעל־מלאכהשקייט (בעל־מלאכהשקייט איז אַ וויכטיקער ענין, וואָס טאָר קיין מאָל נישט אונטערשאַצט ווערן), אויך דאָס געמיט פונעם מחבר. על־פּי דער דאָזיקער קריטעריע איז מיכאלים עסיי וועגן טשערניכאָווסקיס דיכטונג איינע פון די סאַמע גערעאָטנסטע. דערעיקרשט איז, לדידי, אַ קריטישער אויפטו פון איידעלן און שאַרפן אַנאַליז דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דער עסיי, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער רעטעניש פון טשערניכאָווסקיס פרעמדקייט אין דער העברעיִשער פּאָעזיע (פליאת „זרותו״). פון דעם ערשטן לידערבוך „חזיונות ומנגינות״ און ביז צו די סאַמע לעצטע שירים חזרט זיך איבער ביי טשערניכאָווסקין אַזוי אָדער אַנדערש דאָס געפיל פון פרעמדקייט. אין דעם ערשטן ליד פון זיין ערשטער לי־דער־זאַמלונג (וואַרשע, 1899) באַצייכנט טשערניכאָווסקי זיך און זיין געזאַנג ווי אַ „נטע זר את לעמך, ציץ נכרי לכל״ (אַ פרעמדע פלאַנץ פאַר דיין פאָלק און אַ פרעמדע בלום פאַר אַלעמען), און דרייסיק יאָר שפּעטער דריקט דער דיכטער אויס דאָס זעלבע געפיל אין די פערזן —

ושירי נכרי, שירי זר ללב אמתי,
ערירי כי יופיע וערירי ילך,
באפס לבב קולט אותו וללא בת־קול,
כאותה צוחת נשר בודד, צוחת פרא.

(אין פראָזע אויף מאַמע־לשון הייסט דאָס, אַז „מיין ליד איז פרעמד, פרעמד צום האַרץ פון מיין פאָלק, איינזאַם ביים אויפשיין און איינזאַם ביים אַוועקגאַנג; די הערצער נעמען עס נישט אויף און עס בלייבט אָן אַן עכאָ, ווי דאָס געשריי פון אַן איינזאַמען אָדלער, דאָס געשריי פון אַ ווילדן).

פינף מאַטיוון גיט אָן מיכאלי פאַר אָט דעם געפיל פון פרעמדקייט, וואָס האָט באַהערשט טשערניכאָווסקין, און אַלע פינף זענען באַגרינדעט און ברענגען אַריין קלאָרקייט אין דער רעטעניש: 1) די דיכטערישע פילגעשטאַלטיקייט, פילצענ־טרישקייט, וואָס מאַכט פאַרן לייענער און קריטיקער שווער אָנצוכאַפּן ווו עס איז דאָס צענטראַלע אין טשערניכאָווסקין; 2) דער לייענער־עולם איז נישט געווען מסוגל אויפצונעמען דעם עפּישן שווונג אין טשערניכאָווסקיס דיכטונג; 3) עס האָט אין טשערניכאָווסקיס ליד געפעלט דער טיפּישער יידישער זיפץ און דאָס שטילע געוויין פונעם יידישן געמיט, אַפילו אין מאָמענטן פון פרייד; 4) טשערני־כאָווסקיס פּאָעטיש לשון האָט נישט געשעפּט, ווי ביאַליקס, פון די איבערדורות־דיקע קוואַלן; 5) די קרוין פון שירה האָט אין אונדזער ליטעראַטור „אויסגעכאַפּט" ביאַליק און עס איז נישט געמאָלט איין קרוין פאַר צוויי קעפּ.

מיכאליס עסיי וועגן טשערניכאָווסקיס „פרעמדקייט" איז קורץ, אָבער אויס־שעפּנדיק. אַלץ איז אַרויסגעבראַכט און אַלץ איז געזאָגט געוואָרן, און איך חזר איבער, מיט פולער שאַרפקייט און מיט צניעות.

ג

שלמה צמח

פון די עסייִסטן, וואָס מיכאלי שרייבט וועגן זיי, פילט ער זיך צו מייסטן צו־געצויגן צו שלמה צמחן. מיר אַליין איז שלמה צמח אויך איינער פון די ליבסטע קריטיקער און שרייבער. זיין פלינסקער משפּחה־כראָניק, ווו ער האָט אַזוי פיין און דין מסביר געווען די אַנדערשקייט פון דער חסידות אין זיין היימשטאָט, קען איך נישט פאַרגעסן, און הגם מען קען נישט תמיד מסכים זיין מיט צמחס ליטעראַטור־קריטיק (איך גיי מיט אים נישט מיט אין זיין פראַפּרישמאַן־טעזע אין דער פּאָ־לעמיק מיט אברהם קריבן), דערפילט מען שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט זיינע קריטישע אַרבעטן אַזאַ מאָראַלישע עקשנות און אַזאַ היסטאָרישע אחריות, אַז מען פאַרגעסט אין אַלע קעגנערשאַפטן און מען זעצט זיך אָפּרוען אין צמחס געהויבענער אכסניה פון גייסט.

איך לייען מיכאליס עסיי וועגן צמחן און עס איז מיר קלאָר, אַז ער איז איינער פון די תלמידים מובהקים פונעם אַלטן קריטקער. עס איז אין מיכאליס עסיי פּאָ־ראַן, נישט ווילנדיק, אַ שטיק אויטאָכאַראַקטעריסטיק. און ער, מיכאלי, היט זיך אויס אין זיינע עסייען פון האָר־שפּאַלטערישער חריפות און פון גאַווהדיקער בקיאות, ווי דער מייסטער שלמה צמח. די בקיאות ווערט ביי מבאלין, ווי ביי שלמה צמחן, געשטעלט אין דינסט פון דער קריטישער אַרבעט. „זי העלפט דער קריטיק — ווי עס פאָרמולירט דאָס מיכאלי אין זיין צמח־עסיי — טאָן איר אַרבעט פון צע־

שיידן און צונויפבאַהעפטן; העלפט איר געפינען און פאַרענטפערן קשהדיקע פונקטן און איז איר בייהילפיק מיט איר כוח פון אַסאָציאַציע פון ווייט צו נאָענט און פאַרקערט".

דער פסיכישער הויפט־עלעמענט, וואָס מאַכט נוציק די חריפות און די בקי־אות, איז די אינטויִציע פונעם קריטיקער. אָן איר — זאָגט מיכאלי מיט רעכט — איז די קריטיק ווי אַ גוף, וואָס די נשמה איז פון אים אַרויס.

און נאָך אין איין פונדאַמענטאַלן פונקט קומט זיך דער קריטיקער מיכאלי צונויף מיט זיין עלטערן חבר שלמה צמח. ער האָט, ווי צמח, אַ פאַרשפּיצטן חוש פאַר דער בכיוונדיקער, און אויך נישט־בכיוונדיקער, צביעות אין דעם שעפערישן וואָרט. די מליצה — ווייסט און פילט מיכאלי, באַגלייך מיט שלמה צמחן — איז אי עסטעטיש און אי עטיש זינדיק. מען דאַרף לייענען דאָס קאַפּיטל „נקודות בבקרתו" אין מיכאליס עסיי וועגן צמחן, כדי צו זען ווי טיף עס גייט אים אָן דער שקר אין דער ליטעראַטור, וואָס קאַרל קראַוז האָט דעם דאָזיקן שקר אַזוי וווּנדער־לעך אויפגעכאַפּט אין דער פאָרמולע: נישט דער דיכטער, די ווערטער אַליין זאָגן ליגן.

מיכאליס קריטישער מעטאָד איז אַ סינטעטישער. מיכאלי ווייסט דעם ווערט פון דער „אידעיִשער קריטיק, דער וועגווייזערישער קריטיק, וואָס פּרעדיקט און קעמפט פאַר נאַציאָנאַלע און מענטשלעך־מאָראַלישע ווערטן", אָבער פאַר אים איז קלאָר, וואָס קלאָרער קען נישט זיין, אַז „אָן דעם עסטעטישן יסוד האָט די קונסט נישט קיין קיום; אָן דעם דאָזיקן יסוד האָט אויך נישט קיין קיום די קריטיק, פּונקט ווי עס איז נישט געמאָלט קיין ווויסנשאַפט אָן אַ וויסנשאַפטלעכער קריטעריע.

ד

קריטישע פּרינציפּן

מיכאלי איז אין זיינע קריטישע פּרינציפּן אויסגעהאַלטן אָביעקטיוו און איז דערביי קיינעם נישט נושא פּנים, אַפילו נישט דעם אַלטן קריטיקער שלמה צמח, וואָס האָט אַזאַ סך משפּיע געווען אויף אים מיט זיין באַלאַנסירטן און קעמפערישן אופן פון קריטישן געדאַנק.

ווען שלמה צמח, וואָס „זיין קריטיק צייכנט זיך אויס — שטרייכט אונטער מיכאלי מיט באַוווּנדערונג — מיט ערנסט, מיט אַ סך וויסן, מיט געניטשאַפט און מיט טאַלאַנט פון אַנאַליז, פאַרגינט זיך אַ גענעראַליזירנדיקע טעזע וועגן דעם מאַנ־גל פון אייגענעם סטיל און וועגן דער חולאת פון נאָכמאַכונג אין דער יונגער העב־רעיִשער פּראָזע (מיר געפעלט זייער דאָס שאַרף סאַטירישע שפּילוואָרט וועגן דער נאָכמאַכונג: סיגנון בית שני), האָט מיכאלי די סימפּאַטישע דרייסטקייט אַרויסצו־

טרעטן קעגן רבין אַליין און אים נאָכצווייזן, אַז דאָרט ווו ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ נאָכמאַכער ברענגט ער נישט קיין באַווייז און דאָרט ווו ער ברענגט אַ באַווייז פעלט דער נאָמען פונעם שרייבער, און ביי אַ ביסל ביבליאָגראַפישער אויספאָרשונג האָט מיכאלי אויסגעפונען אַז דער נאָכמאַכער, וואָס זיין נאָמען ווערט אָנגערופן אויף אַן אַנדער פּלאַץ פון צמחס שריפטן, איז עפּעס איינער א דוב טוניס וואָס האָט באַשריבן זיין גאַליציש שטעטל סטרעליסק אין אַן „עגנונישן העברעיִש״ אַזוי ווייט, אַז עס איז מער ווי נאָכמאַכונג, עס איז פעלשונג. קאָן דען עמעצער דב טוניס, וואָס פאַרנעמט נישט קיין פּלאַץ אין דער העברעישער ליטעראַטור — פּרעגט מיט רעכט מיכאלי — דינען ווי אַ ראיה פאַר דעם אָנקלאַג פון סטיל־אימיטאַציע מצד אַזעלכע, אין צווישן באַרימטע געוואָרענע שרייבער, ווי אהרן מגד און משה שמיר ?

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף מיכאלים אַרויסטריט קעגן זיין אייגענעם באַווונדערטן רבין שלמה צמח אי כדי אונטערצושטרייכן אַז מיכאליס קריטיק ווייסט נישט פון קיין משוא פנים און אי צו ווייזן אַז פאַר מיכאלין איז ממש אַן עיקר די קעגנערשאַפט צו „טאָטאַליטאַרער קריטיק״, וואָס פאַרפּלייצט מיט אירע גענעראַליזאַציעס נישט־אויסגעפאָרשטע שטחים.

ה

די יונגע העברעישע פּראָזע

זי איז איינע פון די שטחים איבער וועלכע עס הויערט, לויט מיכאלין, קריטישע גענעראַליזאַציע, אַזוי אַז מען זעט זי ממש נישט אַרויס.

מען באַשולדיקט די יונגע העברעיִשע פּראָזע, אַז זי האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם היסטאָריש־פאָלקישן שורש. איז אין דעם פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַ שטיק אמת. אָבער פאַר מיכאלין איז קלאָר, אַז בלייבן ביי אָט דער גענעראַליזירנדיקער טענע אָן שום רעזערוואַציעס און אָן שום פירושים וואָלט געמיינט באַגיין אַ געדאַנק־לעכע עוולה. וואָרעם יעדער געדאַנק, וואָס לעבט בלויז איינליניק, אָן די דינגע ניואַנס־געוועבן אַרום זיך, איז, אין בעסטן פאַל, אַן עוולה קעגן זיך אַליין און קעגן די וואָס קומען פון אים לערנען. און אין ערגסטן פאַל, איז ער גאָר קיין געדאַנק נישט.

אויב מען וויל ריכטיק כאַראַקטעריזירן דעם סאַברעשן אָפּרייס פון היסטאָרישער פאָלקישקייט, טאָר מען נישט פאַרגעסן צוצוגעבן — איז אונדז מסביר מיכאלי — אַז בעיקר איז דער דאָזיקער אָפּרייס אַ בלאָ יודעימדיקער, אַ פּאַקטישער און נישט קיין ביודעימדיקער, נישט קיין באַוווסטזיניקער.

און עס איז פאַראַן אַ בפירושער חילוק צווישן די צוויי מינים אָפּרייס. „דער

קוואַל פון דעם ערשטן איז די געגעבענע ווירקלעכקייט, בעת דער צווייטער דער־גייט דערצו מיטן כוח פון דעם ווילן און פון דער אידעע פון די אַפּרייסער. דער דור וואָס איז געבוירן געוואָרן אָדער אויפגעוואַקסן אין לאַנד (ארץ־ישראל) איז נישט אויפגעשטאַנען קעגן דער קולטור־טראַדיציע פונעם גלות און האָט נישט פאַרלאָזן אירע עטישע ווערטן. ער האָט וועגן זיי פּשוט נישט געוווּסט. דער אויפ־שטאַנד און דער אַפּרייס וואָס זענען פאַרגעקומען און וואָס דער באַוווּסטזיין האָט באַוועגט זייערע רעדער — זייערע אידעאָלאָגן זענען געווען די טאַטעס. אָבער אָט די טאַטעס, די חלוצים, האָבן זיך נישט מתכוון געווען אָפּצורייסן פונעם פאָלק און פון זיין קולטור. פאַרקערט, זיי האָבן אין זינען געהאַט אויסצולייזן ס׳פאָלק פון די פּורעניותן אין דער פרעמד און זיך אומצוקערן און זיך אויפצוריכטן אויף אייגענער ערד. זיי האָבן בלויז אין דעם רעוואָלט נישט געמאַכט דעם ריכטיקן אונטערשיד צווישן עיקר און טפל. צעברעכנדיק דאָס אַלטע פאַס האָבן זיי אויסגעגאָסן דעם יין המשומר.״

דער יונגער ליטעראַרישער דור, וואָס האָט זיך שעפעריש אָפּגעריסן פון דער טויזנט־יעריקער פאָלקס־ירושה פון זיינע מיזרח־אייראָפּעישע זיידעס, קאָן, בכן, נישט באַשולדיקט ווערן אין באַוווּסטזיניקן אָפּווענד און מען טאָר אים נישט פאַר־גלייכן מיט דער יעווסעקציע, וואָס האָט זיך באַוווּסטזיניק געפּרוּווט אָפּרייסן פון דער פאָלקישער פאַרגאַנגענהייט און האָט פאַרניינט דעם היסטאָרישן חלום פון שיבת ציון און אַלע אַנדערע היסטאָריש־נאַציאָנאַלע האָפענונגען און טרוימען.

אַזוי ווייט בין איך מסכים מיט מיכאַליס אַנאַליז, אָבער ווען ס׳קומט צו די „כנענים״, וואָס האָבן צום אונטערשיד פון די יעווסעקעס באַיאָט דאָס לאַנד ישר־אל און האָבן פאַרניינט דאָס פאָלק ישראל, אַחוץ דעם עם היושב בציון, און די יעוו־סעקעס וואָס האָבן פאַרניינט דאָס לאַנד ישראל און באַיאָט רק דאָס סאָוועטישע יידנטום, איז דער אונטערשיד צווישן זיי נישט נאָר פאַקטיש, נאָר אויך ריין אידעיִש אַזאַ שפּינוועבסדיק דינער, אַז מען קאָן אים ביי אַן אַנאַליז נישט נעמען אין אַכט. ביידע, די יעווסעקעס און די כנענים, זענען באַוווּסטזיניקע צערייסער פון יידישן פאָלק און פון יידישער געשיכטע. די יעווסעקעס האָבן זיך באַגנוגנט מיט אַ שטיקל יידיש קולטור־געשיכטע ממענדעלע ועד הנה און מיט איין יידישן יישוב: סאָוועט־רוסלאַנד. און פאַר די כנענים איז גענוג ארץ־ישראל און עפּעס אַ שטיק ווייטע יידישע געשיכטע, וואָס זיי ווילן זי אָפּרוקן אַלץ ווייטער און ווייטער, כדי זי זאָל זיין וואָס נעפּלדיקער און נישט האָבן אין זיך דעם מינדסטן ריח פון די טויזנטער שעפערישע און אַלץ מער שעפערישע יאָרן.

פאַר די חלוצים איז ארץ־ישראל געווען אַ צענטער פונעם גאַנצן יידישן פאָלק; פאַר די כנענים איז די מדינה אַן עגאָ־צענטער פונעם יישוב אין ישראל.

ו

דער היסטאָרישער ראָמאַן

אין דער עסיי „פּראָבלעמען פונעם היסטאָרישן ראָמאַן" גייט מיכאלי ווידער אויפן ריכטיקן דרך פון צעשטויבן די טאָטאַליטאַרע קריטיק. ער לאָזט זיך אַריין אין אַ פּאָלעמיק מיט אַזעלכע „אריות שבחבורה" ווי נאָך אַ מאָל שלמה צמח, חיים הזז און, זיי צו לאַנגע יאָר, פּראָפ' יוסף קלויזנער ז"ל, און ער קומט, לפי דעתי, אַרויס פון דעם ויכוח מיט פולער פרישקייט פון געדאַנקלעכן נצחון און מיט דער פּאָלעמישער איידלקייט פון „ליב איז מיר פּלאַטאָ, אָבער נאָך ליבער דער אמת" (דער זאָג ווערט צוגעשריבן דעם גריכישן פילאָסאָף אַריסטאָטעל).

דער קריטיקער שלמה צמח מאַכט צו נישט דעם היסטאָרישן ראָמאַן, ווייל „די פאָדערונג פון אמת אין דער קונסט" ווערט רעאַליזירט אין דעם געוויינלעכן ראָמאַן, אָבער נישט אין דעם היסטאָרישן. און ווייל „דער היסטאָרישער ראָמאַן איז נישט דער אָנהייב און קיין מאָל נישט געוועזן קיין אָנהייב. נאָך שעקספּיר און מילטאָן שאַדט נישט קיין וואַלטער סקאָט. דער היסטאָרישער ראָמאַן איז אַן אָנט־לויף פון לעבן און נישט קיין באַהעפטונג צו אים." און דווקא ווייל די יונגע העברע־יִשע ליטעראַטור איז דער אָנהייב און דער באַגינען פון אַ שעפערישן אויסדרוק, איז דערפאַר דאָס אַנטלויפן פון דער קעגנוואַרט פאַר איר „שרעק, מינערונג און שטרויכלונג (פחד ופחת ופח הוא לה)."

מיכאליס ענטפער איז קורץ און זייער צו דער זאַך. ראשית, אויב עס איז טאַקע אמת, אַז דער געוויינטלעכער ראָמאַן איז „גענומען פון די אוצרות פון לעבן אוןווירקלעכקייט", בעת די היסטאָרישע דערציילונג „שטאַמט פון דעם איינגעבאַלזאַ־מירטן, פון דעם שוין באַגראָבענעם און אָפּגעהאַקטן און פון אַ פאַנטאַזיע וואָס אַר־בעט אין אַ חלל", איז דאָך דער קריטישער כלל חל נישט בלויז אויף דער היס־טאָרישער בעלעטריסטיק, נאָר אויך אויף דער היסטאָרישער דראַמע און פּאָעזיע. פאַר וואָס זענען שעקספּירס דראַמעס גוט און אויך מילטאָנס תנכישע פּאָעמעס גוט, אָבער ניט קיין ראָמאַן פון דער תנכישער צייט, ווי למשל, משה שמירס „מלך בשר ודם"? (אַ ראָמאַן וועגן חשמונאים־מלך אַלעקסאַנדער ינאי, וואָס האָט געקיניגט איבער יהודה אין ערשטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג).

און שנית, אויב דער היסטאָרישער ראָמאַן איז נישט גוט, ווייל ער פּאַסט זיך נישט אַריין אין אַ ליטעראַטור וואָס האַלט ביים אָנהייב און ביי דער ערשטער בענק־שאַפט נאָך שעפערישן אויסדרוק — וואָס זשע טוט מען מיט אברהם מאַפּוס היס־טאָרישע ראָמאַנען? „די העברעיִשע פּראָזע אין זיין צייט איז דאָך זיכער אין אַ גרעסערער מאָס נאָך געוועזן „אָנהייב און ערשטע בענקשאַפט נאָך אויסדרוק" ווי איצט, אין די צייטן פון ס. יזהר, משה שמיר און זייערע חברים."

און איצט קומט די טענה פון פראָפ׳ יוסף קלויזנער, וואָס האַלט, אַז משה שמיר האָט אין זיין ראָמאַן וועגן קעניג אַלעקסאַנדער ינאַי און זיינע אכזריותן באַשמוצט דאָס הויז פון די חשמונאים, וואָס איז באַרימט און געהויבן אין דער יידישער היסטאָריע און אין דער וועלט־געשיכטע.

מיכאַלי שטויסט אָפּ, און דורכויס מיט רעכט, די דאָזיקע טענה פון פּראָפ׳ קלויזנער. ער ציטירט וואָס ס׳האָט וועגן די אכזריותן פון קעניג ינאַי געהאַט צו זאָגן דער היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס. ער האָט מיט גאָרנישט נישט פאַרהוילן די שלעכטע אַספּעקטן פון ינאַיס כאַראַקטער, פונקט ווי דער תנ״ך האָט קיין מאָל נישט פאַרדעקט די דעפעקטן פון אַזאַ נאַציאָנאַלן ליבלינג ווי עס איז געווען און געבליבן דוד המלך. די פראַגע איז דאָ בלויז, צי זענען די אכזריותן פון דעם מלך ינאַי היסטאָרישע פאַקטן אָדער בלויז צוגעטראַכט פונעם ראָמאַניסט שמיר. אויב זיי זענען היסטאָרישע אמתן, וועט קיין שום אַפּאָלאָגעטיק נישט העלפן זיי צו פאַרשטעלן. דער עיקר איז — און איך בין פולשטענדיק מסכים מיט מיכאַלין — צי דער שרייבער האָט באַוויזן קינסטלעריש צו געשטאַלטיקן די היסטאָרישע מענטשן. ס׳איז נישטאָ וואָס נתפעל צו ווערן, טאָמער איז דעם ראָמאַניסט געלונגען קינסטלעריש קאַליע צו מאַכן זיינע געשטאַלטן דורך אידעאַליזאַציע.

מיכאַליס אינדוקטיווער אופן פון דענקען, ד. ה. פונעם פאַקטישן דעטאַל צו דער אידעיִשער גענעראַליזאַציע און נישט פאַרקערט, גיט דעם בעסאַראַבער ייד מיכאַלי דעם ריח פון אַנגלאָסאַקסישן געדאַנק. אין די פינף און צוואַנציק יאָר פון זיין וווינשאַפט אין ישראל און אפשר נאָך פון פריער האָט מיכאַלי זיך באַקענט מיט דער ענגלישער און אַמעריקאַנישער פּאָעזיע און פּראָזע און געלערנט ביי די קריטיקער מעטיו אַרנאָלד, ס. ט. עליאָט און עדמונד ווילסאָן, אַז קיין שום זשאַנער אין דער ליטעראַטור איז נישט פסול. דער זכות און באַרעכטיקונג פון יעדן ליטעראַרישן זשאַנער ליגט אין דעם עצם פון זיין עקסיסטענץ. בלויז די קאָנקרעטע פּרוכט — דער אָדער יענער היסטאָרישער ראָמאַן — דאַרף געמשפּט ווערן, די מעלות און חסרונות ליגן אין דער געשטאַלטיקונג גופא. אוודאי איז וויכטיק די ווירקונג פון אידעען און אמונות ביים אָפּשאַצן פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן (און פון יעדן אַנדערן זשאַנער — ש. ב.) אָבער ווען אידעען ווערן אויטאָנאָם, פאַרלירן זיי זייער טעם און זייער רעכט.

די הויפּט־קריטעריע פאַר קינסטלערישער אָפּשאַצונג איז דעם מחברס כוח פון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג. דאָס איז דער עיקר, אַלץ איבעריקע איז טפל און, אין בעסטן פאַל, פירוש.

מ. צאַנינס היסטאָריאָסאָפֿישע עסייען

דער ענערגישער און דערפֿאָלגרייכער רעדאַקטאָר פֿון דער תל־אביבער ייִדי־שער טאָגצייטונג „לעצטע נייעס״, מ. צאַנין, איז אויך אַ באַגאַבטער דערציילער־פּוב־ליציסט. און ערנסטע פּובליציסטיק קער זיך אָן קרובֿהשאַפֿט מיט היסטאָריאָסאָפֿיע. דער היסטאָריקער, וואָס קלייבט פֿאַקטן און שטעלט זיי צונויף, איז אויפֿן פֿלאַך פֿון דער צייטונג געגליכן צום רעפּאָרטער. אין תוך שטייט די צייטונג און אויך די גע־שיכטע־שרייבונג אויפֿן רעפּאָרטער, אויפֿן פֿאַקטן־זאַמלער. אָבער איבערנעמען זיך, איך וואָלט געזאָגט, גווידערן זיך, גווידערט זיך די געשיכטע־שרייבונג מיטן היסטאָריאָסאָף, ווי די צייטונג מיטן פּובליציסט.

און אין אַ געוויסער מאָס איז רעפּאָרטאַזש און אויך פֿאַקטועלע געשיכטע־שרייבונג דווקא היפּש שווערער ווי פּובליציסטיק און היסטאָריאָסאָפֿיע. קודם־כּל, ווייל דער פּובליציסט און דער היסטאָריאָסאָף אַרבעטן בטבֿע מיט דער דעדוקטיווער מעטאָדע פֿון געדאַנק. זיי האָבן פֿון לכתּחילה אַזאַ אָדער אַנדערן מחשבֿהדיקן קוק און פּאַסן בלויז צו אים צו די נייטיקע פֿאַקטן פֿון צווישן די, וואָס דער היסטאָריקער אָדער רעפּאָרטער האָט אויפֿגעזאַמלט.

דאַקעגן דער רעפּאָרטער און דער היסטאָריקער — זייער עבֿודה איז אַן אינדוקטיווע. זיי זוכן אויס און שטעלן צונויף פֿאַקטן און פּרוּוון זיך צו מאַכן אַ גע־נעראַליזירנדיקן אויספֿיר. איך זאָג: זיי פּרוּוון זיך, ווייל צום גרעסטן טייל געלינגט זיי נישט. אויב זיי ברענגען אַרויס אַ גענעראַליזאַציע, איז זי, געוויינלעך, נישט די מסקנה פֿון די פֿאַקטן, נאָר די לאָגיק פֿון זייער אייגענעם פֿון לכתּחילה איינגעשטעל־טן מחשבֿהדיקן בליק.

און פּונקט אַזוי שווער איז עס פֿאַר די היסטאָריאָסאָפֿן און פּובליציסטן, די לייט פֿון דעדוקטיוון געדאַנק, זיך צו פֿאַרהאַלטן ביי פֿאַקטן, וואָס פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער לאָגיק פֿון זייער געדאַנק. בּיודעים און בּלא יודעים מוזן זיי אַזעלכע פֿאַקטן אויסלאָזן אונטערוועגס אין זייערע טראַכטענישן.

היסטאָריאָסאָפֿיע איז קיין מאָל נישט קיין זון, וואָס קען ראַיעל, סאָליד און מיט אַ שטענדיקן ליכט באַלויכטן די פֿאַקטן פֿון געשיכטע. זי איז בלויז אַ לאַמטערן, וואָס העלפֿט דאָ און דאָרט אויפֿצוהעלן אַ שטיקל פֿינצטערניש. אַ גוטע היסטאָ־ריאָסאָפֿישע פֿאָרמולע גיט אַ בליץ און עס דאַכט זיך, אַז עס איז ליכטיק געוואָרן. עס דאַכט זיך בלויז, וואָרעם די פֿאַקטן האָבן אַ טבֿע זיך צוצוגעוווינען צום שוואַכן לאַמ־טערן־ליכט פֿון אַ געראָטענער פֿאָרמולע און פֿון אַ געלונגענער טערמינאָלאָגיע.

די ביזאַיצטיקע שורות זענען נישט מער ווי דער אַריינפיר צו די באַמער־קונגען, וואָס איך בין אויסן צו די פיר עסייען, וואָס מ. צאַנין האָט זיי באַהעפט אין בוכפאָרעם, אונטער דעם נאָמען „אויף די וועגן פון גורל".

מ. צאַנינס אופן שרייבן איז אַ געמיש פון אַקאַדעמישער קילקייט און ליידנ־שאַפט. די אַקאַדעמישקייט פון מ. צאַנינס הסברה ליגט אויף דער ליניע פון זשיט־לאָווסקיס נוסח שרייבן. אויף דער ליניע פון זשיטלאָווסקיס סטיל איז עס, ווען צאַנין סטאַרעט זיך צו געבןביישפּילן פון דער וויסנשאַפט, כדי אויפצוקלערן גע־וויסע אידעיִשע פאָרמולעס.

ווען צאַנין וויל אונדז איבערצייגן, אַז דער איצטיקער געראַנגל צווישן רעליגיע און מלוכה איז אין תוך „אַ המשך פון אַ מלחמה, וואָס גייט אָן אין דעם יידישן פאָלק שוין פיר טויזנט יאָר, און אַז די שטורעמדיקע קאַמפּאַניעס פון אָט דער מלחמה ליגן אויף די וועגן פון דער יידישער געשיכטע ווי ריזיקע מיילשטיינער, נאָר די צייט האָט זיי אָפּגעבלייכט און מען זעט זיי נישט אַרויס אין דעם ים פון די אַנדע־רע היסטאָרישע געשעענישן", ברענגט ער אונדז אַ משל פון דער נאַטור אויף מסביר צו זיין אָט דעם פּראָצעס. ער דערמאָנט אונדז אין דער אַקטועלקייט פון אונדזער דור, אין „די באָמבעס, וואָס רייסן אויף ביים טאָגליכט און מען הערט בלויז זייערע דעטאָנאַציעס, אויב אָבער די באָמבאַרדירונג קומט פאָר ביי נאַכט — ווערן די דעטאָנאַציעס באַגלייט פון אַ מוראַדיקן ליכט".

דער נמשל דערפון קען זיין, אַז אין מדינת ישראל איז פון דעסטוועגן פאָרט היסטאָרישער טאָג און דער דרויסנדיקער עפעקט איז דערפאַר נישט אַזאַ דראַמאַ־טישער.

ווען צאַנין וויל אונדז קלאָר מאַכן פאַר וואָס אין די צייטן פון דער היטלער־תקופה זענען זעלבסטמאָרדן ביי די געפייניקטע יידן געווען אַ זעלטנקייט, בעת אין מדינת ישראל, „ביי אַ ווילשטאַנד, וואָס איז זעלטן געווען ביי יידן, זענען אין איין יאָר, 1964, געווען 350 פאַלן פון זעלבסטמאָרד", פאַררופט ער זיך אויף זיגמונד פרוידס טעאָריע, אַז אין איינעם מיטן אויפהאַלט־אינסטינקט פאַרמאָגט דער מענטש אויך אַן אינסטינקט פון זעלבסט־פאַרניכטונג, און ער גיט אונדז דאָס צו פאַרשטיין מיט אַ משל פונעם מענטשנס טאָג־טעגלעכקייט. אַ מענטש — זאָגט צאַנין — היט זיך אַרויפצוטרעטן אויף אַ שאָל פון אַ באַנאַנע, טאָמער וועט ער זיך אויסגליטשן. אָבער אין אַ געוויסער אָפּעקטאַציע איז דער זעלביקער מענטש אימשטאַנד אַרויפ־צוגיין אויפן דאַך און זיך אַראָפּצוואַרפן, געהרגעט צו ווערן.

איך האָב דאָ נישט בדעה צו עקזאַמינירן די נמשלס אויף זייער טרעפיקייט. מיר גייט דאָ צו כאַראַקטעריזירן צאַנינס פּובליציסטישן סטיל, וואָס האָט האַלט די דידאַק־טישקייט און פּרוּווט אַלע געדאַנקלעכע אַבסטראַקציעס צו באַווייזן מיט קאָנקרעטע ביישפּילן. אין דעם פּרט איז צאַנין, בלי ספק, אַ תלמיד פון זשיטלאָווסקין, ווי אַלע גוטע און די סאַמע בעסטע פּובליציסטן זענען עס. זשיטלאָווסקי איז דער סטיליס־

טישער רבי אין דער פובליציסטיק, ווי מענדעלע איז דאָס געווען אין דער בעלע־טריסטיק.

אויך צאַנין האָט געלערנט ביי זשיטלאָווסקין. ער האָט געלערנט ביי אים די ליידנשאַפט צו הסברה, צו קלאָרמאַכונג, אָבער נישט געירשנט פון אים, ווי די מערסטע פון אונדזער דור האָבן נישט געירשנט, דעם לירישן ציטער, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין סאַמע מיטן פון זשיטלאָווסקיס שטרענגער לאָגיק. און צאַנין, באַגלייך מיט די מערסטע פובליציסטן פון אונדזער דור, האָט אויך נישט אָפּגעלערנט פון זשיטלאָווסקין דעם אייפער אָנצוהאַלטן די איין מאָל פעסטגעשטעלטע טערמי־נאָלאָגיע און צו זען, אַז זי זאָל זיך אין גאַנג פון דער אַרגומענטאַציע נישט בייטן און אַפילו נישט מאָדיפיצירן.

אין אָט דעם שטרענגן אָנהאַלט פון דער טערמינאָלאָגיע איז געלעגן דער גרויסער כוח פון אַרגומענטאַציע אין יידיש ביי זשיטלאָווסקין און אין העברעיִש ביי אחד־העמען.

צאַנינס ערשטע עסיי הייסט „די פּירטויזנט־יאָריקע מלחמה", און זי פּרוּווט דורכפירן די אידעיִשע קאָמפּליניע, וואָס ציט זיך פון דעמאָלט, ווען גאָט האָט גע־זאָגט צו אברהמען, דעם זון פון תרחן, פון לאַנד שנער: „לך לך מארצך", און ביז היינט, ווען אברהמס צעשפּרייטע און צעזייטע אייניקלעך זאַמלען זיך צוריק אויף אין דעם לאַנד, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן אונדזער שטאַמפאָטער אברהם.

די צוויי צדדים, וואָס קעמפן שוין פיר טויזנט יאָר אויף דער יידיש־היסטאָ־רישער אַרענע פאַר זייערע אידעיִשע פּרינציפּן, באַצייכנט צאַנין ווי אברהמיסטן (דעם טערמין אברהמיזם פאַרן יידישן דת, אַנשטאָט תורת משה, האָט גענוצט דער באַוווּסטער יידיש־איטאַליענישער געלערנטער און קעגנער פון רמב"מס „שלטון השכל", ר' שמואל דוד לוצאַטאָ) און תרחיסטן.

ביי די אברהמיסטן — איז אונדז צאַנין מסביר — איז דער העכסטער נאַציאָ־נאַלער אימפּעראַטיוו דער עטיש־רעליגיעזער, בעת ביים צווייטן צד, ביי די תרחיס־טן, איז דער ועל כולם דער פּאָליטיש־טעריטאָריאַלער. אין גאַנג פון דער עסיי ווערט אָבער די טערמינאָלאָגיע היפּש מאָדיפיצירט, און די תרחיסטן זענען אויך די קראים פון מיטל־עלטער אין קאַמף קעגן די רבנים, די אברהמיסטן, און אויך די בני־תורה, די משכילים, קעגן די חסידים, די בני אברהם. אָבער עס איז דאָך, דאַכט זיך, לייכט צו ברענגען פאַקטן, אַז די אברהמיסטן, די לייט פון דעם עטיש־רעליג־יעזן אימפּעראַטיוו, זענען אויך געווען פאַנען־טרעגערס פון דער פּאָליטיש־טעריטאָ־ריעלער אידעע. עס איז גענוג צו דערמאָנען אין דעם פּרט איין גרויסע געשטאַלט, וואָס שטייט משכמו ומעלה איבער די מערסטע אַנדערע פון זיין דור און פונעם דור נאָך אים אין דער יידישער געשיכטע. ער הייסט עקיבא בן־יוסף. און עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די השכלה איז נישט בלויז געווען משה מענדעלסאָן און דוד פרידלענדער, נאָר אויך פרץ סמאָלענסקין און אברהם מאַפּו, פאָנען־טרעגערס פון

חיבת־ציון, פון דער אידעע פון פּאָליטיש־טעריטאָריעלער איינזאַמלונג. און פירנ־דיקע פּרושים, איך מיין וויכטיקע רבנים, זענען צוגעשטאַנען צו ד״ר הערצלען און האָבן געשאַפן אַ פּאַרטיי פון פּרושימדיקע אָנהענגערס פון דעם פּאָליטיש־טעריטאָ־ריעלן פּאָלקאויפבוי.

עס זענען אין דער עסיי פאַראַן זייער טרעפיקע באַמערקונגען, ווי, למשל, יענע, וואָס דערמאָנען אונדז, אַז דער קאַמף פאַר מאָנאָטעיזם איז ביי אַנדערע פעל־קער אַלע מאָל געווען נישט מער ווי אַ היסטאָרישער עפּיזאָד (סאָקראַטעס האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער גיפט און מיט דעם האָט זיך געענדיקט די קאַריערע פון דעם מאָנאָטעיזם אין אַלטן גריכנלאַנד). צו דער געדאַנקלעכער גאַנצקייט פעלט דער עסיי אָן אויסגעהאַלטענע טערמינאָלאָגיע. פעסטע געדאַנקלעכע טערמינען שליסן אויס כמה וכמה פאַקטן, אָבער וואָס קלענער און זיכערער די מחנה פון פאַקטן, אַלץ האַמאָגענער (כ׳פּאַראַפראַזיר טאַקע צאַנינס אַ זאָג אויף ז. 24) די מחשבה און איר כוח פון אַרגומענטאַציע. אַ האָמאָגענער געדאַנק ווערט טאַקע אָן אַ ביסל פּאָלעמישן גלאַנץ, אָבער ער געווינט אין כוח פון איבערצייגונג און ער האָט אַ שאַנס צו דערגיין צו וועלטבילד, צו וועלט־אַנשויונג.

אין דער צווייטער עסיי, וואָס הייסט „די גענעזע פון אַ קולטור־דראַמע״, ווייזט צאַנין, ווי מיר דאַכט זיך, ריכטיק אָן, אַז די „לעוואַנטיניזאַציע״ פון מדינת ישראל נעמט זיך דערפון, וואָס „בעת מיר האָבן דעם טעריטאָריעל־מלוכהשן אַטריבוט, פעלט אונדז דער האָמאָגענער גייסטיק־קולטורעלער אַטריבוט״, וואָס איז געווען דער אויפטו פון דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן יידישן יישוב. אַזאַ קאָמבינאַציע, וואָס העברעיִזירט דעם גלותדיקן פאַמיליע־נאָמען און בלייבט ביים ערשטן נאָמען וואָל־טער און פריץ, איז לעוואַנטיניזאַציע. עס איז אויך לעוואַנטיניש די מורא אָנצו־רופן קינדער מיט די נעמען אברהם, יצחק, יעקב און משה, בעת מען האַלט אָפּ קאָנטעסטן איבערן לאַנד פאַר דעם בעסטן קענער פון תנ״ך.

דאָ העלט צאַנינס לאַמטערן עפּעס אויף. ער וואַרפט אויך אַ ליכט צום דער־זען, ווען ער קריטיקירט דעם פּרווו צו געבן אַן אַנדערן, אַנטי־גלותדיקן אַספּעקט די יידישע ימים־טובים. מיטל־עלטער מיט זייערע פורים־און חנוכה־שפּילן, מיט זייערע ספּעציעלע מאכלים, מיט זייערע דעקאָראַציעס, וויל מען פאַרוואַנדלען אין נאַטור־ימים־טובים און ביי זיי אָפּנעמען „דעם גלות־אַנוווקס״.

און דער צאַנישער לאַמטערן לייכט, ווען ער רירט זיך צו צו דער „דעמאָבי־ליזאַציע פון אידעאַלן״ אין מדינת ישראל, און ווייזט אונדז, אַז אַנשטאָט דעם פאָלק איז די מלוכה געוואָרן די פאַרזאָרגערין פון אידעאַליזם.

צאַנינס דריטע עסיי באַהאַנדלט די פראַגע „מיגראַציע און מיזוג גלויות״. אונד־זער עסייִסט ברענגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז ישראל איז די מדינה נישט פון אַ מאָנאָליטיש, נאָר פון אַ קולטורעל פּלוראַליסטיש פאָלק. די דאָזיקע טעזע דאַרף זיין לטובת יידיש, אָבער זי איז עס, לפי דעתי, נישט. וואָרעם אויב פּלוראַליסטיש,

זענען דאָך נאָך פֿאַראַן אַנדערע שפּראַכן, וואָס זייערע ריידערס ווילן זיי, מיט רעכט אָדער אומרעכט, אויפֿהאַלטן. ייִדיש האָט אַ פּריווילעגירטע שטעלונג דווקא אין אַ קולטורעל־מאַנאַליטישער געזעלשאַפֿט, וואָרעם זי האָט אַן אַן ערך מער ווי די אַנדערע צו „פֿאַרקויפֿן" (אויף פֿלעין אַמעריקאַניש־ייִדיש) אַלטע ירושהדיק־גייסטיקע פֿאָלקסווערטן. דער משל, אַז אַמעריקע איז די געזונטסטע מדינה, ווייל זי איז קולטורעל־פּלוראַליסטיש, איז נישט ריכטיק. נישט פֿאַראַן קיין שמעלצטאָפּ, וואָס קאָכט און קאָכט איבער אַזוי גיך און גרינטלעך ווי אַמעריקע.

אין תּוך איז צאַנין דערפֿאַר, אַז מדינת ישׂראל זאָל ווערן אַ קולטור־שמעלצטאָפּ און זאָל שאַפֿן „אַן אייגענע האָמאָגענע קולטור, וואָס זאָל אימפּאָנירן אַלע עדהס". נאָר וואָדען? צאַנין האַלט, אַז אַזאַ האָמאָגענישקייט קען נישט דערגרייכט ווערן, „כּל־זמן עס וועט נישט פֿאַרשאָטן ווערן דער סאָציאַלער תּהום, וואָס טיילט פֿונאַנדער די עדהס" (ז. 74). קיין שום בר־דעת וועט נישט זאָגן, אַז צאַנין איז מיט אָט דער באַהויפּטונג נישט הונדערט־פּראָצענטיק גערעכט.

איך באַהעפֿט זיך מיטן גאַנצן האַרץ צו צאַנינס שיר השירים צו ייִדיש אין דער פּערטער עסיי „דאָס לשון ייִדיש", מיט עטלעכע קליינע רעזערוואַציעס בנוגע עקסטרעמע זאָגענישן, וואָרעם עקסטרעמיזם איז קיין מאָל נישט דער אויסדרוק פֿון געדאַנקלעכער גאַנצקייט. עקסטרעמיזם דעקט בלויז אַ טייל פֿונעם געדאַנק, און דערמיט בלויז אַ טייל פֿונעם אמת.

ישׂראל פֿורמאַנס ווערטלעך־זאַמלונג

א

איך האָב ד״ר ישׂראל פֿורמאַן געקענט פֿאַר אַלע מיינע יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות וואָס איך האָב געלעבט אין רומעניע. אַ מיטלוווּקסיקער באַלייבטער מאַנספּאַרשוין, מיט אַ קיילעכיק פּנים און אַ גאָלן שאַרבן, איז ער געווען די שטילקייט און די איידלקייט אַליין. פֿון פּראָפֿעסיע אַן אַדוואָקאַט און לויט זיין ווילן דער געטרייסטער פֿון אַלע געטרייע ייִדישע קולטור־טוער אין טשערנאָוויץ. ד״ר פֿורמאַן איז אין משך פֿון יאָרן געווען דער פּאָרזיצער פֿונעם ייִדישן שולפֿאַראיין אין טשערנאָוויץ.

מיר האָבן געוווּסט אַז ד״ר ישׂראל פֿורמאַן איז אַ זאַמלער פֿון ייִדישע גלייכווערטלעך און אידיאָמען, וואָרעם מיר האָבן דאָך געלייענט זיין אַרבעט וועגן 66

יידישע גלייכווערטלעך, וואָס ער האָט געדרוקט אין טשערנאָוויץ, און די אַרבעט זיינע וועגן עקאָנאָמישן לעבן אין שפּיגל פון יידישן פאָלקסווערטל, וואָס איז דער־שינען אין י. ד. איזראַעלס סיגעטער צייטשריפט „אויפגאַנג", אָבער די נאָר וואָס דערשינענע זאַמלונג, „יידישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטן" פון 1778 איינסן, געסדרט לויטן אלף־בית אויף 419 זייטן (פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1968) איז בפירוש אַן אַנגענעמע איבעררעשונג פאַר מיר און פאַר אַלע פריינט פון ד"ר ישראל פורמאַן ז"ל.

עס איז אַן אַנגענעמע איבעררעשונג, ווייל דאָס בוך איז נישט סתם אַ זאַמלונג פון אַ ליבהאָבער, נאָר אַ סאָלידע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. דעם אמת געזאָגט, האָט מען שוין געמוזט גלייבן אין פורמאַנס וויסנשאַפטלעכער סאָלידקייט ווען מען האָט מיט זיבעצן יאָר צוריק געלייענט אין דער ייוואָ־צייטשריפט „די יידישע שפּראַך", אונטער דער רעדאַקציע פון יודל מאַרק, ד"ר פורמאַנס אַרבעט וועגן דער טערמי־נאָלאָגיע פון יידישן בעקערפאַך. ישראל פורמאַן איז געווען דער זון פון אַ בעקער אין דער אַלטער בוקאָווינער שטאָט סערעט און האָט די דאָזיקע טערמינאָלאָגיע געקענט פון קינדוויז אָן.

צו אונדזער גרויסן צער האָט ד"ר פורמאַן נישט דערלעבט צו זען די זאַמלונג פון די גלייכווערטלעך און אידיאָמען, וואָס ער האָט אויף איר געאַרבעט איבער דריי צענדליק יאָר און זי איז געווען זיין לעבנסווערק.

ישראל פורמאַן האָט ערשט באַוויזן עולה צו זיין קיין ישראל אין 1965, אין עלטער פון 75 יאָר, און איז דאָרט געשטאָרבן 2 יאָר שפּעטער, דעם 22סטן אויגוסט 1967. דאָרט אין ישראל, ווערן מיר געוווּיר פון פּראָפ' דב סדנס אַריינפיר־וואָרט, האָט מען געיום־טובט פורמאַנס 75סטן געבוירן־טאָג. פורמאַן האָט ביי דער געלעגנ־הייט געהאַט אַ שמועס וועגן יידישן פאָלקסווערטל אויפן ראַדיאָ „קול ישראל" און האָט רעציטירט דאָרט זיינע אייגענע לירישע לידער, און די לידער האָבן עושה רושם געווען, דערעיקרשט זיין ליד „האַרבסט", שרייבט מיר אַ פריינט פון ישראל, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דער אוידיציע. דאָס ליד „האַרבסט" האָט געווירקט מיט זיין באַזונדערער מוזיקאַלישקייט און סוגעסטיווער נאַטור־באַשרייבונג.

און נאָך זאַכן ווער איך פון פּראָפעסאָר סדנס הקדמה געוווּיר. ראשית, פאַר וואָס דער מחבר האָט דער זאַמלונג געגעבן דעם היפּש דייטשמערישן נאָמען „יידישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטן". פורמאַן האָט דאָס געטאָן בכיוון, ווייל ער האָט געוואָלט געטריי בלייבן דעם נאָמען וואָס עס טראָגן די ערשטע צוויי גרויסע זאַמ־לונגען פאַר מערב־יידיש פון אברהם טענדלאַו (פראַנקפורט, 1860) און פאַר מיזרח־יידיש פון איגנאַץ בערנשטיין (וואַרשע, 1908).

שנית, דערציילט פּראָפ' סדן בשם דעם מחבר, ווי אַזוי ער האָט דאָס ערשטע ווערטל פאַרשריבן און האָט דערמיט אָנגעהויבן זיין שווערע עבודה פון זאַמלען און סדרן די ווערטלעך און אידיאָמען. ס'איז אַ קוריאָז און טאַקע דערפאַר כדאי

צו פֿאַרצייכענען. ס׳איז געווען אין מרחץ, ווען פֿורמאַן האָט געהערט צוויי ייִדן זיך איבערשמועסן מיט ווערטלעך, דער ערשטער האָט געלויבט דעם אַנדערנס פּאַך מיטן ווערטל: מלאכה־מלוכה. האָט אים דער געלויבטער, אַן אָרעמער שוסטער, אָפּגע־ענטפֿערט: יאָ, מלאכה — מלוכה, אַז ס׳קומט צו שבת פֿאַרזעצט מען די סליחה.

ב

זינט יענעם מרחץ־עפּיזאָד אין זיין היימשטאָט סערעט האָט פֿורמאַן גענומען זאַמלען און פֿאַרשרייבן ווערטלעך און אידיאָמען, בעת ער האָט שטודירט יוריספּרו־דענץ אין ווין און דערנאָך אין טשערנאָוויץ, ווו ער האָט פּראַקטיצירט אַדוואָקאַטור פֿון 1920 ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך פֿורמאַן באַזעצט אין דער אַלט־רומענישער שטאָט באַקוי. ס׳איז די פּערט גרעסטע שטאָט אין אַלט־רומעניע נאָך בוקאַרעסט, יאַס און גאַלאַץ און ליגט אויפֿן האַלבן באַנוועג צווישן בוקאַרעסט און טשערנאָוויץ. באַקוי איז אַ מאָל געווען אַ ברויזנדיקע ייִדישע קהילה. זי האָט געברויזט מיט תורה (אויף איר כּסא־הרבנות איז געזעסן דער גאון ר׳ בצלאל שאַפּראַן) און מיט די וועלטלעכע אידעאַלן פֿון ציו־ניזם און סאָציאַליזם.

פֿורמאַנס געזאַמלטע ווערטלעך און אידיאָמען שטאַמען, בכן, קודם פֿון די בוקאָ־ווינער שטעט סערעט און טשערנאָוויץ און דערנאָך פֿון דער מאָלדאַווישער שטאָט באַקוי. צו די שטעט קומט נאָך צו אַ פּערטע, די פֿרום־ייִדישע שטאָט דייִש אין טראַנסילוואַניע, וווּהין פֿורמאַן פֿלעגט צופֿאָרן פֿון באַקוי און זיך דאָרט צייטנווייז אויפֿהאַלטן.

אין זיין אייגענער הקדמה צו דער זאַמלונג, וואָס דער מחבר האָט באַוויזן אָנצו־שרייבן איידער ער איז נפֿטר געוואָרן, פּרוּווט ער צו כאַראַקטעריזירן די באַזונדער־קייט פֿון די בוקאָווינער ווערטלעך לגבי די מאָלדאַווישע. מיר דאַכט, אַז די גענע־ראַליזירטע כאַראַקטעריסטיק איז אַ צו געוואַגטע, אָבער זי איז אַ זייער פֿאַרשפּרייטע נישט בלויז נוגע די ווערטלעך, נאָר אויך סתּם אין פּרט פֿון התנהגות פֿון די פֿיר־ערליי ייִדן, וואָס האָבן צווישן ביידע וועלט־מלחמות צונויפֿגעשטעלט דעם ייִדישן ייִשוב אין גרויס־רומעניע.

עס איז זייער פֿאַרשפּרייט געווען דער אַנעקדאָט וואָס האָט איבערגעגעבן ווי אַזוי מען דערקענט אין דער באַן מיט וואָס פֿאַר אַ ייִדן מע האָט צו טאָן: מיט אַ בוקאָווינער, בעסאַראַבער, טראַנסילוואַניער אָדער אַלט־רומענישן.

דער אַנעקדאָט איז געגאַנגען אַזוי: טוט אַ ייִד אָן טלית ותפֿילין און שטעלט זיך דאַווענען, איז ער פֿון טראַנסילוואַניע; נעמט ער אַרויס אַ שיין איינגעפּאַקט פּע־קעלע מיט ברויט מיט פּוטער און מיט אַ פֿיין צעשניטן אוגערקעלע און נעמט זיך עסן בניחותא, איז ער אַ בוקאָווינער; שלעפּט ער אַרויס פֿונעם געפּעק אַ האַלבע הון, צערייסט זי און עסט האַסטיק און מיט חשק — איז ער אַ בעסאַראַבער. און וואָס

איז מיט דעם אַלט־רומעניש ? ער איז נישטאָ אין קופּע, ער איז אַוועק עסן טריפות אין שפּייזוואַגאָן.

אויפן נוסח פון דעם אַנעקדאָט כאַראַקטעריזירט פורמאַן די באַזונדערקייט פון ייִדיש־בוקאָווינער און ייִדיש־מאָלדאַווישע ווערטלעך. „די בוקאָווינער שפּריכווערטער — שרייבט ער — מעגן זיי האָבן אַ טיפן זין, זענען דאָס רוב געזאָגט ווי פון אָפּגעפּיינטע, דעליקאַטע מענטשן, אַ ביסל אַנעמיש, בעת די מאָלדאַווישע שפּריכווערטער זענען זייער אָפט נישט אַזוי דעליקאַט, נאָר פּראָסטער, פּולבלוטיקער."

און פורמאַן ברענגט ביישפּילן אויף צו באַרעכטיקן זיין כאַראַקטעריסטיק. די בוקאָווינער ייִדן זאָגן, למשל: „לייגסט דיך אַריין אין אַ קראַנק בעט" — אַ שיינע מעטאַפּער פאַר אַ שלעכטן שידוך. דער מאָלדאַווישער ייִד וועט דאָס זאָגן פּראָסטער און שטאַרקער. ער זאָגט „הרי את" און גיט דערצו צו צום גראַם אויף רומעניש „דראַקול טע־אַלואַט", ד. ה. אַז מיטן זאָגן „הרי את" האָט דיך דער רוח געפּאַקט.

אַן אַנדערער ביישפּיל פאַר דער פולבלוטיקייט פון די מאָלדאַווישע און בעסאַראַבישע שפּריכווערטער איז פאַר פורמאַנען דאָס ווערטל, וואָס ער האָט געהערט פון בעסאַראַבישע ייִדן וועגן אָרעמאַן און אָרעמקייט. דאָס בעסאַראַבישע ווערטל וואָס זאָגט אַז „אַן אָרעמאַן שטאַרבט נישט, ער בייט נאָר דאָס געלעגער", האַלט פורמאַן פאַר שטאַרקער פון אַלע אַנדערע ווערטלעך אין דעם פּרט.

קאָן מען טאַקע נישט לייקענען, אַז פורמאַנס ביישפּילן זענען גוטע און טרעפיקע, אָבער איך וואָלט אויף זיי פאַרט נישט אָנגעשפּאַרט אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריזירונג.

ג

די געגנטן פון וועלכע ד"ר פורמאַן ז"ל האָט צונויפגעקליבן די ווערטלעך זענען ביז איצט נישט געווען פאַרטראָטן אין קיין זאַמלונגען. אָבער די קליינע בוקאָווינע, וואָס איז כמעט הונדערט און פופציק יאָר געווען אַן עסטרייכישע פּראָווינץ אין איינעם מיט גאַליציע, מיט אירע אַכט מאָל הונדערט טויזנט ייִדן, האָט זיך אין איר ייִדישן פאָלקלאָר נישט קיין סך אָפּגעשיידט פון גאַליציע. יעדער צווייטער בוקאָווינער ייִד האָט געשטאַמט פון גאַליציע. אין דער בוקאָווינע האָט ער נאָר גערעדט אַ ביסל מער דייטשמעריש, וואָרעם די לערנשפּראַך אין די שולן איז געווען דייטש.

אין אַלט־רומעניע אָבער האָט זיך דער ייִדישער פאָלקלאָר געפונען אונטער דער השפּעה פון רומעניש. עס איז דערפאַר באַזונדער אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן די גלייכווערטלעך וואָס פורמאַן האָט פאַרשריבן אין דער אַלט־רומענישער שטאָט באַקוי, און אויך אין דער טראַנסילוואַנישער שטאָט דייש, ווו די לאַנדשפּראַך איז געווען, אַפילו אונטער רומענישער הערשאַפט, צום גרויסן טייל אונגאַריש.

די באַקויער ווערטלעך זענען פּאַר אונדז ווייניקער באַקאַנט. זיי זענען ניי און אַ סך מאָל פּיקאַנט.

ווי דעם ערשטן ביישפּיל וועל איך ברענגען דאָס שוין דערמאָנטע גלייכווערטל וואָס גראַמט „הרי את" מיטן רומעניש זאָג: „דראַקול טע־אַ לואַט" ד. ה. האָט דיך דער טייוול געפּאַקט, און דריקט אויס די מורא פּאַר חתונה האָבן, ווייל מע קאָן אַריינפּאַלן צו אַ שלעכט ווייב.

אַ צווייטער איז דאָס ספּעציפיש מאָלדאַווישע גלייכווערטל „דער דאַך ברענט און ער האָט אין זין די מולטער", וואָס איז אַ וואַריאַנט פון דעם רומעניש „קאַסאַ ארדע שי באַבאַ סע פּיאַפּטענע" (דאָס הויז ברענט און די פרוי קעמט זיך).

אַ דריטער, „די גריוון זענען קליגער ווי די געגנדז", אַ זוּלל־וסובאדיקער וואַריאַנט פון „די אייער זענען קליגער פון דער הון".

אַ פערטער, „נאַ דיר גאָר און מאַך מיר גאָרנישט".

אַ פינפטער, „בעסער אַ נאָענטער גראָשן איידער דער וויטער פראַנק". איך בין מסופק צי ד"ר פורמאַן האָט אין דעם פּרט ריכטיק פאַרשריבן. איך האָב פון רומענישע יידן קיין מאָל נישט געהערט דאָס וואָרט גראָשן. די קלענסטע מטבע האָבן רומענישע יידן גערופן אַ פּאַרע. די גרעסערע מטבע איז געווען דער ליי, אָבער יידן און אויך רומענער האָבן זייער אָפט גענוצט די אַמאָליקע באַצייכענונג פראַנק.

אַ זעקסטער, „יעדער דאָרומער האָט זיך זיין דאָרט־אָרומער". איך האָב דאָס זייער קלוגע ווערטל צום ערשטן מאָל געהערט אין רומעניע.

אונטערן נומער 426 ברענגט ד"ר פורמאַן דאָס ווערטל וואָס איז געווען באַקאַנט אויך אין גאַליציע: „פון דראַפּעס ווערן לייט". ווי איך געדענק, האָט דאָס ווערטל אויך געהאַט דעם צוגאָב: „און פון לייט ווערן דראַבעס". אָבער נישט וועגן דעם גייט מיר דאָ. עס גייט מיר וועגן „דראַפּעס" וואָס ד"ר פורמאַן נוצט אַנשטאָט דראַבעס. איך האָב קודם אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר האָט מען אין רומעניע געזאָגט „דראַפּעס" אַנשטאָט ווי אין גאַליציע דראַבעס. קומט אָבער וועלוול זבאַראַזשער מיט זיינע לידער וואָס זענען געשריבן אין רומעניע און באַוויזט, אַז אויך אין מאָל־דאַוויע האָט מען געוווּסט פון דראַבעס און ניט פון דראַפּעס. שרייבט וועלוול זבאַ־ראַזשער־ערענקראַנץ אין זיין ליד „די מאָלדאַווישע איבער די פּוילישע" (מקל נועם 14, 1) אַזוי:

קומען שלעק פון פּוילן אַראָפּ
דראַבעס גאָר אָן אַ צאָל
און פירן פון דעם גוטן וועג אַראָפּ
דאָס הייליקע פאָלק ישראל.

אונטערן נומער 444 ברענגט ד"ר פורמאַן אַ שיין יידיש־מאָלדאַוויש ווערטל, וואָס איך האָב פריער נישט געהערט, דהיינו: „אַז דער האָן קרייט, קרייט ער אי־

בעראַל״, וואָס דריקט אויס דעם געדאַנק, אַז אויב עס איז אַ גוטע צייט, גייט עס יעדן גוט.

מיט צוויי נומערן ווייטער פאַרצייכנט ד״ר פורמאַן דאָס ווערטל „איין האַנט וואַשט די אַנדערע״. וויל איך דאָ מוסיף זיין דעם צוגאָב צו דעם ווערטל, וואָס איך האָב געהערט פון איינעם אַ רומעניש יִיד, דהיינו: „און ביידע ווערן זיי שמוציק״. דער צוגאָב האָט אין זיך געטראָגן אַ שאַרפע קריטיק פון די צושטאַנדן אין רומע־נישן רעגירונגס־אַפּאַראַט, ווו איין האַנט האָט געהאָלפן דער אַנדערער און איז שמו־ציק געוואָרן מיט נעמען און געבן כאַבאַר.

אונטערן נומער 1559 סומירט אַ באַקויער ייד זיין קריגערײַ מיט אַן אַנדערן אַזוי: „קיין רב האָב איך אים נישט געזאָגט״. מע קען זיך פון אָט דעם „אַנדער־סטייטמענט״ פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שאַרפע ווערטער ער האָט יאָ געזאָגט.

אַפּשליסן וויל איך מיינע באַמערקונגען וועגן ישראל פורמאַנס גרעטענער זאַמלונג מיט זיין השערה וועגן דעם ווערטל וואָס ער ברענגט אונטער 1366: ער קען נישט קיין צורה פון אַן „א״. ד״ר פורמאַנס השערה איז, אַז תחילת איז נישט געווען די רייד נישט פון קיין צורה, ווי מען זאָגט אין מאָלדאַוויע, און נישט פון קיין צירה, ווי מע זאָגט אין דער בוקאָווינע, נאָר פון צלם. ד״ר פורמאַן איז סומך זיין השערה אויף דעם יידיש־דייטשן ווערטל „ער קוקט ע צעלען פיר אַן אַלעף אַן״ (ער קוקט אַן אַ צלם ווי אַן אלף). דאָס אות אלף דערמאָנט טאַקע די פאָרעם פון אַ צלם.

ר׳ בנימין און זיינע זכרונות

אָנהײב 1906 אין לאָנדאָן.

יוסף חיים ברענער פון אוקראַיִנישן שטעטל נאָווי מליני און יהושע ראַדלער פון דער מזרח־גאַליציִשער ק״ק זבאַראָוו, צוויי יונגע בחורים פון 25 און פון 26 יאָר, האָבן זיך אָקערשט געהאַט באַזעצט אין דער ענגלישער קרוינשטאָט (איינער פריִ־ער, דער אַנדערער עטוואָס שפּעטער) און — זענען איבערן קאָפּ געווען פאַרנומען מיט רעדאַקטירן דאָס ערשטע העפט פון אַ נייער צייטשריפט „המעורר״, וואָס לויט דעם „וואָרט צו די לייענער״, געשריבן פון ראַדלערן, האָט זי זיך פאַרמאָסטן צו ווערן „אַן אינדזל, אַן איינזאַמע פעסטונג פאַר אַ צאָל העברעער, פאַר יענע, וואָס זענען אָפּגעטיילט איינס פון ס׳אַנדערע מיט גאָטס ווייטקייטן און נאָר אין זאַך פאַרבינדט זיי און פאַראייניקט זיי — דער טאָג פון מאָרגן״.

יונגע, כמעט אומבאַקאַנטע רעדאַקטאָרן, די צייטשריפט דערשיינט נישט אין אַדעס און נישט אין וואַרשע, נאָר ערגעץ אין די מרחקים, אין לאָנדאָן, און דערצו דער ערשטער נומער — האָט מען געקאָנט האָפן אויף מאַטעריאַל פון דרויסן?

ברענער און ראַדלער האָבן די „איינזאַמע פעסטונג״ געמוזט נישט נאָר רעדאַק־טירן, נאָר טאַקע אַליין אָנשרייבן. איעדער פון זיי האָט געשריבן אונטערן אייגענעם נאָמען און אונטער פאַרשידענע פסעוודאָנימען.

ברענער איז אַחוץ ברענער אויך געווען בר־יוחאי און ב. צלאל. ראַדלער האָט אין ערשטן העפט געהאַט דריי מאמרים. איינעם האָט ער געחתמעט ראַדלער, דעם אַנדערן מיט דער מוטערס מיידלשן פאַמיליע־נאָמען: פעלדמאַן, און פאַרן דריטן איז אים איינגעפאַלן דער פסעוודאָנים ר׳ בנימין.

און געשען איז (נוצנדיק דעם נוסח פון מגילת אסתר), אַז זיין מאַיעסטעט, דער העברעיִשער לייענער און אויך דער חבר העברעישער שרייבער און קריטיקער האָבן ליב געקריגן דעם נאָמען ר׳ בנימין מער פון אַלע נעמען און ער האָט געקריגן ביי זיי חן און לייטזעליקייט מער פון אַלע פסעוודאָנימען, און דער נאָמען ר׳ בנימין איז אַריבער —

„פון דער ליטעראַרישער ספערע צו אַנדערע ספערעס, צום טאָג־טעגלעכן לעבן, צו דער גאַס. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ס׳טרעפט: מע רופט מיך אויף צו דער תורה מיט דעם נאָמען... איך בין געווען מאַכטלאָז. כמעט אַלע רעדאַקטאָרן האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאָמפּלאָט. איך האָב געחתמעט מיינע אַרטיקלען מיט ראשי־תיבות און זיי האָבן דווקא אַרויסגעשריבן דעם פולן נאָמען. זיי האָבן נישט גענומען אין אַכט נישט מיין אונטערשריפט און נישט מיין פּראָטעסט. איך האָב זיך נישט געקענט העלפן. איצט, אויף דער עלטער, האָב איך פאַרביטן מיין פאַמיליע־נאָמען אויף אַ נייעם נאָמען: „התלמי״. אָבער כ׳האָב מורא, אַז דאָס וועט אויך נישט נוצן. ס׳איז שוין צו שפּעט. פאַרפאַלן״.

מיט אָט דעם מאַמע־לשונדיקן וואָרט „פאַרפאַלן״, וואָס ברענגט אַרויס, דאַכט זיך, מער ווי ענלעכע ווערטער אין אַנדערע לשונות, איינגעשלאָסן העברעיִש, דעם זיס־וויטיקלעכן טעם פון דעם מענטשנס „געוואָלט אַפּוי, אָבער ס׳איז אויך גוט אַזוי״, פאַרענדיקט ר׳ בנימין דעם פאַרכאַפּנדיקן סיפור־המעשה וועגן זיין פסעוו־דאָנים, וועלכן אַ יוגנט־שטימונג אין עלטער פון 26 יאָר (די אַסאָציאַציע צום פאַר־שטאָרבענעם זיידן ר׳ בונעם און צו מענדעלעס ליטעראַרישן העלד בנימין השלי־שי) האָט אָנגעוויִעט, און די וויטערדיקע כמעט פופציק רייפע שריפטשטעלער־יאָרן זענען נישט געווען בכוח צו פאַרטרייבן.

די דאָזיקע געשיכטע פון אַ ליטעראַרישן נאָמען און פון דעם נאָמענס עקש־נות און ניצחון דערציילט ר׳ בנימין אין דער הקדמה צו זיין בוך זכרונות, וואָס איז אַרויס אין תל־אביב צום יום־טוב פון זיינע זיבעציק יאָר, און איך דערצייל זי דאָ איבער, ווייל — נאָך קיין מאָל האָט אַ פסעוודאָנים נישט געפירט אַזאַ באַרעכ־

טיקטן קאַמף פאַר קיום און נאָך קיין מאָל נישט אָפּגעהאַלטן אַזאַ געזעכטן זיג ווי יהושע ראַדלערס גליקלעך אינספּירירטער פּענגאָמען: „ר׳ בנימין״.

און „גליקלעך אינספּירירט״ נישט דערפאַר, וואָס דער אָנווונק אויף מענדעלעס העלד זאָל זיין אַן איבעריק געראָטענער און ר׳ בנימין זאָל לויט זיין שרייבערישן כאַראַקטער טאַקע זיין אַ גילגול פון דעם באַרימטן יידישן וועלטפאָרער בנימין פון טודעלא, ווי עס האָט געגלייבט דער פאַרשטאָרבענער העברעיִשער קריטיקער שלום שטרייט.

פאַרקערט. די גוטע אינספּיראַציע באַשטייט אין דעם, וואָס דער פּסעוודאָנים „ר׳ בנימין״ אידענטיפיצירט אַ שריפטשטעלער־געשטאַלט, וואָס איז נישט קיינעמס גילגול, נאָר אַ נייער און ערשטמאָליקער פּענאָמען אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן.

עס איז דער פּענאָמען פון אַ ייד מיט באָרד און פאות, וואָס שרייבט די סאַמע סאָלידסטע און עלעגאַנטסטע עסייִסטישע פּראָזע אויף העברעיִש.

די „באָרד און פאות״ ביי דער נשמה זענען שוין פאַראַן געווען אויך ביים מי־טליאַריקן און אויך ביים יונגן ר׳ בנימין, וואָס האָט מיט אַן עכטער און ראַפינירטער קולטור־אינטימקייט געשריבן איבער יידישע און אייראָפּעיִשע פראַגן פון קונסט און פון מחשבה.

אויך דעמאָלט, ביים מיטליאַריקן און און אויך יונגן ר׳ בנימין, דעם רעדאַק־טאָר פון „יפת״ און פון „מאזנים״ און דעם מחבר פון „פרצופים״, האָט דער פרומער פּסעוודאָנים נישט געשמעקט מיט פעליעטאָניסטישן חנדל, נאָר מיטן ריח פון עפּעס אַ נייער געשמאַקער און פּיקאַנטער סטיל־און קולטור־פּאַטראָווע.

נישט דער שרייבער האָט איינעם אַ פרומען ייד ר׳ בנימין געלאָזט רעדן אין זיין לשון און אויף זיין שטייגער וועגן „עניני דיומא״ פון וועלט און קולטור, און אַליין קוקט ער די לייענער אין די אויגן, צי זיי פאַרשטייען כאָטש און האָבן הנאה פון זיין אויפטו און פון זיין פאַרשוין.

ניין. ס׳איז דער ייד ר׳ בנימין אַליין. ער, דער לערנער און דאַוונער פון ר׳ מאירלס בית־המדרש אין זבאַראָוו איז דער שרייבער. קיינער שטעלט אים נישט פאָר און ער פרעזענטירט קיינעם נישט פאַרן לייענער אַחוץ זיך אַליין.

און נעמט דערפאַר ר׳ בנימין, איבער אַ דיסטאַנץ פון פולע פופציק יאָר, דער־ציילן וועגן זיין היימשטאָט זבאַראָוו, וועגן אירע יידישע מענטשן און וועגן זיך אַליין דאָרט, איז דאָס אויטאָביאָגראַפיע, געזען מיט די אויגן פון אַ געמיט, וואָס איז אויף אַ האַלבן יאָרהונדערט רייפער, טיפער און געלייטערטער, אָבער — נישט אַנדערש געוואָרן.

ס׳האָט געשפּאַנט יהושע ראַדלער אין משך פון די פופציק יידישע גורל־יאָרן איבער לענדער און איבער קולטורן, האָט זיך באַקענט מיט פעלקער און מיט נייע מחשבות אין דער פרעמד און אין אונדזער אייגענער מיט און — פאַרבליבן איז נישט בלויז דער פרומער גאָטפאַרכטיקער געמיט פונעם לערנער און דאַוונער אין

ר׳ מאירלס בית־המדרש, נאָר אויך די שטייגער־געשטאַלט פון אַ ייד, אַ שומר מצוות פון דער ק״ק זבאַראַזו.

צווישן די עטלעכע פאָטאָגראַפיעס אין ר׳ בנימינס מעמואַרן־בוך זענען אויך פאַראַן די בילדער פון ר׳ בנימינען אַליין און פון זיין פאָטער ר׳ ישראל ראַדלער.

קוק איך זיך איין און זע: ר׳ ישראל ראַדלער, דער זבאַראַזוער מעל־סוחר און למדן און דער זון ר׳ יהושע ראַדלער (ר׳ בנימין), דער מאָדערנער העברעישער שרייבער, דער קעמפער פאַר נאַציאָנאַלן אויפלעב און חלוצישער מיטבויער פונעם אַרבעטער־יישוב אין ארץ־ישראל — ביידע אין דער עלטער פונעם בעל־התהי־לים, ביידע פאַרטראַכטע לערנער־שטערנס, ביידע טרוימערישע און אַ ביסל באַ־העמיעניש מידע אויגן, ביידע ווייסע און רבניש־ברייטע בערד און ביידע אין לאַנגע בגדים און מיט חשיבותדיקע יאַרמלקעס אויפן קאָפּ.

אויך פון דעם דאָזיקן דרויסנדיקן „המשך״ צווישן דור פון טאַטן און זון, וואָס איז אין אונדזער שרייבערוועלט אַזאַ אויסנעמלעכער יקר־המציאות, מעג מען בפירוש אַריינפאַלן אין התפּעלות.

אָבער נאָך מער נתפּעל ווערן מוז מען דערפון, וואָס דער דאָזיקער „דרויסנ־דיקער המשך״ איז נאָכן איבערלייענען דעם היפּש זאַכלעכן און אָפּט אפילו קרי־טישן, סטיליסטיש קילן און עלעגאַנטן בוך זכרונות, נישט נאָר נישט קיין איבער־ראַשונג, נאָר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווייל אפילו צווישן ר׳ בנימינס גאַליצישע לאַנדסלייט, וואָס האָבן אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן אויסגעפירט די גראַנטסטע שידוכים צווישן די גייסטיקייטן פון שם און יפת, האָט מען זעלטן ווען אַזאַ זיכערקייט און עס קומט אויך זעלטן אַרויס אַזוי בולט, אַז אין דעם שרייבערישן געמיט־זיווג צווי־שן יידישקייט און אייראָפּע איז דאָס „פאַרפאַלק״ פון לכתחילה און געדויערדיק געבליבן וווינען אין „שמס געצעלטן״, ווי ביי ר׳ בנימינען.

זעלטן ווער, אפילו פון די „גאַליציאַנער״, איז באַרעכטיקט וועגן זיך צו זאָגן, ווי ר׳ בנימין אין זיין „מזבורוב ועד כנרת״, אַז —

„ער איז אין די מרחקים, אָבער זיין האַרץ און זיינע אויגן זענען אין זבאַראַזו מיט יענע זקנים און זקנות, מיט יענעם ייִנגלשן און מיידלשן יונגוואַרג, דערעיקרשט אין גרויסן בית־המדרש, אין דעם דאָרטיקן „גייסטיקן צענטער״. כוואָליעס הייבן אים אַרויס, כוואַליעס פאַרזינקען אים — און ער בלייבט אַלץ איינער אַ בחור אין יע־נעם בית־המדרש״.

נישט ער האָט פון דער פרומער וועלט פון זיין יוגנט מיטגענומען מיט זיך טלית און תפילין אויפן וועג, נאָר ער איז אין דער תרי״ג־יידישקייט געבליבן ווי־נען ווי אין אַן אַלטן, רחבותדיקן ירושה־הויז און האָט זיך אין אים געטראָגן „אין דמיון און אויף דער וואָר״ אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען איבער געאָגראַפישע און גייסטיקע פרעמדקייטן.

אין דער מיטגייענדיקער „פאַלע ראַלע"־דירה פון יידישקייט האָט ר' בנימין מכניס־אורח געווען „איראַפּע", זיך געחברט מיט אירע קולטורן און זיך שעפע־ריש מזדווג געווען מיט אירע פאָרמען פון קונסט, מחשבה און סטיל.

און ווייל ר' בנימין איז געבליבן, נישט ווי דער שטייגער, מיט היימבענקשאַפט אין זיין געמיט, נאָר מיט זיין גאַנצן געמיט אין דער היים פון יידישקייט, איז אין זיינע זכרונות וועגן זבאַראַוו און אירע מענטשן נישט פאַראַן די ציטערדיקע פּיע־טעט, וואָס קאָמפּענסירט ערגעץ ווו אין תוך דעם שרייבערס אַ זעלבסט־חשד פון פּסיכישער אָפּגעפרעמדקייט, נאָר געזונטע ליבשאַפט פון אייגנקייט, וואָס קאָן זיך פאַרגינען צו דערציילן שכלדיק־קיל און צו רעדן זאַכלעך, רעאַליסטיש און אפילו קריטיש און נישט מורא האָבן טאָמער האָט מען נישט יוצא געווען פאַר דער ליב־שאַפט.

דער בעסטער ביישפּיל פאַר אַט דער באַלאַנסירטער פּראָזע, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף אַ געזונטן געפיל פון אייגנקייט און איז אָפט דעטאַשירט, אָבער קיין מאָל נישט פרעמד; זאַכלעך, אָבער קיין מאָל נישט הארב, און אַריינדרינגענדיק־אַנאַלי־טיש, אָבער קיין מאָל נישט אַנטבלויזנדיק — זענען די פּאָרטרעטן, וואָס ר' בנימין מאָלט פון זיינע טאַטע־מאַמע.

סיי דער פאָטער, „ר' ישראל ראַדלער ז"ל", וואָס „האָט מיט לייכטקייט אַרי־בערגעטראָגן די גרויסע שווערע זעק מעל פון איין געוועלב־ווינקל צום אַנדערן, איז גרינג נאָכגעגאַנגען צענדליקער קילאָמעטער צו פוס יאַנקל בעל־עגלהס וואָגן, וואָס האָט פאַר אים געפירט מעל פון טאַרנאָפּאָל קיין זבאַראַוו; איז געווען אַ ייד אַ תורה־קענער און אַ תורה־לערנער; האָט געוווסט אַ סך זאַכן, נאָר זיך אַליין האָט ער נישט געקענט; האָט דעם רוב פון זיינע יאָרן אָפּגעלעבט ווי אַ ייד אַ סוחר און איז אַלע זיינע יאָרן — דער אמת מוז געזאָגט ווערן מיט דער גאַנצער האַרבקייט — געווען אַ ייד אַ בטלן";

און סיי די מוטער, „מרת ברכה פעלדמאַן ז"ל", וואָס „איר לעבן איז דורכגע־גאַנגען אין אַן אַנדערן ריטעם, אין אַן אַנדערער ספערע, מחוץ פון דער ספערע פון שיינקייט, פון באַצירונג און פון אויספּוץ; אין ריטעם פון טוונג, אין ריטעם פון אַרבעט" —

ווערן אין די פּאָרטרעטן פון זייער זון היפּש פּסיכאָלאָגיש און היפּש פּרטימדיק צעגלידערט, אָבער די קינסטלערישע סוווערעניטעט פונעם עסייִסט־זכרונות־שריי־בער פאַרלירט פון דעסטוועגן פאַר קיין איין מאָמענט נישט די טעמפּעראַטור פון נאָענטער קרובהשאַפט און אויך נישט דעם הייסן עטישן גלי פונעם פינפטן געבאָט.

ר' בנימין דערציילט זיינע זכרונות נישט אין דער ערשטער, נאָר אין דער דריטער פּערזאָן.

די אילוזיע פון קוקן דורך די אויגן פון „אַן אַנדערן" איז, וואָס אַן אמת, נישט דער ראַפינירטסטער, אָבער זיכער דער ליטעראַריש סאַמע אויסגעפּרוווטער מיטל.

די באַצייכענונג „ער״, „דער דערציילער״ וכד׳ פאַר דער „איך״־געשטאַלט פו־נעם שרייבער האָט אין זיך עפּעס פון ברילן, וואָס מען טוט אָן אי אויף נישט גע־בלענדט צו ווערן פון ליכט און ווינט און אי אויף צו ברענגען דעם אָביעקט אין דער ריכטיקער דיסטאַנץ צו די זע־מעגלעכקייטן פונעם אויג.

איך ווייס נישט, צי ר׳ בנימין האָט טאַקע נישט געקאָנט אויסקומען אָן דעם דאָזיקן „אויסגעפּרוּווטן מיטל״. אָבער געשאַדט האָט עס זיכער נישט. פאַרקערט, עס האָט גענוצט.

די אויבנאויפיקע אילוזיע פון נישט „איך״, נאָר „אַן אַנדערער״, האָט ר׳ בנ־ימינען גרינגער געמאַכט צו האַמעווען דעם גאַנג פון זכרונות און זיך צו פאַר־ווערק, וואָס האָבן געשפּייזט די השכלה־בענקשאַפטן אין דער יידישער מזרח־גאַ־ליציע און אויך ביי יהושעס מחשבות וועגן די גזעלשאַפטלעכע שטימונגען אין יענע קאַנטן אין דער צייט פון ר׳ בנימינס קינדהייט און יינגלשאַפט אין זבאַראַוו.

„ער״, „יהושע״, אָדער „דער דערציילער״ האָט, ווי שפּינוועבסדיק און דורכ־זיכטיק די מאַסקירונג פון דעם „איך״ זאָל נישט זיין, פאַרגרינגערט ר׳ בנימינען אונדז צו געבן אין די קאַפּיטלען וועגן די „זבאַראַווער דאָקטוירים אין יענע צייטן״, וועגן „דער ערשטער ציוניסט אין זבאַראַוו״ און אויך אין די שילדערונגען פון „די קליינע רעפּובליק זבאַראַוו״ אַרום דער געשטאַלט און אַרום דעם בית־המדרש פון דעם רבין ר׳ מאירל, סאַלידע, קינסטלעריש געשריבענע קולטור־געשיכטע פון יידיש־גאַליציע אויף דעם שיידוועג פון נייַנצטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ר׳ בנימינס דאָזיקע קאַפּיטלען האָבן מיך צום אַזויפילטן און אַזויפילטן מאָל איבערצייגט, אַז ס׳איז נישט געמאָלט קיין געשיכטע־שרייבונג אָן קינסטלערישער פּראָזע. ערשט דורך דעם היסטאָריקערס כוח צו דערציילן, אַפּצומאָלן סיטואַציעס און צו סוגעסטירן סביבה און שטימונגען ווערן פאַקטן און געשעענישן פאַרוואַנדלט אין געשיכטע. אַ דאַנק זיין שטאַרקער, נאַראַטיווער באַגאַבונג, וואָס איז ביז איצט נישט אַריבערגעיאָגט געוואָרן פון קיין שום אַנדערן פון אונדזערע געשיכטע־שריי־בער, איז היינריך גרעץ נאָך אַלץ, גלייב איך, דער גרעסטער יידישער היסטאָריקער.

וועגן ר׳ בנימינס קונסט צו שרייבן געשיכטע מיט אָטעם וואָלט איך געקענט ברענגען אַ סךביישפּילן פון דעם בוך „מזבורוב ועד כנרת״. איך וועל זיך באַ־גנוגענען בלויז מיט איין מוסטער, דהיינו — מיט עטלעכע שורות פונעם שוין דער־מאָנטן קאַפּיטל „די קליינע רעפּובליק זבאַראַוו״, אין וועלכן ר׳ בנימין מאָלט די געזעלשאַפטלעכע שטימונג פון מזרח־גאַליציע פון צווייטן דור נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 און כאַראַקטעריזירט דעם אוקראַאִנישן פויער פון יענער צייט.

די שורות לייענען זיך אַזוי: „עס איז נישט פאַרגעקומען, חס ושלום, קיין שום ווענדונג, וואָס זאָל דערוועקן זאָרגן, קיין שום ווענדונג צום שלעכטן. דער האַריזאָנט איז ריין. דער שטערן גלייכט אויס זיינע קנייטשן. דאָס האַרץ איז רויק. דער פּראָ־

גרעס שפּאַנט פּאָרויס. דער קייסערלעכער הויף האָט שלום געמאַכט מיט דער קאָנ־סטיטוציע און טראַכט נישט קיין טראַכטעניש זי צו ענדערן. די בני־נח האָבן שלום געמאַכט מיט דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און טראַכטן נישט קיין טראַכטעניש זי צו ענדערן. דער בירגערלעכער ליבעראַליזם באַהערשט די געזעלשאַפטלעכ־קייט און די מענטשן, צווישן זיי אויך די מענטשן אין זבאַראַזו, צו אַטעמען פרייער".

וואָס שייך די געשטאַלט פון מזרח־גאַליצישן הויפּט־תושב:

„דער רומעניזשער פויער איז בכלל אַ סימפּאַטישער מענטש פונעם גוטן מין. פּרום, שטיל, הערט זיך צו צו אַלץ ליבלעכס, פּשוטס און טרויעריקס פון זיין פרוי און טעכטער, וואָס זענען פונקט אַזוי פלייסיק ווי ער. ער כאַפּט אויך נישט איבער די מאָס אַפילו אין שיכרות — אַ צוגעלאָזענער, גוטער שטובהונט; וואָס איז זיך דאָ פאַר אים צו שרעקן? גייט זשע נאָך אייערע געשעפטן, ר' ייד (איש לעסקיך, ישראל)."

ר' בנימינס מחשבהדיקע און דערציילערישע עסייִסטיק איז, לויט מיין גע־שמאַק, אַ מוסטער פון גוטע פּראָזע, ווי מע טרעפט זי נישט אָפט אין אונדזערע ביי־דע ליטעראַטורן.

ס'איז אַ פּראָזע אַ פעסטע און אַן עלעגאַנטע, אַ פרומע און סקעפּטישע; זי איז וואָרצלדיק־אידיאָמאַטיש און היפּש פּסוקימדיק און דערביי אינטעלעקטואַליס־טיש און מיט אַן אַראָמאַט פון נייקייט.

ס'איז אַ סטיל, וואָס שיסט נישט מיט בליצן און האַלט נישט אין איין צינדן נייע וואָרטפלאַמען, נאָר לייכט די גאַנצע צייט מיט אַ גוטער, באַשטענדיקער און העלער ליכטיקייט.

ווען איך טראַכט, פון וואַנעט קומט עס, וואָס דער ייד פון תרי"ג מצוות, דער פרום־יידישער שרייבער ר' בנימין האָט געקאָנט אָנהאַלטן אין זיך און אין זיין סטיל אַזאַ ווונדערלעכן שלום־בית צווישן דעם דאַווענער און לערנער פון ר' מאירלס בית־המדרש און דעם פיינעם ליטעראַרישן עסטעט פון דער אַמאָליקער ווינער גייסט־מעטראָפּאָליע, קומט מיר אויפן זינען די ווונדערלעכע מעשה וועגן ב"ח און וועגן גיהנום, וואָס ר' בנימין גיט איבער אין זיינע זכרונות בשם אָביו.

מחמת עפּעס אַ נישטיקער בלי־יודעימדיקער זינד, וואָס ביי סתם־יידן נעמט מען זי „אויבן" בכלל נישט אין אַכט, איז אויפן בעל־„בית־חדש" נגזר געוואָרן צו פאַרבלייבן עטלעכע מינוט אין גיהנום.

צו דעם דאָזיקן האַרבן פּסק פון כולו דין האָט אָבער דער בית־דין של מעלה מוסיף געוועזן אויך אַ פּאַראַגראַף פון רחמים, דהיינו, אַז איידער דער ב"ח הקדוש וועט דאַרפן אַריינגיין אין גיהנום, זאָל מען קודם־כל דאָס גיהנום אין משך פון צוויי לאַנגע חדשים גוט אויסקילן.

עפּעס ענלעכעס ווי מיטן ב"ח איז געשען מיט ר' ישראל ראַדלערס זון, יהושע, וואָס איז געוואָרן דער שרייבער ר' בנימין.

די משלים גופא, דער משל ב״ח און דער משל ר׳ בנימין לאָזן זיך דווקא נישט צונויפפירן. זיי זענען ווייט איינס פון ס׳אַנדערע און אפילו היפשלעך קאַפּויערדיק צו אַנאַד.

ענלעך איז בלויז דער נמשל, כ׳מיין די מאָס רחמים, די הימלישע אָפּקילונג, פון וועלכער ב״ח ז״ל און ר׳ בנימין יבדל לחיים האָבן נהנה געווען.

ר׳ בנימינען איז באַוויליקט געוואָרן דער זעלישער און גייסטיקער כוח, צו קענען האַלטן געלייטערט און קיל די הייסע אַטמאָספערע פון תרי״ג מצוות, וואָס ער האָט געאַרבט פון זיינע עלטערן און וואָס צו זייער שווערן עול האָט ער פרייוויליק אי־בערגעגעבן זיין לעבן.

פון יענעם מאָמענט אָן (און מן־הסתם פון נאָך פריער), ווען אין האַרץ פון דעם יונגן חלוץ און שרייבער יהושע ראַדלער־ר׳ בנימין האָט אויפן וועג פון טבריה קיין כנרת אויפגעלויכטן דער געדאַנק, אַז דער רעוואָלווער אויף צו באַשיצן זיך קעגן אַראַבישע איבערפאַלער איז איבעריק, וואָרעם „דו ווערסט קיין מענטש נישט דערהרגענען. דו ווערסט דערהרגעט ווערן, אָבער דו ווערסט נישט הרגענען. און אויב אַזוי, צו וואָס טויג דער רעוואָלווער?״ — פון יענעם מאָמענט אָן האָט זיך איבער ר׳ בנימינס תרי״ג יידישקייט גענומען שפּרייטן דאָס קילע און העלע ליכט פון רעליגיעזן הומאַניזם.

און איך ווייס נישט, צי דאַרף מען דעריין זען אַ וווּנדער צי גאָר דעם איינפאַכן דרך־הטבע: וואָס טיפער די יידישקייט פון טאַטנס הויז, פון ר׳ מאירלס בית־המדרש, פון דער ק״ק זבאַראַזש, האָט זיך איינגעוואָרצלט אין ר׳ בנימינס געמיט און וואָס פּינקטלעכער און שטרענגער ער האָט געהיט די מצוות־מעשיות פון דער יידישקייט, אַלץ זיכערער און מאַנערישער האָט גענומען אין אים אויפגיין און וואַקסן די ליכטיקייט פון דעם רעליגיעזן אור־ליכט, וואָס נעמט צו אַלע פּריווילעגיעס ביי דער אייגענער יידישקייט און ווישט אָפּ אַלע גרענעצן צווישן רעליגיעס, פעלקער און קולטורן, אין צייכן פון מענטש און פון זיין צלם אלהים.

און אָט די אורערליגיע, כ׳מיין דער רעליגיעזער הומאַניזם, וואָס באַגנוגנט זיך מיט אַזאַ מינימום פון געבאָטן, ווי „אמת, ליבע, שלום און גערעכטיקייט״, איז פאַר אַלעמען מחייב צו דער מצווה פון גייסטיקער גוט־שכנהשאַפט צווישן מענטשלעכע געמיטער און מענטשלעכע קולטורן.

פון דער אָרגאַנישער מצווה פון גייסטיקער טאָלעראַנץ, אומקנאות און גוט־שכנהשאַפט איז ביי ר׳ בנימינען אַרויסגעוואַקסן נישט בלויז זיין שטעלונג צו גע־ווויסע ספּעציעלע פראַגן פון אונדזער נאַציאָנאַלער פּראָבלעמאַטיק, נישט בלויז זיין פּאַראַלעלע רעדאַקטאָרשאַפט פון דעם פרום־יידישן „ההד״ און פון דעם „אַנאַרכאָ־פּאַציפיסטישן „הנר״, נאָר אויך אין אַ היפּשער מאָס — זיין ליטעראַרישער סטיל.

וואָרעם דעם שרייבערס סטיל איז נישט בלויז אַן עסטעטישע, נאָר אויך און אפשר נאָך מער אַ זיטלעכע קאַטעגאָריע.

ד״ר ישראל צינבערג

עס איז אָקערשט דערשינען דער נײַנטער באַנד פון ד״ר ישראל צינבערגס „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן״. צווישן די ערשטע אַכט בענד, וואָס זענען שוין געווען אין דער האַנט פון ייִדיש־לייענער ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, און דעם איצטיקן נײַנטן ליגן אַכט און צוואַנציק יאָר.

דער איצטיקער באַנד איז צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק פון ד״ר מיכאל אַסטור לויט אַ מיקראָפילם פון דעם כתב־יד, וואָס איז אָפּגעפונען געוואָרן אין לענינגראַ־דער אינסטיטוט פון די פעלקער פון אַזיע בײַ דער סאָוועטישער וויסנשאַפט־אַקאַ־דעמיע. דער געדאַנק און דער סטימול צו זוכן איז געקומען פון ד״ר אליהו שולמאַן. געזוכט און געפונען דעם מאַנוסקריפּט אין דער לענינגראַדער ביבליאָטעק האָט פּראָפעסאָר אברהם קאטש פון ניו־יאָרק־אוניווערסיטעט. דערשינען איז דאָס בוך בײַ דער מיטהילף פונעם בראַנדייס־אוניווערסיטעט און „ציקאָ״־פאַרלאַג, וואָס זײַן פאַרוואַלטער, איסר גאָלדבערג, איז דער פעיקסטער, געטרײַסטער און דערפאָלג־רײַכסטער פאַרשפּרייטער פון ייִדישן בוך איבער גאָר דער וועלט.

איך וויל דאָ בלויז איבערגעבן עפּעס פון דעם, וואָס איך האָב געפילט בײַם לייענען דעם נײַנטן באַנד און בײַם בלעטערן די פריערע אַכט בענד פון צינבערגס געשיכטע. די אַסאָציאַציע פון צינבערגן האָט מיך געפירט צו אַזעלכע צוויי ריזן־געשטאַלטן פון אונדזער געשיכטע, ווי דער גרויסער פרשנדתא רש״י (ר׳ שלמה יצחקי) בײַם אָנהייב פון אונדזער יאַרטויזנט און ווי היינריך גרעץ, דער פאָטער פון דער מאָדערנער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע.

פון בײדע האָט צינבערג געירשנט דאָס ליריש־פּאַטעטישע פּינטעלע אין זײַנע פירושים און אין זײַן סיפּור־המעשה. ווען נישט דאָס ליריש־פּאַטעטישע פּינ־טעלע וואָלט רש״י נישט געקאָנט ווערן דאָס העכסטע, וואָס עס איז ווען ס׳איז באַשערט געווען אַ מפורש בײַ ייִדן: חומש מיט רש״י.

רש״י איז נישט בלויז געווען דער גרויסער פאַרטײַטשער פון חומש, נאָר אויך דער באַליבסטער, דער האַרץ־אײַנגעבאַקענער באַזינגער פון די געשעעענישן און פון די מענטשן, וואָס קומען פאָר אין ספר הספרים. דער ייִד האָט אין חומש מיט רש״י געפילט מער וואַרעמקייט, מער היימישע נאָענטקייט ווי אין חומש אַליין. רש״י האָט גערעדט וואַרעם, אַפילו ווען ער האָט די און יענע געשטאַלט פון חומש גע־טאַדלט. רש״י האָט צו מאָל גערעדט מיט באַקציינער, אָבער דער טאָן זײַנער איז אויך דעמאָלט געווען אַ מילדער, אַ ליבהאַרציקער און נישט קיין צו פיל אָנקלאָגע־רישער. ער האָט געמשפּט, רש״י, די מענטשן פון חומש, אָבער קײנעם פון זיי נישט פאַרמשפּט צו דער האַרבסטער שטראָף: טויט, כ׳מיין, אויסמעקן פון פירוש; ער האָט קיינעם נישט דן געווען צו פאַרגעסנקייט.

חומש מיט רש״י איז געוואָרן אידענטיש מיט גייסטיקער און סטיליסטישער מילדקייט, וואָס איז געווען צום האַרצן דעם איינפאַכן ייד, אָבער האָט געפאַנגען אויך דאָס געמיט פונעם שאַרפן למדן. אויב דער למדן האָט געהאַט מוט, האָט ער דאָס מודה געווען בפומבי, און אויב נישט, איז ער געווען אַ רש״י־באַוונדערער, נאָר אַ פאַרהוילענער, אין דער שטיל.

אין ישראל צינבערגס סיפור־המעשה מיט פירושים וועגן „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן״ דאָמינירט דער מילדער רש״י־טאָן, אַפילו ווען ער טאַדלט און פּאָלעמיזירט. עס איז נישט נאָר אַ וויכטיק ווערק, צינבערגס ניין־בענדיקע „געשיכטע״, נאָר אויך אַ באַליבט ספר, אַ היימיש נאָענט ספר פאַרן סתם־יידישן לייענער, פאַרן ספּעציעל פאַראינטערעסירטן יידישן לייענער און אויך פאַרן פאַכמאַן. מיט איין וואָרט: דאָס ניין־בענדיקע ווערק האָט דעם כוח צו ווערן, אויפן נוסח פון חומש מיט רש״י, „ליטעראַטור ביי יידן״ מיט צינבערג. קיין גרעסערער זכות פאַר אַ ספר איז גאָר נישט געמאָלט.

און עס פירט די אַסאָציאַציע פון צינבערגן צו רש״ין נישט בלויז פון ווערק צו ווערק, נאָר אויך פון לעבן צו לעבן. רש״י איז אַלט געוואָרן בלויז פינף און זעכציק יאָר, און אין דעם לפי ערך קורצן לעבן האָט דער וויינגערטנער און ראש־ישיבה פון טראָא באַוויזן צו שרייבן אַ פירוש כמעט צום גאַנצן תנ״ך און כמעט צום גאַנצן תלמוד בבלי. ווו האָט רש״י גענומען די צייט דערצו און פון וואַנען האָט ער געשעפּט די קראַפט זיך צו קאָנצענטרירן און אָפּצוטאָן איינער אַליין אַזאַ גיגאַנטישע אַרבעט ?!

אין דרויסן האָט געבושעוועט די שווערד. די „צלם־טרעגער״, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּאַלעסטינע באַפרייען דאָס „קריסטלעכע לאַנד״ פון מוסולמענישער הערשאַפט, האָבן אין די שטעט פון וועלכע זיי זענען אַרויסגעגאַנגען און אין אַלע פלעצער ווו זיי האָבן גערוט, אויפן וועג צום הייליקן לאַנד, געמאָרדעט יידן און פאַגראָמירט יידיש פאַרמעגן.

אין דרויסן האָבן פאַגראָמשטשיקעס און פרומע „באַשיצער פון קריסטנטום״ געמאָרדעט און געפּלונדערט, און „ביי זיך אין צימערל פאַרמאַכט״ איז געזעסן דער הייליקער ייד ר׳ שלמה, דער זון פון יצחק, און האָט געסדרט די תלמוד־קונטרסים, וואָס מען האָט אַריבערגעבראַכט פון בבל, האָט צונויפגעשטעלט דעם תלמודישן טעקסט און געשריבן דערצו זיין פירוש, אַחוץ דעם פירוש צו תנ״ך.

שטייען די יידישע דורות אין יראת־הכבוד פאַר דער געוואַלדיקער התמדה, פאַר דעם גרויסן כוח פון אינטעלעקטועלער קאָנצענטראַציע און פאַר רש״יס מסירת־נפש צו תורה, צו זיין אַריינגעטוענקייט אין איר טאָג און נאַכט מיט זיין גאַנצן האַרץ און מיט זיין גאַנצן באַגער.

עס וועלן יידישע דורות שטיין אויך אין ערפאָרכט פאַר דער התמדה און מסירת־נפש פון דעם וואַלינער ייד ישראל, דער זון פון אליעזר, וואָס האָט געאַרבעט

אַ גאַנצן טאָג ווי אַ כעמיקער אין דער פּעטערבורגער, דערנאָך פּעטראָגראַדער און צום סוף לענינגראַדער פּוטילאָוו־פאַבריק און האָט די נעכט נאָך דער אַרבעט און די געציילטע פרייע טעג פון דער אַרבעט אָפּגעגעבן צו דער פאָרשונג פון ליטעראַטור ביי יידן, אָנגעהויבן פון דאָקטאָר חסדאי איבן שאַפּרוט פון צענטן יאָרהונדערט און ביז ר׳ ישראל סאַלאַנטער פון דער צווייטער העלפט ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָס מיט אים פאַרענדיקט זיך דער נישט־פאַרענדיקטער כתב־יד פונעם איצט דערשינענעם ניינטן באַנד פון צינבערגס „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן״.

אין דרויסן האָט געווילדעוועט דער סטאַליניסטישער טעראָר, אָבער ביי זיך „אין צימערל פאַרמאַכט״, ווי רש״י בשעתו, איז געזעסן דער כעמיקער ישראל צינבערג און האָט עוסק געווען אין תורה לשמה פאַר זיך און האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און מאַטער אויף מרביץ צו זיין און דערמיט מחזק צו זיין לערנונג צווישן יידן.

די הקדמה צום ערשטן באַנד פון זיין ווערק, וואָס איז ווי די אַנדערע אַכט דערשינען אין פאַרלאַג „תמר״ פון יוסף קאַמערמאַכערס ווילנער דרוקעריי אין 1929, פאַרענדיקט ישראל צינבערג מיט ווערטער פון האָפענונג, אַז „די ווייטערדיקע טיילן וועלן אויך אין גיכן דערשיינען, אויב נאָר אונדזער געשיכטע וועט נושא חן זיין ביים יידישן לייענער״.

צינבערגס האָפענונג איז מקוים געוואָרן. ביים יידישן לייענער האָט זיין ווערק נושא חן געווען, אָבער דער תליין פון יידישער קולטור, דזשוגאַשווילי־סטאַלין, האָט געוואָרפן אַן אומחן אויפן יידישן געלערנטן און אים אָוועקגערויבט פון זיין ארבעט אין מיט פון נישט־פאַרענדיקטן כתב־יד צום ניינטן באַנד. אין די סוף־טעג פון יאָר 1938 אים פאַרשיקט קיין וולאַדיוואָסטאָק, ווו ד״ר צינבערג איז אַ חודש שפּעטער, (אין יאַנואַר 1939) געשטאָרבן. די גענויע דאַטע פון צינבערגס אַרעסט און טויט האָט איבערגעגעבן זיין פּלימעניק אליעזר צינבערג אין אַן אַרטיקל אין תל־אביבער „על המשמר״ (28סטן יאַנואַר 1966) נאָך אַ באַזוך ביי זיין משפּחה אין לענינגראַד.

וואָס שייך די אַסאָציאַציע צו היינריך גרעצן, וואָס צינבערגס ווערק רופט אַרויס, ווערט זי באַפעסטיקט דורך זיין שוין דערמאָנטער הקדמה צום ערשטן באַנד פון זיין ווערק. צינבערג דערמאָנט נישט דעם נאָמען גרעץ אין זיין אַריינפיר, אָבער עס איז לייכט צו זען אַז ער איז אין צוגאַנג צו יידישער היסטאָריאָגראַפיע אַ תלמיד מובהק פון היינריך גרעץ.

אָט וואָס צינבערג זאָגט אין זיין אַריינפיר צום ערשטן באַנד — „דאָס שריפטלעכע וואָרט איז געווען די איינציקע פאָרעם, אין וועלכער ס׳האָט זיך געקאָנט פאַרקערפּערן פאַר די קומענדיקע דורות די ווילנס־ענערגיע און שאַפונגסקראַפט פונעם יידישן קיבוץ, די גאַנצע אייגנאַרטיקייט פון זיין לעבנס־שטייגער. ביי אַנדערע פעלקער, וואָס פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן, פאַרקערפּערן זיך דער געשמאַק, דאָס באַוווסטזיין, די אידעאַלן און די גאַנצע אָרגאַניש־וואַקסנדיקע אייגנאַרטיקייט פונעם

פאָלק — אין די פאַרשיידנאַרטיקסטע פאָרמען: נישט בלויז אין ליטעראַטור און קונסט, נאָר אויך אין פּאָליטישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, אין געזעלשאַפטלע־כע אַנשטאַלטן, אין דער אַרכיטעקטאָניק, אין סטיל פון מלוכות און שטעט, גאַסן און הייזער... אָבער ביים יידישן פאָלק, דעם היימלאָזן נע ונדניק, האָט דאָס אַלץ זיך געקאָנט אַמבולטסטן אָפּשפּיגלען נאָר אין זיין ליטעראַרישן שאַפן. און טאַקע ענג פאַרבונדן מיט זיין גלות־לעבן, האָט דאָס דאָזיקע שאַפן געמוזט זיין אָרגאַניש צו־נויפגעפלאָכטן מ׳ט דער אינטימער וועלט פון ליידן און האָפענונג, מיט זיין שמאַר־ציקן זוכן דעם גרויסן סוד, וואָס שטעקט אין דער טראַגיק, דעם צוועק און די באַ־רעכטיקונג פון זיין גרויסן צער, פון זיינע אומשולדיקע פאַרגאָסענע בלוט און טרערן״...

נישט וואָס איך האַלט, אַז צינבערגס טעזע איז דער איינציק ריכטיקער צוגאַנג צו דער געשיכטע־שרייבונג פון „ליטעראַטור ביי יידן״. איך בין מיט דעם ציטאַט בלויז אויסן געווען אונטערצושטרייכן די קרובהשע געדאַנקען־ריכטונג צווישן אונדזער גרויסן היסטאָריקער הייבריך גרעץ, וואָס פאַר אים איז די יידישע געשיכטע געווען ליטעראַטור־געשיכטע, און אונדזער פאַרנעמיקן ליטעראַטור־היסטאָריקער ישראל צינבערג, וואָס די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן האָט זיך ביי אים היפּש געדעקט מיט יידישער געשיכטע.

דער בייליס־פּראָצעס

א

ס׳איז געווען האַרבסט 1913, ד״ה מיט דריי און פופציק יאָר צוריק, ווען איך און מיין זיידע מרדכי ז״ל פלעגן פירן צווישן זיך אַ שטילע מלחמה, ווער ס׳זאָל קודם לייענען דאָס אָקערשט אָנגעקומענע „לעמבערגער טאָגבלאַט״. עס איז געווען אין די טעג, ווען אין קיעוו איז אָנגעגאַנגען דער בייליס־פּראָצעס.

געוויינטלעך פלעגט דער זיידע נישט לייענען קיין צייטונגען. די גרויסע וועלט־נייעס איז ער געוויר געוואָרן יעדן פאַרנאַכט צווישן מנחה און מעריב אין ר׳ איציקלס שולעכל. עס זענען דאָרט געווען יידן וואָס האָבן געלייענט אַ יידישע אָדער העברעישע צייטונג און עס זענען געווען עטלעכע וואָס האָבן באַקומען יעדן טאָג די „נויע פרייע פּרעסע״ דירעקט פון ווין, און דאָס איז פאַרן זיידן געווען מער ווי גענוג.

אָבער ווען ס׳האָט זומער 1913 אָנגעהויבן צו רודעווען מיט דעם בייליס־פראָצעס האָט דער זיידע יעדן אינדערפרי, איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען צום טישקעסטל ביי די ברעטלערס אין מעלשטוב, מיר נישט פאַרגעסן אָנצוזאָגן, אַז איך זאָל אויפן וועג צוריק פון דער גימנאַזיע קויפן דאָס „לעמבערגער טאָגבלאַט״.

איך ווייס נישט צי דאָס „לעמבערגער טאָגבלאַט״ האָט געהאַט אַ דירעקטן קאָרעספאָנדענט אין קיעוו אָדער האָט געשעפט זיינע באַריכטן פון אַ צווייטן קוואַל, אָבער איך געדענק זייער גוט, אַז די באַריכטן זענען געווען פאַרכאַפנדיק. דער שרייבער האָט געמאָלן זייער לעבעדיק די געמעלן פון די באַטייליקטע. דער־עיקרשט האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון די פאָרטרעטן פון דער פאַרברעכערישער פרוי ווערא טשעבעריאַק, וואָס „אַזאַ ווי זי איז אַפילו אונטער דער ערד נישטאָ״; פון דעם לאַנגן גלח פראַנאַיטיס, וואָס האָט געשיט מיט ציטאַטן פון גמרא און זוהר און האָט נישט געקענט קיין אות עברי; פון דעם „בכבודן אַנטיסעמיטישן רעדאַקטאָר״ שולגין, וואָס האָט אין זיין צייטונג אַ תל געמאַכט פון דער באַשולדי־קונג קעגן בייליסן; פון דעם פראָקוראָר וויפער, וואָס יעדעס וואָרט זיינס איז געווען סם, און דערעיקרשט פון די פאַרטיידיקער, פיר קריסטן און איין ייד, וואָס זייערע נעמען זענען ביי די קאָלאָמייער יידן אין יענע טעג געווען נישט ווייניקער באַרימט און נישט ווייניקער באַליבט ווי דער נאָמען זאָלאַ.

גרוזענבערג איז געווען דער גאון, וואָס געדענקט אויף אויסנווייניק דאָס גאַנצע רוסישע געזעץ און אַלע זיינע מפרשים; זאַרודני, דער „שייגעץ״, וואָס זאָגט אַריין „אין דער זיבעטער ריפ״ דעם פראָקוראָר און די ריכטער און מאַקלאַקאָוו, וואָס זיצט די גאַנצע צייט אַ פאַרטראַכטער און קלאַפט מיט זיין בליישטיפט אויפן טיש און אַז „ער וועט נעמען אַ וואָרט וועט זיין וואָס צו הערן״. און אַז מאַקלאַקאָוו, דער ליבעראַלער ברודער פונעם רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטישן אינערן־מיניסטער, האָט דערנאָך גערעדט איינער פון די לעצטע „האָט זיך געטרייסלט דער געריכט־זאַל״. די אָנקלאָגערס האָבן איבערגעלעבט שרעק און ביי די פאַרטיידיקער האָט זיך צעבליט די האָפענונג.

און פון מ. סעמיועלס בריליאַנטענער געשיכטע פון דער בייליס־אַפערע און פון דעם בייליס־פראָצעס * קאָן מען זען, אַז דער באַריכט אין „לעמבערגער טאָגבלאַט״, וואָס איז געווען פול התפעלות פון דעם אַדוואָקאַט מאַקלאַקאָוו און פון זיין שלוס־רעדע ביים פראָצעס, האָט מיט גאָרנישט מגזם געווען. נאָך דעם באַפרייונגס־ווערדיקט פאַר בייליסן — שרייבט מאָריס סעמיועל (ז׳ 178) — האָט דער באַרימ־טער רוסישער שריפטשטעלער און הומאַניסט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ געמאַכט אַן אָנקעטע ביי אַ טייל פון די געשווירענע וועגן דעם איינדרוק, וואָס די אַדוואָקאַטן

*) Maurice Samuel: Blood Accusation. The strange history of the Beilis case. Alfred A. Knopf Inc., New York, 1966.

האָבן אויף זיי געמאַכט. מאַקלאַקאָוו האָט ביי די אויסגעפּרעגטע פּאַרנומען ס׳ערשטע פּלאַץ.

אַ געוואַלדיקן רושם האָט אויף די לייענער פון די פּראָצעס־באַריכטן געמאַכט דער אופן, ווי אַזוי די פּאַרטיידיקער האָבן איבערגעפּירט און צו שאַנד געמאַכט דעם „תלמוד־עקספּערט״, גלח פּראַנאַיטיס. איך געדענק שוין הײַנט נישט, צי מיר האָבן דעמאָלט געוווּסט, אַז דער איניציאַטאָר פון די פּראַגעס, וואָס האָבן צו שפּאָט געמאַכט פּראַנאַיטיסן, איז געווען דער באַוווּסטער העברעיִשער זשורנאַליסט און היסטאָריקער בן־ציון כ״ץ. אָבער כ״ץ דערציילט וועגן דעם אין זײַנע זכרונות און מאָריס סעמיועל באַשטעטיקט דעם פּאַקט אי אויפן סמך פון כ״צס מעמוּאַרן און אי אויפן סמך פון אַנדערע מקורים, אַז בן־ציון כ״ץ האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראַגן־באַמבע, וואָס האָט אַזוי פּחדימדיק אויפגעריסן פּראַנאַיטיסעס עם־הארצות.

אַזוי ווי פּראַנאַיטיס האָט מיט גוואַלדאָוונער זיכערקייט דערמאָנט עטלעכע מסכתאס פונעם תלמוד האָט כ״ץ פּאָרגעלייגט, אַז די נישט־יידישע פּאַרטיידיקער זאָלן פּראַנאַיטיסן פרעגן, וואָס איז דער טייטש פון אַזעלכע מסכתאס ווי „חולין״, „עירובין״ און „יבמות״. לכתחילה האָבן די אַדוואָקאַטן מורא געהאַט צו שטעלן פּראַנאַיטיסן אַזעלכע פּראַגעס, ווײַל זיי זענען געווען כמעט ווי זיכער, אַז ער וועט ענטפערן ריכטיק און דאָס וועט פּאַרשטאַרקן זײַן פּרעסטיזש און וועט זײַן אַ דורכ־פּאַל פּאַר דער פּאַרטיידיקונג. אָבער בן־ציון כ״ץ האָט נישט נאָכגעלאָזט. ער האָט אין דער עקספּערטיזע, וואָס פּראַנאַיטיס האָט אָוועקגעלייגט פּאַרן געריכט דער־קענט, אַז דער גלח האָט קיין מאָל קיין גמרא נישט געזען און ווייסט נישט, ווי מען זאָגט דאָס, „מיט וואָס מען עסט עס״. איז ער באַשטאַנען נישט נאָר אַז מ׳זאָל שטעלן פּראַנאַיטיסן די דערמאָנטע פּראַגעס, נאָר מען זאָל נאָך צושטעלן פּראַנאַיטיסן די פּראַגע: „ווען האָט געלעבט בבא בתרא און וואָס האָט ער אויפגעטאָן?״

דער פרעגער איז געווען קאַראַבטשעווסקי, וואָס איז געווען דער עלטסטער און דער באַרימטסטער פון דער פּאַרטיידיקער־קאָלעגיע. פּראַנאַיטיס האָט אויף די ערשטע דריי פּראַגעס געענטפערט „ניע זנאַיו״, אָבער אַז זײַן ענטפער אויף דער פערטער איז אויך געווען „ניע זנאַיו״, איז ביי די יידישע צוהערער אין געריכטזאַל אויסגעבראָכן אַ געלעכטער און צום העכסטן האָט געלאַכט דער זיגער בן־ציון כ״ץ. דער פּאָרזיצער האָט כ״צן געהייסן אַרויספירן, אָבער „ס׳האָט מיך גאָר ווייניק געאַרט״, דערציילט כ״ץ אין זײַנע זכרונות (ציטירט לויט מאָריס סעמיועל, ז׳ 216).

ווען קאַראַבטשעווסקי האָט אויף אַ טאַקטישן אופן געגעבן צו פּאַרשטיין די ריכטער און די געשווירענע די מעשה מיט „בבא בתרא״ איז דאָס געווען אַ קאַטאַסטראָפע פּאַרן עקספּערט פּראַנאַיטיס און פּאַר זײַן עקספּערטיזע.

קירהשע יידן, און טאַקע דערעיקרשט די יידן פון מיין „אַ שטאָט מיט יידן״ האָבן אַ באַזונדערע הנאה געהאַט פון דעם, ווי אַזוי די פּאַרטיידיקער ביים בייליס־פּראָצעס האָבן דערפירט צו פּראַנאַיטיסעס מפּלה, ווײַל זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס

האָבן זיי נאָכגעטאָן אונדזער קאָלאָמייער פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט ד״ר יוסף שמואל בלאָך. ער, ד״ר בלאָך, האָט דער ערשטער אויף אַזאַ אופן באַגראָבן דעם באַוווּסטן „תּלמוד־עקספּערט״ אויגוסט ראָלינג, וואָס איז געווען פּראָפעסאָר פאַר אַלט־טעס־טאַמענטאַרישער וויסנשאַפט אין פּראַגער אוניווערסיטעט.

ווען אויגוסט ראָלינג האָט אין די אָנהייב אַכציקער יאָרן געבושעוועט מיט זיינע „תּלמוד־עקספּערטיזעס״, האָט דער יונגער פלאָרידסדאָרפער רב ד״ר יוסף שמואל בלאָך אַריינגעשריבן אַ בריוו אין די צייטונגען, אַז ער לייגט איין דריי טויזנט גילדן, וואָס זאָלן געהערן דעם פּראָפעסאָר ראָלינג, אויב דער חשובער פּראָפעסאָר פון אַלטן טעסטאַמענט וועט קאָנען איבערלייענען איין איינציקע שטעלע אין אָריגינאַל אין תּלמוד.

פּראָפעסאָר ראָלינג האָט נישט געהאַט קיין ברירה. ר׳האָט געמוזט אָנקלאָגן פאַר „ערנבאַליידיקונג״, דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן חדשים לאַנג און האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט צוריקגעצויגן זיין קלאָגע און האָט רעזיגנירט (מען האָט אים רעזיגנירט) פון זיין אוניווערסיטעט־קאַטעדרע. ער האָט טאַקע געהאַט אַריכות ימים, פּראָפ׳ ראָלינג, אָבער ער איז נאָך דעם פּראָצעס גע־בליבן נישט מער ווי סתם אַן אַנטיסעמיט און נישט קיין תּלמוד־עקספּערט.

ד״ר יוסף בלאָך איז איבער נאַכט באַרימט געוואָרן און האָט אַ דאַנק דעם דערגרייכט צו פאַרטרעטן דריי מאָל נאָך אַנאַנד דעם וואַלדיסטריקט פון די „דריי שטעט״: קאָלאָמיי, בעטשוטש און סניטין אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט.

ב

אויף דער פראַגע, וואָס איז געמאָלט אַז דער לייענער זאָל זי פרעגן: וואָס מיינען שוין נאָך היטלער, שטרייכער און געבעלס אַזעלכע נעבעכדיקע אַנטיסעמיטן ווי טשעגלאָוויטאָוו, וויפּער און פּראַנאַיטיס? און וואָס קאָן שוין זנאַטשען אַפילו אַזאַ אויסגעלאָסענע און פאַרברעכערישע פּרוי ווי ווערע טשעבעריאַק קעגן עלזע קאָך, דער בעסטיע פון בוכענוואַלד? און די דריטע שאלה, אפשר די סאַמע וויכ־טיקסטע: וואָס פאַר אַ היסטאָרישע באַדייטונג קאָן שוין האָבן דער בייליס־פּראָצעס לגבי מאַידאַנעק און טרעבלינקע, אוישוויץ און בעלזשעץ?

דערויף ענטפערט מאָריס סעמיועל אין דעם עפּילאָג צו זיין בוך, וואָס באַרעכ־טיקט די אַקטועלקייט פונעם בייליס־פּראָצעס אויך פאַר אונדזער דור, וואָס ווייסט וועגן טרעבלינקע און מאַידאַנעק. איך שטריך אונטער, אַז דער עפּילאָג באַרעכ־טיקט די אַקטועלקייט פון דער בייליס־אַפערע, וואָרעם עס נייטיקט זיך נישט סעמיועלס „געשיכטע פון דער בייליס־אַפערע״ אין קיין שום באַרעכטיקונג. דאָס בוך איז באַרעכטיקט, ווייל ס׳איז אַ סאָלידע היסטאָרישע שטודיע, געשטיצט אויף ערשטע מקורים, און דערביי אַ בוך געשריבן מיט קינסטלערישער שפּאַנונג און מיט דערציילערישער געניטשאַפט. נישטאָ קיין איין מאָמענט פון נאָכגעלאָזטער

שפּאַנונג און קיין איין מאָמענט פון סטיליסטישער אומבאַהאָלפנקייט ביים סדרן און איבערגעבן דעם גוואַלדאָוונעם מאַטעריאַל אויף צימצומדיקע 254 זייטן. עס איז באמת אַ מייסטעריש שטיק ליטעראַרישע און פאָרשערישע אַרבעט.

אָט ווי אַזוי סעמיועל באַגרינדעט, און לפי דעתי הונדערט־פּראָצענטיק ריכ־טיק, די אַקטועלקייט פון דער „בייליס־אַפּערע" נאָך היטלער און נאָך אוישוויץ:

1. „אַקטועל ווערט דער ענין בייליס פאַר אונדזער צייט בלויז צום טייל, מחמת זיין אַנטיסעמיטישן תמצית. ווי אַן עפּיזאָד אין דעם קאַמף, וואָס גייט אָן צווישן פּראָ־גרעס און רעאַקציע האָט דער ענין אויך אַנדערע און מער אַלגעמיינע אַספּעקטן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז דער בייליס־פּראָצעס געווען איינער פון די ערשטע אילוס־טראַציעס פון דעם גרויסן ליגן, וואָס מאָדערנע רעגירונגען האָבן גענוצט. מען מוז מאַכן אַן אונטערשייד צווישן דעם גרויסן ליגן און די געוויינטלעכע טראַדיציאָנעלע שקרים, וואָס ס'נוצן רעגירונגען און אויך יחידים. דער גרויסער ליגן פאַרדרייט ניט בלויז די פאַקטן; ער צילט מער אונטערצוגראָבן די אינטעליגענץ פונעם מענטש. דער גרויסער ליגן פרעגט זיך נישט, ווי ווייט גלייבעוודיק ער וועט זיין אין די אויגן פון אינפאָרמירטע מענטשן; ער מאַכט זיינע באַהויפּטונגען מיט פולער פאַר־אַכטונג פאַר אַלץ וואָס איז באַוווּסט און זוכט מיטן כוח פון דער גרויסער גוזמא, מיטן כוח פון ברייטער ריטמישער איבערחזרונג, אוממעגלעך צו מאַכן, אַז מענטשן זאָלן טראַכטן. טעכניש איז די בייליס־אַפּערע געווען אַ פּרימיטיווער ענין, ווייל מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע און פון דער נייער פּסיכאָלאָגיע פון מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע. אַחוץ דעם איז דער צענטראַלער ליגן פונעם בייליס־פּראָצעס (דער בלוט־בילבול. — ש. ב.) נישט געווען קיין דבר בעתו; עס איז אַפילו אַ טעות צו מיינען, אַז דער גרויסער ליגן קאָן צו יעדער צייט זיין אַ דערפאָלג. אויך דער גרויסער ליגן מוז האָבן אַ מינימום פון צייט־רעזאָנאַנץ. דערפאַר האָבן די זקני־ציון־פּראָטאָקאָלן (זייער צענטראַלער ליגן איז געווען נישט דער בלוט־בילבול, נאָר דער יידישער ווילן צו באַהערשן די וועלט. — ש. ב.) געהאַט אַ סך מער דערפאָלג ווי דער בלוט־בילבול אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט".

2. „דער ענין בייליס איז אויך געווען באַלערעוודיק דערמיט, וואָס ער האָט קלאָר געמאַכט די טעזע, אַז פאַר די וואָס זענען אָנגעשטעלט ביי דער מלוכה קאָן די אויסשליסלעכע מאָראַלישע באַפרידיקונג בלויז זיין געהאָרכיקייט צו די העכערע אין אַמט, וואָס זיי שטייען מחוץ פון מאָראַלישער אָפּשאַצונג. דער בייליס־פּראָצעס מוז שטודירט ווערן אין אַלע זיינע פּרטים; מען מוז זיך באַקענען מיט אַלע זיינע גראָטעסקע און רישעותדיקע מאָמענטן; מען מוז דערפילן די פאַראַכטונג, וואָס עס איז אין דעם ענין אַרויסגעוויזן געוואָרן צו אַלע מאָראַלישע ספקות און העמונגען. בלויז דעמאָלט קאָן מען פאַרשטיין די פּרימיטיווע גענעראַל־פּראָבע, וואָס דער ענין בייליס איז, אין תוך, געווען פאַר אַלע פאַרברעכערישע מעגלעכקייטן פונעם צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט. ערשט דעמאָלט קאָן מען שוין דורכן בייליס־פּראָצעס אַ בליק

טאָן אין דעם תהום פון אוממאָראַל, וווהין דער ציוויליזירטער מענטש קאָן אַראָפּ־זינקען".

דער גרויסער ליגן פונעם בלוט־בילבול. און פונעם ביילים־פּראָצעס קעגן אַלע באַשיימפּערלעכע באַווייזן, וואָס אַ בלינדער האָט געמוזט זען, אַז די מערדער פון דעם יינגל אַנדריי יושטשינסקי זענען געווען ווערא טשעבעריאַק און אירע פריינד, די „טראַיקע": טשעבעריאַקס האַלב־ברודער פּיאָטער סינגאַיעווסקי, דער קעשענע־גנב איוואַן לאַטישעוו און דער שלעגער באָריס רודזינסקי, און אַז דער מאָטיוו פון דעם מאָרד איז געווען, אַז אַנדריי יושטשינסקי וואָס איז געווען אַ שפּיל־חבר פון דעם טשעבעריאַקס יינגל זשעניאַ זאָל נישט אויספּלאַפּלען וועגן דעם מיסחר מיט גני־בות און גערויבטע זאַכן אין טשעבעריאַקס וווינונג — אָט דער צוגעפּראַוועטער גרוי־סער ליגן איז געווען אין אונדזער יאָרהונדערט דער פּאַרגייער פון די זקני־ציון־פּראָטאָקאָלן און פון דעם גרויסן ליגן, וואָס היטלער איז געווען זיין שדישער מייס־טער.

געגרייט דעם ליגן האָט נישט עפּעס אַ טשינאָווניק. דער ליגן איז אויסגעגאַנגען פון דער סאַמע הויך, פונעם צאַר ניקאָליי אַליין, פון זיין יוסטיץ־מיניסטער טשע־גלאָוויטאָוו און דעם שעף פון דער פּאָליציי בעלעצקי, און עס האָבן געדינט צו דעם ליגן (הגם זיי האָבן געוווסט, אַז ער איז אַ ליגן און אַ פאַרברעך) די ריכטער פון קיעווער געריכט און די פּראָפעסאָרן פון קיעווער אוניווערסיטעט, ווייל זיי האָבן דערוואַרט דערפאַר באַלוינונג אין געלט און סאָציאַלן אויפשטייג.

און מען מוז זאָגן, אַז דעם ליגן גופא האָבן די געשווירענע ריכטער (דאָס רוב פון זיי פּינצטערע אָבערגלויבערישע פּויערן, אייגנס צוגעקליבענע פונעם געריכט) אין תוך באַשטעטיקט. דער פאָרזיצער פון געריכט באַלטירעוו האָט פאָרמולירט די פראַגן צו די געשווירענע אַזוי, אַז אין דער ערשטער פראַגע האָט זיך טאַקע נישט דירעקט אָבער דורך אימפּליקאַציע גערעדט וועגן ריטואַל־מאָרד און דערויף האָבן די געשווירענע געענטפערט: יאָ.

מיט ניין האָבן זיי געענטפערט אויף דער צווייטער פראַגע: צי איז באַוויזן געוואָרן אַז מענדל ביילים איז געווען דער מערדער.

וואָס שייך די געשווירענע, פאַרדינען זיי בפירוש אַ לויב און אַן אויסצייכע־נונג פאַר זייער מוט צו ענטפערן מיט ניין אויף דער צווייטער פראַגע.

די טרויעריק באַוווסטע אַנטיסעמיטישע צייטונג אין פּעטערבורג „נאָוואָיע ווערעמיאַ", וואָס איז געווען אַ כמעט אָפיציעלער אָרגאַן פון דער רעגירונג, האָט זיך צו מאָרגנס נאָכן פּראָצעס געטרייסט, אַז וועגן בייליסעס שולדיקייט זענען די געשווירענע געווען צעטיילט גלייך אויף גלייך און על־פּי דער רוסישער געריכט־פּראָצעדור מיינט דאָס ניין. דער באַפרייונגס־אורטייל קעגן ביילעסן איז אַזוי אַרום געווען בלויז אַ טעכנישע באַפרייונג און נישט מיט קיין מערהייט. סעמיועל פאָר־צייכנט די דאָזיקע באַהויפּטונג פון דער אַנטיסעמיטישער אָפיציעלער צייטונג און

גיט צו, אַז זי איז קיין מאָל נישט אָפּגעלייקנט געוואָרן. פאַרקערט, מען האָט אַלגעמיין אָנגענומען, אַז דאָס איז דער אמת, און אַזוי ביז אויפן היינטיקן טאָג.

די „שוואַרצע מאה״ און אַלע אַנדערע אָנהענגער פון ניקאָלייס רעזשים זענען געווען באַגייסטערט פון דעם אויסגאַנג פונעם ביילִיס־פּראָצעס און האָבן אַרויסגעוויזן נאָך מער באַגייסטערונג, ווי זיי זענען געווען באַרעכטיקט. זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ גרויסן „נצחון־באַנקעט״, ביי וועלכן דער יוסטיץ־מיניסטער טשעגלאָוויטאָוו און דער פּראָקוראָר ווינפער זענען געווען די „ערן־געסט״. צו די אַנדערע העלדן פונעם פּראָצעס האָט מען אַרויסגעשיקט גראַטולאַציע־טעלעגראַמעס.

ג

אָבער פון 1913 ביז צו דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 זענען געווען פאַרביי בלויז קנאַפּע פיר יאָר. איז וואָס איז געשען מיט די „העלדן״ און מיט די אמתע העלדן נאָך דער רעוואָלוציע ?

מאָריס סעמיועל דערציילט וועגן דעם ביים סוף פון לעצטן קאַפּיטל.

טשעגלאָוויטאָוו, דער שעף פון פּאָליציי בעלעצקי און דער אינערן־מיניסטער מאַקלאַקאָוו (דער ברודער פון דעם ביילִיס־פּאַרטיידיקער מאַקלאַקאָוו) זענען דערשאָסן געוואָרן פון די באָלשעוויקעס אין 1918, דער פּראָקוראָר ווינפער האָט זיך אויסבאַהאַלטן און האָט אַפילו באַוויזן צו ווערן אַ באָלשעוויסטישער טשינאָווניק. מען האָט אים אַנטדעקט, געמישפּט און פאַרמישפּט צו אַ קליינער תפיסה־שטראָף. ער איז געשטאָרבן אין תפיסה. פּראַנאַיטיס איז געשטאָרבן ערב דער רעוואָלוציע אין 1917. ווערא טשעבעריאַק און איר האַלב־ברודער סינגאַיעווסקי האָבן די באָלשעוויקעס דערשאָסן. ביילִיסעס פּאַרטיידיקערס קאַראַבטשעווסקי, גרוזענבערג און מאַקלאַקאָוו האָבן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פאַרלאָזט רוסלאַנד און זענען געשטאָרבן אין פראַנקרייך (1925, 1940 און 1959).

דער הויפּטהעלד מענדל ביילִיס, וואָס איז ווי זיין פאַרגייער, דרייפוס, געווען ווייט פון צו זיין אַ דראַמאַטיש־העראָישע געשטאַלט האָט אין 1914 עולה געווען קיין ישראל. אין 1922 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, דאָ האָט ער אין 1925 געדרוקט זיינע זכרונות אויף יידיש. ער איז געשטאָרבן אַ היפּש פאַרגעסענער, אין ניו־יאָרק, אין 1934.

צום סוף אַ קליינע אָבער זייער טרויעריקע באַמערקונג. דער ביילִיס־פּראָצעס האָט אין 1912 און אין 1913 אַרויסגערופן פּראָפּאָרציאָנעל מער אויפברויז און מער פּראָטעסט אין דער נישט־יידישער וועלט, ווי מאַידאַנעק און טרעבלינקע.

נחום סאָקאָלאָוו

ניצחון פון יידישער זעלבסטלערנונג

ווענגן דעם ערשטן אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה״, ר׳ חיים זעליק סלאָנימסקי, וואָס איז געווען אַ נאַטור־פאָרשער און דער מחבר פון מאַטעמאַטישע און אַסטראָנאָמישע ספרים, האָט עמעץ עדות געזאָגט, אַז ער איז דער יידישער הומבאָלדט; וועגן צווייטן רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה״, ר׳ נחום סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען דער קלאַסישער פּאָליהיסטאָר אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור, האָט אַן אַנדערער עמעץ אַ זאָג געטאָן, אַז ער איז דער יידישער עראַזמוס.ביידע פאַרגלייכן האָבן, פאַרשטייט זיך, היפּש איבערגעכאַפּט די מאָס, אָבער, ווי אין יעדער איבערגעכאַפּטקייט, איז אויך דאָ ערגעץ ווו פאַראַן אַ קרן אמת.

וואָס שייך דעם „הומבאָלדטיזם״ פון ר׳ חיים זעליק סלאָנימסקי האָט נחום סאָקאָלאָוו אין זיין אויספירלעכער עסיי וועגן חז״סן געגעבן די ברוגזע אויף דעם פאַרגלייך צו פאַרשטיין, אַז אין דעם „אמרי אינשי״, ד״ה אין דעם „מע זאָגט״, ליגט נישט קיין אָפּשאַצונג, נאָר אַ באַציונג פון ליבשאַפט צו איינעם, וואָס איז אַרויס פון בית־המדרש און מע דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געוואָרן אַ „משנה למלך״ אָדער ער איז געוואָרן אַ „הומבאָלדט״ און דאָס גלייכן.

די זעלבע באַציונג פון ליבשאַפט ליגט, בלי ספק, אויך אין דעם פאַרגלייך פון סאָקאָלאָוון מיט עראַזמוס פון ראָטערדאַם.

אָבער מע קאָן פון דעסטוועגן נישט לייקענען, אַז סיי פון דעם ערשטן און סיי פון דעם צווייטן פאַרגלייך קוקט אַרויס אַחוץ ליבשאַפט און משפּחהדיקע איבערנעמערישקייט, וואָס האָט זיך איר היתר אויף גוזמא, אויך אַ געוויסע פאַרשערישע אינטויִציע, וואָס טאַפּט אָן איינצלנע בשותפותע שטריכן ביי געשטאַלטן איבער די ווייטקייטן פון לענדער און צייטן.

דער ביאַליסטאָקער למדן און חריף, דער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם חיים זעליק סלאָנימסקי איז געווען אַ יינגערער מיטצייטלער פון דעם דייטשן נאַטור־פאָרשער אַלעקסאַנדער הומבאָלדט און האָט זיך מיט אים באַגעגנט און אַפילו געחברט.

ווען מיר פאַרגלייכן וואָס עס זאָגט נחום סאָקאָלאָוו וועגן דער געשטאַלט און וועגן די ווערק פון חז״סן מיט דעם, וואָס ס׳האָבן צו דערציילן די „דייטשע סאָקאָלאָוס״ וועגן הומבאָלדטן, האָט דער „יידישער הומבאָלדט״ געהאַט בשותפות מיט דעם דייטשן די נטיה „אַנצוכאַפּן אַ געדאַנק ביי דער טשופּרינע״ און אים בעל־כרחא צו מאַכן פאַר אַ נאָענטן מחותן אין זיין פאָרשונג. ביידע האָבן זיי געהאַט די טענדענץ צו פאַרבינדן אידעאַליסטישן גייסט מיט וויסנשאַפט. (ביי חז״סן איז דער אידעאַליסטישער גייסט געווען די גמרא).

דער פאַרגלייך פונעם פלאַצקער עילוי נחום סאָקאָלאָוו מיט דער געשטאַלט פון עראַזמוס פון ראָטערדאַם, וואָס איז, כמעט צום טאָג, געשטאָרבן פולע פיר הונדערט יאָר פריער, איז אַ מער קאָנקרעטער און ליגט, דאַכט זיך, אויף דער האַנט. עס וואַרפט זיך ממש אין די אויגן דער בשותפותער שטריך פון זייערביידנס „רענע־סאַנסישקייט". אין עראַזמוסעס זינען איז נחום סאָקאָלאָוו געווען דער וואָרער „הומאַ רענעסאַנציוס" פון אונדזער יידישן דור. איך זאָג: אין עראַזמוסעס זינען, ווייל ווי ביים ראָטערדאַמער חכם, האָט אויך ביי אונדזער פלאַצקער עילוי די גוואַלדאָווגע גייסטיקע פּילזייטיקייט געליטן פון איין גרויסן מאַנגל, וואָס האָט געמינערט פון עראַזמוסעס היסטאָרישער השפעה אין דער גרויסער וועלט און פון סאָקאָלאָווס אין אונדזער קליין יידיש וועלטל. עס האָט זייביידן געפעלט דער עלעמענט פון אידעי־שער און פון געזעלשאַפטלעכער תקיפות, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די געשטאַלטן, וואָס מיר באַצייכענען זיי מיטן אַדיעקטיוו: רענעסאַנסישע.

נישט בלויז איז נחום סאָקאָלאָוו נישט געווען קיין קעמפערישע נאַטור, נאָר ער האָט באַגלייך מיט עראַזמוסן, מיט עפּעס אַ מאָדנער עקשנות, אויסגעמיטן אַריינגעצוי־גן צו ווערן אין אַ געזעלשאַפטלעך־אידעישער מחלוקה, אָדער אַפילו בלויז פּאָלעמיק.

ווען עראַזמוס זאָל געווען קענען ביי זיך פועלן שטעלונג צו נעמען צו דעם קאַמף צווישן פויפסט און דער רעפאָרמאַציע, וואָס האָט געפלאַקערט אין אייראָפּע אין זיין צייט, וואָלט ער ביי די דרייצן דורות זינט דעמאָלט אַרויסגערופן מער איב־טערעס. עס וואָלט אַרום זיין געשטאַלט געווען מער אידעישע שפּאַנונג און ער וואָלט געווען פאַרבליבן נישט בלויז אין זכרון פון שפּראַכפאָרשער און ליטעראַטור־מבינים, נאָר אויך אין געדעכעניש און אין דער פאַנטאַזיע פון יעדן מיטלשול־תלמיד און פון דעם מינדסטן געשיכטע־וויסער.

אי דער פויפסט און אי לוטער האָבן עראַזמוסן גערופן זיך אַרויסצוזאָגן אין דעם קאַמף צווישן קירך און רעפאָרמאַציע, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיין, עראַזמוסעס וואָרט קאָן אַנטשיידן נישט בלויז איבער דעם פריער צי שפּעטער, נאָר אפשר טאַקע איבער דעם אויסגאַנג גופא פונעם קאַמף. אָבער עראַזמוס האָט אויסגע־מיטן צו נעמען אַ צד. ער איז פאַרבליבן אויף די הייכן פון זיין ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און — איז דערפאַר נישט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון די, וואָס צינדן דעם דמיון ביי דער יוגנט.

אַן אַמעריקאַנער שריפטשטעלער פון האָלענדישן אָפּשטאַם*) דערציילט ווי אַזוי פאַר אים און זיינס גלייכן תלמידים אין אַ ראָטערדאַמער מיטלשול איז דער גרויסער בן־עיר עראַזמוס געווען נישט מער ווי „אַ סטאַטוע אין שטאָט", וואָס לויט דעם האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז ער מוז אויך זיין „אַ מאַן פון סטאַטור". מע האָט

*) הענדריק ווילעם וואַן לון אין זיין אַריינפיר צו דער ענגלישער איבערזעצונג פון עראַזמוסעס בוך „לאָוס סטולטיציע" (אַ לויב דער נאַרישקייט), ניו־יאָרק, 1947.

זיי, די תלמידים, דערציילט וועגן עראַזמוסן, אָבער דאָס דערציילטע האָט נישט פאַר־כאַפּט זייער פאַנטאַזיע. וואָרעם וואָס? ער איז געווען, עראַזמוס, אַ פּילזייטיקער שריפטשטעלער, קאָן מען אַריינפאַלן צוליב דעם אין התפעלות, און נאָך דערצו ווען מען איז יונג?

מיט נחום סאָקאָלאָוו איז אין אונדזער יידישער וועלט געשען אַן ערך דאָס זעלבע. אין משך פון פערציק יאָר איז נחום סאָקאָלאָוו געווען אין די פאָדערשטע רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז געווען גענעראַל־סעקרעטאַר, ווען בראש פון איר איז געשטאַנען דוד וואָלפזאָן; מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע קודם אונטער דער פרעזידענטשאַפט פון חיים ווייצמאַנען, און סוף־כל־סוף פיר יאָר לאַנג אַליין דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — און אין משך פון די אַלע פערציק יאָר איז ער נישט געווען נישט אויף דער זייט פון די פּראַקטישע אָדער פון די פּאָליטישע ציוניסטן, ער האָט נישט געקעמפט פאַר ווייצמאַנס און אויך נישט קעגן ווייצמאַנס פּאָליטישער ריכטונג. נחום סאָקאָלאָוו איז אין דעם פּאָליטיש־אידעישן גערויגל אין ציוניזם געשטאַנען איבער אַלע מחלוקתן און איבער אַלע פּאָלעמיקעס.

סאָקאָלאָוו איז נישט געזעסן, ווי ער האָט אַליין געזאָגט וועגן זיך, ביי די וואַסערן פון אידעישער ווידעראַנאַנדיקייט, ביי די „מי מריבה" פון אידעען און אידעאַלן. ער איז נישט געווען, האָט נישט געוואָלט זיין קיין אידעישער פוסק און אַוודאי נישט קיין „פוסק אחרון". ער איז געווען אַ מאַן פון גרויסער גייסטיקער דערפאַרונג און האָט דערפאַר געוווּסט, אַז אין תוך איז „אלה ואלה דברי אלוהים חיים", ד"ה אַז ערגעץ ווו בלויז מיט מדרגות העכער באַגעגענען זיך ווידעראַנאַנ־דיקע אידעען און „כאַפּן זיך" אַז זיי ווילן דאָס זעלבע, אַז זיי דינען דעם זעלביקן גאָט.

סאָקאָלאָוו האָט פאַרשטאַנען אויך די קעגנערישע אידעען און האָט געהאַט אַן אָרגאַנישן ווידערווילן צו געדאַנקלעכן עקסטרעמיזם און צו אידעישער פאַנאַטיש־קייט, וואָס פאַרשטאָפּט זיך די אויערן נישט צו הערן, אַחוץ איר אייגענעם האַרצ־קלאַפּ און נישט צו זען, אַחוץ איר אייגענע טרער.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז, גלייב איך, יענער פּאַראַגראַף אין דער אויסנעמלעך אינטערעסאַנטער און מיט ווונדערלעכער עלעגאַנץ געשריבענער עסיי וועגן פּראָפעסאָר יוסף הלוי, ווו סאָקאָלאָוו געפינט אידעישע און מאָראַלישע זכותים פאַר דער אַסימילאַציע.

„מע דאַרף — שרייבט סאָקאָלאָוו — מאַכן די דינע אונטערשיידונג צווישן מעכאַנישע אַסימילאַציע־עקספּערימענטן און די צופּאַסונג־דערגרייכונגען און נצ־חונות פון די דיזראַעליס, וואָס זענען מיט זייער נשמה אַריינגעדרונגען אין אַזאַ פרעמדשטאַמיקן ענין, ווי די ענגלישע טאָרי־פּאָליטיק, אָדער פון אַ היינעס אַריינגאַנג אין דער דייטשער ליריק, אָדער פון שטאַהלן — אין דעם באַלזאַמירטן

פרייסישן פּראָטעסטאַנטיזם, אָדער פון יענעם ייד פון קאָפּענהאַגען, וואָס האָט איבערגעמאַכט זיין נאָמען פון כהן אויף בראַנדעס און איז אַריינגעדרונגען אין אַלע ריכטונגען און אין אַלע שטרעמונגען פון דער אייראָפּעיִשער קולטור, און אַפילו אין אַזאַ פרעמדן און אָפּגעזונדערטן געביט, ווי די פויליש־ראָמאַנטישע און פּאַטריאָטישע פּאָעזיע פון מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי און קראַסינסקי. עס איז אין זיי אַלע פאַראַן דער מאַנגל פון פעסטער און אָפּגעשלאָסענער שטאַמיקייט פון אַ פּאָלק אין די גרענעצן פון זיין אייגענעם לאַנד; אָבער עס איז אין זיי אויך דאָ עפּעס פון דער גייסטיקער פּלוזיטיקייט און פון מענטשלעכער נבואה; עס איז פאַראַן אין זיי די לייכטקייט פון טעאַטראַלישן טאַלענט אָן אייגנקייט; אָבער אויך די אומאייגנקייט איז אין תוך אַ געשלאָסענע אייגנקייט, וואָס גיט דעם מענטשן אַן אַריינטריט־בילעט צו אַלע לענדער און צו אַלע פעלקער, צו אַלע גייסטיקע תחומים און געביטן״.

איך האָב געבראַכט אָט דעם לענגערן ציטאַט פון דער הלוי־עסיי, נישט ווייל איך ווער באַגלייך מיט סאָקאָלאָוון נתפּעל פון שטאַהלס און דיזראַעליס, אָדער אַפילו פון היינעס און בראַנדעסעס כוח צו אידענטיפיקאַציע מיט פרעמדע קולטורן, נאָר ווייל איך ווער אין אַ היפּשער מאָס יאָ נתפּעל פון סאָקאָלאָווס טיפער און אָרגאַנישער טאָלעראַנץ צו אידעען — אַ טאָלעראַנץ, וואָס קאָן נישט זען קיין שום געדאַנק, קיין שום אידעע און קיין שום אידעאַל איינגעהילט אין בלויז שאָטן אָן ליכט.

ליטעראַריש האָט די דאָזיקע טאָלעראַנץ סאָקאָלאָוון זיכער קיין טובה נישט געטאָן. פון איר איז אַרויסגעוואַקסן סאָקאָלאָווס גוט־ברודערשאַפט מיט אַלע זשאַנערן. אין דער ליטעראַטור איז עס כמעט ווי אין לעבן: פריינדשאַפט מיט אַלע איז אין תוך פריינדשאַפט מיט קיינעם נישט.

און פּאָליטיש האָט די אידעיִשע טאָלעראַנץ אַוודאי נישט סטימולירט די פּאָפּו־לערקייט פון סאָקאָלאָווס נאָמען. דערפאַר וואָס ער איז אין משך פון די פערציק יאָר פון זיין ציוניסטישער פירערשאַפט געשטאַנען איבער אַלע גרופּלשאַפטלעכע מחלוקתן און איבער אַלע אידעיִשע ווידעראַנאַנדן, האָט סאָקאָלאָוו נישט געקאָנט שאַפן אַרום זיך די עמאָציאָנעלע שפּאַנונג, וואָס ס׳האָבן איבערגעענטפערט צו די דורות זשאַבאָטינסקי און חיים ווייצמאַן, און נאָך מער ווי זיי, טעאָדאָר הערצל.

אָבער לייענענדיק סאָקאָלאָווס עסייען דערפילט מען נישט בלויז זיין טאָלעראַנץ און גרויסמוטיקייט ווי אַ שרייבער, נאָר עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז סאָקאָלאָוו דער מענטש; סאָקאָלאָוו די לוי־יצחקשע געשטאַלט פון אונדזער נאַציאָנאַלן רענע־סאַנס, וואָס איז טאָלעראַנט און פול מיט רחמנות נישט דערפאַר, ווייל ער איז פון נאַטור אַ וייכער, אַ סענטימענטאַלער און ווייל שאַנעווען זיך אַליין און פאַרענטפערן דעם מין מענטש און זיינע אידעיִשע חטאים, נאָר ווייל אין אים לעבט, ווי אין דער לעגענדאַרישער ר׳ לוי יצחק־געשטאַלט, דאָס אָרגאַנישע געזעץ פון קאָסמישער האַר־

מאָניע, וואָס גלייכט אויס דאָס שלעכטע מיטן גוטן. עס איז דאָס אויבערשטע געזעץ, וואָס אין דער מאָראַל — אין דער בין־אדם־לחברודיקער און אויך אין דער בין־אידיי־לאידעיִשער מאָראַל — האָט עס דער תנא ר׳ אלעזר בן־ערך פאָרמולירט צום טרעפלעכסטן מיט צוויי ווערטער „לב טוב״.

און אויף דער ליניע פון ר׳ אלעזר בן־ערך ברייטערט אויס ר׳ נחום פון ווישעגראַד און פון פלאַצק די דאָזיקע פאָרמולע און איז זי אונדז מסביר אין נייע און אין אַלטע טערמינען. „פאַראַן — שרייבט סאָקאָלאָוו אין זיין עסיי וועגן אַנרי בערגסאָן*, ווו ער מאָלט די „אייזערנע מוחות, זילבערנע בתים״ פון פוילישן יידנטום און דערגרייכט אויסנעמלעך שיינע בלעטער פון קינסטלערישער פּראָזע — פאַראַן אַ דערהויבנקייט, וואָס ווען זי יאָוועט זיך, נעמט זיך שפּרייטן רו איבער גאָטס וועלט. דער נאָמען פון אָט דער דערהויבנקייט איז „לב טוב״. אַ סך מאָל, ווען מיר קוקן זיך צו צו דער כללישער, נאַציאָנאַלער און אַלמענטשלעכער מי און זעען דעם מענטשנס גרויסע אויפטוען אין דעם פּרט, ווערן מיר פול מיט התפּעלות און מיט יִראת־הכבוד, אָבער פון ערגעץ ווו קומט צו שלייכן אַ שאָטן פון ציטערניש און פון דערוואַרטונג און דריקט אויף אונדזערע געפילן. מיר וואַרטן אויף נאָך עפּעס... אָט איז אַ רייע פון געשטאַלטן: ווידער אַ באַגאַבטער מענטש, אַ מענטש פון טאַלאַנט, אַ גרעסערער, אַ לענגערער, אַ גאון אויף דעם אָדער אויף אַן אַנדערן געביט — אַלץ איז שיין און ליב. אָבער די געשטאַלט, וואָס גלאַנצט אויף אַן אמת און זי שטראַלט מיט וואַרעמ־קייט און האַרציקייט דערזעען מיר דעמאָלט, ווען עס באַווייזט זיך פאַר אונדז, למשל, ר׳ נחומקע פון גראָדנע. ער גייט ביי נאַכט מיט אַ לאַמטערן אין האַנט; ער איז נאָך אַ תענית; אין דרויסן — אַ קעלט; די שניי־זאַווערוכע שטויסט אים אַהין און אַהער; אָט־אָט חלשט ער, אָבער ער טראָגט אַ נדבה צו אַן אָרעמען חולה, און אַז מיר דער־בליקן ר׳ נחומקען ווערט לייכטער אויפן האַרץ: אָט דאָס האָט געפעלט! און אַז ער יאָוועט זיך — ווערט דאָס האַרץ פול מיט פעסטקייט און בטחון״.

אָט דאָס וואָס ס׳פעלט אַ סך מאָל אין אַלע „עשרה קבין״ (צען מאָס פון טאַלאַנט און גאונות) איז אַלע מאָל דאָ און איז אַלע מאָל וואַך אין די שריפטן פון נחום סאָקאָלאָוו. לדידי איז דאָס אַן אויפטו און אַ דערגרייכונג, וואָס נישט קיין סך שריי־בערס פון אונדזער דור האָבן צו איר זוכה געווען.

און איבער די דרייסיק ביכער און טויזנטער מאמרים אין העברעיִש, יידיש, פּויליש, דייטש און ענגליש, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט נחום סאָקאָלאָוו ווי דעם טאַטע, דעם בעל־נוסח פון העברעיִשן זשורנאַליזם, ווי דעם רעדאַקטאָר פון העב־רעיִשן „העולם״, דער דייטשער „די וועלט״ און דעם פּוילישן „איזראַעליטאַ״, ווי אַ בריליאַנטענעם העברעיִשן עסייִסט, אַ סאָלידן היסטאָריקער, אַ סוגעסטיוון ליטע־

---

*) נחום סאָקאָלאָוו: „פּערזענלעכקייטן און פאָלק״, רעדאַקציע און אַריינפיר: ג. קרעסעל; איבערזעצונגען: ל. אָליצקי, ירושלים, 1966.

ראַטור־קריטיקער, אַ מאַן פון וויסנשאַפט, און פון צייט צו צייט אויך ווי אַ פיינעם און געשמאַקן בעלעטריסט — דאַרף נישט פאַרגעסן ווערן סאָקאָלאָוו, דער לעצטער גרויסער אויטאָדידאַקט אונדזערער, דער מאַן וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון מיט זיין יידישער זעלבסטלערנונג.

וועגן צוויי אַזעלכע גרויסע „אַביי ורבא״־זיגערס דערציילט אונדז נחום סאָקאָלאָוו אין זיינע „אישים״. דער ערשטער איז דער שוין דערמאָנטער ביאַליסטאָקער גאון ר׳ חיים זעליק סלאָנימסקי, וואָס האָט מיטן כוח פון אַ „בלאַט גמרא״ איינגענומען מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. דער אַנדערער איז דער גאון פון קאָזשעניץ ר׳ חיים יחיאל באָרנשטיין, וואָס איז כל ימיו געווען דער סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער „טלאָמאַצקי״־סינאַגאָגע, און אין דער היים ביי זיך האָט ער געשריבן גרינטלעכע אַרבעטן וועגן מאַטעמאַטיק, וועגן תלמודישער יוריספּרודענץ און וועגן ביבל־פאָרשונג און האָט איבערגעזעצט שעקספּיר־פּיעסן אויף העברעיש.

ר׳ חיים זעליק סלאָנימסקי און ר׳ חיים יחיאל באָרנשטיין זענען די זיגער פון יידישער זעלבסטלערנונג, ווייל זיי זענען נישט פון דער גמרא אַוועק אין די אוניווערסיטעטן, ווי אַזוי פיל אַנדערע אביי ורבאניקעס אונדזערע. סלאָנימסקי און באָרנשטיין האָבן צו זייער מאַטעמאַטיק, צו זייער אַסט־אנאמיע און צו זייערע אַנדערע וויסנשאַפטן דערגרייכט בלויז דורך דער גמרא, דאָרט האָבן זיי „עפנענן זייער וויסנשאַפט און מיט איר כוח דערנאָך איינגענומען די „חכמת הגויים״. זיי האָבן קיין מאָל קיין שום אַנדערע שול, ווי ביים שטענדער אין בית־המדרש, נישט געהאַט, אָבער זייער „חכמת הגויים״ האָבן זיי פון דעסטוועגן דעראָבערט פונקט אַזוי סיסטעמאַטיש ווי די תלמודישע לערנונג. זיי האָבן זייער נישט־יידיש וויסן באַוויזן איינצוגלידערן אין דעם וואָס זיי האָבן געלערנט אויף זייער אוניווערסיטעט אין בית־המדרש. זייער יידישע און נישט־יידישע געלערנטקייט איז געוואָרן איין גאַנצקייט.

דאָס איז געווען דער גרויסער נצחון פון דעם אויטאָדידאַקט חיים זעליק סלאָנימסקי און פון דעם „חכימא דיהודאי״, דעם יידישן חכם חיים יחיאל באָרנשטיין. עס איז ביי זיי נישט געווען קיין דואַליזם צווישן דער גמרא און צווישן דער מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע פון די ספרים חיצונים. אַלץ האָבן זיי אויסגעלערנט ביי איין און דעם זעלבן שטענדער. מיט דער גמרא האָבן זיי צעאָקערט די מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע און מיט אָט די וויסנשאַפטן האָבן זיי בעסער פאַרשטאַנען די גמרא.

די באָרנשטיינס דאַרפן נישט קיין שולן. זיי לערנען פאַר זיך אַ לעבן לאַנג. „די באָרנשטיינס — שרייבט סאָקאָלאָוו — ענדיקן קיין מאָל נישט זייערע לימודים, דער ענין ענדיקן (גראַדויִרן) איז פאַר זיי לגמרי פרעמד״.

און איך טראַכט, אַז ווי גרויס ס׳זאָל נישט געווען זיין דער נצחון פון די אויטאָדידאַקטן חיים זעליק סלאָנימסקי און חיים יחיאל באָרנשטיין איז דער סאַמע גרעסטער בעל־נצחון — דער אויטאָדידאַקט נחום סאָקאָלאָוו. שוין דערפאַר אַליין דער

גרעסטער, ווייל ער האָט געזיגט אויף אַ ברייטערן שטח פון זיי און האָט ווי אַ שריפטשטעלער, היסטאָריקער, דיפּלאָמאַט און מאַן פון וויסנשאַפט זי אויסגעשפּרייט אויף אַן אַן ערך מער קולטור־געביטן ווי זיי.

נחום סאָקאָלאָוו, דער יינגסטער פון די דריי גרויסע אויטאָדידאַקטן, איז געווען, אויב מען קען אַזוי זאָגן, אַ מין נצחון־אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער זעלבסט־לערנונג.

שריפטן אויף יידיש

די „ציוניסטישע ביבליאָטעק ביי דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע" (הספריה הציונית על יד הנהלת ההסתדרות הציונית) האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד פון נחום סאָקאָלאָווס שריפטן אין יידיש. זי האָט בפירוש געטאָן דערמיט אַ חסד דעם גרויסן, פילפאַרביקן שרייבער נחום סאָקאָלאָוו, וואָס האָט גערעדט און געשריבן אויף אַכט לשונות. צווישן זיי פאַרנעמט דעם סאַמע אויבנאָן העברעיש. דאָס איז געווען סאָקאָלאָווס אינטימסטע שעפערישע שפּראַך. אָבער נאָך העברעיש איז סאָקאָ־לאָווס צווייט לשון, אין פּרט פון שעפערישער אינטימקייט, געווען מאַמע־לשון.

פון די 21 עסייען און פעליעטאָנען, וואָס זענען אויפגעזאַמלט געוואָרן אין דעם באַנד סאָקאָלאָווס שריפטן אין יידיש, זענען אַכט (8) געשריבן אָריגינעל אין מאַמע־לשון. צווישן די אָריגינעל־יידישע זענען דאָ אַזעלכע צוויי וויכטיקע עסייען, ווי וועגן אַנרי בערגסאָן און י. ל. פּרץ און אַ קליינער, חנעוודיקער פעליעטאָן אַרום ר' נחמן קראָכמאַל.

און נישט בלויז האָט נחום סאָקאָלאָוו געשריבן אַ גוטן, וואָרצלדיקן און צום מיינסטן (וואָלט איך געזאָגט) אַן אַריסטאָקראַטיש־לומדישן יידיש, נאָר ער האָט אויך געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו יידיש, ווי אַ נאַציאָנאַל־שעפערישע שפּראַך פון יידישן פאָלק.

עס דערציילט וועגן דעם ג. קרעסעל אין זיין אויספירלעכן ביאָגראַפישן אַריינ־פיר: „סאָקאָלאָווס שרייבן אויף יידיש איז געקומען פאַרהעלטנישמעסיק (לפי ערך) שפּעטער, זיכער דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט אָט די געלעגנהייט, וואָס ער האָט געהאַט אין העברעיש. איז דאָך אין העברעיש געשטאַנען צו זיין דיספּאָזיציע אַ גאַנצע צייטונג, וואָס איז געווען אין גאַנצן זיינע! און פון דעסטוועגן קומט אַרויס איינער פון זיינע ערשטע פּרוּוון אויף יידיש נאָך פון זיינע גאָר יונגע יאָרן". דער עטלעכע און צוואַנציק יעריקער סאָקאָלאָוו האָט אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנ־גענעם יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך געשטאַרקט דער שטראָם פון יידישער עמיג־ראַציע קיין אַמעריקע, אָנגעשריבן אַ לערנבוך פאַר ענגליש אויף יידיש. דאָס דאָזיקע

בוך איז אַרויס אין צענדליקער אויסגאַבעס. די זעכצנטע אויסגאַבע, וואָס קרעסעל האָט געפונען אין דער ירושלימער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, איז פון וואַרשע, 1904.

דעם ערשטן מאמר ממש אויף יידיש, און נישט אויף דייטשמעריש, ווי דאָס לערנבוך פאַר ענגליש, האָט סאָקאָלאָוו אָפּגעדרוקט אין י. ל. פּרצעס „די יודישע ביבליאָטעק", דריטער באַנד, וואַרשע, 1895. סאָקאָלאָוו האָט אין דעם דאָזיקן מאמר מסביר געווען די פילאָסאָפיע פון ר' נחמן קראָכמאַל און אויך דערציילט זיין ביאָג־ראַפיע. סטאַביל צו שרייבן יידיש האָט סאָקאָלאָוו אָנגעהויבן ערשט מיט יאָרן שפּע־טער אין דער צייטונג „דער טעלעגראַף", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, אין 1906.

וואָס שייך סאָקאָלאָווס באַציונג צו יידיש, פאַרצייכנט קרעסעל דעם פאַקט, אַז דער בעל־„הצפירה" האָט אין דער וואָכנשריפט „העולם", וואָס ער איז געווען איר רעדאַקטאָר, אָפּגעדרוקט אַ יידישיסטישן מאמר פון מתתיהו מיזעס, וואָס איז אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ פון 1908 געווען דער טעאָרעטיקער פון יידישיזם. מיזעסעס מאמר האָט סאָקאָלאָוו באַגלייט מיט אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע לאמור: „מיר ברענגען דאָ דעם אַרטיקל, וואָס באַליכט אַ וויכטיקע פראַגע פון נאַציאָנאַלן און וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט און באַזונדערס צוליב דער וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער באַליכטונג. וואָס שייך די נאַציאָנאַלע מאָטיוון, איז אונדזער מיינונג אַ גאַנץ אַנדערע ווי די מיינונג פונעם מחבר אין געוויסע ענינים, און מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דער פראַגע און זי באַהאַנדלען פון אונדזער שטאַנדפּונקט".

און סאָקאָלאָוו האָט זיך טאַקע צו דעם ענין אומגעקערט און האָט אונטערגע־שטראָכן, אַז „ס'איז פאַראַן בלויז איין יידיש, אָן קיין שום צומיש, און דאָס איז העברעיִש". אָבער ער לאָזט אויך וויסן, אַז „אין ציוניזם איז נישטאָ קיין שינאה צו יידיש, און עס שיקט זיך נישט צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דער שפּראַך פונעם פאָלק... און מיר האָבן ליב יידיש־טייטש און זעען איין, אַז ס'איז נייטיק זיך צו באַנוצן מיט דער שפּראַך און זענען גרייט זי צו פאַרטיידיקן קעגן בייזוויליקע אָנגריפן פון דרויסן".

ווער ס'קען נחום סאָקאָלאָווס געדאַנקען־גאַנג און זיין גײַסטיקער איינ־שטעל אין משך פון די צענדליקער יאָרן, וואָס ער איז געווען אַ וואָרטזאָגער און אַ מנהיג ביי יידן, דער וועט זיך נישט חידושן איבער דער באַציונג פון דעם העברעיִסט סאָקאָלאָוו צו יידיש.

פון די אַכט אָריגינעל יידיש געשריבענע עסייען, וואָס זענען אַריין אין דעם באַנד אונטער קרעסעלס רעדאַקציע, איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע, בלי ספק, די עסיי וועגן פּרצן. ס'איז אַן עסיי געשריבן אויף דער הייסער מינוט אין 1915, אין לאָנדאָן, ווען סאָקאָלאָוו איז געוואָויר געוואָרן וועגן פּרצעס פּלוצעמדיקער פּטירה. אין עסיי שפּירט זיך סאָקאָלאָווס גאָענטשאַפט צו פּרצן דעם מענטש און באַוואונדערונג

צו פּרצן דעם קינסטלער, אָבער דערביי איז סאָקאָלאָוו בכוח צו זיין אויך קיל אָפּשאַצעריש צו פּרצעס ווערק. עס איז זייער אַ גראָטענע, אין אַ גוטן, רייכן יידיש געשריבענע עסיי, וואָס באַווייזט, אַז אויך אין דעם זשאַנער פון ליטעראַטור־קריטיק, ווי אין אַ סך אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערן, איז סאָקאָלאָוו געווען היימיש און געניט.

קודם באַנייט סאָקאָלאָוו אין דער פּרץ־עסיי זיין „אני מאמין" פון באַיאָונג און פון ליבשאַפט צו יידיש און כאַראַקטעריזירט דערביי דאָס יידיש־לשון, וואָס ער אַליין נוצט ביים שרייבן און רעדן.

„איך האָב זינט איך לעב — שרייבט סאָקאָלאָוו אין דער פּרץ־עסיי — פּיינט געהאַט, מיך געעקלט פון די, וואָס באַציען זיך מיט פאַראַכטונג און גרינגשעצונג צו יידיש. דאָס גאַנצע בלוט קאָכט אויף אין מיר, ווען אַ וועלכער פּאָלאָניזירטער אָדער גערמאַניזירטער ייד, אויב ער קען שטאַמלען אַ ביסל אויף זיין לאַנדשפּראַך, דריקט זיך אויס גראָב וועגן „המונישן זשאַרגאָן". איך האָב אַליין אַ סך געשריבן אויף יידיש און איך האָב מיר מיין אייגענעם יידיש, וועלכן איך היט אָפּ און בין מקפּיד, ער זאָל נישט פאַרזשאַרגאָניזירט ווערן, ווי ער איז פאַרזשאַרגאָניזירט געוואָרן אין די אַגיטאַציע־און פּאַרטיי־בראָשורן — מיט פאַרקריפּלטע דייטשישע ווערטער און מיט רוסישן גייסט. און מיין יידיש איז נישט דער פון זאַמאָשטש, מיט אירע געסלעך און מערק, אַ רעזולטאַט פון דער פּאָפּולאַריטעט פון דעם דאָרטיקן „טשאַסטני פּאָוועַרעני", ווי ער האָט געשמועסט מיט אַלע סאָרטן מענטשן — נאָר דאָס פּלאָצקער־ווישעגראָדער יידיש, אין וועלכן ס'איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַן עלעמענט פון גרויספּוילן, און שפּעטער (אין מאַקאָווער פּעריאָד) אויך פון קליינפּוילן, מיט אַ ריח פון תורה, וואָס איך טו אים אַריין, נישט כלל מיט דער כוונה צו באַווירצן און געשמאַקער צו מאַכן די שפּראַך, נאָר ער גייט מיר נאָך ווי אַ שאָטן פון מיין עלטערן־הויז און פון די אַלטע בתי־מדרשים, וואָס זענען פאַר מיר, אויב נישט די גאַרע יידישע פאָלקסטימלעכקייט, יעדנפאַלס אַ קענטיקער טייל, און נישט דער ערגסטער אין איר".

קיין בעסערע כאַראַקטעריזירונג פון סאָקאָלאָווס יידיש, ווי די נאָר וואָס ציטירטע אויטאָכאַראַקטעריסטיק, איז גאָר נישט געמאָלט.

און וואָס שייך פּרצן און זיין ווערק, זענען אין סאָקאָלאָווס עסיי פאַראַן פּאַראַגראַפן פון אָפּשאַצונג, וואָס געהערן צום בעסטן, כ'מיין, צום געדאַנקלעך ריכטיקסטן און צום טרעפיקסטן אין פּרט פון פאָרמולירונג.

סאָקאָלאָוו נעמט זיך איבער דערמיט, וואָס „צווישן די שרייבער און רעדאַקטאָרן פון פאַרגאַנגענעם דור בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנערקענט פּרצן. מיר איז בלויז פאַרויסגעלאָפן פּרץ סמאָלענסקין, אָננעמענדיק פּרצס צוויי לידער אין דעם „השחר", אָבער דאָס איז נישט געווען קיין אָנערקענונג, נאָר אַ קבלת־פּנים צום דרוקן".

פאַר וואָס בלויז סאָקאָלאָווס אָנערקענונג פון פּרצן זאָל זיין אַן אָנערקענונג, בעת סמאָלענסקינס, וואָס איז מיט זיין אָנערקענונג פאָרויסגעלאָפן סאָקאָלאָוון זאָל זיין נישט מער ווי „אַ קבלת־פּנים צום דרוקן", לייגט זיך נישט אויפן שכל, אָבער מיר נעמען אָן סאָקאָלאָווס עגאָצענטרישן קאַפּריז, אי ווייל ער האָט אַרויסגעוויזן באַוווּנדערונג און ליבשאַפט צום מענטש פּרץ (סאָקאָלאָוו האָט פּרצן באַזאָרגט מיט דער שטעלע אין דער וואַרשעווער קהילה), און אי ווייל ער האָט נישט נאָר געדרוקט פּרצן, נאָר ער האָט אויך, ווי געזאָגט, געהאַט אַ ריכטיקע קריטישע באַציִונג צו פּרצן דעם שעפער און צו זיינע ווערק.

אָט איז, לפי דעתי, סאָקאָלאָווס אַ ווונדערלעכע באַמערקונג וועגן פּרצן דעם קינסטלער און וועגן קונסט בכלל :

„פּרץ איז אפילו אין דער קונסט נישט געווען דער מאָלער פונעם לעבן, נאָר דער דיכטער פונעם לעבן... ווייל מער ווי ער איז געווען קינסטלער אויף געשטאַלטן, איז ער געווען קינסטלער אויף קלאַנגען און האַרמאָניעס. צווישן אַלע קונסטן איז מוזיק די פאָלקסטימלעכסטע. דער טעם איז אַ פּשוטער : יעדער מענטש פאַרשטייט, אַז מוזיק איז קונסט און נישט מער, און ער געניסט פון איר ווי פון קונסט. דער פאָלקסגעשמאַק בנוגע מאָלעריי איז מיינסטנס אַ שלעכטער, ווייל די מערהייט אור־טיילט וועגן די בילדער לויט דעם, וואָס זיי זעען אין דער ווירקלעכקייט. דאָס געמעל איז פאַר זיי נישט קונסט, נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען זיי אָנגענעם אין זייער ווירקלעכקייט. אָבער די מוזיק, צו איר גליק, שפּיגלט נישט אָפּ קיין שום קאָנקרעטע און ווירקלעכע זאַך".

אויך די עסיי וועגן אַנרי בערגסאָן האָט סאָקאָלאָוו געשריבן אויף יידיש און זי איז איינע פון זיינע באַרימטסטע עסייען. זי איז געשריבן אין נוסח פון דערציילונג, פון שילדערונג, פון פּאָרטרעטירונג, און מיר דאַכט, אַז קיינער האָט סאָקאָלאָוון אין דעם פּרט, לכל הפּחות, ווי דער נוסח קומט צום אויסדרוק אין דער בערגסאָן־עסיי, נישט איבערגעטראָפן. עס איז קולטור־געשיכטע אין בעסטן זין פון וואָרט, געפּאָרט מיט קינסטלערישן חן פון שילדערונג.

אויפן פאָן פון דעם פּרעכטיקן שטייגער־געמעל פון אַלט־וואַרשע ווערן געגעבן די פּאָרטרעטן פון דער בערגסאָן־משפּחה. אָבער די שענסטע פון אַלע געשטאַלטן איז פּערל־מירל, טעמערלס טאָכטער, וואָס סאָקאָלאָוו האָט זי געזען גיין „אויף באַזוך צו מאַריאַ בלומבערג אָדער שׂרה סלאָנימסקי, צי גאָר צו אונדז, ווען די „הצפירה" איז נאָך געווען אַ וואָכן־זשורנאַל. זי איז געווען אָרעם. אַלע מיליאָנען און „אייביגע פאָנדען" זענען פאַרלוירן געגאַנגען, אָבער אויסגעזען האָט זי ווי אַ קעניגין, אַן אלמנה. און וואָלט איר זי געדאַרפט הערן רעדן יידיש, עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. מען האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. נאָר צוויי פּערזאָן האָבן גערעדט אַזאַ יידיש : פּערל־מירל און מיין באָבע איטע פון פּלאָצק".

בריוו פון אליעזר שטיינבאַרג

ווען אליעזר שטיינבאַרג זאָל געווען האָבן אריכות ימים, וואָלטן מיר היי־יאָר געפּראַוועט זיין 88סטן געבוירן־טאָג. אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט. אונדזער גרעסטער ממשל, זינט און לעבן דעם דובנער מגיד, איז פּאַרשניטן געוואָרן יונג, אין עלטער פון קוים 52 יאָר. איז געוואָרן דאָס יאָר, ווען מיר דערמאָנען אין טרויער צום זעקס און דרייסיקסטן מאָל דעם טאָג פון שטיינבאַרגס אומגעריכטן און יונגן טויט אָנשטאָט זיך צו פרייען מיט דער עלטער פון זיינע אַכט און אַכציק.

פון די ווערק וואָס שטיינבאַרג האָט איבערגעלאָזט אין כתב־יד זענען דערווייל — אַחוץ עטלעכע קלענערע אַרבעטן — דערשינען בלויז איין באַנד משלים און אַ באַנד מעשהלעך.

געמאָסטן מיט אונדזערע יידיש־מאָסן, איז דער באַנד משלים געווען, וואָס מען רופט דאָ ביי אונדז, אַ „בעסט סעלער". עס זענען ביז איצט געדרוקט און אויספאַרקויפט געוואָרן דריי אויפלאַגעס. אין בוכפאָרעם זענען שטיינבאַרגס משלים דערשינען אין אַ רומענישער און אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג. אין צייטשריפטן און אין צייטונגען זענען איבערזעצונגען פון די משלים געדרוקט געוואָרן אויף דייטש, פראַנצייזיש, אונגאַריש און פויליש.

וועגן שטיינבאַרגן, דעם פאַבל־דיכטער, וועגן דער נייקייט און פּאָעטישער באַזונדערקייט פון זיין משל וועט אויסקומען צו שרייבן, ווען עס וועט אַרויס דער צווייטער באַנד פון שטיינבאַרגס משלים, וואָס ווערט איצט געגרייט צום דרוק אין תל־אביב.

דערווייל ווילן מיר זיך באַגנוגענען צו פאַרצייכענען די דאַטע פון אליעזר שטיינבאַרגס 88סטן געבוירן־טאָג, דערמיט וואָס מיר ווילן דערציילן וועגן די ראַנגלענישן און געזעלשאַפטלעכע אָנשטרענגונגען ביים אַרויסגעבן דעם ערשטן באַנד משלים מיט זעקס און דרייסיק יאָר צוריק אין טשערנאָוויץ.

וועגן די דאָזיקע ראַנגלענישן און אָנשטרענגונגען ווילן מיר דערעיקרשט לאָזן דערציילן דעם ממשל גופא אין די נײַנצן בריוו זיינע, וואָס מיר גיבן דאָ איבער צום דרוק.

דער באַשלוס צו דרוקן די בריוו איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען. כ׳האָב מורא געהאַט (און די מורא האָט זיך אויך איצט וויט נישט אויסגעוועפּט), אַז עס ווילן זיך אפשר געפינען לייענער, וואָס ווילן אויף מיר קריגן, למאי איך האָב איבערגעגעבן צו דער עפנטלעכקייט בריוו, וואָס צוליב זייער טאָן פון משפּחהדיקייט דאַרפן זיי פאַרבלייבן וואָס לענגער אין גניזה.

ווען כ׳האָב דאָך באַשלאָסן אַרויסצונעמען די בריוו פון גניזה נאָך איבער אַ

פערטל יאָרהונדערט, איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל איך האַלט, אַז זיי האָבן אַ גרויסן ביאָגראַפישן ווערט פאַר דער פּערזענלעכקייט פון דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער, און דערפאַר וואָס מען ווערט פון זיי אַזוי פיל געוויר וועגן דעם טראַגישן יידיש־קאַמף אין דער „טעררא אינקאָגניטאַ" — רומעניע, וואָס איז געאָגראַפיש געווען אַזוי נאָענט צום יידיש־צענטער אין פוילן, און אין קולטור־זינען אַזוי פּעריפעריש ווייט פון אים.

✶

דאָס בינטל בריוו, וואָס איך גיב דאָ איבער צום דרוק, באַשטייט פון 19 איינסן און שטאַמט פון די לעצטע צוויי יאָר פון אליעזר שטיינבאַרגס לעבן. דער ערשטער בריוו טראָגט די דאַטע פון 4טן נאָוועמבער 1930 און דער לעצטער איז דאַטירט פון 6טן מערץ, ד. ה. דריי וואָכן פאַר יענעם וויסטן פאַרטאָג פון 28סטן מערץ 1932, ווען אליעזר שטיינבאַרג איז נאָך אַן אַפּענדיקס־אָפּעראַציע אין טשערנאָוויצער יידישן שפּיטאָל פּלוצלינג געשטאָרבן.

אום פרילינג 1928 האָט שטיינבאַרג, אַ פאַרביטערטער פון די שוואַכע רעזול־טאַטן פון דער יידישער קולטור־אַרבעט אין רומעניע און אַ פאַרמאַטערטער פון דעם שווערן קאַמף פאַר חיונה, פאַרלאָזט טשערנאָוויץ און איז אין איינעם מיט זיין פרוי רבקה אָפּגעפאָרן קיין בראַזיל, וווּ ער האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון אַ גרויסער יידישער טאָגשול אין ריאָ דע זשאַנייראָ.

די פּעדאַגאָגישע אַרבעט האָט שטיינבאַרגן, ווי אַלע מאָל, אויך אין ריאָ פּאַליר־בעט און ער האָט זיך מיט דער פרייד פון זיינע פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען געטיילט אין די בריוו פון בראַזיל מיט פריינט אין טשערנאָוויץ און אין בוקאַרעסט. אָבער טראָץ זיין צופרידנקייט מיט דער שולאַרבעט האָט שטיינבאַרג נישט אויסגעהאַלטן אין מדינת בראַזיל מער ווי קנאַפּע דריט האַלבן יאָר.

עס האָבן אים דערקוטשעט די בראַזיליאַנישע קלימאַטן און אים געצווונגען זיך אומצוקערן קיין רומעניע. איך זאָג קלימאַטן בלשון רבים, ווייל שטיינבאַרג האָט אין בראַזיל נישט פאַרטראָגן, נישט דעם געאָגראַפישן און נישט דעם יידיש־געזעלשאַפט־לעכן קלימאַט. ער האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען צו בראַזילס באַקאָויווּנדיקער הייסער זון און נאָך ווייניקער צו דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער אין דער בראַזילישער הויפּטשטאָט, וואָס איז געווען באַהערשט פון דער יעווסעקציע און פון איר „נאַציאָנאַל־סאָציאַלער מאָראַל".

זומער 1930 האָבן שטיינבאַרג און זיין פרוי זיך אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ. אין האַרבסט פון דעם זעלבן יאָר האָט זיך פון דאָס ניי גענומען איבערחזרן, — און מיט נאָך מער שווערקייטן ווי פריער, חאָרעם די צייטן זענען אין צווישן פּאָליטיש, און דערעיקרשט עקאָנאָמיש, ערגער געוואָרן, — דאָס קאַפּיטל: קולטור־געראַנגל און קאַמף פאַר חיונה פון ערב בראַזיל.

איך וועל, פֿאַרשטייט זיך, ביי יעדן בריוו נישט פֿאַרפֿעלן צו געבן די נייטיקע אויפֿקלערונגען וועגן די נעמען, וואָס ווערן דאָרט דערמאָנט און אויך פּרוּוון קלאָר מאַכן דעם הינטערגרונט פֿון די געשעענישן, אויף וועלכע עס ווערט אָנגעוווּנקען.

אָבער, מיר דאַכט, אַז איידער דער לייענער נעמט זיך לייענען די בריוו, בין איך אים שולדיק עטלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן דער טעמע פֿון די בריוו, וועגן זייער שרייבערישן וויאַזוי און וועגן זייער גייסטיקער שטימונג.

די צאָל פֿון די בריוו איז, ווי געזאָגט, 19. די אַנדערע דריי איינסן זענען צוויי ביכער־ווידמונגען אין פּערזן צום יידיש־רומענישן שריפֿטשטעלער באַרבו לאַזאַ־רעאַנו (וועגן אים וועט זיך נאָך רעדן אין די הערות צו די בריוו) און צו דעם באַוווּס־טן רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרד און אויך אַ פּרוּוו, אין צוויי וואַריאַנטן, פֿאַר אַ הקדמה צו דעם באַנד משלים.

פֿון די 19 בריוו זענען אַכצן אַדרעסירט צו מיר און איינער צו מיין דעמאָלט זעקס־יאָריקן זון.

1) די הויפּטטעמע פֿון די 18 בריוו צו מיר זענען די ליטעראַרישע לעקציעס אין בוקאַרעסט, אין טשערנאָוויץ און אין אַנדערע שטעט פֿון רומעניע, וואָס פֿון זיי האָט שטיינבאַרג אין די ווינטער־חדשים 1930 און 1931 געצויגן זיין חיונה, און די צוגרייטונג פֿון דעם באַנד משלים.

א) וואָס שייך די ליטעראַרישע לעקציעס איז די עיקר־פּראָבלעם, מיט וועלכער עס זענען פֿאַרנומען שטיינבאַרגס בריוו, נישט געווען אַזוי די איינאָרדענונג פֿון די לעקציעס, ווי די באַפֿרייונג פֿון דעם ספּעציעלן מלוכה־שטייער אויף בילעטן, וואָס האָט פּאַקטיש אויפֿגעגעסן די גאַנצע הכנסה פֿון אַ ליטעראַרישן אָוונט.

על־פּי דין זענען ליטעראַרישע לעקציעס געווען פֿריי פֿון בילעטן־שטייער. לי־טעראַרישע לעקציעס, אַפֿילו מיט אַ צוגאָב פֿון מוזיקאַלישע און רעציטאַציע־נומערן האָט דאָס געזעץ נישט באַטראַכט פֿאַר קיין פֿאַרווילונגען און אויף זיי איז נישט חל געווען דער בילעטן־שטייער.

אָבער אין אַ מדינה ווי רומעניע איז די הויפּטזאַך נישט דאָס געזעץ, נאָר ווער ס'טייטשט דאָס געזעץ. און די שטייער־אַגענטן אין די פּראָווינצשטעט האָבן גע־טייטשט, אַז יידיש־ליטעראַרישע לעקציעס זענען בבחינת טעאַטער, און זיי האָבן פֿאַרלאַנגט דעם בילעטן־שטייער, ביז — זיי האָבן באַקומען זייער כאַבאַר.

דער דאָזיקער כאַבאַר פֿאַר די שטייער־אַגענטן איז אַלע מאָל געווען אַ פֿאָלנער חורבן פֿאַר אַ יידישן אָוונט אין דער פּראָווינץ. דער כאַבאַר איז געוויינטלעך געגאַנ־גען אויפֿן חשבון פֿונעם לעקטאָרס האָנאָראַר.

„דריי־פֿיר מלאכי־חבלהניקעס — שרייבט שטיינבאַרג אין זיין בריוו פֿון 29סטן מערץ 1931 — פֿאַלן איבער און כאַטש גיב זיי דעם גאַנצן „דצ"ך, עד"ש, באח"ב" מיט מיינע טשערנאָוויצער גליקן פֿאַר אַ צוגאָב".

די איינציקע תרופֿה קעגן אָט די „מלאכי־חבלהניקעס" איז געווען אַרויסצו־

באַקומען פונעם פינאַנץ־מיניסטעריום אין בוקאַרעסט אַ דאָקומענט, אַז דער שרייבער פלוני בן־אלוני, וואָס וועט האַלטן די און די לעקציעס אין די און די שטעט איז פריי פון בילעטן־שטייער.

אין אַנגעזיכט פון אַזאַ דאָקומענט האָבן די „מלאכי־חבלה" קיין שליטה נישט געהאַט.

ב) אין 1930, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון בראַזיל קיין רומעניע, איז אלי־עזר שטיינבאַרג שוין געווען אַ בן־חמשים. אין די שופלאָדן זענען ביי אים געלעגן הונדערטער משלים, אַ היפּשע צאָל קינדערלידער, קינדער־פּיעסעס, סתם פּיעסעס און עטלעכע צענדליק אָנגעשריבענע מעשהלעך (אַ שפּאָר ביסל מעשהלעך, וואָס שטיינבאַרג האָט אימפּראָוויזירט בעל־פּה, זענען קיין מאָל נישט אויפגעשריבן גע־וואָרן און זענען פאַרלוירן געגאַנגען).

מאַנוסקריפּטן צום דרוק האָבן שטיינבאַרגן נישט געפעלט. אָבער אַרויסגעגעבן ביז דעמאָלט האָט ער געהאַט בלויז אַ העברעיִשן און אַ יידישן לערנבוך פאַר קינדער („אלפון" און „אלף־בית"), אַ קליין, דין העפטל קינדער־מעשהלעך און אַן אַלבום פון צוועלף משלים, גמרא־פאָרמאַט, מיט אילוסטראַציעס פונעם מאָלער אַרטור קאָלניק.

שולדיק אין דעם איז געווען אי דער מאַנגל פון אַ פאַרלאַג און אויך נישט ווינ־ציקער דאָס, וואָס שטיינבאַרג האָט זיך נישט געאײַלט אַרויסצוגעבן זיינע ווערק. זיי זענען אין זיינע אויגן קיין מאָל נישט געווען פאַרטיק. אַלע מאָל האָט ער נאָך געהאַט וואָס איבערצואַרבעטן און צו שלייפן.

פאַרשטייט זיך, אַז שטיינבאַרג איז, ווי יעדער מחבר, געווען להוט אַז זיין ווערק זאָל דערגיין צו אַ וואָס ברייטערן לייענער־עולם, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט ער ממש אָרגאַניש נישט פאַרטראָגן אַ ביליקע „פאַלקסאויסגאַבע" פון אַ בוך.

אין די בריוו קומט צום אויסדרוק דער גרענעץ צווישן שטיינבאַרגן דעם דיכ־טער, וואָס וואָלט וועלן אַז זיינע משלים זאָלן ווערן דער קנין פונעם גאַנצן פאָלק, און שטיינבאַרגן דעם ביבליאָפיל, וואָס קען ביי זיך פועלן צו דרוקן בלויז הונדערט עקזעמפּלאַרן פון זיינע „משלים", אַבי דאָס בוך זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אויפן בעסטן פּאַפּיר, וואָס שענער און וואָס לוקסוסדיקער, וואָרעם, ווי זאָגט שטיינבאַרג אין אַט דער שטימונג פון גלוסט נאָך אַ שיין אַרויסגעגעבענעם בוך: „ווי מיינט איר, אַ מאה וועט זיין גענוג פאַר די „רבבות אלפי ישראל? צו פיל אוודאי נישט". (בריוו פון 4טן פעברואַר 1932).

אָנהייב 1931 האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט פון פריינט אויף אַרויסצוגעבן אליעזר שטיינבאַרגס משלים און מעשהלעך. דער זיץ פונעם קאָמיטעט איז געווען אין טשערנאָוויץ, אָבער די בוקאַרעסטער חברים האָבן, ווי ווייט מעגלעך, אויך פלייסיק מיטגעאַרבעט. דער קאָמיטעט האָט זיין אויפגאַבע דערגרייכט. אין 1932 איז דערשינען אַ באַנד „משלים" און פיר יאָר שפּעטער אַ באַנד „מעשהלעך", אָבער

צום באַדויערן זענען ביידע ביכער אַרויס נאָכן דיכטערס טויט. שטיינבאַרג האָט באַוויזן צו זען אָפּגעדרוקט בלויז דעם ערשטן בויגן פון זיינע „משלים".

2) ס׳איז זיך כדאי אָפּצושטעלן אויף דער גייסטיקער שטימונג, אין וועלכער די צוויי צענדליק בריוו זענען געשריבן געוואָרן. כדאי דערפאַר, ווייל די פאַרצווייפלונג איז אין תוך נישט געווען קיין צייטווייליקע שטימונג. אין איר קומט, ווי מיר דאַכט, צום אויסדרוק שטיינבאַרגס וועלטבילד, דאָס וועלטבילד, וואָס איז דער אידעישער יסוד פון זיינע משלים.

שטיינבאַרגס וועלטזעונג איז אַ טיף פּעסימיסטישע. דער מענטש האָט פון פאַרויס פאַרלוירן דעם קאַמף קעגן זיין אכזריותדיקן גורל. „מיר האָבן געליטן, מיר וועלן נאָך ליידן" (נאָטיץ פון 17טן סעפּטעמבער 1931, בייגעלייגט צו אַ בריוו).

און וואָס איז דער אויסוועג? אין דער דערמאָנטער נאָטיץ גופא, אין סאַמע ברען פון עפּעס אַ פאַרצווייפלונג —

נישטאָ איז קיין אויסוועג נאָר סיידן:
זיך שלאָגן על־חטא קאָפּ אין קישן —
אַ וואָרעם וויל זיין ראש וראשון?!

אָבער אין די משלים, אין דער קינסטלעריש־געלייטערטער אַטמאָספער, ווו דער דיכטער איז נישט דער פאַרצווייפלטער קליענט, נאָר דער וועלט־אַדוואָקאַט, דאָרט איז דער אויסוועג אַ מילדערער און אַ מער ישוב־הדעתדיקער. אין די משלים איז דער אויסוועג פון דער פּעסימיסטישער וועלטזעונג: ווו מעגלעך און וואָס מער סאָציאַלע סאָלידאַריטעט.

טרויעריק, קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראַמער,
ביטער! מיט אַ משל זיך כאַטש קוויקן לאָמיר.

מיט אָט די פערזן הייבט זיך אָן דער ערשטער משל פון שטיינבאַרגס „משלים" און אָט די שורות זענען, מיט רעכט, אָנגעשריבן געוואָרן אויך אויף שטיינבאַרגס מצבה, ווייל זיי כאַראַקטעריזירן צום בעסטן די אידעע פון זיינע משלים און זיין כמעט דורכויס פּערמאַנענטע פּעסימיסטישע שטימונג ביים לעבן.

אַליין אַ פאַרצווייפלטער, אָבער טאַקע פון דער פאַרצווייפלונג אַרויס אַ שטענדי־קער סטימולירער צו קאָלעקטיוון אָפּטימיזם, צו מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, צו געזעלשאַפטלעכער ווערדיקייט און צו טרייסט דורך גייסטיקער שעפערישקייט פאַר זיך און דורך קולטור־אַרבעט פאַרן כלל.

אָט דער אַליין פאַרצווייפלטער און אַנדערע סטימולירנדיקער שטיינבאַרג קומט קלאָר צום אויסדרוק אין די אָן ערך צוויי צענדליק בריוו.

3) און דאָס בינטל בריוו ברענגט אויך טיילוויז צום אויסדרוק שטיינבאַרגן דעם לערער און זיין זעלטענע ליבשאַפט צו קינדער. מען האָט געדאַרפט זיין מיט

שטיינבאַרגן אין דער קינדער־קאָלאָניע אין וויזשענקאָ (ביי די פֿאַלעס פון די בוקאָ־ווינער קאַרפּאַטן), וווהין דער טשערנאָוויצער „יידישער שולפֿאַראיין" פלעגט יאָר־איין יאָר־אויס אַרויסשיקן עטלעכע צענדליק קינדער פון דלת העם, כדי צו זען ווי אַזוי די קינדער האָבן נהנה געווען פונעם דיכטערס ליבשאַפט און ווי אַזוי זיי האָבן אים צוריקגעצאָלט כפל־כפלים מיט דער פרייד פון זייערע אויגן און מיט דער שיין פון זייערע פנימער.

ווי אַ רמז אויף אָט דער ליבשאַפט צו קינדער, אָבער טאַקע בלויז ווי אַ רמז, האָב איך אין דעם פּעקל פון 22 איינסן אויך אָפּגעדרוקט איינעם אַ בריוו צו מיין דעמאָלט זעקס־יאָריקן זון. אַחוץ דעם איינעם דירעקטן בריוו פאַרגייט נישט כמעט קיין איין בריוו צו מיר, אַז שטיינבאַרג זאָל אין די פּאָסט־סקריפּטומס נישט האָבן עפּעס צו פרעגן ביי דעם זעקס־יאָריקן קינד אָדער עפּעס אים צו דערציילן.

און אַז מען האַלט ביי ליבשאַפט דאַרף אויך נישט אויסגעלאָזט ווערן צו דער־מאָנען שטיינבאַרגס ממש רעליגיעזע אהבה צו די אינסטרומענטן פון זיין שעפערישקייט — צו יידיש און צו העברעיש.

בלויז רעליגיעזע איבערלעבעניש קאָן פאַרוואַנדלען אַזאַ פּקח, ווי עס איז געווען אונדזער ממשל, אין אַ תמימותדיקן מיסיאָנער פאַר יידיש. „אין באַהוש — שרייבט שטיינבאַרג אין זיין בריוו פון 28סטן יאַנואַר 1932 — האָב איך אויך „געמאַכט אַ נשמה" פאַר יידיש און בכלל פאַר אונדזער זאַך: דער חבר הערמעלין, אינזשעניר און כעמיק (כעמיקער) פון דער פאַבריק, ער האָט מיר געגעבן די האַנט אַז ער נעמט זיך לערנען יידיש. כ'האָב אים היינט געשיקט די גראַמאַטיקע פון ש. בירנבוים און מיין „אלף־בית".

4) איך גלייב, אַז דעם לייענער, וואָס וועט האָבן איבערגעלייענט די צוויי צענד־ליק בריוו, דאַרף מען נישט ערשט פּרוּוון איבערצייגן, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער בריוושרייבער שטיינבאַרג איז געווען.

עס איז אין די בריוו פאַראַן אַ זעלטענע אינטימקייט פון געמיט. שטיינבאַרגס אַ בריוו ווייסט נישט פון קיין לײדיקע פלעצער אין געפיל און אין מחשבה און זיין פּען איז דערפאַר לחלוטין פריי פון דעם „באַרימטן" בריוושרייבערישן ספּאָרט פון אַריבערשפּרינגען אַזעלכע פלעצער. שטיינבאַרג איז אין זיינע בריוו קיין מאָל נישט באַנאַל און ער יאָגט זיך דערפאַר נישט נאָך אָריגינעלע צוטראַכטענישן. ער האָט אַלע מאָל צו דער האַנט דאָס קלוגע פאָלקסווערטל און דעם פאַרביקן שפּראַך־אידי־אָם. זיינע בריוו שפּרודלען מיט הומאָר, אפילו ווען ביטערניש און פאַרצווייפלונג נעמען די אויבערהאַנט אין זיין געמיט. און ווי אין די משלים, אַזוי אויך אין די בריוו, איז שטיינבאַרג דעם גראַמס געטרייער דינער און אינטימער שפּיל־חבר.

ווי דער רוימישער דיכטער אָווידיוס, קאָן אויך שטיינבאַרג וועגן זיך זאָגן, אַז וואָס ער האָט געפּרוּווט שרייבן איז אַרויסגעקומען אַ גראַם. שטיינבאַרג מוז זיך גובר זיין, כדי אויסצומיידן דעם גראַם. ער ווערט באַהערשט פון אַ גראַם־סטיכיע.

שלמה ביקל

סיי דעם בריוו צו מיין זעקס־יאָריקן זון און סיי די בוכווידמונגען צו לאַזאַרע־אַנון און צו גראָסבאַרדן און אויך די הקדמה־פּרוּוון צום באַנד משלים האָב איך אַריינגענומען אין דעם בריוופּעקל, ווייל זיי אילוסטרירן צום טייל שטיינבאַרגס גראַמען־סטיכיע און זיין שפּילעוודיקע חברשאַפט מיטן יידיש־גראַם.

✶

ליבער זיסער ביקל! 4טן נאָוועמבער 1930

אַז די זינדיקע פּרנסה, די ארורה
אין געשטאַלט פון פּורה
שר של שכחה טוט אין נאָז אַ פּיקל,
איז פאַרגעסט מען
שוין ווי עסט מען
אי עזאָפּן, אי קרילאָוון, אי דעם דובנער מגיד!
וואָס זשע נו, וועט זיין שוין? נישט געדאגהט!

מיט ליבשאַפט **א. שטיינבאַרג**

איך וואָלט געשריבן קראַפּטן [1], ווייס איך ניט זיין נייעם אַדרעס, אים איבער־געבן אַ גרוס און אים אויך דערמאָנען, אַז סע וואָלט שוין צייט געווען, אַ טראַכט צו טאָן אַז ס'איז פאַראַן אין שטאָט טשערנאָוויץ **א. שטיינבאַרג**
אַ גרוס סאַנדין. אַנקל קליין [2].
פון מיר און פון זוגתי תחי' אַ גרוס איך אַלע מיינע ליבע.

הנ״ל

ליבער ביקל! 12טן נאָוועמבער 1930

אייער אַרטיקל
וועגן פיסטינער ז״ל, [3]
לויט זיין עצם מהות,

---

1) חיים קראַפּט, פירער פון לינקע פּועלי־ציון און איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע יידישע קולטור־פירער אין רומעניע, אַ נאָענטער פריינט פון אליעזר שטיינבאַרג, ער איז נפטר געוואָרן אין ישראל, אין 1964.

2) שטיינבאַרג איז געווען קליינגעוואַקסיק. מיין זעקס־יאָריקער זון האָט אים אַ מאָל שטיפעריש אַ רוף געטאָן: אַנקל קליין. שטיינבאַרגן איז דער נאָמען געפעלן און ער האָט אים פון דעמאָלט אָן אָפט געניצט ווי אַ פּסעוודאָנים.

3) ד״ר יעקב פיסטינער, דער פירער פון בוקאָווינער „בונד" און פון די בוקאָווינער סאָציאַל־דעמאָקראַטן בכלל און מיטגליד פון רומענישן פּאַרלאַמענט, איז אין חודש אויגוסט 1930 פּלוצלינג געשטאָרבן. מיין אַרטיקל וועגן אים איז געווען געדרוקט אין דער וואַרשעווער „אַרבעטער־צייטונג" פון 3טן אָקטאָבער 1930.

איז אַ שטראַל פון אַ קאַרל קראַוס !
(זאָל אַ רוח אייך ביזן אַלטן תרח !)
און איך שווער אייך
ביי מיין לאַך־און־טרערן־וואָרג
(כ׳מיין: ביי די משלים)
און ביים גרוס פון יעקב שטערנבאַרג [4])
און ביים חלום
וואָס דאַרף באַלד געשען
(זיך מיט דער חבריא זען !) —
דאָס וואָס כ׳זאָג אייך איז ניט סתם
גלאַט אַזוי צוליב אַ גראַם.

א. שטיינבאַרג **אייער**

איך שיק דאָ אַ פּראָגראַם, וואָס וועט קענען דינען פאַר מיין ערשטן אָוונט אין בוקאַרעסט. די פּראָגראַם האָט דאָ געהאַט אַ שיינעם דערפאָלג. הלוואי אין בוקאַרעסט ניט ערגער, בעסער האָט קיין שיעור — — —

ליבער ביקל ! 1טן יאַנואַר 1931

האָט איר זיך שוין באַקענט מיטן מאַטעריאַל פון דער קולטור־געזעלשאַפט ? נו, וואָס האָט איר וועגן דעם ענין שוין געטאָן ? ווען וועט איר עפּעס טאָן ? האָט איר געלייענט מאָריס שוואַרצס אַרטיקל (אין ליטער. בלעט. נ. 52) וועגן טעאַטער: „פונקט ווי אין ווילנע רופט די יידישע וועלט צו אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אַזוי דאַרפן מיר רופן די יידישע וועלט צו באַפעס־טיקן און פאַרזיכערן דעם יידישן טעאַטער״. איך בין מוסיף: דאָס יידישע שולוועזן, פאַרלאַג־טעטיקייט, ליטעראַטור, קורץ: קולטור !

די יידישע קולטור־געזעלשאַפט מוז ווערן אונדזער נייע לאָזונג, דער רוף צו אויפקום, אויב מיר ווילן ניט אונטערגיין — — —

א. שטיינבאַרג **אייער**

ליבער ביקל ! 15טן יאַנואַר 1931

וואָס הערט זיך מיט שטערנבערגס אָוונט ? שוין אַריבער ? אפשר וואָלט איר שוין אַ טראַכט געטאָן וועגן דער קולטור־געזעלשאַפט ? האָט איר זיך שוין באַקענט מיט די מאַטעריאַלן ? האָט איר איבערגעלייענט דעם אַרטיקל „פון דער ווייט געזען״ אין

---

4) דער באַוווסטער יידיש־דיכטער און טעאַטראַל יעקב שטערנבערג, היינט אין פ.ס.ס.ר.

די ליט. בלעטער נ. 49 ?[5]) הערט איר, טייערער ביקל, וואָס איך וועל אייך זאָגן, זינט די יידישע נאָז שנאָצט זיך האָט זיך נאָך אַזאַ מין שנאָצעכץ (פּיין גערעדט) ווי די יעווסעקציע, ניט אויסגעשנאָצט. די פאָלגן פון איר טעטיקייט לאָזן זיך פילן אפילו איצט ווען זי ליגט שוין אין שפּייקעסטל, און ווער ווייסט, אפשר ליגט זי נאָך עד־היום אין די ביינער ?...

און וואָס מאַכט איר ? וואָס מכות געזונט ? האָט סאַנדי באַקומען מיין קאַרטל ? פאַר וואָס ענטפערט ער ניט ? און דעם „אלף־בית" האָט ער דערהאַלטן ? זעט אַז זיין לערער זאָל אים לערנען לייענען און שרייבן צוזאַמען. בלי שום תירוץ ! איילן דאַרף מען זיך ניט. קיין רעגן גייט ניט. — — —

מיט ליבשאַפט, אייער א. שטיינבאַרג

ליבער ביקל ! 29סטן מערץ 1931

איך שיק אייך דאָ מיין בירגערשאַפט־צייגעניש און בעט אייך איר זאָלט זיך מטריח זיין מיר אַרויסבאַקומען אַ שטייער־דערמעסיקונג. אָדער, אויב ס׳איז מעגלעך, לגמרי אַ באַפרייונג פון שטייערן פאַר מיינע לעקציעס.

זינט דער טונקעלער[6]) איז דאָ געווען איז געוואָרן חושך מיט די לעקציע־שטייערן. ביז אים האָט עס געקענט גיין מיט „רעזשי־בייטראַג". פון אים הייבט זיך ביי אונדז אָן אַ נייע סדרה, דריי־פיר מלאכי־חבלהניקעס פאַלן איבער און כאַפּט גיב זיי דעם גאַנצן „דצ"ך־עד"ש־באח"ב" מיט מיינע טשערנאָוויצער גליקן פאַר אַ צוגאָב !

דאָס וואָס אונדזער יעקב (שטערנבערג — ש. ב.) האָט פאַרגעסן מיט זיך מיט־צונעמען זיין דאָקומענט וועגן די שטייערן האָט אים געקאָסט אוודאי אַ פיר־פינף טויזנט לעי. די מחבלים האָבן געמאַכט אַ בייז איבערגעלויף, אָנגעאַרבעט אַ „סומאַ־טאָכע" און ס׳איז געוואָרן הפקר פּעטרישקע !

אַזוי פאַרזיכערן גרודער, סורקיס און זינגער[7]). מע מעג זיי גלייבן.

מיט האַרציקן גרוס, אייער א. שטיינבאַרג

---

5) דער מחבר פון דעם אַרטיקל „פון דער זייט געזען" איז געווען דער דיכטער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי פון ניו־יאָרק. דאָס אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין די וואַרשעווער „ליטע־ראַרישע בלעטער" פון 5טן דעצעמבער 1930. ביאַלאָסטאָצקי האָט געטאַדלט די יעווסעקן, למאי זיי שרעקן זיך אַזוי פאַר יידישן נאַציאָנאַליזם און יידישיזם.

6) דער באַוווסטער יידיש־הומאָריסט, דער טונקלער (1881—1949, ניו־יאָרק), האָט דעמאָלט געמאַכט אַ טור פון לעקציעס אין רומעניע און האָט געהאַט דערפאָלג. אַזוי ווי מע האָט ביים טונקעלנס אָוונטן אַ סך געלאַכט, האָבן די רומענישע שטייער־אַגענטן געהאַלטן, אַז דאָס זענען נישט קיין לעקציעס, נאָר אַמוזירונגס־אָוונטן, און אַז אויף זיי איז חל דאָס געזעץ פון בילעטן־שטייער.

7) ישראל גרודער, יידישער קולטור־טוער אין טשערנאָוויץ, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק

אַ גרוס אייער פרוי און תרפ"ט אלפים קיש דעם מזיק סאַנדי. לייענט ער די „ביימעלעך"? [8] שיקט מיר, למען השם, איבער אַלע זיינע „דיבורים", קיין שום מאמר־החכם טאָר נישט פאַרלוירן גיין.

א. ש.

אַ גרוס אַלע אונזערע

ליבער ביקל! 6טן אַפריל 1931

מיין זיסער באַפרייער
פון קאַרטן־שטייער!
באמת, איר זענט דאָך אַ פייער!
איר טוט זיך אַ דריי
איינס און צוויי —
און פטור!
איך הער אים מיטן קאַטער
מיין „שותפי היקר"
(באמת, אַ באָק ער!
ער לייגט ניט אַריין, אַרויס וויל ער נעמען,
צום גרייטן וואַקסט אויס מיטן שטאָק ער.
„באַצאַל"! עס וועט אים נאָך קלעמען!)
און היות די גראַמען דערעסן שוין לאַנג
און ניטאָ שוין קיין שאַנסן
איך זאָל זיך אַ כאַפּ טאָן צו אַסאָנאַנסן
איז קומט נאָר איין גראַם נאָך: אַ דאַנק!

א. שטיינבאַרג

ליבער ביקל! טשערנאָוויץ, 21סטן יולי 1931

ווידער אַ מאָל וועגן פאַפּיר און דאָס מאָל בלייבט עס שוין דערביי, אַז איר זאָלט פאַרזאָרגן וואָס גיכער דאָס פאַפּיר פון אויסלאַנד. ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיר ווילן דאָס „פעדערלייכט" לויט ביילִיגענדן מוסטער. וואָס בנוגע קוואַליטעט, וואָלטן מיר געוואָלט אי וואָס בעסער, אי וואָס ביליקער. שטרענגט אייך וועגן פרייז אָן, כדי דער בוך זאָל נישט צו פיל קאָסטן, נאָר איינצייטיק טאָר דאָס ביליקייט נישט שטאַרק

אין 1949; משולם סורקיס, אויך אַ טשערנאָוויצער קולטור־טוער, פאַרבליבן אין טשערנאָוויץ; איציק זינגער, לאַנגיאָריקער פאַרזיצער פון טשערנאָוויצער „יידישער שולפאַראיין", געשטאָרבן אין ישראל.

8) „גרינינקע ביימעלעך", יידישער קינדער־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון שלמה באַסטאָמסקי אין ווילנע.

שטערן די קוואַליטעט. דאָס אויסקלויבן פון דער קוואַליטעט מוזן מיר אַלזאָ אייך איבערלאָזן. שטיינבאַרג בעט נאָר איר זאָלט טראַכטן, אַז די פאַרב זאָל זיין וואָס נעענטער צו יהואשס פּאַפּיר. מיר באַדאַרפן 1200 ק״ג, דאָס צוליב דעם וואָס מיר ווילן אַז דער באַנד זאָל זיין אַזוי שטאַרק ווי יהואשס „מלכים״. אַזוי ווי יהואשס פּאַפּיר איז אָבער לויט אַ געמאַכטער אַנאַליז 60 ק״ג פער טויזנט שטאַרק, שאַצן מיר, אַז ביי אייער פּאַפּיר וועט מען צו דער זעלבער כמעט שטאַרקייט באַדאַרפן 1200 ק״ג.

אַצינד נאָך איין זאַך: לאָזט אייך אָפּ פון וויטערדיקן בריוו־וועקסל מיט אונדז און באַשטעלט תיכף דאָס פּאַפּיר. אָבער אויף אַ פּאָזיטיוון ענטפער וואַרטן מיר.

בלייבט האַרציק געגריסט מיט אַלע אונזערע פריינט.

ראָזענרויך[9]

ליבער ביקל!

ביי אונדזער גרעסטן פּאַטריאָטיזם מוזן מיר, סוף־כל־סוף, פאַרטראָגן דעם פדיון קיין אויסלאַנד. און אונדזער פּאַטריאָטישקייט וועלן מיר מוזן זעטיקן מיט אַ קרבן פון צוואַנציק טויזנט לעי (נאַ, פרעס און ווער, ניט צו אייך גערעדט, דער־וואָרגן!) דער ענין האָט זיך, צוליב די שלעפּעניש און נאַרערייען פון די היגע פּאַפּיר־פירמעס, שוין צו פיל פאַרצויגן. מוז מען זיך צואיילן. איך דאַרף אייך ניט זאָגן, אַז סע טאָר ניט זיין, חלילה, פון דעם מין אײלעניש, וואָס פון אים קומט קיין גוטס ניט אַרויס. זעט, אַז דער פריינט אונדזערער בן־הדור[10] זאָל טאַקע באַהאַנדלען אונדז ווי אַן אמתער ידיד, ער זאָל אַריינגיין אין אונדזער לאַגע: ביי היינטיקן גרויסן קריזיס מוז אַ בוך זיין גוט און שיין און ביליק, ער זאָל קענען פאַרקויפט ווערן כאָטש אין צוויי טויזנט עקז.

מיט האַרציקן גרוס, אייער

א. שטיינבאַרג

ליבער ביקל! 10טן סעפּטעמבער 1931

זאָל זיין אין אַ גוטער שעה! דאָס מיינט: אין אַ שעה פון נייער לעבעדיקער טעטיקייט פאַר מיר, אייך, שטערנבערגן, קראַפּטן, אַלטמאַנען[11]. אַראָפּ פונעם גלי־ווער־פונקט! עס מוז אָנגעהויבן ווערן פון דאָס ניי אונדזער קולטור־באַוועגונג! אין פוילן האָט זיך דער פּאַן, וועלכער איז אָקערשט נאָר וואָס אַרויס פון דער הריבע,

---

9) ד״ר גבריאל ראָזענרויך, נאָענטער פריינט פון אליעזר שטיינבאַרג, געווען דער פאַרזיצער פונעם שטיינבאַרג־בוך־קאָמיטעט. ער איז נפטר געוואָרן פסח 1965 אין ישראל.

10) אורי בענאַדאָר (בן־הדור), באַוווסטער יידיש־רומעניש ער ראָמאַניסט, איז דעמאָלט געווען דער קאָמערציעלער פאַרטרעטער פון אַ דייטשער פּאַפּיר־פאַבריק אין בוקאַרעסט.

11) דער באַוווסטער יידיש־דערציילער און עסייִסט משה אַלטמאַן.

צעווילדעוועט און משוגענערווייז זיך אַ נעם געטאָן צו אונדזער בידנע שולוועזן. ביי אונדז האָמיר זיך, ב״ה, פאַר אַזעלכע רדיפות נישט צו שרעקן: נישטאָ אין גאַנצן לאַנד קיין איין יידישע שולע, נישט איין יידישער קינדער־גאָרטן. (ישמח משה ת. במתנת חלקו!) אויף צעפיקעניש די שונאים האָבן די פאַראָרעמטע דערשלאָגענע יידן אין פוילן דאָס יאָר מער ווי תמיד פאַרשריבן זייערע קינדער דווקא אין די יידישע שולן און פאַרגרעסערט דעם שכר־לימוד! און מיר האָבן זיך אַ תירוץ פאַר אונדזערע אויסגעלאָשענע בענטשליכט: קריזיס! ביי אונדז איז קריזיס און אין פוילן — נישט, אין ליטע — נישט. דאָרט האָבן זיי נישט וואָס צו זאָרגן, קענען זיי זיך אָפּגעבן מיט „פוסטע באָרישקייטן״, אָבער רומענישע יידן, נעבעך! —

מיט ליבשאַפט, אייער

א. שטיינבאַרג

אַ גרוס אַלע. אַ קוש סאָנדין. זאָל ער שרייבן מיר אַ יידיש בריוועלע. און אַ גרוס אייער פרוי און אייך פון מיינער און פון מיר.

17טן סעפטעמבער 1931 ואנכי תולעת ולא איש חרפת אדם ובזוי עם (תהלים כ״ב)

מיר האָבן געליטן, מיר וועלן נאָך ליידן,
מע האָט אונדז געשניטן, מע וועט אונדז נאָך שניידן,
אי קריסטן, אַראַבער אי היידן,
מע האָט אונדז „באַשניטן״, מיר וועלן ״באַשניידן״;
און וויל׳ מיר דעם גורל אויסמיידן,
נישטאָ איז קיין אויסוועג נאָר סיידן:
זיך שלאָגן על־חטא קאָפּ אין קישן —
אַ וואָרעם וויל זיין ראש וראשון?!!

א. שטיינבאַרג

ליבער ביקל 14טן נאָוועמבער 1931

דאָס געלט האָט זיך, פאַרשטייט זיך, באַקומען. אַ חידוש וואָס ראַזענרויך האָט אייך נישט געשריבן קיין באַשטעטיקונג. אפשר ראַזענרויך לשיטתו: „שיק״ משמע: איר האָט שוין געשיקט און ס׳איז שוין דאָ.

הערוויל איז דעם מאָנטאָג ראַזענרויך אָפּגעפאָרן קיין ווין און זיין צוריק וועט ער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אַ נעם צו טאָן צו דער אַרבעט און אַז ער וועט קומען זאָל ער שוין טרעפן אַ פאַרטיקן בוך משלים. גייט עס דאָך

אָבער נישט. די אַלטע געשיכטע: פּאַפּיר! מיר זענען איינגעגאַנגען דערויף „אַז מע זאָל זיך שטרעקן נאָך די עקן", דרוקן נאָר טויזנט עקזעמפּ. און אויף ביליקער פּאַפּיר. לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז ביליק פּאַפּיר הייסט דאָ נאָר צייטונגס־פּאַפּיר און נאָך דעם גייט שוין: עצי־שיטים פּאַפּיר און אשר־יצר פּאַפּיר (אויך אַ מיוחס!) און באַבולע פּאַפּיר (איי־איי־איי!) און כדומה אַזעלכע אַנטיקן, וואָס נישט צוצוטרעטן צו זיי פּאַר נאַש בראַט. שטעלט זיך פּאַר: אַ מין דרוק־פּאַפּיר (איך זאָג „דרוק" מיט אַ מלופּים אין אמתן דאַרף גאָר זיין אַ „עיִן"), סע שיינט ווי אסתר המלכה אַנעם „חוט של חן", גרינלעך־שוואַרצלעך פּאַפּעליאַטע, אַ בבל־סחורה, וואָס ווי קערנער[12] דערציילט בסוד, סע וואַלגערט זיך שוין אויפן לאַגער ביי דער היגער פּאַפּיר־פירמע אַריבער צוויי יאָר ווייל אַחוץ זיין „מראה־כהן" קען זיך עס, לויט זיין בויגן־מאָס, נישט צונויפלייגן אין אַ לייטישן בוך־פאָרמאַט. איז פּאַר אַזאַ מציאה פּאַדערט מען, (אונדז צוליב און ווייל מיר צאָלן מזומנים תיכף־ומיד) צוואַנציק טויזנטער פּאַר דעם קוואַנטום וואָס מיר דאַרפן!

סע שלאָגט צום האַרץ און ס'איז מיר דער גאַנצער עסק נמאס ומאוס, על אַפּי ועל חמתי.

און דערפאַר קום איך צוריק צו מיינעם: אַרויסגעבן אַ לוקסוס־אויסגאַבע נאָר פון הונדערט עקזעמפּ. דאָס דאַרף קאָסטן דרייסיק טויזנט לעי. אַרום און אַרום. ווען אין בוקאַרעסט זאָלן זיך געפינען דרייסיק בעלנים אָפּצוקויפן דרייסיק ביכער און דעקן די קאָסטן לוינט זיך דער ענין. די איבעריקע זיבעציק וועלן נאָך אַריינבברענגען אַזוי פיל וויפל רויטמאַן[13] האָט געוואָלט געבן פאַר צוויי טויזנט. ווייטער איז גאָט אַ פאָטער און קלעצקין אַ פאַרלעגער. און די פאָלקס־אויסגאַבע, האָף איך, וועט ערשט נאָכדעם קומען. וואָס זאָגט איר וועגן דעם? טוט אַ טראַכט ערנסט!...

מיין אָוונט אין בוקאַרעסט קען צוגעגרייט ווערן צו אָנהייב דעצעמבער. איך רעכן צו רעדן אויף דער טעמע: „דער דיבוק פון ש. אַנסקי". ווי מיינט איר? איך מיין אַז נאָכדעם, וואָס בולאָוו האָט דעם „דיבוק" אויפגעפרישט אין בוקאַרעסט, קען אַזאַ לעקציע אַרויסרופן אינטערעס.

און ניגער[14] איז טאָקע צו אייך נישט געקומען! וועגן דעם האָט זיך שוין דער „בונד" געזאָרגט. קיין יעדענעץ און קיין בריטשאַן — יאָ, און צו אייך קיין בוקאַרעסט

---

12) קערנער, דער הויפּט־שותף פון דער דרוקעריי „קערנער און ראָזענבלאַט" אין טשערנאָוויץ, ווו ס'האָט זיך געדרוקט שטיינבאַרגס באַנד משלים.

13) נטע רויטמאַן, שטיינבאַרגס אַ תלמיד נאָך פון ליפּקאַן, האָט געהאַט אין בוקאַרעסט זיין אייגנס אַ „פאַרלאַג שלום־עליכם". מע האָט מיט אים פאַרהאַנדלט וועגן אַרויסגעבן שטיינבאַרגס משלים. דער הסכם איז נישט צו שטאַנד געקומען. אָבער אין יאָר 1936 האָט רויטמאַן אַרויסגעגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע, אַ פאָלקס־אויסגאַבע פון די „משלים".

14) ש. ניגער איז דעמאָלט געווען אויף אַ טור פון לעקציעס אין רומעניע, איינגעלאַדן פונעם „בונד" אין טשערנאָוויץ.

הבירה — נישט! איך האָב אים געוויזן אייער בריוו, כ׳האָב געזען אַז ער וויל זיין ביי איך, נאָר דער „בונד" האָט שוין געלאָזט אין פולן גאַנג זיין דיפּלאָמאַטיע־מאַשין, אים טרוד געמאַכט מיט טעלעגראַמעס פון פאַרשידענע שטעטלעך. ביז ס׳איז געקומען דער לעצטער טאָג וואָן ער האָט געמוזט אָפּפאָרן.

ניגער איז אַ טייערער און אַן אינטערעסאַנטער מענטש ביז גאָר. ער דערמאָנט אין א סך פּרטים, אפילו מיט זיין אויסזען, אונדזער באַרבו לאַזאַרעאַנו. דער „בונד" האָט נעבעך פון אים געהאַט אויסצושטיין „צרות צרורות" מיט געהאַקטע ווונדן. אין זיינע באמת אינטערעסאַנטע אַרויסטרעטונגען האָט ער דער חברה געגעבן די גאַל. און מע האָט געמוזט פאַרבייסן מיט די ליפּן און „האַלטן פאַסאָן". ווי זאָגט ניגער: נישט אַזוי מאהבת מרדכי ווי מיראת וולאַדעק!

אין אַ אויפדערנאַכט איז ער ספּעציעל צו מיר געקומען, זיך אַנידערגעזעצט: לייענט מיר אייערע משלים! איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, געטאָן די טובה. ער האָט געפונען אַז די משלים זענען הן אין זייער פאָרם הן אין זייער טעמאַטיק אַ סך אַוועק פונעם אַלטן קלאַסישן משל. „דאָס איז מער פון משלים: ס׳איז משלים־לידער „משלים שכולם־משלים". שטאַרק איז אים אויך געפעלן די שפּראַך.

מיט ליבשאַפט, אייער

א. שטיינבאַרג

ליבער ביקל! 25סטן נאָוועמבער 1930

איך האָב אייך געבעטן איר זאָלט מיר שרייבן דעם דאַטום וואָס איז באַשטימט פאַר מיין אָוונט אין בוקאַרעסט. איך דאַרף דאָס באַצייטנס וויסן. כפי איר האָט דאָס ביז היינט נישט געטאָן בעט איך דאָס אייגענע נאָך אַמאָל — — —

וואָס טוט אונדזער קראַפט? נישט אומזיסט רופט ער מיך: רבי, זיך אָפּגעלערנט פון מיר פּען־פּוילקייט! אַז איך בין מוחל דעם כבוד! אַז איך וויל נישט זיין קיין רבי.

מיט ליבשאַפט, אייער

א. שטיינבאַרג

זיסער סאַנדי! 15טן דעצעמבער 1931

פאַריאָרן האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זיין מיט דיר אינאיינעם ווען דו האָסט געפייערט דיין געבורטסטאָג. איך געדענק נאָך די גרויסע פרייד, און איך דערמאָן זיך אין איר איצט און סע טוט מיר, סאַנדי, אַזוי באַנג, וואָס איך וועל אויף דיין יום־טוב נישט זיין!

נאָר אַז איך וועל נישט זיין זאָל כאָטש מיין נאָמען זיין. שיק איך דיר דערפאַר אַ לידעלע אָנגעשריבן אייגנס פון דיינעטוועגן. און איך בעט דיך זייער, סאַנדי־לעבן, זאָלסט מיר באַלד שיקן דיין בילד, וועל איך דאָס בילדל דיינס אינאיינעם מיטן לידעלע שיקן צו די „גרינינקע ביימעלעך", וועט עס דאָרטן זיין געדרוקט. זאָל די גאַנצע וועלט וויסן ווער סאַנדי איז!

שלמה ביקל

סאַנדי זאָגט:

װען אַלײן זיך ציִען
קען איך פאַר די אויערן,
בין איך באַלד אַ גרויסער
און קער איבער מויערן!
צי אַ װינטער־פּאַלאַץ
בוי איך אויס אַ גרויסן
זאָלן נישט די שטערן
נעכטיקן אין דרויסן!
זומער נאָך װי זומער,
װינטער איז דאָך ביטער:
ס׳איז זיי, נעבעך, קאַלט דאָרט —
כאַפּן זיי אַ ציטער...
צי גאָר עפּעס שענערס
קען איך אײַך באַווײַזן:
אָט איך װער אַ שנײַדער,
קויף מיר שער און אײַזן,
און צו שער און אײַזן
אויך אַן עראָפּלאַנדל
און איך פֿלי אַהינצו
װוּ סע װאַקסט דער מאַנדל!
דאָרט דער זײַדע װינטער
דרייט זיך אין די גאַסן
און ער שוויצט און שמייכלט
איז גאָר נישט קיין כעסן!
לאָז איך דאָרט אַראָפּ זיך
און איך בעט דעם זיידן:
אָט װאָלט איך געװאָרן
גאָר דער גרעסטער לערער,
װאָלט געלערנט קלאָרקייט —
איך דעם קוימענקערער!
קום צו אונדז ניט ביז איך —
װעל די װעלט באַקלײדן!
אָדער גאָר איך פֿלי מיר
צו דער זון דער הייסער

שרייבער פון מיין דור

שטעל מיר אויף אַ שטול דאָרט
און איך ווער אַ קייסער!
אויף דער שטול דער הויכער
איז דאָך גוט צו זיצן —
ביז סע ווערט לאַנגווייליק
און מען הייבט אָן שוויצן!
זע איך אַז סע טויג נישט
וואָס איך זיץ און קוואַטשע,
טו איך מיר די אַרבל
תיכף אַ פאַרקאַטשע
און איך ווער מיר פשוט
גאָר דער בעסטער העקער,
האַק אויס הונדערט וועלדער
און איך ווער אַ בעקער!
און די צייט אומזיסט שוין
מער'ער ניט איך פאַטער —
ווער סע שטאַרבט פאַר הונגער
דער איז שוין אַ זאַטער!

אַנקל קליין

ליבער ביקל! 22סטן דעצעמבער 1931

ווען כ'האָב אַ מאָל געהאַלטן גאָר אָן אינטערעסאַנטע לעקציע איבער אַנסקין געדענק איך שוין אַליין נישט, נאָר איך מיין: אויב אַנסקי, איז פאַרט גלייכער דער „דיבוק": אַקטועלער, ציענדיקער.

וואָס שייך דעם באַנד משלים האָט מען געגעבן קערנערן ניין טויזנט לעי ער זאָל ברענגען שריפט פון בוקאַרעסט. די טעג דאַרף שוין די שריפט אָנקומען. פּאַפּיר וועלן מיר מוזן נעמען דאָס וואָס איז דאָ (כאָטש סע טויג נישט) און צאָלן וויפל מע וויל (כאָטש סע האָט נישט די ווערט). דער באַנד וועט זיין, ווי כ'האָב אייך געשריבן, פון זיבעצן בויגן, דרוקן וועלן מיר טויזנט עקזעמפּ. ווי מיינט איר, פאַר אַ פאַלק פון אַ זעכצן מיליאָן (כן ירבו! אויף צעפּיקעניש!) איז דאָס נישט צו פיל? הייסט דאָס נישט, חלילה, איבערגעצויגן דעם בויגן? אפשר וואָלט געווען גענוג הונדערט. די והותר!

מיט ליבשאַפט, אייער

א. שטיינבאַרג

ליבער ביקל! 27סטן יאַנואַר 1932

בין איך שוין ווידער „על מקומי בשלום".

פון באַהוש [15]) בין איך, סוף כל סוף, נישט בדל געוואָרן און פון נתעשר ווערן איז דאָך נישט געווען בכלל קיין רייד. דאָס בעסטע פאַרדינסט מיינס דאָרט: כ׳האָב זיך באַקענט מיט אַ פּאָר האַרציקע חברים און געפונען דאָרט נישט ווייניק יניקה פאַר מיין אָפּטימיזם: פאַראַן אין באַהוש אַ גאַנץ גוטער באָדן פאַר אונדזער קולטור־אַרבעט. וועגן ענין רויטמאַן: אויב רויטמאַן וועט אויסצאָלן דעם האָנאָראַר בשלימות פּאַרויס, בין איך מסכים זיך צו באַזעצן מיט מיין פרוי אין בוקאַרעסט אויף די צוויי חדשים וואָס דאָס דרוקן דאַרף פאַרנעמען.

על כן: שמועסט איבער מיט רויטמאַנען תיכף־ומיד, און אויב ער גייט איין אויף דעם פּונקט מאַכט מיט אים אַ שריפטלעכן אָפּמאַך און שיקט אים איבער אָן שהיות אַהער. „אָן שהיות" ווייל מיר קענען נישט מיט קערנערן אָנהייבן רעדן ביז מיר זענען נישט זיכער מיט רויטמאַנען, עס קען זיך נאָך אויסלאָזן — זאָגט ראָזענרויך — אַז דאָס דרייען מיט קערנערן זאָל אונדז קאָסטן רבי־געלט. אינדערוויל פּאָדערט קערנער מאַנוסקריפּט און, פאַרשטייט זיך, עס איז זייער פּריקרע אים צו „דרייען אַ ספּאָדיק" און אָפּלייגן נישט געשטויגענעם קעז פון טאָג אויף טאָג. בכן: איילט זיך צו. למען השם! יאָ אָדער ניין, אָבער — באַלד.

נו, און איר? האַלט איר וואָרט? שוין געמאַכט אַ גוטן אָנהויב אין אונדזער העפט? געדענקט, זייט אַ „בעל דבר" — אַ וואָרטסמאַן. אַז נישט וועל איך, חלילה, ווערן אַ בעל דבר און וועל אייך מזיקן! איר הערט צי ניין?

אינדערוויל, איידער איר האָט געבראָכן וואָרט, בין איך אייער

א. שטיינבאַרג

פּ. ס.

אַ גירסאָ צום „האָמער און שטיק אייזן":

זעסט אין דרויסן דאָרט ניט ווייט
שטייט אַ וואָגן אויסגעבויגן אויף דער לינקער זייט
ווי אַ מלך אויף היסב־בעט ביי יידן?
צו זיין ראָד אַ רייף מוז איך היינט שמידן!

די גירסאָ, דאַכט זיך, איז גלייכער. אויסער דעם וואָס זי באַפרידיקט שטערנבערגס טענות, פאַלן אַריין די קומענדיקע צוויי שורות ווי אין קאָרב:

„נאָר אויך אויף דעם וואָגן
זאָלסטו זיך ניט קלאָגן".

---

15) אַ שטאָט אין אַלט־רומעניע, באַרימט מיט איר חסידישן הויף פונעם וויזשינערס אַן אייניקל. די שטאָט האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע טעקסטיל־פאַבריק, וואָס האָט באַשעפטיקט עטלעכע הונדערט יידישע אַרבעטער.

אויף אַ וואָגן, וואָס שטייט זיך „כמלך בגדוד" איז מער שייך זיך צו קלאָגן ווי אויף אַ וואָגן מיט אַ ראָד אַ שוואַכן.

וווי מיינט איר? ענטפערט! ענטפערט תיכף! תיכף ומיד!

א. ש.

ליבער ביקל! 28סטן יאַנואַר 1932

ס'איז שוין היינט דאָנערשטיק און די אָפּערטע פון רויטמאַנען איז נאָך נישטאָ. אויב ער וועט אַזוי, מיט אַזאַ מין טעמפּאָ פירן דעם ענין וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, מיט אים ווייט נישט גיין — — —

צו באַהוש האָב איך פאַרט נישט דערלייגט דער באַבעס ירושה און סע טוט מיר נישט באַנג וואָס איך בין דאָרט געווען. פון דעם „האָטעל" האָט מיך איבער־גענומען צו זיך דער חבר לייבל שכר און איך האָב זיך ביי אים זייער גוט געפילט. איך דאַנק איצט דעם חבר מאָנטעאַנו פאַר זיין „לאַקאָנישער" טעלעגראַמע, ווען ניט זי וואָלט איך אפשר אין באַהוש ניט געווען און ניט באַקענט זיך מיט די חברים פון דאָרטן. אין באַהוש האָב איך אויך „געמאַכט אַ נשמה" פאַר יידיש און בכלל פאַר אונדזער זאַך: דער חבר הערמעלין (אינזשינער און כימיק [כעמיקער] פון דער פאַב־ריק). ער האָט מיר געגעבן די האַנט אַז ער נעמט זיך לערנען יידיש. כ'האָב אים היינט געשיקט די גראַמאַטיקע פון ש. בירנבוים און מיין אלף־בית.

צום פּלאַן פון אַ צייטונג באַציט זיך ראָזענרויך זייער סקעפּטיש. ער וויל אפילו פון דעם ניט הערן. קיין חידוש ניט: דאָס איז די ווירקונג פון טשערנאָוויץ. דאָ קען אפילו טוביה דער מילכיקער ווערן אַ פּעסימיסט, אַ סקעפּטיקער! און ווייל איר זענט אַ וואָרטסמאַן האָב איך אייך ליב און פאַרבלייב

אייער

א. שטיינבאַרג

אַ גרוס אַלע!

ליבער ביקל! 31סטן יאַנואַר 1932

פון רויטמאַנען אַלץ נאָך ניט קיין „רמז דרמיזא". וואָס זשע זאָל זיין? איך קען דאָך קערנערן ניט פירן ביי דער נאָז. און בכלל דאַרפן מיר וויסן אַהין אָדער אַהער, זעט זשע טאַקע למען השם, קומען צו אַ טאָלק און ענטפערן באַלד, אויב מעגלעך אפילו טעלעגראַפירן.

פון דער גירסא וואָס כ'האָב אייך געשיקט בין איך ניט צופרידן. שיק איך אייך איצט אַ נייע:

„זעסט אין דרויסן שטייט אַ וואָגן אויסגעבויגן אויף איין אַקסל?
מוז דער קאָוואַל שמידן ביז די אַקס זאָל

שלמה ביקל

זיין געזונט און שטאַרק —
עפּעס דאָרט געשען מיט איר אַראָפּ׳ן באַרג״.

זאָל דאָס גיין? ווי מיינט איר? [16]

און ווי גייט עס מיט אייער „תפילת שחרית״? [17] זעט נאָר ווערט נישט מיד.
אויב שוין מיד ווערן איז גלייכער בנוגע דעם „פּיפּקעווען״.

מיט ליבשאַפט, אייער

א. שטיינבאַרג

פּ. ס. איך בעט זייער אייער פרוי צו נעמען די צייכענונגען קאַלניקס [18]
(וואָס כ׳האָב געלאָזט אין סאַנדיס צימער אויף דער שאַפע) אונטער איר האַנט.

לאהובי יקירי בעל תימרות העשן! [19]). 4טן פעברואַר 1932

איז רויטמאַן אַוועק מיטן רויך? מוזן מיר זיך, הייסט עס, אַ נעם טון צו קערנערן, טאַקע וואָס אַ נעם הייסט, סע זאָל אַזש גיין אַ רויך! ווי מיינט איר, אַ מאה וועט זיין גענוג פאַר די „רבבות אלפי ישראל״? צו פיל אוודאי ניט: די מאה וועט זיך זיכער צעפליען ווי אַ רויך אין שטורעמווינט!

ווי זאָגט אָבער דאָס כמאַרעלע צום רויך ערגעץ אין אַ משל? „איך צו מענטשן מוז מיך קערן, ווייל איך האָב אַ האַרץ מיט טרערן״ און סתם מענטשן מיינט מען דאָך די ברייטע שיכטן, די מאַסן וואָס זענען נאָך ניט געוואָרן „אויס מענטש״ פון אײַ־בערעסן זיך און זיי פּעלט אויס אַ בוך „ווי עסיק צו די ציין און רויך צו די אויגן״. וועל איך טאַקע אַרויסלאָזן פון זייערט וועגן גאַנצע ת״ק (פינף הונדערט) מיטן קנאַק! אויף להכעיס דעם רויך!... איי, וואָס ווילט איר פון מיר האָבן מיטן רויך?! רוקט אייך אָפּ מיטן רויך! אַ מענטש זאָל עס האַלטן אין איין פּיפּקעווען! ניט געדאַכט זאָל ער ווערן דער רויך!

אייער

א. שטיינבאַרג

---

16) די גירסא איז די ענדגילטיקע.

17) איך בין אין יענע יאָרן געווען שטאַרק פאַרנומען מיט מיין אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק און האָב נישט געהאַט קיין צייט פאַר שרייבעריי. שטיינבאַרג האָט מיר איינעם אַ טאָג געקויפט אַ העפט און פאַרלאַנגט ביי מיר ס׳וואָרט, אַז איך וועל יעדן פרימאָרגן אַ שעה צוויי זיך אָפּגעבן מיט שרייבערישער אַרבעט. ער האָט דאָס געריפן מיין „תפילת שחרית״. די „תפילת שחרית״ ווערט אָפּט דערמאָנט אין שטיינבאַרגס בריוו.

18) אַרטור קאָלניק, באַוווסטער יידישער מאָלער און גראַפיקער, איז געווען דער אילוס־טראַטאָר פון שטיינבאַרגס אַלבום פון צוועלף משלים (1928), פון דעם באַנד „משלים״ (1932) און פון דעם „מעשהלעך״ (1936). קאָלניק וווינט אין פּאַריז.

19) איך בין געווען אַ שטאַרקער רויכערער און שטיינבאַרג האָט דעם ציגאַרעטן־רויך נישט געקענט פאַרטראָגן. (היינט האָב איך מיין שטראָף: איך בין אויס רויכערער און קען נישט פאַרטראָגן ווי יענער רויכערט).

פ. ס. ווי גייט עס מיט „תפלת שחרית״ ?

קלאָר גערעדט : איך מיין צו דרוקן נישט מער ווי 500 עקז. הונדערט פאַר „יחידי סגולה״ און פיר הונדערט (אויך שיין געבונדן — פרייז צוויי הונדערט לעי) — פאַרן ביכערמאַרק. אויב איך מיט מיין בוך האָב איך ניט דערעסן, ווי מיר דער רויך, ענטפערט.

ליבער ביקל ! 24סטן פעברואַר 1932

איך בעט אייך אַזוי גוט זיין און באַלד באַשטעלן ביים „אדעווערול״ [20]) די קלישעען פון קאַלניקס צייכענונגען. אויך די קלישע פון דער קאַריקאַטור [21]) מיינער. איך מאַך אויפמערקזאַם אַז בעתן פאָטאָגראַפירן די צייכענונגען זאָלן אונטער זיי ליגן ווייסע בויגנס פאַפּיר כדי זיי זאָלן אַרויסקומען ווי געהעריק. אַזוי האָט קאַלניק געהייסן, למען השם, דאָס אין זינען האָבן צו טאָן. נישט פאַרגעסן מיר שרייבן וואָס די קלישעען קאָסטן, וועלן מיר באַלד שיקן.

סאַנדין איבערגעבן, אַז די „גרינינקע ביימעלעך״ זענען אויף אַ שטיקל צייט אָפּגעשטעלט געוואָרן, ווייל זייער רעדאַקטאָר באַסטאָמסקי איז אוועקגעפאָרן קיין לעטלאַנד. איצט איז ער שוין צוריקגעקומען, וועלן די „ביימעלעך״ ווייטער אָנהייבן אַרויסצוגיין און סאַנדי וועט זיי באַקומען. דאָס לידעלע מיט דעם בילדל האָב איך צו די „ביימעלעך״ שוין געשיקט.

איך האָב פאַר סאַנדיס וועגן אויסגעצייכנט אַ פיין ביכעלע, אָבער ס׳איז נאָך נישט אָנגעקומען — — —

איך, זינט איך בין צוריקגעקומען פון בוקאַרעסט, בין איך ווידער לא עליכמדיק. די פרעסט האָבן דאָ זיך מיישב געווען און צו לעצט ערשט אַ זעץ געטאָן אויף סכנות. עקט דאָס מיר, ניט פאַר אייך געזאָגט, דאָס געזונט. שוין די צווייטע וואָך, אַז איך קום ניט אַרויס פון דער שטוב. די משלים וועלן שוין, ענדלעך מיט גאָטס הילף, קומענדיקע וואָך אַריין אין דרוק. די גאולה איז אַ ביסל פאַרהאַלטן געוואָרן, ווייל ס׳האָט נאָך עפּעס אויסגעפעלט צו דער שריפט, וואָס קערנער האָט באַשטעלט.

איך בעט אייך איר זאָלט בעטן אייער שוועסטער זי זאָל מיר צווינטשן, עס זאָל זיין אין אַ גוטער שעה. וואָס עפּעס דווקא זי ? די גמרא זאָגט : „אל תהא ברכת כלה הדיוט בעיניך״ [22]). און איר ווייסט דאָך אַז איך, ווי טוביה דער מילכיקער, האָלט

20) „אדעווערול״ איז געווען אַ גרויסע דעמאָקראַטיש-רומעניש צייטונג און אַ ביכער-פאַרלאַג. די בעלי-בתים זענען געווען יידן. אין דער צינקאָגראַפיע פון „אדעווערול״ זענען געמאַכט געוואָרן די קלישעען פון די אילוסטראַציעס צום באַנד „משלים״.

21) דער קאַריקאַטוריסט פונעם „אדעווערול״ ראָס האָט געמאַכט אַ זייער געראָטענע קאַריקאַטור פון שטיינבאַרגן. דער אָריגינאַל געפינט זיך ביי מיר.

22) מיין שוועסטער איז דעמאָלט געווען אַ כלה. שטיינבאַרג האָט וואָריִרט דעם מאמר : „אל תהא ברכת הדיוט קלה בעיניך״.

זייער פון אַ גמרא און נאָך מער פון אַ מדרש, ווייל דער מדרש, זאָל לעבן, איז אַ פשוטער „עמך", איז ביי זיך ניט גרויס און האַלט זיך ניט פאַר קיין עיקר, ווי זאָגט ער אויף זיך אַליין: „לא המדרש עיקר אלא המעשה" — טוט זשע טאַקע, ליבער ביקל, וואָס איך בעט אייך! די צייכענונג וואָס איך לייג דאָ צו, איז כדי איר זאָלט וויסן לויט וואָס פאַר אַ פאָרמאַט די קלישעען זאָלן געמאַכט ווערן, און דערביי באַטאָן איך נאָך אַ מאָל נישט פאַרגעסן אָנצוזאָגן, אַז בשעתן פאָטאָגראַפירן זאָל מען אונטער יעדער צייכענונג אונטערלייגן אַ ווייסן בויגן.

די צייכענונגען אָפּהיטן, זיי זאָלן ביי דער אַרבעט ניט געשמוצט ווערן. איך גלייב איר וועט אין זינען האָבן, אַז אַלץ זאָל געמאַכט ווערן פּינקטלעך. יאָ, די צייכענונג וואָס איך שיק פאַר אַ מוסטער זאָל אַריינגיין אין סאַנדיס אַלבום.

מיט ליבשאַפט, אייער א. שטיינבאַרג

ליבער ביקל! 6טן מערץ 1932

למען השם תיכף־ומיד מיר שרייבן וואָס טוט אונדזער זיסער סאַנדי און וואָס איר. נאָך אַ גריפּע מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק. איר זענט אַליין שולדיק אין אייער „גריפּעווען". אַז מענטשן פאַרצערטלען זיך אַזוי, אַז מע ציטערט אַזוי פאַר קאַלט וואַסער! איר זאָלט זען ווי ריסעלע, ראָזנבלאַטס[23]) בחורטע לויפט אום אַלע פרימאָרגן באָרוועס אין הוילן סטאַן איבער די נישט־געהייצטע צימערן!

מיין באַנד קען ניט אַריין אין דרוק, ווייל מע וואַרט אויף די קלישעען. ווייטער איז שוין אַלץ פאַרטיק. ———

וועגן דעם רומעניע־נומער[24]) וועל איך דאָ שמועסן מיטן עולם. דער פּלאַן געפעלט מיר. ווי זאָגט אַ חסיד: אַז ניטאָ קיין בראָנפן לאָמיר שמועסן פון בראָנפן, אַז אַ מאָל איז געווען און היינט איז ניטאָ. ניטאָ קיין געזונט און קיין לייב און לעבן, נאָר אַפּאַטיע און וויסטער יאוש לאָמיר כאָטש — נומער אַרגער! — יוצא זיין מיט אַ רומעניע־נומער.

ביי מיר הייסט אייער ליטעראַרישע שעה „תפלת שחרית". און לויטן אָפּמאַך מוז זי אַזוי זיין אַלע פרימאָרגן. ווי אייער טאַטע, אייערע גרויסע זיידעס האָבן ניט פאַרפעלט צו לייגן טלית און תפילין, אַזוי טאָרט איר ניט פאַרפעלן אייער עבודה ביים שרייבטיש, סיידן עפּעס גאָר אַ גרויסע מניעה צווינגט עובר „קרית שמע" זיין

אייער א. שטיינבאַרג

———

23) ד״ר נטע ראָזנבלאַט, נאָענטער פריינט פון שטיינבאַרגן, איז געשטאָרבן אין ירושלים אין 1947 (זע מיין עסיי: דער אויגן־דאָקטאָר נטע ראָזנבלאַט אין מיין „עסייען פון יידישן טרויער", ניו־יאָרק, 1948).

24) נחמן מייזיל האָט געהאַט געשריבן פון וואַרשע און פאָרגעלייגט אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלן רומעניע־נומער פון די „ליטעראַרישע בלעטער".

שרייבער פון מיין דור

אין די ג. ב. נומער 3 איז שוין דאָ סאַנדי מיטן לידל. באַקומען?

✶

צו הערץ גראָסבאָרדן:

די קראַפט, וואָס אין יידישן וואָרט איז פאַרזיגלט,
דער חן, וואָס אין יידישן פערז איז פאַרריגלט,
די טרער, וואָס אין יידישן שמייכל זיך שפּיגלט —
באַקומסטו אַרויס מיטן שם וואָס באַפליגלט.

א. שטיינבאַרג

צו באַרבו לאַזאַרעאַנו:

באַרבע!
אין שעהען ביטערע האַרבע
ווי גאַל און ווי כריין
זיץ איך און שרייב און ליין
דיין נאָמען,
און עפּעס ווי פון זיך
און עפּעס אַזוי
הייבט זיך אָן גלייבן אין גאָט פון אברהמען
ברוך הוא וברוך שמו
אמן!

א. שטיינבאַרג

משלי לייזערל הקטן:

דאָס זענען די משלים פון לייזערל דעם קליינעם
וואָס ער לעבט אין שאָטן
מיט זיך אַליין אינײנעם
און שמועסט מיט זיך אַליין דאָרט איבער
וועגן זיך און וועגן צרכי ציבור
אַ מאָל אין וואָר, אַ מאָל אין חלום —
און די שמועסן גיט מען איבער אין משלים.

משלי אליעזר בן יהושע:

דאָס זענען די משלים פון אליעזר דער זון פון יהושע,
און רייזל געהייסן זיין כשרע מאַמע די צנועה,

שלמה ביקל

נשמתם בגנזי מרומים.
און ער וואָס ?
אַ טויב וואָס לאַכט און וויינט צווישן חורבות,
אַ שאָרך פון אַ בלאַט וואָס דער ווינט רייסט פון בוים אים,
אַ יתום צווישן יתומים !
אַ מאָל ער פאַרשעמט אדם־נאַקעט באַהאַלט זיך צווישן ביימער
און הערט נאָר דאָס קול פון זוגתו ריוועקע :
„איכה״ ?
ווו ביסטו ? קום גיי מיר !...

אונדזערע ראשונים

דעם 29סטן מערץ 1967 (י״ז אדר שני) איז אין תל־אביב נפטר געוואָרן דער העברעיִש־יידישער שרייבער, דער איבערזעצער פון שלום־עליכמען אויף העברעיִש י. ד. (יצחק דב) בערקאָוויטש אין עלטער פון 81 יאָר. און כמעט אַרום דער זעלבער צייט איז דערשינען בערקאָוויטשעס בעסטע אָריגינעלע ווערק אויף יידיש : אונדזערע ראשונים.

דאָס דאָזיקע ווערק פון „זכרונות־דערציילונגען וועגן שלום־עליכמען און זיין דור״ איז בערקאָוויטשעס אַן אייגענע איבערזעצונג און צום טייל איבעראַרבעטונג פון דעם העברעיִשן בוך „הראשונים כבני אדם, סיפורי זכרונות על שלום־עליכם ובני דורו״, וואָס איז אַרויס אין תל־אביב אין די פופציקער יאָרן אין צוויי אױפלאַגעס. עס איז אויך אויף העברעיִש בערקאָוויטשעס בעסט ווערק. בלויז די דאָזיקע זכרונות־דערציילונגען וועגן שלום־עליכם און זיינע מיטצייטלער האָבן בערקאָוויטשן אַוועקגעשטעלט אין דער ריי, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אויפגעהאַלטן זיין שיעור קומה אין דער ריי פון זיינע בני־דור יעקב פיכמאַן, ז. שניאור, י. ח. ברענער, אורי ניסן גנעסין און, אים צו לאַנגע יאָר, גרשון שאָפּמאַן.

אין דעם דאָזיקן מעמוּאַרן־ווערק, וואָס איז דערשינען אויף יידיש אין פינף בענד אין פאַרלאַג „המנורה״, אין תל־אביב, קומען צום אויסדרוק בערקאָוויטשעס אַלע שרייבערישע מעלות : דער רעאַליסטישער דערציילער, אָפט מאָל מיט אַ לירישן ציטער און מיט אַ הומאָריסטישן עוקץ, דער שאַרפער און קלוגער פּאָר־טרעטיסט, דער סאָלידער ליטעראַטור־מבין און דער פּענאָמענאַלער בעל־זכרון. מיטן כוח פון די אַלע ליטעראַרישע מעלות האָט בערקאָוויטש אָנגעשריבן אַ

ווערק וואָס איז אין תוך אַ שטיק ביאָגראַפיע פון שלום־עליכמען אין ראַמען פון זיין דור. אַזאַ ביאָגראַפיע איז ליטעראַטור־געשיכטע אין בעסטן זינען.

מיך האָבן אין די דאָזיקע פינף בענד, וואָס איך האָב איצט געלייענט אויף יידיש מיט דער זעלבער געשפּאַנטקייט ווי מיט צען יאָר צוריק אויף העברעיש, פאַראינטערעסירט קודם־כל די באַציונגען און די צונויפשטויסן צווישן די שרייבער־פּערזענלעכקייטן, וואָס ווערן דאָרט פאָרטרעטירט אָדער בלויז סקיצירט.

א

דער מייסטער און זיין איבערזעצער

בערקאָוויטש איז געווען שלום־עליכמס איבערזעצער איידער ער איז געוואָרן זיין איידעם. דער צוואַנציק־יעריקער י. ד. בערקאָוויטש איז געווען אַן אינעווייניקס־טער מיטאַרבעטער אין דער העברעישער טאָגצייטונג „הזמן", ווען שלום־עליכם איז געקומען צו פאָרן קיין ווילנע און בעל־מחשבות האָט אים באַקענט מיט דעם דעמאָלט שוין באַרימטן שרייבער.

בערקאָוויטש האָט אין ווילנע געהערט צום ערשטן מאָל פאָרלייענען ש"ע פון זיינע שריפטן. ביי אַן אָוונט, איינגעאָרדנט פונעם ווילנער שפּיטאָל־פאַראיין „משמרת חולים" האָט שלום־עליכם צווישן אַנדערע זאַכן געלייענט „ווען איך בין ראָטשילד — אַ מאָנאָלאָג פון אַ כתרילעווקער מלמד". דער יונגער בערקאָוויטש איז נתפּעל געוואָרן פון שלום־עליכמס „איינפאַכער, נאַטירלעכער מייסטערשאַפט אין לייענען, פון זיין שטילן איינגעהאַלטענעם טאָן, פון זיין טיפן ערנסטן טאַקט, מיט וועלכן ער האָט פאַרטיפט און פאַרפיינערט זיין אייגענעם הומאָר און האָט צוגעגעבן דעם חן פון טיפן אמת" און האָט אונטער דעם רושם פון דער פאָרלעזונג אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן אַרטיקל פאַרן „הזמן" אונטערן פּסעוודאָנים ב. ליטוואַק.

שלום־עליכם איז געוואויר געוואָרן ווער עס באַהאַלט זיך אונטער דעם פּסעוודאָנים און איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, קורץ נאָך דעם שלום־עליכם־אָוונט, האָט בערקאָוויטש געפונען ביי זיך אין צימער אויפן טיש „אַ פּאַפּיר פון שלום־עליכמען געשריבן אויף העברעיש מיט אַ רויטער בליי־פּען און מיט גרויסע שיטערע אותיות: אדוני פריץ בערקאָוויטש! כשתקום משנתך תמחול לרדת אלי למטה" (פּריץ מיינער בערקאָוויטש! אַז איר וועט אויפשטיין פון שלאָף וועט איר מוחל זיין אַראָפּגיין צו מיר אונטן").

און אונטן אין דער דירה, וווּ ער איז איינגעשטאַנען, האָט שלום־עליכם פאַרבעטן בערקאָוויטשן ער זאָל פאַר אים איבערזעצן אַ פעליעטאָן פאַרן פורימדיקן בלאַט, וואָס דער „הזמן" האָט ביי אים באַשטעלט, וואָרעם אים אַליין איז שווערלעך צו

שרייבן העברעיש „ווייל צו העברעיש מוז מען זיך אַ ביסל אונטערגאַרטלען". און — האָט שלום־עליכם ווייטער געזאָגט — אויב די איבערזעצונג וועט אים געפעלן, קאָן בערקאָוויטש ביי אים האָבן שטענדיקע באַשעפטיקונג.

דער דאָזיקער אָנבאָט האָט דעם צוואַנציק־יעריקן דערפרייט (אַ סימן, שלום־עליכם האָט צו אים צוטרוי), אָבער מער ווי דערפרייט האָט אים דאָס פאַרדראָסן, וואָרעם „ווי עס ווייזט אויס מאַכט ער מיך אַליין עפּעס גאָר צו קליינגעלט: מיינע זאַכן, זאָגט ער זיך אַפּ אַזוי לייכט, האָט ער נישט געלייענט און ער ווייסט אפילו נישט אַז איך בין אין „הזמן" כמעט אַ רעדאַקטאָר. ער מיינט מיך פּראָסט צו דינגען פאַר זיינעם אַן איבערזעצער — און דאָס פאַרדריסט מיך ביז איןביין!"

דער יונגער אָנפאַנגער האָט געענטפערט טראַציק שלום־עליכמען: „איך האַלט נישט דערביי! איך בין פאַרנומען מיט שרייבן מיינע אייגענע זאַכן!" אָבער ש"ע האָט זיין יינגלשן שטאָלץ איינגענומען מיט פּאַטערלעכע ווערטער און נאָך דעם זעלבן טאָג זענען ש"ע און בערקאָוויטש געזעסן אין דער רעדאַקציע פון „הזמן" און האָבן אין איינעם איבערגעזעצט דעם פורימדיקן פעליעטאָן אויף העברעיש.

דאָס איז געווען דער אָנהייב. פון דעמאָלט אָן איז בערקאָוויטש געוואָרן שלום־עליכמס שטענדיקער איבערזעצער, אַן איבערזעצער, וואָס האָט זיך געפּרייט מיטן מייסטערס אָנערקענונג און איז דערביי געבליבן מיט אַן אומרו, אַז ווערן אַן איבערזעצער, מיינט אָנווערן דעם ווערט פון אַן אָריגינעלן שרייבער.

בערקאָוויטש, וואָס האָט זיך טאַקע דעמאָלט אין ווילנע באַגעגנט מיט שלום־עליכמס עלטסטער טאָכטער טיסי און איז געוואָרן זיין איידעם, איז געוואָרן נישט נאָר דער איבערזעצער, נאָר אויך זיין ליטעראַרישער פאַקטאָטום. ער האָט דאָס געטאָן, ווי מען קאָן זען פון דעם וואָס ער דערציילט, מיט פרייד, אָבער די מורא אַז דאָס שאַדט זיין אייגענער שעפערישקייט און די מורא אַז דער שווער ש"ע מינערט דערמיט פון זיין, בערקאָוויטשעס, שרייבערישער פּאָזיציע האָט בערקאָוויטשן נישט אָפּגעלאָזט ביי שלום־עליכמס לעבן און אפילו נישט נאָך זיין טויט. עס איז אָט דער פאַרדראָס און אָט די מורא וואָס האָט פון בערקאָוויטשן אַרויסגערעדט ביים יובל פון זיינע „בגבורות", ווען ער האָט אין אַן אינטערוויו מיט אַ צייטונגסמאַן אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט „נישט איבערזעצט, נאָר געשריבן שלום־עליכמען". די דערקלערונג האָט בדרך כלל געמאַכט אַ שלעכטן רושם און מען האָט זיך וועגן איר אומגינציק אָפּגערופן.

איצט, ווען איך האָב געלייענט די פינף בענד פון בערקאָוויטשעס זכרונות האָב איך דאָס געפיל, אַז די אומגינציקע אָפּרופן זענען היפּש אומגערעכט — אומגערעכט אין דעם זינען, וואָס מען האָט זיך נישט גענומען די מי צו פאַרשטיין דאָס געמיט פון אַ שרייבער, וואָס האָט געטאָן מיט ליבשאַפט און מיט גרויס יכולת זיין איבערזעצונגס־אַרבעט און האָט דערביי געפילט, אַז מיטן תרגום ש"ע מאַכט ער צו נישט זיין אייגן פּלאַץ פון אַן אָריגינעלן דערציילער אין דער העברעישער ליטעראַטור.

אוודאי איז דאָ אַ יש אומרים וואָס טענהט (און די טענה איז זיכער נישט אין גאַנצן אומגערעכט), אַז פּאַרקערט: ערשט דער געלונגענער תרגום שלום־עליכם האָט דערהויבן בערקאָוויטשעס פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור, ערשט דורך דער איבערזעצונג פון שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער", און „מנחם מענדל" און „מאָטל פּייסי דעם חזנס", האָט בערקאָוויטש געקאָנט פאַרנעמען דאָס פּלאַץ אין דער העברעיִשער בעלעטריסטיק, צו וועלכן ער וואָלט מיט זיינע אָריגינעלע ווערק אַליין נישט געקאָנט דערגיין.

אָבער וויפל אָביעקטיוון אמת דער דאָזיקער יש אומרים זאָל אין זיך נישט האָבן איז עס דאָך פאַרשטענדלעך, אַז סוביעקטיוו האָט בערקאָוויטש געהאַט אַ רעכט אַנדערש צו טראַכטן, בפרט ווען נישט נאָר ער אַליין, נאָר אויך אַ געוויסער טייל חברים שרייבער זענען געווען ביי דער זעלביקער מיינונג און האָבן די מיינונג בדרך פריינדשאַפט געלאָזט וויסן בערקאָוויטשן.

אין 3טן באַנד „זכרונות" (ז' 234 און 235) לייענען מיר אַזוי —

„איך בין אַזוי אַריינגעצויגן געוואָרן אין שלום־עליכמס אינטערעסן, אין זיין פרייד און צער און אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט, אַז מיין אייגן שריפטשטעלעריש לעבן איז פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ ווינקל. — פאַרן גאַנצן ווינטער האָב איך באַוויזן סך־הכל אָפּצודרוקן איין גרעסערע זאַך אין דעם העברעיִשן „העולם" און אַ פּאָר קליינע זאַכן אין די יידישע צייטונגען. דאָס איז אָבער געווען כמעט ווי גאָרנישט אַקעגן מיינע פריערדיקע טעטיקע אָנפאַנג־יאָרן".

און נישט גענוג וואָס בערקאָוויטש אַליין האָט די מורא פאַר זיין פּאָזיציע ווי אַן אָריגינעלער שרייבער אַזוי שווער איבערגעלעבט — „האָט מיך די זעלבע פראַגע אויפגערודערט נאָך פיינלעכער, ווען זי איז מיר שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון אַ זייטיקן מענטשן — פון ש. אַנסקין".

ש. אַנסקי האָט באַזוכט שלום־עליכמען אין דעם איטאַליענישן קוראָרטשטעטל נערווי און האָט ביי דער געלעגנהייט, ווען ער איז געבליבן אַ ווייל אַליין מיט בערקאָוויטשן, צו אים געזאָגט אַן ערך אַזוי:

— איר ווייסט? צו אייך האָב איך אַ באַזונדער גרוס פון אונדזער חברה שרייבער. דער עולם איז מיט אייך שטאַרק נישט צופרידן, וואָס איר זענט די לעצטע צייט אַנטשוויגן געוואָרן. מען האָט צו אייך טענות, אַז איר פאַרנעמט זיך צו פיל מיט שלום־עליכמען און פאַרגעסט זיך אַליין.

דער אמתער פאַרהוילענער פּסיכישער צונויפשטויס צווישן שלום־עליכמען און זיין איידעם און איבערזעצער י. ד. בערקאָוויטש איז אָבער ערשט פאָרגעקומען ווען עס איז דערשינען אין בוכפאָרעם „טוביה החולב" און עס האָט זיך געגרייט צום דרוק אויך דער צווייטער באַנד „כתריאלים". עס האָט זיך דאָ צווישן שלום־עליכמען און זיין איבערזעצער אָפּגעשפּילט אַ פּלאָנטעריניש, וואָס קאָן נאָר אויסגעטייטשט ווערן על־פּי פרויד.

„אזוי ווי איך האָב מיין נאָמען — דערציילט אונדז בערקאָוויטש — נישט אַרויסגעשטעלט אויף דער איבערזעצונג, האָט שלום־עליכם די הקדמה צו דער העברעישער אויסגאַבע געשריבן אין אַזאַ נוסח, אַז דער לעזער האָט געקענט באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער אַליין איבערזעצט זיינע ווערק אין העברעיש. אייגנטלעך איז אויך די הקדמה געשריבן געוואָרן נישט אין גאַנצן פון אים אַליין. ער האָט נאָר דורך בריוו קיין ווילנע, אויף יידיש און אויף רוסיש, דיקטירט דעם תמצית און איך האָב עס פאַרמירט אין העברעיש" (באַנד 4, ז' 183).

„אַז יידישע שרייבער — שרייבט ווייטער בערקאָוויטש — וואָס באַהערשן אויך העברעיש, זאָלן אַרויסגעבן זייערע ווערק, וואָס זענען איבערגעזעצט דורך אַנדערע אויף העברעיש, ווי אייגענע אַרבעט — דאָס איז אין יענע יאָרן געווען אַ געוויינ־לעכע זאַך. אַזוי האָט געטאָן אויך פּרץ, וועמעס געדרוקטע העברעישע שריפטן זענען טיילווייז געווען איבערגעזעצט דורך פרעמדע הענט. שלום־עליכם האָט דאָ אָבער געהאַט פאַר זיך אַלס מוסטער מענדעלען. עס איז אים ליב געווען דער געדאַנק, אַז אויך אין העברעיש וועט ער זיין געקניפּט און געבונדן מיטן „זיידן". (איך האָב דאָס געפילט — האָב איך אים נאָכגעגעבן דעם פאַרגעניגן פון אַזאַ אילוזיע און פאַרמירט זיין הקדמה אין אַזאַ נוסח). דאָס וואָס מענדעלע זעצט אַליין איבער זיינע ווערק אין העברעיש, און פאַר אים זעצט איבער אַן אַנדערער — האָט אים נישט געשטערט. ווייל דער אַנדערער איז געווען — נישט דווקא אַ נאָענטער דורך פאַמיליען־בונד, נאָר אַזאַ וואָס האָט אים נאָענט דערקענט. ער האָט געגלייבט, אַז ווען ער אַליין וואָלט זיינע ווערק געשריבן אין העברעיש, וואָלט ער זיי געשריבן נישט אַנדערש, נאָר אין דעם גייסט פון מיין איבערזעצונג."

איך האָב געבראַכט אָט דעם לענגערן ציטאַט, ווייל ער קלינגט ווי אַ שטילער אָנקלאָג קעגן שלום־עליכמען.

דער סוף איז געווען אַז די הקדמה האָט נישט גענוצט. די קריטיקער האָבן, נישט געקוקט אויף שלום־עליכמס הקדמה, גערעדט פון אַן איבערזעצונג. אַ טייל האָבן אַרויסגעגעבן דעם סוד און האָבן אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם איבערזעצער. דערעיקרשט האָט שלום־עליכמען אויפגערודערט אַן אַרטיקל אין „השלוח" פון זלמן עפּשטיינען, וואָס האָט גערעדט וועגן שלום־עליכמס „אַרויסהעלפער" און וועגן „אַן אַרבעט וואָס ווערט געטאָן דורך אַנדערע".

שלום־עליכם האָט איצט געפאָדערט פון בערקאָוויטשן, אַז ער זאָל פאַרן צווייטן באַנד אָנשרייבן אַן אַנדערע הקדמה, אין וועלכער עס זאָל געזאָגט ווערן אַז בערקאָוויטש איז דער העברעישער איבערזעצער פון זיינע ווערק. בערקאָוויטש האָט זיך געקווענקלט און שלום־עליכם האָט אויף בערקאָוויטשן גוזר געווען בגזירת כיבוד אב, אַז ער זאָל נישט פּראָווען קיין באַשיידנקייט און זאָל אַרויסשטעלן זיין נאָמען ווי דער איבערזעצער.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס בערקאָוויטש איז איצט מגלה, אַז

שלום־עליכם האָט אים אומזיסט חושד געווען אין באַשיידנקייט. דער אמתער מאָטיוו — שרייבט בערקאָוויטש — איז געווען גאָר אַן אַנדערער: „צוזאַמען מיט די לויבגעזאַנגען וועגן מיין אַרבעט האָב איך אויסגעהערט פון מיינע נאָענטע חברים אויך ביטערע ווערטער. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מיך גמוסרט, למאי איך גיב אַוועק שלום־עליכמען אַלע מיינע פעיִקייטן און האָבן נביאות געזאָגט, אַז מיין דערפאָלג מיט דער שלום־עליכם איבערזעצונג וועט מיך סוף־כל־סוף אין גאַנצן איינשלינגען. איך האָב אין די ווערטער געפילט אַ קערנדל אמת, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט רוען. איך האָב דעריבער באַשלאָסן נישט אָנצוגעבן מיין נאָמען אויף דער איבערזעצונג — און זאָלן מיינע מוסר־זאָגער נישט מיינען אַז אָט ביי דעם בלייב איך שוין" (באַנד 4, ז' 186).

בערקאָוויטש איז דעמאָלט אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר, אָבער געבליבן איז ער שלום־עליכמס איבערזעצער פאַר די ווייטערע פופציק יאָר. דאָס איז געווען אי זיין גרויסער ליטעראַרישער דערפאָלג און אי די טיפע טראַגיק פון זיין שעפערישן לעבן.

ב

יעקב דינעזאָן

דער מחבר פון „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", פון „יאָסעלע" און פון אַנדערע, מיינסטנס אין בוכפאָרעם נישט דערשינענע סענטימענטאַלע ראָמאַנען, ווערט אין די מעמואַרן פון זיינע מיטצייטלער, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, געשילדערט ווי אַ „מענטש אָן אַ גאַל", אַ גוטהאַרציקער פריינד פון אַלע שרייבער, וואָס האָט אַלעמען געטאָן רק טובות און קיין מאָל וועגן קיינעם קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט.

י. ד. בערקאָוויטש איז, דאַכט מיר, דער ערשטער, וואָס שילדערט יעקב דינעזאָנען נישט ווי אַ מלאך, נאָר ווי אַ בשר־ודם מיט אַלע נשמה־עלעמענטן פון אַ בשר־ודם.

אין 1910, ווען בערקאָוויטש איז אין וואַרשע געוואָרן אַן אָפטער איינגייער אין דינעזאָנס „באַרימטער אַלט־בחורשער קאָמער אויף דזיעלנאַ־גאַס נומער 15", איז שוין דינעזאָן געווען אַ צוריקגעצויגענער פון דער ליטעראַטור. ער איז דעמאָלט בלויז געווען פרצעס אינטימער פריינד און ליטעראַרישער פאַרזאָרגער און אַחוץ דעם אויך אַ טובה־טוער פאַר יעדן יידישן שרייבער, וואָס האָט זיך צו אים געווענדט. אָנשטאָט דערציילונגען האָט דינעזאָן צו יענער צייט געשריבן נאָר סענטימענטאַלע

בריוו צו פֿאַרשיידענע פֿריינד אין אַלע עקן וועלט און פֿלעגט די בריוו פֿאַרלייענען פֿאַר זיינע געסט.

אָנגענומען איז, ווי געזאָגט, אַז יעקב דינעזאָן איז בטבע געווען אַ זעלטן גוטער מענטש, וואָס „איז גרייט יענעם די נשמה אוועקצוגעבן", קומט בערקאָוויטש אין זיינע „זכרונות־דערציילונגען" (באַנד 4, ז' 47, א. וו.) און פּרוווט צעשטערן די דאָזיקע לעגענדע. אמת, בערקאָוויטש איז מודה, אַז „עד היום, ווען מיר דערמאָנען זיין נאָמען, דערמאָנען מיר אים מיט אַ געפֿיל פֿון צערטלעכער דאַנקבאַרקייט און רופֿן אים נישט אַנדערש, נאָר „דער גוטער פֿעטער דינעזאָן", ווייל כמעט יעדער פֿון אונדז האָט פֿון אים געזען נאָר גוטס און פֿון אים געהאַט נאָר טובות און דערצו איז זיין קאַמער געווען אַ היים פֿאַר אַלע פֿאַרזאָרגטע געמיטער פֿון דער שרייבערישער משפּחה".

אָבער נאָך מודה זיין דאָס אַלץ קומט בערקאָוויטש אַרויס מיט אַ „פֿונדעסט־וועגן". און דער „פֿונדעסטוועגן" איז אַז „דינעזאָן איז אין דער טיפֿעניש פֿון זיין נאַטור געווען גאָרנישט קיין גוטער. על־כל־פּנים, איז זיין גוטסקייט נישט געווען פֿון יענער עכטער און לויטערער פּראָבע, וואָס שטאַמט פֿון אַן אינערלעכער, זעלישער, אַלץ פֿאַרשטייענדיקער און טיף דערבאַרעמדיקער האַרציקייט. ער איז געווען, לויט ווי איך האָב אים געזען, נישט דער פֿרייער הערשער פֿון זיין גוטסקייט, נאָר איר אונטערטעניקער קנעכט, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַן אויפֿגאָבע — אפֿשר אומבאַוווסט פֿאַר זיך אַליין — אָנצופֿילן דאָס אייגענע פּוסטע לעבן מיט גוטע טאַטן פֿאַר אַנדערע, מיט „מעשים טובים".

דעם אמת געזאָגט, איז מיר אומפֿאַרשטענדלעך, פֿאַר וואָס בערקאָוויטש האַלט אַ גוטסקייט, וואָס דער מענטש קעמפֿט אויס קעגן זיך אַליין, קעגן דעם „יצר לב האדם רע מנעוריו" פֿאַר אַ קלענערער מדרגה ווי די איינגערעדטע גוטסקייט, וואָס דער אָדער יענער מענטש פֿאַרמאָגט פֿון געבוירן.

לדידי איז דער דאָזיקער שטענדיקער קאַמף פֿונעם יצר־טוב קעגן יצר־הרע, פּונקט ווי דער גלויבן, וואָס ראַנגלט זיך מיט צווייפֿל און איז גובר, אַ העכערע מאָראַלישע מדרגה ווי די „איינגעבוירענע" גוטסקייט און די רוטינאַווע אמונה אָן שום סקעפּטישע שטערונגען. און אויב ווי בערקאָוויטש זאָגט, אַז אין דינעזאָנען איז אָנגעגאַנגען „די אמתע יידישע מלחמה פֿון דעם יצר־טוב קעגן דעם יצר־הרע, און גובר געווען האָט דאָ, אויפֿן עכט יידישלעכן שטייגער, דער יצר־טוב", האָט ער דערמיט אין מיינע אויגן און ביי אַ סך מיינס גלייכן נישט נאָר נישט געמינערט פֿון דינעזאָנס געשטאַלט, נאָר פֿאַרקערט, ער האָט זי דערהויבן און אַוועקגעשטעלט, אפֿשר קעגן זיין ווילן, אויפֿן אמתן פּיעדעסטאַל פֿון מענטשלעכער מאָראַל.

אַוודאי איז דינעזאָן נישט איין מאָל מיד געוואָרן פֿון יענעם אָפּט פֿרעמדן באַזוכער, וואָס איז אים געקומען דולן אַ קאָפּ מיט זיינע פֿרעמדע זאָרגן. דאָס איז מענטשלעך. אָבער דאָס וואָס „דינעזאָן פֿלעגט זיך גיך באַהערשן און מיט אַ

זיפֿץ אַריינגיין צוריק אין דער דיקטירטער ראָל פון זיין יצר־טוב", אַזוי אַז דער „זלידנער באַזוכער" פלעגט שוין קענען אַוועקגיין אַ צופרידענער און אַ דערמוטיקטער — דאָס איז דאָס העכער מענטשלעכע, וואָס איז דער קענצייכן פון אַ מאָראַלישער פערזענלעכקייט.

און עס מינערט אפילו נישט פון דינעזאָנס מאָראַלישער געשטאַלט דאָס וואָס בערקאָוויטש דערציילט, אַז ער האָט נאָכן אַוועקגיין פון זיינע געסט טייל מאָל נישט איינעם פון זיי קריטיקירט, „נישט דערפֿאַר וואָס ער האָט ביי אים אַוועקגענומען צייט און מי (דאָס — איז בערקאָוויטש מודה — האָט דינעזאָן באַטראַכט פֿאַר אַ מצווה וואָס האָט נישט געטאָרט פֿאַרשוועכט ווערן דורך אומצופרידנקייט), נאָר ווייל יענער האָט נישט פֿאַרדינט זיין אַוועקגעגעבענע צייט און מי".

„אַלס מענטש — האָט דינעזאָן געטענהט צו בערקאָוויטשן — האָט דער און יענער עס נישט פֿאַרדינט! ער איז אפשר געבענטשט פון גאָט מיט אַ שטיקל טאַלאַנט. פרץ האַלט פון אים — נאָר וואָס טויג טאַלאַנט, אַז דער מענטש אַליין איז קיין מענטש נישט".

און פון דעסטוועגן האָט דינעזאָן געהאָלפֿן, ווי ווייט ער האָט געקאָנט, און מער ווי ער האָט געקאָנט, דעם „מאַן מיט טאַלאַנט, וואָס אין תוך איז ער אַליין קיין מענטש נישט".

דער סך־הכל פון בערקאָוויטשעס דינעזאָן־פּאָרטרעט איז, לפי דעתי, אַז בערקאָוויטש האָט זיין קריטישע כוונה נישט רעאַליזירט. ער האָט געוואָלט מינערן פון דינעזאָנס געשטאַלט, אָבער אַרויסגעקומען איז פון אונטער זיין קריטיק אַ דערהויבענער דינעזאָן, אַ מער מאָראַליש דערהויבענער ווי מיר האָבן ביז איצט געוווסט.

ג

שלום־עליכם און פרץ

זיי זענען געווען גרונט־פֿאַרשיידן אי ליטעראַריש און אי לויט זייער מענטשלעכן געמיט. שלום־עליכם דורכויס — גרויסער קינסטלער, אָבער נישט קיין אידעישער וועגווייזער. פרץ — די פיגור פון אַ גייסטיקן מנהיג, וואָס איז אויך געווען אַ גרויסער שרייבער.

שלום־עליכם — גרעסער פונעם „זיידן", האָט שרייבעריש געגאַרט צו טוליען זיך און צו פּיעשטשען זיך ווי אַן „אייניקל". פרץ — די געשטאַלט פון אַ חסידישן רבין. ער האָט געפֿראַוועט טיש מיט יידישע שרייבער און איז געווען אַ וואָרטזאָגער פֿאַר די וואָרטזאָגער פון זיין פֿאָלק.

עס איז געווען נאַטירלעך אַז די צוויי, וואָס זענען ביידע געוואָרן די קלאַסיקער פון דער יידיש-ליטעראַטור, זאָלן פון לכתחילה נישט געווען האָבן קיין צוטרוי איינער צום אַנדערנס ליטעראַרישן וועג.

דער ערשטער צונויפשטויס צווישן זיי איז פאָרגעקומען, ווען דער „יונגער זשורנאַליסט און קיעווער גביר" שלום-עליכם האָט גענומען אַרויסגעבן דאָס זאַמלבוך „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק" און פרץ האָט פון זיין ווינשטאָט זאַמאָשטש צוגעשיקט פאַר דעם זאַמלבוך די פּאָעמע „מאָניש". פרץ איז דעמאָלט, אין 1888, אַלט געווען זעקס און דרייסיק יאָר און איז ווי אַ יידיש-שרייבער געווען אומבאַקאַנט. די פּאָעמע „מאָניש" איז געווען פרצס דעביוט אויף יידיש. ביז דע־מאָלט האָט פרץ כמעט דורכויס געשריבן העברעיש און נישט נאָר איז פרץ געווען אומבאַקאַנט ווי אַ יידישער שרייבער, נאָר ער האָט אויך ווייניק געוווּסט פון די דעמאָלטיקע יידישע שרייבערס. שלום-עליכם איז פאַר פרצן געווען נישט מער ווי אַ רייכער מעצענאַט. ער האָט געוווּסט, אַז דער מעצענאַט שרייבט אויך, אָבער געגלייבט האָט ער אים נישט. פרץ האָט אין זיינע בריוו צו שלום-עליכמען אים פאַרמישט מיט אַבראַמאָוויטשן (מענדעלע), וואָס אויך אים האָט ער געקענט בלויז פון אַ פוילישער איבערזעצונג.

שלום-עליכם, מיט זיבן יאָר ייִנגער פון פרצן, איז אין 1888 שוין געווען פינף יאָר לאַנג אַ באַקאַנטער נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך פּאָפּולער געמאַכט מיט זיינע פעליעטאָנען און דערציילונגען, וואָס ער האָט געדרוקט אין פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט".

די צוגעשיקטע פּאָעמע „מאָניש" פון דעם אומבאַקאַנטן שרייבער פרץ איז נישט געווען לויטן געשמאַק פון יונגן רעדאַקטאָר און ער האָט די „מאָניש"-באַלאַדע גרינטלעך „אויסגעבעסערט". פרצן האָט די „אויסבעסערונג" שטאַרק פאַרדראָסן און נאָך מער דערפאַר, וואָס מען האָט שוין אויפן ערשטן בליק געקאָנט באַמערקן די „אויסבעסערונג". שלום-עליכם האָט די פּאָעמע פאַרריכט מיט ווערטער פון זיין אוקראַיִנישן יידיש, וואָס האָבן דעם פוילישן ייד פרץ אויסגעזען „ווי אַ פרעמדע לאַטע אויף זיין נייעם מלבוש".

פון דעסטוועגן האָט פרץ באַגריסט דאָס ערשטע זאַמלבוך פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" און שטאַרק געלויבט שלום-עליכמס גראַטענעם אויפטו.

דערפון דרינגט בערקאָוויטש, און מיט רעכט, אַז דער ריס צווישן די צוויי שריפטשטעלער וואָלט לייכט געקאָנט פאַרנייט ווערן. בערקאָוויטש ברענגט נאָך אַ צווייטן באַווייז פאַר דער מעגלעכקייט, אַז דער ברוגז צווישן די צוויי יונגע שרייבער האָט גרינג געקאָנט איינגעשטעלט ווערן. פרץ — דערציילט אונדז בערקאָוויטש — האָט זיך אין אַן אַנדערן בריוו צו שלום-עליכמען געקלאָגט אויף זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע און אַז צוליב דעם איז ער געצוווּנגען צו דערלויבן דעם רעדאַקטאָר צו מאַכן אויסבעסערונגען אין זיין מאַנוסקריפּט. „ווי אַזוי ש"ע —

שרייבט ווייטער בערקאָוויטש — האָט אויפגענומען אַזאַ קרבן פון אַ חבר אין אַ געדריקטן צושטאַנד, קאָן מען נישט וויסן, ווייל שלום־עליכמס בריוו צו פּרצן פון יענער צייט האָבן זיך נישט אָפּגעהיט״.

ווייסט מען טאַקע נישט, ווי אַזוי שלום־עליכם האָט „אויפגענומען אַזאַ קרבן״ מצד פּרצן, אָבער מען מעג זיך על־פּי חכמת הפּסיכאָלאָגיע משער זיין, אַז דורך אַזאַ הכנעהדיקן בריוו צו ש״ע איז פּרצעס פּאַרדראָס און רוגז נישט איינגעשטילט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, ער איז נאָך מער געוואַקסן. ביי אַזאַ געשפּאַנטער באַציונג צווישן די צוויי יונגע שרייבעס, וואָס זענען שפּעטער ביידע געוואָרן די גדולים פון יידיש־שעפערישקייט, האָבן פאַרשטייט זיך „די פּאַטשטען־טרעגער״, וואָס האָבן זיך, ווי בערקאָוויטש דערציילט, אַריינגעמישט, געהאַט אַ גינציק פעלד פאַר זייער אַרבעט.

אָבער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט זיך ש״ע דערפילט דער געקריוודעטער און ער האָט גענומען רוגזן אויף פּרצן. אין די עטלעכע יאָר איז ש״ע געוואָרן אויס גביר, און פּרץ האָט מיט דער הילף פון וואַרשעווער מעצענאַטן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיין יאָרבוך אונטערן נאָמען „די יידישע ביבליאָטעק״.

דער מאַטעריעל געפּאַלענער ש״ע האָט אין דעם דאָזיקן נאָמען געזען אַ נקמה מצד פּרצן „און נישט נאָר אַ נקמה, נאָר אַ פּשוטע פאַרכאַפּונג פון זיין „פאָלקס־ביבליאָטעק״, וואָס ער האָט זי נאָך געטראַכט צו באַנייען״.

בערקאָוויטש ברענגט אָן אויסצוג פון ש״ע אַ בריוו צו מרדכי ספּעקטאָרן, אין וועלכן ש״ע ציטירט פון פּרצעס אַ פאַרבעטונג מיטצואַרבעטן אין זיין „ביבליאָטעק״ און איז מוסיף זיין קאָמענטאַר דערצו.

פּרצעס פאַרבעטונג, אויף רוסיש, צו ש״ע גייט, לויט דעם ציטאַט פון דעם בריוו צו ספּעקטאָרן, אַזוי —

„...איר האָט אַפילו קעגן מיר נישט אַזוי לייטיש יוצא געווען, דאָך האָב איך אייך שוין לאַנג מוחל געווען. איך האָב אייך גערעכנט (געהאַלטן) פאַר אַ־דער־רוח־ווייסט־וואָס, נאָר איך בין ערפאַרן (געוווּיר געוואָרן) פון אַ ריכטיקער קוועלע (דינעזאָן), אַז איר זייט גראַד אַ גוטער מענטש, נאָר אַ משוגענער. איך גיב אייך אַ חודש צייט מיר צו שיקן אַ פעליעטאָן אין מיין „ביבליאָטעק״. האָנאָראַר — ווי געוויינלעך. ווען נישט, איז אַ סימן אַז איר האָט זיך נאָך נישט אויסגעהיילט״.

דערויף גיט ש״ע אַזאַ קאָמענטאַר אין זיין בריוו צו ספּעקטאָרן —

„אַזאַ נאַכאַל! נעמען און אַרויסהענגען אַ בלעטל פּונקט מיט יענעמס פירמע, נאָכטאַנצן יענעם; אומפאַרשעמט זיך באַנוצן מיט יענעמס נאָמען א. ד. גל. און ער איז נאָך מוחל! נישקשה, ער מעג שוין וואַרטן מער פון אַ „גאַנצן חודש צייט״ — ער וועט פון מיר קיין ענטפער נישט באַקומען ווייל ער וועט לעבן! איך האָב אים תמיד גערעכנט (געהאַלטן) פאַר אַ שטיק משוגענעם: נאָר אַז ער זאָל זיין אַזאַ נאַכאַל — דאָס האָב איך גאָר נישט געוווּסט, כ׳לעבן״.

און בערקאָוויטש באַמערקט צו די בריוו מיט ריכטיקן פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק, אַז ווי באַלד בײדע, סיי פּרץ און סיי שלום־עליכם, רופן אײנער דעם אַנדערן משוגענער, איז דאָס אַ באַווייז אַז דער כעס וואָס זיי טראָגן אײנס אויף ס'אַנדערע איז גאָר נישט אַזוי טיף. (באַנד 1, ז. 53).

דאָס זענען די מאָראַלישע קריוודעס, אָבער וואָס האָלט אײנער פונעם אַנדערן צו יענער צייט ליטעראַריש ? אויף אײנעם פון די ליטעראַרישע דאַנערשטיקן אין פּרצעס שטוב, ביי וועלכן בערקאָוויטש איז בײגעווען, האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן פּרצעס מיינונג וועגן ש"ע.

פּרץ — דערציילט בערקאָוויטש — האָט גערעדט פון שלום־עליכמען מיט שאַרפן ביטול, כמעט אים פאַרלייקנט. „שלום־עליכם גרויס ? אין וואָס באַשטייט זיין גרויסקייט ? אין דעם וואָס ער מאָלט אונדז קליינע מענטשעלעך ? גרויסע שריפט־שטעלער שאַפן גרויסע פיגורן ! גרויסע אידעען... געוויס איז ש"ע באַגאַבט, דער באַגאַבטסטער צווישן די יידן פון קיעוו, שרייבט פליסיק, קען גוט דאָס לשון פון זיינע פאַרשוינען — און דאָס געפעלט דעם עולם. שוין דאָס אַליין וואָס אָט דער ש"ע איז אַזוי פּאָפּולער, איז גענוג פאַרדעכטיק. גרויסע גייסטער זענען נישט אָפּן פאַרן ברייטן המון. פּאַטשערקעס טראָגן אַלע..."

ביי יענעם „דאַנערשטיק" אין פּרצעס שטוב איז אויך בײגעווען ביאַליק און ער האָט זיך אָנגענומען פאַר שלום־עליכמען, זיך אָנגענומען און געזונגען אַ שיר מזמור פון „הייסער פאַרערונג" צו ש"ע.

אָבער ווען בערקאָוויטש האָט געהערט רעדן אין ווילנע ש"ע וועגן פּרצן האָט זיך קיינער נישט אָנגענומען. בעל־מחשבות איז בײגעווען ביי דעם „אַראָפּרייס" און אויך ער „האָט די גאַנצע צייט מער געשמייכלט ווי גערעדט".

ערשט ווען מען איז אַרויס פון שטוב אויף דער גאַס האָט בעל־מחשבות זיך אָפּגערופן צו בערקאָוויטשן —

„איר ווייסט, ס'איז נאַטירלעך אַזוי. שרייבער דאַרפן נישט זיין צוקער־זיס אײנער צום אַנדערן... שרייבער זענען ווי ווייבער — זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן אײנע די אַנדערע. נאָך אַ גליק, וואָס דאָ זענען די ווייבער כאָטש בײדע שיינע, נישט קיין מיאוסקייטן..."

און ווייל זיי זענען בײדע געווען „שיינע" האָבן זיי סוף־כל־סוף געמוזט דערקענען זייער שיינקייט און זיך אַפילו פון צייט צו צייט אַ לויב טאָן.

דערווייל האָט בערקאָוויטש ש"ע געהערט זאָגן וועגן פּרצן אַז ער „פּראָווע־טישן, ווייל ער איז אין גרונט מער חסידישער רבי ווי שרייבער. און איז דערצו אַ פּוילישער „צדיק" — אַ בעל־גאווה קעגן דעם פאָלק, האַלט זיך מיטן פאָלק מעשה פּריץ, רעכנט דעם המון נידעריקער פון זיך, רעדט מיט אים נישט אויף זיין שפּראַך, נאָר זאָגט פאַר אים טיפע „תורה". און שלום־עליכם — דערציילט ווייטער בערקאָוויטש — האָט אויך אַוועקגעמאַכט פּרצעס יידיש, וואָס איז מער

אַ לאָקאַלער דיאַלעקט פון געוויסע פּוילישע גובערניעס איידער אַ יידישע שפּראַך. און ש״ע האָט חוזק געמאַכט פון פּרצעס „עמעץ״ אַנשטאָט „עמעצער״, וואָס אַלע זיינע „חסידימלעך״ שרייבן אים נאָך״.

אָבער ווי געזאָגט, זענען די „ווייבער״ געווען ביידע שיינע און האָבן באַין ברירה געהאַט אין האַרצן טיפע אָנערקענונג איינער צום אַנדערן און האָבן זיך אויך פון צייט צו צייט אַ לויב געטאָן, געמוזט אַ לויב טאָן.

צו פּרצעס יובילי, ל״ג בעומר 1901, האָט ש״ע נישט געקאָנט בלייבן רו:ק און האָט אַריינגעשיקט פּרצן אַ וואַרעמע באַגריסונג, וואָס איז כדאי איבערצודרוקן, ווייל זי איז אַ מייסטערשטיק פון שלום־עליכמס קלוגשאַפט, הומאָר און גריילטקייט צו שלום.

קודם גייט די דאַטע אויף העברעיש אין נוסח פון דער ספירה־תפילה, וואָס לייענט זיך אויף יידיש אַזוי —

„היינט איז דריי און דרייסיק טעג וואָס זענען פיר וואָכן און פינף טעג לויט דעם „עומר״, אין דעם יאָר תרס״א, וואָס איז דאָס יובילעי־יאָר פון פּרצן; בכן יהי רצון אַז אין זכות פון דער עומר־ציילונג, וואָס איך האָב היינט געציילט, זאָל פאַרריכט ווערן דאָס וואָס איך האָב קאַליע געמאַכט (שפגמתי) אין דער ספירה: די פּראַכט פון פּראַכט (הוד שבהוד)... אָמן סלה.

און דערנאָך גייט די באַגריסונג גופא אין יידישע פערזן פּלוס די צוויי שורות וואָס ש״ע האָט אויסגעמעקט און בערקאָוויטשן איז געלונגען זיי איבערצולייענען (באַנד 1, ז. 55) —

„פון אַ גויאישער שטאָט טרינק איך אַ יידישן טאָסט,
פון יידישן ווין, גאַנץ יידישלעך פּראָסט:
צוויי שמידן קלאַפּן מיט צווייערליי האַמערס איבער איין אייזן.
צוויי אַרבעטער האָרעווען מיט צווייערליי געצייג איבער איין אַרבעט.
צוויי רייזנדער שפּאַנען פון צווייערליי פּונקטן צו איין ציל.
צוויי ליטעראַטן שרייבן מיט צווייערליי פּענעס צוליב איין פאָלק.

(און דאָ קומט די ערשטע אויסגעמעקטע שורה: למאי זאָל ניט זיין שלום?).

„פון אַ גויאישער שטאָט, טרינק איך אַ יידישן טאָסט
פון יידישן ווין, גאַנץ יידישלעך פּראָסט:
לעבן זאָל אונדזער פאָלק!
לעבן זאָל זיין ליטעראַטור!
לעבן זאָלן אירע געטרייע אַרבעטער!
לעבן זאָל דער פאָלקס־יובילאַר פּרץ!
הידד!״

און דאָ קומט די צווייטע אויסגעמעקטע שורה: למאַי זאָל ניט זיין שלום?

ווי אַזוי פּרץ האָט רעאַגירט אויף שלום־עליכמס באַגריסונג איז ניט באַקאַנט, אָבער ס׳איז קיין ספק נישט, אַז פּרצעס האַרץ צו שלום־עליכמען האָט זיך אָנגעוואָרעמט.

ווען בערקאָוויטש איז סוף זומער 1910 געקומען פון אַ באַזוך ביי שלום־עליכמען אין באַדענווייללער קיין וואַרשע און האָט זיך אין דינעזאָנס צימער געטראָפן מיט פּרצן, האָט פּרץ צו אים אַזוי פון דער העלער הויט אַ זאָג געטאָן:

איר שרייבט היינט אַ בריוו צו שלום־עליכמען? שרייבט אים אין מיין נאָמען אַ גרוס, אַז ער איז אַ גרויסער קינסטלער.

— וואָס עפּעס אין מיטן דרינען? — האָט בערקאָוויטש איבערגעפרעגט.

— איך האָב ניט לאַנג איבערגעלייענט זיין סטעמפּעניו — האָט פּרץ געענטפערט — כ׳האָב דערזען אַ נייעם שלום־עליכם.

— ביז אַהער האָט איר דען נישט געלייענט „סטעמפּעניו?"

— שטעלט אייך פאָר — ניין! — האָט פּרץ געזאָגט מיט אַן אַרויסרופנדיקן שמייכל.

ווען בערקאָוויטש האָט אַ זומער שפּעטער, אויף אַ שפּאַציר אין באַדענווייללער, דערציילט ש״ע וועגן פּרצעס גרוס, האָט זיך ש״ע הילכיק צעלאַכט: „וואָס האָט ער זיך אַזוי שפּעט דערמאָנט? דער ממזר האָט געלייענט „סטעמפּעניו" נאָך בימי „הפאָלקס־ביבליאָטעק", סך־הכל מיט אַ יאָר צוועלעכע און צוואַנציק צוריק און האָט נאָך דעמאָלט געלעקט די פינגער. איך האָב גוטע עדות דערויף!..."

פון דעסטוועגן האָט ש״ע זייער הנאה געטאָן פון דעם גרוס און ער האָט נאָך דעם זעלביקן אויפדערנאַכט געשריבן אַ בריוו צו פּרצן. נישט דער אָריגינאַל־בריוו אין פּרצעס אַרכיוו האָט זיך אויפגעהיט און נישט אַ קאָפּיע צווישן ש״ע פּאַפּירן, אָבער בערקאָוויטש גיט איבער אַז ער ווייס פון פּרצעס מקורבים וועגן שלום־עליכמס אַ בריוו צו אים צו יענער צייט. אין דעם בריוו איז געווען אַ זאַץ וואָס האָט זיך געלייענט אַן ערך אַזוי — „אַז איך האָב דורכגעלייענט אייערע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" בין איך צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך אַליין געגעבן צוויי פּעטש — דערפאַר וואָס איך האָב ביז אַהער נישט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן אייער הויכן ווערט" (1 באַנד, ז. 119 — 111).

אַזוי אַרום זענען ביידע קלאַסיקער אונדזערע סוף־כל־סוף געוווירן געוואָרן איינער פונעם אַנדערן, אַז זיי זענען גרויסע שרייבער.

זומער 1914 איז פאָרגעקומען די לעצטע פון די זעלטענע פּערזענלעכע באַגעגנישן צווישן ש״ע און פּרצן. ש״ע האָט דעמאָלט אונטערגענומען אַ טור פון פאָרלעזונגען איבער רוסלאַנד און ווען ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע איז צווישן די פריינד און שרייבער וואָס האָבן אים אָפּגעוואַרט ביים וואָקזאַל אויך געווען פּרץ, וואָס „האָט זיך מיט אים ברודערלעך צעקושט — דאָס ערשטע מאָל אין לעבן".

נאָך דעם דאָזיקן מאָמענט פון האַרציקער פריינדשאַפט איז נאָך איין מאָל, טאַקע אין וואַרשע, דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ צווישן פּרצן און ש״ע ביז זיי האָבן זיך עטלעכע טעג שפּעטער דעפיניטיוו איבערגעבעטן, גלייך זיי זאָלן ביידע געוווּסט האָבן געהאַט די אָנונג, אַז זיי האַלטן ביים אָוועקגיין פון דער וועלט.

דער אינצידענט צווישן פּרצן און ש״ע איז דאָס מאָל געווען אַ טיף פּערזענלע־כער, אָבער מיט פּרינציפּיעלער באַפאַרבונג. די פּרינציפּיעלע פראַגע איז געווען: ווער דאַרף געבן ש״ע דעם ערשטן באַנקעט אין וואַרשע — די יידישיסטן אָדער די העברעיסטן? די יידישיסטן האָבן זיך גרופּירט אַרום פּרצן אין „הזמיר״ און די העברעיסטן אַרום דער געזעלשאַפט „חובבי שפת עבר״. אַזוי ווי דער דאָקטער (טאַ־קע ד״ר גרשון לעווין, דער פאָרזיצער פון „הזמיר״) האָט פאַרבאָטן ש״ע צו גיין אויפן באַנקעט פונעם „הזמיר״, ווייל דער זאַל איז דאָרט אַן ענגער און דער סופית אַ נידעריקער, האָט פּרץ געפאָדערט אַז שלום־עליכם זאָל נישט אָנעמען אויך דעם באַנקעט פון די העברעיסטן.

שלום־עליכם איז יאָ געגאַנגען צו די העברעיסטן און ווען ער האָט דערנאָך זיך געוואָלט איבערבעטן מיט פּרצן און האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער וויל צו אים קומען, האָט אים פּרץ געענטפערט מיט אַ קורצן טרוקענעם בריוועלע: „ליבער ה׳ שלום־עליכם, צו מיין פאַרדראָס קאָן איך היינט אין דער היים נישט זיין״.

ווי בערקאָוויטש גיט דאָס איבער קומט פּרץ אַרויס פון דעם אינצידענט היפּש אומגערעכט און קאַפּריזנע. מענטשן, און דערעיקרשט דינעזאָן, האָבן זיך אַריינגע־לייגט אין שלום. מען האָט זיך איבערגעבעטן, מען האָט זיך פאָטאָגראַפירט און ביי דעם באַנקעט פון די יידישיסטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין „הזמיר״ שביעי של פסח האָט פּרץ געהאַלטן לכבוד שלום־עליכמען אַן ענטוזיאַסטישע רעדע.

ווען פּרץ איז דעם 3טן אַפּריל 1915 נפטר געוואָרן, אין וואַרשע, איז שוין שלום עליכם געווען אין אַמעריקע. ער האָט פּרצעס טויט שווער איבערגעלעבט. „די אַלע פריערדיקע ברוגז־געפילן און מוטנע פלעמלעך פון „קנאת סופרים״, וואָס דאָס ענגע לעבן פלעגט פון צייט צו צייט אויפבלאָזן, זענען מיט אַ מאָל פאַרשלונגען געוואָרן אין אויפריכטיקן חברישן טרויער נאָך אַ גרויסער פלאַמענדיקער פּערזענ־לעכקייט, וואָס איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור״. ש״ע האָט אין ניו־יאָרקער „טאָג״ אָפּגעדרוקט אַ קאַפּיטל זכרונות „אַ וואָך מיט פּרצן״, ווו ער האָט דערציילט וועגן פּרצעס גרויסקייט ווי אַ שרייבער און אַ חבר. און שלום־עליכם האָט געעפנט די פּרץ־אזכרה אין קאַרנעגי־האָל מיט אַ געבראָכענער קראַנקער שטימע, אַז ער קלייבט זיך אויך אַהין, וווהין פּרץ איז אַוועק.

אַ יאָר שפּעטער, דעם 13טן מאַי 1916, איז דער אַנזאָג געוואָרן וואָר.

ליטעראַרישע השפּעות

אין תל־אביב איז לעצטנס אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ „דיאַלאָג", איינער פון די דיאַלאָגן, וואָס זענען לעצטנס אַריין אין דער מאָדע אין ישראל און — פירן צו גאָרנישט.

דאָ נישט לאַנג האָט עס זיך געטומלט מיט די דיאַלאָגן צווישן ישראל און די תפוצות, וואָס זענען פאָרגעקומען אין ירושלים און אין תל־אביב, לויט דער איני־ציאַטיוו פונעם „אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס".

איצט איז די איניציאַטיוו אַרויסגעגאַנגען פון דער „אגודת הסופרים" אין ישראל און דעם דיאַלאָג האָט מען פאַרפירט מיט פאָרשטייער פון דער פראַנצייזישער ליטע־ראַטור. עס איז נישט געווען קיין פּרוכטיקער דיאַלאָג, ווי מען קען דאָס זען פון די היפּש קריטישע אַרטיקלען, וואָס זענען דערשינען וועגן דעם אין דער תל־אביבער פּרעסע.

דער ישראלדיקער הויפּטרעדנער איז געווען דער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר פונעם רעליגיעזן בר־אילן אוניווערסיטעט, ד"ר ברוך קורצווייל, און דער בר־אילן־פּראָפע־סאָר, דער (ווי שלמה גראָדזענסקי רופט אים אין זיין קריטישן באַריכט וועגן דיאַ־לאָג) „עוקר הרים אין אַלץ וואָס איז נוגע רעליגיעזע, מעטאַפיזישע און עסטעטישע קריזיסן און מומחה אין ענינים פון קאַטאַסטראָפעס, רעוואָלוציעס און אחרית הימים־אידעאַלן", האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט, וואָס האָט געהאַט מער צו טאָן מיט אינעווייניקסטע היימישע ליטעראַרישע מחלוקתן, ווי מיט די קאָנקרעטע השפּעות פון די ליטעראַטורן אין עברית און אין פראַנצייזיש, און די פראַנצייזישע דיאַלאָגיסטן האָבן נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וועגן וואָס דאָ גייט (אַלע באַריכטער זענען מסכים אין דעם פּרט).

און דער פאַלנער אמת, טראַכט איך, איז, אַז ס'האָט נישט געקאָנט זיין קיין פּרוכ־טיקער דיאַלאָג וועגן פראַנצייזישער השפּעה אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור און אויף דער יידישער ליטעראַטור, ווייל — אַזאַ השפּעה איז דערווייל לחלוטין נישט פאַראַן.

מיר דאָ, אין דעם ליטעראַרישן „קיבוץ גלויות" אין אַמעריקע, דאַרפן נישט לאַנג אַרומזוכן די ליטעראַרישע השפּעות אויף דער יידיש־שעפערישקייט. דאָ האָבן מיר זיי קאָנצענטרירט אויף איין שטח און ווייסן „ווער איז ווער".

ווייסן מיר, אַז די דורות, וואָס האָבן מיט זייערע ווערק געבויט די מאָדערנע יידיש־ליטעראַטור, האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט דריי שעפערישע השפּעות: רוסלאַנד,

דייטשלאַנד, פוילן, און האָבן דאָ, אויפן נייעם קאָנטינענט אויפגענומען אַ פּערטע השפּעה: די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע.

וויפל ווערק זענען דאָס איבערגעזעצט געוואָרן פאַרן יידיש־לייענער פון פראַנ־צייזיש? איך גלייב נישט, אַז מען קאָן אָנציילן אַ סך אַזעלכע תרגומים. און וואָס שייך דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור, דאַרף מען זען אין די תל־אביבער צייטונגען די אַנאָנסן פון איבערזעצטע ביכער, און מען וועט זען, אַז די מיינסטע זענען אַמעריקאַנישע „בעסטסעלערס", וואָס דער נייער דור לייענער אין דער יידישער מדינה האַלט, אַז מען דאַרף זיי האָבן געלייענט, כדי צו גילטן ווי אַ מאָדער־נער מענטש.

די שטאַרקסטע השפּעה אויף דער העברעיִשער און אויף דער יידישער ליטע־ראַטור ביז צום אויפקום פון די קלאַסיקער איןביידע ליטעראַטורן איז בלי ספק געווען די דייטשע שעפערישקייט.

פראָפ׳ יוסף קלויזנער זאָגט אין זיין „הסטוריה של הספרות העברית החדשה" (דריטער באַנד, ז. 19), אַז אפילו אין רוסלאַנד גופא איז די השכלה־ליטעראַטור כמעט דורכויס נישט געשטאַנען אונטער רוסיש־שעפערישער השפּעה. די רוסישע ליטע־ראַטור איז שוין אין יענער צייט, צווישן 1820—1860, געווען אין איר סאַמע בלי. זי האָט שוין געהאַט דיכטער ווי פּושקין און לערמאָנטאָוו, דערציילער ווי גאָגאָל און טורגעניעוו און אַ קריטיקער ווי ביעלינסקי. אפילו די ערשטע ווערק פון דאָסטאָ־יעווסקי און טאָלסטאָי זענען דאָך דערשינען פאַר 1860, און די דאָזיקע גרויסע און אָריגינעלע ליטעראַטור האָט כמעט נישט משפּיע געווען אויף דער העברעיִשער ליטעראַטור. אפילו אויף ריב"לען (ר׳ יצחק בער לעווינסאָן) און אויף גאָרדאָנען (יהודה לייב) האָט מער משפּיע געווען די דייטשע ליטעראַטור. שוין אָפּגערעדט פון אד"ם הכהן (אברהם דוד הכהן לעבענזאָן), וואָס האָט כמעט קיין רוסיש נישט געקענט. ער האָט געקענט אַ ביסל דייטש און איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון שילערן (פרידריך). זיין זון, דער דיכטער מיכה יוסף לעבענזאָן איז געווען אונטער דער השפּעה פון שילער, געטע, היינע, מיצקעוויטש, און אַלפיערי (וויטאָריאָ אַלפיערי, 1749—1803, אַ פירנדיקער דיכטער פון דער איטאַליענישער פרייהייט־באַוועגונג), אָבער נישט פון רוסישע דיכטער".

און אוודאי נישט פון פראַנצייזישע דיכטער און שרייבער. קלמן שולמאַן (1819—1899) איז געווען דער פּראָדוקטיווסטער איבערזעצער פון יענער צייט, וועגן וועלכער עס שרייבט יוסף קלויזנער אין דריטן באַנד פון זיין „געשיכטע פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור". האָב איך דורכגעקוקט די רשימה פון זיינע איבער־זעצונגען און צווישן זיי געפונען אַן איינציקן תרגום פון אַ פראַנצייזיש בוך, און ערשט האָט שולמאַן דעם באַרימטן ראָמאַן פון אייזשען סי „די געהיימענישן פון פּאַריז" מן־הסתם איבערגעזעצט נישט פון פראַנצייזישן אָריגינאַל, נאָר פון אַ דייטשער אָדער רוסישער איבערזעצונג.

אגב, האָט קלמן שולמאַן געהאַט אַ סך צרות מיט דער איבערזעצונג, אייגנטלעך, באַאַרבעטונג פון אייזשען סי׳ס ראָמאַן וועגן דער פּאַריזער אונטערוועלט. מען האָט אים היפּש געזידלט פאַר אַריינברענגען „אַ פרעמד צווייגל אין ווייַנגאָרטן פון אונדזער הייליקער שפּראַך״.

מיטן אויפקום פון די קלאַסיקער איז בולטער געוואָרן די רוסישע און די פּוילישע השפּעה, אָבער דייטש איז אַלץ געבליבן אַנזעעוודיק און ביי אירע השפּעה־כוחות. ביי מענדעלען ווערן דערמאָנט די השפּעות פון גאָגאָל און פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, ביי שלום־עליכמען — גאָגאָל, און ביי פּרצן — היינע און וויספּיאַנסקי.

אויב עס האַלט ביי די השפּעות אין דער מאָדערנער יידיש־פּאָזיציע, קאָן מען אין אַלגעמיינע שטריכן זאָגן, אַז — (איך בין מיר באַוווסט, אַז אַלגעמיינע שטריכן זענען אָפּט פאַררעטעריש און דעם אמת דאַרף מען זוכן ביי די ניואַנסן, אָבער דאָ קאָן איך זיך נישט אַריינלאָזן אין די דינערע ליניעס און באַוואָרן זיך בלויז, אַז די אַלגעמיינע שטריכן זענען געדאַכט ווי אָנרעגונג צו איבערטראַכטעניש און צו דיסקוסיע) היינטער ה. לייוויקן און מאַני לייבן און אפילו הינטער י. י. סיגאַלן מיט דער „הייליקער אָרעמאַן״־טעמאַטיק און אפרים אויערבאַכס געזאַנגען מיט דעם „תרי״ג״־געמיט און הינטער מנחם באָריישאָס „גייער״ (שוין אָפּגערעדט פון די יידיש־סאָוועטישע דיכטער) שטייט אַ היפּש ביסל רוסיש־ליטעראַרישע שטימונג און דאָ און דאָרט אויך רוסיש־מאָראַלישע פּראָבלעמאַטיק.

אויף משה לייב האַלפּערן, איציק מאַנגער, משה נאַדיר, מלך ראַוויטש און די מיינסטע גאַליציאַנער האָט אין זייערע השפּעה־יאָרן געוויִעט דאָס געמיט פון דער דייטשער באַלאַדע און יענער וווּנדערלעכער געמיש פון סאַטירע און ליריק, וואָס איז געווען דער אויפטו פון דעם פּאָעט און פּראָזע־שרייבער היינריך היינע. איך ווייס נישט, צי משה נאַדיר איז געווען באַקאַנט מיט די סאַטירעס און פּאַראָדיעס פון דעם דייטשן דיכטער קריסטיאַן מאָרגענשטערן (1871—1914), מיט וועמען ער קערט זיך בפּירוש אָן גייסטיק, אָבער פּעטער אַלטענבערגן האָט נאַדיר געלייענט, האָט אים ליב געהאַט און האָט אים איבערגעזעצט אויף יידיש.

וואָס שייך אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער אַטמאָספער פון דיכטונג, איז די שערענגע פון די יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן פון איר שעפּעריש גענאָסן, אויך נישט קיין קליינע. לאָמיר אָוועקשטעלן ביים אָנהייב פון דער דאָזיקער ריי יהואָשן ביז באָרג אַרויף צו יעקב גלאַטשטיין.

פּוילישע השפּעות (מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי, ציפּריאַן נאָרוויד) קאָן מען ערגעץ ווו אַנטדעקן ביי די „יונג־ווילנער״ חיים גראַדע, אברהם סוצקעווער, יוסף רובינשטיין און ביי דער פּאָעטעסע רחל קאָרן.

און אויב מיר ווילן דווקא נישטערן נאָך פראַנצייזישע השפּעות, וועט מען זיי אפשר דאָ און דאָרט אַנטדעקן ביי די רומעניש־יידישע שעפער, דעם פּאָעט יעקב שטערנבערג און דעם ראָמאַניסט משה אַלטמאַן.

צום סוף איין באַמערקונג וועגן דער יידיש־קריטיק. אירע פּיאָנערן האָבן געפּרוווט צוגיין צו דער יידיש־ליטעראַטור מיט רוסיש־קריטישע מוסטערן. אירע קלאַסיקער: בעל־מחשבות און ש. ניגער זענען געקומען צו דער יידיש־ליטעראַטור מיט אַ באַגאַזש פון ליטעראַרישע שטודיעס אויף דייטשע אוניווערסיטעטן. אויך פון די פראַנצייזישע קוואַלן (סען בעוו און היפּאָליט טען) האָבן זיי געשעפּט מיט די כלים פון דייטשער מעטאָדיק. אויף דעם דאָזיקן וועג פון די קלאַסיקער זענען אין איינעם מיט אַנדערע געגאַנגען ב. ריווקין און משה גראָס־צימערמאַן.

די אַנגלאָסאַקסישע קריטעריעס פון קריטיק האָבן אַריינגעפירט אין אונדזער ליטעראַטור יעקב גלאַטשטיין (פּאָעטיש) און נחום ברוך מינקאָוו ז״ל (פּראָפעסאָריש).

די קריטיק, וואָס האָט זיך ווייטער געהאַלטן ביי די פּאַלעס פון רוסישער און, צום טייל, פּוילישער השפעה, איז, דאַכט מיר, געבליבן אין אונדזער ליטעראַטור אַ ווינקלדיקע, אַ פּאַרטוענע צו פיל אין דער לאַבאָראַטאָריע פון אַ „מיט כל אמצי־כוחות״־עסטעטיק.

גערעדטע און געשריבענע שפּראַך

א

„מעגלעך, אַז דער סטיל פון אַ שריפטשטעלער הענגט גאָר אָפּ מער פון זיין כאַראַקטער ווי פון זיין גייסט, מער פון זיין זיטלעכן, איידער פון זיין פילאָסאָפישן אָדער קינסטלערישן קוק אויפן לעבן. קיקעראָ שרייבט אויסגעצייכנט, אָבער ער האָט נישט קיין סטיל. ער איז געווען אַ מענטש אָן כאַראַקטער. טאַציטוס און צעזאַר האָבן סטיל״.

ס׳קאָן זיין, אַז וואָס שייך קיקעראָן האָט לודוויג בערנע — צו אים באַלאַנגען די נאָר וואָס ציטירטע שורות — קריטיש איבערגעכאַפּט די מאָס. וואָרעם עס איז שווער צו טראַכטן וועגן כאַראַקטערלאָזיקייט ביי אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל צילבאַוווסטקייט אין זיין לאַטיינישער שפּראַך. און עס איז נישט ווינציקער שווער צו אָקצעפּטירן, אַז עס איז געווען אָן סטיל אַ שרייבער, וואָס זיינע עלעגאַנט געטאָקטע ווערטער און זאצן האָבן מיט אַזוי פיל פּעדאַנטישער און דערביי הייסער געטריישאַפט געטראָגן ראיות און סברות — ציגל פאַר געביידעס פון פּאָליטישן און פילאָסאָפישן סך־הכל.

אָבער די קריטישע „אומגערעכטיקייט״ צו קיקעראָן איז נישט מער ווי אַ טפל

אין יענע עטלעכע שורות פון בערנעס „באַמערקונגען וועגן שפּראַך און סטיל״. דער עיקר איז בלי שום ספק דאָס, וואָס בערנע האָט דאָרט מיט זיין געוויינטלעכער שאַרפזיניקייט און מיט זיין פאַרשפּיצטער מאָראַלישער שפּירעוודיקייט פאַר ליטעראַטור אַרויסגעבראַכט צווי גרונטאָוונע געדאַנקען וועגן ליטעראַרישן סטיל. אפשר איז עס עטוואָס איבערגעטריבן, ווען איך זאָג, אַז ער האָט „אַרויסגעבראַכט״, וואָרעם אין דער אמתן האָט ער דעם ערשטן רעיון, אַז סטיל איז דער רעזולטאַט פון כאַראַקטער און זיטלעכן לעבנס־באַנעם, בלויז אַפּאָריסטיש פיקסירט, און וואָס אַנבאַטרעפט דעם צווייטן — האָט ער אויף אים אייגנטלעך נאָר אומדירעקט אָנגעוווּנקען. די אָנווינקעניש אויפן צווייטן טעזיס באַשטייט דערין, וואָס בערנע האָט מיט זיין סטיל־לאָזיקייט־באַשולדיקונג פאַרטשעפּעט נישט קיין אַנדערן ווי דווקא קיקעראָן, וואָס איז געווען דער קלאַסיש־גרויסער רעדנער נישט בלויז ווען ער האָט גערעדט, נאָר אויך ווען ער האָט געשריבן. דער געדאַנק, וואָס לאָזט זיך אַרויסטייטשן פון בערנעס קעגנערשאַפט צו דעם אופן שרייבן פונעם באַרימטן רוימישן פּאָליטיקער און פילאָסאָף פון מיט איבער אַכצן הונדערט יאָר צוריק, וואָלט געקאָנט פאָרמולירט ווערן אַן ערך אַזוי, אַז סטיל הייבט זיך אָן אויף אַן אמת ערשט דעמאָלט, ווען עס הערט זיך אויף דאָס רעדן.

רעדן און שרייבן זענען פּסיכאָלאָגיש צווי פונדאַמענטאַל פאַרשיידענע אופנים פון גייסטיקער עבודה. רעדן איז בעצם אַן עקסטענסיווע געהירן־און־געמיט־אַרבעט, בעת שרייבן, פאַרקערט — אַן אינטענסיווע. די קונסט פון רעדן באַשטייט אין באַרעדעוודיקייט. דער קינסטלערישער אויפטו פון שרייבן איז דער היפוך פון באַשרייבעוודיקייט — צימצום. ביים רעדן איז די שפּראַך דער אָנטרייבנדיקער, דער פאַרפלייצנדיקער כוח. ביים שרייבן — די קראַפט וואָס האַלט צוריק און האַמוועט פּסיכיש. אויך די געדאַנקלעך סאַמע צוגעגרייטסטע רעדע איז וואָס שייך פאָרעם, ריטעם און טאָן — אַ מאָמענט־אימפּראָוויזאַציע, וואָס לעבט צום גרויסן טייל אין איר זכות. און ווייל די שאַפונגס־אינספּיראַציע ווערט ביים רעדנער אָנגעווייעט און מאָדיפיצירט פון די צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער אויגן, וואָס מאַגנען זייער הנאה און זענען גרייט אָפּצודאַנקען שוין אויפן אָרט מיט דער הויכער הסכמה פון פונקט אַזוי פיל דלאָניעס — דערפאַר איז די רעדע אַ מאָל מער און אַ מאָל וויניקער, אָבער תמיד און אַלע מאָל אַן אָפּנייג פונעם רעדנערס טיפערן „איך״, פון זיין געמיט, פון זיין געדאַנק, פון זיין עסטעטישער באַדערפעניש און פון זיין עטישער כוונה.

די געשריבענע פּראָזע, דאַקעגן, — זי איז אַ בית־עולם פון פאַרשניטענע אינספּיראַציעס, המצאות, געשטאַלטן, אימאַזשן, מעטאַפערן און ווערטער. וואָרעם איר דרך איז נישט בלויז שאַפונג, נאָר אויך פּערמאַנענטער קריטישער קאָנטראָל פון דעם געשאַפענעם. איר כוונה איז צו פאַרקערפּערן און צו פאַרלעבעדיקן פאַנטאַזיע־שאַטנס, אָבער טאַקע צוליב דעם מוז זי עלימינירן, אַרויסשטויסן און פאַר־

טרייבן אין מלכות פון שאַטנס אויף צייטווייליק אָדער אויף תמיד אַזוי פיל „לעבע־דיקס", „צאַפּלדיקס" און „שיינס", וואָס שטופּט זיך אין איין געדרענג צו דער שוועל פון רעאַליזאַציע.

די געשריבענע שפּראַך איז דאָס לשון פונעם עקזאַקטן רעיון, פון דער עכטער עמאָציע און פונעם סאַמע אייגנסטן, זעלישן ריטעם און טאָן. איך האָב זיך אויסגע־דריקט צו קאַטעגאָריש און האָב דערזען דעם לעזער אַ שמייכל טאָן. בעסער איך טאָקע באַלד אויס דעם געדאַנק. די שריפטשפּראַך — נישט זי איז דער אויסבונד פון אַלע פריער אויסגערעכנטע מעלות, נאָר זי קאָן, זי איז בכוח דאָס צו זיין.

און עס איז נישט דערפאַר, וויילביים שרייבן פאַרלירט מען כלומרשט די נאַטירלעכקייט, נאָר פאַרקערט, ווייל דעמאָלט, ווי געזאָגט, ווערט דער מענטש ערשט דער סאַמע נאַטירלעכסטער „ער אַליין". ס'פּאַרווישט זיך אין אים זעליש דער „זאָאָן פּאָליטיקאָן", וואָס האָט אין זינען אין זיין שפּראַך דעם איינדרוק אויף זיינע געזעל־שאַפטלעכע מיטבאַשעפעניש און עס קומט אויף צוריק דער איינזאַמער, עגאָצענ־טרישער יחיד, וואָס דאגהט נאָר וועגן אויסדרוק פון זיך אַליין. און אויסדריקן זיך אַליין קאָן נישט הייסן נאָר אַרויסזאָגן און באַגרינדן אייגענע מיינונגען, נאָר, פאַר אַלעמען, אויך אַרויסברענגען די אייגענע נשמהדיקע נויטווענדיקייט פון אַזאַ מיינונג. קאָנקרעטער און בדרך־משל: נישט נאָר דערווייזן די עקסיסטענץ פון גאָט, נאָר דערעיקרשט געשטאַלטיקן די אייגענע ליידנשאַפטלעכע באַדערפעניש נאָך גאָטס דאַיקייט.

און דאָ מעגן מיר זיך אומקערן צום בערנעשן ציטאַט, וועלכן איך האָב אַוועק־געשטעלט ביים סאַמע אָנהייב פון מיינע באַמערקונגען, ווייל איצט וועט אונדז קאָנען קלאָרער ווערן בערנעס טעזיס, אַז סטיל איז אַ רעזולטאַט פון כאַראַקטער און מער פון זיטלעכן איידער פון פילאָסאָפישן לעבנס־באַנעם.

אויך די שפּראַך פון וויסנשאַפטלעכער אַרגומענטאַציע שיידט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פונעם גערעדטן לשון. זי איז געשריבענע פּראָזע דערמיט, וואָס זי דינט דעם אויסדרוק פונעם געדאַכטן, דעם עקזאַקטן אַרויסברענגג פון באַגריפלעכקייט, וואָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר אין אַ קאָנצענטרירטן איבערשמועס מיט דער אייגענער מחשבה. אָבער אָט־די וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע פּראָזע קאָן נישט אידענ־טיפיצירט ווערן מיט סטיל אַזוי לאַנג ווי זי איז נאָר דער אויסדרוק פון איין זעלישער פאַקולטעט און נישט פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פּסיכישע און גייסטיקע עלע־מענטן, וועלכע שטעלן צונויף די פולקייט פונעם שרייבערס פּערזענלעכקייט. פּשוט־טער: דער אידעאַלער סטיל וועט זיין דער לעבעדיקער סינטעז און די האַרמאָנישע פּראַפּאָרץ פון דאַכטונג און פאַנטאַזיע, פון וויזיאָנערישקייט (זען מיט אינערלעכן אויג) און אַודיטיוויקייט (הערן מיטן אינערלעכן אויער), פון באַוועגלעכקייט און קאָנטעמפּלאַטיוויקייט, פון אַבסטראַקציע און חושימדיקייט, מיט איין וואָרט — פון שרייבערס גאַנצער און קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט.

אָבער ווען איבער באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר וועט זיך דורכטראָגן פאַר אונדז אַ בעסער אָדער ערגער געפּלאָסטערטער שאָסיי פון ווערטער און זאַצן, אָן אַ לאַנדשאַפט ביי די זייטן, וואָס נאָך איר זאָלן מיר דעם שליאַך קאָנען אידענטיפיצירן און אַ נאָמען געבן — דעמאָלט וואָלט בלי שום ספק געווען אומפּאַסיק אָנצווענדן בכלל דעם באַגריף סטיל. דעמאָלט וועט גענוג זיין, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ שרייבער מיט אַ גלאַטיקער און פליסיקער שפּראַך. נאָר דאָס און נישט מער. וואָרעם סטיל — סטיל קאָן נישט אויסקומען מיט איין גייסטיקער אָדער זעלישער דימענסיע. ער איז בעצם מער־דימענסיש. ער איז דער סכום פונעם שרייבערס איינגעבוירענער און ירושהדיקער נשמה־לאַנדשאַפט פלוס זיין אַנט־וויקלטן קינסטלערישן בליק אויף דער וועלט און פלוס זיין אייגענער פאַרהאַרע־ווע‏טער און דערוואָרבענער טעכניק פון וואָרטגעצייג.

עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז זשאַרזש לואי בופאָנס באַרימטע און דורך אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערטער אַזוי האָפערדיק אַרומגעטראָגענע און ביטער באַנאַ־ליזירטע מימרא, אַז le style c'est l'homme (דער סטיל איז דער מענטש), זאָל צוליב אַלטקייט און אומפּאַסיקייט איבערגעניצעוועט ווערן מיטן אויבערשטאָף (מענטש) צוריק פון אויבן און מיטן אונטערשלאָק (סטיל) צוריק אויף זיין בכבודיקן אָרט פון אונטן, וואָלט זיך באַקומען אַ נייער זאָג, וואָס וואָלט מן־הסתם נישט אַזוי געבלישטשעט מיט אויפטועכץ און פּאַראַדאָקסאַלישקייט, וואָלט אָבער דערפאַר בלי שום ספק געווען נעענטער, אַ סך נעענטער צום סאַמאַראָדנעם אמת, אַז — סטיל קאָן נישט באַצייכענען קיין מענטש, ווייל סתם מענטש איז בעצם סטיללאָזיקייט. דער בכלל־מענטש איז שפּראַכלעך נישט נאָר נישט קיין באַשאַפער פון סטיל, נאָר אַפילו נישט זיין בעל־הנאה. דער בירגער (פאָלקסמענטש און אינטעליגענט) דעקט זיין פולן באַדאַרף פון געשריבענער שפּראַך ביי די רעגיאָנאַלע און צו מאָל אויך ביי די נאַציאָנאַלע נוסחאות. דער זשורנאַליסט העלפט זיך מיינסטנס אַרויס דערמיט, וואָס נישט ער שרייבט, נאָר ער רעדט שרייבנדיק, און אויב טאַקע שרייבן, טוט ער געוויינטלעך דאָס, וואָס עס טוען אַלע אַנדערע סתם־שרייבער. ער לעבט, ווי זיי, פון גמילות־חסדים ביי אַ סטיל, וואָס פאַסמאַקעוועט אים און מאַכט צוואַנג־הלוואות ביים ליטעראַרישן נוסח.

סטיל גופא ווערט געבוירן נאָר דאָרט און נאָר דעמאָלט, ווען הינטער אים שטייט אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט.

ב

טרויעריק, פיינלעך טרויעריק האָט געמוזט אויסזען יענער יידישער מענטש מיט דורות צוריק, וואָס האָט זיך אין איינעם אַ טאָג גענומען שרייבן אַ בריוו אויף יידיש און איז געבליבן שטיין פאַרן בייגעלע פּאַפּיר אַ זעליש אויסגעטוענער, אַ שטום־אומבאַהאָלפענער — אָן לשון. זיין צער האָט געלינדערט דער אַנאָנימער

קינסטלער פונעם בריוונשטעלער, פונעם נאָך נישט געדרוקטן בריוונשטעלער, וואָס האָט פאַר אים צונויפגעמייסטרעוועט אויף גיך עטלעכע פּראָזעס אויף פּאַפּיר — דעם אָנהייב פון אַ געשריבענעם נוסח. ווי פול מיט דאַנק האָט געמוזט זיין דער טראַגיש איבערראַשטער מענטש פאַר די פייגנבלעטער אויף צו פאַרדעקן זיין נאַקעטקייט, זיין שרייבערישע פאַרשעמטקייט ?!

די ערשטע, די עלטערע פּראָזעס, ווי למשל, „טײלע דיר מיט, אַז כ׳בין ב״ה געזונט, געבע גאָט פון דיר דאָס זעלבע צו פאַרנעמען״, זענען טאַקע געווען נישט מער ווי „פייגנבלעטער״, וואָס האָבן מיט זייער פּאַפּירנקייט געפּרוווט נישט מער ווי צו פאַרשאָטענען די פאַרשידנאַרטיקייט פון איבערלעבענישן ביים בריוושרייבער. יענע געשריבענע זאַצן האָבן כלל נישט פאַרטשעפּעט און אַוודאי נישט געפּרוווט אַרויסברענגען פּריוואַטע געפילן פונעם יחיד אָדער צו באַשרייבן אַ ספּעציפישן זעלישן צושטאַנד.

ס׳האָט גענומען אַ היפּש שטיקל צייט ביז דער בריוונשטעלער האָט, אָנשטאָט צו סטריגעווען פייגנבלעטער, אָנגעהויבן צו נייען נוסח־בגדים, וועלכע מען זאָל קאָנען אָנטאָן אויף אַלע מעגלעכע געפילן פון אַ שרייבנדיקן מענטש. ווי שפּראַכשטאָף האָבן דעם בריוונשטעלער געדינט אַחוץ גערעדטע אידיאָמען, אין וועלכע עס לאָזט זיך אַריינבלאָזן דער אָטעם פון געשריבנקייט אָדער, ריכטיקער געזאָגט, פון וועלכע עס לאָזט זיך אַרויסבלאָזן דער דעך פון גערעדטקייט, דערעיקרשט אויך פּסוקים פון דער ביבל און בכלל פון אַלטע ספרים. די קליידער, וואָס האָבן זיך באַקומען פון דער מאַטעריע און פון דעם געניי, זענען מייגסטנס געווען צוגעריכט פאַר דער גרעסטער מאָס פון די מענטשלעכע געפילן, פאַר מאָנומענטאַלע סענטימענטן, פאַר איבערלעבענישן, אַזוי צו זאָגן, אין דער גאַנצער לעבנסגרויס.

ווען אַנטשל בעל־קוראס און זיין ווייב שרה רבקהס בכור פון שלום אַשס ראָמאַן „די מוטער״ שרייבט דעם ערשטן בריוו פון אַמעריקע צו זיינע טאַטע־מאַמע, טוט ער אָן אויף זיינע איבערלעבענישן אַט אַזעלכע ברייטע פּלודערן פון אימאַזש:

„איך האָב צו אייך נישט געשריבן, ווייל איך האָב נישט געהאַט וואָס צו שרייבן. איך האָב פילעס דורכגעמאַכט אין אַמעריקע. ווען אַלע ימים וואָלטן טינט געווען און אַלע וועלדער פעדערן און אַלע הימלען פּאַפּיר, וואָלט איך אייך נישט געקענט אַלעס אַרויסשרייבן, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין אַמעריקע...״

און דעם בעל־קוראס זון שלמה חיים איז אין אַמעריקע חלילה נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ווילדע אינדיאַנער, ס׳האָט אים נישט אַרומגעטראָגן דער אשמדאי איבער ימים און מדבריות און דער טויט האָט נישט געלויערט אויף זיין יוגנט. ס׳האָט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן די באַנאַלסטע פּאַסירונגען פון די ערשטע עמיגראַנטישע וואָכן. מיר דערוויסן זיך דאָס פון אַשן אַליין, וואָס קאָמענטירט קריטיש דעם שרייבערישן פאַרמעסט פון זיין העלד.

„פון דעם אָנהייב פון בריוו — שרייבט אַש — מיט די אַלע ימים טינט און אַלע וועלדער פּעדערן וואָלט מען געקענט מיינען, ווער ווייס וואָס דער יונג איז דורכגעגאַנגען. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז איין וואָך האָט ער געגעכטיקט ביי איין לאַנדסמאַן, און אַ צווייטע וואָך האָט ער גענעכטיקט ביי אַ צווייטן לאַנדסמאַן, און אַ דריטער לאַנדסמאַן האָט אים געפירט אין שאָפּ אַריין צו לעדער־סחורה־אַרבעטן. היינט וווינט ער ביי אַ פערטן לאַנדסמאַן, וועמען ער צאָלט אַ דאָלער אַ וואָך פאַר אַ „שטיקל בעט" בלויז אויף ביינאַכט.

דאָס וואָס איך פאַרצייכן דאָ וועגן דעם בריוו פון אַשס ראָמאַן־געשטאַלט שלמה חיים, איז נישט נאָר חל אויפן נוסח פון אַ בריוונשטעלער, נאָר אויך אויפן פּרימי־טיוון ליטעראַרישן נוסח בכלל. וואָרעם נישט וועגן דעם גייט עס, וואָס דער קאָמאַש־ניק נוצט אין זיין באַשרייבונג אַ פּאַרטיקע און הויכע מליצה פון „אקדמות", נאָר וואָס דורך אָט־דער מליצה קומט צום אויסדרוק זיין באַדערפעניש צו סינטעטיזירן זיינע איבערלעבענישן אין אַ ליטעראַרישער כלי, וואָס איז ווייט פון דער ווירקלעכ־קייט און לויט דער פּראָפּאָרץ צו גרויס. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז פון שלמה חיימס ליטעראַרישער פּאָרעם האָט אַרויסגערעדט אַ טונקעלער קינסטלערישער אינסטינקט צו געשטאַלטיקן די איבערלעבענישן אַזוי, אַז די דעטאַלן זאָלן זיך ערגעץ ווו פאַר־לירן און זאָלן נישט קאָנען מינערן מיט זייער וואָרהייט די גראַנדיעזקייט און דעם צויבער פון געשריבנקייט. דער „אקדמות"־אימאַזש, וואָס ער ניצט, איז אויסן נישט נאָר צו פאַרשטעלן די פּרטים, נאָר בכלל אויסצומיידן אַ דירעקטן צורירן זיך צו דער ליטעראַרישער טעמאַטיק. ווען די הימלען זאָלן זיין פּאַפּיר, וואָלט מען געקאָנט באַשרייבן די פּאַסירונגען, אָבער אַזוי ווי זיי זענען עס דערווייל נאָך נישט, לאָמיר זיך — הייסט עס — אָפּלאָזן פון דעם געשעעניש־שטאָף. דער עיקר איז די סוגעס־טיע, די אַנסאַמבל־שטימונג, וואָס באַקומט זיך פון דער געשריבענער פאָרמולע.

וואָלט אַנטשל בעל־קוראַס בכור דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געשריבן, געדאַרפט דערציילן פאַר טאַטע־מאַמע, וואָלט ער זיכער געוווען אָנגעהויבן נישט פונעם סינטעז, נאָר פון די דעטאַלן, נישט פון דער קאָנסטרוקציע, נאָר פונעם אַנאַליז. די קאַנווע פון רייד האָט נישט קיין ראַנדן. שטאָף לייגט זיך אויס נאָך אַנאַנד און דאָס שפּע־טערע וואָרט האָט דעם כוח צו פאַרדעקן און צו פאַרטיליקן דאָס פריערדיקע. ערשט אויף דער באַגרענעצטקייט פון פּאַפּיר ווערט געבוירן די פאָרעם־פראַגע, די פּראָב־לעם פונעם עסטעטישן ציל. וואָרעם עס האַנדלט זיך דאָך וועגן דעם, ווי אַזוי אויס־צונוצן דעם שטח און אַלץ צו זאָגן. די פּרימיטיווע פּראָזע האָט פאַרענטפערט, אַזוי צו זאָגן, די צימצום־פּראָגע דערמיט, וואָס זי האָט אויסגעלאָזט דעם שטאָף און אָפּגע־געבן ס'גאַנצע פּלאַץ צו דער פאָרעם. און די פאָרעם האָט געמוזט זיין אַ פאַרטיקע, אָן אויסגעליגענע נישט נאָר ווייל עס האָט די ראשונים פונעם ייִנגסטן און שווערסטן ליטעראַטור־זשאַנער: פּראָזע, געמאַנגלט אין שעפערישן כוח און אין טעכנישער רוטין, נאָר אויך צוליב דער הערשנדיקער קונסטשטימונג, אַז פאָרעם איז דער עיקר

און אַז זי מוז שטיין וואָס ווייטער פונעם שטאָף, ווייל עס דראָט איר פון זיין זייט מינערונג און פּראָפאַנאַציע. און איבעראַל און אַלע מאָל, ווען די עסטעטיק פאַר־נעמט דעם געביטערישן אויבנאָן, ווערט די ליטעראַטור פאַרוואַנדלט אין אַ גאָט־לאָזן שפּיל און די פאָרעם זינקט אַראָפּ צו אָרנאַמענטיק — צו מליצה. און מליצה קאָן קיין מאָל נישט זיין סטיל, נאָר העכסטנס נוסח, ווייל סטיל איז נישט קאָנווענ־ציאָנעל־קאָלעקטיוו, נאָר העכסט־פּערזענלעכער נשמה־אויסדרוק.

פאָרמאַליסטן זענען נישט נאָר געווען די העברעישע בת־השמימניקעס אונדזערע פון דער השכלה־צייט, נאָר אויך, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, דער זיידע שמ״ר און זיין ליטעראַרישע שול פון פּראָזעשונדיסטן אויף יידיש. אויך פאַר שמ״רן איז די פאָרעם געווען אַ הימלישע פּרינצעסין, וואָס טאָר נישט פאַראומ־ווערדיקט ווערן פון דער שטאָף־מיאוסקייט. נאָר וואָדען? ער האָט געהאַט זיין אייגע־נעם דרך, ווי אַזוי דאָס צו פאַרהיטן. ער האָט זיך אויסגעטראַכט און אויסגעליגן פּרינץ־געשטאַלטן, כדי דער שידוך צווישן חומר און צורה זאָל חלילה נישט מוזן זיין אַ מאָרגאַנאַטישער.

און שמ״ר — דאָס איז אייגנטלעך געווען דער קאָנסעקווענטסטער פאָרמאַליזם. נישט נאָר גרויסע קאָנווענציאָנעלע סינטעזן, אין וועלכע עס זאָלן זיך ווי אין ווייטע הימלען אויסבאַהאַלטן די אַנאַליטישע דעטאַלן פון די אייגענע איבערלעבענישן, נאָר צו דער קאָנווענציאָנעלער, אויסגעליגענער פאָרעם — נאָך אַ פרעמדע טעמאַטיק אויף באָרג.

און סטיל — סטיל גרענעצט זיך נישט נאָר אָפּ פון פאָרעם־קאָנווענציאָנעליש־קייט, נאָר ער קאָן אויך אַרויסוואַקסן בלויז פון אייגענער טעמאַטיק. אויב כאַראַק־טער ביי אַ שרייבער איז אידענטיש מיט דורכגעלעבטער שטרעבונג צו אייגענעם אמת, דאַן איז זיין סטיל דאָס געצייג, מיט וועלכן די וואָרהייט־שטרעבונג אַקערט אויף אַנאַליטיש די אייגענע טעמאַטיק און סינטעטיזירט זי צו אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער קאָנסטרוקציע. מיר מוזן, בכן, אַלץ מער און מער מסכים זיין מיט בערנען. די פּראָפּאָרציע אין דער געשטאַלטונג, די מאָס און וואָג פון די איבערלעבע־נישן און ווערטער, די פאַרב און דער ריטעם פון די ווערטער — אַלץ וועט שטיין אונטערן קאָנטראָל פון דער אייגענער וואָרהייט־שטרעבונג, אונטער דער מאָראַלישער אַפּוטרופּסות פון כאַראַקטער. און דער סטיל וועט נישט לאָזן פעלשן נישט אין דעטאַל און נישט אין דעם סינטעטישן סך־הכל, ער וועט „האַלטן אַן אויג״ אויף די ווערטער, אויף די זאַצן און יעדע קלענסטע פאַרקרימונג קאָרעגירן.

אַן אינטערעסאַנטער ביישפּיל פון סטיליסטישער זעלבסט־קאָרעגירונג איז מיר אונטערגעקומען לייענענדיק ל. שאַפּיראָס דערציילונג „ממה־נפשך״. אויפן ערשטן בליק קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז די אויטאָקאָרעקציע איז בלויז קאָקעטעריי, בלויז חנדל און מאַניער. אָבער האָט מען זיך אַריינגעלייענט אין שאַפּיראָן און מען ווייס, אַז ער איז אַ שרייבער מיט כאַראַקטער און סטיל, און אַז ער האָט על־פּי כאַראַקטער די

ניגונג איבערצולאָדן אָן עפּיטעט, געדיכטער צו מאַכן אַ פאַרב און גראַטעסק צו פאַררוקן אַ שטריך ביי זיינע געשטאַלטן, וועט דאָס „אַליין פאַרבעסערן זיך" אין משך פון דער שילדערונג זיין אין הסכם מיטן קאָנטראָל, וואָס שאַפּיראָ האַלט אָן סטיליס־טיש איבער זיין פאַרלאַנג צו וואָרהייט. שאַפּיראָ הייבט אָן די דערציילונג מיט אַ קורצער באַשרייבונג פון זיין העלד ליפּעס מוטער — די רביצין.

„די רביצין — שטעלט ער אַוועק אַ סינטעטישן זאַץ — איז געווען זייער אַ נאַרישע יידענע".

און דערנאָך קומען איבער אַ צענדליק שורות פון דעטאַל־אַנאַליז פון מאָראַלישן הינטערגרונט און פון פיזישן אויסזען. זיי לייענען זיך אַזוי:

„דעם רבס שכירות, מיטן רח"ש צוזאַמען, זענען געווען אַזוי קליין, אַז אַלע אירע יאָרן האָט זי געהאַלטן אין איין שטיקעווען דעם סוף פון דער וואָך צום אָנהייב פון דער נעקסטער. עס האָט זיך נישט געשטיקעוועט, און פירן די רבנישע בעל־הבתישקייט איז געווען אַזוי שווער ווי צו פירן אַ מלוכה. פון דעסטוועגן איז ביי דער רביצין געוואַקסן אַ גוידער און איר פּנים איז געווען גלאַט און גערויטלט, ווי ביי אַ מיידעלע. זי איז געווען לאַנג און דין, אָבער ווייט מאַגער. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַ ביסל פאָרויס און געבויגן, ווי אַ הון, וואָס זוכט קערנדלעך. געהאַט צוויי בלויע, אין גאַנצן אומשולדיקע, מיידלשע אייגעלעך, אַ ביסל קורצזיכטיקע, און פון אונטערן פאַרוואָרפענעם ווייס־זיידענעם טיכל האָבן אַרויסגעקוקט צוויי קליינע אויערלעך ווי רויזנ־בלעטלעך, מיט אַלטפרענקיש געפּאַסטע בריליאַנטן אין זיי — אַ ירושה פון דורות".

קאָן מען נאָך אָט־די עטלעכע פאָרטרעט־דעטאַלן נאָך בלייבן ביי דער ערשטער אימפּרעסיע, אַז די רביצין איז געווען „זייער אַ נאַרישע יידענע"? איז „זייער נאַ־ריש" נישט איבערגעטריבן פאַר אַ פרוי, וואָס האָט געמייסטרעוועט די רבנישע בעל־הבתישקייט, וואָס איז געווען אַזוי שווער צו פירן ווי אַ מלוכה? און איז דאָ למען אייגענער וואָרהייט־שטרעבונג נישט נייטיק נאָך אָן אַנדערער סך־הכלדיקער אַדיעקטיוו? איז דאָ נישט געבאָטן אַ סינטעטיש וואָרט אויך פאַר גלאַטן פּנים, וואָס האָט זיך גערויטלט, ווי ביי אַ מיידעלע, און פאַר די בלויע, אומשולדיקע אויגן און פאַר די אויערלעך ווי רויזנבלעטלעך?

קומט טאַקע די סטיליסטישע זעלבסט־אויסבעסערונג און שטעלט אַוועק קודם־כל און אין סאַמע פראָנט אַ נייעם שם־התואר: „שיין". און וואָס שייך דעם אַדיעקטיוו „זייער נאַריש", וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער היץ פון ערשטן איינדרוק און פון איבערגעאיילטער מאָראַלישער קוואַליפיקאַציע — ווערט ער שטרענג אָרומ־געפּוצט פון גוזמא. די קאָרעגירטע שורה פונעם בילד זעט איצט אויס אַזוי: „די רביצין איז געווען אַ שיינע און אַ נאַרישע יידענע".

אוודאי איז דאָס אַ ספּעציעלע אייגנטימלעכקייט פון שאַפּיראָס סטיל. ער האָט

ליב אָוועקצושטעלן ביים אָנהייב אַ סינטעטישע כאַראַקטעריסטיק פון אַ געשטאַלט און זי דערנאָך אַנאַליטיש צו באַאַרבעטן און זי סטיליסטיש אויסצובעסערן. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. איך בין אויסן אַרויסצוברענגען, ווי אַזוי דער אַנאַליז פון די אייגענע אימפּרעסיעס האָט אין דעם שאַפּיראָשן טעקסט באַהיט די ווערטער פון איבערגעטריבנקייט און... פאַרוואַנדלט דעם גערעדטן רכילות־פּסוק וועגן דער רבי־צין אין אַ געשריבענעם זאַץ פון קינסטלערישער פּראָזע.

און געבראַכט האָב איך דעם ביישפּיל דערפאַר, ווייל אין אים שוועבט ערגעץ ווו אַרום די עיקר־פּראָבלעם פון דער יידישער פּראָזעשפּראַך, ווי זי האָט זיך באַוויזן צום זיידע מענדעלע. די פּראָבלעם איז געווען: פּטור ווערן פון גערעדטקייט, וואָס איז אידענטיש מיט גוזמא; נישט פאַרלירן דעם שטאָף אונטער גרויסע פּאָלעס פון פּאַרטיקע סינטעזעס; געדולד, אויסדויער און אָטעם ביים באַשרייבן דעם פּרט; שרייבן, באַשאַפן און פאָרמולירן נישט אין אַ לשון פון ערשטער אימפּרעסיע און פון הייס־געבאַקענער עמאָציע, נאָר מיט באַגריפן און בילדער, וואָס זענען אָפּגעקילט, אָביעקטיוויזירט און צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער איבערלעבעניש, צו דער פּאַסירונג און צו דער געשטאַלט אין קלוגן באַראָט פון חושים און געדאַנק.

3

שמואל יוסף עגנון

א

יידן נאָבעלפּרייז־געווינערס אין די פרעמדע וויינגערטנער האָבן מיר אַ היפּש ביסל, אָבער אַ ייִד מיט דער נאָבעל־פּרעמיע פון אונדזער אייגענעם ליטעראַרישן ווייַנגאָרטן איז דער ערשטער שמואל יוסף, דער זון פון שלום מרדכי טשאַטשקעס פון דער גאַליציִשער ק״ק בעטשוטס (בוטשאַטש), וואָס וווינט דעם סאַמע גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין ירושלים און האָט העברעיִזירט זיין נאָמען אויף ש״י עגנון.

אין די איבער דרייסיק יאָר זינט ביאַליקס פּטירה זענען דריי שפּעטערישע יידן דערמאָנט געוואָרן ווי קאַנדידאַטן פאַר דער נאָבעל־פּרעמיע: מאַרטין בובער, שלום אַש און ש״י עגנון. אַלע דריי האָבן ערלעך פאַרדינט די אויסצייכענונג פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע. פון די דריי זענען מאַרטין בובער און שלום אַש געווען מער וועלטבאַרימט, ווי דער יינגסטער צווישן זיי — אים צו לאַנגע יאָר שמואל יוסף עגנון.

מאַרטין בובער האָט מיט אַ טייל פון זיינע ווערק משפּיע געווען דעם קריסטלעך־פּראָטעסטאַנטישן געדאַנק און שלם אַש איז מיט די ביכער פון זיין עלטער, מיט די קריסטאָלאָגישע ראָמאַנען, געוואָרן דער ליבלינג פון דער קאַטוילישער וועלט. זיי האָבן ביידע — מאַרטין בובער און שלום אַש — פאַרדינט געקרוינט צו ווערן מיט דער הויכער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעמיע אויך פאַר זייערע אויסשליסלעך יידישע ספרים: בובער ווי דער אויסטייטשער פון ביבל און דער פאַרטייטשער פון חסידות און שלום אַש, ווי דער מחבר פון „דריי שטעט״ און פון „תהלים־ייד״ (מען קאָן מוסיף זיין צו אַשס דערמאָנטע צוויי גרויסע ווערק אַ סך אַנדערע, אָנהייבנדיק פון „דאָס שטעטל״ און ביז זיין משה־ראָמאַן).

אָבער ווען מאַרטין בובער אָדער שלום אַש זאָלן געווען באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר אונדזער ווייַנגאָרטן, וואָלטן דער וועלטס דרשנים און קאָמענטאַטאָרן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זאָגן, אַז פאַר בובערן האָבן זיך געמיט זיינע פּראָטעסטאַנטישע תלמידים און פאַר אַשן זיינע קאַטוילישע פאַרערער. מיר, פון דעם יידישן און העברעישן ווייַנגאָרטן, וואָלטן זיך מן־הסתם נישט אַנטקעגנגעשטעלט, אָבער ערגעץ ווו טיף אין האַרצן וואָלט גענאָגט די מורא, אַז אפשר האָבן די גויים אונדז טאַקע אָפּגענאַרט און זיי האָבן אויך דאָס מאָל געגעבן די פּרעמיע נישט אונדז, נאָר זיך אַליין.

ביי שמואל יוסף עגנון זענען מיר זיכער, אַז מען מיינט טאַקע נאָר אונדז, אויס־

שליסלעך דעם יידיש־שעפערישן געניוס עגנון, וואָס האָט קודם געשאַפן אויף יידיש און האָט דערנאָך אויף לשון־קודש אַרויסגעבראַכט ווערק, אָנהייבנדיק פון „והיה העקוב למישור" (און דאָס קרומע וועט ווערן גלייך) איבער „הכנסת כלה" און „אורח נטה ללון" (אַן אורח אויף איבערצונעכטיקן) און ביז „תמול שלשום" (נעכטן און אייערנעכטן), „סיפור פשוט", „בנערינו ובזקנינו" (מיט יונג און אַלט), „ספר המע־שים" און „סיפורי אגדות", אַ סך־הכל פון צוועלף בענד דערציילונגען און ראָמאַ־נען, אין וועלכע עס גייען דורך די געשטאַלטן פון גאָטפאַרכטיקע יידן פון די ק"ק בעטשוטש, בראָד און ירושלים, פון חלוצים און פון מאָדערנע יידן, אוניווערסיטעט־לערער און וויסנשאַפט־פאַרליבטע, און אַלע מענטשן פון עגנונס ליטעראַרישן באַ־שאַף שטעלן צונויף אַ תקופה אין דער יידישער היסטאָריע, וואָס ברויזט מיט אמו־נה, מיט רעבעלישקייט, מיט חלום און מיט האָפענונג און מיט טראַגיזם און בלענדט מיט גייסטיקער שיינקייט.

ווי אַלע גרויסע און וויכטיקע יידישע שרייבערס האָט עגנון געלערנט ביים זיידן מענדעלע די קונסט פון נוצן לשון. אין דעם פּרט איז ער מענדעלעס המשך, אָבער וואָס שייך זיינע געשטאַלטן, איז ער דער היפוך צו מענדעלען. עגנונס מענט־שן זענען פּרצישע יידן, שבת־יום־טובדיקע יידן אין דער סאַמע מיט פון זייער וואָכעדיקייט. און עגנונס לשון איז נישט בלויז ווי ביי מענדעלען אַ געראָטענער, ווירטואָזער זיווג פון העברעישע ווערטער פון אַלע צייטן און פון אַלע שיכטן. עגנונס שפּראַך איז לשון־קודש, און דאָס מיינט ביידע לשונות אונדזערע אין איי־נעם. עס איז אַ ווונדערלעכער צונויפפלעכט פון העברעיש־לשון־קודש מיט יידיש־לשון־קודש. עס איז די נישט אויף העברעיש און נישט אויף יידיש גערעדטע, אָבער דאָך לעבעדיקע שפּראַך און לעבעדיקער ניגון פון דער הייליקער יידישער היס־טאָריע און פון דעם הייליקן יידישן לעבן.

פאַראַן אַזעלכע — מיר איז אויסגעקומען נישט איין מאָל זיך מיט זיי צו אַמפּערן — וואָס האַלטן, אַז עגנונס ווערק איז סטיליזאַציע. מיין ענטפער צו זיי איז, אַז דער רעזולטאַט פון אַט דער „סטיליזאַציע" איז אָבער ביי עגנונען גרויסער סטיל, דער סטיל פון אַן עפּאָכע, דער סטיל פון דורות, וואָס ער האָט ליטעראַריש צונויפגעקליבן זיינע צעבראָכענע שערבלעך און באַשאַפן דעם ווונדער פון אַ גרויסער פאָלקישער כלי. עס איז אַ דערגרייכונג, וואָס קאָן פאַרגליכן ווערן מיט דעם שפּראַכאויפטו פון שלום־עליכם. אויך שלום־עליכם האָט באַשאַפן אַ יידיש לשון, וואָס איז די אויטענ־טישסטע יידישע שפּראַך, הגם קיינער האָט אַזוי נישט גערעדט, נישט דאָס פאָלק און נישט ער אַליין, שלום־עליכם.

ב

עגנונס ווערק איז, לפי ערך, ווייניק וואָס איבערגעזעצט געוואָרן אויף פרעמ־דע שפּראַכן. דאָס מייסטע, דאַכט מיר, אויף דייטש, אַ דאַנק דעם שאָקען־פאַרלאַג,

וואָס איז אויפגעקומען אין דײַטשלאַנד און איז אין משך פון יאָרן געווען אַ דייט־שער פאַרלאַג. אויף ענגליש זענען פאַראַן בלויז דריי איבערגעזעצטע ביכער פון עגנונען און עס איז דאָ די סמיכה פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנישן קריטיקער עד־מונד ווילסאָן, וואָס שטעלט עגנונען אַזוי הויך ווי קאַפקאַ און אויב נישט נאָך העכער.

אָבער דערפאַר אין זיין אייגן לאַנד, אין ישראל, איז עגנון, דאַכט מיר, נאָך ביאַליקן דער סאַמע מייסט געפּאָרשטער שרייבער. עס איז וועגן אים אַנגעוואַקסן אַ ליטעראַטור, וואָס פּילט אויס עטלעכע פאַליצעס פון אַ ספרים־אַלמער און עס זענען אים געגעבן געוואָרן אַ שפע פון פּראָפעסיאָנעלע, שטאַטישע און נאַציאָנאַלע ליטעראַרישע פּרייזן.

די הויפּטפאָרשער פון עגנונס ווערק זענען די ליטעראַטור־פּראָפעסאָרן פון ירושלים און פון רמת־גן: דוב סדן און ברוך קורצווייל. אַחוץ מאָנאָגראַפיעס וועגן עגנונען זענען צו זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג אין תשי״ט (1959) דערשינען אויך פעסטשריפטן לכבוד עגנונען סיי אין ירושלים און סיי אין רמת־גן.

און עגנון איז אָבליגאַטאָרישער לייענשטאָף פאַר די תלמידים אין די מיטלשולן און אין די אוניווערסיטעטן, מיט איין וואָרט — אַ קלאַסיקער.

אָנגעהויבן האָט עגנון, ווי שוין דערמאָנט, צו שרייבן יידיש און זיינע ערשטע דערציילונגען און לידער האָט ער געדרוקט אין בעטשושטשער „דער יידישער וועקער״, און אין לעמבערגער „טאָגבלאַט״ און „אידישער פאָלקס־קאַלענדאַר״. מיר האָבן וועגן דעם אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג ביים סוף פון דעם ראָמאַן „סיפור פשוט״ (אַ פּשוטע מעשה), וואָס אליעזר רובינשטיין האָט איבערגעזעצט אויף יידיש און ישראל לאַנדאַן האָט אים אַרויסגעגעבן דאָ אין ניו־יאָרק, אין 1958, אין זיין פאַרלאַג „דער קוואַל״.

סדן ברענגט עטלעכע לידער, וואָס עגנון האָט געדרוקט אין בעטשושטשער „דער וועקער״ און זאָגט מיט רעכט, אַז אין זיי „הערן זיך קלאָרע אָפּקלאַנגען פון ראָזענפעלדן, רייזענען, יהואשן, ווי אויך פון י. ל. פּרצן״. און סדן שטרייכט אונ־טער, אַז „דער רושם (פון די אָפּקלאַנגען) לאָזט זיך נישט פאַרווישן אַפילו ווען עס זאָל זיך אַרויסשטעלן, אַז די שאַפונגען פון די דיכטערס זענען צו אים כלל נישט דערגאַנגען, וואָרעם זייער השפעה, וואָס האָט געקאָנט זיין אַן אומדירעקטע איז דאָך געהאָנגען אין דער לופט״.

נאָך אינטערעסאַנטער איז די באַהויפּטונג, צו וועלכער סדן קומט נאָך אַ פאַר־גלייך פון עגנונס העברעיש און יידיש געשריבענע חיבורים פון דער פריער יו־גנט, דהיינו: „אַז ער האָט העברעיש נאָך לאַנג ניט, ווען ער האָט אין יידיש שוין לאַנג געהאַט געפונען די עלעמענטאַרע יסודות פון זיין שפּראַך־נוסח״.

אין זיין העברעישן סטיל האָט ער דערנאָך געפונען ביידע אוצרות: אי יידיש און אי העברעיש און געשאַפן דאָס ווערק וואָס מיר, יידן, פרייען זיך שוין דער־מיט און באַוואונדערן עס שוין באַלד צוויי דורות, און די שוועדישע אַקאַדעמיע האָט

עס איצט אין נאָמען פון דער נישט־יידישער וועלט באַערט מיט אינטערנאַציאָנאַלער אָנערקענונג.

וויפל יאָרן האָבן מיר אַרויסגעקוקט אויף אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלער באַערונג פון אונדזער ליטעראַטור און דער נס איז, וואָס זי איז אָנגעקומען גראָד איצט אין אַ שעת הדחק, ווען די שונאים „סבוני כדבורים״, האָבן אונדז אַרומגערינגלט ווי די בינען און פאַרמעסטן זיך אויסצושטעכן דאָס אויגעפּעלע פון יידישן קיום — מדי־נת ישראל. איצט, ווען די סירישע דעמאַגאָגן ווילן פּראָוואָצירן אַ מלחמה קעגן מדינת ישראל און מיכאַיל שאָלאָכאָווס פּאָליטישע בעלי־בתים האַלטן אונטער דאָס בילן פון די רוצחישע הינט אין ראָט פון די פאַראייניקטע פעלקער — איצט איז עס ממש אַ נס, וואָס די שוועדישע אַקאַדעמיע האָט געלאָזט וויסן, אַז גייסט און שעפערישקייט שטייט אין נישט בלויז ביי די, וואָס האָבן געהאַלפן באַזיגן די ברוינע פעסט. נאָר אויך ביי די קרבנות פון דער ברוינער חיה, וואָס האָט חרוב גע־מאַכט אייראָפּע און האָט פאַרצוקט אַ דריטל פונעם יידישן פאָלק. אין דער שעת הדחק פאַר ישראל האָט די שוועדישע אַקאַדעמיע ווי אויסגעשריגן: דרך־ארץ און אָנערקענונג פאַר די גרויסע געשטאַלטיקער פון יידישן גייסט, פון יידישן אידעאַליזם און פאַר די באַקלאָגער פון יידישן חורבן.

ג

דריי מאָל בין איך געפאָרן קיין ישראל, אָבער בלויז איין מאָל איז מיר אויס־געקומען זיך צו באַגעגענען מיט שמואל יוסף עגנונען. איך האָב אים באַזוכט אין איינעם אַ טאָג, נישט אָנגעמעלדעט פון פריער, אין זיין ווווינונג, אין תלפּיות. איך האָב מיט אים פאַרבראַכט מער ווי אַ שעה צייט און — אַזוי זענען גאַליציאַנער — מיר האָבן גערעדט וועגן גאַליציע, וועגן דער יידישער גאַליציע און דערעיקרשט וועגן אונדזער שכנותדיקע שטעט קאָלאָמיי און בעטשוטש.

נישט אומזיסט האָט מען ביי אונדז אין קאָלאָמיי מורא געהאַט פאַר די בעט־שוטשער מדקדקים און שאַרפע קעפּ. וואָרעם אָט האָט דאָך בעטשוטש אַרויסגעגעבן אין 19טן יאָרהונדערט דעם גרעסטן סעמיטאָלאָג דוד הערש מילער, וואָס איז באַ־קאַנט געוואָרן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט פון געלערנטע ווי באַראָן דאַוויד היינריך מילער, און איצט דעם נאָבעלפּרייז־געווינער פאַר ליטעראַטור שמואל יוסף עגנון. דער ערשטער איז דערגאַנגען צו זיין רום אויפן וועג פון השכלה און פון דייטש „די שפראַך דער אויפקלערונג״ און דער צווייטער דורך חיבת־ציון און מיטן כוח פון לשון־קודש. אַלע נאַציאָנאַלע וועגן און אומוועגן האָבן דערפירט בעטשוטשער יידישע קינדער צו אינטערנאַציאָנאַלער גלאָריע.

אַזאַ איז דער כוח פון דער ק״ק בעטשוטש און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל נעמט זיך איבער מיט איינעם פון זיינע גרעסטע זין — מיט שמואל יוסף, דעם זון פון שלום מרדכי טשאַטשקעס פון בעטשוטש.

עלי שעכטמאַן

א

לומדיש לשון

אין אַ זשורנאַל לייענט מען געוויינטלעך נישט אַלץ. דערצו האָב איך די רגילות, זיך נישט אַריינצולאָזן אין ראָמאַן־המשכים אין אַ צייטשריפט. איך וואַרט ליבערשט איבער ביז מען וועט קענען לייענען דעם ראָמאַן צווישן טאָוולען, וואָרעם אין די בלעטער פון אַ בוך כאַפּט מען גיכער דעם טעם פונעם שרייבער און מען דערפילט, צי ס׳איז כדאַי צו לייענען.

עלי שעכטמאַנס ראָמאַן „ערעוו״ (ערב), וואָס האָט זיך מיט אַ יאָר צוריק געדרוקט קאַפּיטלווייז אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, האָב איך לכתחילה אויך נישט געלייענט, ביז איך האָב אַזוי, כלאחר־יד, אַ בלעטער געטאָן איינעם פון די לעצטע המשכים און איך האָב אמתע חרטה געהאַט וואָס איך האָב ביז איצט נישט געלייענט, וואָרעם פון די געציילטע זייטלעך אין וועלכע עס ווערט באַשריבן דער צונויפטרעף און דער איבערשמועס צווישן דער מומע ליבע און איר טאָכטער שפרה, איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען דער ריח פון סאָלידער קינסטלערישער געשטאַלטונג, דער ריח פון בעלעטריסטיק פון סאַמע בעסטן מין.

איצט איז עלי שעכטמאַנס ראָמאַן דערשינען אין בוכפאָרעם. דאָס בוך איז פון די געציילטע צוויי וואָס זענען אין לעצטן יאָר אַרויס אין ראַטן־פאַרבאַנד אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, און מען דאַרף איבער דעם בוך מאַכן אַ ברכה.

אַ ברכה, וואָס סטאַלינס שחיטה אויף יידישע שרייבער האָט שעכטמאַנען פאַרשוינט און אַ ברכה, וואָס דער יידיש־פּאָלעסיער שטייגער פון „ערב״ (ערב 1905 אין רוסלאַנד און 1914 אין אייראָפּע) האָט זיך אויפגעהיט אין דעם וווּנדערלעכן יידישן שרייבער דורך דער היפש לאַנגער נאַכט פון סטאַליניסטישן טעראָר און פון צוואַנגס־אַסימילאַציע.

אַ טייערן שפּראַך־אוצר האָט עלי שעכטמאַן אַרויסגעראַטעוועט פון די יידישע פאָלקס־טיפענישן און אים פאַר אונדז באַוויזן דורכן מויל פון זיינע העלדן.

אָט איז אַ ביישפּיל פון לומדישן יידיש, וואָס ס׳לייגט אויס דער אַלטער ר׳ נתן לאַנדע, ווען ער נעמט זיך אָן פאַר זיין שנור איווע, וואָס האָט געפירט אַ ליבע מיטן פאַרשטאָרבענעם דניאל באַיאָר און איצט, נאָכן אומקער פון אַ באַזוך אין איר היימדאָרף ביים פאָטער און ביי דער שווער קראַנקער מוטער, האָט זי זיך אָפּגעזונ־דערט פון איר מאַן, האָט אַרויסגעוואָרפן פון איר צימער אַלע קליידער און אַליין דאָס מעבל אַרויסגעשטעלט. ר׳ נתן לאַנדע, דער למדן, דער מקובל, וואָס שרייבט

אַ ספר „קדושת השכינה", טענהט צו זיין ווייב נעמע און זאָגט צו איר אַזוי —
„פאַרגעס נישט, אַ מענטש איז נישט ערב פאַר זיינע מעשים אין אַזאַ מצב. ס'איז טאַקע מוקשה, שווער צו פאַרשטיין, נאָר פאַרגעס נישט, אַז זי איז אַ מר נפש, אַ פאַרביטערטע נשמה. זי האָט איבערגעטראָגן דאָרט ענויים קשים, שווערע ליידן, פאַרט אַ טאָכטער. נעכע איז אַזוי מסוכן קראַנק... גיי שוין גיי! יענער איז שוין אַ שוכן עפר, אויף דער אמתער וועלט. וואָס איז פאַראַן וואָס צו רעדן וועגן אים... נעמע, רעד נישט אויף איר קיין לשון הרע. ס'וועט איבערקאָכן. ס'איז דאָך שוין אַזוינס אויך געווען... אויב זי האָט זיך דענסט מאָל פון אים נישט מתבודד געווען, זיך פון אים נישט אָפּגעזונדערט, וועט זי אַצינד אַוודאי און אַוודאי נישט... ס'איז פאַראַן, ברוך השם, אַ קינד. דאָס קינד האָט זי ליב. מיש זיך נישט, פאַרמאַך די אויגן. ס'וועט איבערברענען. אויף אַ מחלוקת שיטן אַלע מיסט. יעדער איינער אַ ביסעלע, אַ קאָפּעלע, אַ הייפעלע — און די מחלוקת וואַקסט!... פתח בכד וסים בחבית — מען הייבט אָן פון אַ קריגל און מ'פאַרענדיקט מיט אַ פאַס. אַ מחלוקת איז פייער. וואַרף נישט, נעמע, קיין פייער אין דיין אייגענער שטוב".

די דאָזיקע רייד צו זיין ווייב, וואָס דער קינסטלער שעכטמאַן לאָזט טענהן ר' נתנען, האָבן אַלע מעלות פון תוך און פאַרעם. דורך דעם, „וואָס" ר' נתן זאָגט, קומט בולט ארויס די געשטאַלט פון דעם געהויבענעם יידן, וואָס הגם ער איז אַ קנאי און גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן מינדסטן אות פון דער תורה, איז ער אויך פול מיט אַן אצילותדיקער איינזעעניש צו מענטשלעכער זינד, צו מענטשלעכע שוואַכקייטן און וויים, אַז אין לעצטן סך־הכל זינדיקט דער מענטש בלויז בשגגה, נישט בכיוון, און עס קומט אים פאַרגעבונג. ר' נתן בעט דאָ פאַר זיין שנור ביי אַ מענטש, אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, דאָס זעלבע וואָס ער בעט ביים רבונו של עולם יום־כפור אין שול, פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל: ונסלח — און עס זאָל אַלעמען פאַרגעבן ווערן, ווייל די זינד, יעדע זינד איז בשגגה.

וואָס שייך דעם „ווי אַזוי" פון ר' נתנס רייד, ווי שעכטמאַן לאָזט זיי אונדז הערן, זענען זיי אַלע איינס ווי איינס ווי עפּעס פון „ממעמקים" צוזויפגעקליבענע און האָבן דעם ריטעם פון תפילה. די עטלעכע מאָל געניצטע פּינטעלעך סוגעסטירן, אַז נעמע האָט איר מאַן געפּרוווט איבעררייסן די רייד, אָבער ר' נתן האָט אויף קיין איין מאָמענט נישט מפסיק געווען זיין תפילה פון „ונסלח".

און נאָך, וואָס אָנבאַטרעפט דעם „ווי אַזוי", איז ר' נתנס טענה לטובת איוען אַ מוסטער פון לומדישן יידיש כמעט אָן געפעל, וואָס אַזאַ הערט מען שוין היינט צו טאָג בלויז זעלטן, אַפילו אין ישיבות און אין בתי־מדרשים, און מיר געניסן עס אין דער פולער מאָס פון עלי שעכטמאַנס קינסטלערישן זכרון.

אָבער עלי שעכטמאַן האָט קינסטלעריש אויפגעהיט נישט בלויז דאָס לומדישע יידיש, נאָר אויך דאָס שעפעריש־פאָלקסטימלעכע דורכן מויל פון די צוויי אפשר סאַמע געראָטנסטע געשטאַלטן אין בוך: יצחק באָיאַר און די מומע ליבע.

די צוויי רעדן, און מען שפירט ממש ווי דאָס וואָרט איז ביי זיי אין דער מיט פון שעפערישן פּראָצעס, ווי עס פאַרפאַרבט זיך מאָלעריש און באַשאַפט אַ בילד און ווי עס קנייטשט זיך געדאַנקלעך און עס ווערט געבוירן אַ מאָראַלישע זאָגעניש, אַ לעבנס־חכמה אָדער אַ צוגעשפּיצטער משל.

ב

יצחק באַיאַר

ווען יצחק באַיאַר קומט אין דער גרויסער שטאָט אַריין אַפּנעמען פון שפּיטאָל דעם מיזיניק אַווראָם, טרעפט ער צופעליק דעם כלי־זמר עקיבא, דעם נאָענטן פריינד פון זיין פאַרשטאָרבענעם זון דניאל, און עקיבא פירט אים צום דאָקטאָר איליאַ איליטש, וווּ חברה וואַרט אויף אים און וויל ביי אים פּועלן, ער זאָל אַהיים נעמען אויף ערבות די טאָכטער חרות, די רעוואָלוציאָנערקע און משומדת. ענטפערט זיי דער אַלטער יצחק אי מיט אַ משפּחה־מעשה און אי מיט קלוגע רייד, וואָס ביידע אין איינעם האָבן זיי דעם גוטן שלום־עליכמשן קינסטלערישן טעם. דער שלום־עליכמשער טעם פון שפּראַך איז משמע לשון וואָס אַלע רעדן און נאָר איך אַליין, דער אויסדערוויילטער, קאָן עס אַזוי רעדן.

די מעשה וועגן זיין פעטער טאָדרעס, דעם „בעל־מופתדיקן" שניידער און זיין זון יאָנטל, וואָס דעם גראָפס טאָכטער האָט זיך אין אים פאַרליבט, אָבער יאָנטל האָט זיך נישט געוואָלט שמדן און דער פּריץ האָט אים דערפאַר געלאָזט באַגראָבן לעבעדיקערהייט, דערציילט דער אַלטער יצחק באַיאַר אין אַ מוזיקאַלישן דועט מיט איוועןָ. דער דועט איז בפירוש אַ מוזיקאַלישער, ווייל עס טראָגט זיך פון דער דערציילונג מיט די צוויי קולות די האַרמאָניע פון אַ גוט איינגעשטודירטער כאָראַלישקייט, אַזוי אַז אין תוך איז אויך גערעכט דער יונגער דיכטער מיט זיין התפּעלות פאַר יצחקס און איוועס וואָרטקאָנצערט אין צווייען. איך זאָג: אויך גערעכט ווייל אין לעצטן, אין מאָראַלישן סך־הכל איז, פאַרשטייט זיך, גערעכט דער אַלטער יצחק ווען ער רעאַגירט אויף דעם יונגן דיכטערס ליבגעזאַנגען מיט רוגזה —

„מ'שפּילט דאָ פאַר אייך נישט קיין טריאַטער, מע דערציילט אייך דאָ נישט קיין בבא־מעשות".

די מעשה איז טאַקע אַ שיינע, אָבער דער עיקר איז דער מאָראַלישער נמשל, אַז „אַמאָליקע יאָרן האָט מען אַ צווייג באַדאַרפט אָפּהאַקן, אַליין איז זי נישט אָפּגעפאַלן... מענטשן האָבן אַ מאָל געלעבט טאַקע פּראָסט, זייער פּשוט, נאָר אַליין

איז מען געווען גרעסער, שטאַרקער. די נשמה — טיפער. מען האָט לעם אַ טייך קיין ברונעם נישט געגראָבן".

און דאָס זענען נישט די איינציקע בילדערישע, טיף קלוגע רייד, מיט וועלכע דער אַלטער יצחק הייבט אַרויס דעם אַמאָל און שטראָפּט שאַרף דעם היינט מיט אַלע זיינע אידעאַלן. כאָטש נאָך איין זאַגעניש פון יצחק באַיאַר וועל איך דאָ ציטירן, ווייל מיין הנאה רייסט זיך צו זאָגן וואָס גיכער עטלעכע גוטע ווערטער וועגן דער טייערער מומע ליבע און וועגן איר גילדן מויל.

ווען עקיבא ווענדט אָפּ די תרעומות פון יצחק באַיאַר מיט: „ר' יצחק, גאָט איז מיט אייך", ענטפערט דער אַלטער יישובניק מיט אַ שניידנדיק שאַרפער קריטיק איבער עקיבאן און זיינס גלייכן וועלט־פאַרבעסערערס.

— מיט מיר — זאָגט דער אַלטער — איז ער אַוודאי, נאָר צי איז ער מיט דיר?... פון איין זייט נייע נביאים. אויך זי (די טאָכטער חרות ש. ב.) איז צווישן די נביאים. נייע משה רבינוס, דבורה הנביאהס, מ'רופט נעמען נייע לוחות. מ'פירט צו אַ נייעם באַרג סיני... ס'שטעלט זיי גאָרנישט אָפּ — נישט די בליצן, נישט די דונערן. מ'גייט קיין סיביר, מ'גייט אויף דער תליה... גאַסן, גאַנצע שטעט ווערן פאַרגאָסן מיט בלוט... און אויפן טיש שטייט אַ מענטשלעכער שאַרבן, און מ'שיט אין אים דאָס אַש פון די ציגאַרן... שוויג, עקיבא, וואָרף נישט קיין רייד אויפן ווינט. מיר קוקן טאָקע דורך איין פענצטער, מיר זעען אָבער פאַרשיידענע וועלטן... דיר טוט ווי אַ פינגער און מיר טוט ווי דאָס גאַנצע האַרץ. מיר פאַרשטייען זיך נישט... און איך וועל דיר זאָגן נאָך בעסער: מיר קענען זיך נישט. איך ווייס, למשל, נישט ווער איר זייט?"

איך האָב יצחק באַיאַרס רייד ציטירט ביזן סוף — ביז זיין נישט וויסן ווער עקיבא איז, ווייל דער ראָמאַנהעלד, דער אַלטער יישובניק רעדט דאָ נישט אַנדערש נאָר אויך אין מיין נאָמען, אין נאָמען פון מיינס גלייכן, אַלע לייענער, וואָס ווייסן נישט ווער עס איז דער כלי־זמר וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין יצחק באַיאַרס שטוב אין דאָרף און וואָס יצחקס פאַרשטאַרבענער זון, דער מאָלער דניאל, פלעגט אים צערטלען מיט „עקיבא פריינט" און „עקיבא חבר".

ג

עקיבא, אַלעקסאַנדער, אבנר, דניאל

כ'מיין דערמיט צו זאָגן, אַז אויך עקיבאן האָט דער קינסטלער באַשאָנקען מיט אַ שפע פון פאָלקסטימלעך קלוגע רייד און ער וואָלט אין דעם פּרט געקאָנט זיין אין אַ טראַיקע מיט יצחק באַיאַר און מיט דער מומע ליבע, ווען — ווען זיין גע־

שטאַלט זאָל קינסטלעריש עקסיסטירן. מיר הערן בלויז ביי עטלעכע געלעגנהייטן עקיבאס רייד, אָבער מיר זעען נישט זיין געשטאַלט. די צייכענונג פון דער פיזי־שער פּערזאָן איז צו אַ בלאַסע און נישט אָנזעעוודיק און אויך פון די רייד וואַקסט נישט אַרויס קיין באַזונדערער מענטש אויף צו פאַרגעדענקען. די מיינסטע פאַר־שוינען אין שעכטמאַנס ראָמאַן האָבן וואָרצלען, משפחהדיקע, סביבהדיקע און אויך לאַנדשאַפטלעכע. עקיבא איז פון די געציילטע וואָס טראָגט זיך איבערן ראָמאַן ווי אַ בלעטל אויפן וואַסער. ער איז אַן אומגעזעצלעכע געשטאַלט, אַ „דעאוס עקס מאַכינאַ", און אפשר דערפאַר מאַכן אויך זיינע רייד נישט דעם געהעריקן רושם.

בכלל זענען די יונגע געשטאַלטן ווייט נישט אַזוי געראָטן, ווי די פּאָרטרעטן פון דער עלטערער גענעראַציע (די מומע ליבע) און פון דעם אַלטן דור (יצחק און גב־ריאל באַיאַר און ר' נתן לאַנדע). דער פּאָרטרעט פון אַלעקסאַנדער לאַנדע (איוועס געזעצלעכער מאַן) איז צו פיל שאַטנדיק און פאַרמאַגט נישט דאָס נייטיקע ביסל ליכט, כדי דאָס שאַטנדיקע זאָל האָבן לעבעדיקן אָטעם, און אבנר לאַנדע, דער בעל־תשובה, וואָס קערט זיך אום פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט צו טלית און תפילין אין טאַטנס שטוב — זיין צייכענונג איז עפּעס אַ נישט־דערצייכנטע, זיין סיפור־המעשה אַ נישט־דערזאָגטער. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס זיין באַשאַפער, דער קינסטלער עלי שעכטמאַן, האָט אין די אומשטענדן, אין וועלכע ער לעבט, נישט געקאָנט דער־גאַנצן אַבנרס פּאָרטרעט מיט דעטאַלירטע תשובה־איבערלעבענישן און האָט אים געלאָזט באַגיין אַ פּסיכאָלאָגיש אומבאַרעכטיקטן און אומגעריכטן זעלבסטמאָרד מיט עפּעס אַן אָנווינקעניש אויף נייע ספקות און אויף אַ ליבעפּלאַם צו שפרהן.

דניאל, ווידער, איוועס געליבטער, וואָס זיין ליבע האָט צעשטערט איוועס מו־טער נעכע, ווען זי האָט איר טאָכטער געצוווּנגען צו גיין אונטער דער חופה מיט אַלעקסאַנדער לאַנדע — ער, דניאל, וואָס דאַרף זיין דער הויפּטהעלד פון דעם ערש־טן טייל פון ראָמאַן — אויף אים זעען זיך צום מיינסטן אָן די השפעה־צייכנס פון דעם מייסטער דוד בערגעלסאָן, דניאל איז אין שעכטמאַנס ראָמאַן די צום מיינסטן בערגעלסאָנישע געשטאַלט. ער איז איינער פון בערגעלסאָנס קאָמפּליצירט־שוואַכע פאַרשוינען. אָבער בעת בערגעלסאָנס אַ צייכענונג פון אַזאַ פאַרשוין פאַרמאָגט פּסי־כאָלאָגישע דינקייט און דעם כוח צונויפצובינדן די נשמה־צעריסנקייטן צו דער גאַנצקייט פון געשטאַלט, פּרוּווט שעכטמאַן די דאָזיקע גאַנצקייט ביי דניאלן צו דערגרייכן דורך דרויסנדיק־לירישע רייד און זשעסטן, ווי „לאָמיר שווייגן, עקיבא פריינט" וכו'.

עלי שעכטמאַנס אייגענער כוח ליגט גאָר אין אָפּמאָלן נישט שוואַכע און לעבנס־געבראָכענע פאַרשוינען, נאָר אין געשטאַלטיקן מענטשן מיט לעבנספרייד. ביי בער־געלסאָנען זענען זיינע מענטשן בדרך כלל צעבראָכן אפילו אין דער לעבנספרייד, מיט וועלכער זיי באַווייזן זיך פאַר אונדז. עלי שעכטמאַנס געשטאַלטן אָטעמען מיט לעבנספרייד, אפילו אונטער די האַרבסטע און שווערסטע קלעפּ פון גורל.

ד

איווע

איך שטרייך דאָס אונטער, ווייל עס קאָן זיך אויסדוכטן אַז איווע באַיאַר, די געליבטע פון דניאלן און די פרוי פון אַלעקסאַנדער לאַנדע קער זיך אָן אין קרו־בהשאַפט מיט מירל הורוויץ פון בערגעלסאָנס „נאָכאַלעמען". ס'איז נישט אַזוי. מירל הורוויץ איז די העלדין פון אַ „נאָכאַלעמען"־אַטמאָספער. דער דרויסנדיקער גורל און מירלס שטענדיקע אומצופרידנקייטן און קאַפּריזן שאַפן אַרום איר און אין איר אַ פסיכישן צושטאַנד, אין וועלכן עס איז נישט פאַראַן קיין אָנהייב און קיין מיט, נאָר תמיד אַ „שוין פאַרשפּעטיקט", קיין מאָל נישט קיין פרימאָרגן און קיין מאָל נישט קיין מיטנטאָג, נאָר, העכסטנס, דאָס דעמערליכט פון בין־השמשות.

איווע אָבער בלייבט, נאָך אַלע פסיכישע ראַנגלענישן מיט איר געליבטן, מיט איר מאַמען און מיט איר מאַן, אַ געזונטע דאַרפסמויד. איר לעבן ווערט נישט גע־פירט פון קאַפּריזן, נאָר פון פעסטע געפילן און פון אַ קאַטעגאָרישן ווילן. זי וואַקלט זיך נישט, ווי מירל. זי קאָן זיך אַנטשיידן. איר ליבע געהערט צו דניאלן און נישט צו איר אַרויפגעצוואונגענעם מאַן אַלעקסאַנדער. און אַז זי קומט אַהיים פון איר גע־ליבטנס לוויה זונדערט זי זיך אָפּ פון איר מאַן, וואַרפט אַרויס די קליידער פון צימער און שטעלט אַרויס די מעבל. עס איז טאַקע „ווילד משוגע", אָבער, ווי הייסט עס ביים גאונישן שעקספּיר, עס איז פאַראַן מעטאָדע אין דעם שגעון.

איווע איז נישט קיין צעבראָכן, קאַפּריזנע מיידל, זי איז אַ מענטש אַ געזונטער, אין גוף און אין נשמה. זי איז איינע פון די „אדם־עץ השדה"־געשטאַלטן (דער מענטש איז ווי אַ בוים אין פעלד), וואָס עלי שעכטמאַן האָט זיי פאַרפלאַנצט אין דעם געדיכטע יידישן שטייגער פון פאָלעסיע און זיי זענען פון דאָרט אַזוי וווּנדערלעך אַרויסגעוואָקסן. איווע, יצחק באַיאַר און די מומע ליבע — דריי דעמבעס: שיין, הויך און מיט העלע, קלוגע און באַרעדעוודיקע בלעטער און — מיט אַ כוח אויס־צוהאַלטן די קלעפּ פונעם גורל. ווינטן וואָיען, זאַווערוכעס בושעווען. די בלעטער און די צווייגן ווערן „ווילד משוגע", אָבער דער שטאָם שטייט אַ פעסט פאַרוואָרצלטער.

ה

אידענטיפיקאַציע־סימנים

ווען שעכטמאַן מאָלט די דרויסנדיקע פיגור פון יצחק באַיאַר זאָגט ער וועגן אים, אַז „דער רוקן איז ביי אים געבויגן, ווי ער וואָלט גרייט געווען אויפצונעמען

כלערליי קלעפּ, און אַלע מאָל ווען ער דערמאָנט דעם אַלטן יצחק פאַרגעסט ער נישט אים צו אידענטיפיצירן מיט דער געבויגענער פּליצע, וואָס איז „גרייט אויפצונעמען קלעפּ".

אין דעם אופן געשטאַלטיקונג באַגעגנט זיך עלי שעכטמאַן אפשר צום נאָ־ענטסטן מיט דוד בערגעלסאָן. ס'איז ביי זייביידע פאַראַן אַ פאַרלאַנג נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צו ברענגען אידענטיפיקאַציע־סימנים פון זייערע העלדן, גלייך זיי וואָלטן דאַרפן צושטעלן וועגן זיי אַ פּאָליציייִשן פּראָטאָקאָל.

די דאָזיקע איבערחזרונג פון סימנים לשם אידענטיפיקאַציע האָט זיך אי ביי בערגעלסאָנען און אי ביי שעכטמאַנען איר באַזונדערן שרייבערישן חן און נאָך מער: אין דער דאָזיקער טרוקן־פּראָטאָקאָלישער אידענטיפיקאַציע ליגט ערגעץ ווו דער לירישער קאַדאַנס פון ביידנס סטיל.

אָבער ביים אָפּמאָלן יענעם פּרייטיק־צונאַכטס אין דאָרף מיט אַזוי פיל גע־שעענישן האָט דער דאָזיקער גלוסט צו פּראָטאָקאָל אָפּגעטאָן שעכטמאַנען אַ שפּי־צל. איינער פון גבריאל באַיאַרס פּראָטאָקאָלאַרישע סימנים, וואָס שעכטמאַן דער־מאָנט אַלע מאָל, איז דער ציבעק, און דאָ איז פרייטיק צו נאַכט נאָך קבלת־שבת, אָבער „גבריאל פאַררייכערט דעם ציבעק".

ו

די מומע ליבע

וועגן דער געשטאַלט פון דער מומע ליבעס טאָכטער שפרה וואָלט זיך געניי־טיקט צו שרייבן פּסיכאָאַנאַליטיש. דער פאָטער האָט די דרייצן־יעריקע געשמיסן אויפן הוילן לייב עפּנטלעך, אויפן יאַריד, און עס איז פאַרבליבן אַ צינישער להכעיס אין דער יונגער שיינער שפרה.

אַלעקסאַנדער לאַנדע האָט זיך פאַרליבט אין שפרהן און שפרה איז גרייט אַז אַלעקסאַנדער זאָל אָפּגטן איווען און מיט איר חתונה האָבן.

— מיט געלט, טאָכטער — זאָגט צו איר די מומע ליבע — לעבט מען נישט אויס די יאָרן.

— נו, מילא — ענטפערט שפרה — מיט אַזעלכע רייד טרייסטן זיך קבצנים. איך האָב זיך פאַר אָט דער ליבעקרענק געהיט, ווי פאַר פייער, אין אָט דעם האָניק ווערן דערטרונקען כמעט אַלע...

די מומע ליבע — וועגן איר איז כדאי צו שרייבן און מען וועט נאָך, בין איך בטוח, אַ סך שרייבן. זי איז לעבן אַשס מאָנומענטאַלע מוטער־געשטאַלטן אין זיין ראָמאַן „די מוטער" און אין דעם באַנד „וואַרשע" פון דער „דריי־שטעט"־טרילאָגיע

איינע פון די שענסטע מאָמעס און פרויען, וואָס מען האָט אין דער מאָדערנער ייִדיש־פּראָזע געמאָלן.

די מומע ליבע איז שיין, זי איז קלוג, זי האָט אַ גילדן האַרץ און אַ שטאָלענעם ווילן, און אַ שפּע הומאָר, זי איז הכנעהדיק און איז אין דער זעלבער צייט באַלויכטן מיט גרויסן מענטשלעכן שטאָלץ. זי איז אַ יונגע פרוי וואָס קינדלט נאָך, אָבער אין לעבנס־חכמה און אין לעבנס־דערפאַרונג איז זי אַ מענטש וואָס האָט שוין אָפּגעלעבט נישט אַנדערש ווי צוויי לעבנס.

עטלעכע פון די זאָגענישן וואָס עלי שעכטמאַן האָט אַריינגעלייגט אין מויל פון דער מומע ליבע וויל איך דאָ ציטירן. ווען מיר זאָלן נאָך היינט האָבן דאָס ייִדישע פאָלק פון „ערב", וואָלטן דער מומע ליבעס זאָגעכצער אַריין אין דער פאָלקסשפּראַך אויף דאָרט צו לעבן.

ריידנדיק מיט איווען וועגן דעם בעל־תשובה אבנר, וואָס האָט אָקערשט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זאָגט די מומע ליבע: „מען יאָגט זיך נאָך אַ שאָטן פון אַ האָז און מען שיסט אין זיך אַליין".

און די זעלבע איווע, וואָס וויל זיך גטן מיט איר מאַן, וואָרנט די מומע ליבע: „דו ווילסט זיך ראַטעווען פון רויך, זע זאָלסט חלילה נישט אַריינשפּרינגען אין פייער"...

און ס'איז דאָך אין לדבר סוף, איז נאָך צוויי, הגם עס גלוסט זיך איבערצודערציילן דער מומע ליבעס ווערטער.

וועגן דער גייסטיק־קראַנקער שוועגערין נעכע, וואָס מוטשעט זיך שוין לאַנג מיטן טויט, זאָגט די מומע ליבע: „די נשמה איז אין נעכען שוין לאַנג געשטאָרבן, און אַן אַ נשמה איז דעם גוף זייער־זייער שווער צו שטאַרבן"...

און איר אייגענעם מאַן שמריה וואָס איז אַ פאַנטאַסט און לעבט מיט חלומות און מיט ווונטשגעדאַנקען כאַראַקטעריזירט די מומע ליבע אַזוי — „שמריה זעט שוין איצט אַלץ אין אַ העל ליכט — ביי אים שפּילט שוין דאָס ווינטשפּינגערל אין לינקן אויג".

אין סך־הכל וויל איך וועגן עלי שעכטמאַנס „ערב" זאָגן, אַז לעבן דוד בערגעלסאָנס „פּענעק" (טראָץ אַלע אידעאָלאָגישע זלזולים אויפן ייִדישן לעבן, נאָך אַלץ אַ בריליאַנטענער ראָמאַן) און משה קולבאַקס „זעלמעניאַנער" און דעם נסתרס „משפּחה מאַשבער" איז עלי שעכטמאַנס בוך איינס פון די וויכטיקסטע בעלעטריסטישע ווערק, וואָס די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אונדז געגעבן.

ישעיהו שפּיגל

מען האָט אין דער יידישער אַמעריקע ווייניק געשריבן וועגן דעם בעלעטריסט ישעיהו שפּיגל, וואָס וווינט אין ישראל און האָט ביז איצט שוין אַרויסגעגעבן זעקס בענד דערציילונגען. ס׳קאָן גאָר זיין, אַז עס איז נישט אַזוי, און דאָס איז בלויז מיינס אַן אויסדוכטעניש. אָבער אויב אפילו נאָר אַן אויסדוכטעניש, נעמט זי זיך, ראשית, פון מיין אייגענעם שולדגעפיל און שנית, פון דער איבערצייגונג, אַז וויפל מען זאָל וועגן אים נישט האָבן געשריבן, איז עס ווייניק, וואָרעם ישעיהו שפּיגל איז, היינט צו טאָג, בלי ספק איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע פּראָזע־מייסטערס אין דער יידיש־ליטעראַטור.

זיין פּראָזע צייכנט זיך אויס אי מיט איר אייגענער טעמאַטיק און אי מיט איר העכסט אייגענעם אופן פון געשטאַלטיקונג. שפּיגלס דערציילונגען פאַרמאָגן אַ זעלטענעם לירישן ציטער, אָריגינעלע שפּראַך־בילדערישקייט, ווונדערלעכע נאַטור־געמעלן און — עס שטייט הינטער זיי אַ שרייבערישע פּערזענלעכקייט מיט אַן אַליין פאַרהאַרעוועטן בליק אויף לעבן, אויף מענטשן און אויף באַציונגען צווישן מענטשן.

שפּיגלס טעמאַטיק איז אַ העכסט אייגענע, הגם זי איז די טעמאַטיק פון חורבן און פון חרוב־געוואָרענע מענטשן, וואָס עס איז זיי שווער, און טאָקע אוממעגלעך, איבערצובויען זייער לעבן און זיך איינצוגלידערן אין דעם נייעם ישראלדיקן אויפקום. וואָס קאָן, דאַכט זיך, זיין מער רשות־הרבימדיק ווי אָט דער מאָטיוו פון יידן אין געטאָ און פון יידן, אַריינגעקומענע אין יידישן לאַנד, וואָס זענען צו אַלט און צו געבראָכן, צו ווערן נייע עולים ?

דער סוזשעט איז טאָקע נישט קיין נייער, אָבער ניי און אָריגינעל איז ישעיהו שפּיגלס זעונג פון די געשטאַלטן, וואָס ער פירט אַרויס אין זיינע זעקס פּראָזע־ביכער, אָנהייבנדיק פון „מלכות געטאָ״ אין 1947 און ביז צו די זעכצן דערציילונ־גען, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אין זיין באַנד אונטערן נאָמען „די בריק״ (תל־אביב, 1963).

אויך אין דעם שם הכולל פון שפּיגלס נייעסטן בוך וואָלט פּאַסיק געווען אַריינ־צושטעלן דאָס וואָרט „מלכות״. די ערשטע זאַמלונג האָט געהייסן „מלכות געטאָ״. די איצטיקע וואָלט מען געקאָנט באַצייכענען מיטן נאָמען „מלכות עלנט״. און מלכות מיינט ביידע מאָל נישט בלויז געאָגראַפישער אויסשפּרייט, נאָר דאָס וואָרט האָט אויך, און קודם־כל, דאָס זינען צו זאָגן, אַז די פּסיכישע קוואַליטעט פון די מענטשן און פון זייער עלנט איז אַ קעניגלעכע.

נישט נאָר האָט ישעיהו שפּיגל אויפגעשטעלט אַ בעלעטריסטישע אימפּעריע

פון עלנטע געשטאַלטן, נאָר די הויפּטגעשטאַלט פון כמעט יעדער פון די דער־ציילונגען איז על־פּי געמיט אַ מלך, אַ דעטראָנירטער, אַ פּאַרטריבענער קעניג, אָבער אַ מאַן מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ. נישט איינער פון זיי ווערט געפּלאָגט פון הונגער און גייט אַרום אין שמאַטעס, אָבער קיינער פון זיי פאַרגעסט נישט, אַז ער איז אַ מאָל געזעסן אויף אַ טראָן, און יעדער פון זיי טראָגט זיך אַרום מיט עפּעס אַ זכר פון דער אַמאָליקער קעניגלעכקייט. און אַז ס'איז שוין כולו כל הקיצין און די געבראָכנקייט נעמט די אויבערהאַנט איבער דער יחוסדיקער חשיבות פון שפּיגלס מענטשן, קומט די דערמאָנונג וועגן ערגעץ אַ באַהאַלטענער זאַך אָדער וועגן ערגעץ אַ פאַרהוילענעם מאָמענט פון אַמאָליקן לעבן און ברענגט צוריק די מענטשלעכע חשיבות. דער אַרום כאַפּט נישט תמיד אויף די סימבאָליק פון „די אַלטע, דומע זאַכן, וואָס וועלקן קיין מאָל נישט", אָבער דער מענטש וואָס האַלט די געפונענע „אַלטע זאַך" אין האַנט שפּאַרט זיך אויף איר זעליש אָן און גלייכט זיך אויס. איצט גייט ער אַקעגן דער דערנידעריקונג, דער געפאַלנקייט און דעם טויט מיט קעניגלעכער חשיבות. און די „אַלטע זאַך" איז אין זיין האַנט דער סצעפּ־טער פון מלכות.

נישט בלויז לענאַ און מינע פון דער דערציילונג, „די קוקאַווקע" זענען „געווען פון אַזעלכע אַלטע וואָרצל־געוועבן, וואָס די צייט און דער שטורעם, די נויט און די איינזאַמקייט פאַרטיליקן קיין מאָל נישט אין זיי די זילבערנע, קיימענדיקע פעדעם פון דער ערשטער זריעה". כמעט דורכויס אַלע שפּיגלס געשטאַלטן זענען געמאַכט פון דעם שטאָף. די ערשטע זריעה מיט די זילבערנע פעדעם קאָן דורך נויט און אומגליק פאַרהוילן ווערן, אָבער זי גייט קיין מאָל נישט אונטער. זי שטאַרבט נישט אַוועק.

דער אייבערקעלנער אַלבערט פיש פון דער דערציילונג „אַ זילבערנער בע־כער" און גערטאַ, די העלדין פון דער געשיכטע וועגן „דער רויטער זשאַקעט" (די צוויי דערציילונגען, פון די סאַמע שענסטע און אויפרודערנדיקע ביי שפּיגלען, זענען ממש פערלען אין דער יידיש־בעלעטריסטיק) זענען פון דעם דאָזיקן שטאָף און זיי שטאַרבן מיט דעם סצעפּטער פון זייער קעניגלעכקייט אין האַנט.

דער אייבערקעלנער אַלבערט פיש, וואָס איז אַ קוואַרטיראַנט ערגעץ ביי אַ יידן אין אַראַבישן קוואַרטאַל, איז שוין אַראָפּגעפאַלן ביזן סאַמע תהום פון נויט. ער איז הונגעריק, ער איז באָרוועס און נאַקעט, ער איז קראַנק און באַלד וועט ער נישט האָבן אויך קיין דאַך איבערן קאָפּ, ווייל ער האָט נישט צו באַצאָלן קיין דירה־געלט.

ס'איז פאַרן געוועזענעם אייבערקעלנער אַלבערט פיש נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג, ווי צו ווערן אַ בעטלער. אין איינעם אַ טאָג, ווען די בעלי־בתים פון דער דירה זענען אַוועקגעפאָרן קיין דרום אויפן קבר פון זייער געפאַלע־נעם זון און פיש איז געבליבן אַליין אין דער היים, איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ

דערמאָנונג פון אַן „אַלטער זאַך, וואָס וועלקט קיין מאָל נישט". ער האָט אַרויס־געשלעפּט פון הינטערן בעט זיין אַלטן צעבראָכענעם טשעמאָדאַן און פון דאָרט אַרויסגענומען דעם קעלנערישן פראַק און פון אונטער כלערליי קליייניקייטן אויך אַרויסגעגראָבן אַ זילבערנעם ווייַנבעכער, וואָס איז געשטאַנען, אַרומגעהילט אין דער פּרימאָרגן־גראָקייט אין זיין שטאָלצער, זילבערנער איינזאַמקייט, ווי אַ יונגער, שלאַנקער גוף, וואָס גרייט זיך צום לעבן".

און אָנגעטאָן אין פראַק און מיט דעם זילבערנעם בעכער אין האַנט האָט זיך דער געוועזענער אייבערקעלנער אָוועקגעשטעלט ביי דער גאַס לענג־אויס דעם ים בעטן נדבות. די פאַרבייגייער האָבן געמיינט אַז דער זקן איז אַראָפּ פון זינען, אַנדערע, אַז ער האָט צו פאַרקויפן אַ בעכער, און די מייַנסטע האָבן חוזק געמאַכט פון דעם מאַן אין „פראַנץ יאָזעפס פראַק", אין צעריסענע שיך און מיט אַ שווערן זילבער־אַנטיק אין האַנט.

דער אייבערקעלנער האָט זיך אויף זיי אַלע נישט אומגעקוקט. ער האָט דער־הערט דעם קלאַנג פון דער ערשטער געוואָרפענער מטבע אין בעכער און „זיינע אַלטע ליפּן האָבן נצחונותדיק געשמייכלט, אַן אַלטן פאַרוויאַנעטן שמייכל צווישן די פאַרטריקנטע יאָסלעס. דער מטבע־קלאַנג אין בעכער איז לחלוטין נישט געווען ענלעך צום קלימפּערייי פונעם בלינדן, קעגן איבער, מיט דער פאַרזשאַווערטער פליישפּושקע".

און אַט דער שבת־בעכער מיטן זילבערנעם ייחוסדיקן קלאַנג האָט אויפגעריכט דעם זקן. ער האָט צום ערשטן מאָל געהאַט דאָס געפיל, אַז ער שטייט אויף זיין ערד, וואָס האָט זיך ווי דער בעכער פונעם טשעמאָדאַן „אַרויסגעהויבן פאַר אים פונעם טיפסטן דנאָ".

איצט איז דער אייבערקעלנער אַלבערט פּיש צוריק געווען ער, אין זיין פולער קעניגלעכער ווערדע, און ער איז געשטאָרבן אַ זיגער — ער איז געגאַנגען צום טויט „מיט לייכטער פויגלשער פרייד און אָן פּחד, ביז צום לעצטן פאַרזיגלטן סוד".

און מיט נצחון צום „פאַרזיגלטן סוד" גייט אויך די איינזאַמע פרוי גערטאַ, וואָס וווינט אין אַ צימערל לעבן דער הויכער וואַנט, ווו ס'שטייען די מיסטעמערס. זי האָט אַ געליימט קינד אין דער היים, און די שכנים זענען פול מיט חשדים, אַז זי איז „פון יענער פּראָפעסיע". גערטאַ גייט פרייוויליק אין טויט אַריין און די פּאָליציי ברענגט אַהיים דעם רויטן זשאַקעט מיט אַ בריוול, אַז מען זאָל נישט פאַרגעסן אַרויסצופירן דאָס קראַנקע קינד אונטערן איינזאַמען מאַראַנצן־בוים, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט צו בליען און צו וואַקסן דאָ צווישן און איבער די מיסטעמערס, און פאַרן „רויטן זשאַקעט" — זאָגט זי אָן — וואָלט צום בעסטן געווען צו קויפן „אַ וואַרעם מלבוש פאַר דער קליינער, אויסגעבעט מיט אַ שטיקל פוטער".

פון דער איינזאַמער יונגער מוטער, ווי שפּיגל האָט זי געשטאַלטיקט, ווייעט

מיט זעלטענע צניעות און נשמה־ריינקייט, און אויך מיט דערהויבענעם יחוסדיקן שטאָלץ, מיט עפּעס אַן אייביקער נצחונדיקער בליונג. נאָכן איבערלייענען די דער־ציילונג כאַפּט מען זיך, אַז דער מאַראַנצן־בוים איבער די מיסטעמערס איז נישט בלויז רעאַליטעט, נאָר אויך אַ פּאַראַבל פאַרן זיגערישן בלי אין איר איינזאַמען טרויעריקן לעבן און אויך אין איר מוטיקן פּריוווילִיקן טויט.

די יונגע מוטער „מיטן רויטן זשאַקעט" אין שפּיגלס דערציילונג איז ווי דער בוים, וואָס גלייך „ער וואָלט געשטאַנען איינגעהילט אין אַ קעניגלעכן, קאַלירטן מאַנטל. צווישן די שפּאַרנדיקע בליטן־ריחות און דעם מיסט־נעפּל קלמט טאָקע פאַר די מלחמה אין ווינקל. מען זעט שוין דעם בליטנדיקן נצחון פון קעניגלעכן מאַנטל איבער דער מיסט־טוכלעקייט".

און דאָ זענען מיר אויך אין סאַמע מיט פון ישעיהו שפּיגלס אָריגינעלע און זעלטן שיינע נאַטורבילדער. די אָריגינעלקייט פון שפּיגלס פּייזאַזשן איז, וואָלט איך געזאָגט, וואָס זיי זענען נישט באַשרייבונגען, נאָר דורכויס נאַטור־געמעלן.

שפּיגלס דרך איז — ווייניקער צו דערציילן וועגן דער נאַטור און מערער זי צו מאָלן. ער איז אַ מייסטער פון קאָלירן. יעדער זאַץ פּענדזלט אַן אַ סוגעסטיווע פאַרב. עטלעכע זאַצן — און נישט איר לייענט אַ באַשרייבונג פון דער לאַנדשאַפט, נאָר זי שטייט פאַר אייך אויסגעמאָלן אויף דעם לייוונט.

אָט איז די לאַנדשאַפט פון רעגנצייט אין ארץ־ישראלדיקן פלאַכלאַנד. „די קליי־נע רעגן־סאַדזשעלקעס, פאַרבליבענע נאָך די פליייצרעגנס אין די נעכט, האָבן לאַנג געבלענדט ביי טאָג צווישן די נאָך לידיקע בנינים. זייער קאָליר איז געווען אַ פּערל־מוטערנע און הימלדיקע. נידעריקע טאַלוואַלקנס זענען געלעגן געפאַנגען אין די סאַדזשעלקעס, ווי שוואַרצע הימלשיפן מיט פאַרזיגלטע, סודותדיקע גורלות".

אַזעלכע, מיט קאָליר פליייצנדיקע און מיט קאָליר איבערצייגנדיקע, לאַנד־שאַפט־בילדער זענען פאַראַן אַ סך אין ישעיה שפּיגלס דערציילונגען. די בילדער זענען אין בעסטן סטיל פון אימפּרעסיאָניסטישער מאָלעריי. די פאַרבניואַנסן, וואָס ווערן אויפגעכאַפּט אין דער שטימונג פונעם מאָמענט, פאַרפּיקסירן די פולע גאַנצ־קייט און וואָרהייט פונעם בילד — די וואָרהייט פון גוף און נשמה. דאָס מיינט רעאַ־ליסטישע פּראָזע, דורכגעציטערט פון טיף לירישער איבערלעבעניש.

אין זיינע לאַנדשאַפט־געמעלן, ווי אין זיין געשטאַלטיקונג פון מענטשן און גע־שעענישן, איז ישעיהו שפּיגל אַ לירישער דיכטער (שפּיגל האָט דעביוטירט אין אונדזער ליטעראַטור מיט אַ קנאַפּן פערטל יאָרהונדערט צוריק מיט אַ בוך לידער „מיטן פּנים צו דער זון"). זיין פּראָזע פאַרמאָגט אַ לירישן ציטער, וואָס ווערט תמיד קינסטלעריש געמייסטערט. שפּיגלס פּראָזע נעמט קיין מאָל נישט קיין העכערן טאָן. זיין ציטער גייט קיין מאָל נישט איבער אין קיין טריאָלאַ און די דראַמאַטישקייט פון די געשטאַלטן און געשעענישן זינדיקט קיין מאָל נישט מיט דעם מינדסטן קנייטש פון מעלאָדראַמע און סענטימענטאַליזם.

די דראַמע פון שפּיגלס מענטשן און געשעענישן איז (נוצנדיק טאַקע זיינס אַ וואָרט) געשוואָלן מיט שטילקייט.

די דאָזיקע שטילקייט איז נישט קיין סימפּטאָם פון עפּעס אַ קרענק. ניין, זי איז דער גבורה־עלעמענט אין דער דראַמע פון שפּיגלס מענטשן, אַלע פּשוטע, אָרע־מע און אויסגעוואָרצלטע בשר־ודמס, אָבער אַלע על־פּי זייער נשמהדיקן סטאַטוס דעטראָנירטע, פּאַרטריקנטע מלכים, מיט אַן אומגעזעענער קרוין אויפן קאָפּ.

אין שייכות מיט שפּיגלס געראָטענער פאָרמולירונג „געשוואָלענע שטילקייט" איז כדאי אָנצווייזן, אַז ער איז ממש אַ מאַדים אויף אָוועקשטעלן אַדיעקטיוון, וואָס זענען אַזוי פּינקטלעך און צו דער מאָס אַריינגעזעצט, אַז מען קאָן זיי ממש נישט רירן פון אָרט. וויפל מען זאָל נישט נאָכטראַכטן, קאָן מען נישט פאַרבייטן אַזאַ אַד־יעקטיוו ווי „פאַרשטאַרבענע", פאַר אַלטע אַרויסגעוואָרפענע מעבל, אַזאַ שם התואר ווי „צעבראָכענע", פאַר דעם ניגון פון „גאָר אַלטע טויטע צייטן" וואָס די אַלטע עלנטע אלמנה מאַטילדע האָט ליב געהאַט אונטערצוברומען, און מען קאָן אויך נישט ריכטיקער כאַראַקטעריזירן די בלאָלעכע ראַנדן פון די אויגן ביי דעם אַלטן מיידל מינע, ווי נאָר דורך צושטעלן צו די ראַנדן דעם סמיכות: איינזאַמקייט, אַז עס זאָל קענען ווערן „בלאָלעכע איינזאַמקייט־ראַנדן".

שטילקייט, האָב איך געזאָגט, איז אַן עלעמענט פון דראַמע ביים דערציילער שפּיגל. שטילקייט פּלוס פינצטערניש פון גורל זענען ביי שפּיגלען נאָך מער — זיי זענען די אַטמאָספער אין וועלכער עס דערוואַכט דאָס אויג און דאָס האַרץ פון מענטשן אויף צו דערזען דעם מענטש.

ווען דער בעל־הבית פון דער קוואַרטיר הערט אין דער נאַכט רעדן און פיבערן פון שלאָף זיין קוואַרטיראַנט, דעם געוועזענעם אייבערקעלנער אַלבערט פיש, זעצט ער זיך אַוועק ביי זיין בעט דערגיין וואָס ס'איז אים, און שפּיגל לאָזט דערביי דעם אַלטן אייבערקעלנער אין זיך רעזאָנירן —

„ער (דער בעל־הבית) רעדט צו אים אַזוי בלויז איצט, ווייל ס'איז נאַכט, ווייל ס'איז פינצטער, ווייל איינער זעט נישט דעם צווייטנס פּנים. אפשר זענען טאַקע מענטשן בעסער צו זיך בלויז אין דער פינצטערניש".

אין דער פינצטערניש פון גורל דערזעען זיך מענטשן בעסער און אין דער שטילקייט דערהערן זיי גיכער אי גאָט און אי זיך אַליין.

מאַדאַם קנאָל, וואָס האָט געלייענט און געלייענט איר ביבל אויף טשעכיש האָט געוווּסט, אַז „אין שטילקייט, בעת זי איז בלויז מיט זיך, ווערט גאָטס וואָרט פון די בלעטער אַזוי קלאָר און דורכזיכטיק"...

און דער ותיק מנחם טאָפּער טענהט צו זיין געוועזענער פריינדין רחל אין דער דערציילונג „די שבועה" — „ווייסטו וואָס ס'פעלט אונדז אין לאַנד? — שטילקייט. אין שטילקייט הערט איין מענטש דעם צווייטן... אין שטילקייט זעט איין מענטש דעם צווייטן"...

שלמה ביקל

איך ווייס נישט, צי אַזאַ וועלטבילד האָט דעם כוח פון אַ מאָראַלישן לעבנס־סטימול. אָבער איך ווייס יאָ, אַז די דאָזיקע וועלטזעונג האָט ישעיהו שפּיגלען גע־האָלפן צו געשטאַלטיקן די וווּנדערלעכע און קינסטלעריש געדויערנדיקע מענטשן־גלאַריע פון זיינע דערציילונגען.

דער דערציילער מענדל מאַן

א

קערנער אין מידבר

מענדל מאַן געהערט צום דעם דור שרייבער וואָס איז צווישן טאָוולען אויפ־געקומען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָנגעהויבן האָט מאַן מיט צוויי לידער־זאַמלונגען אין די וואָגל־יאָרן נאָך דער מלחמה, ערב זיין עולה זיין קיין ישראל, און אין די צוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט האָט ער אַרויסגעבראַכט נאָך צען ביכער, פון זיי פינף בענד דערציילונגען און פינף ראָמאַנען, וואָס דריי פון זיי זענען אַ טרילאָגיע וועגן דעם רוסיש־דייטשן קריג. דער ראָמאַניסט האָט זיך אין דעם קריג באַטייליקט ווי אַ סאָלדאַט אין דער רויטער אַרמיי און האָט מיט איר אַריינמאַר־שירט קיין בערלין.

מענדל מאַן איז אַזוי אַרום נישט בלויז איינער פון די באַגאַבטסטע יידיש־שרייבער פון זיין גענעראַציע, נאָר אויך איינער פון די פּראָדוקטיוווסטע. און פון צווישן זיינע בני־דור איז ער אויך איינער פון די מייסטן איבערגעזעצטע אויף העברעיש און אויף די אייראָפּעישע הויפּטשפּראַכן: פראַנצייזיש, דייטש, ענגליש.

מאַנס נייעסטער באַנד דערציילונגען אונטערן נאָמען „קערנער אין מדבר" איז דערשינען אין פאַרלאַג „אונדזער קיום" אין פּאַריז, ווו מענדל מאַן איז אַ תושב זינט 1961 און פאַרנעמט דאָס פּלאַץ פון הויפּט־רעדאַקטאָר אין דער טאָגצייטונג „אונזער וואָרט". די דערציילונגען זענען טאַקע צום גרויסן טייל געווען געדרוקט אין די פאַרגרעסערטע ערב שבת־נומערן פון דער פּאַריזער צייטונג. איך דערמאָן דאָס, ווייל איך האָב אַ היפּש ביסל פון זיי דאָרט געלייענט און האָב זיי איצט מיט דער זעלבער געשפּאַנטקייט פון דאָס ניי איבערגעלייענט אין בוך.

מענדל מאַן איז אַ לירישער דערציילער און די לירישע נאַטור־באַשרייבונגען און רעפלעקסיעס האַלטן בטבע אויף דעם אימפּעט פון דעם דראַמאַטישן סיפּור־המעשה.

אָבער אין מענדל מאַנס דערציילונגען, לכל הפחות אין די ערשטע צווי טיילן פונעם בוך, וואָס הייסן „קערנער אין מדבר" און „אייז־קריעה", איז די דראַמע פון דער געשעעניש אַזוי צוגעשפּיצט, אַזוי אומגעוויינלעך און אַזוי איבעררעאַשנ־דיק, אַז מען קאָן ממש נישט כאַפּן דעם אָטעם. מען איז אַזוי אויסגעפּולט פון דער דראַמע, אַז אַלץ איבעריקע טרעט אָפּ אין אַ זייט. דער לייענער פאַרגעסט דעם ליריש־דערציילערישן וועג מיט די פּרעכטיקע נאַטור־באַשרייבונגען, וואָס ער איז אָקערשט מיטגעגאַנגען מיט מענדל מאַנען און האָט גאָר איין פאַרלאַנג: אָנכאַפּן עמעצן ביים לאַץ און אים איבערדערציילן די מעשה, וואָס ער האָט אָקערשט געלייענט.

ב

נאָכוויייענישן פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע

דער געאָגראַפישער הינטערגרונט פון די דריי אָפּטיילונגען אין מאַנס דער־ציילונג איז אַ פאַרשידענער. אין דעם ערשטן טייל, אונטערן נאָמען „קערנער אין מדבר", איז די לאַנדשאַפט אַ ישראלדיקע און די „פּערזאָנען פון דער דראַמע" תושבים אין דער יידישער מדינה.

אין דער צווייטער אָפּטיילונג איז די דרויסנדיקע דעקאָראַציע אַן אינטער־נאַציאָנאַלע. אָט איז אַ כאַטע אין טיף ראַסיי און אָט אַן עשאַלאָן פון פּליטים אין פּוילן, אָט אַ קליין שטעטל און אַ דאָרף אין דייטשלאַנד, אַ פאַרם אין טעקסאַס, אַ שטאָט אין פּוילן, אַ תליה אויף אוקראַאינישע פעלדער און אַ שעפּסן־פאַרם אין אויסטראַלישן מדבר.

די דרויסנדיקע דעקאָראַציע איז אַ פאַרשיידענע, אָבער דער גרונטמאָטיוו פון די דערציילונגען איז איין און דער זעלביקער: די נאָכוויייעניש פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע.

די פיזישע און גייסטיקע קאַטאַסטראָפע, וואָס איז באַפאַלן דעם יידישן מענטש אין יענע שוידערלעכע יאָרן, האָט זיך נישט געענדיקט מיטן סוף פון די געשעענישן. דאָס שפּעטערע לעבן פון די קרבנות איז נישט בכוח אַרומצוזוימען די פריערע איבערלעבענישן. עס הענגען נאָך צוויטן און באַמבען אַרום אין דער נשמה פון די מענטשן און פאַרוואַנדלען זייער רויִק לעבן אין אַ גיהנום פון דערמאָנונגען.

מענטשן ווילן פאַרגעסן, אָבער דער זכרון דערקוטשעט, און טאָמער איז שוין דער זכרון לייטזעליג און שטילט זיך איין, באַווייזט זיך פּלוצעם עמעצער, וואָס קען דיך פון דאָרטן, האָט דיר אַפילו גוטס געטאָן, און זיין אויפטו צעברויזט די דערמאָנונגען און באַנייט די שרעק אין געמיט ביז שגעון.

איינער פון די סאַמע דראַמאַטישסטע ביישפּילן איז די באַגעגעניש מיט אַ פרוי

פון „דאָרטן״ ביי אַן אויטאָבוס־סטאַנציע אין רמת־גן. דער פרעמדער, דערנאָך קענטלעכער און דערנאָך דערקענטער ייִד, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ סאָוועטישער אָפיציר, האָט די פרוי גערעטעוועט פון שאַנד און פון אונטערגאַנג. אַן אוקראַיִנישער פויער האָט זי פאַרגוואַלטיקט, ווען די צוואַנציק־יעריקע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. און זינט דעמאָלט האָט זי געלעבט מיט די רוצחים, מיט די דייטשע און אוקראַיִנישע, כדי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן, ביז — ס'איז געקומען די באַפרייונג. אַ סאָוועטישער אָפיציר, וואָס האָט גערעדט יידיש, האָט זי געלאָזט אַרעסטירן, כדי זי אַרויסצורייסן פונעם זומפּ.

איצט איז די גערעטעוועטע די פרוי פון אַן אינזשעניר און די מאַמע פון צוויי קינדער אין רמת־גן, און וויל אַלץ פאַרגעסן. זי טרייבט איר רעטער ווי עפּעס אַ ביין געשפּענסט פון דער פאַרגאַנגענהייט און שרייט צו אים היסטעריש — „פאַר־געסט און לאָזט מיך אויך פאַרגעסן !״

דאָס מענטשלעכע געמיט איז איין גרויסער פּלאָנטער. פּונקט ווי עס ברויזט אין אים די היסטעריע צו פאַרגעסן, אַזוי זידט אין אים מיט דער זעלבער ווילדקייט די היסטעריע צו געדענקען. די ניצול־געוואָרענע פון דער דערציילונג „די באַגעגעניש אין רמת־גן״ — איר רפואה איז אומדאַנק און פאַרגעס. מאַניטשקאַ, די גערעטעוועטע פון דער מעשה „די הייליקע פון סדום״ וויל זיך היילן מיט געדענקען און מיט דאַנק־שאַפט. זי האַלט ביי זיך די גאַסנפרוי זאָשאַ — איר פאָטערס אַ געליבטע — וואָס האָט זי אויסבאַהאַלטן און גערעטעוועט פון אומקום. זי האַלט זי ביי זיך קעגן ווילן פון איר מאַן, וואָס האָט זיך דערוווּסט, אַז זאָשאַ איז אַ פּראָסטיטוטקע, וואָס שטעלט זיך יעדן פאַרנאַכט אויף „ראַג זאַכאַדניע גאַס״ וואַרטן אויף קונים. מאַניטשקאַ קלייבט אויס צווישן דער גאַסנפרוי און איר מאַן, ווייל זי „האָט געפילט פאַרערונג און דאַנקבאַרקייט פאַר צוויי מענטשן, און ביידע האָבן זיך פאַראייניקט אין איר זכרון: דער פאָטער, דער קצב, און זאָשאַ״.

מאַניטשקאַ האָט אין זיך אויפגענומען און האָט פאַרגעדענקט, וואָס זאָשאַ האָט צו איר אַ מאָל געזאָגט, נאָך דעמאָלט ווען די דייטשע רוצחים האָבן געבושעוועט אין שטאָט : „מען מאָרדעט ! מען פאַרברענט מענטשן לעבעדיקערהייט און די געפאַלענע און די זינדיקע — בין איך, די אָרעמע זאָשאַ. ווען גאָט וואָלט אַראָפּ־געשיקט זיינס אַ הייליקן, וואָלט ער קיין מער ריינערן אָרט אין דער הפקרדיקער שטאָט נישט געפונען, ווי מיין געלעגער״.

פאַראַן אין דער מעשה וועגן דער „הייליקער אין סדום״ עפּעס וואָס דערמאָנט אין שלום אַשס „גאָט פון נקמה״. דאָרט ביי אַשן איז די ספר־תורה, די הייליקייט, וואָס דאַרף האַלטן ריין שאַפּשאָוויטשעס טאָכטער אין דער מיט פון דער אומריינ־קייט פון די „זאָשאָס״. פון דעמאָלט אָבער האָט זיך די וועלט דערקייקלט ביז היטלערישער פאַרברעכערישקייט און די זונה זאָשאַ ווערט דאָס „ריינסטע געלעגער״ אין דער מיט פון נאַצישן רויב און מאָרד.

ג

שניידנדיק חרטה־געפיל

אין אַנדערע צוויי אויפטרייסלענדיקע דערציילונגען „די פּאַרמאַכטע טיר" און „דער שטילער מענטש פון דער נביאים־גאַס" געשטאַלטיקט מענדל מאַן דאָס שניידנדיקע חרטה־געפיל פון האָבן זיך געראַטעוועט און איבערגעלאָזט אַ נאָענטן מענטש.

אין „די פּאַרמאַכטע טיר" איז די רייד וועגן אַ מאַמען, וואָס אַנטלויפנדיק פון די דייטשע רוצחים האָט זי אַוועקגעוואָרפן אין וואַלד איר טעכטערל.

איצט איז די מאַמע אין ישראל און עס איז צו איר דערגאַנגען, אַז די אין צווישן שוין דערוואַקסענע טאָכטער געפינט זיך ערגעץ אין תל־אביב אין אַ הויז אויף אַ נייעם געסל, וואָס שניידט זיך אַריין אין רחוב ארלוזורוב. די מאַמע גייט זוכן די גאַס און דאָס הויז און איז פול מיט שרעק, טאָמער וועט די טאָכטער זי נישט וועלן זען, וועט איר נישט וועלן מוחל זיין.

מאַן מיידט אויס אונדז צו געבן די סצענע פון באַגעגעניש מיט דער טאָכטער, אָדער גאָר פון נישט אַריינלאָזן די מוטער. די דאָזיקע סצענעס פון איבערבעטונג אָדער פון פאַרצווייפלונג וואָלטן סוף־כל־סוף געבליבן הענגען אויף איינער אַן אומגליקלעכער מאַמע, אָבער ווען די דערציילונג ענדיקט זיך מיט אַ „פּאַרמאַכטער טיר" און מיט אַ שטילן, אומדראַמאַטישן „איך האָב לאַנג געקלאַפּט, איך וועל מאָרגן ווידער קומען" צאַפּלט נישט בלויז דאָס פּייערל פון שגעון פון איינער אַ מאַמע, נאָר עס פלאַקערן ממש די פייערן פון אַ משוגענער צייט, וואָס האָט אויסגעלאָשן אייביקע מענטשלעכע געפילן און האָט נישט נאָר פאַרוואַנדלט דעם נאָציזשן יעגער אין אַ ווילדער חיה, נאָר האָט אויך געמאַכט פאַר אויס מענטש דעם יידישן קרבן.

אין דער צווייטער דערציילונג „דער שטילער מענטש פון דער נביאים־גאַס" איז דער חרטה־העלד דער פּאַסאַזשיר פון דער שיף „ירושלים", וואָס האָט איבער־געלאָזט זיין מוטער און זיין יינגסטן ברודער, ווען ער איז אַוועק קיין רוסלאַנד. ער האָט זיי איבערגעלאָזט, כאָטש זיי האָבן זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי מיט־נעמען.

אפשר דערפאַר, וואָס דער פון חרטה געפּלאָגטער איז דאָס מאָל אַן אַלטער עגאָ פונעם מחבר גופא, האָט מאַן געבויט די דערציילונג אַזוי, אַז עס זאָל אים האַלב אין חלום און האַלב אויף דער וואָר נאָכגיין עפּעס אַ מיסטעריעזע געשטאַלט, אַ מין משולח, וואָס ער געדענקט אים ווי דעם „שטילן מענטש פון דער נביאים־גאַס" און זאָל אים דערקוטשען מיט דערמאָנונגען. די משולח־געשטאַלט גיט דעם מחבר אַ מעגלעכקייט אי זיך לייכטער צו מאַכן דורך ווידוי און אי זיך אויסצוטענהן מיטן משולח און דאַדורך שטילער צו מאַכן זיין מוסר און פון אים צו מינערן.

פון דעם זעלבן מין נערוון־צערייסנדיקע דערציילונגען זענען אויך די מעשות „מיט די אייגענע הענט", ווו אַ יידיש מיידל, וואָס האָט געלעבט מיט דעם אוקראַי־נישן רוצח אומאַניוק קומט בעטן פאַר זיין לעבן, ווייל ער איז דער פאָטער פון איר קינד; „דער אַפטייקער פון בערלין", וואָס זיין טאָכטער איז זיך מודה פאַר סאָווע־טישע סאָלדאַטן, אַז דער פאָטער האָט אַרויסגעגעבן איר יידישע מאַמע צו די נאַציס און איצט איז ער איר (דער טאָכטערס) מאַן; דער יידישער פליט פון דאָרטן דערקענט אין אַ שעפסן־פאַרם אין אויסטראַלישן מדבר דעם דייטשישן אויפזעער פון זיין לאַגער, יאָגט אים נאָך מיט זיין לאַסט־אויטאָ און פאַרט אים איבער אויף טויט; דער יידישער קאַצעטלער, וואָס פאָרט אייגנס אַהין אין דעם דייטשן שטעטל ווירט, כדי אויסצוגעפינען דעם הויפטמערדער פון זיין לאַגער, ווילי האַנטקע, געפינט דאָרט דעם מערדערס פרוי און טאָכטער, בלייבט ביי זיי וווינען און האָט חתונה מיט דער טאָכטער אין דער קירך און טרייסט זיך, אַז דערמיט האָט ער זיך נוקם געווען אין דעם רוצח האַנטקע; און צום סוף דער רוסישער קאַפּיטאַן, וואָס לייענט ביים הענגען אַ פאַרמשפּטן, אויף אַ קינסטלערישן אופן דעם אורטייל, ווייל — ער איז לויט זיין ציווילער פּראָפעסיע אַן אַקטיאָר.

איז געמאָלט אַ גרעסערער חוזק פון נקמה און אַ גרעסערע פאַרשפּאָטונג פון קונסט, ווי זיי ווערן געשטאַלטיקט פון מאַנען אין די צוויי דערציילונגען?!

לירישער הומאָר

ד

בלויז צוויי דערציילונגען זענען פאַראַן אין די צוויי אָפּטיילונגען, ווו דאָס געמיט פונעם לייענער קאָן זיך אַ ביסל אָפּרוען און געניסן פון דעם פיינעם לירישן הומאָר פון דעם דערציילער.

די צוויי זענען „דאָס געסל פון סופר דעם משכיל" און „דער שוואַרצער מלך און די טורקלטויב פון שרון".

דאָס געמעל אַליין פון דעם געסל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַ סופר אַ משכיל און פאַלט אַריין שטיל און הכנעהדיק אין דער ייחוסדיקער יהודה הלוי־גאַס און מען דאַרף נאָר פינף מינוט צייט, כדי אויסצוגיין די גאַנצע גאַס פון דעם משכיל — איז אַ שעדעווער. עס איז אַ געסל, ווי אַריבערגעפלאַנצט מיט זיין אָרעמקייט פונעם אַמאָליקן תחום המושב — קיין תל־אביב. און אַזוי אויך די געשטאַלטן (איינע אַן עפּיזאָדישע און די צווייטע — די הויפּטגעשטאַלט).

די עפּיזאָדישע איז דער אַלטער שניידער ר' חיים, וואָס איז האַלב בלינד און וואָרט, אַז אַ פאַרבייגייער זאָל אים העלפן איינפעדעמען די נאָדל־פאָדעם.

די הויפּטגעשטאַלט איז די פיש־פאַרקויפערין, וואָס האָט אַ קראַנקן מאַן און לויפט אין איינעם אַ טאָג, ווען זיין קראַנקייט האָט זיך געשטאַרקט, אין שולעכן איינרייסן דעם ארון־קודש און טענהט זיך אויס מיטן רבש״ע אי בייז און אי גוט־ברודעריש — „וועסט נישט לאָזן מיך אויף הפקר צוזאַמען מיט דעם טעכטערל. פאַר וואָס ווילסטו זי מאַכן פאַר אַ יתומה? פאַ־אַ־אַ־ארוואַ־אַ־אָס? הערסט, רבונו של עולם, דו וועסט מיר נישט אָפּטאָן! ניין!״

און אַז גאָט האָט איר יאָ אָפּגעטאָן — איז דריי חדשים שפּעטער אויף די טרעפּלעך פון איר געוועלב געזעסן אַ יונגער־מאַן אַ ווילדלערנער מיט אַן אָפּן תהי־לימל אין דער האַנט. דאָס איז געווען דער פיש־פאַרקויפערינס צווייטער מאַן.

אין דער צווייטער דערציילונג, וועגן „שוואַרצן מלך און די טורקלטויב פון שרון״, איז דער לירישער הומאָר נישט ווייניקער מחיהדיק, הגם די דערציילונג פאַרמאָגט נישט דעם קינסטלערישן צימצום, ווי די מעשה וועגן דעם „סופרס געסל״. דער ספּור־המעשה וועגן „שוואַרצן מלך״ איז באַזונדער אינטערעסאַנט, וואָס אין אים זענען גוטברודערישע שותפים די אַרויסהעלפער פון די פּלינצקער פערד־סוחרים מיט דעם תימנער בעל־עגלה יוסף צאלם גמליאלי. דער פּוילישער עולה האָט זיך מיט דעם תימנערס כוח איינגעשאַפט אַן אשת־חיל, און דער תימנער גמלי־אלי האָט זיך מיטן פּלינצקערס הילף נוקם געווען אין עובדיה זאראי, וואָס האָט אים נישט געוואָלט געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

ה

דער פּייזאַזשיסט

עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז מענדל מאַן איז אַן אויסגעצייכנטער פּייזאַ־זשיסט. אין וועלכער לאַנדשאַפט ער זאָל נישט איינראַמען זיין דערציילונג, צי אין ישראלדיקן נגב, אין אַ פאַרם פון טעקסאַס, אין אויסטראַלישן מדבר, אין אַ דייטשן אָדער אין אַ פּוילישן שטעטל (די דריטע אָפּטיילונג אין בוך איז דורכויס די זעלבע פּוילישע לאַנדשאַפט, וואָס מאַן האָט זי געמאָלן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט אין זיין ראָמאַן „על נהרות פּולין״), פאַרשטייט מאַן אַרויסצוציען פונעם פּייזאַזש עפּעס אַ מין באַזונדערן ליריזם. מען פילט ממש ווי דער דערציילער ציטערט מיט מיט גאָטס נאַטור און צערטלט און גלעט זי מיט זיין שילדערונג.

יעקב באָטאָשאַנסקי

א

פון רומעניע ביז אַרגענטינע

ער איז געווען כל ימיו אַ נע ונד. ער איז אין תוך קיין מאָל נישט געווען קיין סטאַבילער וווינער אין אַ לאַנד און אין אַ שטאָט, הגם ווי ווייניק ער זאָל נישט האָבן ערגעץ געוווינט, איז ער געווען דאָרט אויסגעבונדן מיטן יידישן יישוב און מיט דעם נישט־יידישן אַרום, און האָט אויך, ממש צום שטוינען, איבעראַל געקענט פּערזענלעך אַ וועלט מיט מענטשן און געהאַט אָן אַ שיעור פריינט.

דער פלוצעמדיקער טויט בעת אַ לעקציע־טור אַזש אין דרום־אַפריקע ליגט דערפאַר, אַזוי צו זאָגן, אויף דער ליניע פון באָטאָשאַנסקיס אופן לעבן. צום לענג־סטן האָט יעקב באָטאָשאַנסקי געוווינט אין בוענאָס־איירעס. ער איז דאָרט אין די קנאַפע פערציק יאָר פון זיין וווינשאַפט געוואָרן און געבליבן די צענטראַלע פיגור פון יידישן קולטור־לעבן נישט בלויז אין אַרגענטינע, נאָר אויך אין אַלע לענדער פון דרום־אַמעריקע.

ער איז דאָס געוואָרן און געווען מיטן כוח פון זיין בעלעטריסטיש, דראַמאַטורגיש און פּובליציסטיש און רעדנעריש, מיטן כוח פון זיין אויסנעמלעכער התמדה און פּראָדוקטיוויטעט און, צום סוף, אויך אַ דאַנק דער רעדאַקטאָר־פּאָזיציע אין „די פּרעסע", צו וועלכער טאַלאַנט און פליס האָבן אים דערפירט.

אָבער פּאַראַלעל צו דער תושבשאַפט אין בוענאָס־איירעס איז יעקב באָטאָשאַנ־סקי אין די „ארבעים שנה" פון זיינע מיטעלע און עלטערע יאָרן געווען נישט ווייניקער וואַנדערער ווי דעמאָלט, אין דעם יאָרצענדליק צווישן 1914 און 1924, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין רומעניע. אין די צען יאָר איז ממש נישט געווען אַ גרעסע־רע שטאָט און שטעטל אין אַלט־רומעניע, ווו דער יונגער, טעמפּעראַמענטפולער שרייבער, וואָס איז ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן פון דער צאַרישער אַרמיי אַהער אין דער נייטראַלער מדינה, זאָל נישט האָבן געוווינט. און געוווינט צייטווייליק האָט געמיינט, געווען אַקטיוו שרייבעריש און געזעלשאַפטלעך און גע־לאָזט געדויעריקע שפּורן פון השפעה.

אין יאַס, דער הויפּטשטאָט פון מאָלדאַוויע, איז באָטאָשאַנסקי געווען אַ מיט־גליד פון דער צייטשריפט „ליכט" און אַזוי אַרום געוואָרן אַ ראשון פון דער מאָדער־נער יידיש־ליטעראַטור אין רומעניע; אין בראַילא האָט ער מיטרעדאַקטירט די צייטשריפט „דער האַמער"; אין גאַלאַץ האָט ער מיטגעאַרבעט אין דעם זשורנאַל „התקוה". ער האָט אָנגעפירט מיט דער יידישער קולטור־אַרבעט אין באָטאָשאַן און

פאַלטיטשען; אין דער רעזידענץ־שטאָט בוקאַרעסט האָט ער אין איינעם מיטן דיכטער יעקב שטערנבערג אָנגעשריבן, רעזשיסירט און געשטעלט ניין יידישע קליינקונסט־פּיעסן, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ וויכטיקער קולטור־אויפטו און איז געבליבן דער פּאָפּולערסטער יידישער קולטור־אויפטו אין רומעניע פאַר אַלע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט. באַטאַשאַנסקי האָט אין בוקאַרעסט מיטרעדאַקטירט די דריטע סעריע פון דער סאָציאַליסטישער וואָכנשריפט „דער וועקער" און האָט דערנאָך מיטגעאַרבעט אין דעם ציוניסטיש־רומענישן טאָגבלאַט „מאַנטואירעאַ" (גאולה). שפּעטער איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער פּועלי־ציוניסטישער וואָכנשריפט אין טשערנאָוויץ „פרייהייט" און אין דעם קעשענעווער טאָגבלאַט „אונדזער צייט". דאָס אַלץ אַחוץ קולטור־טוערישער אַרבעט ווי אַ לעקטאָר און אַ שליח פון דער טשערנאָוויצער „קולטור־פעדעראַציע" אין כמעט אַלע שטעט און שטעטלעך פון בעסאַראַביע.

איך דערמאָן דאָ די צען רומענישע יאָרן, ווייל אין תוך איז באַטאַשאַנסקי פון די פערציק יאָר אַרגענטינע געבליבן דער זעלבער ווי אין יענעם ערשטן ברויזנדיקן יאָרצענדליק פון זיין שרייבערישן וועג. עס איז אים בלויז צוגעקומען רייפקייט און די שפע פון זיינע שרייבערישע, רעדנערישע און קולטור־טוערישע אויפטוען.

דעם „ציגיינערישן" טעמפּעראַמענט (ווי ער, באַטאַשאַנסקי, פלעגט זיך ליב האָבן אַליין צו באַצייכענען) פון די ערשטע צען יאָר אין רומעניע איז יעקב באַטאַשאַנסקי געטריי געבליבן אויך אויף דער הייך פון זיין שרייבערישער קאַריערע. ער איז פאַרבליבן אַ וואַנדערער פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד. עס איז נישט געווען נאָך איינער אין בוענאָס־איירעס, וואָס זאָל האָבן באַזוכט און גערעדט צו אַ יידישן עולם אין אַזוי פיל שטעט פון אַרגענטינע, ווי ער, באַטאַשאַנסקי. און קיינער האָט באַטאַשאַנסקין נישט אַריבערגעיאָגט אין זיינע רייזעס מיט קולטור־שליחותן איבער די לענדער פון דרום־אַמעריקע. און קיין שרייבער האָט זיך מיט באַטאַשאַנסקין נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט דער צאָל נסיעות זיינע פון בוענאָס־איירעס קיין ניו־יאָרק און קיין תל־אביב.

ווען מען האָט געטראַכט וועגן דער יידישער אַרגענטינע האָט מען פאַר קיין איין מינוט נישט געקאָנט אָוועקטראַכטן פון דאָרט באַטאַשאַנסקין, און פון דעסטוועגן איז קיין שום אַרגענטיניש־יידישער שרייבער נישט געקומען אַזוי אַהיים קיין ניו־יאָרק און קיין תל־אביב ווי ער. באַטאַשאַנסקי איז געווען אידענטיש מיט דער יידישער אַרגענטינע, אָבער אין דער יידישער קולטורוועלט איז ער געווען אַן איבער־טעריטאָריעלע פיגור — איבעראַל היימיש, איבעראַל אין דער היים און איבעראַל אַן אינעוויניקסטער.

די באַריכטן פון זיינע נסיעות קיין ישראל האָט באַטאַשאַנסקי צונויפגעזאַמלט

אין צווי ביכער, אין איינעם איבער טויזנט זייטן. דאָס איז אַ כראָניק וואָס וועט מיט איר שאַרפער אָבסערוואַציע פון מענטשן און געשעענישן און מיט איר שפע פון פאַררעגיסטרירטע פּרטים זיין אַ קוועלן־בוך פאַר דעם, ווי מען זאָגט דאָס, קומענדיקן היסטאָריקער. די הונדערטער באַריכטן, וואָס באַטאַשאַנסקי האָט גע־דרוקט אין זיין צייטונג וועגן די נסיעות אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע זענען נאָך אויספירלעכער און כראָניקאַליש אפשר נאָך וויכטיקער ווי די ישראל־רעפּאָרטאַזשן, ווייל זיי זענען אויף יידיש מער זעלטנקייט.

אין לעצטן זומער פון זיין לעבן איז באַטאַשאַנסקי געקומען קיין ניו־יאָרק („עס איז געווען די פערצנטע נסיעה מיינע אין די שטאַטן", האָט ער מיר געזאָגט), און איך האָב באַוווּנדערט זיינע פיזישע כוחות. אַ מאַן פון איבער די זיבעציק, האָט ער טאָג־איין, טאָג־אויס געמאַכט די אויסמאַטערנדיקע רייזעס צו דער וועלט־אויסשטעלונג און נישט פאַרפעלט צו שרייבן יעדן טאָג אַ באַריכט צו זיין צייטונג, אַחוץ שאר ירקות אונטער די פּסעוודאָנימען: שימעלע סאַראַקער און יענקעלע גיבאַלעס. נאָך אַ טאָגס וועלט־אויסשטעלונג און שרייבן האָט ער די אויפדערנאַכטן אָפט פאַרבראַכט אויף מסיבות פון פריינט ביז נאָך חצות.

ער פלעגט אַריינקומען צו מיר אין שטוב, זיך אָוועקזעצן נאָענט לעבן מיר, כדי בעסער צו הערן (אַ שווערע טויבקייט איז געווען דער מיחוש, וואָס האָט אים געפּלאָגט פאַר די לעצטע צען יאָר), און מיר האָבן געכאַפּט אַ שמועס, געווינטע־וועט בשותפות זכרונות פון בוקאַרעסט און פון טשערנאָוויץ און אויך פון זיינע באַזוכן אין ניו־יאָרק און פון מיין פאַרדריי־יאָריקן באַזוך אין בוענאָס־איירעס, און געפּרוווט מאַכן סך־הכלען פון דערגרייכונגען און דורכפאַלן.

אונדזערע שמועסן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קריטישע אַרטיקלען בעל־פּה איינער וועגן אַנדערן. ער האָט מיר דערציילט וועגן אַ נייעם ראָמאַן, וואָס ער גרייט זיך אַרויסצוגעבן, און איך האָב אים שטאַרק דערפון אָפּגעראָטן. איך האָב אים געזאָגט, אַז נישט די דערציילונגען און נישט די ראָמאַנען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, וועלן זיין דער דבר של קימא, ד. ה. דאָס געדויערדיקע, וואָס וועט פון אים בלייבן. זיינע דערציילונגען, אָנגעהויבן פון דער זאַמלונג „נאָך דער פאַרשטע־לונג", וואָס איז אַרויס מיט באַלד פערציק יאָר צוריק, און ביז צו זיינע ראָמאַנען „מיר וועלן לעבן" (1944) און „די קעניגין פון דרום־אַמעריקע" (1962), זענען וויניקער קינסטלערישע פּראָזע און מער ראָמאַנסירטע רייזע־באַריכטן און האָבן דערפאַר וויניקער היסטאָרישן און אויך ליטעראַרישן ווערט ווי זיינע רעאַליסטיש־פּינקטלעכע באַריכטן וועגן די נסיעות קיין ישראל.

דאָס בעסטע פון זיין דערציילערישער פּראָזע איז דער ערשטער באַנד פון „די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט". דווקא דאָ, ווען ער האָט געשריבן מעמואַרן און נישט „פיקשאָן", איז דאָס געווען וויניקער באַריכט און מער גע־שטאַלטונג. די קינדער־יאָרן אין דעם דרום־בעסאַראַבישן שטעטל ניי־קיליע ביים

ברעג פון דער טינע (דונאַי) און די יינגל־יאָרן אין דער קעשענעווער ישיבה פאַר־מאָגן קינסטלערישע וואָרהייט, בעת די דערציילונגען און די ראָמאַנען האָבן אין זיך בלויז דעם אמת פון פאַקטן. אין דעם ערשטן באַנד פון זיינע מעמואָרן זענען די געשעענישן אָפּגעקליבן און די מענטשן זענען לעבעדיק און די פּאַנאָראַמע פונעם יידישן לעבן און פון דעם גויישן אַרום איז קאָלירפול, אָבער מיט אַ ריכטיקער באַלאַנסירטקייט אין די פאַרבן. וועגן די אַנדערע צוויי בענד פון „די לעבנס־גע־שיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט" קאָן מען שוין דאָס נישט זאָגן.

דאָרט קומט ווידער צום וואָרט באַטאָשאַנסקי דער בריט שטראָמיקער באַריכ־טער. די בריטשטראָמיקייט איז געווען די מעלה און אויך אַ חסרון פון באַטאָ־שאַנסקי דעם שרייבער. די מעלה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיין שרייבן האָט דאָדורך געהאַט פאַרנעמיקייט און שווונג און דערצו איז באַטאָשאַנסקיס שטראָם כמעט דורכויס געווען אַ גאָלפשטראָם. באַטאָשאַנסקיס וואָרט האָט געהאַט וואַרעמ־קייט, האָט געהאַט געמיט.

דער אימפעט פון באַטאָשאַנסקיס וואָרטשטראָם האָט אָבער געהאַט צו מאָל דעם חסרון פון פאָרמלאָזיקייט, פון נישט־עלימינירטע דעטאַלן און נאָך מער פון נישט אַלע מאָל אָפּגעקליבענע ווערטער.

פאַר אַ שרייבער איז זייער אָפּט וויכטיק נישט בלויז אויסצוצייטיקן מיט די יאָרן די פּסיכישע עלעמענטן פון זיין שרייבערישער יוגנט, נאָר זיי מיט דער צייטיקייט נישט אָנצווווערן. מעג דאָ בפה מלא געזאָגט ווערן וועגן באַטאָשאַנסקין, אַז זיין וואָרט פון דערציילערישן רעפּאָרטאַזש, פון פּובליציסטיק און פעליעטאָן האָט צו די זעכציק און צו די זיבעציק נישט פאַרלוירן גאָרנישט פון דער פרישקייט, פון דער מונטערקייט, פון דער „טשופּרינע"־פּאַרריסנקייט און פון דעם קעמפערישן טאָן, וואָס דערמיט האָט עס זיך אויסגעצייכנט, ווען דער שרייבער איז אַלט געווען צוואַנציק און דרייסיק. און באַטאָשאַנסקיס וואָרט איז, ווי געזאָגט, געבליבן קעמ־פעריש, אָבער עס האָט זיך צו אים נישט צוגעקלעפּט קיין ברעקל פאַרביטערטקייט און רוגזה. באַטאָשאַנסקי האָט אין משך פון זיינע פופציק יאָר שרייבן, אין משך פון זיינע פופציק יאָר קנאותדיקן קאַמף פאַר אַ יידישן חינוך און פאַר דעם כבוד פון מאַמע־לשון, אָנגעהאַלטן דעם גרינגן און ווייכן שפּאַן און דעם שפּילעוודיקן הומאָריסטישן איבערוווּנק פון זיין וואָרט. באַטאָשאַנסקי האָט זיך אויסגעטענהט, האָט געמוסרט, האָט אפילו אַריינגעזאָגט, אָבער ער האָט קיין מאָל דעם קעגנער נישט וויי געטאָן.

און אויך באַטאָשאַנסקי דער רעדנער (ער איז געווען דער לעקטאָר מיט דער ה' הידיעה וועגן יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע און אויך אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע) האָט אין די פופציק יאָר, וואָס ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער בעל־פה טייטשער פון ליטעראַטור אין רומעניע און ביז צו די לעצטע מאָל, ווען איך האָב אים געהערט רעדן אין בוענאָס־איירעס און אין ניו־יאָרק, אָנגעהאַלטן

דעם זעלבן אָראַטאָרישן שניט. ווי דעמאָלט, צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט און איצט, מיט דריי יאָר און מיט חדשים צוריק, איז באַטאָשאַנסקיס רעדנערישע שפּראַך געווען אַ ווייך לירישע און דער אופן רעדן אַ ברייט שטראָמיקער, דאָ און דאָרט אפילו אַ פאַרפלייצנדיקער. די פּאַנאָראַמע פון באַטאָשאַנסקיס טריבונע־רייד איז פאַרבליבן מער קאַלירפולע באַוועגונג פון געדאַנק און וואָרט איידער דער אַר־כיטעקטאָרישער גאַנג פון הנחה צו אויספיר. אָבער אין די רעדעס פון בוענאָס־איירעס און ניו־יאָרק האָט מען שוין געקאָנט געניסן דעם טעם פון רייפער פאָר־מולירונג און אפשר נאָך מער דעם געשמאַק פון אַ פּראָפּאָ אַריינגעפּלאָכטענע אַנעק־דאָטן און מעשיות, וואָס גיבן צו ליכט דעם געדאַנקלעכן אויספיר און פאַרשאַפן דעם צוהערער מאָמענטן פון קינסטלערישער איבערלעבונג מיט זייער איבערראַשנ־דיקער טרעפלעכקייט.

אונדזערע לאַנגע הייאַר־זומערדיקע שמועסן פון קעגנזייטיקער קריטישער סך־הכלדיקייט האָבן מיר פאַרענדיקט דערמיט, אַז באַטאָשאַנסקי האָט צוגעזאָגט, אַז זיין קומענדיק בוך וועט זיין נישט קיין רייזע־באַריכט, נאָר אַ צווייטער באַנד פון זיינע קריטישע עסייען. דער ערשטער באַנד אונטערן נאָמען „פשט" איז דער־שינען אין בוענאָס־איירעס מיט צוועלף יאָר צוריק.

טויזנטער רעצענזיעס וועגן ביכער האָט באַטאָשאַנסקי געשריבן אין „די פּרע־סע" און אויך אין אַנדערע צייטונגען. אין אַ היפּשן טייל פון זיי באַנוגנט ער זיך צו דערציילן דעם לייענער דעם אינהאַלט פונעם בוך. ער האָט אין די דאָזיקע רעצענזיעס געקנעלט מיטן לייענער ליטעראַרישן אלף־בית. ער האָט אים מסביר געווען דעם תוכן נישט בלויז פון ראָמאַנען און דערציילונגען, נאָר אפילו פון לידער. ער איז געווען אַן אמתער מאדים אויף דעם געביט. ער האָט איבערגעבנדיק דעם אינהאַלט קלאָר געמאַכט דעם לייענער, וואָס האָט געלייענט, און דעם וואָס האָט נאָך נישט געלייענט אַנגערעגט צום לייענען. ער, דער ליטעראַרישער ערודיט, דער שרייבער מיטן פיינעם, און אַ סך מאָל ראַפינירטן ליטעראַרישן געשמאַק, איז געווען אַ וווּנדערלעכער דרדקי מלמד. ער האָט מיט זיינע אינהאַלט־רעצענזיעס אויפגעטאָן אין אַרגענטינע דאָס, וואָס ער האָט אין אַ קלענערער מאָס געהאַט געטאָן אין זיינע צען יאָר רומעניע. ער האָט געהאָלפן מינערן דעם ליטעראַרישן אַנאַלפאַבעטיזם ביים יידישן מאַסן־לייענער.

אָבער אַחוץ דרדקי־מלמד איז באַטאָשאַנסקי אויך געווען אַ גוטער ליטע־ראַטור־קריטיקער, גמרא־לערנער און שיעור־זאָגער. און בלויז אַ קליינעם טייל פון די־אָ קריטישע עסייען האָט באַטאָשאַנסקי אויפגעזאַמלט אין דעם באַנד „פשט" (בוענאָס־איירעס, 1952).

אין דעם באַנד עסייען און אין ענלעכע אַזעלכע, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט אויפצוזאַמלען, איז באַטאָשאַנסקי נישט רעצענזענט, נאָר ליטעראַטור־קריטיקער מיט אַ שטיק אייגענעם דרך. איך האָב אין אַ שמועס מיט באַטאָשאַנסקין באַצייכנט

דעם דרך כלומרשט אין שפּאַס, אָבער אין תוך — אין פולן ערנסט, ווי דעם דרך פון קריטיש אַרומרעדן און באַרעדן.

אַן אמתער שרייבער האָט אין זינען די פּסיכאָלאָגיע פון זיינע העלדן און נישט די פּסיכאָלאָגיע פון זיינע לייענער. אויך דער ליטעראַטור־קריטיקער אַזוי. אין צענטער פון דער קריטישער עסיי דאַרף שטיין אין ערשטער ריי די גמרא, דער תנא און ער, דער קריטיקער, דער אמורא, וואָס וויל פאַר זיך קלאָר מאַכן די משנה, וויל דערזען די געשטאַלטן פונעם תנא און דערקענען זיינע שעפערישע כוונות און וויל געפינען פאַר זיך אַליין דאָס פלאַץ אין דעם שעפערישן פּראָצעס. וווּיל צו דעם קריטיקער, וואָס יעדער אלף־ביתניק קאָן אים פאַרשטיין, און נאָך ווילער צו אים, ווען ער איז בכוח דעם לייענער צו דערהייבן צו זיך, צו זיינע מחשבות אַרום דעם ווערק און צו דעם ווערק גופא.

אין זיין בוך „פּשט" איז יעקב באַטאַשאַנסקי בפירוש אויף אַט דער ליניע. דאָס ערשטע וואָס ער שרייבט זענען די „מעשׂיות וועגן יידישן שרייבער." אין זיין הקדמה דערציילט ער אונדז, אַז ער האָט לכתחילה געטראַכט אַזוי אָנצורופן זיין בוך. דאָס ביאָגראַפישע גוט אָפּגעקליבן און מיט געמיט איבערדערציילט איז אַ יסוד פון די ניין מאָנאָגראַפיעס אין בוך „פּשט". דאָס ביאָגראַפישע באַקומט נאָך מער גוטן טעם דורך דעם צומיש פון פּערזענלעכע זכרונות און פון אַנעקדאָטישע פּאַסירונגען, אַליין איבערגעלעבטע אָדער פון אַנדערע געהערטע. עס באַקומט זיך די לעבעדיקע געשטאַלט פון דעם שרייבער אי, אַזוי צו זאָגן, אויפן סמך פון די „דאָקומענטן" און אי על־פּי די פּערזענלעכע איינדרוקן פונעם קריטיקער.

דערנאָך גייט דער „פּשט". קורצער, קאָנדעסירטער אינהאַלט פון די ספרים און קלאָרער אַנאַליז פון די העלדן און די געשעענישן, וואָס ווערט געגעבן אין לייכטע, כלומרשט אויבנאויפיקע, אָבער אין תוך זייער צו־דער־זאַכיקע, „אין קאַרב אַריין", פאָרמולעס. און עס זענען פאַראַן ביי באַטאַשאַנסקין פאָרמולעס, וואָס זע־נען ממש אַנטפּלעקעריש.

דער תמצית פון ש. מילערן צום מין מענטש איז, ווי באַטאַשאַנסקי זעט דאָס: „דער מותר האדם מן הבהמה, דער געדאַנק איז אויך בהמהש..."

„ביי וואַרשאַווסקין און האָראָנטשיקן זענען די יידן נאָר געלטגייציק, ביי בימקאָן זענען זיי פאַנטאַסטן".

„דאָס ערשטע ליד הירשביינס איז געווען — אַ פּערזענלעכעס, די ערשטע דראַמען זיינע זענען דווקא געווען זייער אומפּערזענלעך. עס האָט זיי געשריבן נישט אַזוי דער פאַרבענקטער יונגער־מאַן, ווי דער לערער."

„דאָס ערשטע ליד הירשביינס איז געווען — אַ פּערזענלעכעס, די ערשטע קריטיק".

1964

שלמה ביקל

ב

געשיכטע פון אַ לעבן

יעקב באַטאָשאַנסקיס „די לעבנס־געשיכטע פון אַ ייִדישן זשורנאַליסט" (בוע־נאָס־איירעס, 1942) גיט איבער די זכרונות בלויז פון די ערשטע 28 יאָר זיינע, ד. ה. פונעם וויגל אין דרום בעסאַראַביע ביז צו דער שיף קיין אַרגענטינע. און פאַר אַט דעם, לאָמיר זאָגן, דריטל פון אַ לעבן האָט באַטאָשאַנסקי געדאַרפט פולע דריי בענד מיט אַ סך־הכל פון 1256 זייטן. דאָס מיינט, אַז אַ יאָרצענדליק גייט קוים אַריין אין 400 זייטן. און ערשט איז אונדז באַטאָשאַנסקי ביים סוף פון דריטן באַנד מודיע, אַז „איך האָב אויסגעלאָזט שטאָף פון לכל הפּחות נאָך דריי בענד און איך וועל אפשר נאָך אַמאָל מאַריך זיין".

דעם דאָזיקן חשבון מאַך איך נישט, חלילה, צוליב איראָניע. עס וואָלט געווען אַ ביליקע איראָניע און בפירוש קעגן מיין כוונה. ווען איך דערמאָן דעם דאָזיקן, אויב איר ווילט, ריין דרויסנדיקן מאָמענט פון קנאַפּע דרייצן הונדערט גרויספאָר־מאַט־זייטן און דערצו דעם מחברס התנצלות פאַר דעם „אויסגעלאָזטן שטאָף", טו איך דאָס דערפאַר, ווייל מיר דאַכט, אַז דער סכום פון די זייטן און דער גע־בראַכטער ציטאַט כאַראַקטעריזירן צום בעסטן און צום קנאַפּסטן באַטאָשאַנסקיס שרייבערישע שיטה ביי דעם דאָזיקן ווערק זיינעם. עס איז אַ שיטה, וואָלט איך געזאָגט, נישט פון נאָכשרייבן אַלץ וואָס איך געדענק, נאָר פון עס נאָכסטענאָגראַ־פירן.

עס איז אַ פונדאַמענטאַלער חילוק. דער נאָכשרייבער פאַרלירט די פּרטים און דאָס וועזנטלעכע איז פאַר אים דער סך־הכל. און סך־הכל באַשטייט געוויינלעך בלויז פון איין טראַפּן וואָרהייט פון לעבן און צוויי טראָפּנס וואָרהייט פון דיכטונג. די מעמואַרן פונעם „נאָכשרייבער" זענען אין תוך בעלעטריסטישע געשטאַלטיקונג פון מענטש אונטער זייער וואָרן בירגערלעכן נאָמען.

דער „נאָכסטענאָגראַפירער" גיט איבער די לעבנס־פּרטים גענוי און פּינק־טלעך, ווי זיין זכרון האָט זיי רעגיסטרירט און געסדרט. ער „ראַזקלאַדעווועט" דעם גאַנצן מאַטעריאַל, סיי דאָס וויכטיקע אין אים און סיי דאָס אומוויכטיקע. דער סדר פון פאַרגעדענקטע לעבנס־דעטאַלן איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין געשטאַלטונג, עס איז בלויז דער, אַזוי צו זאָגן, אויספירלעכער רוי־מאַטעריאַל פאַר דער איינ־פירלעכער געשטאַלטיקונג פון קונסט און היסטאָריע.

באַטאָשאַנסקי רופט אָן זיינע זכרונות „די לעבנס־געשיכטע פון אַ ייִדישן זשור־נאַליסט". דער נאָמען איז בפירוש נישט קיין ריכטיקער. וואָרעם עס איז נישט קיין געשיכטע, נאָר אַ כראָניק, און וואָס שייך „פון אַ זשורנאַליסט", שעפּט זיך מיט זשורנאַליזם נישט אויס באַטאָשאַנסקיס שרייבערישע פּערזענלעכקייט. באַטאָשאַנ־

סקי איז אויך אַ באַגאַבטער טעאַטראַל, אַ ליטעראַטור־קריטיקער און אַ דערציילער. און נאָך דעמאָלט וואָלט די אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק „זשורנאַליסט" אין שייכות מיט זיינע זכרונות געווען ריכטיק, אויב ער האָט דערמיט מכוון געווען צו זאָגן, אַז ביים שרייבן די דריי בענדער מעמואַרן האָט ער זיך אויסגעטאָן פון אַלע זיינע איבעריקע שריפטשטעלערישע מעלות און איז נאָר געווען אַ זשורנאַליסט־רעפּאָר־טער, אַ סטענאָגראַפישער פּראָטאָקאָלאַנט פון אַלץ וואָס ער האָט געזען און פון אַלץ וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט אין די ערשטע 28 יאָר פון זיין לעבן.

און נאָר אַזוי ווערט פאַר מיר פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס באַטאַשאַנסקי האָט זיך נישט אויסגעהיטן פון די שאַקירנדיקע יוסף־און פּוטיפר־געשיכטעס, וואָס האָבן מיט אים פּאַסירט יינגלווייז אין האַנטשעשט און בחורוויז אין באַלגראַד, און פון די נאָך מער שאַקירנדיקע משכב־זכר־דעטאַלן אין דער ישיבה אין קעשענעוו, „הייזל"־סצענעס אין אַדעס און „געהיימע קרענק" אין בוקאַרעסט. באַטאַשאַנסקיס אייגענער אויסטייטש אין זיין נאָכוואָרט צום דריטן באַנד לאמור, אַז ער גייט — אין פּרט פון מגלה זיין פּיינלעך־אינטימע סודות — אין די דרכים פון רוסאָ און פון... ר' יעקב עמדין, איז ליטעראַריש טאַקע גוט אָנגעכאַפּט, אָבער —

אָבער אין פאַל פון זיינע זכרונות פּילט זיך נישט, אַז ער האָט דאָס געטאָן מיט דער רעוואָלוציאָנערער כוונה פונעם פראַנצייזישן שרייבער און אויך נישט מיט דער חשבון־הנפשדיקער פרומקייט פונעם מחבר פון „מגילת ספר", נאָר אַז דאָ האָט אַ באַגאַבטער, רירעוודיקער זשורנאַליסט (איינער פון אונדזערע בעסטע זשורנאַליס־טן) מיט אַ חוש פאַר אַלץ, וואָס קען אינטערעסירן דעם לעזער און מיט אַ ליבשאַפט צו יעדן פאַקט, וואָס אָטעמט מיט באַשיימפערלעכקייט פון לעבן און דאַרף דערפאַר פּראָטאָקאָלירט ווערן, געטאָן זיין עבודה בשלמות, פּינקטלעך, אויספירלעך און האָט קיין מאָל נישט געזינדיקט מיט נודנעקייט.

און מען ווערט דאָך מוזן צוגעבן, אַז אויף קנאַפּע 1300 זייטן מיט דעטאַלן איז געווען פּלאַץ, עס זאָלן זיך אויך אַריינכאַפּן נודנע שטעלן פון באַשרייבונג און דער־ציילונג. קען איך אָבער עדות זאָגן, אַז אין באַטאַשאַנסקיס „רעאַלן ראָמאַן" איז טאַקע דאָ אומוויכטיקס און אומנייטיקס, אָבער צו די צוויי „אומען" קומט קיין מאָל נישט צו דער דריטער און דער ערגסטער „אום", פון אומאינטערעסאַנטקייט.

פון שטאַנדפּונקט פון דער באַשריבענער לאַנדשאַפט און פון דעם קנויל פּאַסירונ־גען און מענטשן, אין וועלכן מיר ווערן לייענענדיק אַריינגעדרייט, זענען באַזונדערס אינטערעסאַנט דער ערשטער און דער דריטער באַנד. דער ערשטער רעגיסטרירט די פּרטים פון אַ יידיש לעבן, צו וועלכן סיי די יידישע ליטעראַטור און סיי די יידישע היסטאָריאָגראַפיע האָט זיך נאָך, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, בכלל נישט צוגעע־רירט. איזמאַיל און ווילקאָווו, פּעטראָוועקע און באַלגראַד און אַלע אַנדערע שטעטלעך, וואָס ליגן אין דרום־בעסאַראַביע אַרום דעם דאָרטיקן אַריינגוס־אָרעם פון דער טינע (אַזוי צערטלען די יידן אין יענע מקומות דעם מעכטיקן דונאַי) אין שוואַרצן

ים אַריין, און דערעיקרשט קיליע, וואָס איז אין מיטל־עלטער געווען אַ האַנדל־שטאָט ביים טאַטאַרישן שליאַך, באַווּסט ביי די יידישע סוחרים פון רויט־רייסן — זיי אַלע באַווייזן זיך אין באַטאָשאַנסקיס זכרונות צום ערשטן מאָל ליטעראַריש. דאָס זענען, דאַכט זיך, יידן און פויערן נישט אַנדערש ווי אין די איבעריקע מזרח־אייראָפּעיִשע קאַנטן, אָבער פון דעסטוועגן האָבן אָט די אָרעמע „זבולונס" ביים שוואַרצן ים און די בולגאַרישע גרינצייג־פויערן („די לעמער", ווי זייערע יידישע שכנים רופן זיי) אַ באַזונדערן מענטשלעכן אַראָמאַט, וואָס דערטראָגט זיך צום לייענער פון באַטאָשאַנסקיס באַשרייבונג.

אַ שאָד, וואָס עס איז פאַראַן אַזאַ ענגשאַפט אין דעטאַלן און עס זענען נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט אַ ביסל מער רחבות די בילדער פון קעשענעווער ישיבה. דאָ מוז בפירוש באַנג טאָן, וואָס באַטאָשאַנסקי האָט אָנגעהאַלטן זיין זשור־נאַליסטיש־סטענאָגראַפישן באַריכט־נוסח און האָט נישט דערציילט עפּעס מער וועגן אַזאַ פּאַרשוין, למשל, ווי עס איז געווען ר׳ וועלוול סקווערער, דער טשערנאָ־בילער חסיד צווישן די קעשענעווער יידן, וואָס זענען כמעט דורכויס געווען אָנהענגער פון דעם רוזשינערס קינדער. „אַז ער האָט געזעען אַ יידן מיט אַ גע־גאָלטער באָרד — האָט באַטאָשאַנסקי מהדר געווען ביי ר׳ וועלוולען — האָט ער געגעבן אַזאַ קרעכץ, אַז די גאַס אָדער די שטוב האָט אַ ציטער געטאָן". וועגן ר׳ וועלוולען וואָלט זיך געוואָלט לייענען און לייענען. ער פאַראינטריגירט מיט זיין קרעכצן אויף געגאָלטע בערד, אָבער — בלויז עטלעכע שורות פון דרויסנדיקער כאַראַקטעריסטיק און אין איינציקע, וואָס ווינקט אָן אויף ר׳ וועלוולס איבעווייניקסטן פּאָרטרעט און שוין — ר׳ וועלוול ווערט פאַרלוירן אין שלל פון נייע פּאַר־שוינען און נייע דעטאַלן אויף קיין מאָל מער נישט אַרויסצוקומען. און נישט ווייניקער ווי ר׳ וועלוול רייצן געשטאַלטעריש אַזעלכע ווי ר׳ גמליאל און ר׳ מרדכי, די מלמדים פון דער ישיבה, וואָס הינטער יעדן פון זיי הויערט זינד. ר׳ מרדכי איז אַ משיג גבול און ר׳ גמליאל חברט זיך מיט דער סטרא אחרא, וויל מיט איר כוח אַראָפּברענגען משיחן, אָדער אַליין זיין משיח. ער איז דער העלד פון עראָטישע אַרגיעס, וועלכע זענען ענלעך צו יענע, וואָס קומען פאָר אין קאַצקער הויף אין אַפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער". „קאָצק" אין סאַמע מיטן קעשענעוו פאַרכאַפּט און סטימולירט די בענקשאַפט צו פאַרטיפטער געשטאַלט, אָבער — באַטאָשאַנסקי דער זשורנאַליסט, אין גערעג נאָך וואָס מער דרויסנדיקע לעבנס־דעטאַלן און נאָך וואָס מער פּאַרשוינען, לאָזט גזלניש איבער סיי ר׳ גמליאלן און סיי דעם לייענער אין גע־דראַנג פון פּרטים און ער איז שוין ביי אַן אַנדערן פּאַרשוין. און איידער מען קוקט זיך אום איז באַטאָשאַנסקי שוין אין גאַנצן אַוועקגעפאָרן אויף פּסח אַהיים קיין קי־ליע צו נייע מענטשן און צו נייע איינצלהייטן.

ווי מען קען זען, האָב איך אין דעם פאַל צו באַטאָשאַנסקין פּרעטענזיעס פאַר צו ווייניק. אָבער דער „צו ווייניק" איז נישט קיין סתירה צו דער טענה פון „צו

פיל״, נאָר אַ רעזולטאַט דערפון. וויַיל צו פיל האָט געמוזט אויך זיין צו ווייניק. ווען באַטאַשאַנסקי זאָל געווען אָנשרייבן אָנשטאָט דריי בענדער וועגן 28 יאָר, נאָר איין באַנד געשטאַלטן און געשעענישן פון זיין קינדהייט אין קיליע ביי דער טינע, וואָלט עס מן־הסתם געווען וויניקער מאַטעריאַל פאַרן היסטאָריקער, אָבער דער־פאַר מער דערגרייכונג פאַר אים אַליין. היוצא לנו מזה: באַטאַשאַנסקי האָט, וואָס שייך דעם ערשטן באַנד, זיך אַליין שטאַרק בעוולהט. ער האָט דאָרט אָנהייב און מער ווי אָנהייב פון געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך ביי אים ממש געבעטן: פאָרטיף אונדז, און ער האָט זיי פאַרראַטן צוליב זיין גלוסט נאָך מער שטח פון רעפּאָרטאַזש.

אָבער נאָכן גאַנצן „פאַרראַט״ מעג מען אויף אָט דעם באַנד פון באַטאַ־שאַנסקיס זכרונות בלי ספק זאָגן, אַז ער איז אַ געראָטענער אי צוליב דער שפע פון געשטאַלטן, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון דעם פּרטים־געדרענג מיט אַזוי פיל סוגעסטיע און פאַרטיפונגספּאַרב, וואָס דער שטאָף פאַרמאָגט אין זיך און דער בעל־זכרונות האָט זי אין גאַלאָפּ פון סטענאָגראַם באַוויזן אָנצוהאַלטן. דאָ איז באַטאַ־שאַנסקין, ווי אַלע מאָל אין זיין זשורנאַליסטיק, בייגעשטאַנען די וואַרעמקייט און ווייכקייט פון זיין געמיט און די גרינגקייט פון זיין פעדער, וואָס טראָגט זיך לייכט איבערן אָביעקט און מאַכט נישט אָן קיין שאָדן. אויב באַטאַשאַנסקיס פעדער קראַצט צו מאָל אויף אַ נאַקעטקייט און בלייבט אַ ווייל שטעקן אונטער דער הויט, איז עס אַלע מאָל אָן אויסגליטש פון געשמאַק. אָבער קיין מאָל נישט קיין מאַנגל פון ליב־שאַפט און פון באַציונג צו זאַכן, צו אידעען און צו מענטשן.

ווען איך זאָג, אַז דער צווייטער באַנד איז צום ווינציקסטן אינטערעסאַנט, האָב איך אין זינען, אַז זיין טעמע איז צום גרויסן טייל אָדעס און איר ליטעראַרישער אָלימפּ — אַ שטאָף, וואָס וועגן אים איז געשריבן און געשריבן געוואָרן. אָבער אויך אין דעם באַנד זענען דאָ היפּש נישט באַפּליישטע געשטאַלטן, וואָס בעטן זיך רחמים, מען זאָל זיי דערהאַלטן ביים לעבן און נישט לאָזן צו גרונט גיין אין געטומל פון אומניטיקער עפּיזאָדיק. איינע פון די דאָזיקע פיגורן איז, ווי מיר דאַכט, די „טרוי־מערין אָן דעם קלענסטן פּראַקטישן חוש״ סאָפיאַ זוועניגראָדסקאַיאַ, וואָס האָט גע־האַלטן אַ רעפּעראַט ליגנדיק אין בעט.

דער דריטער באַנד ברענגט די „טעררא אינקאָגניטאַ״: רומעניע. אין משך פון די 8—9 יאָר, וואָס באַטאַשאַנסקי האָט פאַרווילט אין דער וואָלעכישער מדינה, האָט ער אָפּגעטאָן אַ פּיאָנערישע קולטור־אַרבעט, וואָס ביי אַן אַנדערן וואָלט נישט גע־קלעקט אויף דעם די צייט פון אַ פערטל יאָרהונדערט. ער איז געווען דער פּיאָנער פון דער ליטעראַרישער לעקציע אין די אַלט־רומענישע שטעט און שטעטלעך; ער איז געווען דער פּאָפּולאַריזאַטאָר פונעם יידישן פאָלקסליד צווישן דער יוגנט; ער איז אין איינעם מיט יעקב גראָפּער און עטלעכע אַנדערע ציוניסטיש געשטימטע יונגע־לייט געווען דער איניציאַטאָר און אַרויסגעבער פון דער ערשטער מאָדערנער ליטעראַטור־צייטשריפט אויף יידיש און אין איינעם מיטן דיכטער יעקב שטערנ־

בערג, דער באַנייער פון יידישן טעאַטער אין גאָלדפאַדענס טעאַטער־לאַנד.

ווען איך האָב זיך אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן באַזעצט אין בוקאַרעסט „האָב אי־ך דאָרט" אין די יידישע גאַסן פון דער רומענישער הויפּטשטאָט געהערט זינגען די לידלעך פון יענער קליינקונסט־בינע, וואָס האָבן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אויפגעשטורעמט די יידישע אַלט־רומעניע.

עטלעכע פון די סאַמע פּאָפּולערסטע לידלעך און קופּלעטן ברענגט באָטאָשאַנס־קי, אָבער עס וואָלט באמת געווען אַ שאָד, ווען דאָס זאָלן זיין די איינציקע, וואָס ער האָט פאַרצייכנט (שטערנבערג איז אַלע מאָל געווען אַ קנאַפּער פאַרצייכענער) אָדער אויפגעהיט אין זיינע זכרונות. אין די לידער זענען קאָנדענסירט געוואָרן יאָרן פון יידישער קולטור־געשיכטע אין רומעניע.

אָוודאי האָב איך אין דעם טייל פון דריטן באַנד, וועלכן איך אַליין האָב שוין מיטגעלעבט, זיך אָנגעשלאָגן אויף עטלעכע זאַכן, וואָס איך געדענק זיי אַנדערש ווי באָטאָשאַנסקי; אָבער מיינסטנס זענען דאָס פּרטים, וואָס האָבן אין תוך נישט קיין באַדייטונג פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער. און איך מוז זאָגן, אַז דער אָפּנייג פון דער היסטאָרישער וואָרהייט האָט די עטלעכע דעטאַלן נישט געשאַט, נאָר פאַר־קערט. דאָס דראַמאַטישע פּינטעלע, וואָס די דערציילערישע פאַנטאַזיע האָט אַריינ־געגעבן אין די געשעענישן, האָט זיי פון מיר נישט דערווייטערט, נאָר זיי מיר נאָך נעענטער געמאַכט.

יחזקאל קייטעלמאַן

א

עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז יחזקאל קייטעלמאַן געהערט צו די בעס־טע יידיש־בעלעטריסטן פון אונדזער דור. ער איז אַ געשמאַקער דערציילער, וואָס פאַרשאַפט אַ טאָפּלטע הנאה דעם לייענער, דערפאַר, וואָס געניסנדיק פון קייטעל־מאַנס דערציילקונסט, געניסט ער אויך דעם קינסטלערס הנאה צו דערציילן.

זעלטן ווען מען קאָן אַזוי זען בחוש דעם שרייבערס פרייד פון דערציילן. די מעשיות גופא זענען גאָרנישט קיין פריידיקע. עס זענען מעשיות וועגן יידישע מענט־שן אין דער „ברענענדיקער שטאָט" פון פוילן. דער יידישער יישוב אין פוילן איז שוין געלעגן אויפן פייער אין די ערב־יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און דאָס פייער האָט זיך בלויז ערשט אויף אַן אמת צעפלאַקערט, ווען די מלחמה איז

אויסגעבראָכן און האָט געטריבן אַ טייל פוילישע יידן אויף די אַנטרינונגס־וועגן ביז צו די ליימשטיבלעך פון אוזבעקיסטאַן און דעם גרעסטן טייל צו די גאַזאויוונס פון טרעבלינקע און אוישוויץ.

קייטעלמאַן איז געווען פון די פאַרוואָגלטע קיין אוזבעקיסטאַן און דאָרט האָט ער דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום פון גלות. זיין משפחה, וואָס איז פאַרבליבן אין פוילן (טאַטע־מאַמע, ווייב און קינדער, ברודער און שוועסטער), האָט היטלער פאַרלענדט, און ער אַליין, קייטעלמאַן, איז נאָך דער מלחמה איבער די חורבות פון יידישן פוילן אַנגעקומען צו די ברעגעס פון אַמעריקע.

און פון דאַנעט, נאָך צוואַנציק־יעריקער איינגעזעסנקייט אויף דעם נייעם קאָנטינענט, קערט זיך קייטעלמאַן אום אויף די פליגל פון זיין פאַנטאַזיע און פון זיין זכרון צו דער ברענענדיקער שטאָט, כדי אונדז צו לאָזן וויסן, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן, און זיך אָראָפּצורעדן פון האַרץ, כאָטש עפּעס פון זיינע יסורימדיקע איבערלעבענישן. און ביים לייענען זעט מען די שווערע שטיינער זיך אַראָפּקוילערן פונעם שרייבערס האַרץ און מען פילט ממש ווי אים ווערט לייכטער.

דעם באַנד דערציילונגען האָט קייטעלמאַן אָנגערופן „אויפן וועג קיין אומאַן״. אַזוי הייסט איינע אַ קורצע מעשה אין בוך, ווו עס ווערט דערציילט, ווי אַזוי קייטעלמאַן האָט אַנטלויפנדיק פון די דייטשן באַגעגנט אַפּטיילונגען רוסישע סאָלדאַטן און צווישן זיי אַ יידישן אָפּיציר. דער אָפּיציר, דאָקטער פּיוויש ניסן פון זשמערינקע, איז נישט סתם געווען אַ ייד, נאָר אַ וואַרעמער ייד, וואָרעם „מ׳האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז עס רעדט פון אים אַרויס דאָס אומגליק פון אַלע יידן, דאָס אומגליק פון דער וועלט, דאָס אומגליק פון אים אַליין, פון זיין משפחה און פון מיינער״.

ביים געזעגענען האָט דאָקטער פּיוויש ניסן אָנגעוויזן קייטעלמאַנען אויף דעם דיקן, שוואַרצן רויך, וואָס איז געוואָרן אַלץ בולטער ביים ברעג פון האָריזאָנט, און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

„צי ווייסט איר כאָטש ווו עס ברענט? עס ברענט אומאַן! האָט איר אַ מאָל געלייענט יידישע געשיכטע? צי האָט איר געהערט פון גזירות ת״ח ות״ט? האָט איר געהערט פון די היידאַמאַקעס? פון פעטליורען? האָט איר געהערט פון יידישן העלד משה מנקר? לייב שאַראַגאָסקי? בײדע האָבן מיט הוילע הענט, נאָך אין כמיעלניצקיס צייטן, זיך געוואָרפן אויף דעם קוילער. צי האָט איר געהערט פון רוצח זשעלעזניאַק? צי האָט איר, להבדיל, געהערט פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער? צי האָט איר געהערט פון די אומאַנער כלי־זמרים?״

דער רויך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פלאַקערדיק פייער. דער ייִדיש־רוסישער דאָקטער איז געווען מיט זיין מיליטערישער אָפּטיילונג, און דער יידישער פּליט פון גאַליציע — „האָט אָנגעהויבן גיין צום ברענענדיקן אומאַן״...

עס איז אַ רעאַליסטיש געשריבענע דערמאָנונג, וואָס צעבליט זיך סימבאָליש,

און אַלץ, וואָס ווערט דערציילט אין דעם בוך, זענען מעשיות פונעם וועג צו דער „ברענענדיקער שטאָט" ערב דער מלחמה און צו די יידישע מענטשן אין פייער פון אַנטרינונג, פון הונגער, קרענק און טויט בעת דער מלחמה.

ב

אַ גרויסער טייל, אפשר דער גרעסטער טייל פון די מעשיות, איז געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן. זיי זענען נישט סתם זכרונות. די מענטשן און די געשעענישן ווערן קינסטלעריש געשטאַלטיקט אין דמיון פון שרייבער. די ערשטע פּערזאָן איז דאָ בלויז דער ספּעציפישער ריטעם פון דערציילן, ווי עס איז דאָס דער ווייסער פערז אין דער דיכטונג. נישט דער גראַם איז די קריטעריע פון פּאָעזיע, נאָר דער נשמה־ריטעם פונעם דיכטער. קיטעלמאַנס ריטעם איז דער ריטעם פון ווידוי, פון דערציילן און זיך מיט זיינע דערמאָנונגען און זעונגען לייכטער מאַכן דאָס געמיט. אין דעם ווידוי זענען פּאָרטראַטן אַ גאַנצע ריי פּסיכישע עלעמענטן: עס איז דאָרט דאָ באַוווּנדערונג און שטוינונג איבער דער גוטסקייט און מסירת־נפש פון מענטשן, וואָס דער ווידוי־שרייבער האָט באַגעגנט אין זדיטשעוו און אין די אַרומיקע ערטער פון זיין גאַליצישער היימשטאָט, און אויך אין גלות אוזבעקיסטאַן, אין קאָלכאָז און אין טאַשקענט, און עס איז פאַראַן שרעק פאַר מענטשלעכער רשעות און אַ סאַרקאַסטישע קריטיק פון דער דאָזיקער רשעות, וואָס איז געשטאַלטיקט מיט אַן אויסגעמלעבן קינסטלערישן כוח.

איינע פון די דערציילונגען, ווו עס קומט צום אויסדרוק סיי קיטעלמאַנס התפּעלות פאַר מענטשלעכער גוטסקייט און מסירת־נפש און סיי זיין סאַרקאַסטישע קריטיק פאַר רשעות, איז אַ מעשה מיטן נאָמען „דער רייטער". די קאָמפּאָזיציע פון דער דערציילונג איז דווקא נישט קיין באַזונדערס געראָטענע. עס הויפּן זיך דאָרט סצענעס, וואָס זענען זיך דערציילעריש פרעמד. אָבער די סצענע אַן און פאַר זיך זענען קינסטלערישע שיינדלעך.

קודם די מענטשלעכע גוטסקייט און מסירת־נפש. זי ווערט אין די דערציילונגען פאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פון דער פויערטע מאַגדאַ, וואָס אין איר שטוב האָט פאַרבלאָנדזשעט דער פאַרוואָגלטער, געיאָגטער יידישער פּליט.

ס'איז נאַכט און שטאָק־פינצטער אין דער פויערישער כאַטע. מאַגדאַ ווייסט אפילו נישט ווי אַזוי דער פרעמדער מענטש איז אַריינגעקומען. זי איז זיך משער, אַז איר פערצן־יעריקע טאָכטער קאַשאַ האָט פאַרן פרעמדן געעפנט די טיר. „אַ קינד פאַרשטייט נישט — אַז מ'קלאַפּט, עפנט מען, און עס איז אָפּגעטאָן. וואָלט כאָטש געווען אַ ביסל נאַפט, אַ ליכטל. איז אפילו קיין שטיקל קין אין שטוב נישטאָ. ווען יאָ — וואָלט זי געמאַכט ליכט. אָבער די פינצטערניש שטאַרקט זיך, אַזוי ווי אַ שוואַרצער שניי וואָלט געפאַלן פון סופיט — און גראָד די פינצטערניש צינדט אָן אין מאַגדאַן אַ גרויס ליכט: זאָלן אַלע טאָן וואָס זיי טוען, נאָר זי וועט דעם פרעמדן

ראַטעווען! זי ווייסט, אַז אין דאָרף וואָלט מען זי דערפאַר געדורסט; פונקט אַזוי דערהרגעט, ווי מען דערהרגעט אַ ייד״.

מאַגדאַ ווייסט דאָס אַלץ, אָבער זי שפּרינגט אַראָפּ פון בעט, כאַפּט ארויף אויף זיך אַ קלייד, שטרעקט אויס די האַנט אין דער פינצטערניש, נעמט אָן דעם פרעמדן ביי דער האַנט, פירט אים צו דעם קעלערל, וואָס איז געווען אונטערן אויוון, און גיט הויך אַ זאָג:

— קריך אַריין!

מאַגדאַ האָט דעם פּליט געראַטעוועט און דערנאָך באַהאַלטן פון איר מאַן און טאָכטער, אים געשפּייזט מיט דעם ביסל, וואָס זי האָט אָפּגעריסן פון איר אייגענעם און פון איר משפחהס מויל.

און דורך דער געשטאַלט פון מאַגדאַן גיט קייטעלמאַן אַ לויב און אַ ברכה צו דער וועלט פון ווייבער, וואָרעם פון מאַגדאַס „גרויסע גרויע אויגן האָט ארויסגע־קוקט גאָט, גאָט פון די הימלען און פון דער ערד, דער גאָט פון אַלע ווייבער, וואָס גיט אַריין טרערן אין זייערע אויגן ווען זיי זעען אויב עס געשעט עמעצן אַן עוולה אָדער עס ליידט ווער אומישנע פאַר גאָרנישט״.

און „גאָט פון אַלע ווייבער״ האָט אויך אַרויסגעקוקט פון די אויגן פון דער באָבע רבקהלע אין זדיטשעוו, וואָס האָט „געשטרעקט דעם האַלדז פאַר אַנדערע״ און דאָס יאָר איז ביי איר „געווען איינגעטיילט אין מצוות, ווינטערדיקע און זומער־דיקע, שבתדיקע און וואָכעדיקע און בייניאַכטיקע״; און ער איז אוודאי געווען דאָ׳ק אין די אויגן פון דער יונגער רוסישער פויערטע נינאַ, וואָס האָט קייטעלמאַנען גע־שטעלט אויף די פיס, ווען ער איז געלעגן אַ טיפוס־קראַנקער אין קאָלכאָז, און דער פרומער ר׳ שיע, דער פּליט פון דער מיטל־גאַליצישער שטאָט סאַניק, האָט אויף איר געזאָגט, אַז „זי איז נישט קיין ערלית, נאָר אַן אליהו הנביא איז זי, ווי עץ זעט מיך אַ לעבעדיקן״.

דאָס זענען דריי מוסטערן פון קייטעלמאַנס שיינעם איבערצייגנדיקן געזאַנג צו דער גוטסקייט פון פרויען און צו דעם גאָט פון די ווייבער.

און איצט דער פּאָרטרעט פון רשעות אונטער דער פען פון קייטעלמאַנס סאַר־קאַסטישער קריטיק. וויפל האָט מען אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור נישט דער־ציילט וועגן די פּוילישע שמאַלצאָווניקעס, וואָס פלעגן לויערן אויף יידן, ביי זיי אויסגעפּרעסט געלט, מיט דער הבטחה זיי נישט איבערצוגעבן צו דער „געסטאַ־פּאָ״, און דערנאָך, אַז זיי האָבן שוין געהאַט דאָס געלט אין קעשענע, איבערגעענט־פערט די קרבנות צו די דייטשן.

ווער עס האָט וועגן די שמאַלצאָווניקעס געשריבן, האָט דאָס געטאָן מיט צאָרן און מיט אַ קללה אויף די ליפּן. קייטעלמאַן האָט געפילט, אַז דער פּאַטאָס פון כעס און קללה בלייבט הינטערשטעליק אין דער געשטאַלטיקונג פון דער דאָזיקער רש־עות, און ער נוצט דעם היפוך פון כעס און פון פּאַטאָס ביים אָפּמאָלן די שמאַלצאָוו־

ניקעס. קייטעלמאַנס פאַרבןביים געמעל פון די פּוילישע מוסרים און רשעים איז איראָנישע רחמנות, און קייטעלמאַנס „רחמנות" צו די שמאַלצאָווניקעס שטעלט אַוועק זייער רשעות אין איר גאַנצער מוראַדיקער נאַקעטקייט.

קייטעלמאַן דערציילט וועגן דריי גזלנים, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון אַ וואַלד און האָבן געזוכט לעבן־געבליבענע יידן. „עס איז שוין דעמאָלט געווען קאַרג יידן און עס איז אָנגעקומען זייער שווער אַזאַ איינעם צו כאַפּן. נו, ווען זיי האָט אָפּ־געגליקט, זענען די גזלנים געווען פול מיט לויב צו גאָט, וואָס נאָך שווערע זוכע־נישן האָט ער זיי צוגעשיקט ברויט און טייל מאָל מער ווי ברויט". און ווייטער דערציילט קייטעלמאַן, אַז די גזלנים זענען געווען „ערלעכע מענטשן", וואָרעם זיי האָבן נישט צוגעזאָגט דעם געכאַפּטן ייד גאָלדענע גליקן, אויב ער וועט אויסזאָגן, ווו עס ליגן באַהאַלטן אַנדערע יידן. די גזלנים האָבן פיינט געהאַט דריידעלעך און פאַלשע רייד. „זיי האָבן מוראַדיק געשלאָגן אַ געכאַפּטן ייד. זיי זענען אויף אים געווען מלא רציחה, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן. ווען מען זאָל אויסרעכענען וויפל טעג און נעכט זיי האָבן פאַרברענגט אים צו פאַקן, האָט זיך אפשר גאָרנישט אַזוי שטאַרק געלוינט, און דערנאָך, אַז מען כאַפּט דעם ייד, דאַרט ערשט נעבעך דער קאָפּ ביי די גזלנים, וווהין זיי זאָלן אים פירן: קיין מעליץ, ווו די דייטשן צאָלן פאַר אַ ייד מיט שוואַרץ זאַלץ, אָדער קיין ראָפּשיץ, ווו דער פּרייז איז געווען חזיר־פליישׁ. שוואַרץ זאַלץ איז טאַקע אַ טייער אַרטיקל, אָבער פלייש איז פאַרט פלייש און נישט קיין זאַלץ".

איז דאָך דאָס שוין געווען „רחמנות" אויף די רויבער, אָבער נאָך מער רחמנות איז אויף זיי, וואָס אַ סך מאָל ליגן די גזלנים אין וואַלד און זייערע אויגן ווערן מיד פון קוקן אין דער פינצטערניש. זייער אַפּט, ליגנדיק אין דער פינצטערניש אויף דער לויער, האָבן זיי געהערט אַ רעדעניש, אַ שושקעניש, אַזוי ווי דער וואַלד וואָלט געשוואָרגאַטשעט „פּאַ זשידאָווסקו און געוואָרנט די יידן".

דער וואַלד איז אַ „פאַרקויפטער" ביי די יידן און זיי, די דריי גזלנים, נעבעך, זענען „אין יענעם פאַרטאָג אַרויס פון וואַלד באַטריבטע און אַלע דריי און יעדן באַ־זונדער איז באַפאַלן אַ גרויסער חשק, אַז איינער זאָל גאָר כאַפּן דעם אַנדערן, איי־נער זאָל גאָר רצחענען דעם אַנדערן, כאָטש זיי וועלן דערפאַר נישט באַקומען נישט קיין שמאַלץ און נישט קיין זאַלץ".

קיין טרעפיקערע, ביזן ביין אַריין אַנטבלויזטע געשטאַלטיקונג פון די שמאַל־צאָווניקעס ווי קייטעלמאַנס איז מיר נישט אויסגעקומען צו לייענען.

ג

קייטעלמאַנס שפּראַך איז צום גרויסן טייל רייך און מוזיקאַליש. ער דערציילט שטיל, און עס איז אין זיינע שטילע רייד דאָ שפּאַנונג, דראַמאַטישקייט.

אָט איז אַ מעשה, וואָס הייסט „דאָס דאַזיקע אָרעמע ברויט". עס איז אַ מעשה

ווען אַ זדיטשעווער ייד סאַכיע, וואָס איז געווען אַ פּראַכטער, ער האָט געפירט מיט זיך סחורה פאַר שטאָטישע סוחרים פון קראָקע קיין זדיטשעוו. עס איז אַ פּרנסה בזויה, אַ שווערע, און אין יענע צייטן, ווען כוליגאַנעס האָבן געבושעוועט אויף די פּוילישע באַנען — אויך אַ סכנת־נפשותדיקע.

איז קודם די שטימונג פונעם אַרום אָט־דעם יידן אין שטענדיקער געפאַר — „די בעסטע צייטן, ווען ער איז אַריין אין דער באַן. דער צוג איז אָנגעקומען אַ באַ־לויכטענער, אַ גינגאָלדענער, אַ צעקאַכטער פון וועג און פון פרישע, זיסע ווייט־קייטן".

די אידיליש געמאָלענע באַן שטרייכט אונטער די סכנה פון דעם פּראַכטער סאַכיע. און דאָס בילד פון די יידן, וואָס פאָרן מיט סאַכיען אין דער באַן, איז אויך שטיל און אידיליש און פאַרשטאַרקט נאָך מער די דראַמע. „די גויים" — דערציילט קייטעלמאַן — „האָבן געבורטשעט, און די יידישע פּראַכטערס האָבן זיי געהאָט אין לויוויטש. מ׳האָט ווייטער גערעדט און זיך דערציילט מעשיות, ווי די פּרנסה קומט אָן מיט קופּערנע ווערעם. דערנאָך איז מען איינגעשלאָפן, צוגעטוליעט איין ייד צום צווייטן, און עס האָבן זיך געוויגט געלע און ברוינע בערד, געקרייזלטע פאות האָבן געטאַנצט און אַ וואַרעמע שנאַרכעניש האָט אָנגעפילט דעם וואַגאָן ביז דער צוג איז אַריינגעפאָרן קיין קראָקע און האָט זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט".

עס איז אין איינקלאַנג מיט אָט דעם אידילישן געמעל, וואָס סאַכיע, מיט נסים אַ געראַטעוועטער פון צווישן די געלייזן, ווהין כוליגאַנעס האָבן אַראָפּגעוואָרפן סאַכיעס געפעק, באַגעגנט זיין פון פחד צערודערטע פרוי און זאָגט צו איר (און מיט דעם פאַרענדיקט זיך די דערציילונג):

„האָסט געזען, בינעלע? איך האָב זיי טיף־טייער אין דער אדמה. וואָס מאַכן די קינדער? כ׳האָב זיי געברענגט צוויי פּאָמעראַנצן די הערצעלעך צו דערכאַפּן!"

אָט אַזוי סטיליסטיש שטיל און חכמהדיק איז קייטעלמאַן מגלה אַ וויכטיקן סוד פון יידישן קיום: פאַראַכטונג צו די פּייניקער און די אומענדלעכע זאָרג פאַר מש־פּחה און באַהעפּטקייט צו איר.

און אַזוי שטיל, אינטענסיוו און אָן דעם מינדסטן „קוליסן־רייסעניש" באַווייזט קייטעלמאַן אויך אָפּצומאָלן די ראַנגלענישן פון דעם ייד בעריש לאַנדאַו, וואָס באַ־גייט זעלבסטמאָרד אין דעם „עשאַלאָן קיין סיביר".

צום סוף וויל איך נאָך דערמאָנען, אַז מען טרעפט אָפט, זייער אָפט, ביי קיי־טעלמאַנען שיינע און אָריגינעלע אימאַזשן סיי ביים פּאָרטרעטירן מענטשלעכע גע־שטאַלטן און סיי ביים מאָלן די נאַטור.

פאַר אַ ביישפּיל וועל איך ברענגען דעם צימצומדיקן פּאָרטרעט פון זימל שד־כן, „אַ יידל אָן איינציקס אין שטאָט". זימלען האָט קייטעלמאַן אַזוי געזען: „ער איז געווען קיילעכיק — אַ פעסל ווייַן, וואָס ווען מען פאַרזוכט דערפון ווערט מען פריי־לעך, אַ מחיה!"

און אָט: קייטעלמאַנס אַ זעונג פון אַ ווינטער־פאַרנאַכט אין אַ יידישן שטעטל אין פוילן — „שנייִיקע פעלדער, הייזער אונטער שטרוידעכער, סאַסנעס: עס פליט אַ קראָ, יידן גייען פאַר נאַכט צו מנחה־מעריב, אַ מאַרק, געוועלבלעך. אין ציוניסטישן פאַראיין זענען שוין אַלע פענצטער באַלויכטן און אויף זלמן וואַסער־טרעגער, דעם פאַרגלאָזטן פון פראָסט, גליט נאָך די שקיעה. עס שמעקט אין מאַרק נאָכן יאַריד גע־פרוירן פערדמיסט, ביר, בראָנפן און „והוא רחום" פון אַ וואָכעדיקן מעריב".

איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט „עס שמעקט", ווייל יחזקאל קייטעלמאַן גע־הערט אין איינעם מיט דוד בערגעלסאָנען און מיט יצחק באַשעוויסן צו אונדזער בעלעטריסטישער קלויז פון „שמעקערס", צום אונטערשייד פון די זעערס פון מענ־דעלעס און הערערס פון שלום־עליכמס חדר.

יהושע פערלעס „יידן פון אַ גאַנץ יאָר"

דאָס בוך איז פערלעס רעפּרעזענטאַטיווסטע און מן־הסתם אויך קינסטלעריש בעסטע בוך. ווען דער ראָמאַן „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" איז מיט געציילטע דריי יאָר פאַרן חורבן דערשינען צום ערשטן מאָל אין וואַרשע, האָט דאָס יידישע לעבן אין פוילן געלעבט אין פולער לעבעדיקייט און נישט אָנגעהויבן צו וויסן ווי נאָענט ס'איז זיין אונטערגאַנג.

ס'האָט דעם חורבן אויך לגמרי נישט געאָנט דער קינסטלערישער געשטאַלטי־קער פון יענעם לעבן — דער ראָמאַניסט יהושע פערלע.

די דאָזיקע פולשטענדיקע אומאָנונג פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט גע־לויערט ביי דער שוועל פונעם יידישן לעבן אין פוילן, האָט פערלען און זיין ראָ־מאַן וועגן די „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" קינסטלעריש אַ גרויסע טובה געטאָן.

פערלע האָט אַ דאַנק אָט דער אומאָנונג געקאָנט בלייבן אַ נישט־צערודערטער אין גבול פון זיין סאַמע אייגנסטן געשטאַלטערישן „איך" און האָט נישט געמוזט נעמען אויף זיך קינסטלעריש־אידעיִשע התחייבותן, וואָס ווערן אָנגעווייעט פון אַן ערב־אונטערגאַנג־שטימונג און צווינגען זיך פון דרויסן מאָראַליש אַרויף אויפן שרייבער.

דער מחבר פון „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" איז נשמהדיק פריי געווען צו שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן אָן שום גלוסט צו פּראָבלעמען און צו סך־הכל־אידעען און אָן דעם אָנשטרענג צו געבן העכערע אויסבליקן.

אין דער פולער רייפקייט פון זיין קינסטלערישער באַגאַבונג און אין דער פּו־

לער רו פון זיין יידישן געמיט האָט יהושע פּערלע, פון ראַדעם און פון וואַרשע, אָפּגעמאָלן אין די „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" אַ שטיק יידיש לעבן אין זיין פּויליש־פּראָווינציעלער היימשטאָט — אַ לעבן אָן צוזאַמענשטויסן, אָן צוגעטראַכטע דראַמעס און אָן דערציילערישע אויפטועך. עס איז אַ לעבן אַזוי שטיל, עכט און מאַנאָטאָן, ווי עס איז אַ שטיק פעלדישע וואָר אין מעת־לעתן אָן באַזונדערע קלימאַטישע אויפטרייסלונגען.

פּערלע פאַרשלייערט נישט זיינע מענטשן. פּערלעס אופן דערציילן איז גיכער אָן אָפּן נאַטוראַליסטישער, אַ נאַקעטער.

אָבער עס איז אין זיין דערציילערישער נאַקעטקייט נישט פאַראַן די כוונה מאַראַליש אויסצוטאָן זיינע העלדן און אויך נישט די קינסטלערישע חפצים מיט זיי נודיסטיש צו פאַראַדירן.

פּערלעס נאַטוראַליזם איז אַ צניעותדיקער. צניעותדיק נישט על־פּי זיין כוונה, נאָר על־פּי זיין כוונהלאָזיקייט.

די זעלישע און גופישע אַנטבלויזטקייט פון די געשטאַלטן אין פּערלעס „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" ווירקט ווי די פרומע אדם־נאַקעטקייט פון קינדער ביים שפּיל אין אַ הייסן זומערטאָג. אָט די נאַקעטקייט, נישט בלויז שטערט זי נישט, נאָר זי געווינט די הערצער מיט איר ליריק און מיט איר חן.

נאָר צוויי, דריי מאָל דורכן בוך פאַרלירט פּערלעס דערציילונג איר נאַטוראַליסטישע כוונהלאָזיקייט און — ווערט אָן איר ליריק, איר חן און איר קינסטלערישן געשמאַק. עס געשעט דאָס דעמאָלט, ווען פּערלע פאַרנייגט זיך אינטעליגענטיש פאַרן פּסיכאָאַנאַליטישן צייטגייסט און נעמט מאָלן ווי יוזשע די דינסט, האָדל די שכנה און דער אלמנהס מיידל רוכטשע לאָדן אויס זייער געשלעכטלעכע תאווה אויף דעם הויפּטהעלד פונעם ראָמאַן, דעם ערב־בר־מצווה־ייִנגל מענדל.

דאָס זענען יוצא־דופנדיקע סצענעס, וואָס סטאַרטשען פרעמדלעך אַרויס פון דער דערציילערישער האַרמאָניע אין ראָמאַן.

אָבער אַפילו אָט די פרעמדע סצענעס זענען, טראַכט איך, נאָענט צו דער געשילדערטער לעבנס־אַטמאָספער, לכל הפחות דערמיט, וואָס אויך זיי לויפן אָפּ רויק, אָן שטורמישע מאָמענטן און אָן שום דראַמאַטישע פינאַלן.

עס איז גאָרנישט אַזוי אידיליש און אויך נישט אַזוי פּאַוואָליע־גייעריש דאָס פּויליש־יידישע פּראָווינץ־לעבן, ווי פּערלע האָט עס געזען.

נאָר וואָדען ? עס איז עפּעס זעליש, ווי אָן פּאַדקאָווע, דאָס לעבן פון פּערלעס ראַדעמער פאַרשוינען, און דערפאַר יאָגט עס זיך איבער די האַרטע וועגן פון געשעעניש און גורל און פּראָדוצירט בלויז דאָ און דאָרט אַ דראַמאַטישן פונק, וואָס ווערט גיך פאַרלאָשן.

אַפילו אַזעלכע גורלדיקע צונויפשטויסן ווי דער ליבע־פּלאָנטער צווישן יאַרמע בעל־עגלהס זון יאַנקל און יאַנינקע, דער טאַכטער פונעם „סטאַרשי סטראַזשניק",

אָדער גאָר די „אויסטערלישע און זייער טרויעריקע זאַך" וואָס איז געשען מיט מענ־דלס שטיפּשוועסטער טויבע — אַפילו אַזעלכע צונויפשטויסן דערגייען נישט ביז דראַמע אונטער פּערלעס געשטאַלטערישער האַנט.

דאָס לעבן, וואָס פּערלע שילדערט אין זיין ראָמאַן איז אָרעם, שווער און טרוי־עריק, אָבער עס שפּרייט זיך איבער אים די רו און דער חן פון יום־טוב.

ס'איז נישט דער „זמן שמחתנו" פון גייסטיקער דערהויבנקייט, נאָר דער יום־טוב פונעם „בעל כרחך אתה חי", דער יום־טוב פון דער גאָלער פיזישער עקסיס־טענץ.

און קיינער איז נישט קיין גרעסערער מאדים אַפּצומאָלן די דאָזיקע אומדראַ־מאַטישע פאַרשוינען פון ידישן דלות מיט עפּעס אַ לירישן היסב־בעט־חן איבער זייערע געשטאַלטן, ווי דער מחבר פון „יידן פון אַ גאַנץ יאָר".

די גרעאָטנסטע פון די געשטאַלטן זענען מענדלס שטיפשוועסטער, די דינסט־מיידלעך מיט זייערע זיווגים. די סאַמע גרעאָטנסטע אָבער און קינסטלעריש פאַר־כאַפּנדיקסטע איז די געשטאַלט פון דער יינגסטער, דער „שענסטער פון טאַטנס טעכטער" טויבע, וואָס „איז געווען דויערעווודיק, געדולדיק און האָט אַלץ אַנגענו־מען מיט אַ גוטן שמייכל."

די געשיכטע מיט טויבען און איר זיווג, דעם חולה־נופלדיקן ליטווישן שוס־טערל, וואָס יאָוועט זיך פלוצעם ווי אַ למד־וואָווניק אין איר לעבן, כדי אַפּצווישן איר שאַנד און איר בושה פון פריער, לייענט זיך ווי אַן אויסטערליש שיין פאָלקס־מעשהלע.

און פון אָט דעם פאָלקס־מעשהלע, טראַכט איך, און אויך פון דער גראָטעס־קער געשיכטע מיטן פעטער מרדכי מענדלס „ווייסן פּאַלאַץ" שטראַלט דאָס אויס יענער פאַרבאַרגענער ראָמאַנטישער חן, וואָס שפּרייט יום־טובדיקייט איבער פּער־לעס נאַטוראַליסטיש נאַקעטן ראָמאַן.

פּערלע בליצט נישט אין די „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" מיט דערציילערישע אויפ־טוען און ער בלענדט אויך נישט מיט דער פאַרביקייט פון זיין שפּראַך. דאָס לשון אין פּערלעס ראָמאַן איז אין פולער האַרמאָניע מיט דעם אייננטאָניקן לעבן, וואָס עס איז געשטעלט געוואָרן צו שילדערן.

אָבער איינס פאַרמאָגט פּערלעס שפּראַך, וואָס איז באמת אויסנעמלעך. זי פאַר־מאָגט רייכן, שפּילעוודיקן און — אויטענטישן דיאַלאָג. אַזאַ דיאַלאָג ווי דער איבער־שמועס צווישן זיידן, דעם שניידער דוד פראַיקע מיט דער באָבע ראָכל איז באמת אַ גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג.

דער ראָמאַניסט יהושע פּערלע איז אומגעקומען אַ מות קדושים אין איינעם מיט אַלע „שבת־יום־טובדיקע יידן" און אין איינעם מיט אַלע „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" פון פּוילישן יישוב.

אַפּאָריזמען

קיין מער אינטעלעקטועלע דרייסטקייט ווי רעליגיע איז גאָר נישט געמאָלט. דער רעליגיעזער מענטש איז נישט בלויז מוטיק קעגן טויט, ווייל „גאָט איז מיין פּאַסטעך", מיר וועט נישט פעלן (הד' רועי, לא אחסר), נאָר ער איז אויך מוטיק קעגן גאָט, ווייל ער האָט די זעונג פון אייביקן לעבן.

✶

ווען דער יידישער גורל ווערט אַבערגלייבעריש, כאַפּט ער דעם אַנבליק פון גריכישן פאַטום.

✶

דער מענטש איז נישט נאַר, ווי די אַלטע גריכן האָבן געלערנט, אַ „זאָאָן פּאָ־ליטיקאָן" נאָר אויך, ווי מיר יידן ווייסן דאָס, מקדמונים אַ „זאָאָן היסטאָריקאָן". דער מענטש הייבט זיך נישט אָן פון זיך אַליין, נאָר פון זיין זיידן און נאָך פריער. די היסטאָרישקייט איז דער „יתרון האדם", דער מער פונעם מענטשן איבער אַלע אַנדערע גאָטס באַשעפענישן.

✶

מער פון אַלע קונסטזשאַנערן איז די דראַמע געבונדן צו „צו־דער־זאַכיקייט". וויניקער פון אַלע זשאַנערן קאָן זי זיך דערלויבן זייטיקע שפּרונגען און אגב אור־חאָס. די דראַמע איז די לאָגיש און מעטאָדיש צו מיינסטן דיסציפּלינירטע וואָרט־קונסט.

✶

ליריק מיט הומאָר איז זייער אַ גוטער שידוך, אָבער אַ זעלטענער. הומאָר אָן ליריק איז פון לכתחילה אַ דורכפאַל, וואָרעם הומאָר אָן ליריק איז פלאַך, איז פאַרשייט און דערגייט נישט מער ווי ביז צום גוף. די נשמה ווערט פון דעם אומ־ליrישן הומאָר נישט באַרירט.

✶

די סענטימענטאַלע איבערגעלאָדנקייט פון אַ שרייבער איז אַ סך מאָל אַ רעזול־טאַט פון אַ שולדגעפיל לגבי זיינע געליטענע העלדן, אָבער זי איז קינסטלעריש נישט קיין געראָטענע תשובה פאַר די זינד.

שלמה ביקל

*

אין דער לופט פון סענטימענטאַלקייט צייטיקט נישט קיין דראַמע.

*

דער דעטאַל איז אַן עיקר פון קונסט; צו פיל דעטאַלן זענען דער היפּוך פון קונסט — די אומקינסטלערישקייט אַליין.

*

אויפן וועג צו אוממעגלעכקייט איז יעדער פּלאַן — אַ טעות און יעדער אַפּמאַך — אַ נישטיק שטיקל פּאַפּיר.

שיע טענענבוים

א

דער מעמואַריסט

שיע טענענבוים געהערט ביי אונדז צו די לפי ערך יינגערע זייער פּראָדוק־טיווע שרייבער. עס פעלן אים נאָך דריי יאָר צו די זעכציק (אַזוי זאָגט דער פּערטער באַנד „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״ און אַזוי איז ער אַליין אַ סך מאָל מרמז אין זיינע זכרונות) און ער האָט שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן אַנדערט האַלבן צענדליק ביכער (לידער, זכרונות, עסייען, דערציילונגען און מיניאַטורן). אויך בין איך אים חושד, אַז אין ליגן בייס אים שופלאָד ביי אים ליגן גרייט נייע ביכער. כ׳זע דאָס פון די עסייען, מיניאַטורן און דערציילונגען, וואָס ער דרוקט רעגלמעסיק אין דעם מעקסי־קאַנער וואָכנבלאַט „די שטימע״ און וואָס זענען ביז איצט נאָך נישט פאַראַן צווישן טאָוולען.

איך מוז זאָגן, אַז משפּטנדיק לויט טענענבוימס פריערע ביכער, דערעיקרשט לויט זיינע עסייען, האָב איך זיך געשראָקן צו נעמען לייענען זיינע זכרונות, וואָרעם זענען דען זכרונות געמאָלט אָן אַ צומיש פון עסייִסטיק?

טענענבוים האָט אין זיינע עסייען געהאַט אַ גראַנדילאָקווענטן, היפּערבאַלישן סטיל. ער האָט געשריבן וועגן גרויסע טעמעס און האָט נישט גענוצט קיין ווערטער

— ווי מיינער אַ פריינט, אַ שונא פון מליצה, פלעגט זאָגן — נאָר אויסדרוקן. די אַדיעקטיוון — אַלע מאָל אין סופּערלאַטיוו און די אַסאָציאַציעס און פאַרגלייכן זייער זעלטן פון לעבן, נאָר בדרך כלל פון דער ליטעראַטור.

שיע טענענבוים איז נאָך היינט, לויט מיין געשמאַק, צו פיל פאַרליטעראַטורע־וועט און פאַרקונסטעוועט. כמעט יעדע געשטאַלט וואָס ער מאָלט אין זיינע מעמואַרן דערמאָנט אים אין די העלדן פון באַלזאַק און פלאָבער, אין די געמעלן פון רובענס אָדער אין די קאַריקאַטורן פון דאָמיע און זשעראָם באָש. און ווען ער דערציילט וועגן זיינעם אַ באַזוך אין משוגעים־הויז ווו ער האָט געטראָפן אַ חסר־דעה, וואָס פלעגט „טרויעריק אַראָפּנייגן זיין אַלטן קאָפּ צו דער ערד, ווי צום אָפּגרונט, צו נאַכט און טויט", האַלט עס טענענבוים (לשם תפארת המליצה) פאַר נייטיק אונדז צו פאַרזי־כערן, אַז דאָס איז נישט געווען „דער קאָפּ פון אַריסטאָטעלעס, שווער מיט מחשבות פון גאַרן אוניווערס באַלאַדן, און אויך נישט דער קאָפּ פון האַמלעט, וואָס זינקט צו דער ערד אין טרויעריקן צווייפל, און אויך נישט דאָן קיכאָטס קאָפּ, וואָס הייבט זיך הויך אויף אין שטאָלץ צו די שטערן". נאָר וואָדען? דאָס איז „פשוט דער קאָפּ פון איינעם וואָס האָט יונגערהייט פאַרלוירן זיין ווילן און זיין ווערט".

דער לייענער האָט גאָר נישט אַנדערש געטראַכט, אַז דאָס איז דער פשוטער קאָפּ פון אַ משוגענעם און די אַסאָציאַציעס (אפילו אין דער פאָרעם פון ניין) צו אַריסטאָטעל, האַמלעט און דאָן קיכאָט קומען אויס משונה און ספּעציעל אַרויס־געבראַכט, כדי „להגדיל תורה", ד. ה. כדי צו באַווייזן, אַז מיר זענען נישט אַבי ווער: מיר געפינען זיך מיט אונדזערע אַסאָציאַציעס און פאַרגלייכן אין דער קאָמ־פּאַניע פון די וועלט־גדולים.

שיע טענענבוים איז נאָך איצט אויך, ווי געזאָגט, היפּש משועבד צו „אויסדרוקן" אַנשטאָט צו ווערטער, אָבער ס'וואָלט געווען אַן עוולה נישט צו פאַרצייכענען, אַז ער איז אָפּט אין זיין שפּראַך בילדעריש־שיין.

אָט האָט אין אַנטוואָרפן געגעדט חיים וויצמאַן, און טענענבוים איז אים געגאַנ־גען הערן. זאָגט ער, קודם מליצהדיק, וועגן וויצמאַנען, אַז ער האָט געשריבן זיין אויטאָביאָגראַפיע מיט „בלוט און מיט גאָלד פון זיין גאַנץ לעבן". אָבער וועגן וויצ־מאַנס רעדן נוצט טענענבוים אַ בילד, וואָס געפעלט מיר. ער שרייבט: „אַ יידישער מלך האָט גערעדט צו יידן. די קרוין האָט נישט אַנגערירט זיין שאַרבן, אָבער מלאכים האָבן זי פאַרזיכטיק אונטערגעהאַלטן מיט זייערע גאָלדענע (פאַר וואָס גאָלדענע?) הענט הויך איבער זיין אײדעלן שטערן".

אין זיינע פרויען־געמעלן איז טענענבוים זייער גאַלאַנט און גראַנדילאָקווענט, אָבער ווען ער זאָגט וועגן דער יונגער פרוי, ביי וועלכער ער האָט געוואָלט דינגען אַ צימער, אַז „איר פנים איז געווען אַן אָפּגעפּאַרבטע בלום", איז דאָס פשוט, איינ־דרוקספול און איבערצייגנדיק.

שלמה ביקל

ב

מאָדנע משפּחה־געשטאַלטן

אָפּגעזאָגט אַ האַרבער וואָרט מכּוח טענענבוימס היפּערבאַלישע און גראַנדי־לאָקווענטע פּאַרגלייכן, איז מיר אָנגענעם צו דערציילן, אַז די דריי בענד זכרונות זיינע, וואָס איך האָב איצט איבערגעלייענט, לאָזן איבער אַן איינדרוק. זיי מאַכן אַ רושם אי מיט זייער קולטור־היסטאָרישער קאַנוווע (פּוילן, בעלגיע, אַמעריקע), און נאָך מער מיט די מערקווערדיקע געשטאַלטן פון זיין אייגענער משפּחה, וואָס דער מעמואַריסט פירט פאַר אונדז דורך.

דער ערשטער באַנד, וואָס איז אַרויס נאָך מיט זיבן יאָר צוריק, הייסט: „דער אמת זאָל זיין דיין שטערן"; דער צווייטער, מיט דריי יאָר שפּעטער, אונטערן נאָמען: „דער שר פון לעבן", און דער דריטער הייסט: „איוב פון לעמבערג".

אין ערשטן בוך ווערט דערעיקרשט געמאָלט די געשטאַלט פונעם מחברס פאָטער, און עס ווערט איבערגעגעבן דער משפּחה־ייחוס סיי פון פאָטערס און סיי פון מוטערס צד. אין צווייטן באַנד, וואָס איז, לפי דעתי, שרייבעריש דער געראָ־טנסטער, ווערט דערציילט וועגן פאָטערס שוועסטער פעליציאַ האָניגספעלד, וועגן איר־ע טעכטער און וועגן איר רייכער וווינונג אין וואַרשע, וואָס זי האָט נאָכן טויט פון איר מאַן פאַרוואַנדלט אין אַ האָטעל; און עס ווערט איבערגעגעבן וועגן מחברס שוואָגער חיים שבת, און די שאַרפע און קריגערישע איבערשמועסן, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין שווער, טענענבוימס פאָטער.

חיים שבת, דער מאַן פון מחברס שוועסטער טעמעלע, איז געלעגן אַ שטיק צייט אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע אין ניו־דזשערסי. אַהיימגעבראַכט האָט אים זיין פרוי, קעגן דעם ווילן פון דער משפּחה, וואָס האָט גאָר געוואָלט, אַז ער זאָל זי אָפּגטן.

חיים שבת האָט אַ מאָדנע פּרנסה: ער איז אַ וואַשער און צורעכטער פון מתים אין איינעם אַ ניו־יאָרקער יידישן „טשעפּל". חיימס געהירן ברענען מיט שגעונדיקע איינפאַלן, זיין זכרון איז אַ פענאָמענאַלער און זיין שינאה צום שווער איז אַ גיפטיקע (די שינאה איז אַ קעגנזייטיקע; דער שווער האָט אים נישט ווייניקער פיינט). חיים שבת האָט אַ באַדערפעניש אַריינצוזאָגן דעם שווער, אים צו דערמאָנען אַלע חטאים און אַלע עוולות, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין זיין לעבן קעגן זיין פרוי און קעגן זיינע קינדער. ס'איז אַ גאַנצע שפע מיט חטאים און עוולות און חיים שבת שעפּט דערפון אין זיין איבערשמועס מיט פולע עמערס.

די „באָטיצן פון חיים שבת", ווי טענענבוים רופט דאָס קאַפּיטל זכרונות וועגן זיין שוואָגער, זענען געראָטן, אי דערפאַר, וואָס זיי מאָלן אויספירלעך די געשטאַלט פון דעם חסר־דעהניק מיט דער מאָדנער פּרנסה, מאָדנעם זכרון און מאָדנעם שאַרפן

כוח פון אַריינזאָגערישקייט, און אי ווייל עס גייט דורך אין חיים שבתס דערמאָנונגען דאָס גאַנצע לעבן פון אברהם מרדכי טענענבוים, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ רייכער משפּחה, איז געווען אַ קינסטלעריש־באַגאַבטער מענטש און האָט פון גאָרנישט געקאָנט אַרויסשלאָגן פּרנסה. דאָס האָט אויפגעבלאָזן זיין שטאָלץ, האָט אים געמאַכט פאַרביטערט און בייז, און ער האָט זיין גאַנצע פאַרביטערטקייט און בייזקייט אויסגעלאָזט צו זיין ווייב און צו זיינע צוועלף קינדער, וואָס דאָס יינגסטע פון זיי איז אונדזער מעמואַריסט.

ווען חיים שבת נעמט אויסרעכענען דעם שווערס „וויסטע מסחרים און שלימזלדיקע אונטערנעמונגען" און זיינע עוולות קעגן ווייב און קינדער, שטעלן זיך ממש, אָן גוזמא, די האָר קאַפּויער, און איך טראַכט, אַז וויפל „דער אמת זאָל טאַקע נישט זיין דיין שטערן", איז דער שטערן פון טענענבוימס מעמואַרן אפשר צו ליכטיק, צו אַנטבלויזעריש; ער טוט־אויס מיט זיין צו גרעלן ליכט די געשטאַלטן און לאָזט זיי שטיין נאַקעטע, ווי אין מיטן העלן טאָג. איז אפשר דאַרף דאָס נישט זיין די מלאכה פון אַ זון. איך זאָג „אפשר" און נישט „זיכער", ווייל מען קאָן נישט לייקענען, אַז די געשטאַלטן־גאַלעריע פון פאָטער, ברידער, שוואָגערס און מומעס, וואָס טענענבוים שטעלט־אויף, איז אַ גאַלעריע, וואָס באַרייכערט אונדזער וויסן וועגן דעם לעבן פון די פּוילישע יידן אין דער היים און אין זייערע גלותן, און דערציילן אונדז, ווי אַזוי די אָרעמקייט און די אוממעגלעכקייט אויסצולאָדן די נאַטירלעכע פעיקייט האָט פאַרקרימט נשמות און זיי געלאָזט שטיין אויף דער גרענעץ פון איינגעוואָרצלטקייט און אָפּפרעמדונג פון טאַלאַנט און שגעון, פון פאַטעטישן זשעסט און גראָטעסקע תנועות.

ג

גראָטעסקע בילדער

אַ טייל פון די גראָטעסקע בילדער זענען באמת ראוי געשטאַלטיקט צו ווערן אין סעפּאַראַטע ווערק.

אָט איז די מאַקאַברע הומאָרעסקע מיט דער באָרד פונעם מת פינטשע אחשורוש, וואָס חיים שבת האָט זי אָפּגעשוירן אין „טשעפל", כדי צו איבערצייגן זיין ווייב, אַז איר קרוב איז געשטאָרבן; און אַז זי האָט געמאַכט גערוואַלדן, למאי ער האָט מבזה געווען אַ פרומען ייד, האָט ער די באָרד אויף צו מאָרגנס צוריק צוגעקלעפּט דעם מת, און קיינער האָט עס ביי דער לויה נישט באַמערקט.

אָבער אין הימל — וואָלט מען ווייטער געקאָנט שפּינען די גראָטעסקע מעשה — האָט מען יאָ דערקענט; די באָרד האָט זיך נישט געהאַלטן אויף פינטשעס פּנים און עס זענען געווען צדיקים, וואָס האָבן אים געטרייסט, אָבער אַ היפּש ביסל האָבן פון אים חוזק געמאַכט.

הומאָר איז אַזוי ווי צדקה — זאָגט אַן אַמעריקאַניש ווערטל — ער הייבט זיך אָן פון זיך אַליין. און שיע טענענבוים האָט בפירוש הומאָר, ווייל ער האָט נישט מורא אַ לאַך צו טאָן איבער זיך אַליין.

אין 1931 האָט טענענבוים אַנגעשריבן אַ פּאָעמע מיט דעם (פּאָלג מיך אַ גאַנג) נאָמען „עפּאַריאָן". עפּאַריאָן איז דער מיטאָלאָגישער זון פון אַכילעסן, און אין געטעס „פאַוסט" אַ מין סימבאָל פאַר אַ ניי־אויפגעגאַנגענעם דיכטער. אַ האַלבע אויפלאַגע (פינף הונדערט קאָפּיעס) האָט ער געלאָזט פאַרשפּרייטן צווישן די געסט אויף דער פּלאַזשע און האָט דערנאָך געפונען ביים ברעג פון ים „שפּורן פון זיין פּאָעזיע". די רויטע בראַשורן האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט פאַרלאָזענע און מן־הסתם נישט געלייענטע „אויף די גאָלדיקע זאַמדן" ביים ים.

די איבעריקע פינף הונדערט האָט טענענבוים באַשלאָסן צו דערטרינקען. ער האָט זיי אין אַ לבנהדיקער נאַכט אָוועקגעטראָגן צום שטילן טייכל אין אַנטווערפּענער קיוויט־פּאַרק און זיי דאָרט אַריינגעוואָרפן. אָבער דער פלעמישער פּאָליציימאַן האָט עס דערזען און האָט דעם דיכטער אַרעסטירט. אין פּאָליציי־צירקל האָט טענענבוים געמוזט האַרעווען צו איבערצייגן די אויספאָרשערס, אַז ער איז נישט אויסן געווען קיין שום רעוואָלוציאָנערע מעשים. זיי האָבן אים באַפרייט, מיט דעם בפירושן אָנזאָג, אַז ער זאָל מער „נישט וואָגן צו באַגיין אַזאַ פאַרברעכן, און אויב ער וועט אַ מאָל דאָך באַשליסן אָפּצודרוקן אַ ניי בוך לידער, אָדער פּראָזע, זאָל ער די אויפלאַגע פאַרברענען אין אַ פּריוואַטער קרעמאַטאָריע, און זאָל נישט פּרוּוון שטערן די עפנטלעכע רו אין פּאַרק, וואָס געהערט צום שפּאַצירנדיקן און טרוימענדיקן פּובליקום".

עס איז דאָ אין דער טרויעריקער מעשה אַ שאַרפע אָפּלאַכעניש פון זיך אַליין, אָבער אויך בייסיקע סאַטירע קעגן דער געזעלשאַפט, קעגן איר אָרדענונג און קעגן אירע אָרדענונג־היטער.

טענענבוימס פאָטער איז דער הויפּטהעלד פון די ערשטע צוויי בענד זכרונות. דער אָרעמער ייד, וואָס האָט כמעט קיין מאָל קיין פּרנסה נישט געהאַט, איז נישט בלויז אַליין אַ שטאָלצער מענטש, נאָר ער האָט אויך, אַזוי צו זאָגן, אַ שטאָלצע אידעאָלאָגיע. ער איז אַ ראַיאַליסט. ער איז ברוגז, וואָס מען האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר און ער גלייבט, אַז דער צאַר וועט נאָך צוריקקומען צום טראָן, און פון אָט־דער אמונה נעמט עס זיך, וואָס דער אַלטער טענענבוים האָט אומבאַדינגט צוטרוי צו דער צאַרישער וואַלוטע; לאָזט ער זיין משפּחה ווייטער הונגערן, און פאַר די דאָלאַרן, וואָס זיינע זין אין אַמעריקע שיקן אים צו, קויפט ער איין די צאַרישע רובלס, וואָס וועלן נאָך — אַזוי חלומט ער — צוריק באַקומען זייער פולן ווערט און — ער וועט אַזוי אַרום נתעשר ווערן, עלעהיי ראָטשילד ביים אויפקויף פון אַקציעס אין נאַפּאָלעאָנס צייטן.

גאַנצע קופערס מיט צאַרישע רובלס האָבן פאַרפולט די שטוב, און דער פאָטער האָט די קופערס מיטגעפירט מיט זיך קיין אַמעריקע און זיי זענען געשטאַנען ביי

אים אין אַלע זיינע אָרעמע דירות — ביז ער איז געשטאָרבן. ערשט נאָך זיין טויט האָט מען דאָס צאַרישע געלט אַרויסגעוואָרפן. דער חלום פונעם אַלטן תקיף און ראַיאַליסט אברהם מרדכי טענענבוים איז געבליבן ליגן אויפן מיסט.

ד

דער קדוש זישע באַגיש

עס זענען צוויי געשטאַלטן, וואָס וועגן זיי ווערט דערציילט אין דעם באַנד פון שיע טענענבוימס זכרונות, וואָס הייסט „איוב פון לעמבערג".

ביידע האָב איך געקענט: דעם דיכטער זישע באַגיש אין מיינע בוקאַרעסטער יאָרן, און מיט דעם צווייטן, דעם סקולפּטאָר ענריקאָ (הענעך) גליצענשטיין, האָב איך זיך באַקענט אין חודש מערץ 1939, באַלד נאָך מיין אָנקום קיין אַמעריקע. זיי זענען מיר ביידע אַרויס פון זכרון און איך קום אַ דאַנק שיע טענענבוימען פאַר אויפוועקן זייערע געשטאַלטן אין זיין בוך „איוב פון לעמבערג", וואָרעם גליצענשטיין איז געווען אַן עכטער קינסטלער, און זישע באַגיש איז דורך זיין טויט געוואָרן איינער פון די הייליקסטע פון זיין דור.

ווי מאָדנע און ווייט געכאַפּט דאָס זאָל נישט אויסזען, מוז איך זאָגן, אַז ביים נאָמען באַגיש קומט מיר אויף די אַסאָציאַציע צו עמיל זאָלאַ. שרייבעריש איז, פאַרשטייט זיך, נישטאָ קיין שום קרובהשאַפט צווישן דעם פראַנצייזישן מחבר פון באַרימט געוואָרענע נאַטוראַליסטישע ראָמאַנען, עמיל זאָלאַ און דעם יידישדיכטער זישע באַגיש, וואָס האָט געשריבן פלאַקאַטלידער און איבערגעזעצט „געזאַנגען פונעם נעגער־פאָלק". אָבער ערגעץ ווו אין זייער מענטשלעכן גורל יאָוועט זיך אַ פינטעלע, וואָס דערשטוינט מיט דער ענלעכקייט פון זייער ברענענדיקן געוויסן און מסירת־נפש.

אי דער באַרימטער פראַנצייזישער ראָמאַניסט זאָלאַ און אי דער ווייניק באַקאַנטער יידיש־דיכטער זישע באַגיש האָבן געלעכצט נאָך אָנערקענונג מצד זייערע חברים שרייבערס. זאָלאַס ביכער האָבן געהאַט לייענערס, אָבער נישט קיין שרייבערישע אָנערקענונג. זאָלאַס שאַרפסטער נישט־אָנערקענער איז בלי ספק געווען אַנאַטאָל פראַנס.

אָבער עס איז געקומען אַ מאָמענט ווען זאָלאַ, דער נישט־אָנערקענטער פון זיינע חברים, האָט זיך מאָראַליש דערהויבן ווייט איבער זיי אַלע, און ער איז געוואָרן דאָס געוויסן פון זיין דור, דאָס געוויסן פון פראַנקרייך. ער האָט זיך געשטעלט בראש פון די קעמפּפערס פאַר דרייפוסן, האָט אָנגעשריבן דעם מוטיקן אָנקלאָג קעגן די גענעראַלן, וואָס האָבן געמאַכט און אונטערגעהאַלטן דעם בילבול קעגן דעם קאַפּיטאַן דרייפוס. זאָלאַ איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר תפיסה, האָט געמוזט אַנט־

לויפן און אַפריכטן גלות אין ענגלאַנד, ביז ער האָט אַ פיזיש צעבראָכענער זיך געקענט אומקערן צוריק קיין פראַנקרייך. זאָלאַ האָט אין תוך זיך מוסר־נפש געווען פאַר דער גערעכטיקייט און האָט זיין לעבן פאַר דרייפוסן אַוועקגעשענקט.

פראַנקרייך פון נאָך דרייפוסן האָט דערפאַר אָפּגעגעבן זאָלאַן אַ פלאַץ אין נאַציאָנאַלן פּאַנטעאָן, און זאָלאַס שאַרפסטער שרייבערישער קריטיקער, אַנאַטאָל פראַנס, האָט אים מספּיד געווען און אין זיין הספּד עדות געזאָגט, אַז דער מחבר פון „זשערמינאַל" איז געווען איינער פון די גרעסטע פון זיין דור, ווייל ער איז פאַר אַ מאָמענט געווען דאָס געוויסן פון פראַנקרייך.

דער יידיש־דיכטער זישע באַגיש האָט זיכער נישט געהערט צו די אָנערקענטע דיכטערס ביי זיינע חברים שרייבערס און אויך נישט צו די באַקאַנטע ביי די יידיש־לייענערס. איך געדענק דעם הויכן דאַרן יונגן־מאַן באַריס ווייסמאַן, וואָס איז אין איינעם מיט זיין פאָטער אַריבערגעקומען פון ביאַליסטאָק קיין בוקאַרעסט. דער פאָטער, אַ וועבער, האָט זיך גיך איינגעאָרדנט אין מינדלינס טעקסטיל־פאַבריק, אָבער דער זון, דער דיכטער, האָט געוואַנדערט פון בוקאַרעסט קיין בעלגיע און פראַנקרייך, און דערנאָך צוריק קיין בוקאַרעסט, און סוף־כל־סוף צוריק קיין לאָדזש און קיין ביאַליסטאָק, און האָט איבעראַל אַרויסגעגעבן לידער־זאַמלונגען און אַפילו צייטשריפטן, אָבער אין ערגעץ זיך נישט געקענט איינגלידערן אין דער שרייבער־משפחה און געווינען אָנערקענונג.

מיר זענען געווען אַ קליינע גרופע יידיש־ליטעראַטן אין דער רומענישער הויפטשטאָט, אַ מין יידיש־אַמבאַסאַדע אין אַ גויישן, אין אַ שרעקלעך יידיש־גויי־שן אַרום, און מיר האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ נייעם שעפערישן אָנקומער. אָבער זישע באַגיש איז פאַר אונדז נישט געוואָרן דער נייער „ליטעראַרישער עולה". מיר האָבן געלייענט זיינע „לידער און פלאַקאַטן", אונטערן נאָמען „לערנט ליב צו האָבן לעבן", וואָס זענען דערשינען אין בריסעל, און מיר האָבן נישט ליבער באַקומען דאָס לעבן און דאָס ליד (באַגישעס ליד) אוודאי נישט. אויך זיינע איבערדיכטונגען פון נעגערלידער („דאָס געזאַנג פון נעגער־פאָלק"), וואָס ער האָט געדרוקט אין בוקאַרעסט אונטער דער פירמע פון פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ, האָבן אונדז נישט דערנענטערט צו באַגישעס פּאָעזיע. און מיר זענען אַלע געבליבן קאַלט אויך צו זיינע „פּאָרטרעטן", וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין בוקאַרעסט, אין 1937, מיט אַ וויל־יונגערישער זעלבסטקריטיק און פערזן, לאמור —

„אַ בוך ווי געוויינלעך אַ בוך,
געשריבן זייער מאָדנע (ווי באַקאַנט)
און אין יידיש־לשון (מעשה פּאָרטרעטן,
אַ לאַ שאַגאַל און רעמבראַנדט)
אַנדערש ווי ס'שרייבן אַלע פּאָעטן".

ס׳איז נישט געווען אַנדערש פון אַלע פּאָעטן לטובת באַגישן און אַוודאי און אוודאי נישט אַ לאַ שאַגאַל און רעמבראַנדט.

באַגיש איז אין בוקאַרעסט געבליבן אויף דער פּעריפעריע פון דער יידישער ליטעראַטור און אַפילו מחוץ פון איר, און ער האָט אין זיין צייטשריפט, „אינזעל״, געפירט מיט אונדז מלחמה פאַר אַנערקענונג, אָבער ער האָט די מלחמה נישט גע־וווּנען.

פון שיע טענענבוימס זכרונות וועגן באַגישן אין זיין בוך „איוב פון לעמבערג״ ווער איך געוווירר, אַז אויך אין בריסעל איז באַגיש נישט דערגאַנגען צו אַנערקע־נונג ביי זיינע חברים. טענענבוים דערציילט אַ סך וועגן דער נויט, אין וועלכער באַגיש האָט געלעבט, וועגן זיין באַהעמיעַנישער התנהגות, און אַ היפּש ביסל וועגן זיינע נישט תמיד גוטע באַציונגען צו מענטשן. טענענבוים גיט אויך איבער וועגן באַגישעס פרוי, סימאַ, וואָס איז געווען אַ בת־טובים פון בעסאַראַביע, אַ זייער איני־טעליגענטע און ענערגישע פרוי, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין גרענעצן אין איר געטריישאַפט צו באַגישן און אין אַגרעסיווקייט צו יעדן אַנדערן, וואָס האָט געוואָגט נישט צו זאָגן יאָ צו באַגישעס דיכטונג, אָדער אַפילו בלויז נישט צו קויפן זיינע ביכער. אָבער אין ערגעץ דערציילט נישט טענענבוים, אַז באַגיש און זיין פרוי סימאַ האָבן געווונען די שלאַכט פאַר דיכטערישער אַנערקענונג.

און פּלוצעם איז געקומען דער זאַלאַשער מאָמענט פאַר באַגישן, וואָס האָט אים דערהויבן איבער ליטעראַרישער אַנערקענונג און האָט איינגעהילט זיין נאָמען אין גלאָריע און שיינקייט.

„שניים מהלכין בדרך״ — ברענגט די גמרא — צוויי גייען אין וועג, און איינער פון זיי פאַרמאָגט אַ קרוג וואַסער. צי זאָלן ביידע טרינקען און נישט קענען שטילן זייער דאָרשט? אָדער זאָל דער בעל־הבית פונעם קרוג טרינקען און בלייבן לעבן? ר׳ עקיבא האָט געפּסקנט, אַז „חייך קודמין״, קודם קומט די זאָרג פאַר דיין אייגן לעבן און דערנאָך ערשט די דאגה פאַרן לעבן פון דיין חבר.

דער יידיש־דיכטער זישע באַגיש האָט פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגן נפש, געפּסקנט מאָראַליש הייסער ווי ר׳ עקיבא.

אָט איז דער פּסק, ווי ער ווערט איבערגעגעבן אין רפאל ריינערס בוך „דער אומקום פון ביאַליסטאָקער יידנטום״ (מעלבורן, אויסטראַליע, 1948) —

„עס איז געווען אין טויטן־לאַגער בירקענאַו. דער ביאַליסטאָקער יונגער־מאַן סאָקאָלאָוויטש, וועלכער האָט געזאָלט אָפּגעפירט ווערן אין גאַזקאַמער, איז אַרומ־געלאָפן ווי אַ משוגענער הין און צוריק איבערן באַראַק. דער באַקאַנטער ביאַליס־טאָקער שרייבער זישע באַגיש, דערזעענדיק סאָקאָלאָוויטשן אין אַזאַ מצב, האָט ער אים צוגערופן צו זיך און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט; דו ביסט נאָך יונג און געזינטער פון מיר. איך בין שוין שוואַך און וועל דעם גיהנום מן־הסתם נישט אויס־האַלטן. וועל איך דיר געבן אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. איך וועל מיט אַ פריי־

ערן געמיט גיין אַנשטאָט דיר אין גאַזקאַמער, מיט דעם באַוווסטזיין, אַז דורך מיין קרבן ראַטעווע איך אַ צווייטן ייד.

„סאָקאָלאָוויטש האָט באַגישן קיין תשובה נישט געגעבן, און מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ אַוועק אויף זיין נאַרע. ביי נאַכט, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויספירן פון בלאָק די קרבנות, וואָס דאַרפן גיין צו פאַרגאַזונג, גייט צו באַגיש צו סאָקאָ־לאָוויטשן, געזעגנט זיך מיט אים, ווינטשט אים צו דערלעבן די באַפרייונג — און גייט אַוועק מיט דער גרופּע. באַגישעס ברכה איז טאַקע מקוים געוואָרן. סאָקאָלאָ־וויטש געפינט זיך היינט צווישן די לעבעדיקע (ציטירט לויט שיע טענענבוימס „איוב פון לעמבערג", זייט 160)".

דער פּאָעט זישע באַגיש האָט אַוועקגעשענקט זיין לעבן און דערמיט עס מקדש געווען.

אין דעם ערשטן באַנד „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" ווערט די דאָזיקע פּערטע מתנה, וואָס זישע באַגיש האָט צוגעשטעלט צו פּרצס „דריי מתנות", נישט דערמאָנט, הגם אין דער ביבליאָגראַפּיע ווערט פאַרצייכנט רפאל רייזנערס בוך, וואָס איז דערשינען מיט אַכט יאָר פריער. איך וויל מלמד זכות זיין אויף די בעלי־הלעקסיקאָן. און דער זכות איז, וואָס עס איז געווען דער 1טער באַנד און דער דיכטער ח. ל. פוקס, דער אומדערמידלעכער אַנטפּלעקער פון נשכחות און אויסגראָבער פון פאַרבאַרגענע ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע דאַטעס, האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט צענומען זיינע פליגל, ווי אין די שפּעטערדיקע בענד פונעם לעקסיקאָן. דערפאַר פעלט אַפילו אין באַגישעס ביאָגראַפיע די געבורט־דאַטע (זי איז נישט באַקאַנט — ווערט דאָרט געזאָגט). און ס'איז בפירוש געווען גרינג זי אויסצוגעפינען, וואָרעם אין ניו־יאָרק לעבט זישע באַגישעס אַ פאַרהייראַטע שוועס־טער און אין ישראל זיינער אַ זון.

ה

ענריקאָ גליצענשטיין

עס איז ממש פּאַטעטיש, וואָס שיע טענענבוים דערציילט וועגן דעם באַרימטן סקולפּטאָרס פריינדשאַפט מיט זיין (טענענבוימס) מאַמע. ער איז געווען אַן אַריינ־גייער צו די טענענבוימס אין הויז, דערעיקרשט אין אַ פרייטאָג צו נאַכטס, ווען די שטוב האָט געאָטעמט מיט דער פייערלעכקייט פון שבת. גליצענשטיין איז געקומען צו דער אַלטער פרויס לויה, און אַז דער רב האָט אים פאַרבאָטן צו צייכענען דאָס טויטע פּנים אין ארון, האָט ער כאַטש אין איינעם מיט די זין געזאָגט קדיש ביים קבר, און דערנאָך, פונעם זכרון, געצייכנט דאָס בילד פון דער לוויה.

איך האָב גליצענשטיינען נישט צו לאַנג און נישט צו נאָענט געקענט, אָבער פון דעם ביסל באַקאַנטשאַפט, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט, שטימען די דערמאָנ־טע פּרטים מיט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר איבערגעלאָזט.

זיין געשטאַלט איז מיר ווייניקער געבליבן אין זכרון. איך געדענק מער זיין אופן רעדן. ער האָט גערעדט עטלעכע לשונות מיט אַ מאָל, אַלע אין איינעם און אַלע צעקאַליעטשעט. פון דעם שפּראַכגעמיש, וואָס ער האָט מיט היפּשע שוועריי־קייטן אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל, האָט אָבער געאָטעמט מיט גרויסער לײַדנשאַפט: אַ לײַדנשאַפטלעכע בענקשאַפט צו ייִדישקייט, פון וועלכער דער זון פון אַ ייִדישן מצבה־קריצער אין דעם שטעטל טורעק, וואָס האָט ייִנגלוויַיז געלערנט אין אַ ישיבה, איז לאַנגע יאָרן געווען אָפּגעריסן. גליצענשטיין איז געווען פון יענע סענטימענטאַלע ייִדישקייט־בענקערס, וואָס ס'איז גענוג דער אָנבליק פון שבת־ליכט, אָדער בלויז אַ שטיקל לעקעך מיט בראַנפן, ער זאָל זיך פאַר גרויס רירונג צעוויינען.

און נאָך איין גרויסע לײַדנשאַפט האָט פאַרמאָגט גליצענשטיין — אַ לײַדנשאַפט ייִדישע פּנימער צו צייכענען און ייִדישע קעפּ צו סקולפּטירן. די דאָזיקע לײַדנשאַפט איז טאַקע אַ בשותפותע ביי די מערסטע קינסטלערס, דערעיקרשט פּאָרטרעטיסטן, אָבער ביי גליצענשטיינען איז דאָס דערגאַנגען ממש ביז גראָטעסק, ווייל ער האָט אין זיינע געמעלן פון פּנימער נישט געזוכט אַרויסצובאַקומען דעם פאַרבאָרגענעם ייִדישן שטריך און דאָס פאַרהוילענע ייִדישע געמיט, נאָר מער אַריינצולייגן זיך אייגענעם ייִדישן סענטימענטאַליזם.

יעדעס געמעל זיינס, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען, איז געווען דאָס פּנים פון אַ פאַרבענקטן צו ייִדישקייט און פון אַ צוריקגעקומענעם צו איר. אַפילו דאָס בילד פון די צוויי לייוויק־פּנימער אויף איין לייוונט, וואָס איז, לפי דעתי, מן־הסתם דאָס בעסטע אין דעם פּרט, איז אויך נישט פריי פון דער דאָזיקער בענקשאַפט און פון דעם אומקער־סענטימענטאַליזם.

גליצענשטיינס סקולפּטורן לײַדן, לויט מיין געשמאַק, פון עפּעס אַ גוזמאדיקן דראַנג צו מאָנומענטאַלקייט. ווען אַלץ ווערט מאָנומענטאַל, ווערט דאָס באמת מאָנו־מענטאַלע קליין און נאָך קלענער און ווערט אָן זיין דערהויבנקייט.

באַקענט האָב איך זיך מיט גליצענשטיינען בעת מיינער אַ לעקציע, וואָס דער ייוואָ האָט געהאַט איינגעאָרדנט אַרום סוף מערץ 1939 אין זיין דעמאָלטיקן לאָקאַל אין דעם האַיאַס־הויז, אויף לאַפאַיעט־גאַס, אין ניו־יאָרק.

דריי לעקציעס זענען דאָס געווען, יעדן דינסטיק אויף דער נאַכט, דריי וואָכן נאָך אַנאַנד, וועגן דריי גרויסע ייִדיש־דייטשע אַסימילאַציע־געשטאַלטן (לודוויג בערנע, פערדינאַנד לאַסאַל, קאַרל קראַוז). צו איינער פון די לעקציעס, דאַכט זיך, צו דער צווייטער, איז אַרויסגעפאַלן אַ טיפער שניי און עס האָט זאַווערוכעט דערצו. איך, דער לעקטאָר, און לייבוש לעהרער ז״ל, דער פאָרזיצער בעת די לעקציעס, האָבן דעמאָלט געוווינט אין די בראָנקס, און פון דאָרט ביז צו דער לאַפאַיעט־גאַס,

אין מאַנהעטן, איז פּאַלג מיך אַ גאַנג אין אַזאַ וועטער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס וועט נישט זיין קיין מנין ביי דער לעקציע. אָבער די פליכט האָט געהייסן פאָרן.

מיר זענען דערפאָרן און דערגאַנגען מיט מסירת־נפש און זענען געווען אָנגענעם אַנטוישט. עס זענען געווען גאַנצע דרייצן יידן אין זאַל, און איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די לעקציע איז אויך אָנגעקומען אַ פּערצנטער. דער פערצנטער האָט אַרויסגענומען אַ בלאָק פּאַפּיר און לאַנגע בליישטיפטן און האָט גענומען צייכענען מיין פּנים בעתן רעדן.

ווען איך האָב שפּעטער אים געפרעגט ווי קומט ער דערצו, האָט ער מיר אויף אַלע זיינע לשונות אין איינעם העפלעך פאַרזיכערט, אַז ער האָט מיך אַנומלט געזען און ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו צייכענען מיין פּנים. אָבער סיי פון דער צייכענונג און סיי פון הינטער די רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז — איך בין אַ ייד, וואָס איז אָקערשט געקומען פון דאָרטן און מיין פּנים איז מן־הסתם יידישער פון די דאָיקע. עס איז מן־הסתם פון דעם מין יידישקייט, וואָס ער בענקט נאָך איר. און אויב יידישקייט — האָט דער זיבעציק־יאָריקער נישט געזשאַלעוועט קיין מי און איז אין אַ זאַווערוכע געקומען זי טועם זיין.

וועגן רומענישער און יידישער ליטעראַטור אין רומעניע

אין גייסטיקן לעבן פון רומעניע האָבן גענומען בלאָזן נייע ווינטן. דער איצטיקער פּאָליטישער באַלעבאָס פון רומעניע, דער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ניקאָלאַי טשאַושעסקו איז, ווייזט אויס, נישט קיין אידעאָלאָגישער מחמיר, וואָס שייך קינסטלערישע שעפערישקייט. טשאַושעסקו איז אַרויסגעטראָטן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די רומענישע קינסטלער און האָט אַרויסגעזאָגט טרויזמען, וואָס האָבן ביז איצט אין דער וועלט פון „הינטערן פאָרהאַנג" געקלונגען אומגלייבלעך. עס האָט זיך געווענדט דער קאָמוניסטישער פירער צו רומעניעס קינסטלער און ליטעראַטן און צו זיי געזאָגט אַז — „פאַר אַ קינסטלער איז ריכטיק און נייטיק אויסצודריקן אין אַ ווערק זיין אייגענע גאַנצע פערזענלעכקייט און אינדיווידואַליטעט".

די אימפּליקאַציע איז אַ קלאָרע: דער קינסטלער דאַרף נישט אין זינען האָבן די פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע אָדער גאָר דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם. זיין איינציקער שעפערישער דירעקטיוו מוז זיין דאָס אייגענע געמיט, דער אייגענער דמיון און דאָס אייגענע געוויסן און זיין העכסט פערזענלעכער בליק אויף דער וועלט.

די דאָזיקע ציטירטע ווערטער זענען אַרויסגעקומען פון טשאַושעסקוס מויל ביי אַ באַגעגעניש מיט קינסטלער און שרייבער דעם 19טן מאַי 1965, אָבער פּאַקטיש האָט די פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע נאָכגעלאָזט די לייצעס מיט חדשים פריער.

שוין אין חודש מערץ זענען פאָרגעקומען אין בוקאַרעסט אויסשטעלונגען פון אבסטראַקטער קונסט, וואָס זענען אין די צוואַנציק יאָר פון „נייעם רעזשים" אין רומעניע געווען חרם. איך ווייס נישט וויפל אמתן קינסטלערישן ווערט עס פאַרמאָגן די אַבסטראַקטע געמעלן פון די מאָלער יאַן טוקולעסקו (געשט. 1962) און יאָן מירעאַ, וואָס זענען, ווי עס ווערט געשריבן פון בוקאַרעסט, אויסגעשטעלט געוואָרן דאָרט מיט דערפאָלג. אויב מען זאָל נעמען פאַר אַ סימן דאָס וואָס „קאַזנאַ" האָט געקויפט אַ טייל פון די בילדער, און די געמעלן האָבן זוכה געווען צו באַצירן די ווענט פון מיניסטאָרן־קאַבינעטן, איז עס דווקא נישט קיין גוטער סימן, וואָרעם עס איז דאָך אַ דרך ידוע, אַז קינסטלערישער געשמאַק שטייט נישט אין ביי די רע־גירערס. אָבער דאָ גייט נישט אַזוי וועגן ווערט פון די בילדער, ווי וועגן דער פרייהייט פון די קינסטלער אויסצושטעלן געמעלן וואָס זענען ביז איצט געווען אידעאָלאָגיש אין חרם און זענען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ לעסטערונג פון דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי־ליניע.

און אפשר נאָך מער אָפּקער פון אידעאָלאָגישער שקלאַפעריי און ווענד צו קינסטלערישער פרייהייט, ווי די דערמאָנטע אויסשטעלונגען פון אַבסטראַקטע ביל־דער, האָט געהאַט צו פאַרצייכענען דער קאָנגרעס פון רומענישע שרייבער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בוקאַרעסט אין דער לעצטער וואָך פון חודש פעברואַר 1965.

א

רומענישע שרייבער

עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף אָט דעם קאָנגרעס און צו באַקענען בקיצור די לייענער מיט דעם וואָס ס'איז דאָרט געזאָגט געוואָרן, אי צוליב דעם ענין גופא, און נישט ווייניקער אויך דערפאַר, ווייל אין דעם ליכט פון די דאָזיקע רייד וועלן מיר דאַרפן אַ בליק טאָן אויף די צוויי אַנדערע גרופּעס שרייבער אין רומעניע: די יידיש־רומענישע און די יידיש־יידישע.

מען האָט אויף יענעם קאָנגרעס פון פעברואַר 1965 אין בוקאַרעסט אויסגע־לאַכט אַזעלכע מעלות פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם ווי „באַשרייבערישקייט" און „דעקלאַראַטיווע" פּאָליטישע פּאָעזיע און מען האָט געוואָגט צו קריטיקירן אפילו איינעם אַ דערציילער ניקאָלאַי טיק, וואָס האָט געשריבן אַ ראָמאַן וועגן אַ פּאָלי־

ציי־שפּיצעל און האָט אַרויסגעבראַכט אַז דער שפּיצעל האָט געגעבן דער פּאָליציי פאַלשע ידיעות און — מען האָט אים נישט געגלייבט. האָט דער קריטיקער געהאַט טענות צום ראָמאַניסט למאי ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו דערציילן אַז אַ סך מאָל גלייבט די פּאָליציי יאָ די פאַלשע ידיעות וואָס מען טראָגט איר אונטער.

און אַז מען איז געגאַנגען אַזוי ווייט, איז מען דערגאַנגען נאָך ווייטער. און נאָך ווייטער הייסט: פולע פּאָעטישע רעהאַביליטאַציע וואָס די רומענישע שרייבער האָבן באַוויליקט פאַר אַזעלכע דיכטער ווי יאָן פּילאַט, לוטשיאַן בלאַגאַ און טריסטאַן צאַראַ.

יאָן פּילאַט, וואָס איז געשטאָרבן אין 1944 אין עלטער פון 53 יאָר, איז געווען דער פּאָעט פון רומענישן טראַדיציאָנאַליזם. אַליין פון באַיאַרישן ייחוס (אַ פּלימע־ניק פונעם פּרעמיער בראַטיאַנו) האָט ער אין זיינע לידער באַזונגען די ירושה־פאַרם פון די בראַטיאַנוס „פלאָריקאַ", וואָס איז אין משך פון צוויי דורות געווען דער סימבאָל פון פּריציש־פּאָליטישער מאַכט אין רומעניע.

דער שרייבער־קאָנגרעס האָט רעקאָמענדירט דער פּאַרוואַלטונג, בראש מיטן נייעם פּרעזידענט דעמאָסטענע באָטעז (אַ געוועזענער פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט פון דער פויערן־פּאַרטיי אונטערן „אַלטן רעזשים" און דעמאָלט אויך אַ פּאָעט פון „טראַנס־צענדענטאַלן טרויער"), אַרויסצוגעבן אַ נייע אויפלאַגע פון יאָן פּילאַטס לידער.

און דער צווייטער וואָס איז רעהאַביליטירט געוואָרן אויפן קאָנגרעס פון די רומענישע שרייבער איז דער היינט 71־יעריקער פילאָסאָף און דיכטער פון טראַנ־סילוואַניע לוטשיאַן בלאַגאַ, וואָס האָט תמיד געזינדיקט מיט אַזעלכע דריי, מיט דער פּאַרטיי־ליניע שאַרף צעקריגטע „איזמען", ווי מיסטיציזם, ניטשעאַניזם עסטעטישער פאָרמאַליזם.

און דער דריטער וואָס איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויפן צעטל פון רעהאַ־ביליטאַציע מיט אַ נייער אויפלאַגע פון זיינע ווערק איז דער דיכטער סאַמי ראָזענ־שטיין, געבוירן מיט 69 יאָר צוריק אין קליינעם אַלט־רומענישן שטעטל מאָינעשט און זינט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה באַרימט ווי דער באַגרינדער פון דער דאַדאַיסטישער ריכטונג אין דער קונסט אונטערן פּסעוודאָנים טריסטאַן צאַראַ.

ווייזט אויס, אַז דעם ייד טריסטאַן צאַראַ נעמען די פירער פונעם רומענישן שרייבער־פאַרבאַנד אַריין אין דער רומענישער ליטעראַטור, הגם זיינע לידער זע־נען נישטאָ אין דער „אַנטאָלאָגיע פון היינטיקע רומענישע דיכטער", וואָס ס'האָבן אין סאַמע ברען פון טריסטאַן צאַראַס באַרימטקייט צונויפגעשטעלט די דיכטער יאָן פּילאַט און פּערפּעסיטשיוס (ד. פּאַנאַיטעסקו), און הגם צאַראַס נאָמען ווערט אויך נישט דערמאָנט אין עוודזשען לאָווינעסקוס „געשיכטע פון דער רומענישער ליטע־ראַטור, 1900—1937".

ב

יידיש־רומענישע שרייבער

עס זענען צווישןביידע וועלט־מלחמות געווען יידישע שרייבער, וואָס האָבן געשריבן רומעניש און זיי זענען געווען פאַררעכנט פאַר רומענישע שרייבער, און עס איז אויך געווען אַ יידישע ליטעראַטור אויף רומעניש. ווער ס׳האָט געלעבט אין יענע יאָרן אין רומעניע, פאַר דעם איז עס אַ דבר ידוע. און פאַר אַנדערע לאָזט זיך דער פאַקט באַשטעטיקן דורך אַ פאַרגלייך צווישן צוויי ביכער, וואָס זענען אַרויס אַן ערך אין דער זעלבער צייט (אין די לעצטע יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה). כ׳האָב אין זינען די שוין דערמאָנטע „געשיכטע פון דער רומענישער ליטעראַטור, 1900—1937", וואָס איר מחבר איז דער קריטיקער מיט דער הא הידיעה עוודזשען לאָווינעסקו, און די אַנטאָלאָגיע „זעכציק רומענישע שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם", וואָס איר צונויפשטעלער איז ס. פּאָדאָלעאַנו.

פון די זעכציק יידישע שרייבער אויף רומעניש, וואָס פּאָדאָלעאַנו האָט צונויפגעזאַמלט אין זיין אַנטאָלאָגיע, ווערן אין לאָווינעסקוס „געשיכטע פון דער רומענישער ליטעראַטור" פאַרצייכנט בלויז צוועלף. וואָס שייך בלויז פּאָעטן, פיגורירן אין דער אַנטאָלאָגיע פון יאָן פילאַט און פערפּעסיטשיוס, וואָס איז אַרויס מיט צען יאָר פריער, ווי די דערמאָנטע צוויי ווערק, נאָר אַכט פון יידישן אָפּשטאַם. (אגב איז עס ממש אַ מצווה אָנצווייזן, אַז צו דער אַנטאָלאָגיע פון פילאַט־פערפּעסיטשיוס האָט די פּאָרטרעטן פון די דיכטער געצייכנט דער דעמאָלט נאָך יונגער קינסטלער מאַרטשעל יאַנקו, וואָס איז היינט אַ פירנדיקער מאָלער אין מדינת ישראל און דער גרינדער פון דער קינסטלער־קאָלאָניע עין־הוד).

צווישן די זעכציק רומענישע שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם ווערט נישט פאַרצייכנט קאָנסטאַנטין דאָבראָדזשאַנו־גערעא (1855—1920), וואָס איז ערגעץ אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט אנטלאָפן פון דער צאַרישער פּאָליציי קיין רומעניע און איז דאָ געווען אי דער טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם און אי איינער פון די סאַמע אָנגעזעענסטע ליטעראַטור־קריטיקער. פּאָדאָלעאַנו האָט אָט דעם אָפּשר סאַמע וויכטיקסטן שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם נישט אַריינגענומען אין זיין אַנטאָלאָגיע, ווייל דער געוועזענער נתן קאַץ, וואָס איז אונטערן נאָמען דאָבראָדזשאַנו געוואָרן אַ באַרימטער שרייבער אין רומעניע, האָט פאַרלייקנט זיין יידישן פאָלק. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רומענערקע און ער האָט דערצויגן זיינע צוויי זין אַלקסאַנדרו (אַ שטיק צייט דער פירער פון די קאָמוניסטן אין רומעניע) און יאָנעל (אַ מוזיקער) ווי פאָלנע און סאַמאַראָדנע רומענער.

דאָבראָדזשאַנון האָט פּאָדאָלעאַנו מורא געהאַט אַריינצונעמען אין דער אַנטאָלאָגיע, מחמת ער האָט זיך, מן־הסתם, געשראָקן פאַרן פּראָטעסט פון זיינע גוייִשע

זין. יאָ אַריינגענומען האָט ער לאַזאַר שייניאַנו, וואָס איז טאַקע געווען אַ גרויסער רומעניש־פראַנצייזישער פילאָלאָג און דערצו אַ ראשונדיקער פאָרשער פון יידיש (דיאַלעקטאָלאָגישע סטודיע וועגן יידיש־דייטשן לשון, דערשינען אין בוקאַרעסט; 1889), אָבער — אַ משומד. אמת איז, אַז דער ייד לאַזאַר שיין, וואָס האָט דערנאָך געהייסן לאַזאַר שייניאַנו און שפּעטער אין פראַנקרייך לאַזאַר סעניאַן האָט דאָרט פאַר די פראַנצויזן מער פאַרלייכנט זיין רומעניש קולטור, ווי זיין יידישן אָפּשטאַם.

דאָבראָדזשאַנו־געראַ איז אין דעם פּרט אַ דורכויסיקער אויסנאַם, וואָרעם די יידישע שרייבער אויף רומעניש זענען געווען לגמרי אַנדערש פון די פּוילישע שריי־בער פון יידישן אָפּשטאַם. זיי האָבן בדרך כלל זיך מיט זייער יידישקייט נישט גע־שעמט און זי נישט פאַרלייקנט. יידישע שרייבער אויף רומעניש האָבן זיך געחברט מיט די יידישע שרייבער און האָבן אויך נישט ווייניק איבערגעזעצט פון דער יידי־שער ליטעראַטור. אַ טייל פון זיי, ווי די ראָמאַניסטן אורי בענאַדאָר (שמחה שמידט) און י. פּעלץ, דער הויך באַגאַבטער דערציילער יאָן קאַלוגערו (בנימין שניידער), דער שאַרפער פּאָלעמיקער י. לודאָ, דער הומאָריסט און פּיעסן־שרייבער יאָן פּרי־בעאַגו, דער דיכטער און דראַמאַטורג ענריק פורטונאַ (ד״ר פּעקעלמאַן) און אויך דער פרי פאַרשטאָרבענער דיכטער ב. נעמציאַנו האָבן פאַקטיש געהערט צו דער יידיש־שרייבערישער חברותא.

פּעלצן, דעם באַקאַנטן באַשרייבער פון דעם יידישן קוואַרטאַל אין בוקאַרעסט „קאַלעאַ וואַקאַרעשט״, אורי בענאַדאָרן, דעם מחבר פון דעם רעאַליסטישן ראָמאַן „געטאָ, צוואַנציקסטער יאָרהונדערט״ און יאָן קאַלוגערון, דעם געשטאַלטיקער פון שלימזלדיקע פאַרשוינען, האָט דער קריטיקער לאַווינעסקו איינגעגלידערט אין זיין „געשיכטע פון דער רומענישער ליטעראַטור, 1900—1937״. וועגן אורי בענאַדאָרן שרייבט לאַווינעסקו, אַז ער דערגייט נישט, צום גרויסן טייל, צום רומענישן לייענער, מחמת דעם צו פיל יידישן פאָלקלאָר, וואָס ער האָט אָנגעהויפט אין זיין ראָמאַן, און מחמת די צו אָפטע און צו לאַנגע באַשרייבונגען פון יידישע מינהגים און יידישן שטייגער. אָבער יאָן קאַלוגערון, דעם זון פון אַ יידישן לאַטוטניק אין דער צפון־מאָל־דאַווישער שטאָט דאָראָהאָי, פאַררעכנט לאַווינעסקו פאַר אַ דירעקטן אייניקל פון יאָן קרעאַנגאַ (1837—1889), וואָס האָט אין דער רומענישער ליטעראַטור די פּאָזיציע פון אַ שלום־עליכם. לאַווינעסקו איז זיך, ווי מיר דאַכט, היפש טועה. ער האָט נישט געלייענט און אפשר אויך נישט געהערט פון מענדעלע מוכר ספרים און קאָן דער־פאַר נישט זען דאָס סאַמע אויבנאויפיקסטע, דהיינו, אַז דער מחבר פון „דער אַלף־בית פון פאָלקסטימלעכע דערציילונגען״ און פון „דער מאַן פון יענער זייט טיר״ איז מיט זיין שאַרפן אויג פאַר דעטאַלן, מיט זיין ווירטואָזיטעט פון ווערטער־אָפּקלייב און מיט זיין בייסיק־איראָנישער צונג אַן אייניקל פון אַ יידיש־ליטעראַרישן זיידע, פונעם זיידע מענדעלע.

דער דיכטער ב. נעמציאַנו איז פון די אויסגערעכנטע יידישע שעפער אויף רו־

מעניש דער איינציקער וואָס איך האָב אים פּערזענלעך נישט געקענט. ער איז געשטאָרבן קנאַפּ פאַר מיין אָנקום קיין בוקאַרעסט אין עלטער פון 32 יאָר. איך ווייס וועגן אים אַ סך פון מיינע פריינט באַרבו לאַזאַרעאַנו ז״ל און יעקב שטערנבערג, וואָס זענען ביידע געווען באַפריינדעט מיט דעם טובערקולאָזן יונגן־מאַן פון גאַלאַץ און האָבן זייער הויך געשאַצט זיין דיכטערישן און אויך עסייִסטישן טאַלאַנט. נעמציאַנו האָט אין זיין קורצער דיכטערישער קאַריערע אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער לידער, האָט אַ סך איבערגעזעצט פון היינע, טאָלסטאָי, אַנדערסען, געטע, לעסינג, לענאַו און אויך פון די יידיש־דיכטער אליעזר שטיינבאַרג און יעקב גראָפּער, און אַחוץ דעם פּובליציסטיש געקעמפט פאַר יידישער בירגערשאַפט אין רומעניע.

נאָך נעמציאַנוס טויט אין 1919 האָט דער רומענישער עפּיגראַמיסט יאָן פּאַוועלעסקו, וואָס איז געווען אַ חבר מיטן דיכטער און איז פינף יאָר שפּעטער אויך פריצייטיק געשטאָרבן, אין עלטער פון 35 יאָר, געשריבן אַן עפּיטאַף אויפן קבר פון זיין פריינט נעמציאַנו. דער עפּיטאַף, וואָס איז אין איינעם מיט אַ צאָל לידער פון פּאַוועלעסקון און פון נעמציאַנון אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע פון פּילאַט און פּערפּעסיטשיוס, לייענט זיך אַזוי —

אין פּימינט זאַטשע נעמציאַנו
פּאָעט פּאָעט איזראַעליט :
מולט אַ סופעריט סירמאַנו
פינע ס׳אַ אינפּעמענטעניט.

אויף מאַמע־לשון אין פּראָזע הייסט דאָס, אַז דאָ ליגט נעמציאַנו, געוועזענער איזראַעליטישער פּאָעט. ער האָט זיך, נעבעך, אַ סך אָנגעליטן, ביז ער איז אַריין אין דר׳ערד. דער שפּיץ פון דער עפּיגראַמע איז דער שפּיל מיטן וואָרט „אינפּעמענטעניט״ וואָס הייסט אי זיך אַריינגעגלייגט אין דער ערד און אי זיך איינגעבירגערט, און איז אַן אָנווונק אויף נעמציאַנוס קאַמף פאַר יידישע בירגעררעכט, וואָס זענען ענדלעך באַוויליקט געוואָרן דריי וואָכן פאַר נעמציאַנוס טויט, דעם 29סטן מאַי 1919.

פון דעם דיכטער ענריק פורטונאַ (דער יאַסער צאַנדאַקטאַר פּעקעלמאַן) האָב איך מיט חדשים צוריק געהאַט אַ ידיעה. דער פאַרשטאָרבענער דיכטער פורטונאַ האָט די לעצטע יאָרן געווױנט אין דער בראַזיליאַנישער שטאָט סאַאָ־פּאַולאָ און — איז דאָרט נאָך אַלץ געווען ליטעראַריש אַקטיוו. ער איז דער יידישסטער פון אַלע יידישע שרייבער וואָס האָבן געשריבן אויף רומעניש. זיין טעמאַטיק איז אַ דורכויס יידישע און ער איז, מן־הסתם, מחמת דעם נישט אַריין אין דער רומענישער ליטעראַטור. ענריק פורטונאַ האָט געפּרוווט אַריינקומען אין רומענישן טעאַטער. זיין פּיעסע „רעקוויזיציע״ האָט דער יאַסער רומענישער נאַציאָנאַל־טעאַטער געשפּילט אין 1921 און האָט זי אָפּגעשטעלט מחמת די דעמאָנסטראַציעס פון קוזיסטישע

סטודענטן. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט דער זעלביקער יאַסער טעאַטער אָנגענומען צו שפּילן פֿורטונאַס אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „צווישן די טראַנשייען" און אָפּגעשטעלט די פּראָבעס, מחמת דער העצע וואָס איז אָנגעגאַנגען קעגן פֿורטונאַן אין דער אַנטיסעמיטישער און נאַציאָנאַליסטישער פּרעסע.

דער דיכטער פֿורטונאַ האָט אין רומעניע מיטגעאַרבעט אין אַלע יידישע נאַציאָנאַלע צייטונגען און צייטשריפֿטן אויף רומעניש. ער האָט געשריבן יידיש־נאַציאָנאַלע אַרטיקלען און ציוניסטישע לידער. איינס פֿון זיי איז געוואָרן אַן אָדע צום אָנדענק פֿון ד״ר הערצל. פֿורטונאַ האָט אין יענע צייטשריפֿטן געדרוקט איבערזעצונגען פֿון ביאַליק, גראָפּער, לייוויק און מאַנגער. אָבער ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון די סאַמע אָנגעזעענסטע רומענישע צייטשריפֿטן און זשורנאַלן, און דער זשורנאַל „וויאַצאַ ראָמאַניאַסקאַ", וואָס איז געווען איינער פֿון די ליטעראַריש סאָלידסטע און אָנגענומענע ביי דער רומענישער אינטעליגענץ, האָט אין 1922 אַרויסגעגעבן פֿורטונאַס אַ באַנד לידער „אויפֿן פֿעלדז".

בעת מיין באַזוך אין ישראל פֿאַרגאַנגענעם ווינטער האָט מען מיר אין דער רעדאַקציע פֿון דער רומענישער טאָגצייטונג „וויאַצאַ נאָאַסטראַ" (אונדזער לעבן) אין תל־אביב געגעבן אַ מתנה פֿורטונאַס דראַמאַטישע פּאָעמע אין דריי אַקטן „אבישג", וואָס איז דערשינען אין תל־אביב אין פֿאַרלאַג פֿון „בית עולי רומניה" און איז, ווי עס דערציילט אונדז דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג מ. ה. באָדי, אַ טייל פֿון אַ דראַמאַטישער טרילאָגיע „אברהם", אבישג", „שושנה".

דאָ, ביי מיין קבלת־פּנים אין דער רעדאַקציע פֿון „וויאַצאַ נאָאַסטראַ", האָב איך אויך באַגעגנט דעם טעאַטראַל און שרייבער פֿון לייכטע פּערזן יאָן פּריבעאַגו. איך קען פּריבעאַגו גוט פֿון בוקאַרעסט, ווו ער האָט געאַרבעט פֿאַר אַ יידישן קליינקונסט־טעאַטער. זיינע קליינקונסט־פּיעסעס זענען געשריבן געוואָרן אויף רומעניש און אברהם שיינפֿעלד האָט זיי איבערגעזעצט אויף יידיש. ער האָט מיט איינער אַ קליינקונסט־פּיעסע אויך געהאַט דערפֿאָלג אין גרויסן זומער־טעאַטער אונטער דער דירעקטאָרשאַפֿט פֿון באַרימטן שוישפּילער טאַנאַסע.

איצט, אין תל־אביב, האָב איך געזען דעם 75־יאָריקן איציק לאַזאַראָוויטש פֿונעם שטעטל בוזעו, וואָס האָט געהאַט אַזוי פֿיל דערפֿאָלג מיט זיינע לייכטע הומאָריסטישע פּערזן אין רומענישן און אין יידישן טעאַטער אונטערן פּסעוודאָנים יאָן פּרעבעאַגו, (יאָן דער וואָגלער). דאָס איינציקע וואָס איז פֿאַרבליבן פּריבעאַגו איז זיין ממש לעגענדאַרע קליינע געשטאַלט, וואָס ווערט נאָך קלענער אונטער די גרויסע האָרן־ברילן. עס זעט אויס, גלייך פֿאַרויס זאָלן גיין די גרויסע ברילן און פֿון הינטן זאָל זיי נאָכגיין אַ קליין וואַקלדיק און טרויעריק יידעלע.

ער איז איינגעהילט אין טרויער, פּריבעאַגו. טרויער איבער משפּחה־אומגליקן און טרויעריק, ווייל ער האָט פֿאַרלוירן די טעמעס פֿאַר זיינע לייכטע רומענישע פּערזן. ער שרייבט וואָך־איין וואָך־אויס פֿאַר דער ליטעראַרישער זייט פֿון „וויאַ־

צאַ נאַאַסטראַ״. ער לאַכט פון די נייע „עולים״, גיט שטעכווערטלעך דער ישראל־רעגירונג און חוזקט פון די ביוראָקראַטישע פּראַנדקעס אין דער מדינה, און די שורות זיינע זענען לייכט אין די גראַמען, כמעט תמיד אויסנעמלעך געראָטענע, אָבער — ער איז נישט אין דער היים.

ווען די יידישע שרייבער אויף רומעניש האָט ביים סוף פון ניינצנטן יאָר־הונדערט געזונגען דער פּאָעט א. שטויערמאַן־ראָדיאָן אַזוי (איבערזעצט די פּערזן אויף יידיש האָט דער דיכטער יעקב גראָפּער) —

כ׳האָב זינגענדיק די לידער מיינע
גערעדט צו פעלקער צווי צו גלייך:
איך האָב גענומען איינעמס ליידן,
ביים צווייטן מער נישט ווי זיין שפּראַך.

אוןביידע פעלקער האָבן דעם דיכטער נישט פאַרשטאַנען. דאָס זעלבע געשעט אויך מיטן רומענישן דיכטער פריבעאַגו אין ישראל, נאָר פּונקט פאַרקערט, ווי אין רומעניע. דאָ פאַרשטייען די יידן בלויז זיין שפּראַך, אָבער — זיינע ליידן זענען דאָרטיקע און פרעמדלעך.

ג

„אויפשטייג״

די יידישע ליטעראַטור אין רומעניע האָט געהאַט איר בליצייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אין יוני 1940, ווען סאָוועט־רוסלאַנד האָט אַנעקסירט בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע, האָט זיך אָנגעהויבן דער פונאַנדערפאַל וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשטאַרקן, ביז אַלץ איז ענדגילטיק חרוב געוואָרן. אַ טייל שרייבער זענען אַריבערגעגאַנגען אין דער סאָוועטישער בעסאַראַביע, און פון די איבעריקע האָבן די מיינסטע עולה געווען קיין ישראל. אליעזר שטיינבאַרג איז געשטאָרבן, איציק מאַנגער איז פרי אַוועק קיין פּוילן און פון דאָרט איבער פּאַריז און לאָנדאָן קיין אַמעריקע, אויך אַנדערע צווי (ביקל און פריד־וויינינגער) האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע, אַזוי אַז אין רומעניע איז כמעט קיינער נישט פאַרבליבן.

דער לעצטער אויפבליץ פון יידיש־שעפערישקייט נאָך דער מלחמה אין דער רומענישער מדינה איז געווען דאָס ערשטע און איינציקע העפט „בוקאַרעסטער זאַמלבוך״ (בוקאַרעסט, 1947, 167 ז״ז). דאָס דאָזיקע זאַמלבוך האָט אין דער הקדמה אָנגעזאָגט אַ באַנייונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע. מען האָט דעם אָנזאָג געמוזט נעמען ערנסט, וואָרעם עס זענען אין דעם בוך געווען פאַר־

טראָטן, אַחוץ דעם וועטעראַן יעקב גראָפּער, די ייִנגערע דיכטער יעקב פרידמאַן, אברהם רינצלער און בערל שנאַבל, די בעלעטריסטן ברוך האָגער און וואָלף טאַמ־בור און עס האָט געשיינט מיט זיינס אַן עסיי דער יונגער אליעזר פרענקעל.

היינט איז פון די נאָר־וואָס אויסגערעכנטע פאַרבליבן אין רומעניע בלויז וואָלף טאַמבור. די איבעריקע זענען אין ישראל, אַחוץ ברוך האָגער וואָס האָט זיך באַזעצט אין אַרגענטינע.

און פּלוצעם אַן איבערראַשונג: אַ ניי ייִדיש זאַמלבוך פון רומעניע. עס האַלט קנאַפּע פיר הונדערט זייטן טעקסט און איז רעדאַקטירט פון מאיר ריספּלער, וואָס האָט אויך געשריבן דאָס פאָרוואָרט. אָבער „אויפשטייג" (אַזוי הייסט דאָס בוך) וויל זיין מער ווי אַ זאַמלבוך. עס באַצייכנט זיך ווי אַן אַנטאָלאָגיע פון הונדערט יאָר ייִדי־שע ליטעראַטור אין רומעניע (נישט מער און נישט ווייניקער!) און איז אויסן מיט די געבראַכטע טעקסטן צו ווייזן אַז דעם „אויפשטייג" און אַז צו מאַכן דעם סך־הכּל פון דעם, וואָס פון די הונדערט יאָר איז פאַרבליבן ליטעראַריש געדויערדיק.

און איך מוז זאָגן פון לכתּחילה, אַז מיט זיינע ביידע כּוונות, אי אין פּרט פון אויפשטייג און אי אין פּרט פון סך־הכּל איז דאָס בוך דורכויס אַ קאַטאַסטראָפע.

וועגן דער כּוונה פון סך־הכּל וויל איך געפינען אַ זכות דעם צונויפשטעלער. דאָס זאַמלבוך איז אַרויס אין 1964, חדשים פאַר דעם בוקאַרעסטער שרייבער־קאָנ־גרעס, פעברואַר 1965, און דער רעדאַקטאָר האָט נישט געוווסט, אַז מען וועט רע־האַביליטירן נישט בלויז דעם טראַדיציאָנאַליסט פילאָט און דעם מיסטיקער בלאַגאַ, נאָר אַז אַפילו אָקטאַוויאַן גאָגאַ (געוועזענער אַנטיסעמיטיש־פאַשיסטישער פּרעמיער) וועט שוין פּאָעטיש נישט זיין הונדערט־פּראָצענטיק פּסול.

ער האָט נישט געוווסט, דער רעדאַקטאָר, און האָט מורא געהאַט (ייִדן זענען באַרעכטיקט מורא צו האָבן), און ער האָט צונויפגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע פון הונדערט יאָר ייִדישע ליטעראַטור אין רומעניע, אין וועלכער עס פיגורירן בלויז פּראָגרעסיווע. ווער זענען די פּראָגרעסיווע? דער רעדאַקטאָר האָט געהאַט אַ געאָגראַפישע קריטעריע. פּראָגרעסיווע זענען אַזעלכע, וואָס ליגן אין דר'ערד, אָדער אויף דר'ערד „הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג".

עס זענען אַזוי אַרום אַרויסגעפאַלן אַלע וואָס האָבן עולה געווען קיין ישראל, מעג עס אפילו זיין דער ראשון פון ייִדישער דיכטונג אין רומעניע יעקב גראָפּער, אָדער די דיכטערישע און עסייִסטישע שיינדלעך פונעם ייִנגערן דור: יעקב פריד־מאַן און אליעזר פרענקעל.

וואָלט עס מעגלעך געווען אַפילו אין די שווערסטע יאָרן פון סטאַלין־רעזשים אַז מען זאָל מאַכן אַן אַנטאָלאָגיע פון הונדערט יאָר רומענישע ליטעראַטור און נישט דערמאָנען אַ פּאָעטישן ראשון ווי גריגאָרע אַלעקסאַנדרעסקו אָדער דער פּיאָנער פון בעלעטריסטיק יאָן קרעאַנגאַ?

ביי גוייִם איז עפּעס אַנדערש, זיי זענען ביי זיך אין דער היים. אַ ייִדישע אַנטאָ־

לאָגיע אָבער, שוין אין סאַמע ערב פונעם בוקאַרעסטער שרייבער־קאָנגרעס פון פעברואַר 1965, האָט באַוויזן אויסצולאָזן יעקב גראָפּערן און אין דער הקדמה אַפילו נישט צו דערמאָנען די ערשטע מאָדערנע יידישע צייטשריפט „ליכט". יאָ דערמאָנט, ווי השפעות אויף דער יידישער ליטעראַטור און ווי אירע סטימולירער, ווערן אַזעלכע רומעניש זשורנאַלן ווי „קאָנטימפּאָראַנול", „דאַטשיא וויאַיטאָאַרע" און „רעוויסטאַ סאָטשיאַלאַ", וואָס זענען דערשינען אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, די דאָזיקע צייטשריפטן, הייסט דאָס, און בעלטשעסקו, „דער קלאָר־סטער און דערהויבנסטער קאָפּ פון דער עפּאָכע", וואָס וועגן זיי האָבן די יידישע שרייבער, אָנגעהויבן מיט וועלוול זבאַראַזשער איבער גאָלדפאַדען, שטיינבאַרג, שטערנבערג, מאַנגער און ביז סאָקציער אפילו נישט אָנגעהויבן צו וויסן — זיי האָבן דאָס משפּיע געווען די יידישע ליטעראַטור אין רומעניע.

איך האָב דערמאָנט איציק מאַנגערן. ער איז דער איינציקער וואָס איז ב"ה אַ לעבעדיקער און ווינט נישט „הינטערן פאָרהאַנג" און האָט באַוויזן צו האָבן אַ חלק פון עטלעכע לידער אין דער אַנטאָלאָגיע. ער איז אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע אין זכות פון „פּראָגרעסיוון ליטעראַטור־קריטיקער" נחמן מייזיל, וואָס האָט אויף אים געגעבן אַ הכשר. אָבער אַפילו מיט דעם הכשר עקסיסטירט איציק מאַנגער נישט פאַרן בעל־הקדמה מאיר ריספּלער. ווען דער „ליטעראַטור־היסטאָריקער" ריספּלער רעדט וועגן יענע שרייבער וואָס זייערע שאַפונגען „זענען געווען אַ פעסט כלי־זין אין רשות פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן", רעכנט ער דאָרט אויס אַ ריי פון נעמען „און אַנדערע". מען דאַרף זיך משער זיין, אַז איציק מאַנגער איז באַגלייך מיט יעקב גראָפּער, יעקב פרידמאַן, יאָסל לערנער, אליעזר פרענקעל און אַנדערע — צווישן „די אַנדערע".

פון דעסטוועגן קאָן איך נאָך, ווי געזאָגט, מלמד זכות זיין אויף דער היסטאָרישער פעלשונג מחמת מורא. אָבער אומפאַרשטענדלעך און נישט מוחל צו זיין איז, וואָס דער אַנטאָלאָגיסט האָט צונויפגעזאַמלט אַ גאַנצן געזעמל מיט פּאָעטן, וואָס זענען קיין פּאָעטן נישט, און האָט נאָך דערצו געשטעלט עטלעכע זקנים, וואָס זענען קיין מאָל קיין שרייבער נישט געווען, אויף דער עלטער קייען ליטעראַריש שטרוי.

אברהם קאַרפּינאָוויטשעס ווילנער דערציילונגען

א

דער מחבר פון די דערציילונגען „ביים ווילנער דורכהויף" פאַרמאָגט אַחוץ יחוס עצמו אויך יחוס אבות.

ער איז פון די קאַרפּינאָוויטשעס, דאָס מיינט, ער איז אַ מיטגליד פון דער באַגאַבטער משפּחה, וואָס איר הויפּט איז געווען דער טעאַטער־דירעקטאָר קאַרפּינאָוויטש. דער נאָמען פונעם טעאַטער־דירעקטאָר קאַרפּינאָוויטש איז אין ווילנע געווען אַזאַ שם דבר און אַזוי צונויפגעוואַקסן מיט דער יידישער שטאָט, ווי אין מיינע גאַליציש־בוקאָווינער מקומות דער נאָמען גימפּעל מיט לעמבערג, אָדער אַקסעלראָד מיט טשערנאָוויץ (אין יאַס און אין בוקאַרעסט איז דער שם דבר געווען מער דער טעאַטער־זאַל, ווי דער דירעקטאָר: זשיגניצע — אין בוקאַרעסט, און „פּאָמול וועדע" — אין יאַס).

„ביים ווילנער דורכהויף" איז קאַרפּינאָוויטשעס צווייט בוך. אין דעם ערשטן, „דער וועג קיין סדום", וואָס איז דערשינען מיט אַן ערך אַכט יאָר צוריק, האָט קאַרפּינאָוויטש אויפגעזאַמלט ישראל־דערציילונגען. אין דעם איצטיקן האָט דערוואַכט די בענקשאַפט נאָך דער „אַלטער היים", און די טעמע פון די מעשיות איז דורכויס ווילנע, אַחוץ דער לעצטער דערציילונג „נאָטקע דער קאָטער", וואָס איז אַ געמישטע. עס קומען זיך צונויף אין ישראל די לעבן־געבליבענע פון די אַמאָליקע ווילנער „ווילדע יונגען", מקבל־פּנים זיין זייער חבר נאָטקע דעם קאָטער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע און איז איצט געקומען צו גאַסט אין דער יידישער מדינה. צו דער „ווילנער ווילדונגשאַפט" שטייט אויך צו חיים בלעכערס תימנער ווייבל זהבה, וואָס איר מאַן האָט זי מגייר געווען אויף ווילנעריש (אגב איז די דאָזיקע מעשה איינע פון די סאַמע געראָטנסטע אין בוך, מיט איר דערציילערישן אימפּעט, מיט דער קלאָרקייט פון אירע געשטאַלטן און געשעענישן, און מיט דעם דינעם, פאַרטערטן, אָבער קיין מאָל נישט סענטימענטאַלן הומאָר, וואָס שוועבט איבער דער דערציילונג).

קאַרפּינאָוויטשעס טעמע איז ווילנע של מטה. די מיינסטע געשטאַלטן, וואָס ער ברענגט אַרויס, געהערן צו דער שטאָטישער אונטערוועלט, אָדער שטייען נאָענט צו איר.

דער קינסטלערישער גרונטמאָטיוו, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין די דערציילונגען איז, אַז אויך אין ווילנע דמטה טליעט דאָס פּיירל פון ווילנע של מעלה — דאָס פּייערל פון דער מאָראַליש דערהויבענער ירושלים דליטא.

עס טליעט דער דאָזיקער ניצוץ פון ווילנע של מעלה אין דער פּראָסטיטוטקע

בת פּראָסטיטוטקע לאהקע די שוואַרצע, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין צי־מערל דעם פּאָליציייש־פאַרפאָלגטן זשורנאַליסט סיאָמקע קאַגאַן ; האָט אים געשפּייזט מיט איר ברויט און איז פאַר אים געגאַנגען פאַרטייִיש־קאָנספּיראַטיווע גענג, און האָט זיך געמיט צו פאַרשטיין די רעטעניש, „אַז מען האָט פאַר ווּעמען אָנצולייגן מיטן קאָפּ, איז מען מער פאַרטשמעליעט ווי פון רייכסטן גאַסט".

עס פינקלט מיט אמתער „ווילנע דמעלה" אין האַרץ פון אסתרקען, דאָס ווייב פון דעם אונטערוועלטניק איצקע דעם געלן. צו איר, צו אסתרקען, אין שטוב האָבן די „ווילע יונגען" פאַרפירט דאָס געקידנעפּטע ייִנגל פון דעם גאַרבער לייבאָוויטש, אַז ער זאָל דאָרט פאַרבלייבן עטלעכע טעג, ביז מען וועט באַקומען פונעם פאָטער די פאַרלאַנגטע צען טויזנט קערבלעך. אסתרקע האָט די גאַנצע צייט געקעכלט דעם געקידנעפּטן יאָסינקע, געבאַקן פאַר אים „פיינקוכנס, ווייצענע לאַטקעס און פאַר־שידענע אַנדערע מאכלים" און געהאַט עגמת נפש, וואָס דאָס ייִנגל וויל נישט עסן.

דער גאַרבער לייבאָוויטש איז שוין גרייט צו באַצאָלן דאָס אויסלייזגעלט, אָבער דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז מען זאָל צווואַרטן („גיי גיב צו פאַרשטיין אַ גוי, וואָס עס מיינט אַ קינד ביי ייִדן..."). איז טאַקע פרייטיק פאַר־נאַכט, ווען אסתרקע האָט געבענטשט ליכט, האָט זי דערזען, אַז יאָסינקע וויינט.

—יאָסינקע, דו וויינסט ? זאָג מיר, מיין קינד.

—איך וויין ניט, כ'האָב זיך נאָר דערמאָנט די מאַמען, מסתמא בענטשט זי איצט אויך ליכט...

אסתרקען האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ אויף דעם קינדס בענקשאַפט, און הגם זי האָט גוט געוווּסט, וואָס עס וואַרט אויף איר פאַר דעם, וואָס זי גייט איצט טאָן (זי האָט אין דמיון זיך דערזען אַ צעממיתטע פון איר מאַן, איצקע דעם געלן, און אויך אין דמיון ממש דערפילט כאָנעס פעדער־מעסער אונטער דער לינקער לאָ־פּאַטקע), האָט זי נישט געקאָנט גובר זיין איר רחמנות צום געקידנעפּטן יאָסינקע, און האָט אים, מיט פאַרבונדענע אויגן, צוגעטראָגן צום האָלצמאַרק, און פון דאָרט האָבן אים באַקאַנטע אַהיימגעפירט צו דער מאַמען.

און זעליק בעל־טובה, וואָס האָט אין איינעם מיט כאָנע דעם אַמעריקאַנער אָר־גאַניזירט דאָס „קידנעפּן" האָט נאָכן דורכפאַל געזאָגט צו כאָנען :

— איך בין גאַנץ צופרידן, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געענדיקט. איכל דיר זאָגן דעם אמת : די גאַנצע זאַך איז געווען צו האַמעטנע, עפּעס ניט פאַר ווילנע...

און „ווילנע דמעלה" באַלויכט אויך ביידע ביליאַרד־שפּילער : מאירקע יאַפּאַן און דער חסיד, און צינדט אין זיי אָן דאָס געוויסן. דער חסיד האַלט ביים געווינען קעגן דעם אויסגערופענעם ביליאַרד־שפּילער מאירקע יאַפּאַן, אָבער ביים שטויס פון לעצטן באָל „האָט ער דערזען אינעם געזעמל מענטשן, צווישן זייערע אַקסלען, צוויי ברייט אויפגעריסענע קינדערשע אויגן". דאָס איז געווען זיין ייִנגל, אַ תלמיד

פון דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע, וואָס איז אָקערשט אַרויסגעקומען פון דער סטראַ־שון־ביבליאָטעק אַנטקעגן איבער און געזען דעם טאַטן שפּילן ביליאַרד.

די פאַרוווּנדערטע אויגן פון זיין קינד האָבן דעם שפּילער צערודערט. ער האָט געמאַכט אַ נישט־ריכטיקן שטויס מיטן באַל און האָט פאַרלוירן ס׳גאַנצע געלט צו מאירקע יאַפּאַן.

ביידע, אי דער פאַרלירער, דער חסיד, וואָס איז בלויז אַ ווײַלע געשטאַנען ביים ראַנד פון דער אונטערוועלט, און דער געווינער, מאירקע יאַפּאַן, וואָס איז שוין אַ פאָלנער אונטערוועלטניק, האָבן מיט אַ מאָל דערשפּירט, אַז זייער טועכץ „איז נישט פאַר ווילנע". מאירקע בעט זיך ביי דעם חסיד, אַז ער וויל אים צוריקגעבן דאָס געוווּנענע געלט, און דער חסיד האָט נאָר איין בקשה:

„מאיר, קומט מאָרגן צו מיר אַהיים. זאָגט מיין קינד, אַז מיר זענען אַלטע חברים, נאָך פון דער ישיבה. זאָגט אים, אַז מיר האָבן געשפּילט בלויז אַזוי, אויף קנעפּלעך..."

ב

איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע און איינדרוקפולסטע דערציילונגען אין בוך איז די מעשה וועגן רחלע די הויפדאַמע. עס איז אַ מעשה וועגן דער ליבע צווישן צוויי משוגעים: צווישן רחלע, וואָס מען האָט זי גערופן „די הויפדאַמע", ווייל איר שגעון איז געווען צו דערציילן וועגן אירע אויפנאַמעס אין קייסערלעכן הויף, און גדאַלקע, וואָס איז געווען קראַנק אויף חזנות און האָט „געוואָלט רעדן מיט די גבאים פון דער גרויסער שול, מען זאָל אים אָנדינגען אויף ימים נוראים".

אָנהייבן הייבט זיך אָן די מעשה דערמיט, וואָס רחלע שטויסט פון זיך אָפּ דעם משוגענעם איסערסאָן, „אַ ייד מיט אַ שיינער באָרד, מיט אַ בלאַט גמרא, וואָס האָט געערעדט האַדקע(?) רייד און געשאָלטן די כלי־קודש, האָט געווילדעוועט אויף יידי־שער גאַס און אין אַ רויִקער מינוט איז ער געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון דער קברנישער קלויז און געדרשנט גאַר גרויס".

איך דערמאָן דאָ איסערסאָנען, ווייל ער איז מיר קענטלעך פון פריער. איך דערקען אין אים דעם מאָדעל, לויט וועלכן חיים גראַדע האָט אין זיין ראָמאַן „נחומל מלווה" באַשאַפן די גרויסע געשטאַלט אונטערן נאָמען אַבעלסאָן. ביי קאַרפּינאָוויטשן ווערט דער ווילנער שטאָט־משוגענער געצייכנט מיט עטלעכע שטריכן פון דער נאַטור. ביי גראַדען וואַקסט אַרויס פון זיין קינסטלערישער פאַנטאַזיע אַ פּרעכטיק איילבילד, און דער ווילנער שטאָט־משוגענער ווערט דערהויבן צו אַ פיגור מיט מאָראַלישן פאַרנעם און מיט אַן אומהיימלעכער קראַפט פון דיאַלעקטיק. אַבעלסאָן אין גראַדעס געמעל פּילט אויס מיט זיין קראַנקן געמיט אַ מין משולח־פונקציע אין דער יידישער שטאָט.

האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט קיין תרעומות צו קאַרפּינאָוויטשן, וואָס ער

האָט נישט דעם קינסטלערישן כוח פון אַ גראַדע. מיין טענה צו אים איז בלויז, אַז די קורצע צייכענונג פון איסערסאָנען איז ווי צוגעטשעפּעט צו דעם ליבעשפּיל צווישן אונדזער ראַמעאָ און דזשוליעט, די הויפּדאַמע רחלע און דער חזן גדאַלקע.

די שיינע, לירישע מעשה הייבט זיך אָן ערשט נאָך דעם, ווי מיר האָבן אַרי־בערגעהיפּט קאַרפּינאָוויטשעס זכרונות וועגן איסערסאָנען און די אַנדערע משוגעים, און רחלע האָט ביים כיור אין שולהויף געזען שטיין „אַ יונגן מאַן, זייער אָן אָפּגעריסענעם, (וואָס) האָט בנעימותדיק געוואַשן די הענט און זיי אָפּגעווישט מיט עטלעכע דיקע צויטן פון זיין קאַצעפּייקע(?). ער האָט געהאַט אַ פּאָר אומעטיקע אויגן, ס׳האָט גענומען ביים האַרץ, און אַ גראַפּסקע באָרד, אַ בלאָנדע״. דער יונגער־מאַן איז געווען גדאַלקע, און רחלע איז צו אים צוגעזאָטן געוואָרן.

קודם געווינט רחלע גדאַלקעס האַרץ מיט מיושבע זאַכן. זי ברענגט אים עסן און ערשט שפּעטער קאָן זי צו אים צוקומען מיט איר אייגענעם שגעון. זי נעמט אים דערציילן וועגן קאַטערינע דער גרויסער און וועגן דעם קייסערס פּלימעניק, וואָס האָט מיט איר (רחלען) געטאַנצט אַ וואַלס.

זיי זיצן, רחלע און גדאַלקע, אויף ביידע עקן באַנק צוליב צניעות. אין מאַלאַרס־קע־קלויז מאַכט דער פּרוש חשבון הנפש און שפּעטיקע ווייבער גייען אין מיקוה, און דאָ דערציילט רחלע וועגן אירע אויפנאַמעס אין קייסער־לעכן הויף און גדאַלקע זינגט אַ שטיקל פּיוט. ס׳איז אַ דועט, אַ רירנדיקער, אַ דערשיטערנדיקער דועט צווישן צוויי קראַנקע געמיטער. גובר איז די מוזיק. „די קלאַנגען שווימען דורך רחלס קראַנקע געהירן און עפענען דאָרט אַ לאַנג־פאַרמאַכטע טיר״. עס לעשט זיך אין איר אויס אויף אַ ווייל די פאַנטאַסטיק פון קייסערלעכן הויף, און עס קומט אויף איר רעאַלע היים אין שטעטל טראָק. „עס ווערט אַזוי לייכט, אַזוי שטיל אין קאָפּ, זי שאַרט זיך צו גדאַלקען און זוכט זיין האַנט״.

עס איז אַ ווונדערלעכע סצענע פון אַ ליבע צווישן צוויי משוגעים, וואָס קאַר־פּינאָוויטש האָט דאָ אָפּגעמאָלן. זי ענדיקט זיך טראַגיש (אויף די כוואַליעס פון מוזיק ווערט געבוירן די טראַגעדיע). רחלע בלייבט מיט אַ קינד, און גדאַלקען האָבן די גבאים (ער האָט אַלץ שטאַרקער פאַרלאַנגט מען זאָל אים צולאָזן צום עמוד) פאַרשיקט אין אַלקעניקער משוגעים־הויז. רחלע איז אים נאָכגעגאַנגען.

ג

פאַראַן דערציילונגען אין בוך, וואָס ליידן פון אַן אומקלאָרער קאָמפּאָזיציע. אַזאַ איינע איז, בלי ספק, די גרעסערע מעשה וועגן עלינקע דעם הויכן. עס איז דערפאַר, וואָס קאַרפּינאָוויטש קאָן נישט גובר זיין דעם גלוסט צו דערציילן אַלע מעשיות, וואָס איז כדאי צו דערציילן. ער וויל אונדז איבערגעבן אַלץ וואָס ער ווייס אַרום עלינקען, אי דעם פּרעליוד פון ד״ר וויגאַדסקיס באַזוך ביי יודל סלאָץ אין יאַטקע מכוח דעם, וואָס מען טרייבט יידישע סטודענטן פון אוניווערסיטעט, אי

װעגן דער זיצונג אין קצבישן אַרטעל מכוח באַשיצן די יידישע סטודענטן; אי װעגן עלינקעס ליבע מיט בונקען, און דערצו נאָך דעם עיקר פון דער דראַמע, װאָס איז אַרויסגעקומען דערפון, װאָס די „װוילע יונגען" האָבן נישט פאַרשטאַנען עלינקעס התנהגות און דאָס האָט דערפירט, אַז דאָדקע די טויז זאָל דערהרגענען עלינקען. כדי קלאָר און פאַרטיפט צו דערציילן װעגן די אַלע זאַכן, דאַרף מען האָבן די קאַנווע פון אַ ראָמאַן, און דאָ װערט דאָס אַלץ אָפּדערציילט בחפזון אין ראַמען פון אַ דערציילונג.

שיין און איבערצייגנדיק װערן אַרויסגעבראַכט עלינקעס רייד צו בונקען מי־נוטן פאַר זיין טויט. עלינקע איז מוחל זיינע חברים: „זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, גאָרניט האָבן זיי פאַרשטאַנען..." און בונקען זאָגט ער אָן, אַז „זי זאָל נעמען דאָס גאַנצע געלט און אַװעקגיין פון דאַנעט װייט צו פעלד, צו װאַלד... װייט". און ער פאַרזיכערט איר, אַז ער האָט זי ליב געהאַט, „איך זאָל אַזוי האָבן די פריי..."

קאַרפּינאָװיטש פאַרענדיקט זיין מעשה דערמיט, װאָס ער גיט איבער, אַז די צייטונגס־פאַרקויפערס האָבן געהאַט פּרנסה פון פאַרקויפן דאָס ליד װעגן עלינקע דעם הויכן. איך, פון מיין זייט, בין מוסיף, אַז לויט דעם דראַמאַטישן תוכן פון דער פאַסירונג, איז זי זיכער װערט געװען באַזונגען צו װערן אין אַ פאָלקסליד.

ד

איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געלייענט אַ בוך פון אַ ליטװישן שרייבער, װוּ איך זאָל אַזוי פיל װערטער נישט פאַרשטיין. קאַרפּינאָװיטש גייט אויפן דרך פונעם גרויסן יידישן װערטערבוך. ער נעמט אַריין יעדעס װאָרט, װאָס ער האָט געהערט אַרויסרעדן אין זיינע קאַנטן. אָבער װאָס דאָס װערטערבוך מעג, טאָר אַ יידישער בעלעטריסט נישט טאָן. יידישע בעלעטריסטן דאַרפן אין פּרט פון שפּראַך נאָך האָבן אַלץ איין מוסטער: מענדעלע. און מענדעלע װי אַ מוסטער מיינט טאַקע באַ־העפטן אַלע דיאַלעקטן צו איין ליטעראַרישער שפּראַך, אָבער אַלץ מוז זיין איבער־געקליבן און דורכגעזיפּט.

װאָס מיינען: האַדקע רייד? און װאָס איז דער טייטש קאָצעפּייקע און אָפּביי־ענען און פאַרדרעטשעט און מאַזענען און קאָטעלאָך? — איך האָב דאָ געבראַכט נאָר עטלעכע פון אַ סך. אויב די װערטער װערן גענוצט צוליב לאָקאַלן קאָלאָריט, איז דער מחבר שולדיק דעם לייענער אַ גלאָסאַר מיט פאַרטייטשונגען.

אָבער װי אַ קאָמפּענסאַציע פאַר אָט די לאָקאַליזמען, װאָס זענען צום טייל באַרבאַריזמען, גיט אונדז קאַרפּינאָװיטש דאָ און דאָרט מחיהדיק, לעבעדיק לשון פון זיינע װילנער פאַרשױינען. װען קאַרפּינאָװיטש לאָזט יודל סאָלצן טרייסטן דעם ד"ר װיגאָדסקי, אַז ער זאָל זיך נישט קלעמען װעגן די כוליגאַנעס, „מ'עט זיי אַרויסשרויפן די פיס און אַריינשטעלן שװעבעלעך, װעלן זיי װיסן", איז אין דער קללה פאַראַן אַזאַ בילדערישקייט, אַזוי פיל הומאָר און אַזוי פיל ביטערניש, װאָס

גיי רעד און רעד און דו ווערסט דיך נישט דעררעדן צו דער זאָגעניש, וואָס עס זאָגט קאַרפּינאָוויטש בשם די פּאַרשניטענע יודל סאַלצס אונדזערע.

און דאָס זעלביקע איז מיט די ווערטער, מיט וועלכע קאַרפּינאָוויטשעס העלד פון דער דערציילונג „וולאַדעק" כאַראַקטעריזירט זיין אייגענעם זעלישן צושטאַנד, ווען ער וואַרט, אַז וולאַדעק זאָל אים קומען ראַטעווען:

„איך שטיי אַ צען מינוט און מיר דוכט זיך, אַז ס'איז אַ יאָר. די שרעק וויזט מיר אַ רויטע צונג. זי הוליעט פראַנק און פריי אין די געבליטן".

נישט וואָס די אידיאָמען זענען ניי, נאָר אין דעם קאָנטעקסט פון געטאָ־אַנטלויף רעדן דווקא אָט־די פּשוטע ווערטער דורותדיק לשון. און נישט ווייניקער גוט, פול מיט קורצן אָטעם און מיט לאַנג לעבן זענען די ווערטער מיט וועלכע נאָטקע דער קאָטער געזעגנט זיך מיט זיינע חברים אין ישראל. „נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, קינדער? אַז מען האָט דאָס דערלעבט, איז טאַקע ווי אין חומש שטייט..."

און טאַקע, ווייל קאַרפּינאָוויטש איז אַזאַ מאדים אויף שורשדיקע אידיאָמען, קאָן איך נישט און וויל נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער קאָן זאָגן, אַז דער אונטער־וועלטניק „כאָנע האָט מיט נייער התלהבות אָנגעהויבן אַריינפירן זיין קאָנסערוואַטיוון פריינט אין דער בראַנזשע". עס איז טאַקע נישט קיין וואָרט אין כאָנעס מויל, אָבער אַפילו וועגן כאָנען קאָן מען נישט זאָגן קאָנסערוואַטיוו, סיידן מען וויל דעם בלאַטן יונג אויף חוזק לאָזן טראָגן אַ צילינדער.

1967

הערץ בערגנער

די ערנסטע יידישע ליטעראַטור אין אויסטראַליע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ דערציילונג — אַזוי שרייבט הערץ בערגנער אין זיין איבערבליק וועגן „דאָס יידי־שע געדרוקטע וואָרט אין אויסטראַליע", וואָס איז דערשינען אין „פּנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע" (ניו־יאָרק, 1965).

דער ערשטער יידישער דערציילער אין אויסטראַליע איז געווען פּנחס גאָלד־האַר, וואָס האָט איינגעוואַנדערט אין פינפטן קאָנטינענט אין 1928 און איז דאָרט געשטאָרבן אין יונגן עלטער פון זעקס און פערציק יאָר. גאָלדהאַר האָט אַרויסגע־בראַכט אַ בוך „דערציילונגען פון אויסטראַליע" (מעלבורן, 1939), ווו ער האָט געשילדערט דאָס לעבן פון יידישע עמיגראַנטן, וואָס קאָנען זיך נישט אַריינפּאַסן אין דעם שטייגער פון זייער נייער היים.

הערץ בערגנער, דער ייִנגערער ברודער פון מלך ראַוויטש (איך דערמאָן

דאָ ראַוויטשן, ווייל ער האָט אין די דרייסיקער יאָרן געוווינט אַ צייט אין אויסטראַ־ליע און האָט דאָרט, ווי זיין שטייגער, איבערגעלאָזט בולטע קולטור־שפּורן), וואָס האָט מיט צען יאָר שפּעטער פון פּנחס גאָלדהאַרן איינגעוואַנדערט קיין אויסטראַליע, האָט אין זיין באַנד דערציילונגען אונטערן נאָמען „ווו דער אמת שטייט איין" (מעל־בורן, 1966) אויפגענומען די זעלבע טעמע וואָס גאָלדהאַר, מיט דעם אונטערשיד, וואָס בערגנערס מענטשן זענען צום מיינסטן אַריבערגעקומען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און טראָגן אין זייער געמיט די שווערע איבערלעבעניש פון געטאָ און טויטן־לאַגער.

איך מוז זאָגן, אַז מיר איז נישט קלאָר פאַר וואָס די אויטאָביאָגראַפישע מעשה וועגן דעם גמרא־מלמד ר' שמשון פון זיין היימשטעטל, וואָס בערגנער האָט אים אין איינעם אַ טאָג באַגעגנט אויף אַ גאַס אין מעלבורן, האָט זוכה געווען, אַז זיין נאָמען זאָל ווערן דער שם הכולל פונעם גאַנצן באַנד דערציילונגען.

דער מלמד ר' שמשון איז געווען אַ כעסן. ווען דאָס קנעלן מיט די פּאָר־שטאָפּטע קעפּ פון די תלמידים איז אים געוואָרן איבער דער טבע, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן אין טיש און אַ געשריי געטאָן צו די תלמידים —

— האַוורילעס! וויטיקעס! באַלוואַנעס! אַרויס פון דאַנען! ענקערע טאַטעס זענען גראָבע יונגען און עץ וועט בלייבן גראָבע יונגען!

דעם זעלבן כעס מיט די זעלבע אָנשריי־ווערטער האָט ר' שמשון אַריינגע־בראַכט קיין מעלבורן, ווו ער איז געוואָרן אַ מלמד אין דער תלמוד־תורה.

סיי אין דער אַלטער היים און סיי אין מעלבורן האָט ר' שמשון מיט זיין כעס און מיט זיינע אָנשרייערייד קיין גוטס נישט געטאָן ביי די טאַטעס פון תלמידים.

אין דער אַלטער היים האָט אים דערפאַר געמוסרט דעם שרייבערס פאָטער ר' אפרים בערגנער, און דאָ אין מעלבורן האָט אים דעם מוסר אונטערגעטראָגן דער שרייבער אַליין, וואָס איז זיינס אַ געוועזענער תלמיד. און ביידע מאָל האָט ר' שמשון געהאַט דעם זעלבן ענטפער אויף זיין גאַליציש ייִדיש: „איר זענט גערעכט, ר' אפרים, ביסט גערעכט, הערץ... נאָר כ'קען מיר נישט העלפן... עך האָב ליב דעם אמת..."

אויב הערץ בערגנער האָט מיט ר' שמשונס כעסדיקע ווערטער אין נאָמען פון זיין באַנד דערציילונגען געוואָלט מרמז זיין אַז ער, דער דערציילער, האָט דעם זעלבן טעמפּעראַמענט ווי זיין געוועזענער מלמד ר' שמשון און אַז ר'האָט געשריבן זיינע אויסטראַלישע מעשות אין צייכן פון ר' שמשונס כעסדיקע ווערטער, האָט ער דערמיט בפירוש געמאַכט אַ טעותדיקע אויטאָ־כאַראַקטעריזירונג.

די דערציילונגען וואָס זענען אויפגעזאַמלט אין דעם איצטיקן באַנד זענען גע־שריבן בניחותא, אין אַ רויִקן געמיט, און מעגן צו מאָל די געשעענישן און דער סיפּור־המעשה זיין דראַמאַטישע, היט זיי דער מחבר אויס פון אַ טראַגישן סוף און אפילו פון אַ הויכן טאָן.

קערט זיך פלוצעם אום שלאַמאַק שטערן צו זיין ווייב דער עגונה און דערנאָך פאַרשווינדט ער פון דאָס ניי און לאָזט איבער אַ בריוול, אַז „ס'מוז נאָך דויערן אַ שטיקל צייט". ווערט דער סיפור־המעשה איבערגעגעבן נישט מיט דראַמאַטישע טענער, נאָר מיט אַ ביסל רכילות פון שכנות און מיט אַ שפּילסצענע פון שלאַמאַקס ייִנגל און זיינס אַ חבר און ענדיקט זיך מיט אַ שטיפעריי פונעם ייִנגל, וואָס וויל זיך אַרויסציען פון דער מאַמען ווייל „כ'וויל זיין אַ פרייער מענטש... כ'וויל פונקט ווי דער טאַטע פאָרן איבער ימים", און די מאַמע שיקט דעם „קליינעם באַנדיט" אין בעט אַריין.

און אפילו אַזאַ דראַמאַטישע געשיכטע ווי די מעשה מיט דעם בחור שמולע, וואָס זיין לאַנדסמאַן הערמאַן וורצעל האָט אים פאַרנאַרט קיין אויסטראַליע מיט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ שיין מיידל, מאַשע, און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי האָט אַ מיאוסן שראַם אויפן פנים, גייט אָן אויך אָן איבעריקע צוזייפשטויסן. שמולע האָט חתונה מיט מאַשען, עפנט אַ „מילך־באַר", פירט אַ ליבע מיט דער פאַרקויפערין עליזאַבעט, אָבער דער סוף איז וואָס מאַשע טרייסט זיך אַז שמולע וועט סוף־כל־סוף בלייבן מיט איר.

הערץ בערגנערס שרייבעריש געמיט איז מער נוטה צו אידיליע ווי צו דראַמע. ער היט זיך אויס פון בײדע. די דראַמע איז ער גובר מיט אָנווענדן דעם פּסיכאָאַנאַליטישן מעטאָד פון געשטאַלטיקונג, ווי אין דער דערציילונג „די נקמה פון דעם קליינעם לואי" און ער באַוואָרנט זיך קעגן אַן אידילישן טאָן דורך באַלאַנסירן זיין אופן געשטאַלטיקונג, ווי אין איינער פון זיינע גרעסטע דערציילונגען, „די שכנים פון עדגאַר סטריט".

די דאָזיקע דערציילונג האָט אין זיך אַ ניעפּ דראַמע און אַ ברעקל אידיליע, אָבער דער הויפּטטאָן אירער איז איידלקייט. אַן אַלטער קראַנקער גוי און אַן אַלטער קראַנקער ייִד — ביידע זיצן אויף די שכנישע וועראַנדעס פון זייערע זיין און כאַפּן אַריין די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרנאַכטיקער זומערזון. דער גוי פילט אַ שנאה צום ייִד און דער ייִד אַ גלייכגילטיקייט צום גוי. אָבער נישט־ווילנדיק טראַכט איינער וועגן אַנדערן און קלערט איבער וועגן זיין געזונט. און אָט דער נישט־ווילנדיקער געדאַנק דערנענטערט די צוויי אַלטיטשקעס, און מיר געפעלט, און איך האַלט עס פאַר פּסיכאָלאָגיש ריכטיק, וואָס בערגנער לאָזט דווקא ביל סטיווענסענען, דעם אַמאָליקן גבר, דעם אַמאָליקן פאַרוואַלטער פון אַ ר י נ ד ־ ס ט אַ צ י ע אויף די ווייטע אויסטראַלישע פעלדער, נעמען די איניציאַטיוו פון דערנענטערונג צו דעם פּליט שימעלע מעלצער. ביל סטיווענסען, דעם מאַן פון שנאה צו פרעמדע, שנאה צו ייִדן, פאַלט איין דער געדאַנק, אַז „דער שוואַכער ייִד, אויף וועלכן ער האָט אַלע מאָל געקוקט פון אויבן אַראָפּ, ליידט פון דער זעלבער קרענק. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווי מיט דער דאָזיקער אַנטדעקונג וואָלט אים אַליין מיט אַ מאָל ערגער געוואָרן און ער האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן איינצוהערן אין זיך".

דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער רעצעפּט וואָס שיילאָק, דער ייד, פאַרשרייבט די יידישע שונאים. ווען די יידישע שונאים וועלן דערפילן, אַז אויב מען שטעכט דעם ייד טוט אים ווי און ס׳רינט בלוט, וועלן זיי פּטור ווערן פון דער שנאה און וועלן דערפילן זייער אייגענעם עלנט אין דער וועלט.

די בעסטע דערציילונג אין בוך איז, לפי דעתי, „אין די ווינטער־טעג״. עס איז אַ ראָמאַנטישע געשיכטע וועגן אַ מין „אַבעלאַר און עלויז״, וואָס זענען אין דער יוגנט צעשיידט געוואָרן דורך דער עקשנות פון „עלויזס״ טאַטע־מאַמע. איצט, אויף דער עלטער, מינאַ בערמאַן מיט אַ מאַן און נחום רובין אַ באַווייבטער, ביידע מיט קינ־דער און קינדסקינדער, באַגעגענען זיי זיך אין מיסטער פּריילעכס ווינטער־דאַטשע אין אויסטראַליע און פון דעמאָלט אָן קומען זיי זיך צונויף יעדעס יאָר, ביז קודם קומט אַ מעלדונג, אַז „אַבעלאַר״ איז געשטאָרבן און אַ יאָר צוויי שפּעטער אַ ידיעה וועגן אַוועקגאַנג פון „עלויז״. אין די צוויי יאָר „אַלמנהשאַפט״ האָט „עלויז״־מינאַ נישט געלאָזט פאַרדינגען רובינס צימער. זי האָט געלעבט און ווייטער גע־שפּילט די ליבע מיט זיין שאָטן אין שטוב און אויף די שפּאַצירן אין די בערג.

די ראָמאַנטישע מעשה וועגן דעם ליבע־פּאָרל, וואָס באַגעגנט זיך אויף דער עלטער און נעמט אויף דעם פאָדעם פון יוגנט, איז איינגעראָמט אין אַ געוועב פון מיסטעריע, וואָס די רכילות פונעם גאַסטהויז־בעל־הבית און פון די געסט, מיסטער דזשאָרזש געווירץ און מיס העלען מאָנדשיין, האָבן פון יאָר צו יאָר געפּרוווט דורכ־דרינגען ביז — דזשאָרדזש געווירץ און העלען מאָנדשיין האָבן ענדלעך חתונה געהאַט. די דאָזיקע ראָם פון דער דערציילונג און די הומאָרפולע געשטאַלטיקונג פון די רכילותניקעס מינערט מיט גאָרנישט פון דער ראָמאַנטישער מעשה. פאַר־קערט, ערגעץ ווו ווערט די טיף טרויעריקע „אַבעלאַר־און עלויז״־געשיכטע אונ־טערגעשטראָכן און בולטער געמאַכט.

אַ פּסיכאָלאָגיש פאַרטיפטע דערציילונג איז „דאָס הויז איז דיין״. עס איז אַ מעשה וועגן אַ פּליט, אַ יורד פון ארץ־ישראל, וואָס טרעפט אַ יוגנט־חבר אין אויס־טראַליע און שענקט אים אַ הויז און פאַרשאַפט אים אַרבעט, אָבער גיט דערביי פון צייט צו צייט אַ פרעג: פאַר וואָס ביסטו אַוועק פון ישראל?

אויף דער קאַנווע פון דער מתנה און פון די פראַגעס און אויף דער קאַנווע פון דער אייפערזוכט פון דעם מתנה־נעמערס פרוי צו דער רייכער פרוי פונעם מתנה־געבער וועבט בערגנער פּסיכישע איבערלעבענישן צווישן זיי, וואָס פירן סוף־כל־סוף דערצו, אַז דער מתנה־נעמער פּסח זאָל אין מיטן נאַכט לויפן צו אַ טראַקמאַן אים אָנזאָגן, אַז ער זאָל קומען מאָרגן פרי איבערפירן די מעבל, ווייל ער ציט זיך אַרויס.

— וווהין? — פרעגט דער טראַקמאַן.

— כ׳ווייס אַליין נאָך נישט ווו... קיין ישראל... וואָס ווייטער פון דאַנען! — האָט פּסח אַ געשריי געטאָן.

אַט דער סוף פון דער מעשה קומט מיר אויס אַ ביסל צו פיל ליטעראַריש צו־געטראַכט, אָבער דערפאַר געפעלט מיר די סצענע פון דעם בייַנאַכטיקן שטורעם, וואָס האָט היפּש צעטרייסלט די געשענקטע שטוב און איז געוואָרן דער דירעקטער פּסיכאָלאָגישער שטויס צו דער רוגזה אויפן מתנה־געבער און צו דעם באַשלוס זיך מאָרגן אין דער פרי אַרויסצוציען, הגם מען ווייסט נאָך נישט וווהין.

נאָך מער געפעלט מיר דער חלום וואָס בערגנער וועבט אַריין אין דער מעשה. אין דעם חלום איז דער מתנה־געבער באַריס אַ געטש און דער מתנה־נעמער פּסח פירט מיט אים אַ קריגערישן דיאַלאָג און כאַפּט זיך אויף מיט שמחה, אַז ער האָט דעם געטש דערהרגעט.

עס איז אַ חלום, וואָס פּאַסט זיך פּסיכאָלאָגיש זייער אַריין אין דער געשיכטע פון די באַציונגען צווישן די צוויי חברים, באַריס און פּסח, און מאַכט קלאָר פאַר־הוילענע נשמהדיקע ווינקלען ביים מתנה־נעמער, וואָס קרעקט זיך מיטן געשאַנק און האָט פיינט דעם מתנה־געבער.

פון שפּראַכלעך־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז זייער געראָטן די דערציילונג „דער ירושה־בריליאַנט". עס איז אַ מאָנאָלאָג פון אַ יידענע, דערציילט מיט די חנעך פון יידישער אידיאָמאַטיק און מיט נייטיקן צוגאָב פון גאַליציש־דייטשמערישע לאָקאַליזמען. די דערציילונג איז אויך געראָטן דערמיט, וואָס פון דעם מאָנאָלאָג וואַקסט אָרגאַניש אַרויס די געשטאַלט פון דער קאַזאַצקער יידענע ריוועטשעלע און עס ווערן איבערגעגעבן אַזוי ריין שמועסדיש, אָן איבעריקע פליטערלעך, די אַלע פּיין און ליידן, וואָס ריוועטשעלע מיט איר מאַן האָבן געהאַט אויסצושטיין ביי הי־טלערן, ביי סטאַלינען און דערנאָך, נאָכן אומקער אין זייער גאַליצישן שטעטל, צו זוכן דעם ירושה־בריליאַנט, וואָס די יידענע האָט פאַרן אַנטלויפן באַהאַלטן אין דער גרינער קאַנאַפּע, אין דער דירה, ווו עס האָבן איצט געוווינט פּאָליאַקן.

דער מאָנאָלאָג פּאַלט נישט אַריין אין קיין גוזמא, ווי עס געשעט אָפט ביי די מערסטע נאָך־שלום־עליכם־מאָנאָלאָגיסטן. ער איז קינסטלעריש געצוימט. ער רעדט אַ סך, ווי דאָס ליגט שוין אין מאָנאָלאָגיסטישן זשאַנער, אָבער ער זאָגט אַלץ בצימצום.

ביים סוף וויל איך זאָגן, אַז ווען איך האָב נאָכן איבערלייענען דאָס בוך עס נאָך אַ מאָל דורכגעבלעטערט, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז די מעשהס האָבן זיך טאַקע אָפּגעשפּילט אין אויסטראַליע, אָבער אין תוך האָבן זיי געקענט פּאַרקומען אויך אין אַמעריקע, אויך אין ענגלאַנד און אויך אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע. עס פעלט די ספּעציפישע אויסטראַלישע אַטמאָספער, און דאָס איז מן־הסתם אַ חסרון.

חיים גראַדעס „צמח אַטלאַס"

1

א

אַ נייע וועלט מיט געשטאַלטן האָט חיים גראַדע אַריינגעפירט אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור. עס האָבן אויך פאַר חיים גראַדען נישט געפעלט קיין ישיבה־בחורים און קיין רבנים אין דער געשטאַלטן־גאַלעריע פון דער ייִדיש־קינסטלע־רישער פּראָזע און פון דער ייִדישער מעמואַריסטיק. אָבער דאָס זענען געווען כמעט תמיד אָדער אידעאַליזירטע אָדער משכילי׳ש געמאָלענע יחידים אין אַ זייט פון אַ בעל־הבתישער סביבה און אין צונויפשטויס מיט איר.

חיים גראַדע האָט, אויב נישט דער סאַמע ערשטער, אַריינגעבראַכט אין דער ייִדיש־בעלעטריסטיק נישט סתם רבנים און ישיבה־בחורים, נאָר טאַקע די וועלט פון רבנים און פון ישיבה.

עס איז אַ מין נייער סאָציאַלער פּלאַנעט וואָס זיינע איינוווינער זענען דורכויס רבנים, ראשי־ישיבות און ישיבה־בחורים. די דראַמאַטישע מענטשלעכע צונויפ־שטויסן שפּילן זיך אָפּ צווישן די רבנים גופא און אַרום זיי.

אין גראַדעס ראָמאַנען „דער ברונעם", „די עגונה" און איצט אין „צמח אַטלאַס" קומט פאָר אַ געראַנגל צווישן רבנים פון פאַרשיידענעם טעמפּעראַמענט, פון פאַר־שיידענעם געדאַנקלעכן איינשטעל צו גאָט און מענטש. עס זענען צווישן זיי דאָ מחמירים און מקילים, רבנים וואָס שטעלן דעם טראָפּ אויפן בין אדם לחברו און אַנדערע, וואָס דער עיקר פון אַלע עיקרים איז ביי זיי דער בין אדם למקום. פאַראַן אין גראַדעס רבנים־וועלט אַזוינע, וואָס דער דין פאַרענטפערט פאַר זיי אַלע פראַגן פון מענטשלעכער עטיק, און עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן מורא אַז דער דין, די „דוראַ לעקס", ווי די אַלטע רוימער האָבן דאָס גערופן, קאָן חלילה פאַרדעקן ביודעים און בלא יודעים בן אדמס אַ רשעותדיקע כוונה און אים געבן נישט נאָר די פאַלשע טרייסט פון נישט האָבן באַוואולהט זיין חבר, נאָר אויך (און דאָס איז נאָך ערגער) אַ געפיל פון פרומער זעלבסט־צופרידנקייט און זעלבסט־גערעכטיקייט אונ־טערן שוץ פונעם דין.

דער דאָזיקער שולחן־ערוכדיקער פרומקייט, ווי די איינציקע און אויסשליס־לעכע ריכטליניע אין לעבן, שטעלט זיך אַנטקעגן חיים גראַדע, דער מוסרניק. מוסר נעמט אָן, וואָלט איך געזאָגט, די טעזע פון יענע מאָראַליסטן ביי די אומות העולם, וואָס האַלטן אַז געזעץ איז בלויז דער סאַמע מינימום פון מאָראַל.

אין דער ייִדיש־ליטעראַטור פון אונדזער דור האָבן זיך אַרויסגעהויבן צוויי גרויסע שעפערישע געשטאַלטן פון מוסרניקעס: ה. לייוויק ז"ל, און אים צו לאַנגע

יאַר, חיים גראַדע. דער חילוק צווישןביידע איז געווען זייער אויסבילדונג. גראַדע איז אַ סיסטעמאַטיש געשולטער מוסרניק, בעת לייוויק איז אין דעם פּרט, קאָן מען זאָגן, געווען אַן אויטאָדידאַקט.

דאָס בשותפותע צווישן זיי ביידע איז געווען דער כוח פון זייער דיאַלעקטיק, די ברענענדיקע לײדנשאַפט אַרײנצובויערן זיך אין דער מאָראַל און אויסצוגע־פינען אין איר די אוממאָראַל. ביי לייוויקן קומט די דאָזיקע דיאַלעקטישע קראַפט דעריקרשט צום אויסדרוק אין זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס „עקידת יצחק" און „אין די טעג פון איוב".

גראַדע האָט אויף זיין מוסרדיק געשולטן וועג פאַרקערפּערט אַט די דיאַלעטעקטיק אין צוויי געשטאַלטן, וואָס וועלן בלייבן אַ שם־דבר אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און איך בין בטוח, אַז זיי וועלן, ווי די באַרימטע געשטאַלטן, וואָס עס האָבן באַשאַפן אונדזערע קלאַסיקער און די גרויסע פון אונדזער ערשטן נאָכקלאַסישן דור, אַריין אין דער לעבעדיקייט פון ייִדישן לעבן און וועלן ווערן שפּראַך־נמשל. איך מיין דאָ דעם משוגענעם אַבעלסאָן אין גראַדעס דערציילונג „נחומל מלווה" און צמח אַטלאַסן אין גראַדעס נייעסטן ראָמאַן אונטערן נאָמען פון דער צענטראַל־געשטאַלט, וואָס זיין ערשטער באַנד איז צום כבוד פון דער ייִדיש־ליטעראַטור באַקרוינט געוואָרן מיטן גרויסן ליטעראַרישן פּרייז פון דער „אַקאַדעמיע פאַר ייִדישער פאָרשונג" אויפן נאָמען פון דעם טראַגיש אומגעקומענעם ראַבאַי מאָריס אַדלער פון דעטראָיט (דער אומגעקומענער איז געווען אַ חובב ייִדיש און אַ האַרציקער פריינד פון ייִדישע שרייבערס).

די געשטאַלטן פון דעם דולן מוסרניק אַבעלסאָן איז אַ מין גענעראַל־רעפּעטיציע צו דער מאָנומענטאַלער פיגור פון דעם מוסר־דיאַלעקטיקער און מוסר־פּראַקטיקער צמח אַטלאַס.

ר' נחומל מלווה האָט פאַרליען געלט אָן פּראָצענט צו נויט־באַדערפטיקע קרעמערס און האָט געזיכערט זיינע הלוואות מיט משכנות על־פּי דין. אַ פאַרפּאַנ־צערטער מיט מעשים טובים און אַ באַוואָרנטער מיט דער אָפּגעהיטקייט פון דין האָט ר' נחומל — דערציילט גראַדע — זיך געגרייט „צו דערשמעקן די גערוכן פון די ביימער אין גן־עדן אויף יענער וועלט".

און דאָ לויפט אַריין דער משוגענער מוסרניק אַבעלסאָן צום שכיב מרע ר' נחומל און שרייט:

— פּראָצענטניקעס לאָזט מען נישט אַריין אין גן־עדן. פּראָצענטניקעס טרייבט מען אין גיהנום ...

— איך האָב נישט גענומען קיין פּראָצענט — האָט געמורמלט ר' נחומל.

— דו האָסט גענומען פּראָצענט — האָט דער משוגענער אַ טופּע געטאָן מיטן פוס — דו האָסט געגעבן הלוואות, כדי זיך אָנצוגרייטן עולם הבא, ביסטו אַ מלווה בריבית, אַ פּראָצענטניק.

אַבעלסאָן האָט מיט זיין „וויסטן כוח־הדיבור" צעשטערט ר׳ נחומלס מאָראַלישן בנין אונטערן שוץ פונעם דיך.

און צמח אַטלאַס, ווען ער איז אַ שטיקל צייט געווען אַ שותף צום מעלגעשעפט פון זיינע שוואָגערס, האָט ער צו קונים, וואָס האָבן געפּראַלט וועגן זייערע מעשים טובים און וועגן זייער צדקה, גערעדט שאַרפע מוסר־רייד און צעגטרענצלט זייער מאָראַלישע זעלבסט־צופרידנקייט. צו דעם קרעמער פון פּיאַנטניצע, וואָס האָט זיך איבערגענומען דערמיט וואָס ער העלפט אַרויס זיין ברודער מיט אַ פינפערל און אַ מאָל אויך מיט אַ צענערל און „זיין ברודער, דער אָנזעצער, איז נאָך אַ בעל־גאווה און וועט נישט נעמען; ער שיקט צו דער שוועגערין פאַר די קינדער".

האָט צמח געזאָגט:

— איר העלפט אייער ברודער מיט אַ פינפערל, מיט אַ צענערל, אָבער איר וועט אים נישט העלפן אויף אַן אופן, ער זאָל מער צו אייך נישט דאַרפן אָנקומען... ווייל איר גיט אייער ברודער אויף אַן אופן, אַז ער שטיקט זיך מיטן ביסן, איז ער אייך אַ שונא. איר טרויט נישט קיינעם, איר קליגלט זיך שטענדיק, וואָס יענער איז אויסן, וואָס יענער האָט געמיינט. איר פילט זיך גוט, אַ באַפאַלענער מיט חשדים, ווי אַ חזיר, באַפאַלן מיט אומפליי, פילט זיך גוט אין בלאָטע.

און ר׳ דאָדע שמולעוויטשן וואָס איז געקומען אין מעלגעשעפט, מע זאָל אים פאַרלענגערן די וועקסלען און האָט דערביי זיך געקלאָגט, אַז די אָרעמע־לייט, וואָס גייען איבער די הייזער, און די קערה ערב יום־כיפור און אַלע מוסדות פון צדקה קאָסטן אים צו פיל געלט — און „ביי אים עסט אַ לערנער יעדן מיטוואָך פון שענסטן און בעסטן, עסט אים אָפּ דעם קאָפּ" — אָט דעם זעלבסט־צופרידענעם יידן, וואָס איז פול מיט רחמנות צו זיך, האָט צמח אַטלאַס געשליידערט אין פּנים אַריין:

— אַ קמצן איז יעדער מענטש, מען קאַרגט אָדער פאַר זיך אָדער פאַר יענעם... אַז אייער ווייב און די שנור און די טעכטער, די פּרות הבשן, נייען זיך נייע קליידער — האָט איר פאַרגעסן; וויפל די זין און די איידעמס פאַרשפּילן אין קאָרטן — האָט איר פאַרגעסן; אַז איר מאַכט פאַר געסט פאַראַדנע סעודות און מען פרעסט און מען טרינקט און מען שוויצט און מען שטינקט — האָט איר פאַרגעסן; נאָר דאָס יינגעלע פון ישיבה האָט איר נישט פאַרגעסן און איר שרייט, אַז ער עסט אייך אָפּ דעם קאָפּ.

דאָס זענען שוין נישט רייד וואָס שרעקן אַ תמימותדיקן ייד, ווי ר׳ נחומל, מיט אַ שטראָף אויף יענער וועלט, מיט אַ פאַרמאַכטן טויער צום גן־עדן, נאָר דאָס זענען רייד, וואָס מאַכן צו נישט די ליגנערישע געזעלשאַפטלעכע עטיק אין נאָמען פון אַ מאָראַלישן אמת, וואָס דער מענטש איז שולדיק דעם מיט־מענטש און זיך אַליין, און מוז צו אים דערגיין מיטן כוח פון פיינפולער זעלבסטקריטיק.

קעגן דער תמימות פון אַ ר׳ נחומל מלווה האָט דער מוסרניק געקאָנט זיין נאָר אַ בעל־מום. וואָרעם נאָר אַ בעל־מום, ד״ה אַ מענטש מיט אַזאַ צעבראָכענעם לעבן,

ווי דער אַמאָליקער לומדישער גביר אַבעלסאָן, איז באַרעכטיקט צו ריידן אַזוי האַרב און רשעותדיק צום דעם פרומען שכיב מרע ר׳ נחומל.

צמח אַטלאַסעס רעכט צו זאָגן מוסר די קונים אין דעם געשעפט פון זיינע שוואָ־גערס און אויך די שוואָגערס אַליין, איז דאָס רעכט פון אַ מענטשן, וואָס אַרבעט איבער זיך אַליין, אַנאַליזירט זיך אַליין און איז אויסן פאַר אַלעמען און קודם־כל זיך אַליין מתקן צו זיין.

ב

צי איז צמח אַטלאַס, וואָס האָט נאָך יינגלוויז אין דער נאָווארעדאָקער ישיבה איינגעזען אַז „ס׳איז לייכטער אָפּהיטן צענדליקער דינים און מינהגים, איידער איין מאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ פאַרווערטער תאווה״, אַ מענטש אָן אמונה? ער, צמח, האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר הרבצת תורה. ער האָט „אַרומגעוואַנדערט איבער שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, צו גרינדן נייע ישיבות. נאָך דער באָלשעוויסטישער מהפכה האָט ער זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די רדיפות פון די „בעזבאָזשניקעס״ און איבערגערעדט גימנאַזיע־בחורימלעך, זיי זאָלן ווערן בני־תורה״. קאָן אָט דער צמח אַטלאַס זיין אַ מענטש אָן אמונה אין בורא עולם?

ניין, צמח, ווי גראַדע פּרעזענטירט אים פאַר אונדז, איז נישט קיין אומגלייבי־קער. ער איז בלויז אַ מאמין מיט ספקות, און אמונה מיט ספקות איז די אמתע אמו־נה. ווי דער בורא עולם, וואָס בויט וועלטן, מאַכט זיי חרוב און בויט פון דאָס ניי (בונה עולמות ומחריבן), אַזוי מאַכט דער אמתער מאמין חרוב זיין אמונה מיט ספ־קות און בויט זי אויך דערנאָך פון דאָס ניי נאָך שענער און העלער ווי פריער. אמו־נה איז נישט קיין אידיליע פון שבחים צום רבש״ע און אויך נישט קיין האָפער־דיקע אָפּערעטע פון זעלבסט־צופרידנקייט און זעלבסט־באַרו:קונג פאַרן מאמין. אמו־נה איז אַ פלאַקערדיקע דראַמע צווישן מענטש און גאָט און פון דעם מענטש מיט זיך אַליין. ס׳איז נישט געמאָלט קיין אמתע, אויטענטישע עבודת הבורא אָן הפסקות פון מרידה.

ווען דער שבפרומער ר׳ ענזעלע בראַנזניק הערט אויס ווי אַ יידענע דערציילט, אַ וויינענדיקע, וועגן דעם געציטערטן יינגעלע פון איר שוועסטער, וואָס ס׳איז נאָך נישטאָ קיין שלושים אַז ער איז דערטרונקען געוואָרן אין נאַרעוו, און טרייסט זי מיט דעם סקאַרבאָוון „גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט״ און האָט נאָך דערצו אַ התנצלות פאַר גאָט ברוך־הוא „אַז אַ יידיש קינד גייט זיך באָדן אום שבת״. ווערט צמח אויפגעקאָכט און ער שליידערט דעם גאָט־פאַרגלייבטן ר׳ ענזעלע אין פנים אַריין:

— איובס חברים זענען געווען גרעסערע צדיקים פון אַ ר׳ ענזעלע, פון דעסט־וועגן האָט גאָט אויף זיי געצאָרנט פאַר זייערע רייד, אַז איוב האָט מסתמא געזינדיקט און פאַרדינט זיינע צרות. ס׳איז אַן אכזריות צו טרייסטן אַ מענטשן, אַז ער וועט

זיין אומגליק איבערלעבן, בעת ער מיינט אַז די וועלט גייט אים אונטער. און נאָך אַ גרעסערע אכזריות איז מצדיק זיין דעם גזר־דין — אויף יענעם. אויסער אכזריות איז עס נאָך חניפה און צביעות. מען חנפעט דעם רבש״ע, אַז ער איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט — אויף יענעם, כדי זיך אַליין אויסהיטן פון זעלבן משפט. אָבער דער רבש״ע איז אַ מבין אויף אַזעלכע פאַלשע צדיקימלעך (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — ש. ב.).

אָבער כדי צו מעגן און קענען זיין אַ מורד און האָבן טענות צו גאָט, מוז מען באַוויזן אַז מען האָט אַ רעכט צו זיין אַ טוען. מען מוז מיטן כוח פון דער בחירה חפשית אויסרייסן פון זיך דעם „יצר לב האדם רע מנעוריו״ און זיך אויפהערן איינצוריידן, אַז מיט טלית און תפילין און ציצית און מיט מזוזה און אַנדערע אַזעלכע מצוות קאָן מען זיך אויסקויפן ביי גאָט פון שטראָף, פאַר זינד בין אדם לחברו. עס איז נישט פאַראַן קיין פשרה צווישן מענטש און גאָט. גאָט איז די טייטש אומפשרה. אַזוי מוז אויך זיין צו זיך דער מענטש מיט גאָט אין האַרצן.

און חיים גראַדע וויקלט פאַר אונדז פונאַנדער אַן אויסטערלישן ספּעקטאַקל פון דעם קאַמף, וואָס עס פירט מיט זיך צמח אַטלאַס אויף בייצושטיין נסיונות און אויף זיך צו באַפרייען פון זינד, זיך צו באַפרייען פון דער „איינגעגעסענער קרענק פון דער וועלט, (וואָס) איז נישט אַזוי רשעות, ווי איר פאַלשע צדקות״.

נסיונות איבער נסיונות קומען אַנטקעגן צמחן. ער שרייבט תנאים אין שטעטל אמדור און האָט דערנאָך חתונה מיט דער שיינער, רייכער יורשטע אין לאָמזשע, סלאַווע סטופּעל. אָבער ער האָט דעם כוח איבערצולאָזן די רייכע, באַקוועמע שטוב פון די סטופּעלס און ווערן אַ פּרוש און אַ ראש־ישיבה אין וואַלקעניק. — און אין וואַלקעניק לעבט ער איבער דעם גרעסטן נסיון אין הויז פונעם שוחט ליפּא יאָסע. דעם שוחטס יינגערע טאָכטער ראַניע, וואָס איר מאַן פאָרט אַרום פאַר אַ ישיבה און איז קיין מאָל נישטאָ אין דער היים און זי וווינט מיט אירע צוויי קינדער ביים פאָטער — זי, ראַניע, האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם שיינעם, אומגעוויינטלעך מענלעכן מאַנצביל צמח. דעם שטילן פלירט, וואָס גייט אָן צווישן ראַניען און צמחן, שילדערט גראַדע מיט אַ באַזונדערער איידלקייט און פּסיכאָלאָגישער דינקייט.

צמח אַטלאַס האָט זיך דערפילט אין קלעם פון אַ נסיון און איז אַוועק זוכן התבודדות אין מוסר־שטיבל, וואָס איז „געשטאַנען ווי אַ שמאָלער, הויכער הילצערנער טורעם אַנטקעגן דעם בית־המדרש״. דאָרט האָט ער אין אַן איבערשמועס מיט זיך באַשלאָסן נישט צו זוכן דעם לייכטן אויסוועג: „צוריקפאָרן קיין לאָמזשע און ווערן אַ קרעמער ביי זיינע שוואָגערס. ער בלייבט אין וואַלקעניק און וועט זיך היטן ווי פאַר פייער, נישט געשטרויכלט צו ווערן״...

נאָך יענעם איבערשמועס קומען פיינפולע מחשבות, וואָס האָבן אויף צמחן „אַנגעוויַיעט אַ האַרבסטיקן טרויער, אים געהוידעט, ווי אַן אָפּגעבלעטערטן בוים אין ווינט״.

— „ער איז אַ פּרוש — אָן שמחה, בעל כרחו... אויך די הייגטיקע בעלי מוסר און יעדער ערלעכער בן־תורה גלייבט אין שכר ועונש... אָבער ער, צמח אַטלאַס, האָט וועגן דער יענוועלטישער שטראָף קיין מאָל נישט געקלערט, ווי דער גיהנום וואָלט געווען אַן אויסטראַכטעניש. ער האָט געגלייבט אין אדם השלם. ער אַליין האָט געוואָלט ווערן אַ הימלישער מענטש, נאָר זיין הימל איז אַ פּוסטער, אָן אַ גאָט, ווי אַן ארון־קודש אָן ספר־תורהס... איז אויב ער, צמח, איז נישט זיכער אין סאַמע עיקר, איז ער נישט בלויז אַ פאַלשער און פאַרשטעלטער אין באָרד און פּאות; ער איז אַ שוטה גמור, אַן אָפּגעריסענער נאַר. פאַר וואָס זאָל ער זיך פּייניקן אין אַ לעבן פון פרישות, בעת ער איז נאָך ביי אַלע זיינע כוחות?... צמח האָט אַרויסגעקוקט דורכן בית־המדרש־פענצטער און אים האָט זיך געדאַכט, אַז פון דער אויפגעגאַנ־גענער זון גייט אַרויס אַ שוואַרץ פייער, וואָס צינדט אונטער זיין באָרד און פּאות, דעם טלית איבער זיין קאָפּ. ער בלייבט שטיין נאַקעט אַ שוואַרץ־אָפּגעברענטער שטאָם. אין זיין שאַרבן האָט אַ געדאַנק געקנאַקט און זיך צעברעקלט ווי אַ דונער, אַז ער בענקט און דאַרשט נאָך אַ וועלט פון גוטע מידות, נישט נאָך אַ פאַרפרומטער און פאַרגלאָצטער וועלט״.

חיים גראַדע האָט דאָ אַוועקגעשטעלט די געשטאַלט פון צמח אַטלאַס אין איר פולער גרויס פון איבערלעבעניש, פּיין, ספקות און גלויבן. ער האָט באַשאַפן אַ געשטאַלט, וואָס וועט פאַרגעדענקט ווערן אין יידישן לשון. איר נאָמען וועט זיין צמח אַטלאַס.

ס׳קאָן זיין אַז גראַדע האָט אין זינען געהאַט, אַז אין דעם דיאַלאָג צווישן מחזה אברהם און דעם וואָלקעניקער ראש־ישיבה און מוסרניק זאָל מנצח זיין דער גאון ר׳ אברהם ישעיה מיט זיין גלייבן אין מענטש און אין דעם כוח פון לערנען, וואָס פאַראיידלט דעם מענטש און פאַרבעסערט זיינע מידות. גראַדע איז לויט זיין גע־מיט אַ מוסרניק, אָבער על־פּי וועלט־כאַנעם, אַ מענטש וואָס גיט די אויבערהאַנט דעם לעבן, מיט זיינע מאָראַלישע סתירות איבער דעם אומפשרהדיקן הימלישן מו־סר. אָבער דער זיגער פון דעם שמועס איז אַרויסגעקומען גראַדעס געמיט און דער מוסרניק צמח. דער מחזה אברהם איז דורכגעפאַלן, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ פון די הויכן פון פּרינציפּ און ווערט נישט מער ווי אַ טאַקטיקער פון דערציונג און זאָגט צו צמחן:

— איר זייט שטרענג איבער דער מאָס, אַ קיצוני, ווייל אייך אַליין ציט צום פרעמדן ברעג... איך פאַרשטיי, איר אַליין ליידט אויך, און איר ליידט זייער שטאַרק. נאָר אין די שמועסן פאַר די תלמידים דאַרפט איר זיין אָפּגעהיט.

ג

דאָ אַנומלט איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַ זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק פונעם מאָלער פּיקאַסאָ. דער גרויסער שפּאַניש־פראַנצייזישער מאָלער האָט געמאַכט אַ

דאָס מיינט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז פּיקאַסאָ איז אַן פאַרב־לשון און אַז מאַ־לשון איז קאָנסטרוקציע.

טיסן פעלט קאָנסטרוקציע. פּיקאַסאָס געלונגענע פאָרמולע איז בלויז אונטערצו־שטרייכן דעם דאָמינאַנטן עלעמענט אין מאַטיסעס און אין זיין אייגענער מאַלעריי.

פּיקאַסאָס אַפאָריזם איז אויך חל אויף קינסטלערישער פּראָזע און אויף דער יידיש־קינסטלערישער פּראָזע. די יידישע ראָמאַניסטן, וואָס דער דאָמינאַנטער עלע־מענט זייערער איז געווען קאָנסטרוקציע, זענען, דאַכט מיר, געווען קודם־כל י. י. זינגער און צום טייל אויך ש. מילער און לאַמעד שאַפּירא.

דאָס געשטאַלטיקונגס־לשון פון שלום אַשן, פון יוסף אָפּאַטאָשון און פון יצחק באַשעוויסן איז, פאַר אַלעמען, דאָס לשון פון געמעל און פון סקולפּטור.

חיים גראַדעס לירישסטע און פאַרביקסטע בוך איז, בלי ספק, זיין סיפּור־המעשה וועגן דער „מאַמעס שבתים". דאָס בוך מיט דער בעסטער קאָנסטרוקציע, וואָלט איך געזאָגט, איז די מעשה וועגן „די עגונה". אין גראַדעס נייעסטן ראָמאַן אין בוכפאָרעם, „צמח אַטלאַס", זענעןביידע געשטאַלטיקונגס־עלעמענטן בולט אַנוועזנדיק. ס'איז דערעיקרשט אַנוועזנדיק די גוטע קאָנסטרוקציע־כוונה אַרום דער צענטראַל־גע־שטאַלט פונעם וואַלקעניקער ראש־ישיבה און מוסרניק. אָבער טאַקע ווייל עס זעט זיך אַזוי גוט אָן די געניטע אָרגאַניזירטקייט פונעם סיפּור־המעשה אַרום צמח אַטלאַסן, זעט זיך אויך מער אָן דער חסרון אין דער קאָנסטרוקציע.

די הויפּט־געשעעניש אין דעם ראָמאַן איז די מאָראַלישע איבערלעבונג, מיט חרטה און ספקות, פון צמח אַטלאַסן. איז אויב אַזוי, האָט אפשר גראַדע מקפּח געווען צמחן, ווען ער האָט מקצר געווען דאָס קאַפּיטל פון דעם אמדורער שידוך, וואָס, אויב עס געדענקט זיך מיר גוט, איז געווען היפּש לענגער, ווען דער ראָמאַן האָט זיך געדרוקט אין צייטונג און די לייענער האָבן געוואָרט אויף די המשכים יעדן פרייטיק. מיט דעם קיצור האָט גראַדע צוגענומען ביי צמח אַטלאַסן אַ פּעקל מיט צרות און מיט זעלישער פּיין, וואָס האָט צוגעגעבן נאָך מער מאָראַלישע אינטענסיווי־קייט צו זיין געשטאַלט.

און אויב גראַדע האָט מקצר געווען מיט אמדור, האָט ער זיכער מאריך געווען מיט דער מעשה פון וואָווע באַרביטולער, וואָס איז אַן און פאַר זיך אַ פּרעכטיקע דערציילונג, אָבער זי באַרירט זיך בלויז דורך די פאַלעס מיט צמח אַטלאַסן און מיט זיין טראַגיש־מאָראַלישן גאַנג איבער די בלעטער פונעם ראָמאַן.

ד

געשטאַלטן האָט חיים גראַדע אויפגעשטעלט אין די פיר הונדערט זייטן פון דעם ערשטן באַנד „צמח אַטלאַס", וואָס זענען איינס ווי דאָס אַנדערע פאַרביק און איב־טערעסאַנט און צימצומדיק געמאָלן.

ווי עפּיזאָדיש אַ טייל פון זיי זאָלן נישט זיין, זענען זיי מקיים אַ קינסטלערישע אויפגאַבע. זיי, צום אונטערשייד פון וואָוועַ באַרביטולער, העלפן דעם קינסטלער גראָדע געשטאַלטיקן די ברייטע שטייגער־קאַנווע פונעם ראָמאַן.

איך האָב אין זינען קודם־כל די מחלוקה אַרום דעם כסא־הרבנות אין וואַלקע־ניק מיט די צוויי רבנים־קאַנדידאַטן און מיט דעם רב, וואָס האָט זוכה געווען אי־בערצונעמען דעם שטול פונעם אַלטן רב ר׳ יעקב הכהן לעוו, וואָס האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל. אָט איז דער מיישעגאָלער רב אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ ייד אַ למדן און אַ גוטער בעל־דרשן, אָבער אַ ביסל אַלטמאָדיש, קאָן נישט קיין פּויליש און — דער גרעסטער חסרון: ער איז אַ שטייפער אין זיין דעה, אַן עומד בדעתו.

דער מיאַדלער רב, אַ יונגער־מאַנטשיק, וואָס שטעלט זיך אָפּ אין זיין דרשה אויף יוסף הצדיק, וואָס האָט נישט אָפּגעשטויסן די בני־השפחות און די אגודהניקעס, בראש מיטן לומדישן תקיף ר׳ הירשע גאָרדאָן, האָט מען באַלד דער־שמעקט אַז ער איז אַ מזרחי, גייט מיטן גאַנג פון יוסף הצדיק און האַלט אַז מען דאַרף מקרב זיין די פרייע ציונים. און צום סוף דער שישלעוויצער רב ר׳ אהרן מרדכי שאַפּיראָ, וואָס האָט זוכה געווען צו ווערן דער נייער וואַלקעניקער רב, ווייל ער איז געקומען אַ נישט־פאַרבעטענער און האָט אויסגענומען מיט זיינע דרוש־ווערטלעך און האָט שפּעטער פאַרשאַפט היפש עגמת־נפש דעם מחזה אברהם דער־מיט וואָס ער איז נישט געווען פריי פון ריידן לשון־הרע.

און צווישן די ישיבה־בחורים טיילן זיך אויס די געשטאַלטן פון שיע ליפּיש־ניקער, אַן עילוי, וואָס האָט נישט געהאַלטן פון די „בעלי־הבנה, וואָס קלערן חקירה. ער האָט זיך פאַרגראָבן אין אַ ווינקל אין בית־המדרש און יעדע וואָך דורכגעלערנט אַ גאַנצע גמרא"; יואל אוזדער, דער „געזעצטער קאָפּ", אַ קפדן אויף ריינער הלב־שה און גיט הלוואות זיינע חברים; יוסף וואַרשעווער, „ווייך און שטיל, ווי ער וואָלט געשטעלט וואַסערטריט", האָט זיך געשדכנט צו דער קעכין, לייטשעס טאָכטער, און האָט דערנאָך געפּראַוועט שטילע תנאים מיט דער טאָכטער פונעם תבואה־סוחר גדליה זאַנדאַק.

דאָס זענען נישט בלויז גוט געמאָלטע פּאָרטרעטן פון רבנים און ישיבה־בחורים, נאָר דורך זיי דערזעט מען אויך אין פולן פאַרנעם דאָס שטעטל, די ישיבה און דעם קאַמף אַרום גייסטיקער פירערשאַפט אין וואַלקעניק, וואָס איז סימבאָליש פאַר אַזוי פיל אַנדערע שטעטלעך אין דער אָרעמער און לערנעריש אַזוי רייכער ליטע.

אַ פּרעכטיקע ריי פון פרויען־געשטאַלטן, פרומע און פרייע, אָבער אַלע מיטן רבש"עס קללה צו חוהן; צו אים וועט זיין דיין גלוסטונג (ואליו תהא תשוקתך) — גייט אַדורך דאָס בוך.

און זאָלן דאָ צום סוף דערמאָנט ווערן צמחס שוואָגערס, די מעלקרעמערס נאָום

און וואַלאַדיאַ סטופּעל. דער עלטערער, נאָום, דער טיף פון אַ טויט־ערנסטן און דערפאַר קאָמישן כלל־טוער און כבוד־זוכער, און וואַלאַדיאַ, דער אַריינגעטוענער אין מסחר. זייביידע זענען געמאָלן מיט הומאָר באַגלייך מיט זייערע משרתים, צמחס שוועסטערקינדער, דער מומע צערטעלעס צוויי בנים, וואָס טאַנצן חניפהדיק און איבערגעשראָקן, ווי שרעטעלעך. אין זייערע געשטאַלטן איז גראַדען געלונגען אי־בערצוגעבן דעם גאַנצן חוזק, וואָס ליגט אין דעם קליינעם מענטשעלעס שרעק פאַר פּרנסה און פאַרן בעל־הבית, און זיין הינטישע געטריישאַפט צו די אינטערעסן פונעם בעל־הבית.

2

א

דער מחזה אברהם און צמח אַטלאַס

דער גרונטמאָטיוו פון חיים גראַדעס בעלעטריסטישע ווערק, אָנהייבנדיק מיטן „שול־הויף" איבער דער „עגונה" און ביז צו זיין סאַמע וואַגיקסטן צוויי־בענדיקן ראָמאַן „צמח אַטלאַס", איז דער קאַמף צווישן אידעישן עקסטרעמיזם און פּשרה־דיקייט פון לעבן.

אין ערשטן באַנד פון גראַדעס ראָמאַן איז ביי מיר געבליבן דער איינדרוק, אַז דער מאָראַלישער זיגער איז דער עקסטרעמער מוסרניק צמח אַטלאַס, וואָרעם ער פאַרטרעט אַן עטישן פּרינציפּ און נעמט אויף זיך אַלע יסורים און פּיינען אויף צו בלייבן געטריי דעם דאָזיקן פּרינציפּ. דער מחזה אברהם אָבער, וואָס איז אַ תּור־רה־גאון און אַ גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט דערצו, טרעט אַרויס קעגן דער מוסר־שיטה, ווייל ער האַלט, אַז „אַריינטייטשן מי יודע וויפל שלעכטס אין מענטשנס טראַכטונג און טוונג" איז פאַלש, און נאָך מער און קודם־כל דערפאַר, ווייל לערנען מיט יונגע תלמידים מוסר קאָן זיי אַראָפּפירן פון דרך התורה און מאַכן פאַר אַפּיקורסים.

אַזוי אַרום האָט ביים לייענער געקאָנט אויסקומען אַז דער מנהל פון דער וואָלקעניקער ישיבה קטנה איז דער אומפּשרהדיקער איש־אמת, בעת דער מחזה אברהם איז צוליב תורה און שלום גרייט צו גיין אויף השרות.

דער דאָזיקער פאַלשער איינדרוק וואָס דער לייענער פון ערשטן באַנד האָט געקאָנט האָבן וועגן דער קאָנפראָנטאַציע צווישן דעם תורה־גאון ר' אברהם ישעיה קאַסאָווער און דעם מוסרניק צמח אַטלאַס וואָלט געוועזן אַן עוולה אי קעגן מחזה אברהם און אי קעגן זיין קינסטלערישן געשטאַלטיקער חיים גראַדע.

נאָכן איבערלייענען דעם צוויטן באַנד קאָן קיין שום ספק נישט זיין, אַז אין דעם געראַנגל צווישן די צוויי שיטות, דער שיטה פון לעבן געצוימט און דער־הויבן דורך הלכה, און דער שיטה פון מוסר מיט איר ראַדיקאַלער דיאַלעקטיק פון לפנים משורת הדין, איז מנצח די ערשטע און נישט די צווייטע.

עס איז מנצח דער מחזה אברהם, דער שטילער איינגעהאַלטענער מאַן פון תורה, וואָס איז דער גרויסער רעאַליסטישער מפרש פון אירע דינים און כוונות, און נישט דער מוסרניק צמח אַטלאַס, וואָס פרווט דערוואָרגן דאָס לעבן מיט פּסי־כאָלאָגישע סברות, וואָס טראַכטן צו אַ קיין מאָל נישט דערגרייכטע מענטשלעכע צדקות און רויבן דערמיט בלויז צו ביי בן־אדמען זיין זעלישע מנוחה. דער מוסרניק צמח אַטלאַס שאַפט זיך די אילוזיע פון אַ דראַמאַטישן קלעטער צו מאָראַלישער שלימות און דערגרייכונג און דערגרייכן דערגרייכט ער נישט מער ווי צו מיזאַנ־טראָפּישן אומרו און צו אומצוטרוי צו יעדן און צו זיך אַליין.

אויף אַלע גייסטיקע שטאַפּלען פירט דורך חיים גראַדע אין זיינע ראָמאַנען דעם נצחון פון לעבן איבער די טעאָריעס און פּרינציפּן, אין וועלכע עקסטרעמיסטן פּרוּוון אַריינקוועטשן דאָס לעבעדיקע לעבן.

צי עס איז דעמאָלט ווען דער משוגענער אַבעלסאָן אַנטפּלעקט אין „שול־הויף" מיטן כוח פון זיין מוסר־דיאַלעקטיק די עבירות, וואָס נחומל מלווה באַגייט מיט זיין פרומען לעבן על־פּי דין, און סטראַשעט אים דערפאַר מיט אַלע פּיינען און יסו־רים פון גיהנום; צי ווען דער זאַרעטשער מורה הוראה אין דעם ראָמאַן וועגן „די עגונה" פאַרמעסט זיך מיט שטילער עקשנות קעגן די אַנדערע רבנים, די עקסטרעמע מחמירים פון דין, אָדער גאָר איצט, ווען דער מחזה אברהם פירט צוריק צמח אַטלאַסן, דעם גיבור פון מוסר און תשובה־דיאַלעקטיק, צו דער אמתער גבורה פון שלום מיט משפחה און אמונה אין גאָט — אַלע מאָל זיגט די ליריק פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן איבער דעם פאַרשפּיצטן קריטישן און אויטאָקריטישן געדאַנק און קאַמף פון מוסר.

און אַלע מאָל איז דער וואָרטזאָגער פון דעם נצחון חייקל ווילנער, וואָס איז דער אַלטער עגאָ פונעם קינסטלער חיים גראַדע. ווען דער שכיב מרע נחומל מלווה — דערציילט אונדז גראַדע אין „שול־הויף" — האָט זיך אונטער אַבעלסאָנס מוסר־רייד געגומען קלאַפּן אין האַרץ „אשמנו בגדנו", ווי דער זינדיקסטער פון אַלע זינדיקע, האָט דער אויבסט־פאַרקויפּעריגס זון חייקל דערהערט „אַ נאָענט, וואַרעם, שטיל געוויין, וואָס איז איינגעוועבט אין מיין האַרץ און מוח נאָך פון קינדוויז; אַ געוויין וואָס דערגרייכט צו מיר פון ווייבערשול, ווען איך שטיי ימים נוראים אין בית־מדרש. איך רייס אויף די טיר: „ביי דער שוועל פון ר' נחומלס צימער שטייט און וויינט — מיין מאַמע".

דאָס לירישע, הכנעהדיקע און גאָטפאַרכטיקע געוויין פון חייקלס מאַמע — האָב איך דעמאָלט, מיט צען יאָר צוריק געשריבן אין מיין עסיי וועגן גראַדעס „שול־

הויף" — דאָס איז דאָס שטענדיקע, דאָס בלייבנדיקע און זיגערישע אין לעבן. דאָס איז, וואָלט איך איצט, וואָריי:רנדיק געטעס באַרימט וואָרט, געזאָגט, נישט נאָר דאָס „אייביק ווייבלעכע", נאָר אויך דאָס אייביקע מאַמעשע, דאָס אייביק מענטשלעכע, און מחמת דער אייביקייט — אויך דאָס געטלעכע אין לעבן.

ביים סוף פון צווייטן באַנד „צמח אַטלאַס" האָבן צמח לאַמזשער און זיין יינגע־רער מוסר־ברודער חייקל ווילנער אַ סך נסיונות הינטער זיך. זיי באַגלייטן דעם מחזה אברהם, וואָס איז עולה פון ווילנע קיין ארץ־ישראל. ביידע מוסר־ברידער שטייען אויף דער באַן־פּלאַטפאָרמע און „וויסן אַז עס וואַרטן אויף זיי נאָך אַ סך נסיונות אין לעבן", אָבער זיי גייען די נסיונות אַנטקעגן אָן מורא, ווייל זיי האָבן „פּאָרויסגעפילט, אַז אין אַלע זייערע ווייטערע ראַנגלענישן וועט אויף זיי פאַלן דער אָפּשיין פון דעם איש האלוקים — ר׳ אברהם שעיה קאָסאָווער".

ביידע מוסרניקעס, אי צמח לאַמזשער און אי חייקל ווילנער, וויסן איצט אַז דער מחזה אברהם איז אַ געטלעכער מאַן, נישט בלויז מחמת זיין ברייטער און טיפער לומדות אין תורה, נאָר אויך צוליב דעם וואָס ער האָט דערגרייכט צו פאַרשטיין, צו פאַרטייטשן און צו לעבן די תורה ווי אַ תורת חיים.

ב

די ישיבה

ס׳קאָן זיך דאַכטן, אַז אין דעם צווייטן באַנד פון גראַדעס ראָמאַן איז גאָר קיין צענטראַלע געשטאַלט נישטא פאַראַן. דער קינסטלער חיים גראַדע האָט זיך, ווייזט אויס, ערגעץ ווו פאַר אָט דער אויסדוכטעניש ביים לייענער געשראָקן און האָט צום נאָמען פונעם ראָמאַן „צמח אַטלאַס" צוגעשטעלט דעם אונטער־טיטל „די ישיבה", און אין דעם צווייטן באַנד פון „צמח אַטלאַס" ווערט טאַקע אויף צענדליקער בלעטער געמאָלן אַ ווונדערלעך בעלעטריסטיש געמעל און צום גרויסן טייל אויך געגעבן אַ גרינטלעך סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע שטודיע וועגן דער וואָלקעניקער און נאָרע־ווער ישיבה, ווו עס שפּילט זיך אָפּ דער סיפור־המעשה פונעם ראָמאַן, און אויך וועגן די אַנדערע ישיבות, וואָס זייערע מנהלים, שיעור־זאָגערס און תלמידים קומען זומערצייט אויף דאַטשע קיין וואָלקעניק. עס גייט דורך אין דעם געמעל אַ פּרעכטיקע גאַלעריע פון ישיבה־בחורישע געשטאַלטן, וואָס פאַרכאַפּן מיט דער ניואַנסירטער פאַרביקייט פון זייער שטייגער לערנען און פון זייערע יחידישע טעמפּעראַמענטן.

קודם די מיט גוטן געמיט און מיט הומאָר כאַראַקטעריזירטע לערן־שיטות און זייערע לערנער.

אָט זענען די דאַטשניקעס פון דער קלעצקער ישיבה. זיי זענען „בחורים מיט

אַ פעסטן טראַט, שטאַרקע יונגען אין דער מלחמתא של תורה. זיי האַלטן פון גרינט־לעך דורכאַקערן די סוגיא, נישט פון פאַרפּרומטער קוועטשעניש". דער ראש־ישיבה זייערער „שפּאַנט גיך, רעדט נאָך גיכער — און איז פאַרט נישט בכוח אָנצויאָגן די חידושים וואָס שטורעמען אין זיין מוח. ער בלעטערט דורך אין מוח ש"ס בבלי און ירושלמי נאָך גיכער ווי דער ווינט בלעטערט דורך דיביימער אין וואַלד".

סך־הכל פון דער קלעצקער שיטה — „ווילסטו לעבעדיקייט אין לערנען, פאָר קיין קלעצק".

די ראַדזינער ישיבה־בחורים „על־פּי רוב הויכע, דאַרע מיט אויסגעצויגענע בלייכע פּנימער. די יונגע חפץ־חיימניקעס האָבן אמונה אין רבינס נבואה, אַז היינט־מאָרגן קומט משיח. און זיי לערנען די מסכתות פון סדר קדשים, ווי מען ברענגט קרבנות אין בית־המקדש".

וועגן די ישיבה־לייט פון דער מיר איז פאַראַן אַ סאַטירישער טאָן אין גראַ־דעס געמעל. זיי זענען בעל־גאווהניקעס. „אַ יינגערער בחור, ווי באַלד ער לערנט אין דער מיר, קוקט ער זיך פריער דריי מאָל אום ווער עס רעדט צו אים איידער ער ענטפערט. גאָר מפורסם איבער דער וועלט איז ישיבת מיר מיט אירע עלטערע בחורים. כאָטש נישט איינער פון זיי איז שוין אַ בן־ארבעים, איז שווער צו געפינען פאַר זיי פאַסיקע שידוכים. אָדער דער נדן איז נישט גענוג גרויס פאַרן מירערס תורה, אָדער די כלה איז צו אַלט פאַר זיין יצר־הרע".

די אַמעריקאַנער בחורים, וואָס לערנען אין דער מיר „האָבן געלט, נאָר נישט קיין ברעקל דרך־ארץ. זיי גייען אַרום מיט צעשפּיליעטע רעקלעך און צעעפנטע קראַגנס. אין אַ היץ טוען זיי פּראָסט פּשוט אויס די רעקלעך".

דער היפּוך פון זיי זענען די ישיבה־בחורים פון דייטשלאַנד. „זיי גייען אָנגע־טאָן אַקוראַטנע און זענען שטאַרק פרום. אַלע פראַנקפורטער און האַמבורגער האָבן אין דער היים געענדיקט גימנאַזיעס, ממילא ציט זיי נישט צו לייענען טריף פּסולס. די בעל־הביתטעס פון זייערע קוואַרטירן זאָגן וועגן זיי: פיינע ערלעכע בחורים, נאָר אָן זאַלץ".

צום קיבוץ־גלויות פון די ישיבה־בחורישע דאַטשניקעס אין וואַלקעניק געהערן נאָך די פּוילישע, וואָס שטאַמען געווײנלעך פון חסידיש־נגידישע שטובן פון לאָדזש און וואַרשע. „די פּוילישע האַלטן זיך מיט תקיפות, שפּאַנען אַרום ביים דאַווענען, די גראָבע פינגער פוןביידע הענט פאַרשטעקט אין גאַרטל". צום סוף: די נאָווע־ראַדקער, וואָס די „שאַרפע בעלי־מוסר צווישן זיי גייען נאָך אַלץ אָפּגעריסן און אָפּ־געשליסן און זיי מאַכן אין מיטן תמוז אַ יום־כיפור".

איך האָב פון די קאָלעקטיווע ישיבה־בחורישע פּאָרטרעטן, וואָס גראַדע מאָלט פון די שבטי ישראל אויף דאַטשע אין וואַלקעניק, ציטירט בלויז איינצלנע. אַזוי צו זאָגן, שלאָגערישע שורות. די פּאָרטרעטן זענען פאַרשטייט זיך אויספירלעכער און פּרטימדיקער און קיין שום פאַרשעריש טראַקטאַט קאָן נישט געבן און דער־

ציילן מער און אוודאי נישט איבערצייגן מער, ווי דער קינסטלער מיט זיין אינע־ווייניקסטער זעונג פון דעטאַלן און אינטויִטיווער פאַרגאַנצונג פונעם בילד.

נישט ווייניקער פאַרביק און פסיכאָלאָגיש אויסנעמלעך אינטערעסאַנט זענען די יחידישע געמעלן פון נאַרעווער ישיבה־בחורים, וואָס גראַדע שטעלט פאַר אונדז אַוועק אין צווייטן באַנד פון „צמח אַטלאַס". אָט איז דער פּערזענלעך אָפּגע־לאָזטער, אידעיִש פאַנאַטישער און געזעלשאַפטלעך דינאַמישער יאַנקל פּאַלטאַוור; דער אָפּטריניקער לעסטערער פון דער מוסר־דיאַלעקטיק משה חייט לאָהויסקער; דער איידעלער פאַרבאַרגענער הענעך מאַלאַריטער, וואָס ווערט דורך קראַנקייט נאָך מער אויסגעאיידלט, און דער קראַנקער דניאל האַמלער, וואָס זיין קראַנקייט פאַר־ביטערט אים קעגן זיינע חברים און ער וויל נישט, אַז זיי זאָלן אים מבקר חולה זיין, ווייל זיי, „די בני־תורה, האָבן זיך געזאָרגט פאַר זיין גוף, כדי צו ראַטעווען זיין נשמה און האָבן זיך געמיאוסט אים צו באַדינען".

און אחרון, אחרון, שיע ליפּנישקער, וואָס האָט אָנגענומען צו לערנען אגדתא מיט די ישובניקעס אין דעם יידישן דאָרף דעקשנע, נישט ווייל ער זאָל זיך האָבן געקוואַפּעט אויפן פּאַרדינסט, אויף זאָגן תורה האָט ער זיך געקוואַפּעט".

דאָס קאַפּיטל וועגן די תושבים פון יידישן דאָרף דעקשנע, וואָס איינע פון זייערע פּרנסות איז געווען צו האַלטן און צו באַזאָרגן משוגעים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, און דער בילבול אויף דעם ליפּנישקער עילוי, אַז ער האָט מאַנס געווען אין דעקשנע די מרה־שחורהדיקע אשת איש עלקע קאַגאַן פון ביי־סווענציאַן, איז קודם־כל אַ פיין דערציילטע, אָריגינעל יידישע דעטעקטיוו־מעשה. זי איז טיף און אָריגינעל יידיש אי צוליב די דראַמאַטיס פּערסאָנע, די העלדן פון דער דראַמע, און נאָך מער מחמת דער טאָפּאָגראַפּיע אין וועלכער עס שפּילט זיך אָפּ דער דעטעקטיוויִשער סיפּור־המעשה. די עצה פונעם מורה הוראה, אַז דער ליפּניש־קער זאָל אין בית־המדרש שבת נאָך קריאת התורה אָפּגעבן אַ שבועה, אַז ער איז חף מפשע (פריי פון זינד) און דער אופן ווי אַזוי דער תמעוואַטע עילוי האָט זיך געלאָזט אונטערזאָגן פון דעם באַלשעוויק מאירקע פּאַדוואַל ער זאָל דאָס נישט טאָן, ווייל „קיינער וועט אים נישט גלייבן, מען וועט פון אַלע זייטן שרייען צו אים: „אשת אישניק", און ער דערציילט עס איבער דעם מנהל צמח אַטלאַס, וואָס הייסט אים דווקא יאָ שווערן, און ווי אַזוי עס שאַפט זיך פּלוצעם שבת אין בית־המדרש ביי די באַלעבאַטים אַן אומגעדולד און אַ ווידערווילן אויסצוהערן דעם ישיבה־בחור און ווי אַזוי דער ליפּנישקער ווערט דאָך ניצול, ווייל מען געפינט אויס דעם אמתן שולדיקן — דאָס אַלץ איז אַ מייסטערהאַפטע יידישע דעטעקטיוו־מעשה, אָנגע־שריבן מיט סובטילער פסיכאָלאָגיע און מיט אַן אייזערנער, געקייטלטער לאָגיק.

און די דאָזיקע מעשה מיטן ליפּנישקער איז נישט נאָר אַן און פאַר זיך אַ דראַמע, נאָר אויך דער אָנהייב און דער סוף פון דער דראַמאַטישער קאָנפראָנטאַציע צווישן דעם מאַן פון תורה, מחזה אברהם, און דעם מאַן פון מוסר, צמח אַטלאַס.

ג

די צענטראַלע געשטאַלט

עס גייט אַן אין בעלעטריסטישע טערמינען אַ גערראַנגל, ווער פון זיי ביידע עס איז און בלייבט די צענטראַלע געשטאַלט פונעם ראָמאַן. אין צענטער בלייבט די גרויסע פיגור פונעם מחזה אברהם.

די מעשה מיטן ליפּנישקער עילוי דערפירט צמח אַטלאַסן צו אַן עקסטרעמען אַקט קעגן דער וועלטישער ביבליאָטעק. ער האָט דורך דעם מוליער סרול לייזער געלאָזט צונעמען די ביכער פון דער ביבליאָטעק. וואָלקעניק איז געשטאַנען פאַרן תהום פון אַ מלחמה, ממש אַ מלחמה, צווישן דער ישיבה און די וועלטישע. קודם האָבן די וועלטישע חושד געווען דעם ליפּנישקער עילוי, און אַז צמח אַטלאַס האָט זיך מודה געווען, איז נישט געבליבן קיין אַנדערער אויסוועג ווי פּטור ווערן פונעם מנהל ר׳ צמח.

אַ שטעטלשע דעלעגאַציע איז אַוועק צום מחזה אברהם זיך מיט אים מיישב צו זיין און ר׳ אברהם שעיה קאָסאָווער האָט פראַסט און פשוט געפּסקנט: „טרייבט אים אַרויס. לאָזט אים וויסן, אַז ער איז מער נישט דער מנהל פון דער ישיבה און מוז גלייך אַוועקפאָרן פון שטעטל״.

דער פּסק פונעם מחזה אברהם האָט נישט נאָר אַנטשידן דעם איצטיקן קאָנ־פליקט פונעם עקסטרעמען מוסרניק מיט די פרייע פונעם שטעטל, נאָר האָט אויך באַשטימט דעם גאַנג פונעם מוסרניק צמח אַטלאַס איבער תשובה צוריק צו דער גבורה פון טאָג־טעגלעכן לעבן.

גראַדעס גרויסער קינסטלערישער אויפטו, וואָס שייך דעם מחזה אברהם, איז וואָס הגם דער מחזה איז פיזיש נישט פאַראַן אין אַ גרויסן, אין סאַמע גרעסטן טייל פון די ראָמאַן־קאַפּיטלען, איז ער אָבער אי מיט זיין געמיט און אי מיט זיין קריטישן בליק אויף די געשעענישן און מענטשן פונעם ראָמאַן איבעראַל דאָ׳יק. ער איז די צענטראַלע געשטאַלט פונעם סאַמע אָנהייב, אָן, איבער אַלע פיר הונדערט זייטן פונעם סיפּור־המעשה.

דער מחזה אברהם איז, נוצנדיק די סוגעסטיווע פאָרמולירונג פון דער „ונתנה־תוקף״־תפילה אַ מין „מעביר צאנו תחת שבטו״. כמעט אַלע געשטאַלטן, און דער־עיקרשט די פאַרשוינען מיט מאָראַלישע צעשויבערטקייטן און מיט צו פיל פאַר־שטייפטע פּרינציפּן פון מאָראַל, גייען דורך אונטער דער ריט פונעם מחזה אברהמס קריטישע רייד, וואָס נעמען אין מיט זייער שטילקייט און איבערצייגן און באַזיגן מיט דעם פעסטן און זיכערן טאָן פון לעבעדיקער תורה (תורת חיים) קעגן דער אכזריותדיקער אַבסטראַקציע פון מוסר.

אונטער די שטילע קריטישע רייד פונעם מחזה אברהם קערט זיך אום וואָווע

באַרביטולער פון דער ווילדעניש פון נקמה־באַגער צו אַנדערע און פון נקמה־נעמען אין זיך אַליין צו די ברעגעס פון יישוב און יישוב־הדעת; עס צעפּאַלט זיך און ווערט צו נישט די מאָנומענטאַלע תשובה פון צמח אַטלאַס אין אמדור פאַר האָבן אָפּגעלאָזט דעם שידוך מיט דבורה נאָמיאַט; עס רינט אויס די מסירות־נפש פון ברענגען קינ־דער קעגן דעם ווילן פון זייערע טאַטעס אין דער ישיבה, כדי זיי צו באַהעפטן מיט תורה; עס צעשטויבט זיך דער קאַמף צווישן גלייביקע און וועלטיש־פרייע.

פונעם מחזה אברהמס דברי תורה און אויך פון זיין שיחת חולין קומט אויף אַ ייד אַ מאמין אין גאָט און פול מיט דרך־ארץ, איינזעעניש און ליבשאַפט צו גאָטס אויסדערוויילטער באַשעפעניש — דעם מענטש. עס קומט אויף אַ ייד, וואָס פאַר אים איז דער וועלטישער נישט קיין שלעכטער מענטש, נאָר אַ מענטש צום באַדוי־ערן, ווייל ער האָט נישט קיין השגה ווי גוט עס איז דעם פרומען, דעם בעל־בטחון. „דער בעל־בטחון האָט דעם גאַנצן בורא עולם פאַר זיך אַליין, ווי איטלעך קינד האָט פאַר זיך דעם גאַנצן טאַטן".

גראַדעס ראָמאַן וועגן צמח אַטלאַס איז אַזוי אַרום נישט נאָר אַ ראָמאַן פון קינסטלערישער מענטש־ און גורל־געשטאַלטיקונג, נאָר אויך אַ סיפור־המעשה מיט אַ מאָראַלישן מוסר־השכל. חיים גראַדע איז נישט נאָר אַ טיפער פּסיכאָלאָגישער קענער פון זיינע געשטאַלטן, און דערעיקרשט פון זיינע הויפּטגעשטאַלטן, ר' אב־רהם שעיה קאָסאָווער און ר' צמח אַטלאַס, נאָר אויך דער פוסק אין זייער פלוגתא פון אידעע און געמיט.

חייקל ווילנער, דער אַלטער עגאָ פון חיים גראַדע אין דעם ראָמאַן האָט דעם כוח צו זיין אָביעקטיוו אין זיין פּסק, וואָרעם ער איז אַ נאָענטער קרוב מיט ביידע הויפּטגעשטאַלטן. ער איז לויט זיין געמיט אַ מוסרדיקער דיאַלעקטיקער, ווי צמח אַטלאַס און לויט זיין שכל און וועלטבליק אַ מאַן פון מתינות, פון תורת־חיימדיקן מיטלוועג, וואָס זעט ווי זיין גרויסער רבי ר' אברהם שעיה קאָסאָווער, די דינע מחיצה צווישן קידוש־השם און חילול־השם, און ער ווייס אין איינעם מיט זיין רבין, אַז „דער גרעסטער גיבור, אויב ער ווייס זיך ניט ווו אָפּצושטעלן, איז אַ פּרא־אָדם".

ד

מיר איז שוין אויסגעקומען אַ מאָל איינצוטיילן אונדזערע בעלעטריסטן, אָנ־הייבנדיק פון די קלאַסיקער און ביז צום צווייטן דור נאָך די קלאַסיקער, וואָס די הויפּט־פּאַרטרעטער זייערע זענען יצחק באַשעוויס און חיים גראַדע, אין זעער, הערעער און בעלי־ריח. פון די קלאַסיקער זענען מענדעלע און פרץ די קינסטלער פון אויג און שלום־עליכם דער גאון פון חוש־השמיעה, דער חוש־הריח, ווידער, איז דער סאַמע בולטסטער ביי בערגעלסאָנען און באַשעוויסן.

חיים גראַדע איז, ווי מענדעלע, אַ מאַן פון חוש־הריאה, און ווי פרץ, אַ באַזינגער און סימבאָליקער פון אויג. וועגן מנהל צמח אַטלאַס דערציילט גראַדע, אַז ער האָט

פאַרמאָגט „אַ בלייך פּנים מיט שוואַרצע אויגן, ווי צוויי אָפענע פינצטערע קעלערן". אַן אַנדערש מאָל האָבן צמח אַטלאַסעס אויגן „געקוקט ווי אַריינגעזעצטע איידל־שטיינער וואָס פינקלען — און זענען גאָרנישט". ווידער, צמחס פעטער זימעל אַט־לאַס האָט מיט זיינע אויגן „אַרויפגעקוקט צום באַלקן ווי אַן אויסגעקילטער קוימען צום הימל".

דאָס זענען דריי אויג־מעטאַפאָרן צווישן אַ היפּש ביסל אַנדערע און נישט ווייניקער אָריגינעלע.

ה

דאַכט זיך אַז בעל־מחשבות האָט געזאָגט וועגן דעם זיידע מענדעלע, אַז ווען דאָס יידישע לעבן פון שלמה ר' חיימס זאָל אונטערגיין, וואָלט מען עס געקאָנט רע־קאָנסטרויִרן לויט מענדעלעס ווערק. דאָס זעלבע איז חל אויף מענדעלעס אייניקל חיים גראַדע. אויפן סמך פון זיינע צוויי בענד „צמח אַטלאַס" קאָן מען נישט בלויז רעקאָנסטרויִרן דאָס פאַרלוירן געגאַנגענע לעבן פון לומדים, רבנים און בעלי־מוסר אין דער אַמאָליקער יידישער ליטע, נאָר מען קאָן אויך זען ווי, נוצנדיק דאָס לשון פונעם מחזה אברהם און זיין געזאַנג צו מענטשלעכן אויג, וויפל חן און יופי און מחשבה עס האָט אַרויסגעשטראַלט פון יידישע בני־תורה און פון זייער אידעיִשן געראַנגל.

4

די משפּחה בראַווער

א

דריי פון דער משפּחה

דריי פון דער דאָזיקער משפּחה: דער פּאָטער ר׳ מיכאל הכהן, דער בכור ד״ר אברהם יעקב און דער מיזיניק יצחק זענען געווען אַ טייל פון מיין לעבן אין די קאָלאָמייער גימנאַזיע־יאָרן.

דער פּאָטער ר׳ מיכאל איז געווען אַ פריינד פון מיין זיידן ר׳ מרדכי. זיי האָבן ביידע געאַרבעט אין דער מיליאָנערסקער פירמע פון יעקב ברעטלערס זין און איידעמס. ר׳ מיכאל איז געווען דער אויבער־בוכהאַלטער אין דער ברעטלערישער ביר־ברויעריי און דער זיידע קאַסירער אין דער מעלשטוב.

די צוויי יידן האָבן זיך ליב געהאַט אהבת נפש. ר׳ מיכאל האָט אין מיין זיידן ליב געהאַט דעם זון פון דעם שטורמישן בעל־מוח ר׳ שלמה חלפן, וואָס אַליין איז ער געווען אַ ייד אַן חכמות, אַ שטרענגער היטער פון אַלץ וואָס איז געבאָטן בין אדם למקום און בין אדם לחברו. און דערעיקרשט איז אים געווען צום האַרצן וואָס זיין עלטערער פריינד ר׳ מרדכי האָט ליב געהאַט מענטשן נישט ווייניקער ווי גאָט ברוך הוא אַליין.

דער זיידע, ווידער, האָט צו זיין מיט אַן ערך צען יאָר יינגערן פריינד ר׳ מי־כאל געהאַט אמתן ייראת־הכבוד. קודם איז ר׳ מיכאל געווען אַ גרויסער למדן, אַ בעל־תנ״ך און אַ כתבא רבא אין לשון־קודש און דערצו אַ קענער פון דייטש און בכלל פון לימודי חול.

אָבער מער ווי אַלץ איז מיין זיידע געווען מיט התפעלות וואָס אָט דער משכיל איז נישט נאָר אַליין אַ גרויסער יירא־שמים און אַ שומר מצוות פון דער גרעסטער ביז דער קלענסטער, נאָר וואָס זיינע קינדער, כאָטש זיי שטודירן אין די גימנאַזיעס און אין די אוניווערסיטעטן, זענען געבליבן הונדערט־פּראָצענטיקע פרומע יידן. ר׳ מיכאל און זיינע זין — האָט מיין זיידע גערעדט מיט באַוווּנדערונג — זענען גע־בליבן פרומע יידן, הגם זיי זענען געכאַפּט אין ציוניזם. אין ציוניזם האָט דער זיידע נישט געפילט קיין פולן יידישן טעם, אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז זיין אייגענער זון, מיין פאָטער ר׳ איציע, איז מחמת ציוניזם קאַליע געוואָרן און איז נישט אַזאַ פרומער ייד ווי ער, דער זיידע, וואָלט וועלן.

ר׳ מיכאל בראָווערס בכור, דער היינט 83־יעריקער געלערנטער און ירושלי־מער תושב ד״ר אברהם יעקב, איז פאַר מיר געווען אַ שטיק לעגענדע. איך און זיין יינגערער ברודער יצחק, וואָס איז געווען מיין גימנאַזיע־חבר, האָבן וועגן אים נישט אויפגעהערט צו רעדן און אים צו אידעאַליזירן.

אברהם יעקב בראָווער איז געווען אַלץ וועגן וואָס מיר האָבן געחלומט: אַ מאַן פון דער צווייטער עליה, אַ פּראָפעסאָר אין ירושלימער לערער־סעמינאַר, אַ מחבר פון אַ ספר, אַ מוסמך לרבנות און נישט קיין רב און — אַ מיטאַרבעטער פון „השי־לוח״.

דער מיזיניק יצחק, וואָס איז געווען מיט דרייצן יאָר יינגער פון זיין ברודער אברהם יעקב, האָט, ווי שוין דערמאָנט, געלערנט אין איין קלאַס מיט מיר אין דער קאָלאָמייער גימנאַזיע און מיר זענען געווען נאָענטע חברים.

ביים אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך פאַרלוירן פון אויג די משפחה בראָווער. שפּעטער, שוין נאָך דער מלחמה, בין איך בעת אַ באַזוך אין קאָלאָמיי געוווּיר געוואָרן, אַז אברהם יעקב איז געווען די ערשטע שוואַלב און אַז די גאַנצע משפחה: טאַטע־מאַמע, די צוויי שוועסטער, די מעדיצינערין מרים און די פילאָסאָפין פרומע, מיט זייערע מאַנען, און מיין חבר יצחק מיט פרוי און קינדער, זענען נאָכגעפלויגן און ווינען אַלע אין ארץ־ישראל.

ב

באַגעגענישן אין ארץ־ישראל

די ערשטע באַגעגעניש איז געווען אין אַ פרילינגדיקן שבת אינדערפרי פון יאָר 1933 אין חיפה מיט ר׳ מיכאלן, און עטלעכע שעה שפּעטער מיט זיין מיזיניק, מיין חבר יצחק. מיט ר׳ מיכאלן האָב איך זיך געטראָפן צופעליק אויפן הדר הכר־מל. ער איז געווען אַ קליין־געוווּקסיקער. איז געגאַנגען פון דאַווענען בניחותא, מיט די זעלביקע דריבנע יום־טובדיקע טריט ווי דעמאָלט, ווען איך פלעג אים צו מאָל זען שפּאַצירן אין קאָלאָמיי אַהיים פון ירושלימער שולעכן אָדער פון דער קאַנצעליי און די ברעטלערס. דאָס איינציקע אַ ביסל שטורמישע און צו דער מאָס, און אפשר גאָר איבער דער מאָס, אין ר׳ מיכאלס געשטאַלט איז געווען זיין באָרד וואָס איז אין קאָלאָמיי געווען טונקל און איצט ווייס, און ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אויך עטוואָס לענגער און ווינטיקער.

וואָס טוט ר׳ מיכאל אין ארץ־ישראל? אויף דער עלטער האָט ער זיך גענומען צום שרייבן. אייגנטלעך קאָן מען זאָגן, צוריק גענומען, וואָרעם ער האָט אויך ווי

אַ יונגער־מאַן פון צייט צו צייט געשריבן: מאמרים אין קראָקעווער „המצפה" און־טער שמעון מנחם לאַזאַרס רעדאַקציע און אויך אַ ביאָגראַפיע וועגן דעם סטריער־סטאַניסלאַווער גאון ר' אריה לייב האָראָוויץ, דעם בעל „הרי בשמים". אָבער אויף דער עלטער האָט ער אָנגעשריבן צוויי מאָנאָגראַפיעס וועגן זשידעטשויווער רביים, איינע וועגן ר' אייזיקל זשידעטשויווער (פּאר יצחק, לעמבערג, 1928) און די אַנדערע וועגן ר' הערש זשידעטשויווער (צבי לצדיק, ווין 1931). און אַחוץ דעם האָט ר' מי־כאל אָפּגעדרוקט עטלעכע אויספאָרשונגען, וואָס איינע איז היינט (היינט, מיין איך 1967) זייער אַקטועל, ווייל זי האָט צו טאָן מיט דער טאָפּאָגראַפיע פונעם בית־המקדש און פונעם כותל מערבי (אבן שתיה, ירושלים, 1930).

און נאָך עפּעס: ר' מיכאל האָט מיר אָנגעוווּנקען, אַז ער שרייבט אָדער גרייט זיך צו שרייבן זיינע זכרונות.

מער האָב איך ר' מיכאלן נישט געזען. איך בין ערשט זיבעצן יאָר שפּעטער, אין 1950, צום צווייטן מאָל געקומען אין לאַנד פון די אָבות און דעמאָלט איז ר' מיכאל בראַווער שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. ער איז נפטר געוואָרן אַ יאָר פריער אום ווינטער 1949 אין דער שיבה טובה פון זעקס און אַכציק יאָר און איז געקומען צו קבורה אין דער עיר הקדוש ירושלים.

✶

אין די געציילטע עטלעכע שעה וואָס איך האָב אין יענעם זעלביקן טאָג, ווען איך האָב אין דער פרי באַגעגנט ר' מיכאלן, פאַרבראַכט מיט דער משפחה פון זיין יינגסטן זון, מיין חבר יצחק, האָבן מיר געוויינטעוועט זכרונות וועגן די בשותפותדיקע קלאַסן גימנאַזיע און וועגן דעם „חוג עברי" וואָס מיר בײדע האָבן געפירט און גע־פּרוּווט פאַר אים געווינען אונדזערע חברים „צעירי ציון", און דערעיקרשט די חברות, וואָס האָבן גערעדט רק פויליש און זייער ציוניזם האָט דורכויס געקאָנט אויסקומען אָן העברעיש. מיר האָבן זיך דערציילט וועגן די נאָענטע פריינד פונעם „פּאַלעסטינע־קרייזל", וועגן דעם יידיש־דיכטער שמאי מאַנגער, וואָס איז קיין דיכ־טער נישט געוואָרן, און וועגן אונדזער חבר הענריק זיסקינד, אַ קינד פון אַ רייכער שטוב, וואָס איז אַ גרויסע שישקע ביי די דייטשע קאָמוניסטן און פאַרנעמט ביי זיי דעם הויכן פּאָסטן פון שעף־רעדאַקטאָר פון זייער צענטראַל־אָרגאַן „די ראָטע פאַהנע". מיר האָבן פאַרגיבעריש געלאַכט איבער אונדזער אַלטן רעליגיע־לערער ווילהעלם גרינעס, וואָס איז אין האַרצן געווען אַ וואַרעמער ייד און האָט דרויסנדיק זיך אַזוי ערנסט באַטראַכט פאַר אַ פּאַליאַק פון משהס גלויבן, און מיר האָבן געלאַכט אָן מחילה איבער אונדזער יונגן לערער פון אוקראַיניש יוזעף סיטניקעוויטש, וואָס האָט ווייניק וואָס געקאָנט אוקראַיניש און אוקראַינישע ליטעראַטור און האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס ווייניקע איבערצוגעבן די תלמידים; מיר האָבן זיך איבער־נעמעריש דערציילט וועגן די קלוגע רייד פון אונדזער היסטאָריע־פּראָפעסאָר סטאַ־

ניסלאַוו ווערבער און זיך געברוגזט אויפן פּויליש־לערער יאַן פּילך, וואָס האָט זיך נישט געשעמט צו זיין אַ פריינדלעך־אָפענער אַנטיסעמיט אין קלאַס.

אָבער איבער די שמועסן אַריבער זענען ר׳ מרדכי ביקלס אייניקל און ר׳ מיכאל בראַוערס יינגסטער זון געבליבן היפש ווייט אין געמיט. ער אַ קנאותדיק־פרומער ייד און איך — עס איז דאָך אַ זינד אַפילו זיך אַליין צו באַרעדן, וויל איך בלויז זאָגן — אַ ייד וואָס פאַרפעלט אָפט מנחה ומעריב און צו מאָל אַפילו שחרית אויכעט.

מיין חבר יצחק איז איצט געווען לערער אין דער חיפהער רעאַל־גימנאַזיע, האָט דאָרט געלערנט אַלגעמיינע געשיכטע, יידישע געשיכטע און געאָגראַפיע און ער און זיין פרוי, וואָס איז געווען די טאָכטער פון אַן אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע אין דייטשלאַנד, האָבן געפירט אַ שטרענג פרום־יידישע שטוב. צווי יינגלעך זענען אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב און האָבן זיך געשפּילט. ווען מען ווייזט מיר היינט די בילדער פון די קינדער וואָלט איך זיי מן־הסתם נישט דערקענט. ס׳איז מיר נישט געבליבן אין זכרון קיין שום שטריך פון זייערע פּנימער, איך געדענק בלויז די יאַרמלקעס אויף זייערע קעפּ און דעם שטענדיקן זשעסט ביי זייביידע צו פאַרהיטן, אַז די יאַרמלקע זאָל חלילה נישט אַראָפּפאַלן און זיי זאָלן נישט בלייבן בגילוי ראש. און נאָך געדענק איך, אַז ווען די קינדער האָבן גענומען אַ שטיקל נאַשוואַרג זענען זיי באַלד געקומען צו לויפן צום פאָטער ער זאָל אויסהערן ווי זיי מאַכן אַ ברכה. און דער פאָטער, וואָס איז געווען פאַרטאָן אין שמועס מיט מיר, האָט אַלע מאָל איבערגעריסן און ערנסט מיטגעזאָגט די ברכה מיט די קינדער.

איך האָב דעמאָלט פאַרשטאַנען די קינאה וואָס מיין זיידע ז״ל האָט מקנא געווען זיין יינגערן פריינד מיכאל בראַוער. מען זאָגט, אַז די בעסטע און זיכערסטע דערציונג איז דער ביישפּיל פון דער שטוב. פאַר וואָס זשע זענען מיר: מיין חבר יצחק און איך, ביידע דערצויגן אין פרומע הייזער, אַזוי פאַרשיידן אין אונדזער לעבנסשטייגער און אויך אין דער דערציונג וואָס מיר גיבן אונדזערע קינדער?

ווייזט אויס אַז צו אמונה קאָן מען נישט דערגיין בלויז דורך דערציונג. דער מענטש מוז האָבן אַ ספּעציעלע באַגאַבונג צו גלויבן, עלעהיי ווי צו ליטעראַטור און קונסט.

ג

זכרונות פון טאַטן און זון

די אָנווינקעניש אויף זכרונות וואָס ס׳האָט מיר געגעבן ר׳ מיכאל בראַווער ביי אונדזער באַגעגעניש אין יענעם שבת פון יאָר 1933 אויפן הדר הכרמל אין חיפה איז איצט מקוים געוואָרן. ר׳ מיכאלס בכור, ד״ר אברהם יעקב בראַווער האָט

אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג פון „מוסד הרב קוק" זיינע אייגענע און דעם פאָטערס זכרונות אין איין באַנד (זכרונות אב ובנו, ירושלים, 1966).

דער פאָטער האָט דערצויגן זיינע זכרונות ביזן יאָר 1889. דער זון, ד"ר אברהם יעקב, הייבט אָן זיינע מעמואַרן דאָרט ווו דער פאָטער פאַרענדיקט און דערגייט ביז 1964 מיט אַ היפּש ביסל ביטערע באַמערקונגען וועגן דער אַטמאָספער וואָס איז אין דער מדינה אַנדערש ווי זי איז געווען אין די חלוצישע יאָרן.

ד"ר אברהם יעקב בראַווער איז היינט צו טאָג איינער פון די אָנגעזעענסטע מלומדים און פאָרשער אויפן געביט פון געאָגראַפיע אין מיטעלן מיזרח. זיינע ספרים אין דעם תחום זענען סטאַנדאַרד־ביכער פאַר תלמידים, לערערס און גע־לערנטע. זיין דאָקטאָר־טעזע אויף אַ היסטאָרישער טעמע וואָס ער האָט געשריבן אין ווינער אוניווערסיטעט אין 1909 האָט ער אויף דער עלטער איבערגעאַרבעט און אויסגעברייטערט און זי איז אַרויס אין פאַרלאַג „מוסד ביאַליק" אונטערן נאָמען „גליציה ויהודיה" (ירושלים, 1956).

ד"ר בראַווער איז אויך אַ חלוץ פון יידישער פּעדאַגאָגיק אין ארץ־ישראל, ווו ער האָט אויפגעשטעלט דורות תלמידים, אָנגעהויבן פון 1911 און ביז צו זיין עמעריטור מיט אַ הפסקה פון די יאָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געווען רב אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט פאַרוויילט אַ שטיקל צייט אויך אין ווין.

איז פאַרשטענדלעך וואָס דעם חלוץ, דעם לערער, דעם פרומען ייד, וואָס האָט מיטגעלעבט די אידעאַליסטישע יאָרן פון אויפבוי אין צייט פון דער צווייטער און פון דער דריטער עליה איז זיך שווער צוצוגעוווינען צו דער געענדערטער אַטמאָס־פער אין דער מדינה. באַקלאָגט זיך ד"ר בראַווער און מאַכט אין לעצטן קאַפּיטל צערדיקע באַמערקונגען וועגן דעם קיבוץ וואָס ווערט אַן אַלטע און קאָן נישט צו־באַקומען נייע חברים; וועגן דעם וואָס אַ מאָל האָט מען נישט באַדאַרפט צושליסן קיין טירן אין ירושלימער זכרון משה־קוואַרטאַל, ווייל אַ „יידישער גזלן" און אַ „יידישער רוצח" זענען געווען בלויז אַנעקדאָטישע באַגריפן, און אויך וועגן דעם געמינערטן יידישן ניוואָ אין די לערנאַנשטאַלטן, וואָס זיין טרויעריקער סימן איז יענער תלמיד פון אַ מיטלשול אין באר־שבע, וואָס האָט קיין מאָל נישט גע־הערט פון אַ „כותל מערבי".

איך דערמאָן דאָ אָט די קריטישע באַמערקונגען, ווייל ערשטנס, ווער איז נאָך מער באַרעכטיקט צו אַזאַ קריטיק ווי אַ ייד ווי ד"ר בראַווער וואָס האָט אַוועקגע־געבן אַ לעבן פאַרן אויפבוי פונעם פאָלק אין ציון און פאַר זיין גייסטיק־מאָראַלי־שער דערהויבונג? און שנית, אַזעלכע באַמערקונגען אין נוסח פון ד"ר בראַ־ווערס זכרונות! ער איז על־פּי זיין געמיט אַ מוכיח, אַן אויפדעקער פון מאָראַלישע פּגמים ביי פּרט און כלל.

און דורך דער ריט פון זיין קריטיק, פון זיין אָפט דורכדרינגענדיקער קריטיק,

גייען דורך מענטשן ביחידות און מענטשן בציבור פון די גאַליצישע שטעט סטרי און קאָלאָמיי, ווו ער האָט געלערנט און געענדיקט די פּוילישע גימנאַזיע; פון ווין, ווו ער האָט באַקומען זיין דאָקטאָר־דיפּלאָם אין געשיכטע און זיין סמיכה אויף רב־נות אין דאָרטיקן ראַבינער־סעמינאַר; פון טאַרנאָפּאָל, ווו ער איז געווען אַ לערער פון יידישן דת אין דער שטאָטישער פּוילישער גימנאַזיע און האָט אין דער צייט אין דער יוסף פּערל־ביבליאָטעק אַנטדעקט און באַשריבן אַ מאַנוסקריפּט פון בער באַ־לעכאָווערס (בירקענטאַל) זכרונות; פון ירושלים, ווו ער איז געווען אַ לערער אין דעם לערער־סעמינאַר פון דער חברה „עזרא"; פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו ער האָט אין די מלחמה־יאָרן פאַרנומען דעם כסא־הרבנות פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער קהילה און נאָך אַ מאָל און עד היום אין ירושלים, ווו ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ לערער אין לערער־סעמינאַר פון „מזרחי". כמעט זיבעציק יאָר יידיש לעבן גייען דורך אין ד״ר בראַווערס זכרונות און אַ שלל מיט מענטשן ווערן דאָרט גע־שילדערט און וועגן אַ שפע מיט געשעענישן ווערט דערציילט.

נו, מעג איך אוודאי צופרידן זיין וואָס מיין עלטער־זיידע ר' שלמה חלפן (בראַ־ווער רופט אים נישט אָן ביים נאָמען, נאָר אַלע סימנים ווייזן קלאָר אַז אים מיינט ער) איז, ווי זאָגט מען דאָס, אַרויס מיט גאַנצע ביינער. „אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן איז געווען אין שטאָט אַן אַנגעזעענער חשתר (חלפן), אַ ייד אַ למדן, אַ פּקח און אַ בעל מידות. פאַרמעגלעכע מענטשן פלעגן אים אַנטרויען טויזנטער גילדן, ער זאָל אונטער געוויסע באַדינגונגען זיי פאַרנוצן ווי ער פאַרשטייט. דער לײַער האָט נישט געקענט דעם פאַרלײַער, ווייל אין דער קבלה איז געשטאַנען: איך וועל צאָלן דעם מוביל כתב זה דעם פּרעזענטירער פון דעם פּאַפּיר). דער פאַר־לייער האָט נישט געהאַט קיין דאגות. דער חלפן האָט אים געשיקט דעם דו״ח צו דער צייט".

אַזוי ווייט איז ריכטיק. אָבער נישט ריכטיק איז ווען ד״ר בראַווער דער־ציילט, אַז אויף דער עלטער איז מיין זיידע אַריינגעפאַלן אין מרה־שחורה, מחמת עס האָט אים געפּלאָגט דאָס געוויסן וואָס ער האָט עוסק געווען אין עסקא, ווייל ער האָט געוווּסט אַז דער דין פון „היתר עסקא" איז אין תוך נישט מער ווי אָפּנאַרעכץ.

עס איז נישט אַזוי געווען די מעשה און איך בעט דעם חשובן ד״ר בראַווער מעיין צו זיין אין מיין ספר „אַ שטאָט מיט יידן", אָדער אין דעם העברעישן תרגום „עיר ויהודיה", און ער וועט זען, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט פאַלשער אינפאָר־מאַציע. ד״ר בראַווער איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין קאָלאָמיי פון קאָלוש סו־כות־צייט 1894 אין עלטער פון ניין יאָר, ווען מיין זיידע ר' שלמה איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע אָן ערך זעקס חדשים (ער איז נפטר געוואָרן כ״ה ניסן, 1894 און נישט 1893, ווי עס גיט אָן ד״ר בראַווער). צום צווייטן מאָל איז ער געקומען קיין קאָלאָמיי צו לערנען אין גימנאַזיע אין 1901 אין עלטער פון זיבעצן יאָר. ער קאָן, בכן, וועגן דעם ענין שלמה חלפן וויסן בלויז פון צווייטער און דריי־

טער האַנט און עס וואָלט דערפאַר בעסער געווען, ווען ער זאָל זיך געווען סומך זיין אויף מיין ספר אַנשטאָט אויף געהערט זאָגן פון פרעמדע, וואָס האָבן נישט פינקטלעך געהערט, נישט פינקטלעך געדענקט און אַוודאי נישט פינקטלעך איבערדערציילט.

און איך מוז אויך פאַרריכטן נישט נאָר אַ פאַלשע אינפאָרמאַציע פון ד״ר בראַווער וועגן מיין זיידן ר׳ שלמה, נאָר אויך זיינס אַ פאַלשן איינדרוק וועגן דעם עיר ואם בישראל קאָלאָמיי. עס האָט מיך פריקרע באַרירט צו לייענען ביי ד״ר בראַווער אַז קאָלאָמיי, צום אונטערשייד פון קאָלוש און סטרי „עיר עממית גסה היתה״, ד. ה. זי איז געווען אַ „גראָב־פּלעבייִשע שטאָט״ און אַז נאָר ווייניק פון אירע בעלי־בתים זענען געווען בני־תורה און אַז אַ סך, נישט די מייסטע, האָבן גערעדט ניבול פה ווי נחום־דרגאניקעס. ד״ר בראַווער פאַרזיכערט אונדז, אַז ער האָט „געהערט אַ גרויסן האָלץ־סוחר רעדן מיט די בעלי־עגלות ווי איינער פון זיי״. איז דאָס גענוג, אַז מען זאָל קענען מאַכן אַזאַ גענעראַליזירנדיקע דעקלאַראַציע וועגן „אַ סך בעלי־בתים האָבן גערעדט ניבול פה״?

און נאָך אַ טענה האָב איך צו ד״ר בראַווערן און צו זיין בדרך כלל זייער אינטערעסאַנטן זכרונות־בוך, וואָס איז דערעיקרשט אינטערעסאַנט, ווען עס גייט וועגן באַשרייבן און אויפקלערן געוויסע שטייגערישע מינהגים. ד״ר בראַווער געהערט זיכער צו די געציילטע פון זיין סאָציאַלן און לערנערישן שיעור קומה, וואָס יידיש הייסט ביי זיי נאָך אַלץ „יידיש־דייטש״. איז דאָך דאָס שוין גענוג. האָט ער אָבער מורא, אַז מען קאָן אים חושד זיין אַז ער איז חלילה אַ חסיד פון „יידיש־דייטש״, האַלט ער דערפאַר פאַר נייטיק צו דערקלערן, אַז „אינני ממחיבי קיומה של הלשון היהודית האשכנזית״, נאָר וואָדען, עס טוט אים, ד״ר בראַווערן, שטאַרק באַנג וואָס עס „גייט אונטער דער זאַפטיקער יידישער פאָלקלאָר, וואָס אַ סך דורות פון יידישע בעלי־עגלהס האָבן געשאַפן אויף דער ערד פון פוילן און אוקראַינע״ (נאָר די בעלי־עגלהס, וואָס האָבן געפירט ביר פון יעקל ברעטלערס ביר־ברויעריי און מעל פון זיין מיל? קיין אַנדערע שיכטן פון יידישן פאָלק האָבן קיין פאָלקלאָר נישט געשאַפן? — ש. ב.).

אָבער איך בין ד״ר בראַווערן גרייט מוחל צו זיין די אומנייטיקע דעקלאַראַציע וועגן „יידיש־דייטש״ פאַר די צוויי פאָלקסלידער פון „פלאָגערס״, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט און פאַרצייכנט אין זיינע זכרונות.

אָט זענען די צוויי לידער —

צרות מיינע, צרות גרויסע פלאָג,
ביי טאָג קיין עסן און ביי נאַכט קיין שלאָף.
לאָמיר אָנהייבן פון דער אַלף —
אַז מע פירט אַ יודעלע צו דער אַסענטירונג
ליגט אים אויפן האַלדז דער חלף.

צרות מיינע...
לאָמיר איבערלאָזן די אַלף
און זיך נעמען צו דער בית,
אַז מע פּירט אַ יודעלע צו דער אַסענטירונג
באַגיסט אים אַ טויט שוויס.
צרות מיינע...
לאָמיר איבערלאָזן די בית
און זיך נעמען צו דער גימל,
אַז מע פּירט וכו׳...
גיט מען אים ברויט אָן קימל
צרות מיינע...
...די דלת
איז ערגער ווי פּריש געמל־עט
...די הא
איז אים אַך און וויי
...די וואָוו
קוקט מען נישט אַפּילו אויפן רב
...די זין
טוט מען אים אָן כלי זיין
...די חית
איז ער ווי אַ מת

דאָס ליד גייט מן־הסתם דורך דעם גאַנצן אַלף־בית אָבער ד״ר בראַווער ברענגט נאָר ביז חית.

דאָס צווייטע ליד איז אַ ליבע־ברוגז און גייט אַזוי —

האָסטו פּעסיע גוטן מעד,
גיב זשע מיר דעם העבער,
קערסטו מיינען אַז ס׳איז שפּעט
צוועלעף האַלט דער זייגער,
איך און דו, און דו און איך
זעמירביידע געדן.
אַנגעגעסן און אַנגעטרונקען,
נישטאָ פאַר וואָס צו צאָלן,
כאַפּט דאָס פּעקל פונעם פלעקל
און איז אַוועקגעפאָרן.
פאָר זשע — פאָר זשע צום גוטן יאָר,

זאָלסט מיך נישט געדענקען,
וועסטו פאָרן דורך אַ וואַסער
זאָלסטו דיך דערטרענקען,
וועסטו פאָרן דורך אַ פייער
זאָלסטו דיך פאַרברענען.
וועסטו קומען צו היימישע מענטשן
זאָל מען דיך נישט דערקענען.

ד

אין אַ תל־אביבער פּענסיאָן

נאָך ביי מיין ערשטן באַזוך אין מדינת ישראל האָב איך מיר געהאַט פּירגענומען זיך צו באַגעגענען מיט ד״ר בראַווער. ש. י. עגנון, ביי וועמען איך האָב דעמאָלט פאַרבראַכט אַ זייער אַנגענעמע און אָנרעגנדיקע שעה אין זיין היים אין תלפיות האָט מיך מזרז געווען זיך צו טרעפן מיט ד״ר בראַווערן. עגנון און בראַווער זענען נאָענטע פריינד. דאָס בוך זכרונות איז אַ מתנה פונעם מחבר צו עגנונען און עגנונס אַ יובל־אַרטיקל וועגן בראַווערן און אַ רעדע ביי אַ יובל־מסיבה זענען איבערגע־דרוקט ווי אַ הקדמה צו בראַווערס בוך זכרונות. איך געדענק שוין היינט נישט פאַר וואָס מיין באַגעגעניש מיט ד״ר בראַווערן איז דעמאָלט, אין 1950, נישט צו שטאַנד געקומען. מיר דאַכט, אַז שולדיק אין דעם איז געווען דער טעלעפאָן, כ׳מיין דאָס וואָס ד״ר בראַווער האָט נישט געהאַט קיין טעלעפאָן. דאָס מאָל, סוף 1964, האָבן מיר זיך דורכגעשריבן און אויך טעלעפאָנירט און איך בין געפאָרן אים באַ־זוכן אין דער תל־אביבער פּענסיאָן „אור־לי״, ווו ער פאַרברענגט די ווינטער־חדשים, ווייל אין תל־אביב איז וואַרעמער ווי אין ירושלים.

געפירט האָט מיך צום פּענסיאָן ד״ר בראַווערס זון, ד״ר משה בראַווער, וואָס איז אַ פּראָפעסאָר פון געאָגראַפיע אין בר־אילן־אוניווערסיטעט (געאָגראַפיע איז, ווייזט אויס, אַ „משפחה־פעלער״ ביי די בראַווערס, וואָרעם אויך מיין חבר יצחק און די שוועסטער, ד״ר תמימה בראַווער־האָראָוויץ, האָבן געקנעלט געאָגראַפיע) און שרייבט אויך אַרטיקלען אין „הפועל הצעיר״ און אין „הארץ״.

פון ד״ר משה בראַווער בין איך געוווירע געוואָרן פּרטים וועגן מיין חבר יצחק. איך האָב געוווסט, אַז ער איז נישט מער צווישן די לעבעדיקע און האָב דערפאַר אויסגעמיטן צו רעדן וועגן אים מיט זיין עלטערן ברודער אברהם יעקב. מיין חבר יצחק איז געווען פון די סאַמע אָנגעזעענסטע לערער אין דער חיפהר ריאַל־גימ־נאַזיע. ער האָט דאָרט געלערנט ביז צום יאָר 1958, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן

פאַר אינספּעקטאָר איבערן געאָגראַפיע־לימוד אין אַלע מיטלשולן פונעם לאַנד. פאַר דער צייט פון זיין לערעריי האָט יצחק אַרויסגעגעבן עטלעכע טעקסטביכער פון געשיכטע און געאָגראַפיע, וואָס זענען זייער אָנגענומען ביי די תלמידים און ביי די לערערס און ווערן אַלץ איבערגעדרוקט אין נייע אויפלאַגעס.

אָבער דער גורל איז געווען אַכזריותדיק צו מיין חבר יצחק בראַוער. אין דער באַפרייונגס־מלחמה איז געפאַלן איינער פון זיינע צוויי זין. דער פאַרבליבענער איז אַ קראַנקער. דער טויט פונעם זון האָט צוגעאיילט דעם סוף פונעם פאָטער. מיין חבר יצחק איז געשטאָרבן דעם 28טן פעברואַר 1961 אין עלטער פון דריי און זעכציק יאָר.

ווען איך בין אַריין צו ד״ר בראַווער אין זיין צימער אין פּענסיאָן „אור־לי״ האָב איך פאַר מיר דערזען די געשטאַלט פון זיין פאָטער מיכאל. איין און די זעלבע פיגור לויטן אויסזען, לויט די תנועות און לויט דעם קול.

צי האָב איך, ווייל כ׳האָב געזען פאַר מיר די געשטאַלט פון ר׳ מיכאלן, גענומען רעדן צום זון גלייך ער זאָל זיין דער פאָטער און דער מחבר פונעם פאָטערס ספּ־רים, אָדער האָט ד״ר בראַווער מחמת דעם באַגער צו כיבוד אב אָנגעהויבן דעם שמועס מיט מיר וועגן פאָטער, ווייל איך האָב אים געקענט — איז מיר איצט נישט קלאָר. איך ווייס נאָר, אַז פון דער אַן ערך אַ שעה, וואָס דער שמועס האָט געדויערט, האָט ער זיך געדרייט אַרום דעם פאָטער ר׳ מיכאל בראַווער און אַרום זיינע ספרים.

דער באַנד „זכרונות אב ובנו״ איז ערשט אַרויס מיט מער ווי אַ יאָר שפּעטער, אַזוי אַז מיר האָבן גערעדט נאָר וועגן פאָטערס חסידישע מאַנאָגראַפיעס, וואָס איז געווען געשיכטע־שרייבונג לויטן אַלטן פרום־יידיש־משכילישן נוסח.

איצט, אַז עס זענען אַרויס די „זכרונות אב ובנו״ האָב איך אויף די ערשטע הונדערט צוויי און זיבעציק זייטן זיך באַגעגנט מיט ר׳ מיכאל בראַווער דעם שריי־בער.

ה

קאַלוש און סטרי

די זכרונות פון ר׳ מיכאל בראַווער דערציילן וועגן דעם יידישן לעבן אין זיין געבוירן־שטאָט קאַלוש און וועגן דער שטאָט סטרי, וווּ ער איז געוואָרן אַן איי־דעם. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז פאַר אַזאַ ייד ווי ר׳ מיכאל, וואָס איז אויפגעוואַקסן ביי דער גמרא, איז דאָס יידישע לעבן קודם־כל די געשיכטע פון די רבנים אין שטאָט. ער פירט דורך אַ ריי רבנישע געשטאַלטן פון זיין געבוירן־שטאָט קאַלוש. איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פיגורן איז געווען ר׳ איציקל, דער ברודער פונעם

באַרימטן „גוטן ייד" ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער. דעם־אַ ר׳ איציקל האָט מען גערופֿן „דער קליינער גאָט", וואָרעם ער האָט געקענט די שפּראַך פון עופות און איז פון זיי געוווּיר געוואָרן וועגן די גזירות רעות וואָס האַלטן אין אָנקומען. איז דערפֿאַר ר׳ איציקל געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין טלית און תפילין און האָט עוסק געווען אין תורה און אין תפילה, כדי אָפּצושרייען די גזירות".

שיין און מיט שרייבערישער גענויטשאַפט מאָלט ר׳ מיכאל דעם ליסער גאון, דעם „חות דעת", וואָס האָט מחמת מחלוקת פאַרלאָזט קאָלוש און איז אַוועק קיין ליסע. ווי זיין זון ד"ר אברהם יעקב, איז אויך זיין פאָטער אַ מאדים צו באַשרייבן יידישן שטייגער, יידישע פּרנסות און די אופנים פון יידישער דערציונג. עס איז דאָס אַ לעבן פון די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן פון ניינצטן יאָרהונדערט אין גאַליציע און די גוטע באַשרייבונג וועט בלי ספק צו נוץ קומען, ווי זאָגט מען דאָס, דעם קומענדיקן היסטאָריקער.

ליריש און מיט אַ פיינעם עוקץ פון הומאָר, כ׳מיין פון דעם גוטן, פיינעם הו־מאָר, וואָס מיינט אַ לאַך טאָן איבער זיך אַליין, דערציילט ר׳ מיכאל וועגן דעם ווי אַזוי די ערשטע כלה האָט אים אָפּגעשיקט די תנאים, ווייל ער איז געווען אַ קליין געוווּקסיקער (ווען ער איז געפאָרן קיין סטאַניסלאַוו זיך זען מיטן מחותן איז ער געפאָרן מיט דער באַן אויף אַ האַלבער קאַרטע, ווייל ער האָט אויסגעזען ווי אַ ייִנגל אונטער צען יאָר).

פּאַר אַ גוטן פּאָרטרעטיסט ווייזט זיך ר׳ מיכאל בראַוּוער אַרויס ווען ער צייכנט דאָס בילד פונעם באַרימטן גאון ר׳ אריה לייבוש האָראָוויץ, דעם בעל „הרי בשמים" און זיין איידעם ר׳ שמעון, דער איידעם — אַ גוואַלדאָווּנער בקיא. אַז מען האָט אָנגערופן אַ דף פון אַ מסכתא אין דער גמרא האָט ר׳ שמעון געוווּסט וועגן וואָס עס רעדט זיך אין דעם בלאַט. אָבער ווייל ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין חריפות האָבן אַנדערע, וואָס האָבן ווייניקער געוווּסט פון ר׳ שמעונען, דערגרייכט צו דער קרוין פון תורה, אָבער נישט ער, ר׳ שמעון. אָפילו זיין שווער, דער גאון, בעל „הרי בש־מים" האָט ווייניקער געוווּסט פון זיין איידעם, אָבער דערפֿאַר האָט זיין מחשבה גע־האָט פליגל.

דאָס קאַפּיטל וועגן דעם חריף, ר׳ אריה לייבוש און זיין איידעם דעם בקיא, ר׳ שמעון, איז דערציילעריש גוט געאָרדנט מיט פיינע פסיכאָלאָגישע באַמער־קונגען.

די לעצטע טעג פון חיים גרינבערג

א

פּסח־צייט, 1952, איז חיים גרינבערג געפֿאָרן צו א זיצונג פון דער „יידישער אַגענץ״, אין ירושלים, און איז דאָרט פֿאַרבליבן איבער פינף וואָכן.

ווי אַלע מאָל, איידער ער איז אַרויסגעפֿאָרן פון אַמעריקע, האָט גרינבערג אויך דאָס מאָל איבערגעגעבן די רעדאַקציע אין די הענט פון אַ חבר, דאָס מאָל איז דער חבר געווען דער שרייבער פון די שורות, און איך געדענק גוט דעם אויפדערנאַכט ערב אַפּפלי, ווען גרינבערג איז געקומען צו מיר אַהיים, מיט זיין פרוי און אין איינעם מיט חנן אַיאַלטין, וואָס איז, זינט שלמה גראָדזענסקי האָט מיט אַ יאָר צוריק געהאָט עולה געווען קיין ישראל, געווען דער שטענדיקער געהילפס־רעדאַקטאָר פון „ייד. קעמפּפער״. דאָס איבערגעבן די רעדאַקציע האָט חיים גרינבערג גענומען שטאָק־ערנסט (תמיד, ווען גרינבערג שטייגט אויף אַ לעבעדיקער אין מיין דמיון, ווער איך פֿאַרכאַפּט פון דער זעלטענער מזיגה פון שפּרודלדיקן הומאָר און פון טיפער פֿאַר־זאָרגטקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיין וואָרט, פון זיין זשעסט, פון זיין שטים, פון זיינע שיינע, טונקעלע אויגן און פון זיין גאַנצער לולבדיק־שלאַנקער געשטאַלט). ער האָט איבערגעגעבן די פֿאַראַנענע מאַנוסקריפּטן, געזאָגט זיין מיינונג וועגן זיי און איבערגעלאָזט די דעפיניטיווע אַנטשיידונג צו מיר. ער האָט געעצהט וועגן טעמעס, וואָס זענען אַקטועל אָדער וואָס קענען אין טעג אַרום ווערן אַקטועל. גרינ־בערג האָט, ווי זיין שטייגער, געגרויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן און האָט דערביי אַ ביסל טרוקן אונטערגעהוסט, אָבער קיינעם פון אונדז איז נישט איינגע־פֿאַלן, אַז מיר זעען אים איצט צום לעצטן מאָל אַ געזונטן.

ווען מיר זענען אין אַן ערך זעקס וואָכן אַרום אים געקומען אַהיים מקבל־פּנים זיין (עס זענען מיט אונדז מיטגעווען די לייוויקס און די אַפּאַטאָשוס), איז פֿאַר אונדז געזעסן אַן איבערגעביטענער גרינבערג. דאָס פּנים אָפּגעצויגן און די מראה חצי געל און חצי אַש־גרוי. אַ בלינדער האָט געקאָנט זען, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אַ שווער קראַנקן מענטש. מען האָט וועגן דעם, פֿאַרשטייט זיך, נישט גערעדט. גרינבערג האָט, ווי אַלע מאָל, דערציילט מעשיות שיין־פֿאַרביק, כישופדיק און מיט אַ לאַנגן אָטעם. ער האָט דערציילט וועגן באַגעגענישן ביי מסיבות אין קרייז פון חברים און פון זייערע משפחות און דאָ האָט ער, אַזוי אגב, דערמאָנט, אַז ער האָט פֿאַרשאַפט עגמת נפש די בעל־הביתטעס, ווייל ער האָט עפּעס די גאַנצע צייט אין ישראל נישט געהאַט קיין אַפּעטיט און האָט זיך נישט געקענט ממש צורירן צו די מאַכלים און צו די כבודים אויף די טישן. דאָס איז געווען דער איינציקער אָנדייט, אַז ער פילט זיך נישט בקו.

איידער חיים גרינבערג איז אַפּגעפלויגן קיין ישראל, האָט ער זיך געלאָזט באַטראַכטן פון אַ דאָקטאָר און זיך געלאָזט מאַכן אַ רענטגענבילד פון די לונגען (זיין פרוי, לאה, איז דערויף באַשטאַנען). דאָס בילד איז אויסגעפאַלן צו דער פולער צופרידנקייט פון דעם דאָקטאָר.

אויך איצט, נאָך גרינבערגס אַהיימקום מיט דער קראַנקער מראה, האָט די פרוי געבעטן ער זאָל גיין צו אַ דאָקטאָר, אָבער געפועלט האָט זי בײַ אים ערשט דעמאָלט, ווען עס האָט זיך באַוויזן טעמפּעראַטור. דער ספּעציאַליסט האָט געמאַכט אַ נײַ רענטגענבילד און — האָט געעצהט אָן אָפּעראַציע, וואָס גיכער. מיר האָבן אַלע געוווּסט און מיט פּיין געטראָגן אין זיך דעם קאַטאַסטראָפאַלן רעזולטאַט פון דער אָפּעראַציע. פון דער משפחה האָט וועגן דעם רעזולטאַט נאָר געוווּסט גרינבערגס בן־יחיד, און מיר האָבן נישט אויפגעהערט צו באַוווּנדערן מאַגיוס כוח צו רעדן מיט דער מאַמען און מיטן טאַטן אַזוי גלייך ער זאָל געווען זיין באַרעכטיקט צום גרעסטן אָפּטימיזם. צי ער אַליין, גרינבערג, האָט געוווּסט, אָדער געאַנט, איז מיר נישט קלאָר. בעת די באַזוכן אין מאַונט־סיני־שפּיטאָל, נאָך דער אָפּעראַציע, האָט ער וועגן אַלצדינג גערעדט, נאָר נישט וועגן זיין קראַנקהייט.

שפּעטער צו, ווען ער איז שוין געווען צוריק אין דער היים, האָט דער באַוווּסטער נעווראָלאָג, דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער ד"ר ישראל וועקסלער, וואָס איז געווען גרינבערגס אַ נאָענטער פריינט, פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז עס איז געשען אַ נס. די דאָקטוירים זאָגן, אַז די ראַדיום־באַשטראַלונג ווירקט זיך גוט אויס און גרינבערג וועט געזונט ווערן. קיינער האָט דערין נישט געגלייבט אַחוץ גרינבערגס פרוי לאה, און ער אַליין, דער חולה.

אַרום אָקטאָבער איז בײַ איינעם אַ באַזוך געקומען צו רייד וועגן סטיווענסאָנען, וואָס קעמפט, אַזוי האָב איך געטענהט, אַ פאַרלוירענעם קאַמף קעגן אייזענהאַוערן. גרינבערג האָט פּראָטעסטירט קעגן מיין פּעסימיזם און האָט מיר מיט אַן ערנסט פּנים פאַרזיכערט, אַז צוויי גוטע זאַכן וועלן געשען אין נאָוועמבער: סטיווענסאָן וועט געווײלט ווערן און ער אַליין וועט געזונט ווערן. איך האָב געהאַט דעם פּעסטן איינדרוק, אַז ער גלייבט דערין, וואָס ער זאָגט.

ב

אין נאָוועמבער איז גרינבערג געווען מיט זיין פרוי אין לעיקוואוד בײַ די טאָפּילאָווסקיס און האָט מיר פון דאָרט טעלעפאָנירט. ער האָט זיך געפילט בעסער און זיין אינטערעס איז געווען קאָנצענטרירט אויף די צוויי בענד עסייען, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געזעצט. ער האָט זיך מיט מיר שואל־עצה געווען מכוח דעם נאָמען פון איינעם פון די בענד און האָט מיר אויך אָנגעזאָגט, איך זאָל, למען השם, באַצייטנס צושטעלן די אַרטיקלען פאַרן „איד. קעמפּער", וואָס איך בין לויטן אָפּמאַך מחויב.

אין דעצעמבער איז גרינבערג געווען צוריק אין דער היים אין ניו־יאָרק. ער

איז פון שטוב כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען. די עסקים פון דער רעדאַקציע האָט ער מיט איַאלטין און מיט באַלפורן צום סאַמע גרעסטן טייל דערליידיקט דורכן טעלעפאָן. דאָס לעצטע מאָל אין דרויסן איז ער געווען אין דער ניטלנאַכט, דעם 24סטן דע־צעמבער 1952. עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דעם פועלי־ציון צענטראַל־קאָמי־טעט, אין הויז פון דער באַוועגונג, אויף 45 איסט 17טע גאַס, און חברים האָבן באַש־טאַנען, אַז גרינבערג זאָל קומען צו דער זיצונג און — מען וועט אים אָפּפירן מיט אַ טעקסי אַהיים.

אַז די זיצונג האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער ניטלנאַכט איז נישט לייכט צו באַקומען אַ טעקסי, חברים האָבן געזוכט אַן אויטאָ און — דערנאָך איז מען זיך ביסלעכוויז צעגאַנגען. אין דער היים איז דער בן־יחיד געזעסן אַן אומרויקער ביז — ער איז געקומען העלפן זוכן אַ טעקסי. אויף דער פּערצנטער גאַס האָט מען עס פאַר קיין שום פאַל נישט געקענט קריגן. איז מאַניו געפאָרן צו „טאַימס סקוועד" און דאָרט, נאָך וואַרטעניש, געכאַפּט אַ טעקסי, אַראָפּגעפאָרן צו דער פערצנטער, גענומען דעם פאָטער און פון דאָרט אַרויף צו דער 98סטער גאַס. עס איז געווען אַ נאַכט, וועגן וועלכער גרינבערג האָט דערנאָך טעג לאַנג גערעדט ווי וועגן אַ קאַשמאַר. עס איז געווען ס׳לעצטע מאָל, ווען ער האָט געזען די גאַס.

אין יאַנואַר האָבן זיך אָנגעהויבן די יסורים. קודם־כל, האָט ער נאָך געפּרוווט זיצן אין פאָטעל און דאָרט מיט פאַרשיידענע פּאָזיציעס פון דעם לינקן פוס איינ־שטילן דעם שאַרפן ווייטיק. דערנאָך, אַרום דער מיט פונעם חודש, איז ער געבליבן ליגן אין בעט.

ביי די אָפטע וויזיטן ביים חולה (עס איז צום מיינסטן מיטגעווען מיט אונדז אונדזער בשותפותער פריינט ד״ר שאול סאָקאָל) איז דער גרעסטער תענוג, וואָס איך האָב געקאָנט צוטיילן דעם קראַנקן געווען, ווען איך האָב אים דערציילט וועגן זיין אויסגעזעצטן באַנד עסייען, וואָס ער האָט מיך געבעטן איבערצוקוקן. איך פלעג אים איבערגעבן דעם אינהאַלט פון די געלייענטע עסייען און ער האָט זיך צוגעהערט, גלייך ווי זיינע אייגענע געדאַנקען זאָלן פאַר אים זיין לגמרי ניי און ער זאָל זיי צום ערשטן מאָל הערן. איך האָב הנאה געהאַט פון די עסייען און ער האָט באַשיימפּערלעך זיך געפרייט מיט מיין הנאה. און איך האָב אָפּגעענטפערט מיט פרייד אויף זיין הנאה. עס איז געווען אַ מין אַלץ שטייגנדיקער דיאַלאָג פון הנאה צווישן אים און מיר.

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר (מיין פרוי און איך) אים געזען אַ באַוווסטזיניקן דינסטאָג אויף דער נאַכט, דעם 10טן מערץ, עפּעס איבער דריי מעת־לעת פאַר זיין פּטירה.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען האָט מיין פרוי אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט אויף זיך צו באַגריסן. גרינבערג האָט זיין האַנט צוריקגעהאַלטן: „דעם, וואָס איך האָב ליב גיב איך היינט נישט די האַנט. איך האָב אַ פאַרקילונג".

עס האָט דעם קראַנקן געוּרנעט פון דער נאָז און ד״ר כאַמסקין, דעם געטרייען

דאָקטאָר פון גרינבערגס לעצטע טעג און וואָכן, איז געלונגען איינצורעדן דעם קראַנ־קן, אַז — ער האָט זיך פאַרקילט אין בעט. די איינרעדעניש איז דעם דאָקטאָר נישט אַזוי שווער אָנגעקומען, פּונקט ווי ער האָט נישט צו פיל געמוזט האָרעווען, צו איבערצייגן דעם קראַנקן, אַז די מוראדיקע ווייטיקן אין פוס, וואָס די בייזע קראַנקהייט האָט, פּאַקטיש, שוין געהאַט ווי אַמפּוטירט, נעמען זיך נישט פון עפּעס אַנדערש ווי פון לאַמבעגאָ. גרינבערגס געדולד ביי די ליידן איז געווען אַ איבער־מענטשלעכע, אַ דערהויבן מענטשלעכע, און דעם דאָקטאָרס אָפּטימיסטישע איינרע־דעניש זענען פאַר אים געווען עפּעס ווי אַ פאַרטויבנדיקע מעדיצין. ער האָט זיך די מעדיצין גערן געלאָזט געבן.

פרייטאָג, דעם 13טן מערץ, נאָך מיטאָג, האָט זיך אָנגעהויבן די גסיסה. עס זענען פּלוצעם אויסגעוואַקסן ביי גרינבערגן אין הויז מער מענטשן ווי אַן אַנדערש מאָל. אַ געזעמל מיט מענטשן, אָבער אַלע פאַרלוירענע. איין איינציקע האָט זיך נישט פאַרלוירן און האָט געוווסט, וואָס מען דאַרף טאָן, כדי צו העלפן אין דעם מאָמענט דער משפּחה. דאָס איז געווען די פּרעזידענטין פון די פּיאָנערן־פרויען, גאָלדשטיין, (די פרוי פון ציוניסטישען מנהיג, ד״ר ישראל גאָלדשטיין). זי פאַרמאָגט שכל און האַרץ און ביידע זענען איר אין יענעם נאָכמיטאָג זייער צו נוץ געקומען. זי האָט אָרגאַניזירט גרופּעס חברים, וואָס זאָלן נאָך אַנאַנד וואַכן ביים גוסס.

דער לעצטער, וואָס האָט געזען גרינבערגן אין גסיסה איז געווען, דאַכט זיך, לואי סיגאַל. ער איז אַריינגעגאַנגען צום חולה אין צימער אין איינעם מיט ד״ר כאָמ־סקין. ער האָט געפּרווט רעדן מיט גרינבערגן, אָבער — עס איז שוין נישט געווען צו וועמען.

נפטר געוואָרן איז חיים גרינבערג צו מאָרגנס, שבת, דעם 14טן מערץ (כ״ז אדר) צען אַ זייגער אין דער פרי. ער איז אַלט געווען 64 יאָר מיט צען וואָכן.

איך בין געציילטע מינוטן נאָך יציאת נשמה געווען אין בית־אבלים. מיין פריינט חנן אַיאַלטי האָט מיך אַריינגעפירט אין צימער פון נפטר, האָט אָפּגעדעקט זיין קאָפּ און מיר זענען ביידע געשטאַנען און לאַנג געקוקט אויף דעם איידעלן, פאַרצערטן פּנים, וואָס איז איצט געלעגן רויִק, אָן אַ שמייכל, אָבער אויך אָן זאָרג...

ג

אַ שעה, צוויי שפּעטער זענען אין גרינבערגס אַרבעט־צימער געזעסן חברים פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און האָבן זיך אָן עצה געהאַלטן וועגן דער לוויה. מען האָט צונויפגעשטעלט אַ ליסטע רעדנער און דערביי שטאַרק אין זינען געהאַט, אַז מען זאָל, חלילה, נישט פאַרזען עמעצן מיט אַ דרשה „וואָס עס קומט אים״.

איך האָב נישט באַלאַנגט צו דער באַראַטונג. איך בין געווען בלויז אַ צופעליקער צוהערער. פון דעסטוועגן האָב איך זיך אין איינעם אַ מאָמענט אָנגענומען מיט העזה

און זיך אָפּגערופֿן: ווען מען פֿרעגט גרינבערגן, וואָלט ער זיכער גישט געוואָלט קיין שום רעדעס.

פֿון וואַנעט ווייסט איר? — האָט אי פֿריינטלעך און אי בייז איבערגעפֿרעגט אַ קול און אפשר האָבן דאָס געטאָן אַלע קולות אין איינעם. איך ווייס עס דערפֿאַר, ווייל איך האָב געקענט גרינבערגן — האָב איך געענטפֿערט.

דער קורצער איבערשמועס צווישן מיר און די חברים פֿון דעם לוויה־קאָמיטעט האָט, ווייזט אויס, אויפֿגעברויזט אין פּנחס קרוזאָן מיט אַ דערמאַנונג. פּנחס קרוזאַ, דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פֿון דער „פּועלי־ציון"־אָרגאַניזאַציע, איז דעמאָלט, ווי היינט, געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון דעם חודש־זשורנאַל „דזשואיש פֿראָנטיר", וואָס גרינבערג האָט רעדאַקטירט, און ער איז דערפֿאַר געווען אַ נאָנטער מענטש צו גרינבערגן. קרוזאַ האָט אַ זאָג געטאָן: איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב ביי מיר אין פֿייער־קעסטל גרינבערגס אַ צוואה, וואָס ער האָט ביי מיר איבערגעלאָזט מיט עטלעכע יאָר צוריק פֿאַר אַן אָפּפֿאָר קיין ישראל.

ס׳האָט געדויערט אַ שעה און אפשר עפּעס ווייניקער און פּנחס קרוזאַ איז צוריקגעקומען מיט דער צוואה אין האַנט און דאָרט שטייט צווישן אַנדערע זאַכן געשריבן, אַז — אַ לוויה אָן רעדעס.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די פּנימער פֿון די חברים זענען דערפֿון נאָך טרויעריקער געוואָרן.

ד

עס איז זיכער געווען אין זינען פֿון דעם נפֿטר, וואָס אין די טעג פֿון שבעה האָט מען אין בית־אבֿלים געדאַוונט בציבור מנחה ומעריבֿ. דעם בענדערער רבינס זון איז כמעט יעדן אויפֿדערנאַכט געווען דער בעל־תּפֿילה. איך ווייס נישט פֿון וואָס פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטלעכער איכות עס איז געווען דוד ווערטהיימס לאַנגיאָריקע פֿאַר־טיי־פּירערשאַפֿט, אָבער איך ווייס, אַז ער איז געווען אַ מחיהדיקער מעשה־דערציילער און — אַ קלוגער בעל־תּפֿילה. די גאַנצע קלוגשאַפֿט האָט ער אַריינגעלייגט אין תּוכן און אין נוסח פֿון די תּפֿילות, אַזוי, אַז פֿון זיין בעל־תּפֿילהשאַפֿט האָט זיך באַקומען דער גרינבערגישער אַראָמאַט. הלכהש — אַלץ על־פּי נוסח און אגדהש — פֿילאָסאָפֿיש, האָט געשוועבט דער גרינבערגישער געדאַנק, אַז תּפֿילה איז אַן און פֿאַר זיך אַ גרויסער ענין.

גרינבערגס בן־יחיד מאַניו האָט געזאָגט קדיש און איך אַליין בין דעמאָלט געווען אַ קדיש־יתום נאָך מיין טאַטן ז״ל, און איך האָב געדאַרפֿט שטאַרק האָרעווען, אין מיר צו קאָנצענטרירן מיין כּוונה בלויז אויפֿן טאַטן און נישט אויך אויף חיים גרינבערגן — אַזוי נאָענט איז ער מיר געווען.

בלויז מיט איין חודש האָט דער בעל־תּפֿילה פֿון יענע מעמאָראַבעלע שבֿעה־מנחה־מעריבֿס איבערגעלעבט זיין גרויסן חבֿר חיים גריבערג. דוד ווערטהיים איז

געשטאָרבן ביי אַ דריטן סדר אין האַוואַנאַ־קובאַ — און מיר דאַכט זיך נאָך היינט, אַז אַזוי אַ דאַוון טאָן נאָך גרינבערגן, ווי דוד ווערטהיים האָט געדאַוונט, וואָלט נאָך אַלץ געווען אַ פּאַסיקער כבוד צו גרינבערגס אָנדענק.

די אָנהייב־יאָרן מיט איציק מאַנגער

מאַי 1969 איז געוואָרן פופציק יאָר זינט איך האָב זיך ס׳ערשטע מאָל באַגעגנט מיט איציק מאַנגערן אין טשערנאָוויץ. ווייל איך דאָ פאַרצייכענען מאָמענטן פון מיינע באַגעגענישן מיטן דיכטער, און אַ ביסל פון דעם, וואָס איך ווייס וועגן אים און וועגן זיין משפחה. אויב איך קען שוין אַליין נישט זיין מאַנגערס לעבנס־באַשרייבער, ווייל איך כאָטש, אויף וויפל איך קען, אַרויסהעלפן זיין קומענדיקן ביאָגראַף מיט זכרו־נות און מיט אינפאָרמאַציע.

שלום־עליכמס פערטער יאָרצייט

אין חודש מאַי פון יאָר 1920 האָבן מיר אין טשערנאָוויץ געפּראַוועט שלום־עליכמס פערטן יאָרצייט. ווער איז געווען דער „מיר ?״ איך געדענק אַ זאַל אין „אַי־דישן קהילה־הויז״ אויפן טעאַטער־פּלאַץ. אין זאַל אַן ערך הונדערט מענטשן. פאָר־זיצער — דער בונדישער פירער ד״ר בערל פרידמאַן, און די רעדנער איציק מאַנ־גער און איך.

מאַנגער — אַ הויך, דאַר בחורל מיט ניינצן יאָר אויף דער שמאָלער פּלייצע. אַ לענגלעך פּנים, אַ שיינער קיילעכיקער שטערן, אויגן וואָס קוקן אַ ביסל קאָ־סאָקע. ער טענצלט אַרויף אויף דער טריבונע, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער רוסי־שער רובאַשקע מיט אַ טראָלד.

איך, עלטער מיט פינף יאָר פון מאַנגערן — אין קירהס זעלנערישן רעקל, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון דער מלחמה.

מיר זענען ביידע ניי־אָנגעקומענע קיין טשערנאָוויץ. מאַנגער איז נישט לאַנג צוריק געקומען צו פאָרן פון יאַס, וווּ זיין פאָטער האָט געהאַט אַ שניידערשע ווערק־שטוב. ער איז געקומען פון יאַס קיין טשערנאָוויץ זיך באַקענען מיט יידיש־לייענער און זיי באַקענען מיט זיינע באַלאַדן. איך האָב זיך מיט אַ יאָר צוריק אומגעקערט פון דער מלחמה, האָב חדשים פאַרבראַכט ביי טאַטע־מאַמע אין דאָרף, האָב דאָרט גע־לערנט פאַר זיך די שווערע עברי פון טשילאַשס טעקסטבוך וועגן רוימיש רעכט און בין געקומען קיין טשערנאָוויץ זיך שטעלן צום ערשטן יורידישן מלוכה־עקזאַמען.

עס זענען געווען די אָנהייבטעג פונעם „יידישן שול־פּאַראיין״; און עס זענען שוין געווען צוויי יידישע וואָכנבלעטער: דאָס פּועלי־ציוניסטישע „די פריהייט״ אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר פּיזול שטערנבערג (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, דעם 18טן יוני 1948); און דאָס בונדיסטישע „דאָס נייע לעבן״, אונטער דער רעדאַקציע פון שרה כתבן (געשטאָרבן אין סטאַליניסטישער פאַרשיקונג אין סיביר אין די אָנהייב־יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה). עס איז, הייסט עס, שוין געווען ווו זיך צו דרוקן.

האָט אין „די פריהייט״ מאַנגער געדרוקט זיינע ערשטע באַלאַדעס, און איך מיין ערשטן אַרטיקל (אַ פּאָלעמיק מיט אחד־העמען וועגן „יידן און יידנטום״). האָט מען אונדז ביידע, דעם אָנפאַנגער דיכטער און דעם אָנפאַנגער פּובליציסט מן־הסתם דערפאַר מכבד געווען אַרויסצוטרעטן ביי דער אזכרה נאָך שלום־עליכמען. דער ביינצן־יעריקער מאַנגער האָט געהאַט אימתא דצבורא. אפשר האָט ער דעמאָלט בכלל צום ערשטן מאָל גערעדט עפנטלעך פון אַ טריבונע. ער האָט גערעדט אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט אים קוים געהערט אויף דער ערשטער באַנק. אפילו ד״ר פרידמאַן און איך, וואָס זענען געזעסן לעבן מאַנגערן אויף דער טריבונע, האָבן זיך געמוזט איינהערן, כדי צו דערהערן זיינע ווערטער. ער האָט גערעדט וועגן שלום־עליכמס העלדן און דערעיקרשט געצערטלט פאָעטיש טאָפּעלע טוטוריטו. ער האָט גערעדט וועגן טאָפּעלען אַזוי און זיך געשפּילט מיט אים אַזוי צאַרט, אַז ד״ר פרידמאַנען און מיר האָט זיך געדאַכט אַז מיר זעען טאָפּעלען אַ לעבעדיקן זיך פרייען און הנאה האָבן פון מאַנגערס רייד.

אין די שפּעטערע יאָרן האָב איך נישט איין מאָל אין טשערנאָוויץ, אין בוקאַרעסט און טאָקע אין ניו־יאָרק, געזען מאַנגערן זיך שפּילן מיט קינדער אין די שטובן פון חברים און אין מיין אייגענער שטוב. קיינער האָט ביי קינדער נישט אַזוי אויסגענומען מיט זיינע רייד און מיט זיינע שפּיל־המצאות, ווי דער באַלאַדע־ריטער איציק מאַנגער.

און תמיד, זעענדיק מאַנגערס פאַרטאָן אין שפּיל מיט קינדער, און די הנאה, וואָס זיי האָבן דערפון געהאַט, האָב איך צוריקגעטראַכט צו יענעם שלום־עליכם־אָוונט אין טשערנאָוויץ, ווען דער ביינצן־יעריקער האָט אַזוי שיין און ליב געצערטלט דאָס קינד פון שלום־עליכמס מעשה: טאָפּעלע טוטוריטו.

זיין עקסעלענץ, דער שניידער־מייסטער

מאַנגערס פאָטער הלל „זיין עקסעלענץ דער שניידער־מייסטער״ האָט געשטאַמט פון קאַרפּאַטן־שטעטל סטאָפּטשעט (יאַבלאָנאָוו), ווו זיין פאָטער אברהם איז געווען אַ בעל־עגלה, וואָס האָט געפירט פראַכט קיין קאָלאָמיי. הלל מאַנגער איז געווען אַ קליינוווקסיקער, אַ דאַרער און אַ תמיד אויפגעלייגטער צו שפּאַס. ער האָט פאַר

יעדן פון זיינע אייגענע פריינט און אויך פאַר די חסידים פון זיינע קינדער אַלע מאָל געהאַט גרייט אַ צונאָמען; און ער איז אויך געווען אַ מאָדים אויף גראַמען.

די מאַמע, חוה וואַלינער, איז געווען די טאָכטער פונעם מאַטראַצן־מאַכער איציק וואָלינער, וואָס האָט געהאַט זיין וואַרשטאַט אין קאַלאָמיי אויף דער אוליצאַ קראַ־וויעצקאַ. זיין אייניקל, איציק מאַנגער, איז געווען אַ נאָמען נאָך אים.

ביים אָנהייב פונעם יאָרהונדערט האָט דאָס פּאָרפאָלק הלל און חוה מאַנגער געוווינט אין טשערנאָוויץ און דאָרט איז ביי זיי דעם 30סטן מאי פון יאָר 1901 גע־בוירן געוואָרן דער בכור, דער שפּעטערער באַלאַדן־מייסטער.

אַחוץ איציקן (אין דער מעטריקע האָט ער געהייסן איזידאָר העלפער רעקטע מאַנגער) האָט דאָס פּאָרפאָלק נאָך געהאַט צוויי קינדער: נטע און שיינדל. נטע איז אויך געווען אַ הויכער, אַ שטאַלטנער און — אַ פּאַרליבטער אין זיין ברודער, דעם פּאָעט. נטע האָט געאַרבעט ביי שניידעריי, אין זיין פּאַטערס ווערקשטוב, און אַ שטיק צייט אויך אין פּאַריז. דער „פּרינץ ביי דער ניי־מאַשין", ווי זיין ברודער, דער פּאָעט האָט אים גערופן, איז געווען אַ גוטער קענער פון פּאָעזיע, פון דייט־שער, פראַנצייזישער, רומענישער און, פאַרשטייט זיך, קודם־כל, פון יידישער. נטעס השפּעה אויף זיין ברודער איציק, דעם פּאָעט, איז געווען גרויס. „מיר פּלעגט זיך צו מאָל אויסדאַכטן — האָב איך געשריבן אין מיין עסיי „דער שניידער־געזעל נטע מאַנגער" (זע מיין בוך „עסייען פון יידישן טרויער", ניו־יאָרק, 1948, איבער־געדרוקט ווי אַ הקדמה צו איציק מאַנגערס לידערבוך „דער שניידער־געזעל נטע מאַנגער זינגט", לאָנדאָן, 1948) — מיר פּלעגט זיך צו מאָל אויסדאַכטן, אַז „דאָס ליד שמייכלט אין נטען גלייכצייטיק מיט זיין אויפגאַנג אין איציקן".

1934 אין בוקאַרעסט

נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה אין יוני 1941 איז נטע אין איינעם מיט אַ סך אַנדערע עוואַקויִרט געוואָרן פון טשערנאָוויץ קיין סאַמאַר־קאַנד, אוזבעקיסטאַן און איז דאָרט געשטאָרבן אַנדערט־האַלב יאָר שפּעטער, סוף 1942, עלנט און, יש אומרים, פּשוט פאַר הונגער. ער איז אַלט געווען 39 יאָר.

מאַנגערס מאַמע, חוה, איז יונג געשטאָרבן, אַרום דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן. חוה מאַנגער איז געלעגן אַ שטיק צייט פּאַראַליזירט אין יאַס, ווו די מאַנגערס האָבן געוווינט זינט 1914, ווען זיי האָבן זיך אַהין אַריבערגעצויגן פון טשערנאָ־וויץ. ביי איר בעט האָט דעמאָלט געוואַכט די בת־יחידה שיינדל. נטע איז געווען אין פּאַריז און איציק איז אַרומגעפאָרן מיט לעקציעס אין בעסאַראַביע. איך געדענק דאָס, ווייל מיר איז דעמאָלט אויסגעקומען צו זיין אין יאַס און דאָס ערשטע מאָל ביי די מאַנגערס אין הויז. אַ צווייט מאָל בין איך געווען ביי זיי אין טשערנאָוויץ אָנהייב 1939, ערב מיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע, ווען איך האָב מיר געגנייט אַן אָנצוג

ביי הלל מאַנגער. דער נייער און דער פֿראַבירער איז געווען נטע. דער פֿאָטער איז געווען דער צושניידער. נטע איז בטבע געווען אַ שווייגער, אָבער „זיין עקסעלענץ״ איז געווען באַרעדעוודיק. ער האָט געווילט די קונים, און אפשר נאָר מיך, וואָס בין געווען אַ פֿריינד פֿון זיינע זין, מיט ווערטלעך און מיט דערציילטע קאַריקאַטור־צייכענונגען פֿון בשותּפֿותע באַקאַנטע. די קאַריקאַטורן, וואָס הלל מאַנגער האָט געצייכנט בעל־פּה, זענען אָפֿט געווען טרעפֿיק און — מען האָט געמוזט לאַכן און אים קאָמפּלימענטירן.

איציק מאַנגערס טאַטן מיט ביידע זין אין איינעם געדענק איך פֿון יאָר 1934. הלל מאַנגער האָט דעמאָלט געהאַט זיין ווערקשטוב אין בוקאַרעסט. איציק איז שוין געווען אַ באַרימטער פּאָעט אין וואַרשע, ווו ער האָט זיך באַזעצט אין 1929, באַלד נאָכן דערשיינען פֿון זיין ערשטלינג „שטערן אויפֿן דאַך״ אין נטע רויטמאַנס פֿאַרלאַג „שלום־עליכם״. איציק איז אין פּרי־זומער פֿון יענעם יאָר געקומען צו פֿאָרן אין איינעם מיט רחל אויערבאַך קיין בוקאַרעסט צו גאַסט צו זיין משפּחה און צו זיינע פֿריינט. מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ קבלת־פּנים פֿאַר אים אין אַ זומער־גאָרטן אין יידישן קוואַרטאַל וואַקאַרעשט. שוין אַ שעה צוויי פֿאַר דער דערעפֿענונג פֿון דעם אָוונט האָט געגומען שטראָמען אַ גרויסער עולם צום גאָרטן. עס האָבן באַלד פֿאַרפֿעלט זיצפּלעצער, הגם די בילעטן זענען געווען לפֿי ערך טייער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופּעריי פֿון דער גרויסער צאָל יונגוואַרג פֿון בעסאַראַביע, וואָס האָבן געפּרוווט אַריינגיין אָן בילעטן. יעקב שטערנבערג און איך האָבן ביי די טיר־שטייערס געפּועלט, זיי זאָלן פֿאַר עטלעכע יינגלעך, וואָס מיר האָבן געקענט, מוותּר זיין אויף בילעטן, אָבער פּלוצעם איז אויסגעוואַקסן לעבן דער טיר „זיין עקסעלענץ״. ער איז געזעסן מיט ביידע זין אין דעם נאָענטן רעסטאָראַן „לאַ סטרול״ ביי אַ גלעזל וויין און האָט זיך אַרויסגעכאַפּט צו אינספּעקטירן דעם עולם. ער האָט דערזען די יונגע לייט, וואָס ווילן אַריינגיין אָן געלט און האָט זיי געפּרוווט צוריקשטופּן, אייגעם פֿון זיי היפּש רוגזהדיק. דער בחור, וואָס עס איז אים געגאַנגען אין לעבן צו זיין ביי מאַנגערס אָוונט (ווו נעמט מען אין ניו־יאָרק אַזעלכע יוגנטלעכע ?!) האָט זיך פֿאַרמאָסטן מיט דער האַנט קעגן דעם עלטערן ייד, וואָס האָט אים פֿאַרשפּאַרט די טיר. מיר האָבן „זיין עקסעלענץ״ נאָך באַצייטנס אָפּגעראַטעוועט, און אַז דער בחור האָט געהערט, אַז ס׳איז מאַנגערס פֿאָטער, איז ער אַנטלאָפֿן אַ פֿאַרשעמטער. ביים אָוונט איז דער בחור דאָך געווען, הלל מאַנגער האָט געבעטן דעם טיר־שטייער אים אויפֿצוזוכן און אים אַריינצונעמען.

עס איז געווען אַ פּאָעטישע סצענע. דער יונגער־מאַן וואָס איז להוט צו זיין ביים מאַנגער־אָוונט; די יראת־הכּבוד וואָס איז באַפֿאַלן דעם יוגנטלעכן, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז ער האָט שיער נישט אַנגערירט מאַנגערס פֿאָטער, און די גערירטקייט פֿון מאַנגערס פֿאָטער, וואָס האָט אַ צערודערטער פֿון דער פֿאַרערונג צו זיין זון געלאָזט אויפֿזוכן דעם יונגן־מאַן און אים איבערבעטן.

אין יענער צייט אין בוקאַרעסט האָט שוין איציק מאַנגער אויך געהאַט אַ שוואָ־גער, דעם מאַן פון זיין שוועסטער שיינדל. ווולקע גלאַזמאַן האָט ער געהייסן און איז געווען אַ וועבער אין איינער פון די בוקאַרעסטער טעקסטיל־פאַבריקן. ווולקע איז געווען אַזוי הויך ווי די ברידער מאַנגער, אָבער באַלייבטער פון זיי. ער האָט געהאַט אַ שטרענג און סודותדיק פנים פון אַ קאָמוניסטישן פּאַרטיי־קאָנספּיראַטאָר. לויט מען האָט מיר דערציילט, איז ער טאַקע געווען אַן אַקטיווער פּאַרטיימענטש. ער האָט געהאַט דעם געוויינטלעכן לוין דערפאַר. סטאַלין האָט אים דעפּאָרטירט און ליקווידירט. זיין פרוי שיינדל וווינט אין תל־אביב און איז דאָרט אַ קראַנקן־שוועס־טער.

אַן אינצידענט מיט מאַנגערן

עס איז געווען מיין ערשטער אינצידענט מיטן דיכטער. ער איז פאָרגעקומען אין 1920 אָדער אַ יאָר שפּעטער, אין טשערנאָוויץ. עס איז געווען אַ צונויפשטויס, וואָס מאַנגער האָט אים מיר, כ׳האָב מורא, קיין מאָל נישט מוחל געווען, און איך, ערגעץ ווו טיף אין מיר, באַדויער נאָך עד היום, שוין עטלעכע און פערציק יאָר זינט דעמאָלט.

איך בין געווען דער רעדאַקטאָר פון דער פּועלי־ציוניסטישער „די פרייהייט" און דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, פּעבוס מעהלער, האָט מיר פון צייט־צו־צייט געגעבן אַן אַדערויף אויף מיין חודש־געהאַלט. פון דעם אַדערויף האָט מען קיין וואָך און אַ מאָל אַפילו אַ האַלבע נישט געקאָנט אויסקומען. מאַנגער האָט דאָס אויך נישט געהאַט. שפּאַצירן מיר אַ מאָל ביידע איבער דער שיינער טשערנאָוויצער הערן־גאַס און מיר רעדן וועגן „ווו נעמט מען אויף שבת". האָב איך מאַנגערן פאָרגעלייגט אים צו פאַרשאַפן עפּעס אַן אַרבעט אין געשעפט פון אַ פּאַרטיי־חבר. דער פאָר־שלאָג האָט מאַנגערן, ווייזט אויס, זייער פאַרדראָסן. ער האָט פּלוצעם אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע זיין העפטל לידער און עס אַוועקגעוואָרפן. איך האָב דאָס העפטל אויפ־געהויבן פון טראָטואַר און עס אים צוריקגעגעבן. ער האָט עס צוריקגענומען און מער האָבן מיר וועגן דעם קיין מאָל נישט גערעדט. איך האָב זיין זשעסט פאַרשטאַ־נען און כ׳האָב, ווי געזאָגט, תמיד באַדויערט מיין עצה.

עס האָט נישט געהאָלפן מיין דערמאָנען פרצן, וואָס האָט זיין „חסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" געשריבן ערשט נאָך אַ טאָג אַרבעט אין דער וואַרשע־ווער קהילה. מאַנגערן האָט מיין פאָרשלאָג באַליידיקט. ער האָט געפילט, אַז ער קאָן נישט אַוועקנעמען קיין איין מינוט פון זיין ליד און זי אַוועקגעבן פאַר עפּעס אַנ־דערש.

איך נעם זיך אַפילו היינט נישט אונטער צו פסקענען, ווער פון אונדז ביידע

איז געווען גערעכט, הגם, מיין טענה ווערט אונטערגעהאַלטן נישט נאָר פון פּרצן, נאָר פון ה. לייוויקן, מאַני לייבן און יעקב גלאַטשטיינען, אים צו לאַנגע יאָר. איך פיל אויך איצט, אַז איך האָב מאַנגערן ווי געטאָן, אַרויסגעריסן, אַזוי צו זאָגן, אַ פעדער פון זיין „גילדענער פּאַווע״. און עס איז נישט געווען קיין גרעסערער צער פאַר מאַנגערן, ווי ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער וויל אים אָוועקנעמען פאַר איין רגע פון זיין געליבטער „גילדענער פּאַווע״. אַזאַ איינער האָט אין זיינע אויגן באַגאַנגען די זינד פון חילול ליבשאַפט צום יידיש־ליד, וואָס דאָס איז אידענטיש מיט חילול השם.

מאַנגערס ערשטע לעקציע וועגן יידיש־דיכטונג

דעם 17טן מאַי 1926 האָט אין בוקאַרעסט אָנגעהויבן צו דערשיינען די וואָכנשריפט „אונדזער וועג״, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם דיכטער יעקב שטערנבערג און פון דעם שרייבער פון די שורות. שוין אין ערשטן נומער איז פאַראַן אַ באַריכט וועגן אַ לעקציע, וואָס יצחק מאַנגער (דעמאָלט האָט ער זיך גערופן יצחק און נישט איציק) האָט געהאַלטן אין „סטודענטן־פאַריין י. ל. פּרץ״ וועגן „די יידישע דיכטונג אויפן שיידוועג״. דער באַריכט איז געשריבן פון מאַנגערן אַליין. ער האָט אין דעם באַריכט רעזומירט זיין לעקציע.

עס איז דערפאַר פון אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר דער מאַנגער־ביאָגראַפיע, צו לייענען, וואָס דער דעמאָלט 25־יעריקער דיכטער האָט געהאַט צו זאָגן וועגן דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע, אין פּוילן און אין סאָוועט־רוסלאַנד.

איך ציטיר: „די יידישע דיכטונג אין אַמעריקע טראָגט דעם בלוטיקן חותם פון דעם פאַרצווייפלטן געראַנגל פון דעם מענטש מיט דער מאַשין, דער געראַנגל פון די שטיינערנע וואָלקנקראַצער־שאָטנס, מיטן טרוים פון דער מענטשלעכער נשמה.

„אין צייכן פון אָט דעם געראַנגל וויזט מאַני לייב אַרויס זיין איינזאַמקייט און הילפסלאָזיקייט אונטער פאַרהאַנגענע פענצטער אַזוי, אַז זיין גאַנצע דיכטונג רעזומירט זיך אין אַ מוזיקאַליש ניואַנסירטן כליפּען.

„אין צייכן פון דעם דאָזיקן געראַנגל בונטעוועט משה לייב האַלפּערן זיין הפקרות און שאַפט דעם סאָציאַלן גראָטעסק און זישע לאַנדוי זיין עסטעטעציזם, זיין ליד פון אויסגעטראַכטער פרייד און אויסגעטראַכטער רו.

„אין צייכן פון דעם דאָזיקן געראַנגל ווערט געבוירן דאָס גרויסע לויפן צו זיך און „אינזיך״. דער דראַנג אויסצולייזן די שאָטנס, דעם אומרו און די פאַרצווייפלונג אין די אייגענע פאַרבן און קלאַנגען, וואָס דרימלען אין די פאַרשלאָסענע ווינקלען פון דעם קינסטלערישן „איך״.

„די יידישע דיכטונג אין פוילן שטייט אונטערן דעוויז פון היסטאָרישן „וועלט באַרג־אַראָפּ". אירע וועגן זענען הפקר און אירע גייער זענען כּאַליאַסטרעס. מע־פיסטאָ איז דער סימבאָל — דער סימבאָל פון פאַרצווייפלטער וואַקכאַנאַליע. די רויטע צעשויבערטע היסטאָריע, אַרויסגעוואַקסן אויף די חורבות פון דעם איי־ראָפּעישן קאַטאַקליזם.

„די יידישע דיכטונג אין אַמעריקע און אין פוילן האָט אויסגעטראָגן אין זיך אַ טיפן מענטשלעכן צער, אים אויסגעזונגען דורך פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן — פון דעם מאַני לייבישן ציטער ביז צו דעם האַלפּעריבישן פּאַטאָס און ביז צו דעם פאַרביסענעם, פייערלעך אין זיך אָפּגעשלאָסענעם לייוויק, ביז צו דעם אָפענעם כּאַ־ליאַסטרע־גאַנג צום „אַרעמען מאַלצייט".

עד כאן וועגן דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע און אין פוילן. מאַנגערס באַמערקונגען וועגן דער יידישער פּאָעזיע אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען באַזונדער אינ־טערעסאַנט, ווייל זיי גייען נישט אין שפּאַן מיט דער באַגייסטערונג פאַר דעם „אויפקום" דאָרט וואָס אַ סך יידיש־שעפער אין אַמעריקע, אין פוילן און אויך אין רומעניע האָבן זיך דעמאָלט איינגערעדט.

„די יידישע דיכטונג אין רוסלאַנד — האָט מאַנגער געזאָגט אין זיין לעקציע — געוואַקסן אויפן ריזנגאַנג פון רעוואָלוציאָנערער ווערטן־איבערשאַצונג אויף אַלע געביטן — האָט געוואָרפן דרייסט דאָס וואָרט פון „אויפקום" אויף דער וואָגשאָל פון יידישן און אַלמענטשלעכן געדאַנק.

„טראַכט איך זיך אָבער אַריין אין דער יידישער דיכטונג פון רוסלאַנד און אין דער „טיף" פונעם אויפקום, — דאָס אַנטשיידנדיקע נייע וואָרט, דעם נייעם האָ־ריזאָנט — געפין איך אים נישט. אפשר איז נאָך צו פרי? מעגלעך נאָך נישט די צייט געווען זיך צו אָריענטירן — דער שטורעם האָט אָפּגעהאַקט און פאַרווירט קעפּ — דער ערשטער גרויסער אָנזאָג פונעם „אויפקום" איז דאָך שוין דער שטורעם אַליין.

„שטורעם אויף דער גאַס, הייסט אָבער נאָך נישט שטורעם אין דער קונסט — רויער שטורעם איז פאַרן קינסטלער פונקט אַזוי פיל ווי רויער ליים־מאַטעריאַל".

דערנאָך טיילט מאַנגער איין די יידיש־ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד ביז דעמאָלט אין צוויי פּאַזעס: די ערשטע — פון „עקספּלאָזיע־כאַאָס, פון ווירוואַר... ווו דער אויבערטאָן איז געווען די פּראָקלאַמאַציע. ס'איז געווען דאָס וועלן הערן דאָס אייגענע קול אין געוויי פונעם שטורעם (דער פאַרלאַנג) נאָך זעלבסטבאַשטע־טיקונג, וואָס האָט געמוזט אַריבערשרייען דעם ווירוואַר".

די צווייטע — „דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד האָט דערפילט ערד אונטער זיך, האָט די יידישע פּאָעזיע אָנגעהויבן זינגען „ברויט". אויב דער פּרימיטיווער ערד־ריח איז סאָציאַלער יידישער רענעסאַנס, איז ער דערפאַר נאָך נישט קיין גייסטיקער. כדי דער אויפקום זאָל אויספילן זיין מיסיע מוז ער קינסטלעריש עק־

ווִיוואַלירן (זיך אויסגלייכן מיט) דעם גייסט פון אומקום. האָט די דעקאַדענץ פאַרלוירן גלויבן, דאַרף אים דער רענעסאַנס אָנצינדן. האָט די דעקאַדענץ פאַרלוירן און פאַרפלאָנטערט די שליאַכן, דאַרף דער גייסט פון אויפקום אויסלייזן און אויפפלאָנ־טערן דעם מענטש און די שליאַכן״.

און דער יונגער פּאָעט יצחק מאַנגער פאַרענדיקט זיינע קריטישע באַמערקונ־גען וועגן דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור מיט אַ געדאַנק, וואָס האָט אין פרט פון רייפקייט געמעגט שפּעטער אָנשטיין אויך דעם פּאָעט איציק מאַנגער —

„איך בין זיכער, אַז דאָס וועט ערשט דענץ מאָל געשען, ווען די יידישע פּאָעזיע אין רוסלאַנד וועט גובר זיין די רויע צייט־טענדענצן, וואָס שטורעמען אין איר און באַהערשן זי, באַקומען דיסטאַנץ און אָנהייבן צו פורעמען.

„דיסטאַנץ שאַפן הייסט אָוועקשטעלן דעם כלל־מענטש פון דער ליטעראַטור און פון קונסט־היכל און איין מאָל פאַר אַלע מאָל איבעררייסן די השפעה פון זיין דיקטאַטור״.

פופציק יאָר יידיש טעאַטער

אין יאָר 1926 זענען פאַרפילט געוואָרן פופציק יאָר זינט אברהם גאָלדפאַדען האָט אין יאַסער זומער־גאָרטן „לא פּאָמול ווערדע״ (צום גרינעם בוים) געגרינדעט דאָס יידישע טעאַטער. מיר האָבן די דאַטע געיום־טובט אין היסטאָרישן זומער־גאָרטן „זשיגניצאַ״ ווו גאָלדפאַדען האָט געשפּילט טעאַטער אין בוקאַרעסט.

אַ באַריכט וועגן דער פייערונג איז געדרוקט אין צווייטן נומער פון דער שוין דערמאָנטער וואָכנשריפט „אונדזער וועג״ פון 14טן מאַי 1926.

אויף די בינעוועגט פון טעאַטער „זשיגניצאַ״ זענען געהאָנגען פּלאַקאַטן מיט לאָזונגען און אויפשריפטן: „אברהם גאָלדפאַדען, פאָטער פון יידישן טעאַטער — מיר הייליקן דיין נאָמען!״ „טוט אייער חוב צו אברהם גאָלדפאַדען! שטעלט אים אויף אַ מאָנומענט: אַ גאָלדפאַדען־הויז — אַ יידיש פאָלקס־טעאַטער אין בוקאַ־רעסט!״

אויף דער טריבונע און אין די ערשטע לאָזשעס זענען געזעסן די אָנגעזעענסטע רומענישע שוישפּילערס און פאַרשטייערס פון דער פּרעסע.

דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער יידיש־רומענישער שריפטשטעלער באַרבו לאַ־זאַרעאַנו, וואָס איז שפּעטער אונטערן „נייעם רעזשים״ געווען דער ביבליאָטעקאַר פון דער רומענישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק און מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע (געשטאָרבן יאַנואַר 1957 אין עלטער פון 75 יאָר).

לאַזאַרעאַנו האָט פאַרגעלייענט אַ רעצענזיע וועגן איינער פון גאָלדפאַדענס ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וואָס ס׳האָט געשריבן דער גרעסטער רומעני־

שער דיכטער פון ניינצנטן יאָרהונדערט, מיהאַי עמינעסקו. די רעצענזיע איז פול מיט שבחים פאַרן ערשטן יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו. די שבחים זענען פון נאָך אַ גרעסערן באַטייט, ווען מען נעמט אין אַכט אַז עמינעסקו איז געווען אַ קליינער אוהב ישראל און אַז ער איז געווען אַ גרויסער קולטור־מפונק און איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון דער ראַפינירטער טעאַטער־שטאָט ווין.

עס האָבן באַגריסט אין נאָמען פון נאַציאָנאַל־טעאַטער דער דעקאַן פון דער רומעניִשער בינע, נאַטאַראַ, אין נאָמען פון רומענישן שוישפּילער־פאַרבאַנד — דער קאָמעדיע־אַקטיאָר מאַקסימילאַן און אויך דער אָפּערעטן־שוישפּילער טאַנאַסע. טאַנאַסע האָט דערציילט, אַז ער האָט זיין טעאַטער־דעביוט געמאַכט אונטער דער אָנפירונג פונעם גרויסן יידישן שוישפּילער מרדכי סעגאַלעסקו. טאַנאַסעס ערשטע ראָל זענען געווען אַ פּאָר יידישע ווערטער, וואָס ער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, און פאַרשטייט זיי נישט עד היום.

עס האָבן דערנאָך גערעדט דער דירעקטאָר פון זשיגניצאַ־טעאַטער איציקל גאָלדענבערג, און אויף יידיש, דער דיכטער יעקב שטערנבערג (די הויפּטרעדע) און דער שרייבער פון די שורות און דער דיכטער איציק מאַנגער.

די צוויי „ווענעטיקס", די צוויי קיין אַלטרומעניע צוגעקומענע פּאָעטן, יעקב שטערנבערג פון בעסאַראַביע און איציק מאַנגער פון בוקאָווינע, האָבן זיך אין זייער דיכטונג דערנאָך איינגעטיילט מיט די אבות פון יידיש טעאַטער און יידיש געזאַנג אין רומעניע. דעם הויפּט־שיר־מזמור צו גאָלדפאַדענען האָט געזונגען יעקב שטערנבערג. ער איז אין רומעניע אויך געווען דער איניציאַטאָר טעאַטראַליש צו רעהאַביליטירן דעם פאַרגעסענעם אברהם גאָלדפאַדען. מאַנגערס עיקרדיקער שיר־מזמור איז געווען צו וועלוול זבאַראַזשער.

דאָ, ביי דער פייערונג פון פופציק יאָר יידישן טעאַטער האָט מען פון דעם יונגן פּאָעט צום ערשטן מאָל געהערט דאָס וואָס ער האָט אין זיינע נישט־געדרוקטע לעקציעס וועגן גאָלדפאַדענען אַרויסגעבראַכט אויף די טריבונעס אין די שטעט פון בעסאַראַביע, פּוילן און אויך שפּעטער אין ניו־יאָרק.

ס'איז כדאַי איבערצוגעבן אַ טייל פון דעם וואָס מאַנגער האָט געזאָגט ביי דער גאָלדפאַדען־פייערונג אין בוקאַרעסטער זשיגניצאַ־גאָרטן, דעם 9טן מאַי 1926.

„טראַכטנדיק צו גאָלדפאַדענען האָבן זיך פּלוצעם אָנגעצונדן די פענצטער (פון דער שטאָט יאַס) אין אַ ווונדערלעכן מאַסקאַראַד, געשטאַלטן און מאַסקעס אין די טויזנט פאַרבן פונעם רעגן־בויגן, דער סינטעז פון פּורים־שפּיל און ליריש פאָלקס־געמיט. דורך דעם מאַסקאַראַד האָט געבליצט דאָס פּנים פון דעם געניאַלן אַקראָבאַט גאָלדפאַדען. און געזען האָב איך אין דער געשטאַלט פון דער כישוף־מאַכעריך, וואָס טראָגט אין אירע פאַלדן דעם גראָטעסקן „קאָפּ־אַראָפּ־קאָמיזם" פון די קוני־לעמלס און פון „צענטן געבאָט", דאָס בלאָ־לירישע פון שולמית און „עקידת יצחק" און דאָס פּאַטעטיש־דעקלאַמאַטאָרישע פון „בר־כוכבא".

„צווי סימבאָל־געשפּענסטן איבער אונדזער לעבן: דאָס גאָלדענע קאַלב און דאָס גאָלדענע ציגעלע, דאָס גאָלדענע קאַלב — דער סימבאָל פון אייביקן האַרפּאַ־גאָן, אין צייכן אָבער פון גאָלדענעם ציגעלע — דעם סימבאָל פון יידישן פאָלקס־געמיט — שטייט גאָלדפאַדען, און דאָ באַרירן מיר זיך מיט אים, מיר אַלע, די וואָס שפּינען ווייטער דאָס גאָלדגעוועב פון דער גרויסער יידישער פאָלקסקולטור".

פארצייכענונגען

דער יידיש־שרייבער מ. י. בערדיטשעווסקי

פֿאַרגאַנגענעם זומער, דעם 19טן אויגוסט 1965, זענען פֿאַרפֿולט געוואָרן הונ־דערט יאָר זינט עס איז אין בעל־שמס שטאָט מעזבוש געבוירן געוואָרן דער העברע־ישער און יידישער שרייבער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי. דאָס יאָר איז באמת גע־ווען אַ בערדיטשעווסקי־יאָר אין דער העברעיִשער פּרעסע. מען האָט וועגן בער־דיטשעווסקין זינט אויגוסט 1965 און ביז איצט אַ סך, זייער אַ סך געשריבן. און מיט רעכט אַזוי, ווײַל בערדיטשעווסקיס מחשבהדיקע פּראָזע איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור ביים אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט.

אין זיין עסיי „רשות היחיד בעד הרבים" איז דער יונגער בערדיטשעווסקי שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער יידישער טראַדיציע וואָס שטייט מיטן פּנים צום כלל און קוקט זיך נישט אום אויפֿן יחיד. אין זיין באַרימטן אָפֿענעם בריוו צו אחד־העמן אין דעם חודש־זשורנאַל „השלוח" האָט בערדיטשעווסקי זיך איינגעשטעלט פֿאַר דער אויסברייטערונג פֿון די שפּעריזשע גרענעצן, פֿאַר אַרויספֿירן די העברע־יִשע ליטעראַטור פֿונעם תחום פֿון ענגער יידישקייט אין דער ברייטער וועלט אַריין.

מיט בערדיטשעווסקין האָט זיך אָנגעהויבן יענע אָפּאָזיציע פֿון די „צעירים" (די יונגע) וואָס האָט געדאַנקלעך און קינסטלעריש באַפֿרוכפּערט די העברעיִשע לי־טעראַטור. עס זענען אָנגעגאַנגען שאַרפֿע וויכוחים צווישן די צדדים און די דיס־קוסיעס האָבן חלילה נישט פֿאַרשאַדט דער ליטעראַטור, פֿאַרקערט, זיי האָבן סטי־מולירט איר שעפֿערישקייט.

בערדיטשעווסקיס לאָזונג פֿון „שנוי ערכין" (איבערשאַצן די ווערטן) האָט, ווי געזאָגט, געדאַנקלעך משפּיע געווען דעם דור (די השפּעות זענען קענטיק איבעראַל דאָרט וווּ מען האָט זיך אין אונדזער דור אָפּגעווענדט פֿון „יבנה" און זיך געשטעלט מיטן פּנים צו די בריונים, צו יוחנן מגוש חלב און צו שמעון בר־גיורה, אָבער ער אַליין, בערדיטשעווסקי, איז ביי זיין לעבן געבליבן אַ קאָנטראָווערסיעלע פֿיגור. די פּאָלעמיק קעגן אים איז געווען אַ פֿאַרשפּיצטע, אַ שפּאָטישע און האָט דעם פּרוש בערדיטשעווסקי, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן פֿונעם תחום המושב אין דער דע־מאָלטיקער קולטור־מעטראָפּאָליע בערלין, היפּש פֿאַרביטערט.

היינט צו טאָג האָט בערדיטשעווסקי אין תוך מנצח געווען. בן־גוריונס תנכיזם, וואָס זאָגט זיך אָפּ פֿון אַלץ וואָס יידן האָבן געשאַפֿן אין גלות, און דער כנעניזם, וואָס פֿאַרניינט די יידיש־אייראָפּעיִשע טראַדיציע און אַנטדעקט אין זיך קרובהשאַפֿט מיט די פּלישתים און מיט עמון ומואב, ליגט ערגעץ ווו אויף דער ליניע פֿון בערדי־

טשעווסקיס „איבערשאַץ פון ווערטן", ווי ער האָט אים געפּרעדיקט ביים אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט.

אין דער העברעיִשער פּרעסע האָט מען אויך, ווי מיר דאַכט, וועגן בערדיטשעווסקין דערפאַר איצט אַ סך געשריבן, ראשית, ווייל ס'איז פאַראַן אַ באַדערפעניש אין אָנגעזיכט פונעם „צברא־גייסט" זיך פון דאָס ניי צו קריגן מיט זיין „איבערשאַץ פון ווערטן" און שנית, ווייל ס'איז פאַראַן אַ געפיל, אַז מען האָט דעם גרויסן העברעיִשן שרייבער ביי זיין לעבן געקריוודעט מיט די שאַרפע פּאָלעמיקס קעגן זיין איראַפּעיִשן מאָנעריזם און קעגן זיין ניטשעאַניזם.

מען האָט אַ סך געשריבן וועגן בערדיטשעווסקין, דעם העברעיִשן דערציילער און געדאַנקלעכן אָנרעגער, אָבער כמעט נישט דערמאָנט אַז דער מאַן פון „שנוי ערכין" איז אויך געווען אַ יידישער שרייבער. וואָס דאַרף מען מער? אָט האָט אין „צוקונפט" ד"ר וו. גליקסמאַן געהאַט אַן עסיי וועגן מיכה יוסף בערדיטשעווסקין און ער לאָזט אַפילו אין דעם יידישן זשורנאַל נישט וויסן די לייענער, אַז בערדיטשעווסקי האָט געשריבן אַ סך יידיש און אַז מיר האָבן אויף יידיש אַ זאַמלונג פון זיינע שריפטן, וואָס איז אַרויס אין בערלין אין 1924 אין איין דיקן באַנד פון זעקס טיילן, אונטערן נאָמען „יידישע כתבים פון אַ וויטן קרוב".

און דווקא אויף יידיש איז בערדיטשעווסקי נישט געווען אַזאַ „וויטער קרוב". דווקא אויף יידיש האָט ער געשריבן אויסשליסלעך וועגן די געשטאַלטן און וועגן די לעגענדעס פון מעזבוש און דובאָווע. אויף יידיש האָט בערדיטשעווסקי נישט איבערגעשאַצט קיין ווערטן, נאָר געשטעקט אַלע הונדערט פּראָצענט אין די ווערטן פון זיין פאָטער דעם דובאָווער רב, דעם הייליקן ייד ר' משה אהרן בערדיטשעווסקי.

אָבער אפשר טאָקע דערפאַר איז ער אויף יידיש אַן אַן ערך אַ קלענערער קינסטלערישער געשטאַלטער און בעל־סגנון ווי אויף העברעיִש. אין זיינע „אַלטע מעשיות" איז נישטאָ די קינסטלערישע דיסטאַנץ צווישן דעם שרייבער און זיינע העלדן ווי אין זיינע העברעיִשע דערציילונגען. פּרץ האָט די פאָלקסטימלעכע און חסידישע מעשה סטיליזירט און די סטיליזאַציע איז געוואָרן זיין גרויסער סטיל, ווי שפּעטער אין די וווּנדערלעכע דערציילונגען פונעם העברעיִשן פּראָזע־מייסטער ש. י. עגנון. כדי אַזוי צו דערציילן אויף יידיש ווי עס טוט בערדיטשעווסקי דאַרף מען זיין נישט דער קינסטלערישער געשטאַלטיקער, נאָר דער העלד אַליין, אַ פרומער גלייבער און פאַרגלייבטער. אָבער דער ייד וואָס דערציילט די מעשה איז אין תוך נישטאָ, עס איז בלויז פאַראַן שפּראַך־אימיטאַציע, געניטע אימיטאַציע, אָבער דאָס איז נאָך אַלץ נישט סטיליזאַציע און אוודאי נישט סטיל.

בעל־מחשבות, וואָס איז בטבע נישט געווען צו שאַרף אין זיין קריטישער אָפּשאַצונג, האָט ביי בערדיטשעווסקין, ווי מיר דאַכט, איבערגעכאַפּט די מאָס ווען ער האָט געשריבן (זע: „געקליבענע שריפטן", פערטער באַנד, וואַרשע, 1929) אַז בער־

דיטשעווסקי, וואָס פירט אין לשון־קודש „אַ מלחמה מיט די יוחנן בן־זכאיס און די יבנהיסטן, קריגט אויף יידיש פּלוצעם אַ פּנים פון נאַרישן, תמעוואַטן, קליינשטעטל־דיקן יידן, וואָס איז אַרויס אָקערשט פון דער מקוה״. און בעל־מחשבות איז מוסיף, אַז ער „האַלט אַז בערדיטשעווסקיס כתבים האָבן קיין שום ווערט נישט און אַז ס׳איז נישט קיין „בחור״ און נישט קיין צדקנית״ און אַז אין יידיש איז בערדיטשעווסקי נאָר אַ קאָפּיסט, אַ גראַמאַפאָן־פּלאַסטינקע, אַ נאָכפּלאַפּלער אאַ״וו...

דאָס זענען בפירוש צו ברוטאַלע און אומפּאַרדינטע רייד, וואָס ברענגען נישט אַרויס דעם קערן אמת וואָס איז אין זיי פאַראַן.

בערדיטשעווסקי איז נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער בעל־מחשבותן. אין פינפטן טייל פון זיינע כתבים איז צווישן די „אויפצייכענונגען וועגן יידישע שרייבער״ געדרוקט אויך אַ באַמערקונג וועגן בעל־מחשבותן, וואָס לייענט זיך אַזוי —

„בעל־מחשבותעס זאַכן לייענען מיר אויך אי אויף לשון־קודש און אי אויף יידיש און צום עצם לשון פעלט אים נאָך אַ סך... אָבער ער אַליין איז אַ קריטיקער און ווי זאָגט דער פּסוק: אויף אַ שכן זאָל מען נישט ריידן. קיין נאָר איז ער אויך נישט און געלייענט אין אַנדערע לשונות האָט ער אויך אַ ביסל. אַ מאָל, אַז ער איז לגמרי אָן פניות, ווייסט ער ביי וועמען סע קוועטשט דער שוך. אָבער ביי זיך — קיין מאָל נישט״.

מען מוז מודה זיין, אַז בערדיטשעווסקי איז געווען עלעגאַנטער אין זיין קריטיק ווי בעל־מחשבות.

1966

לידער פון אַ לעבן

וועגן אַלטן יידישן דיכטער פון מאַרמאַראָש־סיגעט הערש לייב גאָטליב (1844—1934) אינפאָרמירט דער „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע״ (באַנד 1, ז. 458), אַז „ער האָט אויך פאַרפאַסט אַזוי גערופענע פאָלקס־לידער אין יידיש, וועלכע זענען זייער שוואַכע מוסטערן פון בדחנישער פּאָעזיע״. אויף דער אינפאָרמאַציע איז זיך אויך סומך ש. ניגער, ווען ער דערמאָנט הערש לייב גאָטליבן אין זיין אַרטיקל אין „טאָג״ פון 1טן נאָוועמבער 1942.

מוז איך זיך חידושן אויף זלמן רייזען ווי אַזוי ער האָט געקאָנט דערגיין צו

אַזאַ מין שאַרפֿן נעגאַטיוון אַפּשאַץ. עס איז מעגלעך דאָס צו דערקלערן אפשר בלויז דערמיט וואָס רייזענען איז מן־הסתם אויסגעקומען צו לייענען דווקא הערש לייבס סאַמע שוואַכסטע פּערזן, וועלכע זענען געווען צעוואָרפֿן איבער קאַלאַמייער און סיגעטער צייטונגען.

האָבן אָבער דעם דיכטערס אייניקלעך, דער דענטיסט יוסף גאָטליב און דער חזן משה סאָלאָמאָן געגומען זאַמלען די „ווערק פֿון הערש לייב גאָטליב" און זיי האָבן אַפֿילו באַוויזן אַרויסצוגעבן דעם ערשטן באַנד אונטערן נאָמען „לידער פֿון מיין לעבן", (מאַרמאַראָש־סיגעט, 1933).

און אָט ליגט פֿאַר מיר דער דאָזיקער ערשטער באַנד (עס איז בלויז אַ קליין בענדל). איך בלעטער עס, לייען די ערנסטע און די הומאָריסטישע לידער און געפֿין אין זיי אַ דיכטער, וואָס קער זיך מייסטנס אָן מיט דער טעכניק פֿונעם יידישן פֿאָלקסליד. סיי אין די מאָטיוון און סיי אין דעם ריטעם פֿון די פּערזן פֿילט מען, ווי מיר דאַכט, אַ סך מאָל גאָר השפּעה־סימנים פֿון אייראָפּעישער ליריק און דערעיקרשט, פֿאַרשטייט זיך, פֿון היינען, וואָס מיט אים האָט ער, ווי דאָס רוב יידישפּאָעטן פֿון גאַליציע (דאָס סיגעטער געבערגלאַנד האָט ביז צו דער ערשטער וועלטמלחמה אין יידיש־קולטורעלן זינען באַלאַנגט צו גאַליציע) אַ נאָענטע זעלישע שייכות. ער האָט געשריבן „אַזוי גערופֿענע פֿאָלקסלידער"? חס וחלילה. בלויז אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿל מען האָט אַלע לידער פֿאַרפֿאַסט אין דער פֿאָלקסשפּראַך צו יענער צייט און, לכל הפּחות, אין יענער געגנט „אַזוי גערופֿן פֿאָלקסלידער". „מוסטערן פֿון בדחנישער פּאָעזיע"? אמת. הערש לייב איז אַ גרויסן טייל פֿון זיין לעבן געווען אַ פּראָפֿעסיאָנעלער בדחן (מאַרשאַליק), און אויב צווישן זיינע געזאַמלטע לידער זענען אויך פֿאַראַן בדחנישע, זענען זיי, דאַכט מיר, אינטערעסאַנט און אַנדערש דערמיט, וואָס עס שפּילט אין זיי אַריין אַ טאָן פֿונעם דיכטערס „אַנדערער פּאָעזיע" און — דער טאָן איז אָפֿט גובר.

מען זאָל מיך נישט שלעכט פֿאַרשטיין. איך בין פֿאַר קיין פֿאַל נישט אויסן צו איבערטרייבן דעם ליטעראַרישן ווערט פֿון הערש לייבס לידער. זיינע מאָטיוון זענען טאָקע ס'רוב יחידישע, אָבער צום היפּשן טייל אויסגעלייענע, און דער פּאָעטישער געפֿיל, וועלכן ער טראָגט אין זיי אַריין, איז אָפֿט אַ פֿאַפּירענער, אַ נישט איבערגעלעבטער. אָבער דערפֿאַר איבערראַשט ער נישט־זעלטן מיט דער סאָלידקייט פֿון זיין פּערז, און פֿאַר אַלעמען, מיט זיין עכטן אונגאַריש־יידישן פֿאָלקס־לשון, אין וועלכן ער פֿלעכט צו מאָל אַריין „מעשה ווירטואָז" אַ זעלבסט געשאַפֿן וואָרט. אַזוי, למשל, האָט הערש לייב מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק נישט אין וואַרשע און נישט אין ווילנע, נאָר ערגעץ אין אַ שטעטל אויף דער ווייטער קולטור־פּעריפֿעריע אין די קאַרפּאַטן, ווו עס איז קיין שום יידיש־ליטעראַרישע טראַדיציע נישט געווען, געהאַט די שעפֿערישע דרייסטקייט אַוועקצוהאַקן אַ שטיק פֿון דער „פּאַראַכטונג" און דערפֿון צו מאַכן „פּאַראַכט", ווייל ער האָט עס געדאַרפֿט אי צום ריטעם און אי צו —

א ביסל כבוד, און אַ סך פּעראַכט
דער פּירהאַנג פאַלט, און — אַ גוטע נאַכט !..

און די געפּאַלמעסטע פּאַראַכטונג צוליבן פּאַעטישן ריטעם איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אויך געזעלשאַפטלעך סימבאָליש. וואָרעם הערש לייב האָט מיט זיין ליד היפּשלעך צעהאַקט די פּאַראַכטונג צו יידיש־וואָרט אין זיין היימלאַנד און גע־האָלפן אונטערגראָבן דעם ביטול און פיינטשאַפט צו די נייע אידעען פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

אין איינעם פון זיינע לידער, אין וועלכן ער פּאַדערט אויף די דיכטער, זיי זאָלן זיך אַפּלאָזן פון פאַנטאַזיעס און זאָלן זיך פּאַראינטערעסירן מיט די ליידן און מיטן הונגער אין יידישן לעבן, טיילט זיך אויס אַ סטראָפע מיט אַזאַ מאָדערנעם מאַרש־ריטעם :

זיי זינגען — מיר שלאָפן,
מיר שלאָפן — זיי שפּילן,
זיי שפּילן — מיר האָפן,
מיר טרוימען אין שטילן...

ער איז געווען ברוגז, הייסט עס, אויף יענע פּאָעטן, וואָס שלעפערן אונדז איין מיט זייער זינגען און ער האָט זיי געפּרוווט אויפוועקן מיטן ריטעם פון זעלנערישן שפּאַן.

און ער אַליין האָט געטרוימט אין דער שטיל ריין קינסטלערישע חלומות. ער האָט זיך געפילט איינגעגלידערט אין דער גרויסער ליטעראַרישער משפּחה פון גאַר דער יידיש־וועלט און ער האָט פאַרמאָגט געזונטע שעפערישע קינאת סופרים. אַזוי לכל הפּחות דערציילט וועגן הערש לייבן זיין בן־עיר, דער דיכטער בערל שנאַבל, וואָס האָט אים באַזוכט אין יאָר פון זיין טויט און געהאַט אַ קורצן געשפּרעך מיט דעם הונדערט־יעריקן. שנאַבל גיט איבער אין דער בוקאַרעסטער „די וואָך", פון 13טן אָקטאָבער 1934, אַז „ער (הערש לייב) רעדט באַגייסטערט וועגן מאַמע־לשון און איז זיך דן לכף חובה, ער באַשולדיקט זיך, וואָס ער האָט נישט געקענט דער־קלעטערן ביז צו מענדעלען".

נו, צו מענדעלען האָט ער טאַקע וויט נישט דערקלעטערט — בלויז דעם ווילן דערצו און די אַזוי זעלטענע שרייבערישע זעלבסטקריטיק געהאַט — אָבער פון „אַזוי גערופענע פאָלקסלידער" און פון „זייער שוואַכע מוסטערן פון בדחנישער פּאָעזיע", איז ער, לויט מיין מיינונג, אויך געווען וויט.

טאַראַס שעווטשענקאָ

שוין מער ווי אַ דור מיט יאָרן אַז איך האָב אין דער „אַלטער היים״ בייגעוווינט אַן אוקראַיִנישע קולטור־דעמאָנסטראַציע. איצט, אין איינעם אַ זומערטאָג, מיט וואָכן צוריק, האָב איך זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף אַן אוקראַיִנישן קולטור־יום־טוב. עס איז געווען אין דער הויפּטשטאָט פון דער וועלט, אין וואַשינגטאָן.

דער האָטעל ווו איך בין איינגעשטאַנען איז געווען פול מיט אוקראַיִנער, מאַנצבילן און פרויען. עס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן יונגע פּנימער און גע־הערט האָט מען כמעט דורכויס רעדן ענגליש. און אויף ענגליש בין איך געוויר געוואָרן, וואָס פאַר אַ יום־טוב ס׳איז היינט אין שטאָט. מען האָט אין שטאָטפּאַרק ביי דער 22סטער גאַס געשטעלט אַ דענקמאָל דעם אוקראַיִנישן דיכטער טאַראַס שעוו־טשענקאָ, וואָס הייַ־יאָר זענען פאַרפולט געוואָרן הונדערט און פופציק יאָר זינט זיין געבוירן.

שעווטשענקאָ ?! איך בין מודה, אַז איך האָב געהאַט אַן אַטאַק פון סענטי־מענטאַלקייט. איך האָב אַפילו מיט דער יונגער פרוי, וואָס האָט מיר געגעבן אינ־פאָרמאַציע וועגן דעם יום־טוב אויף ענגליש, געפּרוּווט פאַרפירן אַ שמועס אויף אוקראַיִניש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין דער ערשטער דור וואָס קאָן נאָך אוקראַיִניש פון דער היים, און די יונגע פרוי איז שוין די צווייטע גענעראַציע אין אַמעריקע און עס קומט איר אָן שווער צו רעדן איר פאָלקיש לשון.

אָבער זי איז אַן אוקראַיִנישע סטודענטקע און — אַן אוקראַיִנישער סטודענט — פלעגט מיין פריינד ד״ר דעניס מיכאַלסקי, וואָס איז געווען אַן אוקראַיִנישער דעפּו־טאַט אין רומענישן פּאַרלאַמענט, ליב האָבן נאָכצודערציילן אַ קלוג ווערטל פון איינעם אַ רוסישן שרייבער — איז אַ מענטש וואָס לייענט שעווטשענקאָן און וויינט.

נו, איך ווייס נישט ווי שטאַרק עס וויינט אַן אוקראַיִנישער סטודענט ביים לייענען שעווטשענקאָס לידער, אָבער איך געדענק זייער גוט אַז מיר, יידישע גימ־נאַזיסטן, וואָס האָבן מיטן אוקראַיִניש־לערער ד״ר אַנטין קרושעלניצקי (געווען אַן אָנגעזעענער אוקראַיִנישער בעלעטריסט וואָס איז אין די צוואַנציקער יאָרן אַרי־בער קיין סאָוויעט־אוקראַיִנע און איז דאָרט ליקווידירט געוואָרן פאַר „נאַציאָ־נאַליסטישע חטאים״) געלייענט שעווטשענקאָס פּאָעמעס „נאַימיטשקאַ״ (אַ דינסט) און „קאַטערינאַ״, האָבן אויך פאַרגאָסן טרערן.

מען האָט שוין געמוזט האָבן טרערן אין די אויגן, ווען מען האָט זיך באַקענט מיט שעווטשענקאָס ביאָגראַפיע. טאַראַס שעווטשענקאָ איז געווען דער זון פון אַ שקלאַף ביי ערגעץ אַ פּרינץ אין דער קיִעווער גובערניע. אַזוי ווי דאָס יינגל האָט אַרויסגעוויזן מאָלערישע פעיקייטן האָט אים דער פּריץ געשיקט שטודירן קיין פּעטערבורג. דאָרטן האָבן אים פריינד אויסגעקויפט ביים פּריץ. די פּריצים האָבן

פאַרלאַנגט הויכע פרייזן פאַר טאַלענטירטע שקלאַפן, אָבער שעווטשענקאָס פריינד האָבן ליציטירט אַ בילד פון דעם, צו יענער צייט, באַרימטן מאָלער ברולאָוו און האָבן דעם פריץ באַצאָלט די גרויסע סומע פון צוויי טויזנט פינף הונדערט רובל פאַר שעווטשענקאָס פרייהייט.

באַרימט געוואָרן איז שעווטשענקאָ אָבער נישט מיט מאָלעריי, נאָר מיט זיינע לידער „נאַימיטשקאַ" און „קאַטערינאַ". ביידע זענען אויף דער טעמע פון פאַר־פירטע פויערן־מיידלעך וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע קינדער.

און דאָס טרויעריקסטע איז אַלץ נאָך שעווטשענקאָס אייגענער גורל. עמעצער טראַכט אויס אַ בילבול אויף אים אַז ער האָט גערעדט קעגן צאַר און ער ווערט פאַרשיקט קיין סיביר. און אַז מען פועלט אויס פאַר אים, נאָך צען יאָר פאַרשיקונג און מיליטער־דינסט אַ באַגנעדיקונג, זענען שעווטשענקאָ פאַרבליבן נאָך אין גאַנצן פיר יאָר צום לעבן. אין 1861 איז דער דיכטער געשטאָרבן אין עלטער פון זיבן און פערציק יאָר.

טאַראַס שעווטשענקאָ איז עד היום פאַרבליבן דער גרעסטער אוקראַאינישער פּאָעט. גרויס דערמיט, וואָס ער איז געווען דער ערשטער אמתער פאָרעם־מייסטער פון אוקראַאינישן ליד, און גרויס מיט דעם טיפן טרויער און צער פון פאַרשקלאַפטע אוקראַאינישע פויערן, וואָס זיין ליד האָט אַרויסגעבראַכט.

איך האָב צוגעזען יום־טובים פון אוקראַאינישע נאַציאָנאַלע העלדן און שפּעטער געלייענט וועגן אַזעלכע יום־טובים, אָבער דער איינציקער אוקראַאינישער העלד וואָס קאָן אויך רעדן צו אַ יידיש האַרץ איז דער דיכטער טאַראַס שעווטשענקאָ.

נחמן מייזיל

די בולטסטע שרייבערישע ליידנשאַפט זיינע איז געווען די ליידנשאַפט פון אַ רעדאַקטאָר. פון 1924 און ביז ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט אויס־געוואַנדערט קיין אַמעריקע, האָט נחמן מייזיל אַליין רעדאַקטירט די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע, און פון זיין אַנקום קיין ניו־יאָרק און ביז זיין עליה קיין ישראל מיט צוויי יאָר צוריק איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם „איקוף"־חודש־זשורנאַל „יידישע קולטור".

די רעדאַקטאָרשאַפט פון די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע פאַרגעדענ־קען אים איך און טויזנטער מיינס גלייכן לטובה. ווער ס'האָט געלעבט אין יענע יאָרן אין די שטעטלעך פון פוילן און אין די באַלטישע לענדער, אָדער ווי איך

און ווי אַ סך אַנדערע אויף דער מזרחדיקער פּעריפעריע פון יידיש־פוילן (רומעניע און ארץ־ישראל), צי אויף דער מערבדיקער (בעלגיע, פראַנקרייך, ענגלאַנד), דער ווייס וואָס ס'האָבן געמיינט די „ליטעראַרישע בלעטער", וואָס זענען געווען דער פאַרבינדונגס־אָרגאַן צווישן די יידישע יישובים אין אייראָפּע. מען האָט אַרויסגע־קוקט וואָך־איין וואָך־אויס אויף די „בלעטער" ווי אויף אַ ליבן, טייערן גאַסט. ס'ערשׁ־טע האָט מען זיך צוגעכאַפּט לייענען די ליטעראַרישע כראָניק. פון דאָרט איז מען געוווּיר געוואָרן וואָס ס'טוט זיך אין דער יידישער וועלט. מען האָט געלייענט די כראָניק און מען איז געווען אין וואַרשע און אין ניו־יאָרק און ס'האָט זיך גענומען אויסדאַכטן אַז ס'איז פאַראַן אַ יידיש־וועלט און ס'איז דאָ וווהין אַ בענק צו טאָן.

די „ליטעראַרישע בלעטער" האָבן אונדז אין בוקאַרעסט, און מן־הסתם אויך די עמיגראַנטן אין פּאַריז, אין בריסעל און אין לאָנדאָן צוגעשטעלט, אַזוי צו זאָגן, די טאָפּאָגראַפיע פאַר בענקשאַפט, און מיר זענען געווען פול מיט דאַנק צו דער צייטשריפט און האָבן נישט געזוכט קיין חסרונות אין דעם מאַטעריאַל פון די „בלע־טער", און מיר האָבן געהאַט אַ גוטע באַציונג צום רעדאַקטאָר און נישט געזוכט קיין גרייזן אין זיין רעדאַקטאָרשאַפט.

דער גלוסט און די ליידנשאַפט צו אַן אייגענער ליטעראַרישער בימה האָט גע־רם געווען, אַז נחמן מייזיל זאָל אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט זיין דער רע־דאַקטאָר פונעם „איקוף"־זשורנאַל „אידישע קולטור". על־פּי זיין געמיט איז נחמן מייזיל געווען אַ באַלעבאַטישער ייד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קרובהשאַפט נישט מיט דער אידעאָלאָגיע פון „איקוף" און נישט מיט זיינע אידעאָלאָגן. איך האָב גע־האַט דאָס געפיל אַז ער איז פון לכתחילה צוגעשטאַנען צום „איקוף", ווייל ער איז געגאַנגען אַהין אין דער חברותא פון לייוויקן און אָפּאַטאָשון, די צוויי שרייבער וואָס ער האָט אויף אַן אמת פאַרערט און ליב געהאַט. און נחמן מייזיל האָט זייער געשאַצט פריינדשאַפט און בפרט פריינדשאַפט פון אַזעלכע שעפערישע מענטשן ווי לייוויק, אָפּאַטאָשו און בערגעלסאָן, הגם, איך מוז זאָגן, אַז ווען עמעץ האָט דעם פריינד מייזיל אַנטוישט, האָט דער רעדאַקטאָר מייזיל זיך פאַר אים איינ־געשטעלט און האָט דעם עמעצן (האָט ער געמעגט זיין בערגעלסאָן אָדער לייוויק) האַרב געשטראָפט. בערגעלסאָנס נאָמען איז אין משך פון עטלעכע יאָר, ביז ס'איז נישט איבערגעגאַנגען מייזילס כעס פון אַנטוישונג, נישט דערמאָנט געוואָרן אין די „ליטעראַרישע בלעטער". און לייוויקן האָט דער רעדאַקטאָר פון „אידישע קולטור" אויך אין משך פון יאָרן ביי יעדער פאַסיקער און אפילו אומפאַסיקער געלעגנהייט געהאַלטן אין איין אומפריינדלעך פאַרטשעפּען.

די פּראָגרעסיווע פּראַזע איז נישט געווען מייזילס האַרץ־אייגנטום. ער האָט איר בלויז געדינט, ווייל זי האָט אים געגעבן די אילוזיע פון אַ גוט־אָרגאַניזירטן און געטרייען עולם פון צוהערער און לייענער, וואָס האָט געהאָלפן בויען אינסטי־טוציעס און אַרויסגעבן ביכער.

„בויען און שאַפן" אָדער „שאַפן און בויען" זענען געווען די אָפּסטע ווערטער אין מייזילס אַרטיקלען. ער האָט ליב געהאַט, פון גאַנצן האַרץ ליב געהאַט, קאָנסטרוקטיווע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַרבעט. וועגן דער איכות פון אַזאַ אַרבעט האָט ער נישט צו פיל געדאגהט, אים האָט פאַרכאַפּט פאַר אַלעמען די כמות, דער קוואַנטום פון דער אַרבעט.

ער איז געווען אַ זעלטענער מתמיד. שרייבן און רעדן איז אים אָנגעקומען גרינג און מיט הנאה. אַחוץ די צוויי צייטשריפטן: „ליטעראַרישע בלעטער" און „אידישע קולטור", וואָס ער האָט רעדאַקטירט פאַר די לעצטע פערציק יאָר, פון 1924 ביז צו עולה זיין קיין ישראל אין 1946, איז מייזיל געווען דער מחבר פון אַ צוויי צענדליק ביכער, בראָשורן און אַנטאָלאָגיעס און טויזנטער אַרטיקלען.

אין תוך איז ער אין די מיינסטע פון זיינע ־ביכער אויך געווען אַ רעדאַקטאָר, אַן אַנטאָלאָגיסט, אַ זאַמלער. ער האָט צונויפגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע פון יידישע לידער צו אַמעריקע און פון לידער צו פּרצן. ער האָט אַרויסגעגעבן פּרצעס און מענדעלעס בריוו און ביאָביבליאָגראַפישע מאָנאָגראַפיעס וועגן אייזיק מאיר דיק, שלום־עליכם, שלום אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, אַ זאַמלונג זכרונות וועגן מענדעלען, וועגן דאָס יידישע שאַפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און ספּעציעל וועגן דער נסתר און פּרץ מאַרקיש. אַלע זיינע ביכער זענען פון גרויס נוצן פאַר אונדזער קולטור־ווירטשאַפט, ווייל זיי פאַרלייכטערן די אַרבעט פאַרן ליטעראַטור־פאָרשער. דאָס אינטערעסאַנטסטע און נוצלעכסטע בוך איז אין דעם פּרט דאָס בוך „יצחק לייבוש פּרץ און זיין דור שרייבער", ווו מייזיל האָט צונויפגעזאַמלט מאַטעריאַל וועגן די באַציונגען פון די בני־דור צום פאָטער פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס אין דעם דאָזיקן בוך זענען נישט אָנגעגעבן די מקורות פון די צונויפגעזאַמלטע מיינונגען און דאָס פאַרשווערט דעם פאָרשער דעם קאָנטראָל איבער די ציטאַטן. אָבער אויך מיט דעם חסרון בלייבט מייזילס פּרץ־פאָרשונג אַ דבר של קימא אין אונדזער ליטעראַטור.

נחמן מייזיל איז די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן געווען אַ תושב אין קיבוץ „אלונים", ווו זיינער אַ זון איז איינער פון די ותיקים.

געשטאָרבן איז נחמן מייזיל דעם 28סטן אַפּריל 1966 אין שפּיטאָל פונעם שטעטל עפולה. ער איז געווען זאַט אין טעג, זאַט אין אָפּגעטוענער אַרבעט און זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידיש־ליטעראַטור וועלן פאַרגעדענקט ווערן.

פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער

אין די עטלעכע חדשים זינט זיין פּטירה איז וועגן פּראָפ׳ קלויזנער (1874—1958) אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור. מען האָט געשריבן וועגן דעם נפטר און זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור און פאַר דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע און — מען האָט אויך איבערגעדרוקט ד״ר קלויזנערס פּובליציסטישע מאמרים און אַ היפּש ביסל פון זיינע וויכטיקע ליטעראַרישע בריוו.

האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז אין איין און דעם זעלבן טאָג זענען מיר אָנגעקומען צוויי העברעיִשע צייטשריפטן, די כסלו־העפטן פון דער תל־אביבער מאָנאַטשריפט „מאזנים״ און פון דעם ניו־יאָרקער חודש־זשורנאַל „בצרון״. אין „מאזנים״ האָב איך געלייענט ד״ר קלויזנערס אַ בריוו צו ביאַליקן פון האַרבסט 1906 און אין „בצרון״ — ד״ר קלויזנערס אַ ספּעציעלן אַרטיקל צום „חג העשור״ פון מדינת ישראל זומער 1958. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעם אַרטיקל פון „בצרון״ ענטפערט דער 84־יעריקער פּראָפ׳ קלויזנער נאָך 52 יאָר, אומדירעקט, זיך אַליין און ווייזט אָן אויף די שלעכטע רעזולטאַטן, וואָס ס׳האָט געצייטיקט די גוזמאדיקע העברעיִש־קנאות און די איבערגעטריבענע קעגנערשאַפט און שינאת חינם צו יידיש, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דעם בריוו צו ביאַליקן פון דעם 32־יעריקן קלויזנער.

דעם בריוו איז כדאי צו ציטירן, וואָרעם וויפל מיר האָבן געהערט וועגן פּראָפ׳ קלויזנערס אַנטי־יידיש־קנאות, וואָלט פון דעסטוועגן שווער געווען צו גלייבן, אַז אַזאַ קעגנערשאַפט צו מאַמע־לשון האָט טאַקע עקסיסטירט, ווען מען לייענט עס נישט שוואַרץ אויף וויס.

„ביאַליק מיין פריינט, דינסטאָג האָב איך באַקומען דיין קאַרטל און נעכטן פאַר נאַכט די (פּאָעמע) „מגילת האש״, וואָס כ׳האָב אויף איר געוואַרט, און די (פּאָעמע) „פון צער און צאָרן״, וואָס כ׳האָב אויף איר לחלוטין נישט געוואַרט. כ׳האָב געעפנט דיין זשאַרגאָניש ביכל און בין געווען זיכער, אַז דאָס איז פּרצעס אָן איבערזעצונג פון „בעיר ההריגה״. און ווי פינצטער איז מיר געוואָרן אין די אויגן, אַז כ׳האָב דערזען פון ראַוויניצקיס הקדמה, אַז דו אַליין האָסט איבערגעזעצט „משא נימירוב״ פון „אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך״ אויף „אונדזער פאָלקס־שפּראַך״. כ׳האָב נישט קיין ווערטער דיר אויסצודריקן, וואָס כ׳האָב געפילט, אַז כ׳האָב דאָס געזען. ווען מען זאָל מיר געווען דערציילן, אַז דו האָסט זיך פאַרקויפט צו דער פרעמד, וואָלט איך עס געווען לייכטער איבערגעטראָגן (ווי די איבערזעצונג)... איז געקומען אַ סוף צו אונדזער ליטעראַטור און צו אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך ? האָט אויך ביאַליק אין איר געפעלשט ?... אפשר וועסטו מאָרגן איבערזעצן אויף זשאַרגאָן אויך דיין (ליד) „אכן חציר העם״ און „מתי מדבר״ און די „מגילת אש״ (צו להכעיס

פרצן) און וועסט זוכה זיין צו אייביקייט און אויך צו עושר און כבוד... און ווי גרויס וועט דאָס זיין דער יום־טוב אין די זשאַרגאָניסטישע גאַסן!...״

געחתמעט איז דער בריוו: „דיין פריינט אין טרויער, יוסף קלויזנער״.

דער טרויעריקער פּראָפ׳ קלויזנער פון 1906 זעט, בכן, די יידישע היסטאָריע ווי אַן אויסדרוק פון דעם געראַנגל צווישן אונדזער „נאַציאָנאַל־שפּראַך״ און אונדזער „פאָלקס־שפּראַך״. ווער ס׳איז מיט העברעיִש, מוז זיין אַ שונא פון יידיש, וואָרעם אַנישט פעלשט ער אין העברעיִש און אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, און ווער ס׳טראָגט אין האַרצן דעם אידעאַל פון יידישן אויפלעב אויף אייגענער ערד, דער מוז עוקר מן השורש זיין אין זיך און אין לעבן דעם גלות און זיין זשאַרגאָנישע שעפערישקייט; ער מוז פאַרניינען די גלות־געשיכטע און באַיאָען בלויז יענעם טייל פון אונדזער היסטאָריע, ווען מיר זענען געווען דאָס פאָלק פון תנ״ך, אַ פאָלק אין אַן אייגן לאַנד.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז פּראָפ׳ קלויזנערס אידעען, זיין אַנטי־יידיש און אַנטי־גלות־קנאות און זיין טרויער איבער דער מינדסטער מעגלעכקייט פון אַ „זשאַרגאָנישן נצחון״ האָבן זיך נישט אָנגענומען ביי אַ היפּשן טייל פון אונדזער יוגנט. די אידעען און די אַנטי־גלות און אַנטי־יידיש קעמפערישקייט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין ד״ר קלויזנערס בריוו פון 28סטן נאָוועמבער 1906 — דאָס איז דאָך דער גייסט פון אַ גרויסן טייל פון ישראל צברא, וואָס וואַרפט אָן, און מיט רעכט, אַזאַ פּחד, אַזאַ שרעק פאַר היסטאָרישער פאַרבלאָנדזשעטקייט, אויף ישראל סבא (די אנטקעגנשטעלונג פון ישראל צברא און ישראל סבא שטאַמט פון חיים גרינבערג ז״ל).

און די שרעק, אַז דער גייסט פון ישראל צברא קאָן אונדז, חלילה, אראָפּפירן פון אונדזערע היסטאָרישע רעלסן און מאַכן פון „עמי״ (מיין פאָלק) אַ „לא עמי״ (אַ נישט מיין פאָלק), האָט איצט אויך אַרומגעכאַפּט דעם בריוושרייבער פון האַרבסט 1906 און אַ סך, וואָס זענען געווען אין איין געמיט מיט אים.

לאָמיר לאָזן רעדן פּראָפ׳ קלויזנער ז״ל און הערן, ווי ער ענטפערט זיך אַליין אין זיין מאמר אין כסלו־העפט 1958 פון „בצרון״:

„מחמת דער נעגאַטיווער באַציונג צו גלות, וואָס איז געווען בויטווענדיק און כמעט אומפאַרמיידלעך פאַרן ציוניזם, איז געקומען אויך די נעגירונג פון דעם גוטן אין גלות: די פאַרניינונג פון אַ גרויסן טייל פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אונדז דערהאַלטן ביים לעבן אין משך פון טויזנטער יאָרן... עס איז צעבראָכן געוואָרן די גאַנצקייט פון דער ישראל־פאַרגאַנגענהייט, ס׳איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס באַוווסטזיין פון דער פאַרבונדנקייט און המשכדיקייט פון דער געשיכטע פון אייביקן פאָלק, און דערפאַר האָט אונדזער נייע ליטעראַטור נישט געקאָנט ציען אין אַ היפּשער מאָס איר יניקה פון די נאַציאָנאַלע וואָרצלען, וואָס אין דער אמתן זענען זיי אין זייער יסוד און אין זייער חשיבות גלייך אין אַלע דורות און אין אַלע אַרומען.״

אַט די שורות זענען אַ טייל פון דעם, לפי דעתי, ריכטיק און שטעלנוויז היפש שאַרפן ענטפער, וואָס דער זקן מופלג פּראָפּ׳ קלויזנער האָט אויפן סמך פון זיין פופציק־יעריקער יידיש־גייסטיקער דערפאַרונג געגעבן אין 1958 דעם יונגן קנאי ד״ר קלויזנער, דעם שרייבער פונעם דערמאָנטן בריוו צו ביאַליקן אין 1906.

פעברואַר 1959

דער טאַטע און דער זון

צו זיין דער זון פון אַ באַרימטן טאַטע און צו לעבן אין זיין שאָטן איז אַן און פאַר זיך אַ נעוראָטישער צושטאַנד, אויב נישט אַ פאַלנע קראַנקייט. די איינציקע רפואה צו אַט דער מחלה איז בלויז אַ ביסל מענטשלעכע גרויסקייטביים זון. אָבער דאָס דאָזיקע ביסל גרויסקייט האָט נישט פאַרמאָגט נישט פּרצעס בן־יחיד לוציאַן און עס איז אויך נישט פאַראַן ביי שלום אַשס זון נתן.

פון די זכרונות פון מיטצייטלער וויסן מיר, אַז לוציאַן האָט נישט אָנערקענט זיין פאָטערס ליטעראַרישן טאַלאַנט און אַז ער האָט געפּרוווט איבערצייגן פריינד און מקורבים, אַז זיי איבערשאַצן נישט בלויז פּרצן דעם שריפטשטעלער, נאָר אויך פּרצן דעם מענטש צווישן מענטשן.

לוציאַן האָט קיין שרייבערישע אַמביציעס נישט געהאַט (לכל הפּחות ווערן אַזעלכע אַמביציעס נישט דערמאָנט ביי די מעמואַריסטן אַרום פּרצן און זיין משפּחה). זיין קעגנערשאַפט און אפילו שינאה צום פאָטער איז, קאָן זיין, געווען אַ רעזולטאַט פון דעם אונטערבאַוווסטזיניקן פאַרדראָס פון אַ קינד, וואָס דער טאַטע האָט אָפּגעגט זיין מאַמען און געבראַכט אַן אַנדערע פרוי אין שטוב אַריין. איז אפשר דערפאַר דער אַנטאַגאָניזם פון לוציאַן פּרץ צו זיין פאָטער געבליבן אַ טעמע בלויז פאַר מעמואַריסטן. ער אַליין האָט זיינע קאָמפּלעקסן נישט אַרויסגעטראָגן אין דער עפנטלעכקייט.

נתן אַש האָט זיך פאַרמאָסטן צו זיין אַ שרייבער, האָט אפילו אַרויסגעבראַכט זיין אייגנס ראָמאַנען, וואָס דער ערשטער פון זיי איז פון דער קריטיק אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אָנזאָג פון אַ נייעם וויכטיקן שעפער אין דער אַש־משפּחה — און האָט נישט דערגרייכט. נתן האָט נישט מקיים געווען די אָנזאָגן פון די קריטיקער. ער איז אויף אייגענעם חשבון קיין אַש נישט געוואָרן. ער איז געבליבן דער זון פונעם באַרימטן שרייבער שלום אַש.

צום אונטערשייד פון דעם נישט־שרייבער לוציאַן פּרץ האָט דער שרייבער נתן

אַש יאָ אַרויסגעטראָגן אין דער עפנטלעכקייט דעם אַנטאַגאָניסטישן חשבון מיט זיין פאָטער.

עס ליגט עפּעס אומהיימלעכס אין דעם פאַקט וואָס נתן אַשס אָפּרעכענונג מיט זיין פאָטער איז דערשינען בלויז געציילטע טעג איידער דער חשבון־מאַכער איז געשטאָרבן. נתן אַש איז אַלט געווען נישט מער ווי 62 יאָר, אָבער ער האָט, ווייזט אויס, ערגעץ ווו פאַרויסגעפילט דעם טויט און האָט זיך צוגעאיילט אָוועקצושיקן דעם חשבון־אַרטיקל צו דער רעדאַקציע פון דעם ניו־יאָרקער חודש־זשורנאַל „קאָמענטערי״. דער מאמר אונטערן נאָמען „מיין פאָטער און איך״ איז געווען געדרוקט אין דעם יאַנואַר־נומער פון דער צייטשריפט.

נתן אַש האָט, ווי געזאָגט, נאָך באַוויזן איבערצולייענען דעם אַרטיקל קורץ איידער ער איז אַוועק זיך באַגעגענען מיט זיין פאָטער אין דער אייביקייט. איך ווייס נישט, וואָס דער זון האָט געטראַכט, ווען ער האָט געלייענט שוואַרץ אויף ווייס זיין אייגענע אָנקלאַגשריפט קעגן פאָטער. אפשר האָט ער איבערגעלעבט אַ געפיל פון חרטה אָדער עס האָט אין אים אויפגעציטערט אַ מורא פאַר דעם ענטפער, וואָס ער וועט דערהערן פונעם פאָטער ביי דער באַגעגעניש מיט אים אויף די „עליזיישע פעלדער״.

אויב נתן אַש האָט געהאַט אַזעלכע איבערטראַכטענישן איז אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס ער האָט קיין צייט נישט געהאַט זיי איבערצוגעבן דער עפנטלעכקייט און מתקן צו זיין כאָטש עפּעס פון דעם באמת פריקרען דאָקומענט, וואָס מינערט, פאַרשטייט זיך, פון דער געשטאַלט פון דעם טאַטע שלום אַש, אָבער מאַכט ממש צו נישט דעם זון נתן אַש.

עס מאַכט צו נישט דעם זון, דעם שרייבער נתן אַש, וואָרעם וויפל פאַרשטענדעניש מיר זאָלן נישט האָבן פאַר דער טראַגיק פון פילן זיך גורלדיק באַוואָלהט פונעם פאָטערס גרויסן טאַלאַנט און פון מוזן לעבן אין שאָטן פון זיין באַרימטקייט, ווערט די דאָזיקע טראַגיק פאַרבלאָטיקט דאַדורך, וואָס עס זענען צו בולט אין איר די מאָמענטן פון פאַרדראָס, למאי דער פאָטער איז געווען קאַרג צום זון מיט געלט. אויב עס גייט וועגן דעם רייכן טאַטן, וואָס לעבט אין לוקסוס און שטיצט נישט דעם זון מיט אַ ברייטער האַנט און לאָזט אים אפילו הונגערן, איז דאָס שוין נישט אַ גורלדיקע שרייבער־טראַגעדיע, נאָר איינע פון די דראַמעס און מעלאָדראַמעס צווישן אַ טאַטן און זיין נישט־געראָטענעם זון, וואָס וואַלגערט זיך אין די משפחות פון רייכע באַנקירן, אינדוסטריאַליסטן און סתם גבירים, יידישע און נישט־יידישע.

דאָס וואָס דער פאָטער האָט צוגעזאָגט דעם זון געלט אויף אַ הויז און עס נישט געגעבן אין דער פולער מאָס, ווייל ער האָט אַ טייל פון דעם צוגעזאָגטן מזומן אויסגעגעבן אויף צו קויפן אַ בילד, אָדער דאָס וואָס דער פאָטער האָט זיך געפירט מעשה פאַטריאַרך און זיך געשאַפט מיטן דערוואַקסענעם זון ביים טיש און זיך אפילו אויף אים געבייזערט, האָט באמת נישט דעם ריח פון באַזונדערער טראַגיק. אַזעלכע

זאַכן פֿאַסירן זייער אָפֿט צווישן רייכע טאַטעס און זין, וואָס זענען אַנגעוויזן אויף זייער געלט. דערצו מוז דער טאַטע נישט זיין שלום אַש און דער זון אויך אַ שרייבער.

מיט טראַגיק ווייעט דער פֿאַקט, וואָס שלום אַש איז, לויט דער באַשולדיקונג פֿון זיין זון, געווען אַזאַ עגאָצענטריקער, אַז ער האָט אפֿילו עובר געווען אויף דעם מאמר חז״ל „אין אדם מתקנא בבנו ובתלמידו״. שלום אַש האָט נישט נאָר נישט אַי־בערגעשאַצט די ליטעראַרישע באַגאַבונג פֿון זיין זון, נאָר ער האָט זי מינימיזירט, אויב אַנדערע האָבן זי אָנערקענט. דערצו מוז מען האָבן כוח, אַן אַנטיביאָלאָגישן כוח, וואָס איז באמת אַ זעלטנקייט. ווער עס פֿאַרמאָגט אַזאַ כוח איז, לפֿי דעתי, אַ טיף טראַגישער מענטש.

צוויי פֿאַראַגראַפֿן זענען פֿאַראַן אין דער לאַנגער אָנקלאָגשריפֿט פֿונעם זון קעגן זיין פֿאָטער שלום אַש, וואָס מוזן אויף אַן אמת טיף אויפֿטרייסלען דאָס געמיט פֿו־נעם לייענער. אין די פֿאַראַגראַפֿן ווערט פֿאַרמולירט אַ באַשולדיקונג, הגם מן־הסתם אָן אַ כיוון, מיט אַ געזעלשאַפֿטלעך־ליטעראַרישן אַספּעקט. דער ערשטער פֿאַ־ראַגראַף לייענט זיך אַזוי אין מיין יידיש־איבערזעצונג —

„עס האָט געמוזט זיין אַרום אַט דער צייט, ווען ער (שלום אַש) האָט, אין אַ אומהיימלעכן פֿאַרויסגעפֿיל פֿון דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפֿע, אָנגעהויבן צו פֿאַרלאָזן די יידישע וועלט, די וועלט וואָס האָט זיך באַוועגט צו אויסלעשׁ, און האָט זיך צוריקגעצויגן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, צו יענעם מאָדנעם מאָמענט אין דער מערב־געשיכטע מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווען עס איז פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן יידן; און ער האָט גענומען מאַכן דעם חשבון פֿון יענער שפּאַלטונג און זי מסביר זיין פֿון יידישן שטאַנדפּונקט און איבערדערציילן די קריסטוס־געשיכטע, ווי עס האָבן זי געזען יענע וואָס קריסטוס האָט זיי פֿאַרלאָזן, הגם זיי האָבן געהאַט גוטן ווילן אים צו פֿאַרשטיין. איך האַלט מיך נישט פֿאַר קאָמפּעטענט — נישט באַהאַוונט גענוג און אפֿילו נישט פֿאַראינטערעסירט גענוג — וועגן דעם צו רעדן. איך בין נאָר אויסן צו סוגעסטירן, אַז ער האָט זיך פֿאַרשפּאָרט אַ סך עגמת־נפֿש, ווען ער האָט אויפֿגעהערט צו שרייבן וועגן די יידן אין פּוילן איידער זיי זענען פֿולשטענ־דיק פֿאַרטיליקט געוואָרן, און ער האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון דער קעגנוואַרט צו אַ פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס מען קאָן נישט זיכער זיין צי זי האָט בכלל עקסיסטירט, אָבער טאַקע דערפֿאַר קאָן זי נישט פֿאַרניכטעט און אָפּגעמעקט ווערן״.

נתן אַש האָט, ווי געזאָגט, נישט געהאַט די כוונה אין דעם פּרט צו פֿאַרמולירן אַ באַשולדיקונג קעגן זיין פֿאָטער. פֿאַרקערט. ער איז מודה אַז ער אַליין איז נישט פֿאַראינטערעסירט אין דעם ענין און ער איז צופֿרידן וואָס זיין פֿאָטער האָט זיך פֿאַרשפּאָרט עגמת־נפֿש דערמיט וואָס ער איז אַוועק פֿון דער יידישער קעגנוואַרט צו קריסטאָלאָגישע מאָטיוון.

דער אמת אָבער איז אַז שלום אַש האָט זיך מיט זיין ווענד צו קריסטאָלאָגישע טעמעס נישט פֿאַרהיט פֿון עגמת־נפֿש, נאָר אויב דאָס איז געווען זיין כוונה, ווי

דער זון ווינקט אָן, איז דאָס סיי שרייבעריש און סיי יידיש־מענטשלעך אַ בפירושער חטא.

דער צווייטער פּאַראַגראַף איז נאָך מער פּריקרע, וואָרעם דאָרט דערציילט דער יידיש נישט־פּאַראינטערעסירטער זון, אַז נאָך דעם ווי זיין פּאָטער איז אַ דאַנק זיינע קריסטאָלאָגישע ראָמאַנען געוואָרן אַ פּאָפּולערער שרייבער אין אַמעריקע, האָבן די יידן „ביטער פּאַראיבל געהאַט אויף זיינע ספּעקולאַציעס וועגן דעם אַנ־הייב פון קריסטנטום. אָבער דאָס קריסטלעכע פּובליקום איז געווען באַגייסטערט; פּראָפעסאָרן פון טעאָלאָגיע און קריסטלעכע פילאָסאָפן האָבן זיך געגומען מיט אים איבערשרייבן. עס זענען אפילו געווען שמועסן, אַז ער טראַכט וועגן שמד, אָבער ער האָט קיין מאָל מיט מיר וועגן דעם נישט גערעדט. איך גלייב פון דעסטוועגן נישט אַז ער האָט געהאַלטן אַז ס׳איז נייטיק פון זיין זייט אַ דעפיניטיווע שטעלונג, וואָרעם ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ ראָמאַן־שרייבער און נישט פאַר אַ „טעאָלאָג״.

ווען דער דאָזיקער „נישט־גלייבן״ פון דעם זון אַז דער פּאָטער שלום אַש האָט געהאַלטן ביי שמד זאָל געווען אַרויסגעזאָגט ווערן אין די יאָרן פון דער היי־סער אַנטי־אַש־מלחמה, וואָלט דאָס פאַר די קריגפירער זיכער געמיינט אַ געווונענע שלאַכט.

ווי איז צו דעם פּאָטער שלום אַש, וואָס דער זון האָט געקאָנט אַזוי טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט פון זיין שמד, און דריי מאָל ווי, און נישט צום פאַרגעבן איז עס, וואָס אַ זון האָט געהאַט די טרויעריקע העזה אַזוי צו טראַכטן און וועגן דעם עפנטלעך צו דערציילן.

בערל קאַצענעלסאָן און ראָזאַ לוקסעמבורג

דער צד השוה צווישן דער סאָציאַליסטישער פירערין ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס האָט אידעיש געפּאַשעט אויף פרעמדע פעלדער און האָט געזעלשאַפטלעך „געהיט פרעמדע ווייגגערטנער״, און דעם חלוץ בערל קאַצענעלסאָן, וואָס האָט זיך פאַר־מאָסטן איבערצובויען ס׳יידישע לעבן און צו שאַפן אַ נייע יידישע קולטור־סביבה אין ארץ־ישראל — דער בשותפותער שטריך צווישן ביידע איז זייער מענטשלעכע און גייסטיקע עכטקייט און זייער יראת־הכבוד פאַר שעפערישקייט, פאַר דער צער־דיקער אַנדערשקייט פונעם שעפערישן מענטש. די אידעאָלאָגיע האָט זייער גייס־טיקע עכטקייט נישט געקאָנט קאַליע מאַכן און פאַרפּעלשן, און דער געזעלשאַפט־לעכער געראַנגל פאַר קאָלעקטיווער גלייכהייט און יושר האָט נישט געמינערט

פון זייער פאַרשטענדעניש און פון זייער ליבשאַפט צום שעפערישן מענטש, וואָס זיין געמיט און זיין התנהגות קומען אָפט אין קאָנפליקט מיטן קאָלעקטיוויסטישן אי־דעאַל.

שרייבט די גלייבערין אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ראָזאַ לוקסעמבורג, פון אַ דייטשער תפיסה (די דאַטע פון בריוו איז 26סטער יאַנואַר 1917) צו איר פריינדין לואיזע קאַוטסקי —

„זע, למשל, ווי אַזוי אַ געטע איז געשטאַנען מיט קילן ישוב־הדעת איבער די זאַכן, גיב נאָר אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ איבערלעבעניש עס האָט פאַר אים געמוזט זיין די גרויסע פראַנצייזישע רעוואָלוציע, וואָס געזען פון דער נאָענט האָט זי זיכער געמוזט אויסזען ווי אַ בלוטיקער און זינלאָזער פאַרס. און דערנאָך די קייט פון מלחמות אָן אַ הפסקה צווישן 1793 און 1815, ווען די וועלט האָט אויסגעזען ווי אַ הויז מיט משוגעים. און ווי רויק, מיט וואָס פאַר אַ גייסטיקן ישוב־הדעת האָט ער זיך פאַרנומען מיט זיינע שטודיעס וועגן מעטאַמאָרפאָזע פון פלאַנצן, וועגן פאַרבן־טעאָריע און וועגן טויזנט אַנדערע זאַכן".

און עס שרייבט בערל קאַצענעלסאָן, דער בויער פון דער נייער קולטור־סביבה אין ארץ־ישראל אין אַ נעקראָלאָג וועגן חיים נחמן ביאַליק —

„מיר האָבן געוווּסט, אַז צווישן אונדז געפינט זיך אַ מענטש וואָס איז פול מיט ציטערדיקער שרעק פאַר דער גייסטיקער ציגיינערישקייט, וואָס לויערט אויף אונדז אין ארץ־ישראל און קאָן מאַכן פונעם קיבוץ גלויות אַן ערב־רב און פון אונדזער קולטור־העכערקייט אַ ביליקן סנאָביזם, און ער איז גרייט געווען מיט אַלע כוחות זיך אַנטקעגנצושטעלן דער דאָזיקער סכנה".

אינדעקס פון נעמען

אביהוא, 15
אברהם, בן־תרח 16, 197
אדלער, מאָריס 357
אהרן 15
אָווידיוס 237
אויסלענדער שערצער, ראָזע 102 — 108
אויערבאַך, אפרים 44, 183, 270
אויערבאַך, רחל 394
אחד־העם 41, 403
איאַלטי, חנן 386, 388, 389
איזענהאַוער, ד. 387
איזראַעלס, י. ד. 200
אײַנהאָרן, דוד 79—81
אײַנשטײַן, אלבערט 144, 165
אײַכנראַנד, לײזער 163
אימבער, שמואל יעקב 155
אַלטמאַן, משה 98, 242, 270
אַלטענבערג, פּעטער 270
אליעזר, בן־ערך 226
אַליצקי, ל. 45
אַלעקסאַנדרעסקו, גריגאָרע 344
אַלפיערי, וויקטאָריאָ 269
אלקיביצעס, שלמה 17, 18
אנדערסען 341
אַנסקי, ש. 244, 257
אסטור, ד״ר מיכאל 212
אַסיעצקי, קארל פאָן 145
אַפּאַטאָשו, יוסף 158, 362, 410, 411
אַפּטער, רב 84
אַקסעלראָד 346
אַראָן, ראָבער 163
אַריסטאָטעל 193, 327
אַרכימעדעס 165
אַרנאָלד, מעטיו 194
אַש, נתן 414—417
אַש, שלום 16, 117, 153, 163, 171, 172, 173, 283, 262, 362, 411, 414—417

באַגיש, זישע 331—334
באַדי, מ. ה. 342
באַדלער, שאַרל 165
באַטאַשאַנסקי, יעקב 306—316
באַטעז, דעמאָסטענע 338
באַלזאַק, האָנאָרע 165, 327
באַלטירעוו 220
באַלעכאָווער (בירקענטאַל), בער 380
באַלפור 388
באַסאַק, משה 40, 43—54
באַסטאַמסקי, שלמה 241, 251
באַראַטשינער, יאָסעלע 19
באַריישאַ, מנחם 36, 270
באַרנשטיין, ר׳ חיים יחיאל 227
באַש, זשעראַם 327
באַשעוויס, יצחק 322, 362, 370
בובער, מאַרטין 283
בולאָוו, יוסף 244
ביאַלאַסטאָצקי, ב. י. 51, 240
ביאַליק, חיים נחמן 26, 37, 38, 44, 111, 183, 264, 283, 285, 342, 412, 418
ביילים, מענדעל 216, 220, 221
ביירון, לורד 15
בימקאָ, פישל 311
ביעלינסקי 269
בירנבוים ,שלמה 237, 249
בלאַגאַ, לוטשיאַן 338, 344
בלאָך, ד״ר יוסף שמואל 218
בלומבערג, מאַריאַ 231
בן־גוריון ,דוד 403
בנימין, ר׳ 204—211
בנימין, פון טודעלאָ 206
בעל־מחשבות 170, 171, 255, 264, 271, 371, 404, 405
בעלטשעסקו, ניקאָלאַי 345
בעלעצקי 220
בענאַדאַר (שמידט), אורי (שמחה) 242, 340
בערגנער, ר׳ אפרים 352
בערגנער, הערץ 351—355
בערגעלסאָן, דוד 161, 177, 178, 181, 182, 291, 292, 293, 294, 322, 370, 410
בערגסאָן ,אנרי 226, 228, 231
בערדיטשעווסקי, מיכה יוסף 403—405

בערדיטשעווסקי, משה אהרן 404
בערנע, לודוויג 145, 271, 272, 335
בערנשטיין, איגנאץ 200
בערנשטיין, ד״ר שמעון 17, 18
בערקאָוויטש, טיסי 256
בערקאָוויטש, יצחק דב 254—267
בעש״ט 16, 42
ברדאָערזאָן, משה 51
בראָוער, ד״ר אברהם יעקב 375, 376, 378—383
בראָוער, יצחק 375, 376, 377, 378, 384
בראָוער, ר׳ מיכאל 375, 376, 384
בראָוער, ד״ר משה 383
בראָוער—האָראָוויץ, ד״ר תמימה 383
בראַנדעס, געאָרג 225
בראַצלאַוּוער, ר׳ נחמן 317
ברויגעל, פּיטער 153
ברולאָוו 409
בר־יוחאי 205
ברענער, יוסף חיים 204, 254

גאַג, וואַן 131
גאַגאַ, אָקטאַוויאַן 344
גאָגאָל, ניקאָלאַי 269, 270
גאָטליב ,הערש לייב 405—406
גאָלדבערג, איסר 212
גאָלדהאַר ,פּנחס 351
גאָלדענבערג, איציקל 399
גאָלדפאָדען, אברהם 16, 316, 345, 398
גאָלדפעלד, דוד 104
גאָלדקאָרן, יצחק 164—170
גאָלדשטיין ,ד״ר ישראל 389
גאָרדאָן, יהודה לייב 269
גדליהו 11, 13
גולה ,י. 44
גימפּעל 346
גיסער, משה 101
גלאַזמאַן, וואָלקע 395
גלאַטשטיין, יעקב 25—37, 44, 49, 50, 57, 73, 89, 163, 270, 271, 396
גליצענשטיין, ענריקאָ (הענעך) 331, 334—336
גליקסמאַן ד״ר וו. 404
גנעסין, אורי ניסן 254
געבעלס 218
געטע, י. וו. 15, 16, 95, 130, 269, 341, 418
גראַדע, חיים 73, 157, 270, 348, 356—362, 371
גראָס, נפתלי 66—72
גראָסבאָרד, הערץ 234, 238, 253
גראָס—צימערמאַן, משה 146—153, 271
גראַפּער, יעקב 341, 342, 343, 344, 345
גרודזענסקי, שלמה 268, 386
גרודער, ישראל 240
גרוזענבערג 216, 221
גרינבערג, אורי צבי 73
גרינבערג, חיים 154, 386—391, 413
גרינבערג, מאַניו 390
גרינעס, ווילהעלם 377

דאָבראָדזשאַנו—געריאַ, קאָנסטאַנטין 339, 340
דאַמאַנקעוויטש, לייזער 158—164
דאַמיע, האָנאָרע 327
דאָסטאָיעווסקי, פיאָדאָר 112, 269
דובנאָוו, שמעון 10, 12
דובנער מגיד 222
דוד המלך 16
דיזראַעלי 225
דיטריך, ד״ר מאַרגאַרעטע 117
דיק, אייזיק מאיר 411
דינעזאָן, יעקב 259—261, 263, 266, 267
דראָסטע, אַנעטע פאָן הילסהאָף 102
דרייפוס 221, 331, 332
דרעשער, חיים 22

האָגער, ברוך 344
האַלפּערן, משה לייב 38, 44, 48, 120, 121, 122, 123, 150, 153, 157, 158, 165, 270, 396
האַלקין, שמואל 47, 93
האָפמאַן, ריכאַרד בער 56
האָפּער, יחיאל 153
האָפשטיין, דוד 47, 161, 177
האָראָוויץ, ר׳ אריה לייבוש 377, 385
האָראָנטשיק 311
הומבאָלדט, אַלעקסאַנדער 222
הזז, חיים 44, 193
היטלער 115, 218
היינע, היינריך 18, 121, 149, 224, 225, 269, 270, 341

הירשביין פרץ 45, 311
הכהן, אברהם 269
הלוי, א. צ. 48
הלוי, פראָפ. יוסף 224
הלל הזקן 20
העלער, בינעם 163
העלדערלין, פרידריך 116
העכט, העליאַס 103
העלפּער, איזידאָר רעקטע מאַנגער 393
הערדער, יאָהאַן גאָטפריד 18
הערמעלין אינזשינער 237, 249
הערצל, טעאָדאָר 16, 198, 225, 342
הרומי, עמנואל 161
התלמי 205

וואָגלער, אלחנן 162, 163
וואָל, קובי 104
וואָלטער 145, 165, 168
וואָלינער, איציק 393
וואָלינער, חווה 393
וואָלענשטיין, אַדאָלף 104
וואָלפזאָן, דוד 224
וואַרשאַווסקי 311
וואָהיטמאַן, וואָלט 74
ווייניגער, פּריד 98—101, 103, 104, 343
וויינערמאַן, לאַזאַר 175
וויינשעל, רחל 41
ווייסמאַן, באָריס (זישע באַגיש) 331—334
ווייצמאַן, ד"ר חיים 156, 224, 225, 327
ווילנער גאון 16, 169, 186
ווילסאָן, עדמונד 194, 285
ווינאַוועה, נחמיה 70
ווינטשעווסקי, מאָריס 49
וויפּיאַנסקי 270
וויפּער 216, 218, 221
ווערבער, סטאַניסלאַוו 378
ווערטהיים, דוד 390
וועקסלער, ד"ר ישראל 387

זאָלאַ, עמיל 145, 216, 331
זאַק, אברהם 85
זאַקס, נעלי 105, 115—118
זאַרודני 216
זבאַראַזשער, וועלוול 44, 345, 399
זינגער, י. י. 362
זינגער, יצחק 340
זיסקינד, העגריך 377
זשאַבאָטינסקי, ד"ר זאב 225
זשיטלאָווסקי, ד"ר חיים 196, 197
זשידעטשויוער, ר' אייזיקל 377
זשידעטשויוער, ר' הערש 377
זשעלעזניאַק 317

חז"ס 222
חלפן ר' שלמה 19, 20, 380

טאָלסטאָי, לעוו 166, 167, 269, 341
טאַמבור, וואָלף 344
טאָמסאָן 144
טאַנאַסע 342, 399
טאַציטוס 271
טוניס, דב 191
טונקעלער, בער 240
טורגעניעוו, איוואַן 269
טוקולעסקו ,יאָן 336
טיק, ניקאָלאַי 337
טען, היפּאָליט 271
טענדלאַו, אברהם 200
טענענבוים ,שיע 326—336
טשאושעסקו, ניקאָלאַי 336
טשעבעריאַק, ווערא 216, 218, 220, 221
טשעגלאָוויטאָוו 218, 220, 221

יאַנאַסאָוויטש, יצחק 161, 163, 176—182
יאנקו, מאַרטשעל 339
יהואש 40, 270, 285
יהודה המכבי 16
יוחנן, בן־זכאי 405
יוחנן, בן־קרח 13
יושטשינסקי, אַנדריי 220
יזהר, ס. 193
יחזקאל 11
יפה, מרדכי 183
יצחקי, ר' שלמה 212
ירמיהו 9, 11, 12, 27, 63, 133
ישמעאלי, בן נתניה 13

כאַמסקי, ד"ר 388, 389

כאריק, איזי 47
כהן, נפתלי הערץ 91—97
כמעלניצקי, ד"ר מלך 76, 77, 78, 317
כ"ץ ,בן־ציון 217
כתבן, שרה 392

לאגערלעף, סעלמא 116
לאווינעסקו, עוודזשען 338, 339
לאזאר, שמעון מנחם 377
לאזארעאנו, בארבו 234, 238, 245,
253, 341, 398
לאטישעוו, איוואן 220
לאנדאן, ישראל 285
לאנדוי, זישע 49, 78, 96 3
לאנדיס, יוסף 174
לאסאל, פערדינאנד 325
לאסקער—שילער, עלזע 105
לודא, י. 340
לוט 15
לוטער, מארטין 223
לון, וואן הענדריק וויללעם 223
לוצאטא, ר' שמואל 197
לוקסעמבורג, ראזא 417
ליבהאבער 85
ליוויס, פ. 140
ליטוואק, ב. 255
לייוויק, ה. 16, 44, 158, 163, 270, 342,
356, 396, 397, 410
לילס, דע רוזשע 17, 18
ליסער גאון 285
ליעסין, אברהם 51, 154
לעבענזאן, אברהם דוד הכהן 269
לעבענזאן, מיכה יוסף 269
לעהרער, לייבוש 335, 173—176
לעוו, אברהם 163
לעווין, ד"ר גערשון 267
לעווינסאן, ר' יצחק בער 269
לעיעלעס, אברהם 49
לענאו, ניקאלאי 341
לעסינג, ג. א. 341
לערמאנטאוו, מ. 269
לערנער, יאסל 345
לערנער, שלמה 98

מאטיס 362
מאגנעס, ד"ר יהודה לייב 155
מאיאקאווסקי, וולאדימיר 96
מאלאדאווסקי, קאדיע 49
מאן, טאמאס 15
מאן, מענדעל 300—305
מאנגער, אברהם 392
מאנגער, איציק 16, 44, 49, 89, 98,
103, 104, 120, 121, 122, 123, 152,
157, 163, 183, 270, 342, 343, 345,
391—400
מאנגער, הלל 392
מאנגער נטע 393
מאנגער, שיינדל 393, 395
מאנגער, נטע 393
מאנטעאנו 249
מאני, לייב 44, 49, 78, 80, 270, 396
מארגאלין, אנא 50
מארגאשעס, ד"ר שמואל 154—158
מארגאשעס, ראוז 157
מארגול—שפערבער אלפרעד 104, 113—
115
מארגענשטערן, קריסטיאן 270
מאפו, אברהם 193, 197
מאקלאקאוו 216, 217, 221
מאקסימיליאן 399
מארק, יודל 200
מארקיש, פרץ 47, 77, 95, 161, 177
411
מארקס, קארל 139
מגד, אריה 141
מוקדונין, ד"ר 181
מיזעס, מתתיהו 229
מייבארד, חיים 20
מייזיל, נחמן 252, 345, 409—414
מייטוס, אליהו 183
מיכאלי (דוכאווני), ב. י. 187—194
מילטאן 193
מיכאלסקי, ד"ר דעניס 408
מילער, דוד הערש (באראן היינריך)
286
מילער, ש. 311, 362
מינקאוו, נחום ברוך 271
מיצקעוויטש, אדם 30, 63, 225, 269,
270
מירעא, יאן 337
מלמד, אהרן 41
מנקר, משה 317

מעהלער, פעבוס 395
מעלצער, שמשון 37, 38, 39, 41, 42, 43, 44, 45, 47, 48, 50
מעמיס, אלבער 163
מענדעלסאָן, משה 197
מענדעלע 150 173, 197, 258, 270, 279, 284, 322, 340, 370, 371, 411
מענטשעל, ד״ר פיליפּ 104
מערטאָן, טאָמאַס 144
משה, בן־עמרם 15, 16
משה, בן־עמרם 16

נאַדיר, משה 157, 270
נאַוואַליס 116
נאַזאַרעדין 21
נאַטאַראַ 399
נאַמבערג, ה. ד. 160
נאַרוויד, ציפּריאַן 270
נבוכדנאצר 12
נדב 15
נחומקע, ר׳ פון גראָדנע 226
ניגער ש. 79, 170, 171, 244, 271, 405
ניוטאָן 165
ניטשע, פרידריך 112, 130, 139, 166
נייגרעשל, מענדל 76—79
ניקאָלאַי, צאַר 220
נסתר, דער 94, 95, 161, 177, 178, 179, 294, 411
נעמציאַנו, ב. 340

סאַלאַנטער, ר׳ ישראל 186, 214
סאַלטיקאָוו—שטשעדרין 270
סאָפּאָשניקאָוו, גרשון 170—173
סאָקאָל, ד״ר שאול 388
סאָקאָלאָוו, נחום 222—232
סאָקאָלאָוויטש 333
סאָקציער, מאָטל 345
סאָקראַטעס 198
סדן, פּראָפ. דב 36, 37, 38, 44, 200, 285
סולומון, משה 406
סוצקעווער אברהם 44, 45, 46, 47, 49, 73, 89, 130—136, 161, 163, 270
סורקיס, משולם 240
סטאַלין 214
סטיווענסאָן 387
סטרעליסקערס, אורי 43
סי, אייזשען 269, 270
סיגאַל, י. י. 270
סיטניקעוויטש, יוזעף 377
סינגאַיעווסקי, פּיאָטר 220, 221
סלאָוואַצקי, י. 225, 270
סלאָנימסקי, ר׳ חיים זעליק 222, 227
סלאָנימסקי, שרה 231
סלוצקי, שלמה 18
סמולענסקין, פּרץ 197, 230, 231
סנאָו, סי. פּי. 139—146
סעגאַל, לואי 389
סעגאַלעסקו, מרדכי 399
סעדיה גאון 20
סעלאָן, פּאָל 108—110, 113
סעמיועלס ,מוריס 216, 217, 218,
סען—בעוו 170, 271
סעניאַן, לאַזאַר (שייניאַנו) 340
ספּינאָזאַ, ברוך 20
ספּעקטאָר, מרדכי 263
סקאָט, וואַלטער 193

עבנער, ד״ר מאיר 104
עגנון, ש. י. 44, 115, 283, 383, 404
עליאָט ,ס. ט. 194
עמינעסקו, מיהאַי 399
עפּשטיין זלמן 258
עקיבא, ר׳ 333
עקיבא, בן־יוסף 16, 20, 197
עקערמאַן 16, 95
עראַזמוס, פאָן ראָטערדאַם 222, 223

פּאַדאַלעאַנו, ס. 339
פּאַוועלעסקו, יאָן 341
פּאַנדאַן, ב. 111—113
פּאַנער, יצחק 104
פּאַפּיערניקאַ, יוסף 163
פּאַראַדעי 144
פּאַרומבאַקו, וועראָניקאַ 114
פונדאַיאַנו, ב. 111
פורטונאַ, ענריק (ד״ר פּעקעלמאַן)
פוקס, א. מ. 153
פוקס, ח. ל. 344
פורטונאַ, ענריק (ד״ר פּעקעלמאַן) 340, 341
פורמאַן, ד״ר ישראל 199—204

פושקין, א. 269
פיטאגאראס 165
פינינבערג, עזרא 47
פילאט, יאַן 338, 344
פיכמאַן, יעקב 254
פילק, יאַן 378
פינקעלשטיין, מעכל 111
פינקעלשטיין, מערל 111
פיסטינער, ד״ר יעקב 238
פיקאַסאָ 361
פלאַבער, ג. 327
פלאַוויוס ,יוסף 194
פלעג, עדמאַנד 163
פעטליורא 317
פעלדמאַן 205
פעלדמאַן ,ברכה 208
פעלץ, י. 340
פעפער, איציק 47, 161, 177, 178, 179, 181 182
פעפער, דוד 154
פערלע יהושע 322—324
פערפעסיטשיוס (פּאַנאַיטעסקו), ד. 338
פראַנאַיטיס 216, 217, 218, 221
פראַנס ,אַנאַטאָל 145, 169, 170, 331, 332
פרויד, ד״ר זיגמונד 171, 196
פריבעאַגו, יאַן 340, 342
פרידמאַן, יעקב 46, 47, 53, 104, 119—124, 152, 344, 345
פרייל, גבריאל 72
פרישמאַן, דוד 154
פרץ ,י. ל. 38, 45, 50, 51, 81, 148, 150, 173, 228, 231, 258, 259, 261—267, 270, 285, 370, 395, 404
פרץ, לוציאַן 414

צאַנין, מ. 195—199
צאַרא, טריסטאַן 338
צדקיהו מלך 10, 11, 12
צונזער, אליקים 44
צייטלין, אהרן 73
צייטלין, הלל 112
צינבערג, אליעזר 214
צינבערג, ד״ר ישראל 212—215
צלאל, ב. 205
צמח, שלמה 189, 190, 193
צעזאר 271
צעשינסקי, מ. 332
קאַהאַנאָוויטש (דער נסתר) 94, 95
קאָוטסקו, לואיזע 418
קאַטש, פּרופ. אברהם 212
קאַך, עלזע 218
קאַלוגערו יאַן (שניידער בנימין) 340
קאַלניק, ארטור 98, 235, 250, 251
קאַמערמאַכער, יוסף 214
קאַמפּטמאַן, א. ה. 144
קאַנט, עמנואל 130
קאַפקאַ, פראַנץ 285
קאַפלאַן, מרדכי 173
קאַש, נתן (דאָבראַדזשאַנו—געריאַ) 339
קאַצענעלסאָן, בערל 417—418
קאַצענעלסאָן, זיגמונד 101
קאַצענעלסאָן, יצחק 73, 163
קאַראַבטשעווסקי 217, 221
קאַראַלענקאָ, וולאַדימיר 145, 216
קאַכאַנאָווסקי, יאַן 63
קאָרן, רחל 49, 124—129, 270
קאַרפינאָוויטש, אברהם 346
קוגעל, וואַוויק 19
קוויטקאָ, לייב 47, 60, 61, 95, 161, 177, 178, 179, 180
קולבאַק, משה 44, 294
קורצווייל ,ד״ר ברוך 268, 285
קושניראָוו, אהרן 47, 95
קינדערמאַן, ד״ר היינץ 117
קיטנער, אלפרעד 108, 114
קייטעלמאַן, יחזקיאל 316
קערנער 244, 247, 248
קראוז, קארל 149, 150, 152, 190, 335
קראַכמאַל, ר׳ נחמן 220, 229
קראַסינסקי 225
קראַפט, חיים 238, 242, 245
קרוזאַ, פנחס 390
קרושעלניצקי, ד״ר אַנטון 408
קריב, אברהם 182—187, 189
קרעאַנגאַ, יאַן 340
קרעסל, ג. 44, 82, 228, 229

ראַבינזאָן, חיים 82—85
ראַדינעוו, מ. 92
ראַדלער, יהושע 204, 206

ראַדלער, ישראל 207
ראַוויטש, מלך 76, 77, 163, 270, 351
ראַוויניצקי 412
ראַזענבלאַט, ד״ר נטע 252
ראַזענפעלד, יונה 171
ראַזענפעלד, מאָריס 49, 50, 285
ראַזענרויך, ד״ר גבריאל 242, 243, 248, 249
ראַזענקראַנץ, דושאַ טשאַראַ 104
ראַזענקראַנץ, מאַזעס 104
ראַזענשטיין, סאַמי (טריסטאַן צאַראַ) 338
ראַלניק, אוגוסט 218
ראַם, מנוחה 85—88
ראַס 251
ראַסין 18
ראַסעל, לורד 144
ראַפּאַפּאָרט, י. 13
רובין, ראובן 98
רובינשטיין, אליעזר 183, 285
רובינשטיין, יוסף 60—66, 270
רובענס 327
רודזינסקי, באָריס 200
רוטעפּאַרד 144
רויטמאַן, נטע 244, 248, 249, 250, 394
רויטמאַן, שלמה 47
רוסאָ ,זשאַן זשאַק 166
ריב״ל 269
ריווקין, ב. 271
ריווקין (גייסינער), הערץ 92
רייזען, אברהם 18, 49, 51, 285
רייזען, זלמן 405
ריינער, רפאל 333
רינצלער, אברהם 344
ריספּלער, מאיר 344, 345
רעדער, בערנהאַרד 98
רעטגער, טילאַ 113, 116
רעמבראַנדט 131
רש״י 41, 212

שאַגאַל, מאַרק 131
שאַלאַכאָוו, מיכאל 286
שאַפּיר, ב. 44
שאַפּיראָ, ל. 277, 278, 362
שאַפּען 131
שאָפּענהויער 130
שאַפּראַן, ר׳ בצלאל 201
שאַפּרוט, ד״ר חסדאי איבן 214
שאַראַגאַסקי, לייב 317
שוואַרץ, י. י. 17, 18, 38
שוואַרץ, מאָריס 239
שוואַרצמאַן 47
שוואַרצפעלד, בנימין 111
שוואַרצפעלד, משה 111, 113
שוועפעלבערג, אַרנאַלד 114
שולגין 216
שולמאַן, ד״ר אליהו 212
שולמאַן, קאַלמאַן 269, 270
שולשטיין 163
שופמאַן, גרשון 254
שטאַהל 224
שטאַק, צבי 18
שטאַרקמאַן, משה 38, 154
שטויערמאַן, אינדזשעליקאַ 113
שטויערמאַן, אַוראַם 113
שטויערמאַן—ראַדיאַן, א. 343
שטיינבאַרג, אליעזר 98, 103, 232—253, 341, 343, 345
שטיינבאַרג, ד״ר א. 13
שטערנבערג, יעקב 53, 82, 98, 111, 112, 146, 158, 239, 240, 242, 270, 307, 316, 341, 345, 394, 396, 399
שטערנבערג, ד״ר פּייוול 392
שטרייל, שלום 206
שטרייכער 218
שייגיאַנו (שיין), לאַזאַר 340
שיינפעלד, אברהם 342
שילער, פרידריך 269
שכר, לייבל 249
שלום־עליכם 161, 255, 256, 258, 261—267, 270, 284, 322, 370, 410
שמיר, משה 180, 193, 194
שמרי, אריה 46, 54—59, 163
שנאבל ,בערל 344, 407
שנהוד, שלמה 31, 33, 35
שניאור, זלמן 254
שעווטשענקאָ, טאַראַס 408
שעכטמאַן, עלי 287—294
שטערנבערג, ד״ר פּייוול 392
שעכטער, הענעך 40, 42
שעסטאַוו (שוואַרצמאַן), לעוו 112
שעקספּיר 193. 292
שפּענגלער, אָסוואַלד 139, 140
שפּערבער, מאַנעס 85